STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 10513

YIDISHE GESHIKHTE IN LEKTSYES

M. Senderey

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

מ. שענדערײ

ײדישע געשיכטע און לעקציעס

2טער באַנד

אײראָפּעאישע עפּאָכע

בוענאָס אײרעס 1951

IMPRESO EN LA ARGENTINA
PRINTED IN ARGENTINE

Copyright by
M. Senderey, Buenos Aires

אלע רעכט זענען רעזערווירט.

M. SENDEREY

HISTORIA JUDIA
EN LECCIONES

BUENOS AIRES, 1951

Hecho el depósito que marca la Ley 11.723
Industria Argentina

מיין געטרייען לעבנס־חבר,

מיין פרוי,

געווידמעט

ד ע ר מ ח ב ר .

פאָרוואָרט

פון

יעקב צור

ישראל־מיניסטער אין דרום־אַמעריקע

מיר איז נישט געלונגען נאָכצוקומען דעם ווּנטש פון ה׳ משה שענדעריי צו אָנשרייבן עטלעכע אַריינפיר־ווערטער צום ערשטן באַנד פון זיין בוך, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר, אַ דאַנק זיין קלאָרקייט און בצמצומדיקייט, אַ וויכטיקן ביישטייער צו אונדזער היסטאָרישער ליטעראַטור. אַזוי אַרום וועט מיין הקדמה קומען איינלייטן דעם צווייטן באַנד, אין וועלכן דער מחבר ברענגט פאָר די צווייטער־דערציילונג פון דער געשיכטע פון יידישן פאָלק, ביז דער געשעעניש, וועלכע איז לכל הדעות דער שלום און דער אָנהויב פון אַ גרויס קאַפּיטל — דער אויפקום פון אַן אומאָפּהענגיקער יידישער מדינה אין ארץ־ישראל.

און אפשר איז עס גוט, וואָס דער צופאַל האָט אַזוי געוואָלט. אַ גוט געשיכטע־בוך נויטיקט זיך נישט אין הסכמות און אויב אַ מענטש, וואָס איז נישט קיין היסטאָריקער ספּעציאַליסט, גיט צו אַ פּאָר רעיונות, איז דאָס כדי זיך אַליין צו פאַרטייטשן דעם זין פון געוויסע היסטאָרישע פּראָצעסן. די ערשטע תקופה פון דער יידישער געשיכטע נויטיקט זיך כמעט נישט אין קיין פּירושים. דער אויטאָר פון אונדזער בוך וויקלט פונאַנדער די דאָזיקע קאַפּיטלען מיט פיל באַהאָוונטקייט, באַנוצנדיק זיך מיט די רעזולטאַטן פון די מאָדערנע אויספאָרשונגען און אָרויסברענגענדיק אַ גאַנץ בילד פון לעבן פון יידישן פאָלק אין זיין מלוכה־פעריאָד און פון די ערשטע יאָרן פון זיין צעשפּרייטקייט. אַנדערש איז עס מיט דער צווייטער עפּאָכע, ווען דער יידישער צענטער האָט זיך אַריבערגעטראָגן פון מזרח קיין מערב. וויפל ביכער אַזוי פיל צוגאַנגען און אָפּשאַצונגען איבער די ריכטונגען און טענדענצן פון די גלגולים, וועלכע עס האָט דורכגעמאַכט דאָס פאָלק אין דער גלות־תקופה.

דער צוגאַנג איז נישט אַלעמאָל געווען אַ וויסנשאַפטלעכער, און זייער אָפט נישט קיין אָביעקטיווער. מיט רעכט דעפינירט דער מחבר די יידישע היסטאָריאָגראַפיע ווי אַ דערציילונג, וואָס פאַרדעקט אונזער געשיכטע „מיט אַ געדיכטן נעפּלדיקן שלייער, פון אונטער וועלכן עס האָבן זיך אַרויסגעוויזן די נישט־קלאָרע קאָנטורן פון נגישות, רדיפות, שחיטות און נסים, נסים, נסים״.

אַ היסטאָריקער, וואָס שרייבט זיין ווערק נאָך דעם אומאָפּהענגיקייטס־קאַמף פֿון אונדזערע צייטן, קאָן זיך מער נישט צופֿרידנשטעלן מיט אַזאַ צוגאַנג, און דאָס באַמערקט דער מחבר מיט רעכט אין איינציקע קאַפּיטלען פֿון זיין בוך. נישט נאָר ווייל אונדזער נאַציאָנאַלע יוערדע פֿאַרטראָגט מער נישט די אויפֿפאַסונג פֿון דער פֿונקציע פֿון יידישן פֿאָלק און פֿון פּלאַץ, וואָס עס פֿאַרנעמט אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ווי אַ ריין פּאַסיווע דערשיינונג, נאָר ווייל דער דאָזיקער צוגאַנג אַנטשפּרעכט נישט דער ווירקלעכקייט. דער שלום פֿון דער פּרשה זאָגט עדות אויף איר אָנפֿאַנג. אויב אין אַ באַשטימטער עפּאָכע האָט זיך אַנטפּלעקט אַ כוח אין פֿאָלק צו נעמען דעם גורל אין זיינע אייגענע הענט און אַרויסגיין אין קאַמף פֿאַר זיינע רעכט אויף אַן אייגן לאַנד און מלוכה, איז דאָס אַ סימן, אַז דער דאָזיקער כוח איז געלעגן באַהאַלטן אין די טיפֿענישן פֿון דער פֿאָלקס־נשמה פֿון אייביק אָן. אין דער היסטאָריע, ווי אין דער נאַטור, ווערט נישט געשאַפֿן קיין יש מאין. פֿילייכט איז די דאָזיקע קראַפֿט אָנגערופֿן געוואָרן אין פֿאַרשידענע עפּאָכעס מיט פֿאַרשידענע נעמען. איינמאָל איז זי באַצייכנט געוואָרן מיטן נאָמען נשיאות, אַ צווייט מאָל האָט מען זי באַצייכנט מיטן נאָמען משיחיזם; איינמאָל האָט דאָס געהייסן הסידיזם, — אַן אַנדערש מאָל „ועד ארבע ארצות”. אין תוך גענומען איז דאָס איינע און די זעלבע דערשיינונג — ל ע ב נ ס ־ ו י ל ן איז איר נאָמען. אַ ברויזנדיקער ווילן, וואָס האָט זיך באַמיט דורכצושלאָגן אַ וועג צווישן אַ ים פֿון נגישות און שטרויכלונגען, און האָט ווי דער מימעטיזם ביי חיות זיך צוגעפּאַסט צו דער געאָגראַפֿישער, סאָציאַלער און היסטאָרישער סביבה, אָבער האָט זיך קיינמאָל נישט אונטערגעגעבן. און ווען די צייט איז געקומען און דאָס פֿאָלק איז געשטעלט געוואָרן פֿאַר דער ברירה פֿאַרשווינדן ווערן, אָדער באַפֿרייען זיך -- האָט דער דאָזיקער פֿאָלקס־ווילן אויסגעקליבן דעם איינציקן מעגלעכן וועג — דעם וועג פֿון באַפֿרייאונג.

איך גלויב נישט אין דער צופֿעליקייט אין דער היסטאָריע, אין דעם אַז „ווען קלעאָפּאַטרעס נאָז וואָלט קירצער געווען, וואָלט דער גורל פֿון דער וועלט אַנדערש אויסגעזען”. אַוודאי איז וואָרשיינלעך, אַז ווען די מוסולמענער צ. ב. וואָלטן געזיגט אין דער שלאַכט ביי פּואַטיע קעגן די קריסטן, און וואָלטן איינגענומען גאַנץ דרום־אייראָפּע, וואָלט דער גורל פֿונעם יידנטום — וועמענס צענטער איז שפּעטער געווען אין פֿראַנקרייך און אין שפּאַניע — געווען פֿולשטענדיק אַנדערש. אָבער ווער עס באַטראַכט די וועלט־פּאַנאָראַמע פֿון יענע צייטן דורך דער פּריזמע פֿון די פֿילע יאָרהונדערטער, וואָס זיינען פֿאַריבער, זעט קלאָר, אַז דער נצחון פֿון קריסטנטום איז געלעגן אין דעם עצם געוויכט פֿון ביידע קעמפֿנדיקע צדדים, און אַז עס האָט אַנדערש נישט געקאָנט זיין. פּונקט אַזוי איז אוודאי וואָרשיינלעך די באַהויפּטונג, אַז ווען דוד הראובנין וואָלט געלונגען צו איבערצייגן דעם פּויפּסט אין דער ריכטיקייט פֿון זיינע פּלענער, אָדער

שבתי־צבי וואָלט באַוויזן צו אָנהאַלטן זיין פּאָזיציע ביים סולטאַן, וואָלט די גאולה געקומען מיט כך וכך הונדערטער יאָרן פריער. אָבער פאַר דעם וואָס פאַרטיפט זיך אין דער ליטעראַטור פון יענער עפּאָכע, איז קלאָר, אַז נישט דאָס ערשטע און נישט דאָס צווייטע האָט געקאָנט פּאַסירן, גענוי ווי דער אויפשטאַנד פון דוד אַלראַי מיט הונדערטער יאָר פריער איז לכתחילה פאַרמשפּט געווען צו דורכפאַל. ס'האָבן אין יענע צייטן געפעלט די באַדינגונגען פאַר דער באַפרייאונג פון די יידן, און אפשר האָט דאָס פאָלק זעלבסט מיט זיין געזונטן חוש דערפילט, אַז די שעה האָט נאָך נישט געשלאָגן, און איז נישט מיטגעריסן געוואָרן פון די, וואָס האָבן געוואָלט זיין זיינע דערלייזער.

אַרויסגייענדיק פון דער דאָזיקער פאַר־הנחה, קומען מיר בהכרח צום באַשלוס, אַז די אַנטשטייאונג פון ציוניסטישן געדאַנק און די שאַפונג פון דעם יידנשטאַט האָט געדאַרפט פאַרקומען דווקא אין אָנפאַנג פון 20סטן יאָרהונדערט, אַלס פועל יוצא פון אַ נאָרמאַלן היסטאָרישן פּראָצעס, בדרך הטבע, און נישט על פּי נס. דער פאַקט איז, אַז דאָס פאָלק וויל לעבן, וויל בשום אופן נישט אונטערגיין, ווי עס האָט עס דערוויזן אין לויף פון זיין געשיכטע.

ס'קומט אַ מאָמענט, ווען די עקזיסטענץ־מעגלעכקייט קאָן מער נישט צוזאַמענלעבן מיט אַ צושטאַנד פון צעשפּרייטקייט און אַ פרעמדן לעבנסשטייגער. דאַן פאַנגט אָן דער פּראָצעס פון אומקערן זיך צו אַן אייגן לאַנד, און דער קאַמף פאַר פרייהייט, וואָס דעראָבערט פריער די הערצער פון יחידים און נעמט וואָס וויטער אַרום אַלץ ברייטערע שיכטן. עס קאָן דאָ נישט גערעדט ווערן וועגן אַ נס, פּונקט ווי עס קאָן נישט באַטראַכט ווערן אַלס נס דאָס אַראָפּפאַלן פון אַ צייטיקער פרוכט פון בוים. דאָס איז די לעצטע סטאַדיע פון אַ היסטאָרישן פּראָצעס, וועמענס אָנפאַנג עס שטעקט אין דעם פאַרצווייפלטן, נעפּלהאַפטן און כמעט אומבאַקאַנטן געראַנגל פון די רעשטן פון יידישן ישוב אין ארץ־ישראל, אין די ערשטע יאָרהונדערטער נאָכן צווייטן חורבן.

פאַרוואָס איז דער דאָזיקער מאָמענט געקומען דווקא אין אונדזער דור? פאַראַן דערפאַר פילע סיבות: אייניקע אינערלעכע, אַנדערע אויסערלעכע. אַלס ערשטע סיבה דאַרף דערמאָנט ווערן דאָס פונאַנדערפאַלן פון דעם אייגנאַרטיקן קוואַזי־שטאַטלעכן וועזן, וואָס האָט פעסט אָפּגעהיט די גאַנצקייט פון יידישן לעבן ביזן אָנפאַנג פון 19טן יאָרהונדערט. די רעליגיע פון איין זייט, און דער גערטאָ פון דער אַנדערער, האָבן געוואַכט איבער דעם מחות און אייגנאַרטיקייט פון יידנטום. ווען דער רעליגיעזער באַוווסטזיין איז אָפּגעשוואַכט געוואָרן, ווען ס'איז איינגעשרומפּן געוואָרן די קראַפט און די מורא פון אמונה, ווען טויזנטער, צום אָנפאַנג, און צענטויזנטער שפּעטער, האָבן צעשפּאַרט די ווענט פון געטאָ און זיך אַריינגעריסן אין דער גרויסער וועלט, איז אויפגעהויבן געוואָרן די האַק אויף דער אינעווייניקסטער יידישער מדינה, פאַר וועלכער דער שולחן־ערוך איז

געווען דאָס געזעצבוך און די יידנגאַס די געאָגראַפישע ראַם. עס איז אַנטשטאַנען אַ חלל, וועלכן ס'איז געקומען אָנפילן דער געדאַנק פון נאַציאָנאַלער אויפלעבונג.

צו דעם זענען צוגעקומען אויסערלעכע, ראַציאָנעלע סיבות. די עקאָנאָמישע און סאָציאַלע פונקציע פון די יידן, האָט תמיד גערינכטעט זייערע גלות־וואַנדערונגען צו מדינות אין פּראָצעס פון אַנטשטייאונג, צו פעלקער, וועמענס אָרגאַניזאַציאָנעלער, געזעלשאַפטלעכער און עקאָנאָמישער ניוואָ איז געווען אַ נידעריקער. אין די מדינות איז יידן אויסגעקומען צו פאָרמירן אַט דעם מיטל־קלאַס, וואָס איז אַקטיוו און פאַרבונדן מיט אויסערלעכע פאַקטאָרן, וועלכער האָט כמעט נישט עקזיסטירט אין דער נישט־יידישער סביבה.

עס איז נישט קיין צופאַל, וואָס דער וואַנדער־וועג האָט די יידן דערפירט קיין אַנדאַלוזיע, ווען די מוסולמענישע הערשאַפט האָט נאָך נישט געהאַט קיין פעסטן באָדן אונטער די פיס, און דאַן קיין צפון־שפאַניע, ווען ס'האָבן זיך אָנגעפאַנגען צו פאָרמירן די קריסטלעכע מלוכות. עס איז קיין צופאַל נישט, וואָס זייער וואַנדערוועג אין אייראָפּע האָבן די יידן אָפּגעשלאָסן אין פּוילן, וואָס האָט זיך דאַן געפונען אין אַ האַלב־באַרבאַרישן צושטאַנד, אָדער וואָס זיי האָבן אויפגעבויט פעסטע פּאָזיציעס אין די באַלקאַנען, אָדער אין דער אָטאָמאַנישער אימפּעריע. פונקט ווי די שפאַנישע און פּוילישע עפּאָכע איז נישט געווען קיין אומדערקלערבאַרער עפּיזאָד אין דער יידישער געשיכטע, אַזוי זענען די יידן נישט געווען קיין עפּיזאָד אין דער היסטאָריע פון שפאַניע און פּוילן.

אָבער ס'איז געקומען אַ צייט, ווען די פעלקער און לענדער פון אייראָפּע האָבן דורכגעמאַכט זייער קאָנסאָלידאַציע, האָבן דערגרייכט אַ געוויסע קולטור־רעלע מדרגה און האָבן אָנגעהויבן איבערנעמען אין זייערע הענט די סאָציאַלע פונקציעס וואָס יידן האָבן ביז דאַן אויסגעפילט. ס'האָט זיך פאַרענדיקט די היסטאָרישע פונקציע פון די יידן אַלס יידן (עס רעדט זיך דאָ נישט, פאַרשטייט זיך, וועגן יחידים, וועלכע געהערן צום יידישן פאָלק, אָבער אַקטואירן אין דער אַלגעמיינער סאָציאַלער סטרוקטור). די דאָזיקע קאָנסאָלידאַציע האָט דערגרייכט איר קולמינאַציע־פונקט מיט דער אינדוסטריעלער רעוואָלוציע אין ניינצנטן יאָרהונדערט. די ציוויליזאַציע האָט אַרומגענומען אַלע ברייטערע טיילן פון דעם ערד־קוגל און דערגרייכט אַפילו צום נייעם קאָנטינענט, ווו יידן האָבן אָנגעהויבן צו פאָרמירן גרויסע ישובים (**אויך דער דאָזיקער שטראָם פון** אימיגראַציע קיין אַמעריקע איז געווען נישט קיין צופאַל פון עקאָנאָמישן און סאָציאַלן שטאַנדפונקט). דאָס יידישע פאָלק איז אַזוי אַרום מיט כוח געשטויסן געוואָרן צו זוכן אַ נייע ציוויליזאַטאָרישע פונקציע, דאָס מאָל שוין אַ זעלבסט־שטענדיקע, אַ געגנצלעך אייגענע.

און נאָך אַ פאַקטאָר, אפשר דער דעציזירנדער, איז רייף געוואָרן אין לעצטן יאָרהונדערט: די פונאַנדערפאַלונג פון לענדער מיט פילצאָליקע נאַ־

ציאָנאַליטעטן און דער אויפשטייג פון מדינות־נאַציעס. אין די אַלע יאָרן פון גלות־אייראָפּע (און דאָס יידנטום פון אייראָפּע האָט באַשטימט אין אַ גרויסער מאָס דעם גורל פון יידישן פאָלק אין די לעצטע טויזנט יאָר) האָבן יידן געלעבט אין מלוכות, וואָס זענען אַנטשטאַנען נישט לויטן פּרינציפּ פון נאַציאָנאַליטעט. צי דאָס איז געווען אין די קליינע פעאָדאַלע מלוכות אין מיטלאַלטער, וועלכע האָבן זיך נישט געפילט פאַרבונדן מיט זייערע שכנים, וואָס האָבן גערעדט אין זעלבן לשון און האָבן זיך קיינמאָל נישט געוואָקלט צו אַנשליסן אין בונדן פון אַנדערע, פרעמדע פעלקער, צי די מאָזאַאיק־אימפּעריעס, וואָס האָבן עקזיסטירט ביז דעם יאָר 1914, ווי דאָס רוסישע קיסרטום, די טערקישע, דאָס עסטרייך־אונגאַרישע. אין דעם גאַנצן משך פון דער אייראָפּעאישער געשיכטע איז דער נאַציאָנאַלער פּרינציפּ לחלוטין נישט געווען דער דעצידירנדער. ער איז אַריינגעדרונגען אין באַוווסטזיין פון די פעלקער ערשט נאָך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דאָס הייסט אין אַ תקופה, וואָס פאַלט צוזאַמען מיטן אָנפאַנג פון דער יידישער עמאַנציפּאַציע און מיטן אָנהויב פון חורבן־געטאָ.

דער דאָזיקער נאַציאָנאַלער געדאַנק האָט געווירקט נישט נאָר דעסטרוקטיוו, נאָר אויך קאָנסטרוקטיוו אין דער געשטאַלטונג פון דער נאַציאָנאַל־יידישער עמאַנציפּאַציע. עס איז נאָך נישט אויסגעפאָרשט געוואָרן ווי געהעריק די טיפע השפעה פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס אין איטאַליע און אין די באַלקאַנען אויף די ערשטע שפּראָצונגען פונעם ציוניזם. ס'וואָלט כדאי געווען, אַז דאָס דאָזיקע קאַפּיטל זאָל גרינטלעכער שטודירט ווערן. עס איז באַשטימט נישט קיין צופאַל, וואָס צווישן די ערשטע פאָרגייער פונעם ציוניזם געפינט זיך משה העס, וואָס האָט געהערט צו דער באַוועגונג פון „יונג דייטשלאַנד", הרב אַלקלעי פון סערביע, אָדער הערצל און נאָרדוי פון אונגאַרן, לענדער, וואָס האָבן געקעמפט פאַר זייער זעלבסטשטענדיקייט. די פּשוטע לאָגיק פון פּאַראַלעליזם, דער באַוווסטזיין, אַז אויך דאָס יידישע פאָלק איז בארעכטיקט צו אַ נאַציאָנאַלן קיום, צוגלייך מיט אַנדערע פעלקער, אויך שוואַכע און קליינע, האָט פילע געבראַכט צום געדאַנק פון שיבת ציון. אויב דער זכרון פאַרפירט מיך נישט, קאָן מען געפינען דירעקטע אָנדייטונגען וועגן דעם אין די אַרטיקלען פון פּרץ סמאָלענסקין, אינעם בוך פון משה העס און אין די יוגנט־אַרטיקלען פון אליעזר בן־יהודה.

ווי טייכלעך און קוואַלן, וואָס פליסן לאַנגזאַם, צעשפּרייט אויף אַ ברייטן שטח, פאַראייניקן זיך און גראָבן געמיינזאַם דעם געלעגער פאַר אַ מעכטיקן טייך, אַזוי האָבן זיך צוזאַמענגענומען אַט די אַלע פאַקטאָרן, און פיל אַנדערע, כדי צוצוגרייטן דעם באָדן פאַר שיבת ציון.

פאַרשטייט זיך, אַז אַ היסטאָרישער פּראָצעס ווערט פון זיך אַליין נישט פאַרווירקלעכט. די געשיכטע פון יידישער באַפרייאונג איז דורכגעוועבט מיט

טאַטן פון גבורה און זעלבסטאָפּפערונג, פון די ערשטע איינזאַמע ציון־פריידי־קער, ביז דעם וואָרענונגס־רוף פון הערצלען, פון דעם גיגאַנטישן שפרונג פון די בילויים, ביז דער צווייטער עליה — און ביז דעם ווונדערבארן קאַפּיטל פון דער קאָלאָניזאַציע און פּאַרפּעסטיקונג פונעם ישוב נאָך דער באַלפור־דעקלאַ־ראַציע, און ביז דער נצחון־עפּאָפּעע נאָך דעם באַפרייאונגס־קריג. יעדער היס־טאָרישער פּראָגרעס הויבט זיך אָן מיט אַ קאַמף פון יחידים. אויך דער ציו־ניזם איז געשטאַנען במשך לאַנגע יאָרן אין געראַנגל פאַר דער דעראָבערונג פון דער אנערקענונג פונעם פאָלק, און באַקעמפט די גלייכגילטיקייט און די אינער־ציע פון די מאַסן.

אפשר איז דער דאָזיקער נצחון געקומען שפּעט. אוודאי איז דעם ציוניזם נישט געלונגען צו אויסמיידן די קאַטאַסטראָפע, וואָס עס האָט געבראַכט די צווייטע וועלט־מלחמה, אַ בראָך צו וועלכן מיר געפינען נישט קיין דמיון אפילו אין די בלוטיקסטע בלעטלעך פון אונדזער געשיכטע אין גלות. אָבער לאָמיר נישט אַריינטראַכטן אין דעם פּסק־דין פון דער היסטאָריע. אין העלפט פון 20סטן יאָרהונדערט איז פאַרענדיקט געוואָרן אַ בלאַט און ס'האָט זיך אָנגעפאַנגען אַ צווייטס אין דער יידישער געשיכטע. ווי וועט אויסזען דאָס נייע בלאַט? נישט מיר, דער דור וואָס מאַכט דורך די רעוואָלוציע, זענען בארעכטיקט צו אור־טיילן וועגן דעם. פון איצט אָן האָט דאָס יידישע פאָלק אויפסניי אַ פאָטערלאַנד, איז ווידער אַריין ווי אַ מיטגליד מיט גלייכע רעכט, כאָטש נישט מיט גלייכע מעגלעכקייטן, אין דער פעלקער־משפחה. זיין געשיכטע הויבט ווייטער אָן צו פליסן אין די ברייטע קאַנאַלן פון דער מענטשהייט, זיין קאַמף איז אַ טייל פונעם געראַנגל פון דער מאָדערנער מענטשהייט, אָבער זיין גורל איז אין זיינע אייגענע הענט.

אין די לעצטע קאַפּיטלען פון בוך גיט ה' שענדעריי אַ סינטעטיש בילד אויף אַ גאַנץ ברייטער קאַנווע פון דעם יידישן באַפרייאונגס־געראנגל, וואָס וועט געווים בלייבן ווי אַ ביישפּיל און אידעאַל פאַר אונדזער דור און די קומענדיקע דורות. לאָמיר האָפן, אַז דער המשך פון אָט דער פּרשה וועט זיין אַ קאַפּיטל שוין נישט פון פייער און בלוט, נאָר פון פרידלעכע אָנשטרענגונגען, פאַר די אידעען, וואָס האָבן באַלויכטן דעם גאַנצן גאַנג פון דער יידישער געשיכטע.

י. צור

די ערשטע יידן אין אייראָפּע

(160 פאַר 476 פון ד. א. צ. ר.)

יידישע יחידים און קליינע גרופּן האָבן זיך באַוויזן אין אייראָפּע נאָך אין צענטן יאָרהונדערט פאַר ד. א. צ. ר. צוזאַמען מיט די פעניציִשע ים־פאָרער און סוחרים, וואָס האָבן דערגרייכט ביז שפּאַניע, וווּ זיי האָבן געגרינדעט אייניקע שטעט, צווישן זיי קאַדיס און מאַלאַגאַ.

יידישע קהילות האָבן זיך אָנגעהויבן גרינדן אין אייראָפּע מיט א צייט שפּע־טער אין א רייע שטעט ביי די צפון־ברעגן פון מיטללענדישן ים און אויף די דריי האַלב־אינדזלען, וואָס שניידן זיך אין דעם ים אריין: דער איבערישער, דער איטאַליע־נישער, דער באַלקאַנישער; ווי אויך אויפן האַלב־אינדזל פון קרים אויפן שוואַרצן ים.

קיין איטאַליע זענען יידן געקומען אין די צייט, ווען רוים איז נאָך געווען א רעפּובליק און האָט געשטיצט די יידן אין זייער קאַמף קעגן דער סירישער אימפּעריע. אין יאָר 160 פאַר ד. א. צ. ר. שיקט יהודה המכבי די ערשטע דיפּלאָמאַטישע מיסיע קיין רוים, מיט צען יאָר שפּעטער שיקט אַן ענלעכע מיסיע זיין ברודער יונתן; דער ערשטער אומאָפּהענגיקער נשיא פון דער צוריקגעשטעלטער יהודה, שמעון החשמונאי, שיקט אין יאָר 139 א מיסיע קיין רוים מיטצוטיילן וועגן דער דערגרייכטער זעלבסט־שטענדיקייט. פון דאַן אָן זענען יידישע מיסיעס געווען א נישט־זעלטענע דערשיינונג אין רוים. עס איז אָנצונעמען, אַז מיט די דיפּלאָמאַטישע מיסיעס זענען מיטגעפאָרן אויך יידישע סוחרים, וואָס האָבן זיך באַזעצט אין רוים.

דערצו איז פון איטאַליע אָנגעגאַנגען א לעבעדיקער מסחר מיט דעם הויפּט־האַפן פון עגיפּטן, אַלעקסאַנדריע, וווּ עס האָט געלעבט א גרויסע יידישע קאָלאָניע, און געוויס האָבן זיך אייניקע יידישע סוחרים פון דאָרט מיט דער צייט באַזעצט אין רוים.

יידן האָבן זיך פון לכתחילה געפילט גאַנץ היימיש אין רוים און זייער מאָדנע אמונה אין אַן אומזעבאַרן גאָט האָט אַרויסגערופן היפּש אינטערעס אין די העכערע

רוימישע קרייזן. דער „פרעטאָר פון די אויסלענדער", קנאיוס קאָרנעליוס היספאַלוס זעט דערפאַר איין די נויטיקייט אויסצוווייזן די יידן פון שטאָט אויף דעם יאָר פון זיין מאַנדאַט (ארום 139 פאַר ד. א. צ. ר.).

א ראַשיקער וווקס פון יידישן ישוב אין דער אימפעריע הויבט זיך אָן מיטן גרויסן גערנגל צווישן רוים און יהודה אין די יאָרן 63 פאַר ביז 138 פון דער א. צ. ר. נאָכן אונטערדריקן פון יעדער מלחמה און אויפשטאַנד אין יהודה ווערן טויזנטער יידישע קריגס־געפאַנגענע פאַרקויפט אַלס שקלאַפן אין די פאַרשידענע מקומות פון דער אימפעריע. אזוי איז עס געווען, בעיקר, נאָכן יאָר 63 (פּאָמפּעאוס), 70 (טיטוס) און 135 (אדריאַנוס).

לויט די רוימישע היסטאָריקער דערציילן, פלעגן די יידישע געפאַנגענע תּאַר־קויפט ווערן צו ביליקערע פרייזן, ווען אפילו זיי זענען געווען ביז גאָר קרעפטיקע מענער, ווייל זיי האָבן געאַרבעט מיט איין טאָג אין וואָך ווייניקער פון די אַנדערע שקלאַפן, שבת — ווען זיי האָבן גערוט.

דאָס איז געווים איינע פון די סיבות, וואָס האָבן פאַרלייכטערט די באַפריי־אונג פון די יידישע שקלאַפן, זיי זאָלן מיט זייער מאָדנעם איינפיר נישט אויפרודערן אויך די אַנדערע שקלאַפן, וועלכע זאָלן אויך אָנהויבן פאָדערן א טאָג פון וועכנטלעכן אָפּרו. דערצו האָט מיטגעווירקט די אייגנאַרטיקע יידישע מצווה פון פדיון שבויים, אויסצולייזן א יידן פון נישט־יידישע הענט, וואָס האָלט אָן איר באַדייטונג ביז היינ־טיקן טאָג. די יידישע פעאיקייט צוזאַמענקריכן זיך פון א שווערער לאַגע האָט אויך פיל מיטגעווירקט, אַז די יידישע מלחמה־געפאַנגענע זאָלן גיך ווערן פרייע מענטשן, און די ערשטע יידישע קהילות אין אייראָפּע באַשטייען טאַקע אין א היפּשער צאָל פון אַט די באַפרייטע קריגס־געפאַנגענע.

די יידישע קהילה אין רוים באַקומט גלייך א גאַנץ גרויסע באַדייטונג, שוין אין יאָר 59 פאַר דער א. צ. ר. נוצט דער גרויסער רוימישער אַדוואָקאַט ציצעראָן דעם טעאַטראַלישן זשעסט פון רעדן אין דער שטיל אויפן פּראָצעס פון פלאַקוס, אין וועלכן יידן האָבן אַן אינטערעס, בכדי „די יידן זאָלן נישט דערהערן". אין יאָר 4 פון דער א. צ. ר., ווען נאָכן טויט פון הורדוס קומט קיין רוים א דעלעגאַציע פון יהודה, צו בעטן די אָפּשאַפונג פון זיין דינאַסטיע, ווערט זי באַגלייט צום קאַפּיטאָליום פון א מאַניפעסטאַציע פון אַרום אכט טויזנט יידן.

דער אינטערעס, וואָס יידישקייט רופט אַרויס אין די העכערע קרייזן פון דער רוימישער באַפעלקערונג, ברענגט מער ווי איין מאָל צו נייע גירושים פון רוים. אין יאָר 19 פון ד. א. צ. ר. פאַראָרדנט אימפּעראַטאָר טיבעריוס די יידן צו פאַרלאָזן רוים, צוליב דעם, וואָס די פרוי פון א רוימישן סענאַטאָר האָט אָנגענומען יידישקייט. פיר טויזנט יונגע יידן ווערן דאַן פאַרשיקט אויפן אינדזל סאַרדיניע, צו קעמפן קעגן די דאָרטיקע באַנדיטן. אָבער אין יאָר 31, אונטערן זעלבן טיבעריוס, קערן זיך יידן צוריק אום קיין רוים. אין די יאָרן 49־50 זעט זיך געצוווּנגען דער יידנפרײַנטלעכער אימפּע־

ראַטאָר קלאַוודיוס אויסצוּווייזן די יידן פון רוים צוליב דער שטאַרקער מחלוקת, וואָס איז אויסגעבראָכן אין דער קהילה וועגן „קריסטוס". אויך דאָס מאָל האָט דער גירוש נישט לאַנג געדויערט, און ווען שאול פון טאַרסוס (דער הייליקער פּאַולוס) קומט קיין רוים אין יאָר 61, טרעפט ער דאָרט אַ גאַנץ באַדייטנדיקע יידישע קהילה. ווען דער סענאַט וויל נאָכן זיג איבער יהודה, אין יאָר 70, באַערן אימפּעראַטאָר אַספּאַ־סיאַנוס־פלאַוויוס מיטן טיטל „יודאאיקוס", זאָגט ער זיך אָפּ פון דעם אויס מורא, אַז דאָס קאָן אויך אויסגעטייטשט ווערן ווי זיין אָנהענגערשאַפט פון יידנטום. דאָס באַוואָרעניש האָט אָבער נישט געשטערט, אַז איינער פון דער פלאַוויוס־משפּחה, דער סענאַטאָר קלעמענס, מעגלעכער יורש פון דעם טראָן נאָכן קינדערלאָזן זון פון אַספּאַסיאַ־נוס דאָמיציאַנוס, זאָל צוזאַמען מיט זיין פרוי דאָמיטילאַ אָננעמען דעם יידישן גלויבן אַרום יאָר 95. נישט אומזיסט כעסן זיך די רוימישע פּאָעטן, צווישן זיי יוּווענאַל, אַז „די באַזיגטע דיקטירן געזעצן זייערע באַזיגער".

יידן זענען אין אַ סך הינזיכטן געווען פּריווילעגירט אין דער רוימישער אימ־פּעריע. שוין יוליוס צעזאַר, גרינדער פון דער רוימישער אימפּעריע, גיט יידן ספּעציעלע פּריווילעגיעס, צווישן זיי דאָס רעכט צו שיקן זייער יערלעכן אָפּצאָל צום בית המקדש אין ירושלים. זיינע נאָכפאָלגער אָקטאַוויאַנוס־אויגוסטוס און קלאַוודיוס באַשטעטיקן די דאָזיקע פּריווילעגיעס, און ווען אפילו נאָכן חורבן פון צווייטן בית־המקדש ווערט דורך אימפּעראַטאָר אַספּאַסיאַנוס געשאַפן דער „יידישער אָפּצאָל", און די יידן דאַרפן זייער בייטראָג פאַרן בית־המקדש צאָלן פאַר אַ היידנישן טעמפּל אין רוים, שטערט עס אָבער נישט, אַז ווען דער אימפּעראַטאָר אַנטאָנינוס־מאַרקוס־אַווערעליוס סעווערוס (קאַ־ראַקאַלאַ) גיט אין יאָר 212 בירגער־רעכט צו אַלע פרייע איינוווינער פון דער אימ־פּעריע, זאָלן יידן אויך ווערן גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון דער וועלט־מאַכט. נאָך דעם ווי דאָס קריסטנטום ווערט די אָפיציעלע רעליגיע פון דער אימפּעריע, הויבן אָן די יידישע רעכט צו ווערן היפּש באַשרענקט, יידן ווערן בירגער פון צווייטער מדרגה. אָבער דער לעצטער היידנישער אימפּעראַטאָר, יוליאַנוס דער „אָפּטריניקער", באַווייזט אין די קורצע יאָרן פון זיין רעגירונג (361־363) אָפּצושאַפן דעם „יידישן אָפּצאָל" און ווען רוים פאַלט אין 476 אונטערן דרוק פון די באַרבאַרישע גערמאַנישע שטאַ־מען, ווערן יידן צוגלייך מיט אַלע אַנדערע פרייע איינוווינער אַנערקענט אַלס רוימישע בירגער. אין יאָר 500 וועט דער אָסט־גאָטישער מלך טעאָדאָריק דער גרויסער אפילו באַשטעטיקן די אַלטע יידישע פּריווילעגיעס.

אויפן איבערישן אינדזל זענען יידן געקומען, ווי עס איז שוין געזאָגט געוואָרן, אין די גאָר אַלטע צייטן, צוזאַמען מיט די פעניציער. זייער צאָל און איינפלוס איז מיט דער צייט געוואָרן געווגג גרויס און די צוציאונגס־קראַפט פון יידישקייט אַזוי שטאַרק, אַז דער ערשטער בישאָפן־צוזאַמענפאָר, אָפּגעהאַלטן אין 313 אין דער שטאָט עלווירא, נעמט אָן אַ רייע באַשלוסן אויף צו אָפּזונדערן קריסטן פון יידן. צווישן די דאָזיקע באַשלוסן זענען אויך דאָ די פאַרבאָטן איינצולאָדן יידישע רבנים צו בענטשן קריסטלעכע

פעלדער, און אז קריסטלעכע גייסטלעכע זאָלן אריינקומען אין יידישע שולן אָפּריכטן תפילות: אזוי פריינטלעך זענען דאַן געווען די באַציאונגען צווישן די אָנהענגער פון די צוויי אמונות.

קיין גאַליע, די איצטיקע פראַנקרייך, ווי אויך אין די געגנטן פון ריין און מערב־דייטשלאַנד, זענען יידן געקומען צוזאַמען מיט די רוימישע לעגיאָנען. אין דרום־גאַליע איז זייער צאָל היפּש פאַרגרעסערט געוואָרן, ווען אהין זענען פאַרשיקט געוואָרן די הערשער פון דער הורדוס־דינאַסטיע אין יהודה; ארכעלאַאוס אין יאָר 6, און הורדוס־אַנטיפּאַס אין יאָר 39 פון דער א. צ. ר. די האַפּנשטאָט מאַרסעל, געגרינדעט פון גריכן אַרום יאָר 600 פאַר ד. א. צ. ר. איז פון גאָר אַלטע צייטן געווען פאַרבונדן מיט אַלעקסאַנדריע, די הויפּט־שטאָט פון עגיפּטן און געוויס זענען יידישע סוחרים פון יענער שטאָט אַריבערגעקומען צו באַזעצן זיך אין דער האַפּנשטאָט פון דרום־פראַנקרייך. אין קעלן, ביים ריין, זענען באַוווּסט די ערשטע יידן זינט דעם יאָר 321.

אויפן באַלקאַנישן האַלב־אינדזל האָבן זיך געפונען יידן פון גאָר־אַלטע צייטן. נאָך די אַלטע נביאים באַקלאָגן זיך אויף די פעלקער, וואָס האָבן פאַרקויפט יידישע קריגס־געפאַנגענע צו די גריכן (בני היונים). צוזאַמען מיט די גריכישע סוחרים און ים־פאָרער וועלן זיך יידן אַריבערכאַפּן אויפן טאַווּרישן האַלב־אינדזל (קרים), ביים שוואַרצן ים. פון יאָר 100 פון דער א. צ. ר. זענען שוין באַוווּסט יידישע קהילות אין דער געגנט.

אזוי האָבן זיך פון די צייטן פון די חשמונאים, ביזן פאַל פון דער רוימישער אימפּעריע, לאַנגזאַם אויסגעבילדעט אין אייראָפּע יידישע ישובים, בעיקר אין די געגנטן אַרום דעם מיטללענדישן און שוואַרצן ים. די עלטסטע מאָנומענטן פון אַט די ערשטע יידן אין אייראָפּע זענען די אונטערערדישע בית־עלמינס (קאַטאַקומבעס), וואָס מען האָט געפונען אין פאַרשידענע שטעט פון איטאַליע: אַריא, ווענאָזאַ, בעיקר אין רוים, ווי אויך אויף די אינדזלען סיציליע, סאַרדיניע און מאַלטאַ. אין די דאָזיקע בית־עלמינס זענען די אַרונות אַריינגעטאָן אין לעכער אין די ווענט, וואָס בילדן לאַנגע דורכגענג, וועלכע קרייצן זיך אין געוויסע פלעצער, בילדנדיק גאַנץ גרויסע זאַלן, וווּ מען האָט זיך געקאָנט פאַרזאַמלען. די אויפשריפטן אויף די מצבות גיבן אַ באַגריף וועגן דעם טיפּ־פּראָצעס פון שפּראַכלעכער און קולטורעלער אַסימילאַציע צווישן די ערשטע יידישע איינוווינער פון אייראָפּע. אַרום דריי פערטל פון די אויפשריפטן זענען אין גריכיש, אַ גרויסער טייל אין לאַטיין און בלויז אַ קליינע צאָל אין העברעאיש. די נעמען זענען העלפט רוימיש, אַ דריטל גריכישע און בלויז אַרום אַן אַכטל העברעאישע. די סימבאָלן אויפן רוב פון די קברים זענען יידישע: אתרוגים, לולבים, שופרות, די מנורה פון זיבן רערן. עס זענען אָבער אויך פאַראַן אייניקע געצנדינערישע סימבאָלן, און אפילו מענטשלעכע פיגורן. די טיפע שפּראַכלעכע אַסימילאַציע האָט געפאָדערט, אַז שוין גאָר אין די ערשטע יאָרן זאָל די תורה איבערגעזעצט ווערן אויף לאַטיין.

86סטע לעקציע

נאָכן פאַלן פון דער רוימישער אימפעריע

(736 - 476)

פון אָנפאַנג פינפטן יאָרהונדערט פאַנגט זיך אָן די ירידה און צעפאַלונג פון דער אייננטלעכער רוימישער אימפעריע. אין 410 ווערט רוים אויסגערויבט פון די חילות פון וועסט־גאָטישן פירער אַלאַריך, אין 455 טוען עס די מחנות פון דעם וואַנדאַל נענזעריך, אין 476 ווערט די מערב־אימפעריע אינגאַנצן בטל און דער פירער פון די וועסט־גאָטן אָדאָאַקער פראָקלאַמירט זיך אַלס קעניג פון איטאַליע און ווערט אַפילו אנערקענט פונעם אימפעראַטאָר אין ביצאַנץ.

נאָכדעם ווי די האַלב־באַרבאַרישע גערמאַנישע שבטים האָבן צעשטערט די מערב־אימפעריע און אויף אירע רואינען געגרינדעט זייערע אייגענע מלוכות, איז די מאַפע פון אייראָפע געבליבן אויף קנאַפע דריי הונדערט יאָר איינגעטיילט אויף פאָלגנדיקן אופן: שפאַניע און אַ טייל פון דרום־פראַנקרייך אונטער די וועסט־גאָטן, צפון־פראַנקרייך אונטער די פראַנקן, וואָס האָבן געגרינדעט זייער מלוכה אַרום יאָר 500. צווישן די וועסט־גאָטן און די פראַנקן האָט עקזיסטירט די מלוכה פון די בורגונדיער; צפון־איטאַליע אונטער די אָסטגאָטן און שפּעטער אונטער די לאַנגאָבאַרדן. דרום־איטאַליע און סיציליע אונטער ביצאַנץ, וואָס וועט צייטווייליק (555־565) באַהערשן גאַנץ איטאַליע. אין רוים גופא און אין נאָענטע געגנטן פון מיטל־איטאַליע קומט אויף די מאַכט פון די בישאָפן פון רוים, וואָס האַלטן זיך פאַר די שטעל־פאַרטרעטער פון דעם באַליבטסטן שילער פון יעזוס, שמעון בר יונה (דער הייליקער פעטרוס) און זוכן צו קריגן די אויבערהערשאַפט איבער אַלע בישאָפן און איבערן גאַנצן קריסטנטום. אַזוי ווערט געגרינדעט דאָס פויפסטום, וואָס וועט ירשנען די גלאָריע און די טראַדיציע פון די רוימישע אימפעראַטאָרן, און וועט אַ לאַנגע צייט שטרעבן צו קאָנצענטרירן אין זיינע הענט די פולע מאַכט, ציווילע ווי רעליגיעזע, איבער דער קריסטלעכער וועלט.

פון די גערמאַנישע שבטים, וואָס האָבן צעשטערט די רוימישע אימפעריע, זענען

בלויז די פראַנקן גלייך געוואָרן קאַטאָליקן. די וועסטגאָטן, די אָסטגאָטן און די לאָנגאָבאַרדן, האָבן לכתחילה געהערט צו דער קריסטלעכער סעקטע פון די אַריאַנער, וועלכע איז באַקעמפט געוואָרן פון די קאַטאָליקן און האָט זיך נישט געפילט גענוג שטאַרק אויף צו פאַרפאָלגן יידן. ווען אפילו די אָסט־ און וועסט־גאָטן, ווי אויך די בורגונדיער האָבן אַריינגענומען אין זייערע קאָדעקסן די באַגרעניצונג, וואָס דער קאָדעקס פון טעאָדאָסיוס דעם גרויסן האָט געמאַכט קעגן יידן, און וואָס זענען שפּעטער דערגאַנצט געוואָרן אין קאָדעקס פון יוסטיניאַנוס (565-527), האָט מען דאָך די דאָזיקע געזעצן נישט אָנגעווענדט מיט דער גאַנצער שטרענגקייט, און יידן האָט זיך אונטער די דאָזיקע „באַרבאַרן" געלעבט נישט איבעריק שלעכט, ווען אַפילו פון צייט צו צייט פלעגן דאָ אָדער דאָרט פאָרקומען אויסברוכן פון דעם המון, אָדער ווילקיר־אַקטן פון די רעגירער.

אַפילו אין דעם טייל איטאַליע, וואָס איז געווען אונטער דער הערשאַפט פון ביצאַנץ, איז די יידישע לאַגע נישט געווען איבעריק שלעכט, ווייל די ביזאַנטישע רעגירער האָבן זיך געדאַרפט רעכענען מיט דער שטעלונג פון די פּויפּסטן אין רוים, וואָס האָבן געהאַט זייער אייגענעם צוגאַנג צו דער יידישער פראַגע. דער דאָזיקער צוגאַנג איז קלאָר פאָרמולירט געוואָרן דורך איינעם פון די ערשטע און וויכטיקסטע פּויפּסטן, גרעגואַר דער גרויסער (604-590) אין זיין הירטן־בריוו „וועגן דער יידישער פראַגע", אין וועלכן ער זאָגט: „פּונקט ווי עס איז נישט רעכט צו דערלויבן די יידן איבערטרעטן די באַגרעניצונגען, וואָס דאָס געזעץ לייגט אויף זיי אַרויף, איז אָבער אויך נישט כדאי צו פאַרשמעלערן די רעכטן, וואָס זענען זיי אַנערקענט געוואָרן. מיר פאַרבאָטן צו אונטערדריקן די יידן און פאַרפאָלגן זיי אין סתירה צו דעם הערשנדיקן רעזשים. מיר דערלויבן זיי ווייטער צו לעבן אין די זעלבע באַדינגונגען, וואָס די רוימער, און באַלעבאַטעווען איבער זייער פאַרמעגן אָן שום באַגרענעצונג. עס איז זיי בלויז פאַרבאָטן צו האַלטן קריסטלעכע שקלאַפן". דאָס אַלץ האָט דאָך נישט געשטערט, אַז די אָרטיקע בישאָפן זאָלן אונטער פאַרשידענע אויסריידן דאָ און דאָרט טאָן נגישות צו יידן, אָבער די פּויפּסטן פלעגן זיך פאַר זיי אָפטער איינשטעלן, און אַפילו ווען־נישט־ווען פאַראָרדענען צו באַשטראָפן די שולדיקע. פון יענע צייטן אָן האָבן די פּויפּסטן גענומען אויף זיך די ראָלע פון פאַרטיידיקער פון די יידן, „די לעבעדיקע עדות פון דער ריכטיקייט פון דער קריסטלעכער אמונה". די יידן לעבן טאַקע אין טעות און טייטשן פאַלש אויס די הייליקע שריפט. זיי דאַרפן אָבער באַקערט ווערן צום קריסטנטום בלויז דורך פריידיקן און איבערצייגן. צוואַנג־שמד איז פאַרבאָטן, נאָר משומדים דאַרפן באַשיצט ווערן. יידן איז פאַרבאָטן מגייר זיין קריסטן; אין אַלעם אַנדערן געניסן די יידן די רעכטן וואָס זיי האָבן געהאַט אין דער רוימישער אימפּעריע.

גאַנץ אַנדערש איז די לאַגע אין לאַנד פון די פראַנקן, וואָס האָבן גלייך אָנגענומען דעם קאַטאָליציזם, און אין לאַנד פון די בורגונדיער, ווען יענע באַקערן זיך צום קאַטאָליציזם. אין 517 ווערט אויפן קאָנציליום (בישאָפן־צוזאַמענפאָר) אין אַפּאַון פאַר־

באַטן די קריסטן צו עסן בײַ אײן טיש מיט ייִדן. אין 533 פֿאַרבאָט דער בישאָפֿן־צוזאַמענפֿאָר פֿון אָרלעאַן חתונה צו האָבן מיט ייִדן. אין יאָר 535 פֿאָדערט דער קאָנציליום פֿון קלערמאָנט, אַז די ייִדן זאָל פֿאַרבאָטן װערן צו זײַן ריכטער. אין 538 מוז אַ צװײטער קאָנציליום פֿון אָרלעאַן נאָכאַמאָל שאַרף אַרױסטרעטן קעגן געמישטע חתונות. דער זעלבער קאָנציליום פֿאַרבאָט די ייִדן צו װײַזן זיך אין גאַס אין די פֿיר טעג פֿון דער קריסט־לעכער פּאַסכאַ, פֿון הײליקן דאָנערשטיק ביז מאָנטיק. אין 558 װערט אױף ייִדן אַרױפֿגעצװוּנגען שמד אין דער שטאָט אוזעז אין לאַנגעדאָק. אין 576 קומט פֿאָר דאָס זעלבע אין קלערמאָנט. ייִדן עמיגרירן קײן מאַרסעל. דער פֿראַנקישער מלך קלאָטאַר (584־628) פֿאַרבאָט די ייִדן צו פֿאַרנעמען עפֿנטלעכע אַמטן.

די ייִדישע לאַגע אין אײראָפּע װערט פֿיל פֿאַרערגערט זינט די גאָטן פֿון שפּאַניע נעמען אָן דעם קאַטאָליציזם אין 589. אין 612 פֿאַרבאָט דער װעסט־גאָטישער מלך סיסעבוט זײַנע ייִדישע אונטערטאַנען אָנצוהאַלטן ייִדישקײט. ער גיט זײ אַ ברירה: אָדער שמד, אָדער פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד. אַ טײל ייִדן נעמען אָן לפּנים־װעגן דעם קאַטױלישן גלױבן, אָבער דער רוב עמיגרירט קײן פֿראַנקרײַך, װוּ זײ װערן אױפֿגענומען פֿון זײערע שטאַם־ברידער מיט דער מדה פֿון הכנסת אורחים. אין 629 פֿאָדערט דאָס זעלבע דער פֿראַנקישער מלך דאַגאָבערט (628־639) און אַ סך ייִדן מוזן לפּנים אָננעמען דעם קאַטאָליציזם. אַנדערע אַנטלױפֿן צוריק קײן שפּאַניע, װוּ דער קעניג סיסעבוט איז געשטאָרבן אין 621, און זײַן יורש סװינטילאַ דערלױבט די אױף גװאַלד־געשמדטע זיך צוריקקערן צו דער אמונה פֿון זײערע אבות. אָבער אין 633 נעמט אָן דער פֿערטער קאָנציליום פֿון טאָלעדאָ אַ רײע אַנטי־ייִדישע געזעצן און דער קעניג סיסינאַנד באַשטעטיקט זײ. אין 638 באַשטימט דער זעקסטער קאָנציליום פֿון טאָלעדאָ, אַז בלױז קאַטאָליקן קאָנען לעבן אין שפּאַניע. נישט אַלע אַנטי־ייִדישע באַשלוסן פֿון די בישאָף־צוזאַמענפֿאָרן האָבן געקאָנט דורכגעפֿירט װערן אין לעבן, ייִדן זענען געװען אַ צו שטאַרקער פֿאַקטאָר אין דער שפּאַנישער עקאָנאָמיק, און זײ בלײַבן אַלץ אין לאַנד, אַמאָל אַלס מאַראַנען (ס׳הײסט ייִדן, װאָס זענען בלױז לפּנים קריסטן) און װען די אומשטענדן דערלױבן עס, װאַרפֿן זײ אַראָפּ די מאַסקע פֿון דעם קאַטאָליציזם, װאָס מען האָט אױף זײ מיט כּוח אַרױפֿגעצװוּנגען. אַזױ אַז אַרום יאָר 700 באַנײַט דער מלך עגיקאַ דעם פֿאַרבאָט צו פּראַקטיצירן ייִדישקײט אין זײַן לאַנד. אָבער די הערשאַפֿט פֿון די װעסט־גאָטן דערלעבט אירע לעצטע יאָרן. אין 711 דרינגען אַרײַן קײן שפּאַניע די איסלאַמישע חילות, און ייִדן װערן פֿרײַ פֿון רדיפֿות.

עס איז דערפֿאַר קײן חידוש נישט, װאָס ייִדן האָבן אױפֿגענומען די איסלאַמישע חילות װי באַפֿרײַער, בפֿרט, אַז צװישן זײ איז געװען אױך אַ ייִדישע אָפּטײלונג, אונטער דער פֿירערשאַפֿט פֿון אַ געװיסן מוסאַ. ייִדן העלפֿן דעם מוסלימישן העלד טאַריק, װאָס האָט באַצװוּנגען שפּאַניע און האָט געגעבן זײַן נאָמען דעם דורכגאַנג, װאָס טײלט אָפּ אײראָפּע פֿון אַפֿריקע, גיבראַלטאַר (דזשעבל־איל־טאַריק) צו באַהערשן דאָס לאַנד.

אַ סך שטעט וואָס די איסלאַמער האָבן פאַרנומען ווערן איבערגעגעבן די יידישע איינוווינער אויף שמירה, בכדי די איסלאַמישע חילות זאָלן נישט דאַרפן פאַרבלייבן אין די גאַרניזאָנען און קאָנען פאָרזעצן לייכטער זייער דעראָבערונגס־מאַרש. ביז 732 האָבן די איסלאַמישע חילות איינגענומען כמעט גאַנץ שפּאַניע און אויך דעם דרום־טייל פון פראַנקרייך. נאָר דער זיג פון פראַנקישן העלד קאַרל מאַרטעל (דער האַמער), נישט ווייט פון דער שטאָט טור, האָט אָפּגעהאַלטן, אַז גאַנץ פראַנקרייך זאָל אַרונטער־פאַלן דער איסלאַמישער הערשאַפט.

מיט אַ יאָר פופצן פריער האָבן די איסלאַמישע חילות געהאַלטן ביי איינ־נעמען קאָנסטאַנטינאָפּאָל און דעפיניטיוו ליקווידירן די ביצאַנטישע אימפּעריע, אָבער דעם קיסר לעאָ דער איסאַוריער איז געלונגען צו פאַרהאַלטן זייער אָנגריף כמעט ביי די סאַמע טויערן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל (717).

די איסלאַמישע חילות האָבן זיך אויך אַריינגעריסן קיין אייראָפּע דורך אַ דריטן וועג, דורך קאַווקאַז, אָבער אויך דאָרט איז זייער ווייטערדיקער אַוואַנס אָפּגעשטעלט געוואָרן. דאָס מאָל דורך דער טאָטערישער מעכטיקער מלוכה פון די כאַזאַרן, וואָס האָט געהאַט איר הויפּטשטאָט אין איטיל, אויף די ברעגן פון דער וואָלגאַ. אין עטלעכע יאָר אַרום נאָכן זיג איבער די איסלאַמער (740) נעמען אָן די כאַזאַרן דעם יידישן גלויבן און אין דרום־מזרח אייראָפּע אַנטשטייט אַ מעכטיקע יידיש־מאָנגאָלישע אימפּעריע, וואָס הערשט איבער אַלע פעלקער צווישן דניעסטער און וואָלגאַ, און האָט צייטנווייז דערגרייכט ביז צו די קאַרפּאַטן־בערג, באַדראָענדיק מער ווי איין מאָל די קריסטלעכע ביצאַנץ, וואָס האָט זיך מיט אָט דער יידישער גרויסמאַכט געמוזט רעכענען.

די קריסטלעכע אייראָפּע דערזעט זיך פּלוצלינג פּנים אל פּנים מיט שטאַרקע מלוכות פון אַנדערע אמונות: איסלאַם און יידנטום. דאָס האָט געמוזט שטילן די אַמ־ביציעס פון קריגערישן קאַטאָליציזם, און האָט זיך אויך אָפּגערופן גינסטיק אויף דער לאַגע פון די יידן, וועלכע הויבן אָן אויסבילדן וויכטיקע ישובים, וואָס וועלן מיט דער צייט איבערנעמען די אָנפירערשאַפט פון יידישן לעבן אויף דער וועלט.

87סטע לעקציע

זאַמלענדיק כוחות

(די יידישע ישובים אין אייראָפּע צווישן 732 און 1096)

די דעראָבערונג פון שפּאַניע און דרום־פראַנקרייך דורך די מוסלימער האָט געראַטעוועט די שפּאַנישע יידן פון זייערע אונטערדריקער און האָט אויך געווירקט צום גוטן אויף זייער לאַגע אין דעם טייל אייראָפּע, וואָס איז געבליבן אונטער קריסטלעכער הערשאַפט. די קריסטלעכע לענדער זענען געוועזן צופיל פאַרנומען מיטן פאַרטיידיקן זיך פון מעכטיקן שונא, וואָס מען האָט קוים פאַרהאַלטן אין זיין אַוואַנס אין יאָר 732, און זיי האָבן געמוזט די יידן צורו לאָזן, אַדרבא, יידן זענען געוואָרן אַ וויכטיקער פאַקטאָר ביים איינשטעלן פאַרבינדונגען צווישן די קריסטלעכע און איסלאַמישע מדינות.

באַלד אָבער הויבט אָן די קריסטלעכע אייראָפּע קומען צו זיך. אין פראַנקרייך ווערט אַראָפּגעזעצט די דעגענערירטע מעראָווינגיער־דינאַסטיע און פאַרביטן מיט די העריסטאַל, די אָפּשטאַמער פון קאַרל מאַרטעל, וואָס האָט אָפּגעהאַלטן דעם פאָרשריט פון די איסלאַמער ביי פּואַטיע. דער זון פון קאַרל, פּיפּין דער קורצער, שפּרייט אויס זיין ממשלה אויסער די גרענעצן פון פראַנקרייך. ער קומט אונטער אין אַ מלחמה, וואָס די לאָמבאַרדן פון צפון־איטאַליע האָבן געפירט קעגן דעם פּויפּסט און שטיצט די מאַכט פון דעם שטעל־פאַרטרעטער פון פּעטרוס. די לענדערייען, וואָס פּיפּין דער קורצער רייסט אָפּ פון די לאָמבאַרדן, גיט ער איבער דעם פּויפּסט, איינשטעלנדיק זיין וועלטלעכע מאַכט איבער אַ טייל איטאַליע. פון דאַן אָן ווערט דער פּויפּסט באַטראַכט ווי אַ זעלבסטשטענדיקער הערשער, און ווען אפילו היינט צו טאָג איז זיין „מלוכה" רעדוצירט בלויז צו אַ שטאָט־פערטל פון רוים, די „שטאָט פון וואַטיקאַן", איז ער אָבער אנערקענט ווי אַן אומאָפּהענגיקער הערשער, וואָס האָט זיינע דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטער (נונציאָ) אין אַלע מלוכות פון דער וועלט.

אויס דאַנקבאַרקייט שטיצן די פּויפּסטן די העריסטאַל־דינאַסטיע, און דער זון פון

פּיפּין דעם קורצן, קאַרל, וואָס וועט אַריין אין דער געשיכטע מיטן ביינאָמען דער גרויסער (768־814), ווערט אין יאָר 800 פּראָקלאַמירט אַלס דער אימפּעראַטאָר פון מערב־אייראָפּע. די אימפּעריע אונטערן נאָמען: „הייליקע רוימישע אימפּעריע פון גער־מאַנישער ראַסע" וועט עקזיסטירן ביז 1806, ווען נאַפּאָלעאָן דער גרויסער וועט זי דעפיניטיוו אָפּשאַפן. די יידישע באַפעלקערונג אין אייראָפּע בלייבט אויף אַזאַ אופן צע־טיילט אין צוויי טיילן. די יידן וואָס פאַרבלייבן אין די געביטן באַהערשט פון די מוסלי־מער וועלן אויסבילדן דעם ספרדישן צווייג פון יידישן פאָלק; די וואָס וועלן פאַרבלייבן אין קריסטלעכן טייל אין אייראָפּע, וועלן בילדן די אשכנזים. די צעטיילונג איז געבליבן ביז צו היינטיקן טאָג.

קאַרל דער גרויסער איז געווען נישט נאָר אַ קריגס־העלד, נאָר אויך אַ שטאַטס־מאַן מיט אַן אָפענעם בליק. ער האָט גלייך איינגעזען די גרויסע ראָל, וואָס יידן קאָנען שפּילן אַלס בריק צווישן דער קריסטלעכער און איסלאַמישער וועלט. דער אָריענט און פאָר־דער־אַזיע זענען אין יענע יאָרן געווען רייכער, קולטורעלער און ציוויליזירטער פון מערב־אייראָפּע. גאָלד און איידלשטיינער, גוטער טוך און פיין געוועבן, פּאַרפומען צו מאַכן אָנגענעמער דעם קערפּער, וואָס מען האָט אין יענע צייטן וויניק געוואַשן, און געווירצן וואָס מאַכן באַטעמטער דאָס עסן, וואָס איז נישט אַלעמאָל געווען פון פריש פלייש, דאָס אַלץ איז געקומען פון אָדער דורך פאָדער־אַזיע. פון מזרח־אייראָפּע פלעגן געבראַכט ווערן שקלאַפן, רויכוואַרג, האָניק, וואַקס אויף ליכט. די וועגן זענען אָבער געווען נישט גאָר זיכער, זעלטן ווער עם האָט זיך געלאָזט אין מרחקים, בפרט ווען מען האָט אין די פאַר־שידענע מדינות גערעדט באַזונדערע שפּראַכן: אַראַביש, גריכיש, סלאַוויש, טאַטעריש, פאַרגרייזטן לאַטיין און די דיאַלעקטן, וואָס האָבן זיך אָנגעהויבן אויסבילדן פון די לשונות פון די פאַרשידענע גערמאַנישע און אַנדערע שבטים. יידן האָבן אָבער כמעט אומעטום געהאַט זייערע שטאַם־ברידער, מיט וועלכע זיי האָבן געהאַט אַ געמיינזאַמע שפּראַך: העב־רעאיש; האָבן זיי טאַקע געפירט דעם אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל, פריער מיטן ים און שפּעטער מיט וועגענער־קאַראַוואַנען, וואָס פלעגן דורכשניידן אייראָפּע, פון מיינץ און רעגנסבורג ביז קיעוו און איטיל, די הויפּטשטאָט פון יידישן כאַזאַרן־לאַנד. די יידישע סוחרים זענען אַריין אין דער געשיכטע מיטן ביינאָמען ראַדאַניטן. אַזוי, אַז ווען קאַרל דער גרויסער שיקט אַ דיפּלאָמאַטישע מיסיע צום אַבאַסידישן כאַליף, דעם באַרימטן האַרון־על־ראַשיד, קיין באַגדאַד, שיקט ער מיט מיט זיינע פראַנקישע ריטער דעם ייד יצחק, דער איינציקער וואָס קערט זיך אום אַ לעבעדיקער פון דער געזאַנדשאַפט, און ברענגט נאָך מיט זיך די מתנות, וואָס האַרון־על־ראַשיד האָט געשיקט דעם אימפּעראַ־טאָר פון מערב־אייראָפּע. צווישן די מתנות איז אויך געווען אַ לעבעדיקער העלפאַנט.

לויט די „קאַפּיטולאַרן", די געזעצן פון קאַרל דעם גרויסן, מעגן יידן פריי האַנדלען, פאַרלייען געלט אויף משכנות, אָבער זיי טאָרן נישט נעמען אַלס משכון די הייליקע קירכן־געשירן. יידן מעגן האַלטן קנעכט, אפילו קריסטלעכע, וועלכע זיי דאַרפן

באפרייען פון ארבעט אין טאָג פון זונטיק. יידן האָבן אפילו אַ ברייטע אויטאָנאָמיע מיט אייגענע געריכטן, בלויז די סכסוכים צווישן יידן מיט קריסטן זענען אונטערגעוואָרפן די קעניגלעכע ריכטער.

דער מצב פון די יידן אין דער מערב אימפעריע איז אויך געווען גאַנץ גוט אין די צייטן פון נאָכפאָלגער פון קארל דעם גרויסן, לודוויק דער גאָטספאָרכטיקער (814־840). קעגן די פארשטאַרקטע אַנגריפן פון די בישאָפן, די פירער פון דער קריגערישער קאַטוילישער קירך, גיט ארויס לודוויק שוץ־בריוו צו די יידן. מען טאָר קיין יידן נישט אָנרירן, נישט פארלוימדן, נישט פארכאַפּן זיין פארמעגן, נישט אונטערוואַרפן ביי אַ פּראָצעס די פּרוּוון פון פייער און וואסער. פאַר הרגנען אַ ייד קומט טויט־שטראָף. מען טאָר אויך נישט צורעדן צו הרגענען יידן. לודוויק באַשטימט אַ ספּעציעלן באַאמטן מיטן טיטל „יידן־מאַגיסטער", אויף אַכטונג צו געבן, אַז די געזעצן אין באַצוג צו יידן זאָלן אָפּגעהיט ווערן. ווען דער בישאָף פון ליאָן, אַגאָבאַרד, פירט אַ העצע קעגן יידן, טוט אים דער יידן־מאַגיסטער עבערהאַרדט צו וויסן, אַז דער אימפּעראַטאָר איז נישט צופרידן מיט זיין טעטיקייט. די השפעה פון יידישקייט אין די העכערע קרייזן איז געווען גאַנץ גרויס. דעם קעניגס ראַטגעבער, דער דיאַקאָן באָדאָ, איז אפילו אַוועק קיין סאַראַגאָסאַ, שפּאַניע, און האָט זיך דאָרט מגיר געווען.

פון פאַרדרוס שטיצט די קירכע די פאַרשווערונג פון די זין פון לודוויק דעם גאָטספאָרכטיקן קעגן זייער פאָטער. לודוויק ווערט אַראָפּגעזעצט פון טראָן. נאָך אַ פּאָר יאָר אינערלעכע קאַמפן ווערט די אימפּעריע פון קארל דעם גרויסן צעטיילט צווישן די דריי זין פון לודוויק דעם גאָטספאָרכטיקן. לויטן אָפּמאַך פון ווערדען (843) באַקומט קארל דער פּליכעוואַטער פראַנקרייך, ער ווערט גערעכנט פאַרן ערשטן נאַציאָנאַלן עכט־פראַנצויזישן מלך. לודוויק דער צווייטער באַקומט גערמאַניע און דער עלטסטער זון, קלאָטאַר, באַקומט אַ טייל פון צפון־איטאַליע און אַ שמאָלן פּאַס לאַנד צווישן די מלוכות פון זיינע ברידער, און דעם טיטל אימפּעראַטאָר, וואָס האָט שוין נאָר אַ נאָמינעלע באַדייטונג. די דאָזיקע געגנט, וואָס טראָגט ביז היינט זיין נאָמען, לאָטאַרינגיע, וועט ווערן דער סלע המחלוקת צווישן דייטשלאַנד און פראַנקרייך און פאַר איר באַזיץ וועלן געפירט ווערן בלוטיקע מלחמות, ביזן ערשטן וועלט־קריג 1914־1918 איינגעשלאָסן.

אין די צעטיילטע מלוכות איז עס דער קירכע לייכטער פאַרצוזעצן איר אַנטי־יידישע העצע. אין 845 ווערט פאַררופן אין מאָ, נעבן פּאַריז, אַ בישאָפן־צוזאַמענפאָר גיער. קארל דער פּליכעוואַטער איז נאָך גענוג שטאַטס־מאַן אויף נישט נאָכצוגעבן אַזאַ פאָדערונג. ער אַליין האָט אַ יידישן לייב־מעדיקער מיטן נאָמען צדקיהו, ווען אפילו וואָס פאָדערט צוריק איינפירן די אַנטי־יידישע געזעצן פון די צייטן פון די מעראָווינ־די קירכע טענהט, אַז יענער איז אַ מכשף...

מיט דער צעטיילונג פון דער מערב־אימפעריע הויבט זיך אָן אין איירָאָפּע אַ רעזשים פון פּאָליטישער צעברעקלונג, וואָס צעטיילט די מדינות אין אָן אַ צאָל קלענערע און גרעסערע פירשטנטומס (פעאָדאַלן), וואָס וועלן נאָר טעאָרעטיש זיין אונטערגע־וואָרפן דער אויטאָריטעט פון קעניג פון לאַנד, אָדער אימפּעראַטאָר. פּאַקטיש וועלן זייערע הערשער זיין זעלבסטשטענדיקע רעגירער, וואָס וועלן טאָן אין זייערע פירשטנ־טומס, וואָס זיי וועט זיך נאָר גלוסטן. די זעלבע פעאָדאַלע רעכטן וועלן אויך האָבן די בישאָפן אין די שטעט פון זייער רעזידענץ.

די לאָקאַלע הערשער געפינען זיך בדרך כלל מער אונטער דער השפּעה פון דער קירכע און זענען דערפאַר נאָכגיביקער אין אירע פאָדערונגען פון נגישות אויף יידן. אזוי, למשל, דערציילן די בישאָפן, אז נאָך קאַרל דער גרויסער האָט איינגעפירט, אַז דריי מאָל אין יאָר: ווייִנאַכט, דעם הייליקן פרייטיק און דעם טאָג וואָס יעזוס זאָל האָבן ארויף אויפן הימל, דאַרף לכל הפּחות איין קריסט אויספּאַטשן איין יידן, דער־פאַר וואָס די יידן זאָלן האָבן גערופן די מאַכמעדאַנער איינצונעמען גאַליע. דער וווילגע־בוירענער גראַף פון טולוז פלעגט מקיים זיין די „מצוה" מיט זיינע אייגענע ריטער־לעכע הענט, און אָפט פלעגט ער נאָך אָנטאָן דערצו אַן אייזערנע הענטשקע... אין די טעג פאַר פּאַסכאַ איז פאַר יידן אָפּטמאָל געווען אַ סכנה צו גיין אין גאַס. צערייצט פון די פאָרשטעלונגען, וואָס פלעגן געגעבן ווערן אין די קירכעס וועגן די ליידן און קרייִ־ציקונג פון יעזוס (אַן אָנפאַנג פון טעאַטער אין דער קריסטלעכער איירָאָפּע), פלעגן די קריסטן אָפּט באַפאַלן די יידן, וועלכע פלעגן זיך אָפּטער פאַרטיידיקן מיט געווער אין האַנט.

עטוואָס רואיקער איז געוואָרן די לאַגע אונטער די שטאַרקע זאַקסישע אימ־פּעראַטאָרס אָטאָן דער ערשטער 936-973, און אָטאָן דער צווייטער 973-983. דער דאָזיקער אימפּעראַטאָר איז גערעטעוועט געוואָרן דורך דעם ייד קלונימוס, ווען ער האָט זיך געפונען אין אַ סכנה בשעת אַ שלאַכט מיט די מאַכמעדאַנער אין 982.

די וויכטיקייט פון די יידן אויפן עקאָנאָמישן געביט איז געווען פון אַזאַ באַ־דייט, אַז דער אימפּעראַטאָר, די קעניגן, די פעאָדאַלע פירשטן, און אפילו די קלויסטער־פירשטן: בישאָפן און ערצבישאָפן, האָבן זיך מיט זיי געמוזט רעכענען. דער בישאָף רודיגער, פון שפּייער, רופט יידן צו באַזעצן זיך אין זיין געגנט, ווייל „דאָס וועט ברענ־גען נוצן דער סביבה".

פון קיין רדיפות אויף יידן אין גרויסן פאַרנעם הערט מען אין יענע יאָרן ווייניק. ווען דער אימפּעראַטאָר היינריך דער צווייטער, באַקאַנט מיטן נאָמען דער הייליקער, באַפעלט פלוצלינג אין יאָר 1012, אַז די יידן פון מיינץ זאָלן זיך שמדן, אָדער פאַרטריבן ווערן פון שטאָט, זעט ער זיך געצוווּנגען אָפּצורופן די גזירה אין אַ יאָר אַרום, ווייל די שטאָט ליידט גרויסע חזיקות. די דאָזיקע גזירה האָט אָבער געלאָזט

די נאָכווייעניש פון די, וואָס האָבן זיך אויף דער הייסער מינוט געשמדט און האָבן נאָכהער געזוכט אומצוקערן זיך צו יידישקייט.

אין יאָר 1090 דערקלערט דער אימפּעראַטאָר היינריך דער פערטער, אַז די יידן פון וואָרמס און שפּייער געפינען זיך אונטער זיין דירעקטער שוץ און אין הסכם מיט אַ רעגלאַמענט, וואָס איז גילטיק פאַר אַלע יידן פון דער אימפּעריע. ווער עס וועט שעדיקן דאָס פאַרמעגן פון אַ ייד, אָדער אַטענטירן אויף זיין לעבן, וועט געמשפּט ווערן דורכן געריכט פון אימפּעראַטאָר. מען קאָן די יידן נישט נויטן צו שמד. וויל זיך אַ ייד טויפן, דאַרף מען אים הייסן אָפּוואַרטן דריי טעג, אויף צו זען צי איז זיין באַשלוס געגנוג פעסט. אַ משומד ווערט אָן דאָס רעכט אויף דער ירושה פון זיינע יידישע עלטערן און קרובים. סכסוכים צווישן יידן ווערן דערליידיקט פאַרן ראש־הקהלה, וואָס האָט דעם טיטול יידן־בישאָף. סכסוכים צווישן יידן און קריסטן געהערן דער קאָמפּעטענץ פון די אַלגעמיינע געריכטן. אויך די יידן פון פּראָג און פון גאַנץ ביימען קריגן פון זייער פירשט וואָטיסלאַוו דעם צווייטן (1061־1092) דאָס רעכט צו האָבן אייגענע געריכטן. אין אַלע אַנדערע הינזיכטן ווערן זיי גלייכבאַרעכטיקט מיט די איינוווינער פון לאַנד.

די דאָזיקע רעלאַטיוו רואיקע לאַגע האָט דערלויבט די יידן סיי פון די מוסלימישע, סיי פון די קריסטלעכע לענדער, אויפצושטעלן אייגענע באַדייטנדיקע גייסטיקע צענטערן, וואָס וועלן פורעמען דאָס וויטערדיקע יידישע לעבן אין אייראָפּע, אין הסכם מיט די אייגנשאַפטן און נייגונגען פון די צוויי צווייגן פון יידישן שטאַם: ספרד'ים און אשכנזים. עקאָנאָמיש איז דאָס יידישע לעבן אין אייראָפּע, צו יענער צייט, גענוג פאַרשידנאַרטיק. היפּשע טיילן פון יידישן ישוב גיבן זיך אָפּ מיט ערד־אַרבעט און מלאָכות, ווען אפילו דער פעאָדאַלער רעזשים צווינגט זיי אַלץ מער און מער אַריבערצוגיין צו מסחר. גייסטיק הויבן זיך אָן די קהילות צי באַפרייען לאַנגזאַם פון דער העגעמאָניע פון די ישיבות אין בבל, און הויבן אָן גרינדן אייגענע זעלבסטשטענדיקע צענטערן פאַרן גייסטיקן לעבן.

88סטע לעקציע

די ערשטע גייסטיקע צענטערן אין מערב אייראָפּע

די צעטיילונג פון אייראָפּע אין צוויי קעגנזייטיק פיינטלעכע טיילן, אַ קריסטלעכע און אַ מאַכמעדאַנישע, האָט אָנגעהאַלטן קנאַפּע אַכט הונדערט יאָר, זינט די איסלאַמער האָבן באַהערשט שפּאַניע אין 711, ביז 1492, ווען די חילות פון דער קריסטלעכער שפּאַניע פאַרנעמען גראַנאַדאַ, דעם לעצטן שטיצפּונקט פון איסלאַם אויפן איבערישן האַלבאינדזל. דאָס האָט געבראַכט דערצו, אַז אין דעם ייִדישן ישוב פון אייראָפּע זאָלן זיך אויסקריסטאַליזירן צוויי באַזונדערע ייִדישע טיפּן, ספרדים און אשכנזים, וואָס זענען פאַרשידן אין זייער מענטאַליטעט, וועלט־באַנעם, אייניקע זיטן און מנהגים, ווי אין גייסטיקן שאַפן, ווען אַפילו אין תוך בלייבן זיי ביידע איינגעראַמט אין אַלגעמיינעם ייִדישן לעבן.

די ספרדים האָבן געלעבט מערסטנס אין די לענדער אַרום דעם מיטללענדישן ים, וואָס זענען פאַרגאָסן מיט זון, און בעיקר אין מאַכמעדאַנישע מדינות. די אשכנזים האָבן זיך אויסגעבילדעט אין די קעלטערע און אָפּטמאָל פאַרכמאַרעטע מקומות, אין די קריסטלעכע לענדער, אַרום די צפון־ימים: דעם דייטשישן און דעם באַלטישן.

לעבנדיק בעיקר אין מאַכמעדאַנישע לענדער, וווּ דאָס לשון איז געווען אַראַביש, אַ שוועסטער־שפּראַך פון העברעאיש, זענען די ספרדים קיינמאָל נישט געווען געצלעך אָפּגעשלאָסן פון דער אַרומיקער סביבה. דער הויכער קולטור־ניוואָ אויף וועלכן די מאַכמעדאַנישע מדינות אין אייראָפּע זענען געשטאַנען אין יענע אַלטע צייטן האָבן אָנגערעגט די ספרדים נישט איינצושליסן זיך אין די ד׳ אמות של הלכה. זיי האָבן זיך אינטערעסירט, שטודירט און אויפגעטאָן וויכטיקס אויך אויף די געביטן פון אַלגעמיינעם וויסן און דענקען: מעדיצין, מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, לינגוויסטיק, פילאָזאָפיע. זייערע שאַפונגען אויף אַלגעמיינע טעמעס האָבן די ספרדישע מלומדים ס׳רוב געשריבן אין דער קולטור־שפּראַך פון יענע צייטן, אַראַביש. זייערע העברעאישע שאַפונגען זענען נישט אַלע פון ריין רעליגיעזן כאַראַקטער, פאַראַן אויך פיל שאַפונגען פון וועלטלעכן כאַראַקטער: פּאָעזיע, דקדוק, היסטאָריע. אַ סך ספרדישע גדולים האָבן

געשפּילט אַן אָנגעזעענע ראָל אין די רעגירונגען פון די איסלאַמישע לענדער אַלס מיניסטאָרן, צינזן־איינמאָנער, אָדער פאַכטער, הויף־אַסטראָלאָגן און בעיקר אַלס דאָק־טוירים, א ווּיסנשאַפט צו וועלכער יידן האָבן שוין פאַרצייטן אַרויסגעוויזן א ספּעציעלע נייגונג.

גאַנץ אַנדערש האָט עס אויסגעזען אין די גייסטיקע צענטערן פון די אשכנזים. לעבנדיק אין א קולטורעל־אָפּגעשטאַנענער סביבה, וואָס האָט זיך דערצו באַצויגן צו זיי מיט שאַרפער שנאה, האָבן די יידן פון די קריסטלעכע לענדער זיך באַשרענקט אויף די ד' אמות פון זייערע אייגענע לומדים. די איינציקע קולטור־שפּראַך פון דער קריסט־לעכער אייראָפּע איז אין יענער צייט געווען לאַטיין, די שפּראַך פון דער קירכע און פון די גלחים, וואָס האָבן זיך אָפּגעגעבן ווייניק מיט ענינים פון אַלגעמיינעם וויסן און זיך כמעט אויסשליסלעך געווידמעט די טעאָלאָגישע ענינים פון דעם קאַטוילישן נוסח פון דער קריסטלעכער אמונה, א זאַך וואָס האָט ווייניק געקאָנט אינטערעסירן די יידישע לומדים, וועלכע האָבן טאַקע באַצייכנט די לאַטיינישע שפּראַך ווי גלחים־שפּראַך. די גייסטיקע טעטיקייט פון די ספרדישע צענטערן וועט דערפאַר זיין גאַנץ פאַרשידן פון דער, וואָס ווערט אָנגעפירט אין די אשכנזישע; אַנדערש וועלן אויך זיין די מעטאָדן פון קינדער־דערציאונג. איינזאַפּנדיק אין משך פון יאָרהונדערטער די מנהגים און זיטן פון די פאַרשידענע סביבות, וועט אפילו איבערגעקאָכט און צוגעפּאַסט צום יידישן געמיט, וועלן דאָך די צוויי צווייגן פון יידישן שטאַם, ספרדים און אשכנזים, ווערן לסוף גאַנץ פאַרשידן איינע פון דער צווייטער, ווען אפילו זיי וועלן נישט אויפהערן צו באַווירקן זיך קעגנזייטיק.

אין שטריך בלייבט אָבער געמיינזאַם פאַר די גייסטיקע צענטערן פון ביידע יידישע קבוצים, סיי פאַרן ספרדישן, סיי פאַרן אשכנזישן. געשאַפן און אויפגעהאַלטן אין לענדער פון גלות, זייענדיק אָפּהענגיק מער פון די אויסערלעכע ווי פון די אינער־לעכע פאַקטאָרן, מוזן די דאָזיקע קולטור־צענטערן אָפּריכטן פון צייט צו צייט גלות. קאָרדאָבא, גראַנאַדאַ, לוסענאַ, סאַראַגאָסאַ, טאָלעדאָ, אין שפּאַניע; מיינץ, וואָרמס, רעגנסבורג, טרוא א"א, אין מערב־אייראָפּע, זענען די שטעט וווּ די יידישע גייסטיקע צענטערן האָבן צייטווייליק עקזיסטירט. ביידע יידישע שבטים וועלן אויך כמעט איין־צייטיק אַרויסגעשטויסן ווערן פון מערב־אייראָפּע און וועלן מוזן אַריבערטראָגן זייערע גייסטיקע צענטערן קיין מזרח. די ספרדים קיין טערקיי, די אשכנזים קיין פּוילן און רוסלאַנד.

דער ערשטער יידישער גייסטיקער צענטער אין אייראָפּע איז אויפגעקומען אין איטאַליע, א לאַנד וווּ עס קרייצן זיך די וועגן פון ים און יבשה, צווישן די אור־אַלטע צענטערן פון יידישקייט: ארץ ישראל און בבל און די נייע צענטערן פון אייראָפּע. נאָך אין די גאָר אַלטע צייטן פון די רוימישע אימפּעראַטאָרן האָט אין רוים עקזיסטירט א ישיבה, פון וועלכער מתיא בן חרש איז געווען דער ראש. אין קעגנזאַץ צום באַרימטן

וואָרט פון יוליוס צעזאַר, אַז „עס איז בעסער צו זיין דער ערשטער אין דאָרף, ווי דער לעצטער אין רוים", האָט מתיא בן חרש געלערנט אַ ריין־יידישן שטאַנדפּונקט:

הוי זנב לאריות	בעסער זיין אַ לייבן־עק
ואל תהי ראש לשועלים.	איידער אַ פוקסן־קאָפּ.

ווען צפון־ און צענטער־איטאַליע זענען אַרונטערגעפאַלן דער הערשאַפט פון די באַרבאַרישע גערמאַנער, איז נאָך דרום־איטאַליע פאַרבליבן אַ לענגערע צייט אונ־טער דער הערשאַפט פון ביצאַנץ. דאָרט, אין דער אַמאָליקער „גרויס גריכנלאַנד", האָבן זיך לענגער דערהאַלטן די טראַדיציעס פון דער אַלטער גריכישער קולטור, און דאָרט האָט אויך אויפגעבליט דער ערשטער יידישער קולטור־צענטער אין אייראָפּע. אין די זעכציקער יאָרן פון 9טן יאָרהונדערט קומט קיין אָריאַ, אין דרום־איטאַליע, דער יידישער געלערנטער פון באַגדאַד אַבו־אהרן. דאָרט האָט אויך געווירקט דער פּיטן שלמה הבבלי, וואָס, לויט זיין נאָמען באַווייזט עס, איז ער אויך געקומען פון בבל.

צו יענער צייט איז שוין אין אָריאַ געווען אַ יידישער קולטור־צענטער. עס האָט דאָן דאָרט געלעבט דער פּיטן שפטיה, וועלכער האָט געשריבן אין אַ פּלי־טיקן העברעאיש פיינע פּזמונים, וואָס זענען אריין אין מחזור פון די תפילות אויף ראש השנה און יום־כּפּור, צווישן זיי די הארציקע סליחה „ישראל נושע בד' תשועת עולמים". עס איז מעגלעך, אַז שוין דאָן האָט אויך אָנגעהויבן צו דיכטן זיין זון אמתי, אַ באַדייטנדיקער פּיטן, וואָס האָט איבערגעלאָזט דעם אומפאַרגלייכלעכן פּיוט ד' ד' אל רחום וחנון, וואָס ווערט געזאָגט צו נעילה אין אַלע שולן און בתי מדרשים. בדאַי צו ציטירן כאָטש איין פערז פון דעם פּיוט.

מדת הרחמים עלינו התגלגלי	מדת הרחמים, דערבאַרעם זיך איבער אונדז
ולפני קונך תחנתך הפילי	און פאַר דיין האַר לייג אויס דיין געבעט,
ובעד עמך רחמים שאלי,	בעט מיטלייד פאַר דיין פאָלק,
כי כל לבב דוי,	ווייל צעווייטיקט זענען אַלע הערצער
וכל ראש לחלי.	און פאַרקרענקט יעדער קאָפּ.

אבו־אהרן גיט איבער שפטיה און זיין זון אמתי די לעצטע דערגרייכונגען פון די לומדים אין בבל און פירט זיי אריין אין די סודות פון דער חכמת הקבלה, וואָס הויבט זיך שוין דאָן אָן צו אַנטוויקלען ביי יידן. מיט נישט פיל יאָרן שפּעטער (913) ווערט אין אָריאַ געבוירן ווערן דער אַרצט שבתי דאָנאָלאָ, אַ מענטש וואָס ווערט זיין גוט באַהאַוונט אין מעדיצין, אַסטראָנאָמיע און אַסטראָלאָגיע, דער ערשטער מוסטער פון אַן אַלזייטיקן יידישן געלערנטן אין אייראָפּע, דאָנאָלאָ, ווערט איבערלאָזן זיין ווירכטיקן חבור „חכמוני" און ביכער איבער מעדיצין. אין איטאַליע ווערן אַרום יענער צייט אויך פאַרפאַסט אַנדערע וויכטיקע יידישע ספרים, ווי דער באַרימטער יוסיפון, די מגלת אחימעץ, דער מדרש תנא דבי אליהו, דער מדרש ספר זרובבל

א. אַ. די װיכטיקײט פֿון דעם קולטור־צענטער אין איטאַליע איז געװען אַזױ באַ־דײַטנדיק, אַז מען האָט זיך אַפֿילו פֿאַרגונען צו פּאַראַפֿראַזירן דעם באַרימטן פּסוק „כי מציון תצא תורה" אױף אַ זאָג „כי מבארי תצא תורה ודבר ד' מאָטראַנטאָ" (אַ פּאָרט־שטאָט בײַ אָריא)

װען קאַרל דער פֿליכעװאַטער, װאָס װערט מיט רעכט גערעכנט פֿאַרן ערשטן עכט־פֿראַנצױזישן מלך, זוכט צו געבן זײַן מדינה װאָס מער אומאָפּהענגיקײט פֿון דרױסנדיקע פֿאַקטאָרן, זוכט ער אױך צו שאַפֿן פֿאַר די ייִדן פֿון פֿראַנקרײַך אַן אײ־גענעם גײַסטיקן צענטער, בכדי זײ זאָלן מער נישט זײַן אָפּהענגיק פֿון די ישיבות און גאונים פֿון בבל, אין איסלאַמישן מזרח־כאַליפֿאַט, װוּהין עס פֿלעגן אַרױסגײן באַדײַטנדיקע סומעס פֿון די ייִדישע בײַטראָגן און נדבות. קאַרל װענדט זיך קײן איטאַליע און ברענגט אַראָפּ פֿון דער שטאָט לוקאַ אַ באַרימטן ייִדישן למדן, משה קלונימוס, אַ מיטגליד פֿון דער באַרימטער פֿאַמיליע קלונימוס. מיט אים װעט זיך אָנהױבן די גײַסטיקע טעטיקײט פֿון די קהילות אין רײַנלאַנד און פֿראַנקרײַך, װוּ עס װעלן זיך אױסבילדן די ערשטע צװײַגן פֿון אשכנזים־שטאַם.

דער תלמיד און נאָכפֿאָלגער פֿון ר' קלונימוס איז ר' יהודה ב"ר מאיר הכהן, װאָס איז אױך באַקאַנט מיט זײַן לאַטײַנישן נאָמען סער לעאָנטין. ער גרינ־דעט די ערשטע װיכטיקע אשכנזישע ישיבה אין מײַנץ, װאָס װעט אױסבילדן רבנים און מנהיגים פֿאַר די אשכנזישע קהילות.

פֿון דער איטאַליענישער שטאָט באַרי, פֿאָרן אױך אַרױס, לױט דער מסורה, די דרײַ תלמידי חכמים פֿון בבל, װאָס װעלן גענומען װערן געפֿאַנגען און װעלן שאַפֿן תורה־צענטערן אין אַ רײע לענדער. צװישן זײ געפֿינט זיך אױך ר' משה בן חנוך, דער־גרינדער פֿון גײַסטיקן צענטער פֿון די ספרדים אין שפּאַניע.

98סטע לעקציע

דער ערשטער ספרדישער צענטער אין קאָרדאָבאַ

(950 ־ 1012)

ווען די אבאסידן זעצן אראָפּ די אָמיאדן און פארנעמען דעם כאַליפן־טראָן (750), געלינגט איינעם פון די אָמיאדן־פּרינצן, עבד־אל־רחמן, צו ראַטעווען זיך קיין מאַראָקאָ. דער געראַטעוועטער אָמיאדן־פּרינץ דערלאַנגט זיך קיין שפּאַניע, ווו ער ווערט אנערקענט אַלס עמיר און שטעלט איין זיין רעזידענץ אין קאָרדאָבאַ. די מאַכמע־דאַנישע וועלט ווערט אויף אַזאַ אופן צעשפּאָלטן אין צוויי כאַליפאַטן, דער פון מזרח מיט באַגדאַד אַלס הויפּט־שטאָט, און דער פון מערב מיט קאָרדאָבאַ אַלס הויפּט־שטאָט. שפּעטער וועט אויך אַנטשטיין אַ באַזונדערער כאַליפאַט אין צפון־אַפריקע (פאַטימידן). מיט דער מחלוקת צווישן די אָמיאדן און אבאסידן און פאַטימידן הויבט זיך אָן די צע־שפּליטערונג און אָפּשוואַכונג פון איסלאַם.

אין צוויי הונדערט יאָר נאָך עבד־אל־רחמן דעם ערשטן הערשט אין קאָרדאָבאַ אַ כאַליף מיטן זעלבן נאָמען, עבד־אל־רחמן דער דריטער, וועלכער ברענגט אַרויף דעם מערב־כאַליפאַט צו דער העכסטער מדרגה פון גלאַנץ און מאַכט. דער לייב־דאָקטאָר און נאָענטסטער ראַטגעבער פון דעם מעכטיקן כאַליף איז דער ייד חסדאי בן יצחק אבן שפּרוט, אַ געלערנטער, וואָס האָט איבערגעזעצט אַ מעדיציניש בוך פון גריכיש אויף אַראַביש, און איז געווען באַרימט אויך אין די מדינות אויסער דעם כאַליפאַט אַלס טיכ־טיקער דאָקטאָר. אַזוי, למשל, האָט ער געהיילט דעם קריסטלעכן מלך סאַנטשאָ דעם פעטן, וואָס האָט ווי אַ וואַסאַל פון דעם כאַליף געהערשט איבער אַ טייל פון צפון־שפּאַניע. צוליב זיין קענטעניש אין שפּראַכן איז חסדאי געווען דער, וואָס פלעגט אויפנעמען די געזאַנדטע פון פרעמדע מלוכות און האָט פאַקטיש אָנגעפירט מיט דער אויסערלעכער פּאָליטיק פון כאַליפאַט.

עבד־אל־רחמן דער דריטער איז געווען אַ גרויסער פאַרערער פון וויסנשאַפט און קונסט. קאָרדאָבאַ איז דאַן געווען אַ בליענדיקער קולטור־צענטער. ביים הויף פון

באַליף און אין די געלערנטע קרייזן פלעגן זיך אַראַבישע, קריסטלעכע און יידישע מלומדים צוזאַמענטרעפן און אומגעשטערט פירן שמועסן און דיסקוסיעס איבער וויסנשאַפטלעכע און פילאָזאָפישע טעמעס.

חסדאי אבן שפרוט, דער יידישער מיניסטער פון וויסנבאַגיריקן באַליף, ווערט אַ מעצענאַט פאַר דער יידישער תורה און חכמה. ער שאַפט אַרום זיך אַ קרייז פון יידישע לומדים, וואָס הויבן אָן אַ באַדייטנדיקע גייסטיקע טעטיקייט אויף די פאַרשידנסטע געביטן. אין קאָרדאָבאַ ווערט געגרינדעט אַ ישיבה, וועלכע באַקומט אַ באַזונדערן פּרעסטיזש, ווען אין יאָר 960 ווערט באַשטימט אַלס ראש הישיבה ר׳ משה בן חנוך, אַ באַדייטנדיקער למדן פון די ישיבות אין בבל, וועלכער האָט, צוליב זייער דעקאַדענץ, וואָס האָט זיך שוין דאַן געהאַט אָנגעהויבן, עמיגרירט קיין אייראָפּע, ווו די מעגלעכקייטן זענען געווען פיל גרעסער. נאָכן טויט פון ר׳ משה בן חנוך ירשנט זיין פּאָסטן זיין זון ר׳ חנוך, אויך אַ באַדייטנדיקע תלמודישע אויטאָריטעט. אַרום דער ירושה אַנטוויקלט זיך אַפילו אַ שטיקל סכסוך מיט אַ צווייטן גרויסן תלמודיסט, ר׳ יוסף בן אביתר אבן שטנאַש, איינער פון די ערשטע ספרדישע רבנים מיט גרויסן אַלגעמיינעם וויסן. דער למוד התלמוד דערגרייכט אין קאָרדאָבאַ צו אַ גאָר הויכער מדרגה. דער ערשטער ספרדישער גייסטיקער צענטער אין אייראָפּע איז געשאַפן.

פּאַראַלעל מיטן שטודיום פון תלמוד שטיצט חסדאי אבן שפרוט די העברעאישע שפּראַך־פאָרשונג. די וווּנדערבאַרע אַנטוויקלונג פון אַראַביש, די שוועסטער־שפּראַך פון העברעאיש, וואָס האָט דאַן דערגרייכט צו גאָר אַ הויכער מדרגה, רעגט אָן די יידישע קולטור־טרעגער אָפּצוגעבן זיך מיט דער פאַרפיינערונג פון דער אַלטער און פּרעכטיקער הייליקער שפּראַך: העברעאיש. אין קאָרדאָבאַ באַזעצט זיך דער מדקדק מנחם בן סרוק, וועלכער באַקומט דעם פּאָסטן פון פּריוואַט־סעקרעטאַר ביי חסדאי אבן שפרוט. מנחם פאַרעפנטלעכט אַ ווערק איבער העברעאישער שפּראַך־פאָרשונג (מחברת). ווען צו חסדאי אבן שפרוט דערגייט דורך די דיפּלאָמאַטישע פאַרטרעטער פון פאַרשידענע מדינות די ידיעה וועגן דעם, אַז ערגעץ ווייט אויף מזרח עקזיסטירט אין אייראָפּע אַ מעכטיקע יידישע מלוכה (די כאַזאַרישע), באַפעלט ער זיין סעקרעטאַר, מנחם בן סרוק, צו פאַרפאַסן אַ העברעאישן בריוו צום מלך פון יענער מדינה, פרעגנדיק ווער און וואָס זיי זענען? פון וואַנען זיי שטאַמען? און צי וויסן זיי עפּעס וועגן דער גאולה? דער מעכטיקער מיניסטער פון גרויסן כאַליף לאָזט זאָגן אין בריוו דעם אומבאַקאַנטן יידישן מלך: „וואָלט איך נאָר געוווּסט, אַז עס איז אמת און אַז ערגעצוווּ עקזיסטירט טאַקע אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכה, וואָלט איך מוחל געווען אויף מיין כבוד, איך וואָלט פאַרלאָזט מיין הויכגעשטעלטן פּאָסטן, וואָלט אַפילו פאַרלאָזט מיין משפּחה, און וואָלט געגאַנגען איבער באַרג און טאָל, איבער יבשה און ימים, ביז איך וואָלט געקומען אַהין, ווו מיין האַר דער מלך וווינט, צו זען זיין פּראַכט און גלאַנץ, זיינע דינער און באַדינער, און ווי אַ רעשט פון ישראל לעבט אין רואיקייט". מנחם רעדאַגירט אַזוי דעם בריוו,

אז אין די ערשטע אותיות פון א רייע פראזן פלעגט ער אריין די אותיות פון זיין אייגענעם נאָמען. חסדאי אבן שפרוט האָט געדענקט צו שיקן דעם בריוו אויף א דיפּלאָמאַטישן וועג דורך ביצאַנץ, אָבער דער מזרח־אימפּעראַטאָר האָט נישט געוואָלט צוהעלפן, אז דער מעכטיקער יידישער מלך פון כוזרים־לאַנד זאָל זיך צונויפרעדן מיטן איינפלוסרייכן מיניסטער פון דער איסלאַמישער גרויסמאַכט; ער האָט דעם בריוו פאַרהאַלטן, און שפּעטער אָפּגעשיקט צוריק מיטן תירוץ, אז עס איז נישט מעגלעך אים צוצושטעלן. דער בריוו איז אָבער פאָרט דערגאַנגען צום כאַראַזישן מלך, צוגעשטעלט האָבן אים אהין די גרויסע יידישע וועלט־סוחרים, די ראַדאַניטן, וואָס האָבן אויך צוריק געבראַכט דעם העברעאיש־געשריבענעם ענטפער פון דעם מלך פון די כוזרים.ביידע בריוו זענען צו אונדז דערגאַנגען אין זייער פולן טעקסט.

מיט דער צייט ווערט דער קרייז פון יידישע געלערנטע ארום חסדאי אבן שפרוט פאַרגרעסערט מיטן צוקומען פון מדקדק דונאַש בן לאַבראַט, א תלמיד פון ר׳ סעדיה גאון, וועלכער פירט אריין אין דער העברעאישער פּאָעזיע די אַראַבישע מעטריל. צווישן מנחם בן סרוק און דונאַש בן לאַבראַט ברעכט אויס א פּערזענלעכער קאָנפליקט, וואָס ווערט אָבער לפנים געפירט ווי א היציקע דיסקוסיע ארום די אייגנשאַפטן פון דער העברעאישער שפּראַך. אין דער דיסקוסיע באַטייליקן זיך אויך די תלמידים פון ביידע פאָרשער, אין יעדער איינער פון זיי באַמיט זיך צוצוטראָגן זיין חלק צו דער שפּראַך־פאָרשונג. אויף דער קריטיק פון דונאַש בן לאַבראַט איבער די ווערק פון מנחמען האָבן געענטפערט דעם לעצטנס תלמידים: יצחק גיקאַטילאַ (טשיקיטיזשאַ), אפרים אבן קפרון און יהודה חיוג׳ (חאַיוּדזש). זיי ווידער האָט אָפּגעענטפערט דער תלמיד פון דונאַש, יהודה בן ששת. פון דער דיסקוסיע איז אַרויסגעקומען ליכט. יהודה חיוג׳ איז געווען א ווירקלעכער זשעני אין שפּראַך־פאָרשנג, ער האָט אַנטדעקט א רייע כללים און אייגנשאַפטן פון דער העברעאישער שפּראַך, צווישן זיי דעם כלל, אז דער העברעאישער צייט־וואָרט (ווערב) באַשטייט פון נישט ווייניקער פון דריי אותיות (פּעל). ווי גרויס עס איז נישט געווען די באַדייטונג פון יהודה חיוג׳, האָט אים דאָך איבערגעשטיגן זיין תלמיד, דער דאָקטאָר יונה אבן ג׳נאח (דזשאַנאַח), א גאָר גרויסער פילאָלאָג און לינגוויסט, וואָס האָט מיט זיין „ספר הרקמה" אַריינגעטראָגן גאַנצע אוצרות פון שפּראַך־קענטעניש און ביבל־פאָרשונג.

דער אזוי וויכטיקער צענטער אין קאָרדאָבאַ האָט אָבער עקזיסטירט קוים א 50־60 יאָר. אין יאָר 1012, ווערט קאָרדאָבאַ צערויבט פון די בערבערן, מאַראָקאַנישע שבטים, וואָס זענען אריינגעדרונגען קיין שפּאַניע. דער מערב־כאַליפאַט צעפאַלט זיך אין א רייע קליינע מלוכות, די באַדייטנדיקסטע פון וועלכע איז גראַנאַדע, וווהין עס טראָגט זיך אריבער דער צענטער פון יידישער תורה און חכמה אין שפּאַניע.

0 9 ס ט ע   ל ע ק צ י ע

דער ערשטער אַשכנזישער גייסטיקער צענטער אין מיינץ

(1000־1040)

ר׳ גרשון מאור הגולה

טראָץ דער גרינדונג פון דער ישיבה אין מיינץ דורך סער לעאָנטין, בלייבט נאָך אַלץ דער יידישער ישוב אין דער קריסטלעכער אייראָפּע אונטער דער גייסטיקער העגעמאָניע פון די ישיבות אין בבל. ערשט צום סוף פון צענטן יאָרהונדערט, אין דער צייט ווען אין שפּאַניע בליט דער גייסטיקער צענטער אין קאָרדאָבאַ, קומט אויף אין קריסטלעכן טייל פון אייראָפּע דער מאַן, וואָס וועט אנערקענט ווערן ווי דער גייסטיקער מנהיג פון אשכנזישן יידנטום און וועט באַטיטלט ווערן אלס „מאור הגולה" (דאָס ליכט פון גלות) ר׳ גרשון מאור הגולה (960־1040).

ר׳ גרשון פירט איין אַ רייע תקנות, וואָס זענען מער אין הסכם מיט די לעבנס־באַדינגונגען פון די אשכנזישע ישובים און בילדן די התחלה פון דיפערענצירן די אשכנזים פון די ספרדים, אַזוי למשל, ווערט איינגעפירט די תקנה פון מאָנאָגאַמיע, ד. ה., אַז אַ ייד טאָר נישט האָבן מער ווי איין פרוי, טראָץ דעם וואָס יידן אין אַלטער־טום האָבן פּראַקטיצירט פּילוויבעריי און אַ סך מזרח־געמיינדעס האַלטן אָן פּאָליגאַ־מיע ביז צו אונדזערע טעג. אַ צווייטע תקנה אין משפּחה־אנגעלעגנהייטן איז פּאָלגנדיקע: לויטן דין איז נישט נויטיק די צושטימונג פון דער פרוי אויף אָפּצוגטן זי. אָבער ר׳ גרשון איז מתקן, אַז אויף דורכצופירן אַ גט מוז מען האָבן די צושטימונג פון ביידע צדדים. אַן אַנדער תקנה פאַרבאָט צו לייענען פרעמדע בריוו אָן דער צושטימונג פון זייער אייגנטימער. די אַלע תקנות האָבן בלויז די קראַפט פון חרם דרבנו גרשון (חרדר"ג), און דאָס איז גענוג געווען, אַז זיי זאָלן אָנגענומען ווערן אין די דינים און מנהגים פון די אשכנזישע קהלות.

ווען אין 1012 גיט אַרויס דער אימפּעראַטאָר היינריך דער צווייטער די גזירה אויף די יידן פון מיינץ, אַז אָדער זיי זאָלן אָננעמען קריסטנטום, אָדער פאַרלאָזן די שטאָט, לאָזן זיך אייניקע יידן שמדן אין אַ מאָמענט פון סכנה. אָבער אין אַ יאָר אַרום ווערט די גזירה בטל און עס איז פאַרשטענדלעך, אַז אַלע געצוווּנגענע משומדים זאָלן זוכן זיך צוריקקערן צו דער יידישער אמונה. דאַן פאַראָרדנט ר׳ גרשון, אַז מען זאָל זיי אויפנעמען אָן שוועריקייטן, זיי אַפילו נישט דערמאנען זייער צייטווייליקע אַפּטריניקייט. ר׳ גרשון מאַכט אויך פאַרלייכטערונגען פאַר גרים, וואָס ווילן באמת אָננעמען דעם יידישן דת.

אַלס ראש ישיבה נעמט אונטער ר׳ גרשון אַ וויכטיקע און זייער שווערע אַרבעט, פעסטצושטעלן דעם פּינקטלעכן טעקסט פון תלמוד, אויסבעסערנדיק די גרייזן, וואָס האָבן זיך אַהין אַריינגעכאַפּט אין משך פון פינף הונדערט יאָר, דורך די הענט פון נישט גענוג קאָמפּעטענטע קאָפּיסטן. די דאָזיקע וויכטיקע אַרבעט ווערט שפּעטער פאַרגעזעצט ווערן דורך זיינע תלמידים ר׳ יהודה הכהן, ראש ישיבה פון מיינץ, און ר׳ יעקב בן יקיר, ראש ישיבה פון וואָרמס, און ווערט פאַרענדיקט ווערן ערשט אין דריטן דור דורך דעם באַרימטן רש״י.

ר׳ גרשון מאור הגולה איז אויך געווען אַ מחבר פון פּיוטים, ווען אַפילו נישט קיין איבעריק באַגאַבטער. איינע פון די סליחות, וואָס ער האָט פאַרפאַסט, „זכור ברית אברהם״, ווערט ביז היינט געזאָגט אין די אשכנזישע שולן אין די סליחות פון ערב ראש השנה פאַרטאָג און אין די תפילות פון ר״ה און יו״כ.

ווי עס איז צו זען, איז ר׳ גרשון מאור הגולה געווען פאַרטאָן בראשו ורובו אין בלויז יידישע ענינים און וויסנשאַפט פון יידישקייט, מיט ווייניק אינטערעס פאַר אַלגעמיינע וויסנשאַפטן. אָט די אָפּגעשלאָסנקייט אין די אייגענע פיר איילן פון הלכה, וועט בלייבן דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די אשכנזישע רבנים אויף לאַנגע יאָרהונדערטער.

1 9 ס ט ע ל ע ק צ י ע

צווייטער ספרדישער צענטער אין גראַנאַדאַ

(1066־1027)

אין יאָר 1027 איז עולה לגדולה אין דער מלוכה פון גראַנאַדאַ דער ייִד שמואל הלוי אבן נגדילה. געבוירן אין מערידאַ און דערצויגן אין די ישיבות וואָס ר׳ חסדאי אבן שפּרוט האָט געגרינדעט אין קאָרדאָבאַ, קען ער דערפאַר באַטראַכט ווערן ווי דער פאָרזעצער פון יענעם גייסטיקן צענטער, וואָס איז צעשטערט געוואָרן צוזאַמען מיטן כאַ־ליפאַט אין יאָר 1012.

די טיפע קענטעניש פון שמואל הלוי אין דער אַראַבישער שפּראַך און זיין וווּנדערבאַרע שיינע האַנטשריפט רופן אויף אים די אויפמערקזאַמקייט פון איבן־אַלעראַף, דער הויפּט־מיניסטער (כּתיב) פון קעניג פון גראַנאַדאַ, כאַבוס. ווען איבן־אַלעראַף שטאַרבט, פאָרט אַריבער שמואל הלוי פון מאַלאַגאַ, ווו ער האָט ביז דאַן געוווינט, קיין גראַנאַדאַ, און ווערט באַשטימט אַלס הויפּט־מיניסטער אויף זיין אָרט, און גלייכצייטיק אַלס הויפּט־רב פון די יידישע קהילות אין דער גראַנאַדער מלוכה, מיטן טיטל נגיד. ער וועט אָנפירן מיט דער מלוכה אין משך פון 28 יאָר, פון 1027 ביז 1055.

שמואל הנגיד איז אַן אויסערגעוויינלעך באַגאַבטער מענטש. ער איז פּאָליטי־קער און פינאַנסיסט, פּאָעט און קריגס־פירער, אַ פיינער סטיליסט אין אַראַביש און אַ טיפער למדן אין תנ״ך, תלמוד און אַנדער יידישן וויסן.

ווען אין 1042 ווערט גראַנאַדאַ אָנגעגריפן פון דעם עמיר פון סעווילע, פירט ר׳ שמואל הנגיד זעלבסט די גראַנאַדישע חילות אין שלאַכט און באַזיגט שפּעטער דעם נצחון אין אַ העברעאישן שיר, דאָס ערשטע קריגס־ליד אין דער שפּראַך נאָך אַ סך יאָרן. ווען דער מלך פון גראַנאַדאַ, אַ בערבער, מאַכט אַ פאַרשווערונג אומצוברענגען די אַראַ־בישע איינוווינער פון שטאָט, פירט ר׳ שמואל הנגיד אַזאַ געשיקטע פּאָליטיק, אַז נישט ווידערשפּרעכנדיק זיין טיראַנישן הערשער און נישט פאַראַטנדיק זיין סוד, טוט ער דאָך געבן צו פילן די אַראַבער, אַז אויף זייער קאָפּ גרייט זיך אַ צרה, זיי הויבן אָן אָרגאַ־ניזירן אַ ווידערשטאַנד און דער מלך מוז זיך אָפּזאָגן פון זיין פּלאַן.

די מלוכה־פירונג שטערט אָבער נישט ר׳ שמואל הנגיד זיך אָפּצוגעבן מיט יידי־שע ענינים: קהלשע און גייסטיקע. ער פאַרפאַסט אַן איינלייטונג צום תלמוד, וואָס ווערט

ביז היינט געדרוקט אין די פולע תלמוד־אויסגאבעס, ער איז אויך דער מחבר פון א ביבלישן ווערטער־בוך „ספר העושר", וואס באַרעכטיקט פולשטענדיק זיין נאמען. ער איז דערצו א באגאבטער פּאעט, דער ערשטער העברעאישער פּאעט אין אייראפּע צו שרייבן אויך וועלטלעכע שירים. ער שרייבט נאכאמונגען צו אייניקע תנ"ך־ספרים: בן־משלי, בן־תהלים, בן־קהלת. צו דעם אלעמען איז שמואל הנגיד א מעצענאט און קולטור־פאר־שפּרייטער, אין זיין הויף זיצט א גרופּע קאפּיסטן, וואס שרייבן איבער ספרים און חבורים, אויף צו פארשפּרייטן זיי צווישן די קהילות.

אויף צו האבן כאטש א שטיקל באגריף פון ר' שמואל הנגידס ליטעראַרישע שאפונגען, וועלן מיר דא ברענגען בלויז א פּאר קורצע ביישפּילן:

זאג ניט, ברודער, אז מנוחה איז דאס בעסטע אין דער וועלט,
דאס איז דער וועג, וואס פירט צו קנעכטשאפט וואס עס קוועלט,
צום טראן פון הערשאפט און מאכט, טוען דעם מענטשן פירן,
די שטאפּלען פון שווערער מי און ארבעט פון געהירן.

אבער שמואל הנגיד איז נישט נאר ענערגיש, ער קאן אויך זיין צארט. אזוי לערנט ער:

צו דריי זאלסטו שטענדיק רעדן געלאסן און ווייך,
ווען אפילו זיי ענטפערן דיר אויפגערעגט מיט עזות,
צום מלך, וואס הערשט איבער דיר,
צו א שווער קראנקן און... צו א פרוי.

שמואל הנגיד קאן אבער אויך זינגען וועגן געגוס פון לעבן.

שטיי אויף און טרינק פון כוס,
און נאכאמאל א זופּ פון קרוג,
און סיי ביינאכט, און סיי בייטאג.

אבער אויך געניסנדיק פון לעבן טאר מען נישט פארגעסן, אז עס איז:

פאראן ווער עס מאנט,
און פאדערט פארן ארעמענס בלוט.
פאראן ווער עס צאלט,
פאר לערנען די הייליקע תורה מיט גלות.

שמואל הנגיד איז אלזייטיק, ווי דאס גאנצע יידישע לעבן אין שפּאניע.

נאכן טויט פון ר' שמואל הנגיד (1055), נעמט איבער זיין אמט, כיי אלס מלוכה־פירער, סיי אלס הויפּט־רב, זיין זון יוסף. א ווייניקער באגאבטער מענטש, דערצו א שטיקל גרויסהאלטער, גיט ער א געלעגנהייט די שונאי־ישראל, וואס האבן אויך ביז דאן געקוקט מיט פארדרוס אויף דעם, וואס יידן פארנעמען די העכסטע מלוכה־פּאסטנס. אין דעצעמבער פון יאר 1066, ברעכן אויס אין גראנאדא אנטי־יידישע אומרוען. דער צעיושעטער המון רויבט אויס דאס פארמעגן פון א פופצן הונדערט יידישע פאמיליעס, טויט אייניקע יידן, צווישן זיי דעם מלוכה־וויזיר ר' יוסף ב"ר שמואל הנגיד. דער יידישער צענטער אין גראנאדא איז צעשטערט, אבער די גראנאדישע מלוכה לעבט נישט מיט פיל איבער אירע גרויסע יידישע פירער. ווען אין 1085 געלינגט די קריסטן צו ווידערערא־

בערן טאָלעדאָ, די אַמאָליקע הויפּט־שטאָט פון די וועסט־גאָטן, ווערן די קליינע איסלאַ־מישע הערשער פון שפּאַניע צעשראָקן און רופן צו הילף די אַלמאָראַווידן (מאַראַבוטן), אַ פאַנאַטישע סעקטע פון מאַראָקאָ. די ערשטע אַרבעט פון די דאָזיקע אַרויסהעלפער איז צעשטערן די מלוכה פון גראַנאַדאַ אין יאָר 1086.

דער צענטער פון גראַנאַדאַ האָט אויסער שמואל הנגיד אויך געגעבן דעם יידישן פאָלק איינעם פון זיינע פיינסטע פּאָעטן און טיפסטע דענקער: שלמה בן יהודה אבן גבירול. געבוירן אין 1021, אין דער שטאָט מאַלאַגאַ, ווו צו יענער צייט האָט געלעבט שמואל הנגיד, בלייבט ער יונג אַ יתום, אַ קרענקלעכער דערצו, און דאָס לייגט אַ חותם אויף זיינע שטימונגען אין משך פון זיין גאַנצן קורצן לעבן, קוים אַ פופציק יאָר בערך. אין זיין פריסטער יוגנט ווערט ער אונטערגעשטיצט פון יקותיאל אבן־חאַסאַן, דעם מיניסטער און הויף־אַסטראָנאָם פון עמיר פון סאַראַגאָסאַ. אָבער אין 1039 פאַלט יקותיאל אַ קרבן פון אַ בלבול און שלמה אבן גבירול פאָרט אַריבער קיין גראַנאַדאַ, ווו ער באַ־קומט די אונטערשטיצונג פון שמואל הנגיד.

שלמה אבן גבירול איז אַ גאָטס געבענטשטער פּאָעט, וואָס טראָגט אין זיך דעם גרויסן „וועלט־שמערץ". זיין נישט פריידיק פערזענלעך לעבן האָט נאָך מער אומעט צוגעגעבן זיין פּאָעטישן שאַפן. דער טויט פון זיין באַשיצער יקותיאל אבן־חאַסאַן מאַכט אויף אים אַ גאָר טיפן איינדרוק, וואָס ער דריקט אויס אין אַ געפילפולער עלעגיע:

זע, די זון איז בלוטרויט ביים פאַרגיין,
און זי וויקלט זיך, לויכט אין פיאָלעט.
ס'זעגנען צפון און דרום צעשפילט,
ס'זינקט די זון אין איר פייערדיק בעט.
און די ערד בלייבט פאַריתומט אַצינד,
האָט צום שאָטן פון נאַכט זיך פאַרטרויט,
און דער הימל פאַרציט זיך אין טרויער,
אויף דעם שווערן, פריצייטיקן טויט. (איבערז. פון י. י. שוואַרץ)

אָבער דאָס יידישע לעבן אין שפּאַניע איז דאַן געווען אַזוי איבערפולט מיט לעבנספרייד, אַז אפילו אַזאַ זינגער פון וועלט־שמערץ ווי ר' שלמה אבן־גבירול זינגט פריילעכע וויין־לידער, ווען אפילו פאַרשלייערט אין איראָנישן טרויער:

האָט דער וויין גענומען טאָגן,
האָט מיין אויג גענומען קלאָגן,
באַכן וואַסער, באַכן וואַסער.
גאָרנישט איז פון וויין געבליבן,
וואַסער האָט דעם וויין פאַרטריבן,
לידער שטומען, ס'זענען מיילער
פול מיט וואַסער, פול מיט וואַסער!
קען דען עסן מיר באַקומען?
קען דען שפּייז זיין זיס צום גומען?
אַז אין בעכערס פאַרן עולם,
גיסט מען וואַסער, גיסט מען וואַסער! (איבערז. י. י. שוואַרץ)

שלמה אבן גבירול איז אויך א מייסטער פון רעליגיעזער פּאָעזיע. זיין רעלי־גיעזער הימן כתר מלכות (די קרוין פון מלוכה) איז אַ מייסטערווערק פון רעליגיעזן עקסטאַז. אין פילבאַרע סטראָפן זינגט אויך שלמה אבן־גבירול די ליידן פון זיין פּילגע־פּלאָגטער אומה און איר בענקשאַפט צו איר געליבטן (גאָט), וואָס האָט זי פאַרלאָזט.

אין דעם פּזמון „גאולה", וואָס ווערט געלייענט דעם ערשטן שבת נאָך פּסח, קלאָגט זיך דער משורר צווישן אנדערס:

מיר זענען געיאָגט און געפּלאָגט,
מיר זענען צו שאַנד און צו שפּאָט,
גערויבט און געפּייניקט, געטראָטן אין שטויב,
מיר קומען אום פאַר דיין נאָמען און לויב,
ביז וואַנען, אָ גאָט, וועט דאָס קנעכטשאַפט געדויערן?
ווי לאַנג וועלן פרעמדע באַהערשן די טויערן?

און ער הערט צום סוף אַ שטימע פון גאולה־אָנזאָג:

וואַרט, דו פיל געליטענע, נישט לאַנג וועט שוין דויערן,
איך שיק מיין שליח דעם גאולה־וועג צו מאַכן גרייט,
אויפן באַרג ציון וועל איך זאַלבן דיין מלך דערפרייט.

א צווייטער פּזמון: „שוכנת בשדה", וואָס ווערט געלייענט ביי די ספרדים אין שמחת תורה, טראָגט אַ שאַרף עראָטישע באַאַרבונג. עס איז אַ דיאַלאָג צווישן דער כנסת ישראל און איר הימלישן געליבטן, אין וועלכן עס פילט זיך מעכטיק די בענקשאַפט פון ערדישער ליבע:

דער געליבטער רופט:

דו, וואָס וואַנדערסט איבער די פעלדער,
אונטער די געצעלטן פון כושן,
אויפן שפּיץ פון כרמל שטייג אַרויף,
הויב אויף דיינע אויגן צו די בערג פון בשן.
אַהין, צום פאַרבאָטענעם גאָרטן גיב אַ קוק, דו שיינע.
זע, דיינע קלומבען זענען שוין באַדעקט מיט בלומען ריינע.

און די געליבטע ענטפערט:

אָ, דו הירש מיינער שיינער,
וואָס האָסטו מיין גאָרטן פאַרלאָזן,
און וואַנדערסט איבער פרעמדע וועלדער און סעדער?
קום צוריק, מיין געליבטער!
טיף אין גאָרטן וועלן מיר זיך באַהאַלטן,
מיט זיינע זאַפטיקע פרוכטן וועלן מיר זיך דערקוויקן,
אין די אָרימס פון דיין שיינאוויגיקער ווּעסטו ליגן און דרעמלען.

די נייגונג צו פערזן איז ביי ר' שלמה אבן־גבירול געווען אזוי שטאַרק, אַז אפילו אַ העברעאישע גראַמאַטיק האָט ער פאַרפאַסט אין פערזן, גאַנצע פיר הונדערט

סטראָפן, פון וועלכע עס זענען צו אונדז דערגאַנגען קוים אַ הונדערט. מיט רעכט האָט ער אָנגערופן אָט די דקדוק־פּאָעמע: ענק, ריז.

אַ פּילזייטיק באַגאַבטער טאַלאַנט, האָט ר׳ שלמה אבן גבירול אויך זיך פאַר־נומען מיט פילאָזאָפישע פּראָבלעמען. דאָס קרוין־ווערק פון זיין פילאָזאָפיש, שאַפן: „מקור חיים", דער קוואַל פון לעבן, האָט ער פאַרפאַסט אין אַראַביש און לאַנגע יאָרן האָט מען נישט געוווּסט, ווער דער אמתער מחבר איז. די קריסטלעכע טעאָלאָגן, וואָס האָבן געהאַט דאָס ווערק אין אַ לאַטיינישער איבערזעצונג און האָבן זיך געפונען אונטער דעם איינפלוס פון דער שאַפונג, האָבן שלעכט געלייענט דעם נאָמען אבן־גבירול און לאַנגע יאָרן האָט מען געמיינט, אַז דאָס ווערק געהערט אַ מאַכמעדאַנישן דענקער אבו־צעבראָן, אָדער אבוצעבראָל. ערשט אין פאַריקן יאָרהונדערט האָט דער יידישער פאָרשער פון פראַנקרייך שלמה מונק געמאַכט די וויכטיקע אַנטדעקונג, אַז דער ווירק־לעכער מחבר פון מקור־ חיים (פאָנס וויטע, אין לאַטיין) איז ר׳ שלמה אבן גבירול. אין אַראַביש האָט אויך אבן־גבירול פאַרפאַסט אייניקע קלענערע ווערק, צווישן זיי דאָס עטישע ווערק „תקון מדת הנפש", די אויסבעסערונג פון די נשמה־אייגנשאַפטן, און „מבחר הפנינים", אויסדערוויילטע פערל, אַ זאַמלונג פון פילאָזאָפישע סענטענצן. אין יאָר 1070 איז ר׳ שלמה אבן גבירול געשטאָרבן. אויפן בית עלמין אין וואַלענסיא האָט מען געפונען אין שפּעטערע יאָרן אַ העלפט פון זיין מצבה.

אַן אייגצייטלער מיט ר׳ שלמה אבן גבירול איז געווען דער מאָראַליסט ר׳ בחיי אבן־פקודה, אַ דיין אין סאַראַגאָסאַ, וועלכער האָט אין דער צווייטער העלפט פון עלפטן יאָרהונדערט פאַרפאַסט אין אַראַביש דאָס ווערק, וואָס טראָגט אין דער העב־רעאישער איבערזעצונג דעם נאָמען „חובת הלבבות" (די פליכט פון די הערצער). ר׳ בחיי פירט דורך אַ צעטיילונגס־ליניע צווישן דער פאָרמעלער דערפילונג פון די דינים און מצוות, וואָס ער רופט אָן חובת האברים (די פליכט פון די גלידער) און די ריינ־קייט און גאָטספאַרכטיקייט פון הארצן, וואָס ער רופט אָן חובת הלבבות (פליכט פון הארץ). דער מחבר פון חובת הלבבות האַלט, אַז די זינדיקע וועלט איז בלויז ווי אַ פּאָדערזאַל צום אמתן לעבן אויף יענער וועלט, און פּריידיקט אַסקעזע, זיך אָפּזאָגן פון די פאַרגעניגנס פון דער וועלט, וואָס האָבן באמת נישט ווערט די מי, וואָס זיי קאָסטן און דאָס וואָס זיי דערווייטערן פון אמתן גענוס פון קומענדיקן לעבן: „ווי אין איין געפעס איז נישט מעגלעך צו האַלטן צוזאַמען פייער מיט וואַסער, — זאָגט אבן פקודה, — אַזוי קאָנען אויך נישט פרידלעך צוזאַמענלעבן אין דעם מענטשנס הארצן די תאווה צו די פאַרגעניגנס פון דער זינדיקער וועלט און די גלוסטונג צו דער הימלישער וועלט פון לויטער רוחניות".

דער „חובת הלבבות" איז גלייך איבערגעזעצט געוואָרן פון אַראַבישן אָרי־גינאַל אויף העברעאיש. אין אכצנטן יאָרהונדערט איז ער אויך איבערגעזעצט געוואָרן אויף יידיש, און האָט אין אַ משך פון יאָרהונדערטער באַאיינפלוסט דעם יידישן גע־דאַנק און לעבנס־שטייגער.

2 9 ס ט ע   ל ע ק צ י ע

צווייטער גייסטיקער צענטער פון די אשכנזים אין צפון-פראַנקרייך

(1050 - 1096)

אין דער זעלבער צייט, וואָס אין די ישיבות, געגרינדעט פון ר' גרשון מאור הגולה און זיינע תלמידים אין דער ריין־פּראָווינץ, אַנטוויקלט זיך דער למוד התלמוד, אַנטשטייט אין צפון־פראַנקרייך אַ שול פון מפרשים, ס'הייסט פון לומדים, וואָס זוכן צו פאָרשן און צו אויסטייטשן דעם ריכטיקן פשט פון תנ"ך. די דאָזיקע שול ווערט געגרינדעט פון צוויי ברידער: שמעון קאַרא און מנחם בר־חלבו. דער ערשטער האָט זיך מער אָפּגעגעבן מיט דרש, ד. ה. מיט דער פרייער אינטערפּרעטאַציע פון ביבלישן טעקסט, נישט האַלטנדיק זיך שטרענג ביי זיין ווערטערלעכן פשט. שמעון קאַרא האָט זיין דרש־אויסטייטשונג פון דער תורה אונדז געלאָזט אין אַ מדרשים־זאַמלונג, וואָס טראָגט דעם נאָמען ילקוט־שמעוני. דער צווייטער ברודער, מנחם בר חלבו, האָט זיך שטרענג געהאַלטן ביים איינפאַכן טייטש פון ביבל־טעקסט און נישט דערלאָזט קיינע פרייע אויסטייטשונגען, אָדער אַריינטייטשונגען אין אים. זיין סיסטעם האָט פאָרגע־זעצט זיין פּלימעניק, דער זון פון שמעון קאַרא, יוסף, וועלכער האָט זיך נישט אָפּגע־שטעלט פאַר די ווייט־גייענדיקסטע אויספירן, אויב זיי פליסן נאָר אַרויס פון דעם ריכטיקן טייטש פון ביבלישן טעקסט. סיי מנחם, סיי יוסף קאַרא האָבן פיל אויפגעטאָן אויפן געביט פון פעסטשטעלן דעם ריכטיקן באַדייט פון דעם תנ"ך־טעקסט, אין הסכם מיט די כללים פון דער העברעאישער גראַמאַטיק. זיי האָבן זיך אין זייער וויכטיקער אַרבעט באַנוצט מיט די דקדוק־אַרבעטן פון דעם ספרדי מנחם בן סרוק, זיי האָבן אָבער נישט געקאָנט באַנוצן די אָפּהאַנדלונגען איבער דקדוק פון זיינע גרויסע תלמי־דים יהודה חיוג' און יונה ג'נאח, ווייל זייערע חבורים זענען געווען געשריבן אין אַראַביש.

דער וואָס האָט סינטעטיזירט ביידע שולעס פון דרש און פשט און האָט פאַרפאַסט אַן ענדגילטיקן פירוש אויף תנ"ך, וואָס איז ביז היינט אָנגענומען איבער

דער גרעסטער יידישער וועלט איז ר׳ שלמה ב״ר יצחק, רש״י, וועלכער איז אין 1040 געבוירן געוואָרן אין דער פראַנצויזישער שטאָט טרואַ, וווּ ער האָט אין יאָר 1070 געגרינדעט זיין גרויסע ישיבה. (געשט. 1105).

רש״י האָט געלערנט אין דער ישיבה פון מיינץ ביי ר׳ יצחק ב״ר יהודה, דעם תלמיד פון ר׳ גרשם מאור הגולה. ער האָט אויך אַ געוויסע צייט געלערנט אין דער ישיבה פון וואָרמס און לסוף צוריקגעקערט זיך אין זיין געבורט־שטאָט, וווּ ער האָט פיין פרנסה געהאַט פון אַן אייגענעם וויינגאָרטן.

אין זיין פירוש אויף תנ״ך באַמיט זיך רש״י בעיקר צו זיין טריי דעם פשט פון טעקסט, ער קאָן זיך אָבער נישט אָפּזאָגן פון אַריינפלעכטן אויך די פיינע מדרשים, וואָס זענען אַזוי באַליבט געווען ביים פאָלק, ווען אפילו זיי טייטשן אויס פריי דעם מיין פון תנ״ך. מערער ווי איין מאָל גיט רש״יביידע אינטערפּרעטאַציעס, סיי דעם פשט, סיי דעם דרש און באַוואָרנט טאַקע אויפן אָרט: „זהו פשוטו והדרש ידרש״, דער פשט איז אַזוי און אַזוי, אָבער דער דרש זאָל זיך דרשנען. די פאָלקסטימלעכע האַרציקייט פון רש״ים פירוש האָט אים געמאַכט באַליבט ביי אַלע שיכטן פון פאָלק. „חומש מיט רש״י״ איז געוואָרן אַ פאָלקסטימלעכער לימוד, וואָס דער גרעסטער טייל פון די פאַריקע דורות האָבן געלערנט אין די יינגסטע יאָרן ביים רבין אין חדר.

פון נאָך גרעסערער וויכטיקייט איז געווען דער פירוש, וואָס רש״י האָט פאַרפאַסט אויפן תלמוד. צוערשט האָט ער פאַרענדיקט די גרויסע אַרבעט פון פעסט־שטעלן די ריכטיקייט פון תלמודישן טעקס, וואָס עס האָט אָנגעהויבן זיין גרויסער פאָרגייער ר׳ גרשם מאור הגולה. נאָכהער האָט ער גענומען שרייבן זיין פירוש צום תלמוד. דער תלמוד איז געשריבן אין אַראַמעאיש, די פאָלקס שפּראַך פון די צייטן ווען ער איז פאַרפאַסט געוואָרן, אָבער וועלכע די יידן האָבן שוין נישט גערעדט און אפילו שווער פאַרשטאַנען אין די צייטן פון רש״י. עס איז נויטיק געוואָרן צו העלפן פאַרשטיין דעם אַראַמעאישן טעקסט, באַנוצנדיק די שפּראַך, וואָס יידן לומדים האָבן קיינמאָל און אין ערגעץ נישט פאַרגעסן: העברעאיש, און רש״י האָט מייסטערהאַפט דורכגעפירט די דאָזיקע אויפגאַבע. ווי אַן עכטער וואָרט־קינסטלער איז ער זייער קאַרג אויף ווערטער. עס גענוגט אים אַ קורצע באַמערקונג, אָפטמאָל בלויז איין איינציק וואָרט, אויף קלאָר צו מאַכן דעם האַרבסטן ענין. דאָרט וווּ עס איז געווען נויטיק, שטעלט זיך רש״י נישט אָפּ פון פאַרטייטשן געוויסע באַגריפן אויף בל״עז (בלשון עם זר — אויף אַ שפּראַך פון אַ פרעמדן פאָלק), ס׳הייסט אויף דעם פראַנצויזישן און דייטשישן דיאַלעקט, וואָס יידן האָבן דאַן גערעדט און שוין היפּש פאַריידישט.

רש״י איז גלייך אָנערקענט געוואָרן אַלס דער אומפאַרגלייכלעכער אויסטייטשער פון תנ״ך און תלמוד, וואָס ער האָט געמאַכט צוגענגלעך פאַר די ברייטע קרייזן פון יודעי ספר. ער פאַרדינט פולשטענדיק דעם נאָמען, וואָס מען האָט אים מיט ליבע און פאַרערונג געגעבן: פרשנדתא — געזעץ־דערקלערער.

ביים סוף פון זיין לעבן האָט רש״י איבערגעלעבט די ערשטע גרויזאמע קאַטאסטראָפע, וואָס האָט געטראָפן די יידן אין דער קריסטלעכער אייראָפּע, דעם ערשטן קרייצצוג (1096). דער דאָזיקער אומגליק האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג אין אַ סליחה „ומשחרב בית מקדשנו״, וואָס רש״י האָט פאַרפאַסט, און וואָס ווערט ביז היינט געזאָגט יום־כּפּור צו מוסף.

דער ערשטער פערז פון דער סליחה זאָגט :

ומשחרב בית מקדשנו,	און זינט דער בית המקדש איז חרוב געוואָרן,
תנות צרות לא נוכל,	קאָנען מיר די צרות ניט אויסדערציילן
רבתה בנו חלחלה,	ציטערניש מערט זיך ביי אונדז,
קרן ירדה עד עפר.	אונדזער שטאַרקייט ליגט אין שטויב.

אזוי האָט דער גרויסער יידישער מלומד מיטן גרויסן יידישן האַרץ באַוויינט דעם גרויסן בראָך פון 1096, דעם אָנפאַנג פון דער ירידה פון די נאָר וואָס א יפּגעקומענע גייסטיקע צענטערן. יידיש בלוט איז זינט דאַן געווען הפקר אין דער קריסטלעכער אייראָפּע, און די גייסטיקע צענטערן זענען פאַרוועלקט געוואָרן, נאָך איידער זיי האָבן זיך רעכט צעבליט.

3 9 ס ט ע   ל ע ק צ י ע

דריטער גייסטיקער צענטער פון די ספרדים אין לוסענא

(1103 - 1066)

אָבער נאָך איידער עס איז אויסגעבראָכן דער גרויסער אומגליק פון די קרייצ־צוגן, וואָס וועט אריינוואַרפן די אשכנזישע ישובים אין אָפּגרונט פון אוממענטש־לעכע ליידן און וועט זיך אויך אָפּרופן צום שלעכטן אויף די ישובים פון די ספרדים, בליט אויף דער גייסטיקער צענטער פון לוסענא, לעבן דער אַלטער קאָרדאָבא, וואָס וועט געבן דעם יידישן פאָלק אייניקע גרעסטע מענער פון דער אַזוי גערופענער גאָל־דענער עפּאָכע אין שפּאַניע.

די צעשטערונג פון דעם צענטער אין גראַנאַדאַ אין יאָר 1066 האָט דאָך נישט באַזייטיקט לגמרי די יידן פון דער אַנפירערשאַפט פון די קליינע איסלאַמישע מלוכות. פיל פּליטים פון גראַנאַדאַ האָבן זיך געראַטעוועט קיין סעוויליע, ווו עס האָבן געהערשט די אויפגעקלערטע טיראַנען מוטאַדיד (1042־1069) און מעטאַמעד (1069־1091), וועלכע האָבן געשטרעבט צו פאַרוואַנדלען זייער הויפּטשטאָט אין דעם קולטור־צענטער פון דער איסלאַמישער שפּאַניע. אין זייער הויף זענען עולה לגדולה געוואָרן צוויי יידן: יוסף אבן מיגאַש, וואָס האָט געפירט די אויסערן־פּאָליטיק פון דער מלוכה, און יצחק אבן אַלבאַליאַ, אַ געבוירענער אין קאָרדאָבאַ און אַ פריינד פון שמואל הנגיד, וועלכער איז געווען דער אַסטראָלאָג פון הויף און אויך דער הויפּט־רב און ראש פון אַלע יידן אין עמיראַט פון סעוויליע. אויך אין סאַראַגאָסאַ, ביים הערשער וואָס האָט געטראָגן דעם נאָמען מוקטאַדיר (1047־1081), איז געווען אַ יידישער וויזיר חסדאי בן חסדאי אבן פּאַדאַל, וועלכער איז אויך געווען אַ פיינער קענער פון דער אַראַבישער פּאָעזיע: „נישט קיין פערזן שאַפט ער, נאָר וואונדער", אַזוי האָט וועגן אים געזאָגט אַ מוסלימישער שרייבער.

די צעשטערונג פון דעם כאַליפאַט פון קאָרדאָבאַ האָט גורם געווען די אָפּ־שוואַכונג פון דער איסלאַמישער מאַכט אין שפּאַניע און די קריסטלעכע מושלים פון

די צפון־געגנטן האָבן שוין לייכטער געקאָנט אָנפירן זייער קאַמף פאַר צוריקדעראָבע־רונג (רעקאָנקוויסטאַ) קעגן די צעשפּליטערטע מוסלימישע מלוכהלעך. די וויכטיקסטע העלדן פון דער קריסטלעכער צוריקדעראָבערונג זענען געווען פערדינאַנד דער 1טער, מלך פון קאַסטיליע (1055־1065) און זיין זון אַלפאָנס דער זעקסטער (1065־1109).ביידע מלכים האָבן איינגעזען די גרויסע נוצן, וואָס זיי קאָנען ציען פון יידישע אונ־טערטאַנען און האָבן פאַרקוקט די אַלטע וועסט־גאָטישע געזעצן קעגן די יידן, ארויס־געבנדיק נייע געזעצן, וואָס האָבן געגעבן יידן כמעט פולע גלייכבארעכטיקונג. פאַר טויטן אַ יידן איז געקומען די זעלבע שטראָף ווי פאַר טויטן אַ נאָבלמאַן אָדער פּריס־טער. יידן האָבן געהאַט אַ ברייטע אויטאָנאָמיע מיט אייגענע געריכטן. פּראָצעסן צווישן יידן און נישט־יידן פלעגן געמישפּט ווערן אין אַ געמישטן געריכט פון „אַלקאַלדעס" בוררים פון ביידע רעליגיעס. אַלפאָנס דער זעקסטער האָט געהאַט אַ יידישן לייב־דאָקטאָר עמרם בן שלביב, וועמען ער פלעגט אָפט אָנפאַרטרויען דיפּלאָמאַטישע מי־סיעס אין די הייף פון די איסלאַמישע הערשער. ער האָט אויך געהאַט אין זין הויף דעם יידישן געלערנטן צידעלוס. דער מלך איז גאָר ווייניק נתפּעל געוואָרן, ווען אין 1080 האָט דער אַלמעכטיקער פּויפּסט גרעגואַר דער 7טער, פאַר וועמען דער דייטשי־שער אימפּעראַטאָר היינריך דער פערטער האָט געמוזט קניען און קאַנאָסאַ, פאַראָרדנט אַלפאָנסן, ער זאָל גלייך אָפּזאָגן אַלע יידן, וואָס ער האָט אין זיין דינסט. די יידן זענען ווייטער געבליבן אין זייערע אמטן.

דער טויט פון דערמאָנטן עמרם בן שלביב האָט אפילו גורם געווען צו אַ פאַרביטערטן קריג צווישן דעם קריסטלעכן און איסלאַמישן טייל פון שפּאַניע, וואָס האָט געבראַכט צו דער אינטערווענץ פון דער פאַנאַטישער איסלאַמישער סעקטע: די אַלמאָראַווידן (מאַראַבוטן). אין שליחות פון אַלפאָנס דעם זעקסטן איז עמרם אבן שלביב געפאָרן צום עמיר פון סעווילע, מעטאַמעד, וואָס איז געווען אַ וואַסאַל פון דעם קריסטלעכן מלך, פאָדערן, ער זאָל אים איבערגעבן די אַמאָליקע רעזידענץ פון די כאַליפן, „אַל סאַהראַ", נעבן קאָרדאָבאַ. אויפגערעגט פון אַזאַ שאַרפער פאָדערונג, האָט דער עמיר באַפוילן אויפצוהענגען דעם דיפּלאָמאַטישן שליח פון אַלפאָנסן. אַלס נקמה פאַר אַזאַ אומדערהערטער האַנדלונג דרינגט אריין אַלפאָנס אין עמיראַט פון סעווילע, מאַכט חרוב דאָס לאַנד און נעמט אַוועק אירע איינוווינער אין געפאַנגענ־שאַפט. ער נעמט אויך איין די אַלטע הויפּטשטאָט פון די וועסט־גאָטן, טאָלעדאָ, וווהין ער טרעט פייערלעך אריין אין מאַי פון 1085.

צעשראָקענע פון גרויסן זיג פון די קריסטן, רופן די מאַכמעדאַנישע הערשער פון שפּאַניע צו הילף זייערע גלויבנס־גענאָסן פון מאַראָקאָ. דער פירער פון דער בער־בערישער סעקטע, אַלמאָראַווידן, יוסיף אבן תשפון, וואָס האָט געהאַט אויסגערופן אַ הייליקן קריג, רופט זיך אָפּ אויף דער איינלאַדונג, קרייצט דעם גיבראַלטאַר און קומט מיט זיינע פאַנאַטישע חילות קיין שפּאַניע. אין 1086 קומט פאַר די אַנטשיידענע

שלאַכט צווישן די קאָנצענטרירטע כוחות פון די קריסטן און די מוסולמענער. אין ביידע מחנות זענען פאַראַן אויך יידישע קעמפער, און מען וואַרט אָפּ מיט דעם קאַמף די דריי הייליקע טעג פאַר די דריי רעליגיעס: פרייטיק (מאַכמעדאַנער), שבת (יידן) און זונטיק (קריסטן), ביז מען גיט די אַנטשיידענע שלאַכט. די מוסלימער זיגן און עס ווערט איינגעשטעלט אין שפּאַניע די מוסלימישע גרויסע מלוכה פון די אַלמאַראַווידן, וואָס וועט עקזיסטירן פופציק יאָר, און אין וועלכער די יידן וועלן שוין נישט געניסן פון דער זעלבער טאָלעראַנץ און אָנזען, וואָס פריער.

די פאַרערגערטע לאַגע פון די יידן אין איסלאַמישער טייל פון שפּאַניע האָט אָבער נישט אָפּגעהאַלטן זייער גייסטיקע טעטיקייט. פון גראַנאַדאַ האָט זיך געראַטעוועט קיין לוסענאַ דער תלמודיסט יצחק אבן גיאַט, וועלכער האָט דאָרט געגרינדעט אַ ישיבה. אבן־גיאַט איז געווען נישט נאָר אַ גרויסער תלמודיסט, נאָר אויך אַ באַדייטנדיקער פּיטן, אייניקע פון זיינע פיוטים זענען אַריין אין מחזור פון די ספרדים. ער איז געשטאָרבן אין יאָר 1089.

די ישיבה אין לוסענאַ, אַ שטאָט וואָס האָט געהאַט אַ מערהייט יידישע איינוווינער, האָט צוגעקראָגן אַ ספּעציעלע באַדייטונג זינט 1088, ווען עס האָט זיך דאָרט באַזעצט ר׳ יצחק אַלפסי, אַ גרויסער תלמודיסט, דער תלמיד פון די גאונים פון קיירואַן, רבינו נסים און רבינו חננאל.

אין דער זעלבער צייט, וואָס דער אשכנזי רש״י האָט זיך געווידמעט דער ריזיקער אַרבעט פון דערקלערן דעם תלמוד דורך זיין וווּנדערלעכן פּירוש, האָט דער ספרדי ר׳ יצחק פון דער שטאָט פעס (רי״ף) זיך פאַרמאָסטן צו מאַכן אַ רעזומען פון תלמוד, אויסלאָזנדיק די אַלע באַהאַנדלונגען אַרום די דינים און ברענגען בלויז די געהעריקע משנה, אַ רעזומען פון דעם וויכוח אַרום איר אינהאַלט, און דעם פּסק דין. דאָס האָט פיל פאַרלייכטערט דאָס לערנען פון תלמוד, ווי אויך די פּראַקטישע קענטעניש פון זיינע דינים. רופט זיך טאַקע דער חבור פון דעם רי״ף: „תלמוד קטן״, אָדער „הלכות״ (דינים).

צום סוף פון עלפטן יאָרהונדערט, איידער עס ברעכט אויס דער שטורעם פון די קרייצצוגן, זענען שוין די אשכנזישע און ספרדישע קהלות אין אייראָפּע דערגאַנגען צו אַ מדרגה, וואָס זיי האָבן פאַרמאָגט ישיבות און אויטאָריטעטן, וואָס האָבן פאַרגעזעצט די שאַפונג און אַנטוויקלונג פון דער יידישער יוריספּרודענץ, וואָס איז אָנגעווענדט געוואָרן אין די אייגענע יידישע געריכטן (בתי דין).

94סטע לעקציע

דער שוואַרצסטער יאָרהונדערט

(1095 - 1204)

די קרייץ־טרעגער

צום סוף פון עלפטן יאָרהונדערט איז די פּאָליטישע לאַגע פון דער פעאָדאַלער אייראָפּע געווען אַ גאַנץ קאָמפּליצירטע. דער שטרייט צווישן די קריסטן און מאַכמעדאַנער אין שפּאַניע האָט זיך דערוויל פאַרענדיקט אין 1086 מיט אַ זיג פון די מוסולמענער, וואָס האָבן באַפעסטיקט זייער גרויסע מלוכה מיט די אַלמאָראַווידן בראָש. די אָנגעצויגנקייט צווישן דעם קריסטנטום און איסלאַם איז צוליב דעם נאָך פיל פאַרשטאַרקט געוואָרן.

אין דער קריסטלעכער אייראָפּע גופא איז אויך אָנגעגאַנגען אַ שאַרפער אינערלעכער קאַמף פאַר מאַכט. די קריסטלעכע טייל פון אייראָפּע איז געווען צעטיילט אין אַ היפּשער צאָל קעניגרייכן און פירשטנטומס, וואָס האָבן נאָמינעל אָנערקענט די אויבערמאַכט פון אימפּעראַטאָר, וועמען זיי האָבן געדאַרפט קומען צו הילף אין פאַל פון מלחמה, ווי אויך צאָלן אים פון צייט צו צייט געוויסע באַשטייערונגען. אויסער די פאַרפליכטונגען זענען זיי געווען כמעט אומאָפּהענגיק אין דער אינערלעכער פירונג פון זייערע גרעסערע און קלענערע מלוכות.

צעברעקלט פּאָליטיש איז אָבער די קריסטלעכע אייראָפּע געבליבן צענטראַליזירט אין איר רעליגיעזער פאַרוואַלטונג, בראָש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער פּויפּסט. צווישן פּויפּסט און אימפּעראַטאָר פלעגן פאָרקומען אָפטע קאָנפליקטן איבער דער פראַגע, ווער איז דער אַלערהעכסטער ראָש פון קריסטנטום, צי איז דער פּויפּסט אונטערגעוואָרפן דעם אימפּעראַטאָר, אָדער להיפּך. דאָס פּויפּסטנטום דערגרייכט צו גאָר אַ הויכער מדרגה אונטער דער פירערשאַפט פון גרעגואַר דעם זיבעטן (1073-1085). דער דאָזיקער ענערגישער פּויפּסט פירט דורך אַ גרינטלעכע רעפאָרם פון דער קירכע, פאַרבאָט צו קויפן די פּאַראַפיעס פון די אָרטיקע הערשער, בלויז ער אַליין קאָן נאָמינירן די בישאָפן, וועלכע באַשטימען שוין די אָרטיקע גלחים. די גלחים טאָרן אויך

נישט חתונה האָבן. דער פּויפּסט אַנטוויקלט אַ טעאָריע, אַז די גייסטיקע מאַכט איז שטענדיק העכער פון דער וועלטלעכער.

ווען דער אימפּעראַטאָר היינריך דער פערטער טרעט אַריין צוליב דעם אין אַ קאָנפליקט מיטן פּויפּסט, וואַרפט אים גרעגואַר אַריין אין חרם, איז מבטל די שבועה, וואָס די פעאָדאַלן און אונטערטאַנען האָבן אים געגעבן. דער אימפּעראַטאָר האָט נישט קיין אַנדער ברירה ווי דערנידעריקן זיך און בעטן מחילה ביים פּויפּסט. אין איטאַליענישן שטעטל קאַנאָסאַ נעמט אויף גרעגואַר דער זיבעטער די תשובה פון היינריך דעם פערטן, נאָכדעם ווי דער אימפּעראַטאָר שטייט אָפּ אַ גאַנצן טאָג אַ באָרוועסער אויפן שניי אין די אויסערלעכע הויף פון דער פּויפּסטלעכער רעזידענץ (1077). די איבערמאַכט פון פּויפּסט ווערט אַזוי אַרום טעאָרעטיש אַנערקענט און וואַרט אויף אַ געלעגנהייט, ווען זי זאָל זיך קאָנען אַרויסווייזן באמת ווי אַ קעמפּפערין און פאַרטיידיקערין פון קריסטנטום.

מיט יידן האָבן דערווייל די אַלע ענינים ווייניק צו טאָן. יידן זענען וויכטיק און נויטיק אַלס אינטערנאַציאָנאַלע סוחרים, אַלס מעדיקער, מאַטעמאַטיקער, אַסטראָנאָמען און אַסטראָלאָגן, אַלס געשיקטע בעלי מלאכות און אפילו אַלס ערד־אַרבעטער. דערצו זענען זיי קינדער פון אַ דריטן גלויבן, וואָס איז אַנערקענט און ביז אַ געוויסע מאָס רעספּעקטירט פון די טעכטער־אמונות, די נאַטירלעכע פאַרבינדונגס־מענטשן צווישן די צוויי קעמפּערישע רעליגיעס: דאָס קריסטנטום און דער איסלאַם.

דערווייל האָט די אינטערנאַציאָנאַלע לאַגע אין פּאָדעראַזיע געגעבן דעם פּויפּסטנטום אַ מעגלעכקייט צו ברענגען צו פּראַקטישן אויסדרוק זיין איבערהערשאַפט אין קריסטנטום. אין 1070 ווערט דער מזרח־כאַליפאַט אָנגעגריפן פון נייע דעראָבערער, דער טערקישער שבט סעלדזשוקן, וואָס נעמט איין סיריע און ארץ־ישראל אין יאָר 1071. ווען די חילות פון די סעלדזשוקן דערגרייכן צו די טויערן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל און באַדראָען דער עצם עקזיסטענץ פון דער ביצאַנטישער אימפּעריע, געפינט זיך דער אימפּעראַטאָר אַלעקסיס געצוווּנגען צו אַרויסשיקן אַ הילפס־רוף צו דער קריסטלעכער אייראָפּע. ער ווענדט זיך אָבער נישט צום מערב־אימפּעראַטאָר, נאָר צום פּויפּסט. פריער צו גרעגואַר דעם זיבעטן און שפּעטער צו אורבאַן דעם צווייטן (1088־1099).

דערווייל קומט פון ארץ־ישראל דער מאַנאַך פּעטער פון אַמיען און דערציילט, אַז די סעלדזשוקן באַהאַנדלען זייער שלעכט די קריסטלעכע עולה־רגל, וואָס קומען מתפלל צו זיין ביים קבר פון יעזוסן, און דאָס איז שוין אַ צו שטאַרקע באַליידיקונג פאַר דער קריסטלעכער אמונה. דער פּויפּסט אורבאַן דער צווייטער נוצט אויס די געשפּאַנענע שטימונג און אויפן ספּעציעל פאַררופענעם צוזאַמענפאָר אין קלערמאָנט (דרום־פראַנקרייך), לאָזט ער פרוידיקן אין 1095 אַ הייליקן קריג, אַ קרייצצוג אויף צוריקצוקערן דעם קריסטנטום זיינע הייליקע מקומות. די וואָס וועלן זיך באַטייליקן אין קרייצצוג וועלן האָבן פאַרגעבן זייערע זינד, די וואָס וועלן פאַלן אין שלאַכט, וועלן האָבן דעם גן־עדן.

אין דער דעמאָלסדיקער אייראָפּע האָבן נישט געפעלט קיין עלעמענטן, וועמען עס זאָל לאָקן אַזאַ קריגס-צוג אין די רייכע און דאַן ציוויליזירטע מזרח-לענדער. אַראָפּ־געקומענע ריטער און פּאַראַרימטע פּויערים, פּעאָדאַלן, וואָס האָבן געוואָלט באַקומען אַ קעניגרייך אָדער אַ פּירשטנטום אין די עקזאָטישע לענדער וואָס מען וועט איינגעמען, אויסגעהונגערטע פּראָלעטאַריער, וואָס האָבן סתם גאָרנישט וואָס אָנצוּווערן, און אוואַנטוריסטן, וואָס האָבן ליב אַלץ איינצושטעלן; עס האָבן אויך נישט געפעלט קיין איופּריכטיק רעליגיעזע מענטשן, וואָס האָבן „גענומען דעם קרייץ" אויס טיפסטער איבערצייגונג און זענען געווען גרייט מקריב זיין זייער לעבן פאַר דער אויסלייזונג פון די הייליקע ערטער. בראש פון די אַלע עלעמענטן האָבן זיך געשטעלט די קריגערישע נאָרמאַנדן, וואָס האָבן שוין דאַן באַהערשט אַ רייע מדינות אין אייראָפּע: רוסלאַנד, ענגלאַנד, פלאַנדריע, דרום-איטאַליע, סיציליע, און האָבן זיך געריסן צו הייטערדיקע קריגס-אוואַנטורעס.

נאָך איידער די פּעאָדאַלן און די ריטער זענען פאַרטיק געוואָרן מיט זייערע הכנות צום מאַרש, האָבן זיך אין צפון-פראַנקרייך און ריינלאַנד געשאַפן נישט־דיסציפּלינירטע באַוואָפנטע באַנדעס, וואָס האָבן זיך אויף אייגענער אחריות געלאָזט אין וועג אַריין, נישט האָבנדיק אפילו קיין באַגריף אין וועלכער ריכטונג און ווי ווייט מען וועט דאַרפן גיין.

פאַנאַטיזירט פון דער פּראָפּאַגאַנדע קעגן די אומגלויביקע, האָבן די נישט־רעגולערע באַנדעס גלייך איינגעזען, אַז עס האָט נישט קיין זין גיין ערגעץ אין מרחקים קעמפן מיט גוט-באַוואָפנטע כופרים, ווען עס זענען דאָ אונטער דער האַנט שוצלאָזע, אומבאַוואָפנטע און דערצו פאַרמעגלעכע אומגלויביקע, די יידן. דעם דריטן מאַי 1096 באַפאַלט אַ באַנדע קרייצטרעגער די שטאָט שפּייער, וואָס אין איר געגנט זענען די יידן ספּעציעל גערופן געוואָרן אין 1084, אויף צו אַנטוויקלען איר. צען יידן ווערן געטויט. איין פרוי באַגייט זעלבסטמאָרד. דער בישאָף איילט צו פאַרטיידיקן די יידן, וואָס ער אַליין האָט גערופן אין געגנט צו באַזעצן זיך, און די שחיטה ווערט אָפּגעשטעלט.

אָבער דער שחיטה-געשפּענסט איז שוין אין וועג. דעם 18טן מאַי באַפאַלט אַ באַנדע, אָנגעפירט פון גראַף עמיקאָ, די קהילה פון וואָרמס און גיבן איר די ברירה: שמד אָדער טויט. דעם 27סטן מאַי באַפאַלט די זעלבע באַנדע די קהילה פון מיינץ, דעם 30סטן מאַי ווערט באַפאַלן קעלן. אין יוני ווערן באַפאַלן די קהילות פון נעאוס, מעץ, רעגנסבורג, טריער און אַ רייע באַפעסטיקטע ישובים, ווו יידן האָבן זיך פאַר גוט געלט איינגעקויפט אויף אויסצובאַהאַלטן זיך.

יידן האָבן זיך אין אייניקע ערטער העלדיש פאַרטיידיקט, ווייניק יידן איז געלונגען צו אַנטלויפן, נאָך ווייניקער האָבן זיך געראַטעוועט דורך צייטווייליקן שמד; דער גרעסטער טייל פון די קהילות האָט מקדש השם געווען, זיי זענען אָדער אומגעקומען דורך די הענט פון די רוצחים, אָדער אַליין זיך דאָס לעבן גענומען, אויף נישט

אריינצופאלן אין טמא הענט. יידן פלעגן אומברענגען זייערע פרויען און קינדער, נאכ־הער איינער דעם צווייטן א מיתה אנטאן. די לעצטע פלעגן באגיין זעלבסטמארד. דאס מסירת נפש און קידוש השם זענען באטראכט געווארן ווי די הייליקסטע קרבנות, וואס א ייד קאן ברענגען פארן רום און כבוד פון גאט פון זיינע אבות. צוועלף טויזנט נפשות זענען אומגעקומען בשעת דעם ערשטן קרייצצוג.

די באנדעס פון די קרייצטרעגער זענען דערגאנגען ביז ביימען און אונגארן. די יידן פון ביימען זענען אין פחד אנטלאפן קיין פוילן, אבער די ארטיקע הערשער האבן געצוואונגען די קרייצטרעגער צו פארלאזן זייערע מדינות. בראטיסלאוו, פירשט פון ביימען, האט דער ערשטער קאנפיסקירט ס'פארמעגן פון די יידן, וואס האבן זיך געוואלט ראטעווען קיין פוילן, איינשטעלנדיק דעם פרעצעדענט, אז דאס יידישע האב און גוטס געהערט צום הערשער. ווי עס איז האבן די נישט־רעגולערע באנדעס קרייצטרעגער זיך דערשלעפט ביז קאנסטאנטינאפאל. דער ביצאנטישער אימפעראטאר האט זיך צור־געאיילט זיי אריבערפירן קיין קליין־אזיע, ווו זיי זענען כמעט ביז איינעם אויסגעהרגעט געווארן פון די סעלדזשוקן (1096). א בעסער מזל האבן שוין געהאט די ארגאניזירטע חילות פון די פעאדאלן, וואס זענען געקומען מערסטנטייל פון די לענדער, ווו עס האבן געהערשט די נארמאנדן: נארמאנדיע, פלאנדריען, ענגלאנד, דרום איטאליע און סיצי־ליע, ווי אויך פון פראנקרייך און זענען געווען אנגעפירט פון נארמאנדישע פירשטן מיט גאטפרעד פון בוליאן בראש. נישט דער אימפעראטאר, נישט דער מלך פון פראנק־רייך האבן זיך באטייליקט אין ערשטן קרייצצוג. נאך שווערע שלאכטן דערשלאגן זיך די קרייצטרעגער קיין ירושלים (א סך פאלן אויפן וועג), זיי נעמען די שטאט, מארדן אויס די יידישע קהילה און א גרויסן טייל פון דער איסלאמישער באפעלקערונג און גרינדן א קריסטלעכע מלוכה, וואס וועט עקזיסטירן ארום איין יארהונדערט (1099).

ווען דער קיום פון דער דאזיקער מלוכה שטייט אין סכנה דורך דעם וואס די מאכמעדאנער נעמען איין איינעם פון אירע פעאדאלע שטאטן, עדעסא, ווערט אין אייראפע ווידער געפרידיקט א קרייץ־צוג (1147-1146). אין דעם צווייטן קרייץ־צוג באטייליקן זיך דער אימפעראטאר פון דייטשלאנד קאנראד דער דריטער און דער מלך פון פראנקרייך לודוויג דער 7טער. עס חזרן זיך איבער די שחיטות אויף יידן, ווען אפילו אין א קלענערן מאסשטאב. דאס מאל איז דער אנפירער פון די הריגות א פאנא־טישער, אומוויסנדיקער מאנאך, מיטן נאמען רודאלף. צווישן די געליטענע געפינען זיך אויך די פירער פון די יידן אין פראנקרייך און אין ריינלאנד. דער אייניקל פון רש״י, יעקב ב״ר מאיר תם, איינער פון די גרעסטע בעלי־תוספות, און ר׳ אלעזר פון ווארמס, מחבר פון ספר „הרוקח״ און איינער פון די מחברים פון ספר חסידים. ביידע מנהיגים ראטעווען דאס לעבן, ווען אפילו ר׳ אלעזר פארלירט זיין גאנצע משפחה. מען דארף אויך פארצייכענען, אז דער אימפעראטאר קאנראד, דער מלך לודוויק און זיינע ראט־געבער די בישאפן סונעריוס און בערנארד פון קלערוואָ האבן פארטיידיקט די יידן.

5 9 ס ט ע ל ע ק צ י ע

דער שוואַרצסטער יאָרהונדערט

(1095 ־ 1204)

בלוט־בלבולים און גירושים

אָבער יידיש בלוט איז נאָכן ערשטן קרייצצוג געוואָרן הפקר. יידיש לעבן האָט מער קיין ווערט נישט, יידיש האָב און גוטס רייצט די גיריקייט פון המון און פון זיינע פירער. מען דאַרף נאָר האָבן אַ פּאַסיקן אויסרייד און שוין קאָן מען אומברענגען יידן „געזעצלעך", אָדער מאָרדן זיי אין אויסברוכן פון „פאָלקס־צאָרן", אין ביידע פאַלן קאָן מען אָנוואַרעמען די הענט ביי זייער פאַרמעגן. עס אַנטשטייט דעמאָלט די שרעק־לעכע און אבסורדע באַשולדיקונג, אַז יידן טויטן קריסטן בכדי אַריינצוקנעטן זייער בלוט אין דעם טייג פון די מצות. אין יאָר 40 פון ד. א. צ. ר. האָט דער באַרימטער פּען־געגנסטער אַפּיאָן פון אַלעקסאַנדריע געשריבן עפּעס ענלעכעס אין זיינע אַנטי־יידישע פּאַמפּלעטן. מיט עלף הונדערט יאָר שפּעטער לעבט אויף דער אַבסורדער בלבול אין דער קריסטלעכער אייראָפּע.

אין 1144 קומט פאָר דער ערשטער בלוט־בלבול (עלילת דם) אין ענגלאַנד, אין דער שטאָט נאָרוויטש. די קהילה ווערט כמעט אינגאַנצן אויסגעמאָרדעט. אין 1168 קומט פאָר אַן ענלעכער בלבול אין גלאָסעסטער, אויך ענגלאַנד. אין 1171 כאַפּט זיך אַריבער די באַשולדיקונג אויפן קאָנטינענט... יידן ווערן פאַר אַ בלוט־בלבול פאַרברענט אין בלואַ, פראַנקרייך. אין 1181 ווערן ווידער ליידן פון אַ בלוט־בלבול די יידן אין ענגלאַנד. אין דער שטאָט סטענדמונדס. אין 1191 ווערן פאַרן זעלבן בלבול מקדש השם זיין די יידן פון ברײ, פראַנקרייך. אין 1195 ווערן דורכגיין דורך דעם שווערן פּרווו די יידן פון שפּייער.

דער בלוט־בלבול איז די שרעקלעכסטע ירושה, וואָס דער צוועלפטער יאָרהונ־דערט האָט געלאָזט. עס איז כמעט נישטאָ קיין יאָרהונדערט אין קיין לאַנד, ווו מען

זאָל יידן נישט האָבן באַשולדיקט אין דער שווידערלעכער אויסטראַכטעניש. פֿופֿצן און אימפּעראַטאָרן, קעניגן און פֿירשטן, משומדים און קריסטלעכע געלערנטע וועלן מער ווי איין מאָל אַרויסטרעטן קעגן דער אומגעלומפּערטער באַשולדיקונג, עס וועט ווייניק העלפֿן. נאָך אין 20סטן יאָרהונדערט וועלן געמאַכט ווערן בלוט־בלבולים אין רוסלאַנד, פּוילן, אונגאַרן און אַפֿילו אין צפֿון־אַמעריקע.

די יידן פֿון ענגלאַנד האָבן אָבער צו ליידן נישט בלויז פֿון בלוט־בלבולים.

ווען אין 1187 געלינגט עס דעם קורדישן העלד סאַלאַדין צו אָפּנעמען ירושלים ביי די קריסטן, ווערט אין אייראָפּע געפּרייזט דער דריטער קרייצצוג, וועלכער וועט דורכגעפֿירט ווערן צווישן די יאָרן 1189־1192. דאָס מאָל וועט דאָס אומגליק טרעפֿן די יידן פֿון ענגלאַנד, וואָס האָבן זיך ווי על פּי נס געראַטעוועט אין די צייטן פֿון די ערשטע צוויי קרייצצוגן.

יידן זענען געקומען קיין ענגלאַנד צוזאַמען מיט די חילות פֿון דעם נאָרמאַנדישן דוקוס וויליאַם דער דעראָבערער, וועלכער האָט איינגענומען ענגלאַנד אין 1066. אַ היפּשע צייט וועט ענגלאַנד בלייבן פֿאַראייניקט מיט צפֿון פֿראַנקרייך, און דאָס וועט נאָך מער פֿאַרלייכטערן דאָס באַזעצן זיך פֿון יידן אין ענגלאַנד, ווו זיי האָבן צו דערפֿילן אַ וויכטיקע עקאָנאָמישע פֿונקציע, העלפֿן אַריבערגיין פֿון אַ פּרימיטיווער עקאָנאָמיק פֿון חילופֿין, צו אַן עקאָנאָמיק פֿון געלט־צירקולאַציע. יידן זענען כמעט די איינציקע, וואָס האָבן מזומן געלט אין דעם דעמאָלסדיקן אָפּגעשטאַנענעם ענגלאַנד, און פֿון דעם מלך, ביז צו די פֿעאָדאַלן, ביז צו פֿאַרשקלאַפּטע פּויערים, נויטיקן זיך אַלע אין זייערע הלוואות. אַ סך שלעסער און פּאַלאַצן זענען אויפֿגעבויט געוואָרן אין ענגלאַנד מיט יידישע הלוואות. יידישע קהילות זענען לכתחילה געגרינדעט געוואָרן אין די שטעט מיט די וויכטיקערע דערציאונג־אַנשטאַלטן: אָקספֿאָרד (1073) און קעמברידזש (1075). שפּעטער האָבן זיך יידן אויך באַזעצט אין לאָנדאָן (אַרום 1100). יידן האָבן גענאָסן פֿון אַ ברייטער אינערלעכער אויטאָנאָמיע, האָבן געהאַט אייגענע געריכטן. זיי האָבן געקאָנט פֿריי טרייבן האַנדל און פֿאַרלייען געלט אַפֿילו אויף אייגנטום, בלויז מיט די הייליקע געשירן פֿון דער קירכע האָבן זיי נישט געטאָרט האַנדלען, נישט נעמען זיי אין משכון. פֿאַר די דאָזיקע פּריווילעגיעס האָבן זיי געצאָלט הויכע צינזן. דער קעניג איז געווען ווי אַ שותּף צו זייערע געשעפֿטן, פֿון הלוואות האָט ער גענומען אַ פּראָצענט פֿון ביידע צדדים, און די יידן זענען געווען פֿאַרפּליכטעט צו לייען אים געלט, ווען און וויפֿל ער וועט נאָר פֿאַרלאַנגען. בכלל האָט דער קעניג באַטראַכט די יידן און זייער פֿאַרמעגן ווי זיין אייגנטום.

טראָץ די אַלע שוועריקייטן זענען יידן אין ענגלאַנד גיך רייך געוואָרן, האָבן זיך געלאָזט בויען פּאַלאַצן און אַפֿילו באַפֿעסטיקטע שלעסער, און דאָס האָט אַרויסגערופֿן די קנאה פֿון דער איינגעזעסענער באַפֿעלקערונג, בפֿרט ווען די צאָל יידן האָט גע־

האַלטן אין איין שטייגן מיט אַ צופֿלוס פֿון ייִדן, וואָס האָבן זיך בשעת די ערשטע צוויי קרייצצוגן, ווי אויך פֿון אַ גירוש פֿון פֿראַנקרייך אין 1182, געראַטעוועט פֿון צפֿון־פֿראַנקרייך קיין ענגלאַנד. די קעניגן האָבן געזוכט אין אָפּט געפֿונען אויסריידן וויאַזוי צו באַנעמען ייִדן פֿון אַ טייל פֿון זייער פֿאַרמעגן. אַזוי לייגט אַרויף הײנריך דער ערשטער אַ שטראָף פֿון צוויי טויזנט פֿונט (הײנטיקע אַכציק טויזנט) אויף אַ ייִדישן דאָקטאָר פֿון לאָנדאָן, וואָס זאָל האָבן געהיילט אָן הצלחה אַן ענגלישן פּאַציענט, און יענער איז געשטאָרבן. הײנריך דער צווייטער פֿירט איין אַ געזעץ, אַז ווען אַ ייִדישער וווּכערניק שטאַרבט, ווערן אַלע זיינע חובֿות קאָנפֿיסקירט פֿאַרן מלוכה־אוצר. אויף אַזאַ אופֿן האָט ער געקאָנט צונעמען דעם גאַנצן פֿאַרמעגן פֿון דעם רייכן באַנקיר אהרן פֿון לינקאָלן. אין 1168 וואַרפֿט הײנריך דער צווייטער אַרויף אַ באַזונדערן אָפּצאָל אויף די ייִדישע קהילות און אַרעסטירט זייערע מנהיגים אַלס ערובֿניקעס, ביז וואַנען די גאַנצע סומע וועט אַריינגעטראָגן ווערן. ווען מען הויבט אָן מאַכן די צוגרייטונגען צום דריטן קרייצצוג אין 1188, ווערט אויף דער גאַנצער באַפעלקערונג אַרויפֿגעלייגט אַן אָפּצאָל: צען פּראָצענט פֿון פֿאַרמעגן. ייִדן אָבער דאַרפֿן ביישטייערן מיט אַ פֿערטל פֿון זייער פֿאַרמעגן. ייִדן האָבן געדולדיק געצאָלט, אין דער האָפֿענונג, אַז דאָס געלט וועט זיי אויסקויפֿן פֿון גרעסערע צרות. עס איז אָבער נישט באַשערט געווען.

אין 1189 שטאַרבט הײנריך דער צווייטער אין מיטן די הכנות צום דריטן קרייצצוג און אויפֿן טראָן גייט אַרויף דער באַרימטער ריקאַרד לייבן־האַרץ, וועלכער זעצט פֿאָר מיט די צוגרייטונגען צום קרייצצוג. דעם 3טן סעפּטעמבער 1189, קומט פֿאָר די קרוינונג פֿון נייעם מלך, צווישן די פֿאַרשידענע דעלעגאַציעס וואָס קומען באַ־גריסן דעם הערשער, איז אויך דאָ אַ ייִדישע דעלעגאַציע. דער המון, וואָס האָט זיך פֿאַרזאַמלט ביים פּאַלאַץ, צווישן זיי אַ סך קרייצטרעגער, האָבן נישט דערלאָזט די ייִדן צוקומען צום מלך, און צוויי, וואָס האָבן זיך דורכגעריסן אין הויף, זענען געטויט געוואָרן. ס'הויבט זיך אָן אַ שווידערלעכע שחיטה. קעגן וועלכער עס האָבן אפֿילו נישט געהאָלפֿן די באַפעסטיקטע וווינונגען פֿון די ייִדן. צווישן די הרוגים איז אויך געווען דער רבֿ פֿון לאָנדאָן, ר' יעקבֿ פֿון אָרלעאַן, אַ תּלמיד פֿון ר' יעקבֿ תּם. ווען ריקאַרד האָט זיך דערוווּסט פֿון די אומאָרדענונגען, האָט ער אַפֿילו באַפֿוילן אָפּצושטעלן די שחיטה און איבערגעבן די פּאָגראָמשטשיקעס צום געריכט. מען האָט טאַקע געכאַפּט אייניקע פֿון זיי, אָבער זיי זענען אָפּגעקומען מיט צו לייכטע שטראָפֿן, וואָס האָט באַ־מוטיקט די אַנטי־ייִדישע כּוחות פֿאַרצוזעצן די פּאָגראָמען, וואָס האָבן זיך פֿון לאָנדאָן צעגאָסן איבער דער גאַנצער פּראָווינץ. אָנפֿאַנג 1190 האָבן אויסגעבראָכן אומרוען אין יאָרק, ווו די ייִדן האָבן זיך פֿאַרשפּאַרט אין זייער פֿעסטונג און געוואַרט אויף הילף מצד דעם מלך און זיינע ריטער. די הילף איז אָבער נישט געקומען און אין האָפֿענונגס־לאָזער פֿאַרלוירנקייט האָבן אַ טייל פֿון די באַלאַגערטע, אויפֿן פֿאָרשלאָג פֿון זייער רבֿ, אומגעבראַכט זייערע פֿאַמיליעס און אַליין באַגאַנגען זעלבסטמאָרד. די וואָס האָבן

נישט געוואלט ברענגען דעם קרבן, זענען דערמארדעט געווארן, ווען דער המון האט סוף כל סוף גענומען די פעסטונג.

אין צוועלפטן יארהונדערט ווערט אויך געמאכט דער ערשטער פרווו פון פארטרייבן אפיציעל די יידן פון א געוויסער מדינה. פיליפ־אויגוסט, קעניג פון פראנקרייך, אן אבערגלויבישע פערזאן, וואס האט געגלויבט אין אלע בלבולים אויף יידן און אין די נסים ארום די טויטע קערפערס פון די כלומרשטע קרבנות פון עלילת דם, האט אין 1182 פארטריבן די יידן פון זיין אייגנטלעכן געביט, קאנפיסקירנדיק זייערע אומבאוועגלעכע גיטער, בכדי אזוי ארום צו פארלייכטערן די שווערע לאגע פון קעניגלעכן אוצר. דער ערשטער פרווו האט זיך אבער נישט איינגעגעבן. די פארטריבענע יידן זענען אויפגענומען געווארן פון די גרויסע פעאדאלן, וואס זענען געווען כמעט אומאפהענגיק אין זייערע רעספעקטיווע געגנטן. יידן זענען נאך דאן געווען א שטארקער עקאנאמישער פאקטאר און דער מלך גופא האט געמוזט צוריקרופן דעם גירוש־דעקרעט אין זעכצן יאר ארום, אין 1198, ווען די יידן זענען צוריקגעקומען קיין פאריז און אנדערע שטעט פון געגנט איל דע פראנס, דער אייגנטלעכער באזיץ פון מלך.

גאר דערטרעגלעך איז געווען די לאגע פון די יידן אין דרום פראנקרייך, ווו עס זענען צו יענער צייט אנטשטאנען באוועגונגען קעגן שטאק־פרומען קאטאליציזם. אזוי ווערט אין טולוז אפגעשאפט דער מנהג פון אויספאטשן א יידן ערב דער קריסטלעכער פאסכא אויך צו שלאגן און באווארפן יידן מיט שטיינער אין דער וואך פאר פאסכא. די יידישע קהילות פון פראוואנס און לאנגעדאק, ווו עס האבן זיך לעננגער דערהאלטן די שפורן פון דער גריכיש־רוימישער קולטור, האבן געלעבט אין דערטרעגלעכע באדינגונגען.

96סטע לעקציע

קאָנסעקווענצן פון די קרייצצוגן און בלוט־בלבולים

די קרייצצוגן טראָגן אַריין אַ טיפע ענדערונג אין דער עקאָנאָמישער און פּאָליטישער לאַגע פון די יידן אין די קריסטלעכע לענדער פון אייראָפּע. די קריגס־עקספּעדיציעס אויפן אָריענט, עפענען דעם וועג פאַר אַן אַקטיווערן האַנדלס־פאַרקער צווישן די קריסטלעכע מדינות אין אייראָפּע און איסלאַמישע מדינות אויפן נאָענטן מזרח. די גענועזער, די ווענעציאַנער און די גריכן, וואָס האָבן אויך פריער אָנגעהאַלטן אַ טיילווייזן האַנדל מיטן אָריענט, באַפעסטיקן זייער פּאָזיציע און שטרעבן צו מאָנאָפּאָליזירן דעם מסחר, צוּרויסשטויסנדיק די יידן פון אינטערנאַציאָנאַלן האַנדל.

די קאַפּיטאַלן, וואָס יידן געלינגט צו ראַטעווען פון זייער אַמאָליקן גרויס־האַנדל, קאָנען נישט צוריק פאַרטאָן ווערן אין מסחר און יידן מוזן זיך מער ווידמען זייער צווייטער באַשעפטיקונג: הלוואות אויף פּראָצענט (וווּכער). דער דאָזיקער ענין איז פון קדמונים אָן געווען הארב אין דער קריסטלעכער אייראָפּע. די קירכע האָט אײַבערגענומען דעם פאַרבאָט פון דער תורה קעגן לייען געלט אויף פּראָצענט, און אויך מיטן זעלביקן אויסנאַם: מען טאָר נישט נעמען קיין פּראָצענט פון קיין גלויבנס־חבר, אָבער ביי אַ פרעמדגלויביקן מעג מען נעמען און אויך אים צאָלן פּראָצענט. אַ קריסט האָט נישט געטאָרט לייען אָדער פאַרלייען אויף פּראָצענט ביי אַ צווייטן קריסט, אָבער מיט אַ ייד האָט ער יאָ געמעגט מאַכן אַזאַ מסחר.

נאָך די קרייצצוגן, ווען דער מסחר האָט אויפגעבליט אין אייראָפּע צוגלייך מיט די אינדוסטריעס, און בײַדע טעטיקייטס צווייגן האָבן זיך גענויטיקט אין קאַפּיטאַלן, זענען די יידן געווען די איינציקע, וואָס האָבן געהאַט פריי געלט און האָבן עס געמעגט פאַרלייען אויף פּראָצענט די קריסטן. עס הויבט זיך אָן די איבערשיכטונג פון ווּכטיקן קלאַס פון יידישע וועלט־סוחרים און דעם נידערגעשעצטן קלאַס פון יידישע וועלט־וווּכערער. „דער קויפמאַן פון ווענעדיק", וואָס לייט געלט ביים יידן שײַלאָק, איז אַ טרעפלעכע אָפּשאַצונג פון דער סיטואַציע. צום ייד מוזן אויך אָנקומען די נויטבאַדערפטיקע, בעלי־מלאכות, פּויערים און אפילו פּראָלעטאַריער, און אויך פון זיי מוז

דער ייד רייסן הויכע פּראָצענטער, ווייל די מאַכטהאָבער, אימפּעראַטאָרן און קעניגן, ווערן גיך שותּפים צו דעם זייער פּראָדוקטיוון געשעפט פון וווּכער. ביי די גרויסע פּראָצענטער, וואָס מען האָט דאַן גענומען, ביז העכער הונדערט פּראָצענט יערלעך, איז וווּכער געווען אַ זייער רענטאַבילער ענין. אָבער דאָס איינמאָנען די חובות איז דאָך געווען אָפּהענגיק פון דעם מאַכטהאָבער: אימפּעראַטאָר, קעניג, אָדער פירשט, צי גאָר בישאָף און פּויפּסט, וועלכע האָבן געקאָנט פאַרקלענערן די צינזן, שענקען אַ טייל פון זיי אָדער אינגאַנצן שענקען דעם חוב. די הערשער זענען געוואָרן שותּפים צום וווּכער, און טאַקע אַזעלכע, וואָס האָבן גענומען דעם לייבן חלק, אָדער דורך גירושים און קאָנפיסקאַציעס, צוגענומען דאָס גאַנצע יידישע פאַרמעגן. יידן ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ מין שוואָם, וואָס זאַפּט אין זיך איין אַ טייל פון די רייכטימער פון דער באַפעלקערונג, בכדי שפּעטער אויסגעקוועטשט צו ווערן אין די קעשענעס פון די מאַכטהאָבער.

די קרייצצוגן שטויסן פאָראויס דעם קריסטלעכן מסחר און אינדוסטריען אין אייראָפּע און זיינען גורם צו דער אַנטוויקלונג פון די שטאָטישע ישובים. אַ טייל פון דאָרפישן ישוב, אָפּגעריסן פון דער ערד, לאָזט זיך אַוועק אין די שטעט, ווו מען קאָן לעבן פרייער, ביי מסחר און מלאכות. אויף די געביטן טרעפט מען אָן דעם יידן אַלס שטאַרקן און פעאיקן קאָנקורענט. די שטעט ווערן די נעסטן פון אַנטיסעמיטיזם. זייער באַפעלקערונג איז דאָך קולטורעלער, גיבן זיי אויך דעם אַנטיסעמיטיזם אַ מער קולטורעלע באַפאַרבונג. און אויף וויפל די שטעט וועלן קאָנען קויפן ביי די מאַכטהאָבער אַ מער־ווייניקער ברייטע אויטאָנאָמיע, וועלן זיי אויך איבערנעמען די רעכט, וואָס די דאָזיקע מאַכטהאָבער האָבן נאָך די קרייצצוגן פּרעטענדירט צו האָבן אויף יידן.

די שחיטות אין משך פון די קרייצצוגן זענען גורם, אַז דער ייד זאָל זיך נויטיקן אין ספּעציעלער שוץ. די מאַכטהאָבער: אימפּעראַטאָרן, פּויפּסטן, קעניגן, פירשטן, בישאָפן, זענען גרייט די דאָזיקע שוץ צו באַווייליקן און וועלן אַרויסגעבן שטרענגע פאַראָרדענונגען קעגן די, וואָס גרייפן אָן „זייערע" יידן. אָבער אָט דעם טערמין „זייערע" טייטשן זיי אויס אויף אַן עכט פּריצישן שטייגער. יידן זענען לייב־אייגענע פון די הערשער, לייב אייגענע אויפן פינאַנציעלן געביט. דער אימפּעראַטאָר דרינגט, אַז דאָס דאָזיקע „אייגנטום" קומט אים בירושה, נאָך פון די אַמאָליקע רוימישע אימפּעראַטאָרן, וואָס האָבן די יידן גענומען געפאַנגען און שפּעטער באַשיצט פון זייערע שונאים. דער פּויפּסט האַלט, אַז די יידן געפינען זיך אויסשליסלעך אונטער דער שוץ פון דער קירכע, וואָס איז פאַראינטערעסירט אָפּצוהיטן זיי אַלס „די לעבעדיקע עדות פון דעם אמת פון דער קריסטלעכער אמונה". די קעניגן פון פראַנקרייך און ענגלאַנד, וואָס געהערן נישט צו דער אימפּעריע, האָבן אויך ענלעכע פּרעטענזיעס. דער אימפּעראַטאָר און די קעניגן קאָנען ביי געוויסע אומשטענדן אָפּטרעטן זייערע רעכט צו די פירשטן, אָדער אפילו שטעט, וואָס באַצאָלן גוט. און אַזוי אַרום קאָנען זיי אויך זיי אָפּטרעטן זייערע יידן. און די יידן פון די שטעט בלייבן אָפט אונטער „שוץ" פון

זייערע ביטערסטע שונאים, דער שטאַטישער סוחרים־שטאַנד און בעל־מלאכישע צעכן, וואָס זיצן אין די מאַגיסטראַטן.

טויזנט יאָר נאָכדעם ווי אַלע יידן האָבן געקראָגן פולע בירגער־רעכט אין דער רוימישער אימפּעריע (212), ווערן זיי דורך די קרייצצוגן און בלוט־בלבולים דעגראַדירט צו דער מדרגה פון פּאַריער, מיט וועלכע מען קאָן טאָן וואָס מען וויל.

די קרייצצוגן האָבן זיך אויך אָפּגערופן אויף דער לאַגע פון די יידן אין מאַכמעדאַנישן טייל פון שפּאַניע. די קריסטן פון שפּאַניע האָבן זיך געפילט דערמוטיקט דורך די אַנטי־איסלאַמישע מלחמות פון זייערע גלויבנס־ברידער אין אייראָפּע און האָבן פאַרפילפאַכט זייערע אָנשטרענגונגען צוריקצודעראָבערן די דרום־טייל פון שפּאַניע, וואָס איז נאָך געווען פאַרנומען פון די מאַכמעדאַנער. אין 1135 נעמט אָן דער מלך פון קאַסטיליע, אַלפאָנס דער זיבעטער דעם טיטל אימפּעראַטאָר, וואָס עס מיינט צו זאָגן, אַז ער באַטראַכט זיך פאַרן הערשער פון גאַנצן האַלבאינדזל.

די מאַכמעדאַנער דערפילן די סכנה און זיי רופן צו הילף זייערע ברידער פון מאַראָקאָ. אָפּגערופן האָבן זיך די פאַנאַטישע אַלמאָהאַדן, וועלכע האָבן געפּריידיקט אַ רעפאָרמע פון איסלאַם אין אָרטאָדאָקסישן זין. אין 1148 קומען די אַלמאָהאַדן קיין שפּאַניע, פאַרנעמען קאָרדאָווע, גרינדן אַ גרויסע, גאַנץ שטאַרקע מלוכה און הויבן אָן פירן אַ פּאָליטיק פון אומטאָלעראַנץ: אָדער באַקערן זיך צו דער אמונה פון איסלאַם, אָדער — טויט.

יידן ראַטעווען זיך אין קריסטלעכן שפּאַניע, ווי אויך קיין דרום־פראַנקרייך. די וואָס באַוויזן עס נישט צו טאָן, נעמען אָן לפנים וועגן דעם מאַכמעדאַנישן גלויבן. דער גלויבנס־רוף פון איסלאַם: „נישטאָ קיין גאָט חוץ אַללאַה (אלה) און מחמד איז זיין נביא" באַדייט נישט קיין פולע אָפּטריניקייט פון יידישקייט און עס איז נישט אַזאַ מאָטיוו, צוליב וועלכן אַ ייד זאָל זיך דאַרפן מוסר נפש זיין, ווייל עס איז דאָך נישט קיין עבודה זרה; עס ווערט דאָך נישט געפּריידיקט קיין פילגעטעריי, אָדער די פאַרקערפּערונג פון דער גאָטהייט. אָבער אויף דעם אופן באַקומט אויך די מאַכמעדאַנישע שפּאַניע יידישע אנוסים, וואָס טראָגן אַ מאַסקע פון איסלאַם און היטן אָפּ אין געהיים יידישקייט.

97סטע לעקציע

גייסטיקע טעטיקייט אין שוואַרצסטן יאָרהונדערט

איז עס טאַקע איינער פון די וווּנדער פון דער יידישער געשיכטע, וואָס גראָד דער שוואַרצער יאָרהונדערט פון די קרייצצוגן ווערט אויפן געביט פון גייסטיקן שאַפן די אַזוי גערופענע גאָלדענע עפּאָכע. דער יידישער געניום שאַפט גראָד פאַר דער צייט די וווּנדערבאַרסטע העברעאישע פּאָעזיע, טיפזיניקע פילאָזאָפישע ווערק, זעצט פאָר מיט התמדה דעם למוד התלמוד, און פאַרפאַסט אויסטערלישע ווערק פון עטיק און מאָראַל, וואָס קאָנען ביז היינט דינען פאַר וועגווייזער אין לעבן פון מענטשן.

די קולטור־שאַפונג פון דער גאָלדענער עפּאָכע איז געמיינזאַם פאַר ספרדים און אשכנזים, ווען אפילו יעדער איינער פון די דאָזיקע יידישע שבטים שאַפט אין זיין אייגענער פאָרם און אינהאַלט. די ספרדים, וואָס האָבן געלעבט אין א קולטורעלער סביבה, ווען אפילו זיי האָבן אויך איבערגעלעבט פאַרפאָלגונגען, האָבן זיי דאָך נישט דורכגעמאַכט דעם גרויל פון שחיטות און זיי שאַפן קולטור־ווערק, וואָס וועלן משפּיע זיין אויף דער נישט־יידישער וועלט; זייער פּאָעזיע איז האָפערדיקער, לעבנסלוסטיקער, ווען אפילו אין תוך געגוג דורכגעוועבט מיט יידישן וועלט שמערץ. די אשכנזים, וואָס לעבן אין אַן אָפּגעשטאַנענער קולטור־סביבה און לעבן דורך די גרוילן פון שחיטות און בלוט־בלבולים, וועלן זיך אין זייער גייסטיקן שאַפן איינשליסן מער אין זיך גופא, זייער פּאָעזיע וועט מיט געבראָכענע טענער באַוויינען דעם גרויסן אומגליק און אפילו די הויכע עטישע שאַפונגען וועלן זיין אויסגעמישט מיטן אַבערגלויבן, וואָס זיי האָבן אומפאַרמיידלעך געמוזט איינזאַפּן פון דער אַרומיקער סביבה.

די 110 יאָר, פון 1095 ביז 1204, זענען דער שטאַרקסטער עקספּאָנענט פון יידישן לעבנס־כוח, פון דער גייסטיקער גבורה פון א פאָלק, וואָס פאַרלירט זיך נישט, ווערט נישט אָן זיין מענטשלעכן פּרצוף, אפילו אונטער די שווידערלעכסטע עינויים און שרעקלעכסטן בלוט־פאַרלוסט.

דער גייסטיקער צענטער פון לוסענאַ האָט געגעבן א רייע פּאָעטן און דענקער, וואָס זענען ביז היינטיקן טאָג דער רום און שטאָלץ פון יידישן פאָלק. דער ערשטער אין כראָנאָלאָגישער אָרדענונג איז ר׳ משה ב״ר יעקב אבן עזרא, א זון פון דער רייכער

און בארימטער פאמיליע אבן עזרא, וועלכער איז געבוירן געוואָרן אין גראַנאַדאַ, אַרום 1071, האָט ווייטער געשפּונען דעם גאָלדענעם פאַדעם פון דער וועלטלעכער און רעליגיעזער פּאָעזיע, וואָס עס האָבן אָנגעהויבן צו שפּינען ר' שמואל הנגיד און ר' שלמה אבן גבירול. אַ רייכער, זאָרגלאָזער און לעבנסלוסטיקער, זינגט משה אבן עזרא אין זיינע יונגע יאָרן די פרייד און גענוסן פון לעבן. מיר ברענגען דאָ אַ פּאָר מוסטערן פון זיין וועלטלעכער פּאָעזיע, אין דער וואונדערבארער איבערזעצונג פון י. י. שווארץ.

ש ײ ן

ס'האָט אַ זון אין דער נאַכט פון מיין ליבע,
זיך צעשטראַלט אין דער פינצטער מיט שיין,
ס'איז דאָס מויל פון געליבטער אַ בעכער,
פול מיט דופטיקן גאָלדיקן וויין,
מיינע רויזן צעבליט אויף איר פּנים,
און מיין מירטנצווייג גרינט אין איר פּראַכט,
ווען איר אויג האָט מיין האַרץ שווער פאַרוווּנדעט,
האָט איר ליפּ מיר אַ היילונג געבראַכט.

אַ ר ו י ז

איינגעהילט האָט זיך דער גאָרטן
אין אַ העמד פון גרינס געשטיקט.
איטלעך בוים צעבליט אין ווייסן,
איטלעך אויג פון פרייד אַנטציקט.
איטלעך בוים האָט פריש באַנייט זיך,
ציט זיך קעגן זון און לאַכט,
פאַראויס גייט די רויז, די מלכה
אין איר קעניגלעכער טראַכט.
פון איר קנאָספּ האָט זי באַפרייט זיך
און זי פלאַטערט אויפן ווינט,
ווער עס טרינקט פאַר איר קיין וויין ניט,
יענער טוט באַגיין אַ זינד.

משה אבן עזרא איז נישט נאָר אַ גרויסער פּאָעט, ער איז אויך אַ אומפאַרגלייכלעכער ווירטואָז פון דער העברעאישער שפּראַך, וואָס ווערט בוויזאָם און עלאַסטיש אונטער זיינע מייסטער־פינגער. ער שרייבט אָן אַ אַ גרעסערע פּאָעמע פון 1210 פערזן אונטערן נאָמען תרשיש (די אותיות תר״שיש באַטרעפן 1210). יעדע טייל פון דער פּאָעמע טראָגט דעם נאָמען פון אַן איידלשטיין און האָט אַזוי פיל סטראָפן, וויפל די אותיות פון זיין העברעאישן נאָמען באַטרעפן.

אָבער די לעבנס אומשטענדן פון ר' משה אבן־עזרא האָבן זיך שנעל געביטן צום ערגערן. ער ווערט אָן זיין פאַרמעגן. ער פאַרליבט זיך אין זיינער אַ פּלימעניצע, נאָר אירע עלטערן דערלאָזן נישט צום שידוך. ער לאָזט זיך אַוועק וואַנדערן איבער דער וועלט. די ידיעה, אַז זיין געליבטע האָט מען התונה געמאַכט פאַר אַן אַנדערן, און אַז זי איז פריצייטיק געשטאָרבן פון אַ קימפּעט, וואַרפן אַריין דעם לעבנסלוסטיקן פּאָעט

אין אַן ערנסטער, כמעט אומעטיקער שטימונג. ער שרייבט אייניקע פילאָזאָפישע ווערק פון נישט איבעריק גרויסן ווערט און ווידמעט זיין גרויסן פּאָעטישן טאַלאַנט צו רעליגיעזער פּאָעזיע: סליחות און פיוטים. ער פאַרפאַסט אַרום דריי הונדערט סליחות און ווערט באַקאַנט מיטן ביינאָמען: הסלחן, דער סליחות־שרייבער. משה אבן עזרא שטאַרבט אַרום 1139.

אַ צווייטער תּלמיד פון דער ישיבה אין לוסענאַ איז דער פּאָעט ר׳ יהודה ב״ר שמואל הלוי. געבוירן אין 1086 אין טודעלאַ, לאָזט ער זיך שפּעטער אַוועק אין איסלאַמישן טייל פון שפּאַניע, צו דערגענצן זיין שטודיום. אין לוסענאַ לערנט ער תּלמוד, אַלגעמיינע וויסנשאַפט, בעיקר מעדיצין, וואָס ווערט זיין באַרוף, פּאָעטיק, גריכיש און אַראַביש.

שוין אַלס יונגער בחורל פון 13־14 יאָר הויבט ער אָן צו שרייבן העברעאישע לידער, וואָס נעמען שטאַרק אויס. זיין עלטערער קאָלעגע, משה אבן עזרא, זאָגט אָן מיט התפּעלות: „פון קאַסטיליע איז אַ שטערן אויפגעגאַנגען, וואָס וועט באַלייכטן די גאַנצע וועלט״. פאַרענדיקט זיין שטודיום, באַזעצט זיך הלוי אין טאָלעדאָ, וווּ ער פּראַקטיצירט אַ שטיקל צייט אַלס אַרצט און איז אויך מעדיקער פון קעניגלעכן הויף. אָבער עס ציט אים צו די יידישע צענטערן פון איסלאַמישן שפּאַניע, און ער באַזעצט זיך שפּעטער אין קאָרדאָבאַ. די ביאָגראַפיע פון יהודה הלוי איז בכלל ווייניק באַוווּסט, בלויז נאָך זיין פּאָעטישער שאַפונג קאָנען מיר נאָכפאָלגן די פאַרשידענע עטאַפּן, וואָס זיין פּאָעטישע נשמה האָט דורכגעמאַכט.

אין דער פריסטער יוגנט זינגט ער זיין געליבטער:

מיין לעבן שענק איך גערן פאַר דיין פּראַכט פון ליבע,
לאָז מיר געניסן פון דיינע ליפּן דעם זאַפט,
אויסצוטרינקען ביזן לעצטן טראָפּן,
דעם פאַרשכורנדן בעכער, וואָס לאָזט פאַרגאַפט.
(יידיש: י. י. שוואַרץ)

אָבער יאָרן לויפן, און דער פּאָעט דערפילט, אַז אַלץ איז אַ חלום, זינגט ער צו זיין נשמה:

דו ליגסט אין אַ קינדישן חלום, ווי לאַנג וועסטו ליגן ?
זיי וויסן דיין יוגנט פאַרפליט באַלד, פאַרשעמט און אַנטשוויגן.
איז ליכטיקע יוגנט דען אייביק? דערוואַך פון דיין שלאָפן.
און זע, די שלוחים פון עלטער, זיי נעמען דיך שטראָפן.
און טרייסל זיך אָפּ פון דעם צייטגאַנג, צי טרויעריק, צי מונטער,
ווי פויגלען, וואָס טרייסלען פון פליגלען דעם נאַכט־טוי אַרונטער,
און פלי ווי אַ שוואַלב זיך באַפרייען פון פאַלשקייט און פלאָגן:
פון ליידן און פריידן, וואָס ברויזן ווי כוואַליעס וואָס שלאָגן.
און יאָג זיך נאָך גאָט, נאָך דיין קעניג, זיין סוד צו דערגרייכן,
ווי אַלע נשמות, וואָס לעבצן צו אים אין די הייכן.
(יידיש: י. י. שוואַרץ)

זיין לעכצנדיקן באגער נאָך דער געטלעכקייט דריקט ער אוים אזוי :

גאָט, ווו זאָל איך דיך געפינען ?
אז דייז פּלאַץ איז פארהוילן, פארשטעלט.
און ווו זאָל איך דיך ניט געפינען,
אז דיין פּלאַץ איז פארהוילן, פארשטעלט.

די גרויזאמע ליידן פון די יידן אין איירא͏ָפּע געפינען אַן אָפּקלאַנג אין דער לירע פון יהודה הלוי, וועלכער טענהט זיך אוים מיטן כביכול פאר דער כנסת ישראל, וועלכער ער זאָל האָבן פארלאָזט :

דו האָסט צו מיין ברוסט זיך געטוליעט,
ווי קאָנסטו פארגעסן, מיין ליבער !
ווי האָסטו מיך איבערגעענטפּערט
אויף אייביק צו מיינע באַטריבער ?
(יידיש י. י. שוואַרץ)

דער פּאָעט נעמט זיך אָן די קריוודע פון די פארפאָלגטע און מאָנט ביים בורא עולם :

באַדאַרפסט דאָך געדענקען די עלנטע שאָף,
וואָס ס'האָט זיי דער שונא פארטריבן אין שטראָף.
צעזייט און צעשפּרייט זיי אהער און אהין,
דו ביזט דאָך דער פאָטער און זיי — דיינע זין.
(יידיש: י. י. שוואַרץ)

זיין ליבע איז גרוים נישט נאָר צום יידישן פאָלק, נאָר אויך צום יידישן לאַנד. דאָס לעבן גייט אים נישט איין אין גלות, ווייל :

ווי זאָל איך האַלטן מיין צוזאָג,
גיין נאָך מיין הארצנס פארלאַנגען,
ס'איז ציון אין גלות ביי אדום (קריסטן)
און איך בין אין מוירישע צוואַנגען.

די ציון-לידער פון ר' יהודה הלוי זענען פון די טייערסטע אוצרות פון דער העברעאישער פּאָעזיע, א סך פון זיי זענען אריין אין די תפילות און אין די קינות צו תשעה באב, וואָס ווערן געשלאָסן מיט זיין אומפארגלייכלעכער עלעגיע „אלי ציון ועריה". א סך פּיוטים פון ר' יהודה הלוי זענען אריין אין דעם מחזור פון די ימים נוראים פון די ספרדים. זיינע ציון-לידער זענען איבערגעזעצט געוואָרן אין א כך שפּראַכן. אין יידישער איבערזעצונג זענען באַקאַנט די „ים-לידער" און „בענקסטו אויך נאָך דיינע קינדער, מוטער ציון?" פון ח. נ. ביאליק, און די איבערזעצונגען פון י. י. שוואַרץ.

יהודה הלוי איז אָבער געווען נישט בלויז א גרויסער פּאָעט, נאָר אויך א טיפער, אייגנאַרטיקער דענקער. אין זיין פילאָזאָפישן ווערק, פארפאַסט אין אראַביש און איבערגעזעצט אין העברעאיש אונטערן נאָמען „ספר הכוזרי", ברענגט ער ארוים

זיינע גרונט־געדאַנקען וועגן אמונה, בטחון, יידישקייט וכ'. דער גרונט־געדאַנק פון יהודה הלוי איז, אַז גאָט קאָן מען נישט משיג זיין מיטן פּשוטן מענטשלעכן שכל, מען קאָן אים אָבער דערגרייכן מיטן מענטשלעכן האַרץ, מיטן געפיל. אין דעם בוך, געשריבן אין אַ פאָרם פון דיאַלאָג צווישן אַ יידישן געלערנטן און דעם מלך פון די כוזרים, וואָס וויל באַגרייפן דעם חילוק צווישן די דריי גרויסע רעליגיעס: יידנטום, קריסטנטום און איסלאַם, ברענגט אַרויס יהודה הלוי די ספּעציפישע אייגנשאַפטן פון יידישן פאָלק, וואָס האָט אין אַ משך פון דורות דורכגעמאַכט אַ באַזונדערע עוואָלוציע, געשפּייזט פון די רייד פון די נביאים און פון דער טראַדיציע, וואָס גייט איבער פון דור צו דור. אָט די דערציאונג האָט געמאַכט פון דעם יידן אַן אַנדער מין מענטש, האָט איינגעפלאַנצט אין זיין האַרצן געפילן און געוווינהייטן פון גערעכטיקייט, מענטשנליבע, גאָט־דערקענטעניש, וואָס אויף דאָס צו דערגרייכן מוזן אַנדערע אויך דורכמאַכן די זעלבע לאַנג־דויערנדיקע עוואָלוציע. קיין ייד קאָן מען נישט ווערן — האַלט יהודה הלוי — ווייל מען קאָן דאָך נישט פאַראַמאָל איבערנעמען אַ גייסטיקע סטרוקטור, וואָס האָט געדויערט יאָרהונדערטער אויסצובילדן. אויף דער פראַגע פון כוזרישן מלך, פאַרוואָס יידן ליידן אַזוי פיל, ענטפערט ביי יהודה הלוי דער יידישער געלערנטער: „יידן זענען דאָס האַרץ פון דער וועלט, און דאָס האַרץ איז פילבאַרער און ליידט מערער פון אַלע אַנדערע איברים". אַ גרויסער פּאָעט, אַ טיפער דענקער און אַ פייערדיקער יידישער פּאַטריאָט, איז יהודה הלוי אין אַ משך פון דורות געווען און ביז היינט פאַרבליבן דאָס, וואָס היינריך היינע זאָגט וועגן אים אין נײַנצנטן יאָרהונדערט :

„געווען איז ער אַ גרויסער דיכטער, ליכט און שטערן פאַר זיין דור,
די וווּנדערבאַרע מנורה אין יעקבס הויז.
אַ וווּנדערבאַר גרויסער עמוד־אש פון געדאַנק און לידער,
וואָס איז פאַראויסגעגאַנגען דעם פאַרוואָגלטן פאָלק ישראל
אין דעם חושך פונעם גלות."

אין יאָר 1141 פאַרלאָזט יהודה הלוי „זיינע ליבסטע" און זיין „אייגן הויז" און לאָזט זיך אַוועק אויף אַ שווערער, געפערלעכער נסיעה קיין ארץ־ישראל, וואָס איז דאַן געווען אונטער דער מאַכט פון די קרייץ־טרעגער. לויט אַ וואַרשיינלעכער מיינונג איז ער דאָרט אומגעקומען, צעטראָטן פון די קאָפּיטעס פון אַ ריטער־פערד.

אין יהודה הלוי האָט די מיטלאַלטערלעכע העברעאישע פּאָעזיע דערגרייכט איר העכסטן שטאַפּל. זיינע נאָכפאָלגער וועלן שוין צו אַזאַ הייך נישט דערגרייכן, ווען אפילו זיי וועלן שטיין אויף אַ געגנוג הויכער פּאָעטישער מדרגה. דער מערקווירדיקסטער פון זיינע נאָכפאָלגער איז אברהם ב"ר מאיר אבן עזרא, געבוירן אין טודעלאַ אין 1092, איינער פון די באַגאַבטסטע און אָריגינעלסטע פּערזענלעכקייטן, וואָס דאָס יידנטום אין מיטלאַלטער האָט אַרויסגעגעבן. אַ דיכטער, אַ העברעאישער שפּראַך־פאָרשער און ביבל־דערקלערער, איז ער אויך אַ מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם, דער־צו אַן אומרואיקער גייסט, וואָס קאָן נישט איינזיצן אויף קיין אָרט און איז אויס־

געווען א וועלט, אריינטראָגנדיק אומעטום, פון לאָנדאָן ביז רוים, די פונקען פון זיין רייכן, בליציקן שכל. שטענדיק אין דחקות און נויט, האָט עס אים גאָרנישט געשטערט אין זיין התמדהדיקן לערנען, אומדערמידלעכן פאָרשן און פרוכטבאַרן שרייבן.

אין זיין פירוש אויף תנ״ך ליגט אברהם אבן עזרא די גרינט־שטיינער פון דער וויסנשאַפטלעכער ביבל־קריטיק, וואָס עס וועט מיט פינף הונדערט יאָר שפּעטער אַנטוויקלען זיין לאַנדסמאַן דער ספרדי ברוך שפּינאָזא, און זי וועט אויפבליען אין ניינצנטן און צוואַנציקסטן יאָרהונדערט צווישן יידן און נישט־יידן. א טיפער דענקער, האָט אברהם אבן־עזרא גענומען שטעלונג צו דער פראַגע וואָס האָט דאַן באַאומרואיקט די בעסערע יידישע מוחות: וואָס איז וויכטיקער, שכל צי געפיל? מיט וואָס קאָן מען נעענטער צוקומען צו גאָט־דערקענטעניש? ווי זיין גרויסער בן־עיר יהודה הלוי האַלט ער אויך, אז: אויף גאָט צו דערקענען, משיג זיין זיין גרויסקייט, איז נישט גענוג דער שכל, מען מוז עס טאָן אויך מיטן הארצן, מיט אַלע געפילן פון מענטשלעכן וועזן. אָבער זיין רעליגיעזע פּאָעזיע, וואָס איז אריין אין די ספרדישע מחזורים, איז גראַד רייכער אין געדאַנקען ווי אין געפילן, זיין נשמה האָט פאַרמאָגט מער פון יסוד החכמה, ווי פון אוצר השירה.

אויסער רעליגיעזע פּאָעזיע, האָט אברהם אבן עזרא אויך געשריבן אויף וועלטלעכע טעמעס, אָפטער לידער צו באַקלאָגן זיין אייגענעם ביטערן מזל. אָבער אויך אין די שאַפונגען איז די חכמה גובר. אין די לידער פון באַקלאָגן זיך הערט זיך אָפט דער אונטערטאָן פון לייכטער סאַטירע, למשל:

שווערער פון בליי, מיינע צרות,
דאָך ימים גאַנצע אריבערגעשוווּמען
און ניט געוואָרן דערטרונקען.
טייכן טרערן האָבן מיינע אויגן פאַרגאָסן,
דאָך ניט געלאָשן פון הארצן
דאָס פייער און פונקען

אָדער ער לאַכט אויס זיינע צרות אַזוי שפּילעוודיק און לייכט:

קום איך פרי צום הער אין הויז,
זאָגט מען, ער איז שוין אַרויס.
קום איך צו אין אָוונט־שעהען,
זאָגט מען, אַז ער שלאָפט דאָך שוין.
אָדער געשלאָפן, אָדער פאַרפאָרן,
ווי דעם שלימזל, וויי זיינע יאָרן.

אַלע זיינע ווערק האָט אברהם אבן עזרא געשריבן אויף העברעאיש, ווייל ער האָט זיך געפונען מער אין די קריסטלעכע לענדער, וווּ יידן האָבן קיין אראַביש נישט פאַרשטאַנען. אויף צו באַקענען זיי מיט די אראַבישע שאַפונגען פון די יידישע שפּראַך־פאָרשער, האָט ער איבערגעזעצט אויף העברעאיש די ווערק פון דעם מדקדק יהודה חיוג׳.

98סטע לעקציע

דער גרויסער אדלער

פון גאר אן אנדער פארנעם איז געווען דער געלערנטער און דענקער, דער בארימטער רב און מעדיציניער ר' משה בן מימון (רמב"ם). א זון פון דעם דיין פון קארדאבא ר' מימון, איז דער רמב"ם געבוירן געווארן ערב פסח פון יאר 1135. ווען קארדאבא ווערט פארכאפט פון די אלמאהאדן (1148), געלינגט דעם דיין מימון מיט זיין פאמיליע זיך ארויסצוראטעווען פון קלעם און זיי וואנדערן ארום א יאר צוועלף, ביז 1160, איבער פארשידענע שטעט פון שפאניע. אין 1161 באזעצט זיך די משפחה אין מאראקא,אין דער שטאט פעס, אבער אין יאר 1165 וואנדערן זיי אויס קיין ארץ ישראל, ווו דער רמב"ם וועט פארבלייבן קוים דריי יאר און וועט אריבער־פארן קיין מצרים אין 1168. אין משך פון אלע די וואנדערונגען הערט דער רמב"ם נישט אויף צו לערנען און דערווערבן תורה און וויסן. ביים עלטער פון דריי און דרייסיק יאר איז ער שוין א בארימטער דאקטאר, און ער וועט אין עגיפטן ווערן דער לייב־מעדיקער פון דעם וויזיר אל־פדהאל, און שפעטער פון דעם סולטאן אל־פצאל, דעם זון פון בארימטן סאלאדין. שפעטער וועט ריקארד לייבן־הארץ, קעניג פון ענגלאנד, איינלאדן דעם רמב"ם אלס זיין לייב־דאקטאר. דער רמב"ם וועט זיך אבער אפזאגן אנצונעמען די איינלאדונג, נאך די שחיטות וואס זענען פאר־געקומען אויף יידן אין ענגלאנד (1190).

אין עגיפטן ווערט דער רמב"ם אויך דער הויפט־רב פון די יידישע קהילות, דער „נגיד". ער באזעצט זיך אין פאסטאט, אלט קאאיר, אין שכנות מיט קאאיר, די רעזידענץ פון די עגיפטישע הערשער. פארנומען ווי ער איז נישט מיט זיין הויכן אמט אין הויף פון סולטאן און מיט יידישע ענינים, רייסט דער רמב"ם נישט איבער זיין ארבעט פון פארשן און לערנען. זיין ארבעטסטאג איז אזוי באלאדן, אז צום סוף פון זעלבן האט ער קיין כוח נישט אפילו צו האלטן זיך אויף די פיס, און מוז פאר־זעצן זיין ארבעט ליגנדיק אין בעט. דאס אלץ שטערט אים דאך נישט צו פארפאסן

אַ רייע ווערק, וואָס זענען פון גרויסער וויכטיקייט פאַר דער ווייטערדיקער אַנטוויקלונג פון יידישקייט.

דעם זעלבן יאָר, וואָס ער באַזעצט זיך אין עגיפּטן פאַרענדיקט דער רמב"ם זיין אַראַבישן פירוש צו משניות. אין יאָר 1180 פאַרענדיקט ער זיין גרויס רבניש ווערק, דעם יד החזקה, אַ פולשטענדיקער קאָדעקס פון דער גאַנצער תלמודיש-גאונישער געזעצגעבונג. דער תלמוד איז נישט געווען סיסטעמאַטיש רעדאַגירט. אַ ווערק פון אמתער פאָלקס-שאַפונג, נעמט ער אַרום נישט נאָר די פאַרהאַנדלונגען וועגן דינים און מנהגים פון יידישקייט, נאָר אויך אַ סך פאָלקלאָריסטישע שאַפונגען: אגדות, דרושים, לעגענדעס, ווערטלעך, וויצן, לידלעך; דאָס אַלץ איז אָנגעוואָרפן מיט רעלאַטיוו ווייניק סדר, און עס איז נישט אַזוי גרינג צו געפינען דאָרט, וואָס איינער האָט נויטיק צו וויסן. דער תלמוד גיט איבער די פאַרשידענע מיינונגען און די וויכוחים אַרום די ענינים, אָבער אָפטמאָל פעלט דער ענדגילטיקער באַשלוס, אַזוי אַז עס איז שווער צו וויסן, ווי איז טאַקע דער דין. שוין פון גאָר אַלטע צייטן, באַלד ווי דער תלמוד איז רעדאַגירט געוואָרן, האָבן געוויסע גדולים, צווישן זיי ר' אחאי משבחא און ר' יהודה גאון, געזוכט צו רעזומירן דעם תלמוד אין אַ מער סיסטעמאַטיזירטער פאָרם. דעם גרעסטן אויפטו האָט אויף דעם געביט געמאַכט ביז די צייטן פון רמב"ם דער באַרימטער ראש-ישיבה פון לוסענאַ ר' יצחק אַלפסי (רי"ף) מיט זיין ספר „הלכות" וואָס מען האָט אויך גערופן „תלמוד קטן". אַ צווייטער פּרוּוו איז געמאַכט געוואָרן דורכן צרפתי אברהם בן-יצחק פון נאַרבאָן אין זיין ספר „אשכול". דער יד-החזקה פון דעם רמב"ם איז אַ פאַרפולקאָמונג פון די אַלע ביז-דעמאָלדיקע פּרוּוון אויף דעם דעם געביט. באַגאַבט מיט אַ שאַרפן אַנאַליטישן שכל, אַן אויסגעשפּראָכענער ראַציאָנאַליסט, וואָס האַלט פון הערשאַפט פון געדאַנק, איז עס דעם רמב"ם געלונגען צו רעזומירן און סיסטעמאַטיזירן דעם גאַנצן יורידישן מאַטעריאַל פון תלמוד און די גאונים אין פערצן סיסטעמאַטיש איינגעטיילטע טיילן: פון דאַנען דער נאָמען י"ד, וואָס קאָן אויך מיינען האַנט: יד החזקה (די שטאַרקע האַנט). דער יד-החזקה האָט אַריינגעטראָגן אַן אויפברויז אין די רבנישע קרייזן. דער גאון שמואל בן עלי פון באַגדאַד, און נאָך אַנדערע גרויסע רבנים, האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס סיסטעמאַטישע ווערק פון רמב"ם זאָל אַמאָל נישט אָפּציען די תלמידי חכמים פון לערנען דעם תלמוד גופא, ווייל עס וועלן זיך געפינען ווייניק בעלנים צו שווימען איבערן ברויזנדיקן ים-התלמוד, אין דער צייט ווען זיי האָבן זיין אָפּבילד און אינהאַלט אין דעם רואיקן האַפן פון דעם סיסטעמאַטישן און דערפאַר לייכטערן יד-החזקה. די דאָזיקע אומצופרידנקייט וועט זיך שפּעטער אויסדריקן אין אַ שאַרפן קאַמף אַרום דעם רמב"ם און זיינע ווערק (דער י"ד החזקה ווערט אויך גערופן משנה תורה).

אין 1195 באַרייכערט דער רמב"ם דאָס יידישע וויסן און דענקען מיט אַ ווערק, וואָס האָט באַאיינפלוסט דעם יידישן געדאַנק ביז צו היינטיקן טאָג. אין דעם

ווערק „מורה נבוכים" (דער וועג־ווייזער פון די פארבלאנדזשעטע) פרווט דער רמב"ם ברענגען צו א הסכם צווישן דער לערע פון תורת משה און די אויספירונגען פון דער אריסטאטעלישער שול פון דער קלאסישער גריכישער פילאזאפיע. אלס שטרענגער ראציאנאליסט, דרינגט דער רמב"ם, אז די תורה, א געטלעכע אנטפלעקונג, מוז זיך געפינען אין הסכם מיט די פרינציפן פון דער פילאזאפיע, דער העכסטער פראדוקט פון מענטשלעכן געדאנק. ביידע שטאמען דאך פון איין מקור, פון דעם בורא עולם, און דערפאר קאנען דאך נישט זיין קיין צוויי פארשידענע אמתן, נאר בלויז איין איינציקער אמת, סיי אין דער תורה, סיי אין דער פילאזאפיע. דארט ווו עס דאכט זיך, אז די תורה און די פילאזאפיע זענען נישט איינשטימיק, איז עס בלויז א מיספארשטענדעניש, וואס מוז אויפגעקלערט ווערן.

אין מורה נבוכים באמיט זיך דער רמב"ם צו דערקלערן אלע אויסדריקן פון דער תורה וועגן גאט, אין וועלכע עס ווערן באנוצט אנטראפאמארפישע טערמינען, ווי: גאטס האנט, ג' פינגער, גאטס צארן, און אלע דערציילונגען וועגן נסים, וועגן מלאכים, ווי סימבאלן און אלעגאריעס, וואס האבן נישט קיין ווערטערלעכן, נאר א טיפערן שכלדיקן באדייט. דער רמב"ם האלט אויך, אז די מצוות זענען פארזאגט געווארן צוליב אן אוטיליטארן צוועק, פון ברענגען נוצן דעם מענטשן, זוכט ער אין מורה נבוכים די טעמים פון די געבאטן און זייער צוועק פאר דער פארפולקאמונג און אויסאיידלונג פון דער מענטשלעכער פערזענלעכקייט.

וואס אנבאלאנגט דעם מהות פון גאט, האלט דער רמב"ם, אז דער מענטשלעכער שכל איז עס נישט בכוח משיג צו זיין און אוודאי נישט פארמולירן עס ווי נעהעריק. וועגן גאטס מהות קאנען מיר נאר זאגן דאס נעגאטיווע: אז ער איז נישט שטערבלעך, אז ער איז נישט קיין חומר, אז ער איז אומבאגרענעצט, נישטא נאך אזעלכער ווי ער. אין פאזיטיווער פארמולירונג קומט מען צו אבסורד. ווייל ווי קאן מען זאגן, אז גאט איז אייביק, ווען ער שטייט בכלל מחוץ און איבער דער צייט? ווי לאזט זיך זאגן אז גאט איז איינציק, ווען אין באצוג צו אים זענען דאך גאר נישט שייך קיין צאלן? אדער, אז ער איז אומשטערבלעך, ווען ער איז איבער לעבן און טויט? דערביי מוז דער רמב"ם אנערקענען, אז די פילאזאפיע האט פארט נישט געקאנט אריינדרינגען אין די העכסטע ספערן פון אוניווערז און גאטהייט, און דארט מוז מען זיך שוין פארלאזן בלויז אויף דער אנטפלעקונג פון דער תורה און נבואה.

אט פאר די דאזיקע העכערע ספערן פון יידישן וועלט־באנעם, וווהין דער שכל קאן נישט דערגרייכן, שטעלט פעסט דער רמב"ם די דרייצן דאגמען, עיקרים, וואס ווערן ביז היינט געזאגט נאכן דאווענען, ווי דער אני מאמין פון גלויביקן יידן.

איך גלויב באמונה שלימה, אז :

1) גאט איז דער שעפער און פירער פון אלע ברואים, און דער איינציקער טוער פון אלע מעשים.

2) גאָט איז איינציק, אָן קיין שום ענלעכער איינציקייט: ער איז געווען, איז, און וועט זיין.
3) גאָט איז ניט קיין קערפער, די וואָס באַגרייפן קערפערס, קאָנען אים ניט באַגרייפן, און מען קאָן ווען אים נישט האָבן קיין שום פאָר־שטעלונג.
4) גאָט איז דער ערשטער און דער לעצטער (אָנפאַנג און ענדע) פון אַלץ.
5) בלויז צו גאָט פּאַסט מתפלל זיין, ניט צו קיין שום אַנדערן.
6) אַלע רייד פון די נביאים זענען אמת.
7) די נבואה פון משה רבינו איז געווען אַ ריכטיקע, און ער איז דער גרעסטער פון אַלע נביאים וואָס פאַר אים און נאָך אים.
8) די תורה וואָס מיר האָבן איז די זעלבע, וואָס איז געגעבן געוואָרן צו משה רבנו ע"ה.
9) די דאָזיקע תורה וועט ניט פאַרביטן ווערן און עס וועט ניט זיין קיין אַנדער תורה פון גאָט.
10) גאָט ווייסט אַלע טאַטן און מחשבות פון דעם מענטשן.
11) גאָט באַצאָלט גוטס צו די וואָס היטן זיינע מצוות, און באַשטראָפט די, וואָס זענען עובר אויף זיינע געבאָטן.
12) משיח וועט קומען, און ווען אפילו ער פאַרזאַמט זיך, וועל איך דאָך וואַרטן אויף אים יעדן טאָג, אַז ער וועט קומען.
13) עס וועט זיין תחית המתים, ווען עס וועט זיין דער ווילן פון גאָט, געבענטשט זאָל זיין זיין נאָמען און דערהויבן אויף אַלע אייביקייטן.

אויף דער באַזע פון די דרייצן עיקרים איז שפּעטער פאַרפאַסט געוואָרן דער באַרימטער הימן „יגדל", וואָס ווערט אין אַ סך שולן געזונגען נאָכן אָפּשליסן דאָס דאַווענען. דער 12טער עיקר, דאָס גלויבן אין קומען פון משיח, האָט זוכה געווען צו געזונגען ווערן אין די געטאָס, ווי אַ הימן פון עקשנותדיקער האָפענונג און טיפסטן גלויבן אין דער אייביקייט פון יידישן פאָלק און אין זיין ענדגילטיקער גאולה. ווי גראַנדיעז קלינגען די ווערטער פון דעם אני מאמין הינטער די פאַרמויערטע ווענט פון פאַרשלאָסענעם געטאָ:

אני מאמין באמונה שלימה בביאת המשיח,	איך גלויב מיט פולן גלויבן, אין קומען פון משיח,
ואף אל פי שיתמהמה, בכל יום אחכה לו שיבוא.	און ווען אפילו ער וועט פאַרזאַמען, וועל איך יעדן טאָג וואַרטן אויף אים, ער זאָל קומען

אַלס שטרענגער דענקער, אָן נייגונגען צו פּאָעזיע און געפילפולקייט פון סענ־טימענטן, פאַלט דער רמב"ם אָפּט אַריין אין אינטעלעקטועלן אַריסטאָקראַטיזם. אַ מענטש, וואָס פאַרדינט דעם דאָזיקן הויכן נאָמען איז פאַר אים נאָר דער, וואָס האָט די פעאיקייט און די געוווינהייט צו דענקען פילאָזאָפיש און גיט זיך אָפּ מיט ספּעקו־לאַטיווע פאָרשונגען וועגן העכערע ענינים. נאָר אַזאַ דענקענדיקער מענטש קאָן האָבן די זכיה, אַז זיין נשמה, וואָס ער האָט דערהויבן דורך זיינע פילאָזאָפישע דערגרייכונגען (שכל הנקנה), זאָל זיך נאָכן טויט צונויפגיסן מיטן וועלט־שכל פון דער גאָטהייט, (שכל הפועל). דאָס איז די הישארות הנפש, אין וועלכער דער רמב"ם גלויבט. די מענטשן

וואס האבן אבער נישט געשלייפט זייער שכל, נישט דערגרייכט קיין הויכע מדרגות פון פילאזאפישן דענקען און פארשן, קאנען אויך קיין הישארות הנפש נישט האפן.

דער רמב״ם איז שוין ביי זיין לעבן אנערקענט געווארן אלס העכסטע רבנישע אויטאריטעט פון זיין צייט. פון אלע ווינקלען פון דער יידישער צעשפרייטונג פלעגט מען זיך צו אים ווענדן מיט שאלות וועגן יידישע רעליגיעזע אנגעלעגנהייטן און ער פלעגט, ווי די אמאליקע גאונים ארויסגעבן דעם געהעריקן פסק. ווען דער איסלאמי־שער פאנאטיזם האט זיך דערקייקלט ביז תימן, ווו עס האבן זיך אנגעהויבן רדיפות אויף יידן, וואס האט ארויסגערופן א שטארקע משיח־באוועגונג, האט זיך דער הויפט־רב פון תימן יצחק אל־פיומי געווענדט צום רמב״ם מיט אן אנפראגע ווי צו האנדלען אין אזא עת צרה, דער רמב״ם האט געענטפערט מיט זיין בארימט געווארענער שריפט פון תימן (אגרת תימן), וואס האט געהאלפן יענעם יידישן קבוץ ארויסגיין פון זיין פארווירונג און דערלעבן די עטאבלירונג פון מדינת ישראל, ווהין דער גאנצער קבוץ האט זיך אריבערגעטראגן.

דער רמב״ם האט אויך פארעפנטלעכט א שריפט וועגן דעם געצוווּנגענעם שמד אין אייניקע אראבישע לענדער און ווייזט אן ווי די יידן האבן זיך צו האלטן אין אזא מצב (אגרת השמד).

דעם 13טן דעצעמבער פון 1204 איז דער רמב״ם נפטר געווארן. ער איז געבראכט געווארן צו קבורה אין ארץ־ישראל, נעבן דעם קבר פון ר׳ שמעון בן יוחאי, אין דארף מירון ביי טבריה. א ווערטל איז געבליבן ביי יידן:

ממשה עד משה לא קם כמשה.	פון משה רבינו ביז משה בן מימון **איז ניט געווען קיין צווייטער אזעלכער.**

חוץ די דאזיקע פיר גרויסע שטערן, לעבן און ווירקן אין זעלניקן יארהונדערט א גאנצע רייע שעפערישע פערזענלעכקייטן, צווישן וועלכע עס איז כדאי צו דערמאנען נתן ב״ר יחיאל פון רוים (1035־1106), וועלכער פארעפנטלעכט אין 1101 א קאנקאר־דאנץ באקאנט אונטערן נאמען „הערוך". אברהם בר חייא, א פאליציי־שעף ביי אייניקע איסלאמישע הערשער, וואס האט געשריבן א רייע ווערק איבער אסטראנאמיע און מא־טעמאטיק און האט פאראויסגעזאגט דאס קומען פון משיח אויפן יאר 1358. אין נארבאן האט געלעבט ר׳ אברהם בר יצחק, א ראש הישיבה, וואס האט אויך פארפאסט א קאָ־דיפיקאציע פון רבנישן רעכט, דעם ספר האשכול (געשט. 1178).

דער פינצטערער יארהונדערט איז געווען באלויכטן מיט א סך לייכטנדיקע יידישע גייסטער, וואס האבן נאך געקאנט לייכטער מאכן דאס חשכות פון יידישן געמיט.

99סטע לעקציע

די גאָלדענע תקופה ביי די אַשכנזים

די שוידערלעכע שחיטות פון די קרייצצוגן רייסן נישט איבער די גייסטיקע טעטיקייט, וואָס האָט זיך אַזוי פיין צעבליט אין די טעג פון רש״י, וועלכער האָט אי־בערגעלעבט דעם ערשטן קרייצצוג מיט ניין יאָר. זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די פּאָעטישע שאַפונג האָט געמוזט אָננעמען אַן אַנדער ריכטונג, ווי ביי די ספרדים, וואָס האָבן דאָך קיין שחיטות נישט איבערגעלעבט. בשעת משה אבן עזרא, יהודה הלוי און אַ רייע קלענערע פּאָעטן באַזינגען דאָס גליק און גענוס פון לעבן, מוזן די פּייטנים פון די אַשכנזים באַוויינען די קרבנות פון דער גרויסער הריגה.

שרייבט דער פּיטן דוד בן משולם די סליחה: „אלהים, אל דמי לדמי״, גאָט! זאָל מיין בלוט ניט פאַרשוויגן ווערן! און קלונימוס בן יהודה באַקלאָגט דעם חורבן אין דער קינה: „מי יתן ראשי מים״, ס׳הייסט ווו נעמט מען טרערן אויף צו באַוויינען אַזאַ בראָך. שמואל הכהן בעט זיך ביי די „מלאכי רחמים משרתי עליון״: מלאכים פון רחמנות, באַדינער פון אויבערשטן, זיי זאָלן דערוועקן די מדת הרחמים „אולי יחון שארית יוסף, אולי ירחם״, אפשר פאַרט וועט ער מיטלייד האָבן מיטן רעשט פון יוסף, אפשר פאַרט רחמנות האָבן. מנחם בן יעקב וואָגט אין זיין קינה „אללי לי״, וויי און ווינד איז מיר, צו הויבן אַ קול קעגן כביכול, אין אַ גרויזאַמען ווערטער־שפּיל. אנשטאָט דעם באַוווסטן לויב־פּסוק: „מי כמוך באלים ד׳״, ווער ווי דו צווישן די געטער? רופט ער אויס: „מי כמוך באלמים ד׳״, ווער ווי דו צווישן די שטומע? הערסט און שווייגסט. יצחק בן שלום נעמט דעם וואָרט־שפּיל אלס נאָמען פאַר זיין קינה: אין כמוך באלמים, ניטאָ אַזאַ ווי דו צווישן די שטומע... אַן אומבאַקאַנטער פּיטן פאַרענדיקט זיין קינה „אמרר בבכי״, איך וועל פאַרגיין אין ביטערן געוויין, מיט אַ קללה אויף די פּייניקער: „אייל זיך צו שיקן אַ קללה, מאַך פון זיי ווי פון סדום און עמורה״. הלל בן יעקב באַוויינען די קרבנות פון בלוט־בלבול אין בלואַ (1171) מיט אַ סליחה אמוני שלומי

ישראל״, די רעכטגלוביקע קינדער פון ישראל; איין פערז פון דער סליחה: „פרילינג איז געווען, די ביימער האָבן געבליט, און די בעסטע קינדער פון דיין פאָלק האָט מען צום פייניקן גענומען״, וועט אָפּקלינגען מיט קנאַפּע אַכט הונדערט יאָר שפּעטער אין דעם פערז פון ביאַליקס שחיטה־שטאָט: די זון האָט געלויכטן, די ביימער געבליט, דער שוחט — געשאָכטן.

א רייע כראָניקער: אלעזר בן נתן, שלמה בן שמעון און אַן אומבאַקאַנטער פון מיינץ דערציילן אין זייערע כראָניקעס די גרוילן פון ערשטן קרייצצוג. אַ צווייטער כראָניקער באַשרייבט די גרוילן פון צווייטן קרייצצוג. דער מיינצער נעלם באַשרייבט דעם מאַסן זעלבסטמאָרד, ווען יידן האָבן פריער אומגעבראַכט ווייב און קינד און דער־נאָך זיך אַליין, איידער צו לייקענען אין זייער אמונה. אָט ווי דער חסיד ר׳ יהודה באַ־גלייט אַרויס, לויט דער כראָניק, זיין טאָכטער, אַ כלה־מיידל: „גיי און לייג זיך אין שויס פון אברהם אבינו, אין איין שעה וועסטו זיך קויפן די אייביקע וועלט און וועסט זיין אין איין מחיצה מיט אַלע צדיקים און חסידים״ און — דערציילט דער כראָניקער — „ער האָט זי אַנידערגעלייגט אויף די קני פון איר חתן און האָט זי מיט אַ שווערד אויף צווייען צעשפּאָלטן״. דער כראָניקער ברעכט צוזאַמען. ער קאָן עס שוין מער נישט אויסהאַלטן. ער רופט צום אל נקמות: „טאַ דערשיין־זשע, דו גאָט פון נקמה. זיי זיך נוקם פאַרן פאַרגאָסענעם בלוט פון דיינע קנעכט!״

וויפל זעלישע גבורה האָט מען געדאַרפט באַזיצן אויף צו קאָנען ביי אַזעלכע אומשטענדן און ביי אַזאַ שטימונג פאָרזעצן דעם למוד התורה און די גייסטיקע שאַ־פונג. און דאָך איז דער שוואַרצסטער יאָרהונדערט די צייט פון גרויסע נאָכפאָלגער פון רש״י, די בעלי התוספות.

די דירעקטע פאָרזעצער פון רשי״ס גייסטיקער אַרבעט זענען זיינע צוויי אייניק־לעך, די זין פון זיין איידעם מאיר: שמואל (רשב״ם) און יעקב, וועלכן מען האָט פאַר זיין פרומקייט און תמימותדיקייט געגעבן דעם ביינאָמען תם, און זייערע תלמידים. זיי האָבן שוין אָבער זיך מער געדאַרפט אָפּגעבן מיט צוריקשטעלן די חורבות פון יידישן לעבן נאָך די קרייצצוגן. אין 1160 פאַררופט רבנו תם קיין טרוא אַ צוזאַמענפאָר פון רבנים, וואָס גיט זיך אָפּ מיט שאַפן די נויטיקע תקנות פאַר אַזעלכע שווערע צייטן, אַזעלכע צוזאַמענפאָרן וועלן זיך פּעריאָדיש איבערחזרן אין משך פון אַ לענגערער צייט. די שווערע צייטן און די נאָך שווערערע שטימונג גיט נישט קיין געמיט פאַר אַרבעטן פון גרעסערן פאַרנעם. דאָך דערגענצן די שאַרפע מוחות ־עם פירוש, וואָס רש״י האָט פאַרפאַסט אויפן תלמוד מיט שאַרפזיניקע באַמערקונגען און צוגאָבן. די געלערנטע פון יענע צייטן קריגן דערפאַר די באַצייכענונג פון בעלי התוספות, די מענטשן פון די צוגאָבן.

דער רשב״ם באַווייזט נאָך צו פאַרפאַסן אַ פירוש אויף תנ״ך, אַ ריין־ראַציאָנאַ־ליסטישע אויסטייטשונג, אָן קיין שום באַאַרבונג פון דרוש און אגדה.

אין יענע שרעקלעכע יאָרן ווערט אויך געשאַפן דאָס וווּנדערבאַרע בוך פון עטי־שער לערע: דער ספר חסידים. עס איז אַ קאָלעקטיווע שאַפונג פון לכל הפחות דריי דורות. אָנגעהייבן האָבן דאָס ווערק דער חסיד און מקובל ר׳ שמואל ב״ר קלונימוס, וואָס האָט געלעבט אין דער צווייטער העלפט פון צוועלפטן יאָרהונדערט; זיין זון יהודה, דער ראש הישיבה פון רעגנסבורג, געגרינדעט אין 1195, וואָס האָט פאַרדינט דעם ביינאָמען החסיד, ר׳ אלעזר פון וואָרמס, וואָס האָט אויך פאַרפאַסט אַ זעלבסטשטענדיק ווערק „רוקח״. אָבער אין ספר חסידים זענען אויך אריין פרקים פון אַנדערע מחברים, די נעמען פון וועלכע עס איז ביז היינט נישט געלונגען פעסטצושטעלן.

דער אינהאַלט פון ספר חסידים איז אַ געמיש פון העכסטער מאָראַליטעט מיט טיפסטער אינטעלעקטועלער צוריקגעשטאַנענקייט. דאָס יידישע געמיט איז געווען געבראָכן און צעשראָקן, און איז אַרונטערגעפאַלן דער אַבערגלויבערישקייט פון דער פאַרגרעבטער נישט־יידישער סביבה. רעדט דער ספר חסידים וועגן שדים, רוחות און וואַוקעלאַקעס, וועגן מכשפים און מכשפות, וועגן מתים וואָס קומען צו חלום ווערגן, פאַרזאַמלען זיך ביינאַכט אין די שולן מתפלל זיין.

אָבער די יידישע נשמה איז טראָץ אַלע אומזעמענטשלעכע ליידן געבליבן ריין און דערהויבן, דער ייד האָט נישט אָנגעווירן זיין מענטשלעכן, זיין יידישן פּרצוף. דערפאַר אַנטהאַלט דער ספר חסידים מאָראַלישע לערעס, וואָס קאָנען נאָך ביי היינטיקן טאָג דינען אַלס מוסטער פון עטישער אויפפירונג:

א מענטש טאָר נישט בעטן פון זיין טובה וועגן עפּעס אַזוינס, וואָס קאָן ברענגען שאָדן אַ צווייטן. ווער עס האָט אין זינען כלל־זאַכן, איידער ער טראַכט וועגן זיין אייגענער טובה, וועט אים זיין גוט און וויל. אַ מענטש דאַרף קיינמאָל נישט אָפּענטפערן אויף זלזולים, אפילו פאַרשווייגן קללות. מען דאַרף זיך היטן יענעם נישט מביש זיין, אפילו אַ דינער אָדער קנעכט. מען טאָר קיינעם נישט מצער זיין. אַ פאָטער טאָר נישט קושן זיין קינד אין אַן עפנטלעכן פּלאַץ, ווייל דאָרט קאָנען דאָך זיין קינדערלאָזע, וואָס וועלן זיך דורך דעם דערמאָנען אין זייער צער און זיך דערפון קווילן. מען טאָר נישט מצער זיין קיין לעבעדיקן וועזן: איבערלאָדן אַ בהמה מיט מער משא וויפל זי קאָן פאַרטראָגן, אָדער אָפּ־שניידן איר דעם עק, זי זאָל נישט קאָנען פאַרטרייבן די פליגן. מען טאָר קיינעם נישט נאַרן, אפילו אַ גוי. מען דאַרף פאַרטיידיקן אַ גוי, וואָס האָט קיין יידן נישט געטאָן קיין רשעות, אפילו קעגן אַ יידן וואָס וויל אים שלעכטס טאָן. פאַרשטייט אַ ייד נישט קיין לשון קודש, זאָל ער דאַווענען אויף דער שפּראַך וואָס ער פאַרשטייט, ווייל דאָס דאַווענען אויף אַ פאַר־שטענדלעכער שפּראַך שטאַרקט דאָס געמיט און דערהייבט צו גאָט.

אַ באַזונדער אָרט פאַרנעמט אין ספר חסידים דער ענין קידוש השם, וואָס איז דאָך געווען דאָס טאָגטעגלעכע אין יענע שרעקלעכע יאָרן. „נאָר אונדזי יידן איז געבאָטן זיך מוסר נפש זיין על קידוש השם, אָבער נישט די אַנדערע אומות העולם״, אַזוי דער־קלערט מיט שטאָלץ און ווירדע דער ספר חסידים, און גיט אָנווייזונגען, ווי זיך נוהג צו

זיין ביים מקיים זיין די גרויסע מצוה: „אויב די שונאים זאגן, גיט אונדז ארויס איינעם פון אייך און מיר וועלן אים אומברענגען, אלא נישט וועלן מיר אייך אלע אויסהרגענען, זאלן זיי אלעמען טויטן, אבער מען טאר נישט איבערגעבן קיין נפש אין רוצחישע הענט. ווען די שונאים זאגן: גיט אונדז ארויס איינע פון אייערע טעכטער און מיר וועלן זי מטמא זיין, אלא נישט, וועלן מיר שענדן אלע אייערע פרויען, זאלן זיי מיט גוואלד שענדן אלע, אבער נישט ארויסגעבן גוטוויליק אויף שאנד קיין איין יידישע פרוי. אין א הויז, ווו די ווענט זענען פארפלעקט מיט בלוט פון קדושים, טאר מען עס נישט פארדעקן ביים קאלכן די ווענט, נישט אפקראצן די בלוט־פלעקן, ווי אין פסוק שטייט: „ארץ, אל תכסי דמי". ערד, יאלסט נישט צודעקן מיין בלוט!

אין דער ישיבה פון ר׳ יהודה החסיד אין רעגנסבורג הויבט מען אויך אן צו לערנען די מיסטישע קבלה, וואס וועט אויפבליען אין דרייצנטן און פערצנטן יארהונדערט, ווען די צרות וועלן זיך שטארקן.

פינצטער איז געווען דאס לעבן פון די אשכנזישע געמיינדעס אין משך פון לאנגן שווארצן יארהונדערט. די פינצטערניש האט אפילו געדראט צו פארטונקלען דעם געדאנק, דער איינציקער פונק פון האפענונג איז געבליבן ארץ־ישראל. ווען סאלאדין נעמט אפ ירושלים ביי די קריסטן אין 1187 און דער דריטער קרייצצוג פון 1189־1192 לאזט זיך אויס מיט גארנישט, זעט מען אין דעם אלעמען א סימן, אז עס דערנענטערט זיך די גאולה. און ווען די יידישע לאגע אין ענגלאנד ווערט אומדערטרעגלעך אונטער דעם ברודער פון ריקארד לייבן־הארץ, יאהאן אן־לאנד, לאזט זיך ארויס אין יאר 1211 א גרויסע גרופע פון ענגלישע און פראנצויזישע רבנים אויף א נסיעה קיין ארץ ישראל, אפשר וועלן זיי דארט זוכה זיין צו דערהערן די טריט פון דעם משיח.

ביי אלע מעגלעכע שוועריקייטן האבן יידן דאך געררייזט אין יענע שווערע, אומ־רואיקע צייטן. מיר האבן שוין געזען ווי ר׳ יהודה הלוי און דער רמב״ם פארן אריבער פון שפאניע, דער ערשטער קיין ארץ ישראל, דער צווייטער קיין מצרים; גרעסערס אין דער היגזיכט פון רייזן האבן אויפגעטאן דער ספרדי בנימין פון טודעלא, וועלכער האט באַ־רייזט אין די יארן 1165־1173 די לענדער ארום דעם מיטללענדישן ים, און געלאזט א בוך מיט רייזע־באשרייבונגען אונטערן נאמען מסעות בנימין; און דער אשכנזי פתחיה פון רע־גענסבורג, וועלכער האט דורגעמאכט ווייטע נסיעות (1170־1180) און באשריבן אין זיין בוך „סבוב פתחיה". די רייזע־באשרייבונגען האבן פיל געהאלפן אויסצוברייטערן דעם האָ־ריזאנט פון די אייראפעאישע יידן, און האבן אויך משפיע געווען אויף דער נישט־יידישער וועלט.

אינערלעכער קרייצוג

(1229 - 1209)

בשעת דער צוועלפטער יאָרהונדערט איז דורכגעגאַנגען אין בלוטיקע מלחמות צווישן דעם קריסטנטום און איסלאַם (די קרייצצוגן), איז אין דרייצנטן יאָרהונדערט אויסגעבראָכן אַ נישט ווייניקער בלוטיקער קאַמף אינערהאַלב דער קריסטלעכער וועלט גופא, אין וועלכער עס האָט זיך פאַר דער צייט אָנגעזאַמלט אַ סך נישט איינשטימיקייט מיט די קאַטוילישע דאָגמעס און, בעיקר, אומצופרידנקייט מיט דער ראָל פון פויפסטן, בישאָפן און גלחים, וואָס זענען כמעט אומעטום געשטאַנען צו דינסט פון די מאַכטהאָבער קעגן די אונטערדריקטע שיכטן.

אַט־אָ די סאָציאַל־רעליגיעזע יווירונג האָט קריסטאַליזירט אין אַ רייע סעקטעס: אַלביגענזער, ברידער פון ליאָן (קאַטאַרן, וואַלדענזער), וואָס האָבן זיך אַנטוויקלט בעיקר אין דרום־טייל פון פראַנקרייך, אין דער אַזוי גערופענער פּראָוואַנס. די פּראָוואַנס איז אַ וווּנדערבאַר שיינע געגנט צווישן די פּירענעען און די אַלפּן־בערג, וווּ עס האָט זיך צוליב דער נאָענטקייט פון דער האַפנשטאָט מאַרסעל, וואָס איז אַרום יאָר 600 פאַר ד. א. צ. ר. געגרינדעט געוואָרן פון די גריכן, ווי אויך צוליב דער השפעה פון דער נאָענטער איסלאַמישער שפּאַניע, נישט אינגאַנצן אויסגעלאָשן דאָס ליכט פון פּאָעזיע און וויסן. דאָרט האָט אַפילו אויפגעבליט אַ באַזונדער מין פּאָעזיע, די פּראָווענסאַלישע, וואָס האָט באַאיינפלוסט די שפּעטערדיקע אייראָפּעאישע פּאָעזיע. די אַזוי גערופענע „פריילעכע קונסט" פלעגט פון וואַנדערנדיקע זינגערס, מינסטרעלס, צעטראָגן ווערן איבער די נאָענטע געגנטן, וווּ די רייכע און מעכטיקע פירשטן און ריטער פלעגן זיך לאָזן ווויליגיין ביים אויסהערן די געזאַנגען פון די וואַנדערנדיקע אַרטיסטן, וואָס האָבן דערציילט און באַזונגען דעם עפּאָס פון ריטערטום, וואָס די ריטער אַליין האָבן ס'רוב נישט געקאָנט אויסלייענען פון אַ בוך, ווייל זיי האָבן

מערסטנטייל נישט געקענט, נישט לייענען, נישט שרייבן. צווישן די מינסטרעלס פלעגן אפט איינגעאָרדנט ווערן פּאָעזיע־פאַרמעסטונגען, אין וועלכע עס האָבן געדינט אלס ריכטערינס די שענסטע און נאָבלסטע דאַמען פון געגנט.

די פּאָליטישע סטרוקטור פון געגנט איז אויך געווען א מער ליבעראַלע ווי אין די אַנדערע מקומות. אין דער פּראָוואַנס האָט זיך געאָטעמט פרייער.

יידן האָבן זיך באַזעצט אין דער פּראָוואַנס אין די גאָר אַלטע צייטן. אין דער געגנט זענען דאָך פאַרשיקט געוואָרן די פּרינצן פון דער הורדוס־דינאַסטיע: ארכעלאַאוס, דער רעגירער פון יהודה, און אַנטיפאַס, דער רעגירער פון גליל. די האַפּן־שטאָט מאַרסעל האָט אויך צוגעצויגן א היפשע יידישע איינוואַנדערונג, וואָס האָט נישט פאַרזאַמט צו פאַר־שפּרייטן זיך איבערן אינלאַנד. בליענדיקע יידישע קהילות זענען אויפגעקומען אין מאַרסעל, נאַרבאָן, לונעל, מאָנפּעליע, בעזיע, אַלבי, א. א. די יידן אין פּראָוואַנס האָבן זיך אויך אָפּגע־געבן מיט ווינסשאַפט, בעיקר מיט מעדיצין. אין דער ערשטער העלפט פון צוועלפטן יאָר־הונדערט האָט זיך באַזעצט אין דער פּראָוואַנס דער יידישער געלערנטער פון שפּאַניע אברהם ב"ר חייא נשיא, וועלכער האָט פאַרפאַסט אַן אַסטראָנאָמיש ווערק „צורת הארץ", אַסטראָנאָמישע טאַבעלן און א געאָמעטריע, וואָס זענען אויך איבערגעזעצט געוואָרן אין לאַטיין. ער האָט אויך פאַרפאַסט א ווערק וועגן עטיק: „ספר הגיון הנפש". די קריסטלעכע ווינסשאַפטסלייט האָבן זייער געשעצט ר' אברהם ב"ר חייא, וועמען זיי האָבן גערופן אב־ראַהאַם יודעאוס, אָדער סאַפּאַסאַרדאַ, פאַרגרייזט פון אַראַבישן סאַהיב־איל־סאַרדאַ, דער שטאָט־הויפּט, אַן אַמט, וואָס אברהם ב"ר חייא האָט פאַרנומען.

דער יידישער ישוב אין דער פּראָוואַנס איז געשטאַנען אונטער דער השפּעה פון דעם גרויסן און קולטורעלן ישוב אין דער נאָענטער איסלאַמישער שפּאַניע. אַזוי האָט אים אויך זיינע וואַנדערונגען באַזוכט דער באַרימטער פאָרשער און דענקער אברהם בן מאיר אבן עזרא, און אַנדערע ספרדישע לומדים. ווען די פאַרפאָלגונגען אויף יידן אין שפּאַניע מצד די פאַנאַטישע אַלמאָהאַדן שטאַרקן זיך, ראַטעווען זיך אין דער פּראָוואַנס יוסף בן יצחק קמחי, וועלכער באַזעצט זיך אין נאַרבאָן, און יהודה בן שאול אבן תיבון, וועלכער באַזעצט זיך אין לונעל. די צוויי לומדים וועלן זיין די שטאַם־פאָטערס פון צוויי פאַמיליעס ווינסשאַפטלער, פאָרשער און איבערזעצער, וואָס וועלן פיל ביישטראָגן צו דער יידישער און אַלגעמיינער קולטור: די קמחים און די תיבונס. אין פּראָוואַנס האָט אויך געלעבט און געווירקט דער משומד משה הספרדי, וועלכער האָט באַקומען דעם קריסטלעכן נאָמען פעטער אַלפאָנסי און האָט פאַרלייגט די גרונטשטיינער פון דער אייראָפּעאישער ליטעראַטור מיט זיין לאַטייניש ווערק, באַקאַנט אונטערן נאָמען Disciplina clericalis. פעטער אַלפאָנזי האָט אָבער אויך אָנגעפירט א מיסיאָנערישע טעטיקייט צווישן יידן. אַרום יאָר 1110 פאַרעפנטלעכט ער א בוך אונטערן נאָמען „דיאַלאָגן", ווו ער פרוווט אין צוועלף קאַפּיטלען דערווייזן, אַז די איינציקע ריכטיקע אמונה איז די קריסטלעכע. יידן האָבן נישט אָפּגעשוויגן, און עס האָט זיך פאַרפירט א לאַנגער וויכוח צווישן יידן און קריסטן וועגן

דעם, וועלכע אמונה איז ריכטיקער. די דאָזיקע וויכוחים האָבן זיך געפירט אין אַ גאַנץ פרידלעכן טאָן, מיט קעגנזייטיקער טאָלעראַנץ, און האָבן געהאַט אַ גרויסע השפּעה אויף פיל נישט־יידישע מוחות. אויפן סמך פון אָט די וויכוחים אַנטשטייט אַ גאַנצע פּאָלעמישע ליטעראַטור. אין 1170 פאַרעפנטלעכט יעקב ב"ר ראובן זיין בוך „מלחמות ד'", אָדער „ספר התשובות", אויך אין 12 קאַפּיטלעך, ווי דאָס ווערק פון פּעטער אַלפאָנזי, אין וועלכע ער פאַרטיידיקט די יידישע אמונה קעגן קריסטלעכע אָנגריפן. אין דער זעלבער צייט פאַרעפנט־לעכט אויך יוסף בר' יצחק קמחי אַ פּאָלעמיש ווערק, אונטערן נאָמען „ספר הברית". קמחי באַגרענעצט זיך נישט בלויז מיט פאַרטיידיקן, ער גרייפט אָן דאָס קריסטנטום און זיינע פירער, וואָס „פּריידיקן וואַסער און טרינקען וויין", ס'הייסט, וואָס פירן זיך פּונקט פאַר־קערט פון דעם, וואָס עס ווערט געלערנט אין עוואַנגעליום גופא.

די דאָזיקע וויכוחים, מינדלעכע און שריפטלעכע, האָבן זיך אָפּגערופן אויף די פּאַרטייאישע סעקטעס, וואָס זענען סיי ווי געווען אומצופרידן מיטן קאַטאָליציזם צוליב סאָציאַלע מאָטיוון. צווישן די סעקטאַנטן אַנטשטייט אַ באַשטימטע באַוועגונג פאַר אַי־בערגיין צום יידנטום. צווישן די פריידענקער איז געוואָרן פּאָפּולער דאָס וואָרט, אַז: „דער יידישער גלויבן איז בעסער פון דעם קאַטוילישן". צום אָנפאַנג פון דרייצנטן יאָרהונדערט איז דער רוב פון דער באַפעלקערונג פון דער פּראָוואַנס, בעיקר אין די שטעט מיט גרויסע יידישע קהילות, געווען געשטימט קעגנעריש צום קריסטנטום בכלל, און צום קאַטאָליציזם בפרט.

די דאָזיקע לאַגע האָט געמוזט אַרויסרופן אַ רעאַקציע מצד דער קאַטוילישער קירכע, בראש פון וועלכער עס איז דאַן געשטאַנען דער ענערגישער און הערשערישער פּויפּסט אינאָקענטי דער דריטער (1198־1216). לכתחילה איז אינאָקענטי געווען נישט איבעריק פיינטלעך צו יידן. ער האָט אפילו ביים באַשטייגן דעם פּויפּסטן־טראָן אין 1198 דערקלערט, אַז: „די רעכטגלויביקע טאָרן זיי נישט צופיל פאַרפאָלגן". אָבער די פאַר־שאַרפטע לאַגע אין דער פּראָוואַנס מאַכט אים בייטן זיין טאַקטיק. אינאָקענטי בייזערט זיך אויף דעם פראַנצויזישן מלך פיליפּ אויגוסט, פאַר וואָס ער האָט צוריקגערופן די יידן, וואָס ער האָט געהאַט פאַרטריבן אין 1182. ער איז אויך בייז, פאַרוואָס די יידן האָבן אין אַ פראַנצויזישער שטאָט אויסגעבויט אַ שול מיט אַ קופּאָל, וואָס איז העכער פון קלויס־טער, ער קאָן אויך נישט פאַרשווייגן, פאַרוואָס יידן שפּאַצירן פראַנק און פריי אין די גאַסן אין דער וואָך פאַר פּאַסכאַ, און פּאָדערט, אַז עס זאָלן איינגעפירט ווערן אַ האַרבערער רעזשים אין באַצוג צו יידן (1205).

די לאַגע אין פּראָוואַנס פאָדערט ענערגישע שריט, און אינאָקענטי פּריידיקט אַ קרייצצוג קעגן די אַלע סעקטאַנטן און קעגן די יידן. אין יולי 1209 הויבט זיך אָן דער קרייצצוג מיט אַ שחיטה אין בעזיע, וווּ עס ווערן דערמאָרדעט זיבן טויזנט נפשות, מענער, פרויען און קינדער אין שטאָט און צוואַנציק טויזנט אין דער אומגעגנט. קריסטן שעכטן קריסטן, נישט פרעגנדיק ווער איז „שולדיק" און ווער נישט, ווייל דער לעגאַט פון פּויפּסט,

ארנאלד, האלט אז „גאט אין הימל וועט שוין אויסגעפינען ווער עס זענען זיינע רעכט־גלויביקע". עס פארשטייט זיך, אז יידן האבן אויך היפש געליטן. אין 1217 רינגלט ארום די פרוי פון דעם הויפט־אנפירער פון דעם זאנדערבארן קרייצצוג סימאן מאנטפאר אלע יידן פון טולוז און שמדט אפ אויף גוואלד די קינדער יינגער פון זעקס יאר. די עלטערע קומען אלע אום אויף קידוש השם. אין משך פון די צוואנציק יאר וואס דער קרייצצוג האט געדויערט (1209־1229) האבן זיך מער ווי איינמאל ווידערהאלט ענלעכע פאלן. דאך האט דער יידישער ישוב געליטן צוזאמען מיט דער אלגעמיינער באפעלקערונג, און דאס האט געהאלפן, אז דער חורבן פון די קהילות זאל נישט זיין קיין פולשטענדיקער. די יידישע לאגע ווערט נאך פארערגערט מיט דעם, וואס די פראוואנס ווערט אנעקסירט צום קעניגלעכן באזיץ פון פראנקרייך.

די קירכע באמיט זיך אויך אין אירע צוזאמענפארן אריינצופירן צוריק אין לעבן די באגרענעצונגען קעגן די יידן, וואס די פריערדיקע קאנציליומס האבן ארויסגעגעבן און וואס מעז האט אין דער פראוואנס כמעט נישט אנגעווענדט אין דער פראקטיק: באזייטיקן יידן פון עפנטלעכע אמטן, פארבאטן זיי צו האלטן קריסטלעכע דינער־שאפט, פארבאטן זיי ארבעטן אין די טעג פון די קריסטלעכע ימים־טובים און אפילו נישט עסן קיין פלייש אין די טעג פון קריסטלעכע תעניתים. דאס קרוין־ווערק, אבער פון אינאקעגטי דעם דריטנס אנטי־יידישער פאליטיק איז געווען דאס איינפירן, לויטן באשלוס פון דעם פערטן קאנציליום פון לעטראן אין 1215, די ספעציעלע אפצייכענונג אויף די בגדים פון די יידן. אויך אין דעם איז ער נישט געווען אריגינעל. די גזירה איז בלויז א נאכמאכונג פון דער פאראדענונג פון אן איסלאמישן כאליף איל מוטאוואקיל קעגן אלע אנדערש־גלויביקע אין די איסלאמישע לענדער. אבער דער פרינציפ איז דער זעלבער. יידן דארפן טראגן אויף זייערע בגדים א צייכן, וואס זאל דערלויבן די רעכט־גלויביקע קריסטן צו דערקענען זיי פון דער ווייטנס. די פרטים פון דעם צייכן און די צייט פון זיין אנווענדונג איז געלאזט געווארן פאר די ארטיקע הערשער, וואס האבן געפונען אין דעם א נייעם מקור פון הכנסה. יידן האבן געצאלט דערפאר, אז דער צייכן זאל נישט זיין קיין צו לעבערלעכער, ווי, למשל, א שפיציקער פאיאצן־מיץ; מען האט אויך געצאלט דערפאר, אז מען זאל נישט דארפן טראגן דעם צייכן ווען מען איז אונטערוועגנס, א. א. וו. בכלל אבער איז דער צייכן באשטאנען פון א געלער לאטע אויף דער ברוסט, אדער אויף דער פלייצע, און לאנגע דורות האבן געפילט די באליידיקונג, וואס דאס האט זיי פאראורזאכט. דער גרינדער פון דער ציוניסטישער באוועגונג, וואס האט צוריקגעשטעלט די יידישע פאליטישע שטאטלעכקייט, ד"ר ט. הערצל, שלאגט דערפאר פאר אין זיינע פראיעקטן, אז דאס בענדל פון דעם צוקונפטיקן אויסצייכענונג־ארדן פון דער יידישער מלוכה זאל זיין פון געלן קאליר, אין אנדענק פון דער אמאל איבער־געטראגענער דערנידערונג. דער ערשטער אפיציעלער ציוניסטישער ארגאן „די וועלט", דערשיינט אויך אין א געלער הילע.

דער קאמף קעגן די סעקטאנטן פון דער פראוואנס האט אויך געשאפן צוויי אינסטיטוציעס, וואס וועלן אין דער צוקונפט אויסאיבן א גרויסע השפעה אויף דער יידישער לאגע אין די קאטוילישע לענדער: דער מאנאכן־ארדן פון די דאמיניקאנער, געגרינדעט פון דעם שפאניער דאמיניק, וועלכער איז שפעטער געהייליקט געווארן פון דער קאטוילישער קירכע און איז מער באקאנט אלס דער הייליקער דאמיניק; דער מאנאכן־ארדן פון די פראנציסקאנער איז געגרינדעט געווארן דורך סאן־פראנציסקא נאך אין 1209; און דעם טריבונאל פון דער הייליקער אינקוויזיציע, וואס וועט צעבלאזן אין אלע קאטוילישע לענדער שייטער־הויפנס (אויטא־דע־פע), אויף וועלכע מען וועט לעבעדיקערהייט ברענען יידן און הערעטיקער.

בכלל האט זיך זינט די קרייצצוגן פארשטארקט די גרינדונג און ארגאניזירונג פון די מאנאכן־ארדנס, פון וועלכע יידן האבן נישט איינמאל געהאט פיל אויסצושטיין. אין 1098 ווערט געגרינדעט דער ארדן פון מאנאכן ריטער פון הייליקן יאהאן פון ירושלים (די ריטער פון מאלטא) און דער ארדן פון די ציסטערענסן. אין 1118 דער ארדן פון די טעמפלאריער. אין 1120 די פרעמאנסטראנעזער. אין 1156 די כרמליטן. אין 1158 די ריטער פון קאלאטראווא. אין 1190 די טעאוטאנישע ריטער (האספיטאלאריער). אין 1209 די פראנציסקאנער. אין 1216 די דאמיניקאנער.

101טע לעקציע

עפנטלעכע וויכוחים

(1263 - 1240)

סיי די דאָמיניקאַנער, סיי די פראַנציסקאַנער, וועלן לכתחילה זוכן צו ווירקן דורך איבערציינונג, און דער דרייצנטער יאָרהונדערט וועט זיך אויסצייכענען מיט זיינע געצוווּנגענע וויכוחים צווישן די יידישע רבנים און קריסטלעכע גייסטלעכע. צו הילף די לעצטע וועלן קומען אייניקע משומדים, וואָס וועלן זיי אַרויסהעלפן ביים אויסטייטשן די יידישע הייליקע שריפט, אין וועלכער יענע זענען נישט געווען קיין איבעריק גרויסע מומחים.

דער ערשטער פון די דאָזיקע געצוווּנגענע וויכוחים איז פאָרגעקומען אין 1240 אין פּאַריז (12טן יוני). דער משומד ניקאָלאַס דאָנין האָט דערלאַנגט אין 1239 א מסירה צום פּויפּסט און צו דער אינקוויזיציע אויפן תלמוד, אַז ער אַנטהאַלט באַליידיקונגען קעגן יעזוסן און קריסטנטום, ווי בכלל אוממאָראַלישע לערעס. דער פּויפּסט גרעגואַר דער נייַנטער האָט גלייך פאַראָרדנט די בישאָפן פון שפּאַניע, פראַנקרייך און ענגלאַנד, צונעמען ביי די יידן זייערע ספרים פון תלמוד און איבערשיקן זיי קיין פּאַריז, ווו עס וועט דורכגעפירט ווערן אַן אויספאָרשונג איבער זייער אינהאַלט. עס איז באַשטימט געוואָרן אַן אָפיציעלע קאָמיסיע אויף אויסצוהערן די באַשולדיקונג פון ניקאָלאַס דאָנין, ווי אויך די יידישע פאַרט־יידיקונג. פון יידישן צד זענען געשטאַנען פאַר דער קאָמיסיע דער פּאַריזער רב ר׳ יהיאל, און דער מחבר פון „ספר מצוות גדול״ (סמ״ג) ר׳ משה פון קאָצי.

די ספּעציעלע קאָמיסיע האָט נישט געלייגט קיין וואָג אויף די יידישע טענות און האָט אַרויסגעטראָגן איר אורטייל, אַז די ספרים פון תלמוד דאַרפן פאַרברענט ווערן. מיט תחנונים און „מתנות״ איז די יידן געלונגען אָפּצולייגן די גזירה, אָבער אין צוויי יאָר אַרום, אין 1242, איז דורכגעפירט געוואָרן דער ערשטער שייטער־הויפן אויף

תלמוד. אויף אַן עפנטלעכן סקווער אין פּאַריז, ווו עס האָט דעמאָלט געהערשט לודוויג דער הייליקער, זענען פאַרברענט געוואָרן פיר און צוואַנציק וועגענער מיט פאָליאַנטן פון תלמוד. דאָס פאַרברענען דעם תלמוד האָט ווי אַ שווערער קלאַפּ זיך אָפּגערופן אויף דער גאַנצער יידישער וועלט. איינער פון די לעצטע בעלי־התוספות ר' מאיר ב"ר ברוך (מהר"ם) פון רוטנבערג, פאַרפאַסט אַ רירנדיקע קינה: „שאלי שרופה באש לשלום אבליך", פרעג זיך, דו פאַרברענטע אין פייער, וואָס מאַכן די וואָס טרויערן אויף דיר, אין וועלכער ער זאָגט צווישן אַנדערס:

איכה נתונה באש אוכלה,	ווי אַזוי איז די, וואָס איז געגעבן געוואָרן אין ברענענדיקן פייער,
תאכל באש בשר,	פאַרצערט געוואָרן אין ערדישן פייער?..
ולא נכוו זרים בגחליך.	און די פרעמדע האָבן זיך ניט אָפּגעבריט אין דיינע קוילן.
— — — — — —	— — — — — — — — — —
אוריד דמעות עדי יהיו כנחל,	איך וועל גיסן טרערן, ביז פון זיי וועט ווערן אַ טייך,
ויגיעו לקברות שני אציליך,	וואָס וועט דערגרייכן די קברים פון די צוויי נאָבללייט
משה ואהרן בהר־ההר	משה און אהרן אויפן הר־ההר.
ואשאל, האם יש תורה חדשה?	און איך וועל זיי פרעגן: איז טאַקע דאָ אַ נייע תורה,
בכן נשרפו גויליך?	און דערפאַר האָט מען פאַרברענט דיינע פאַרמעטן?

בנימין בן אברהם מן הענווים (דעי מאַנסי) פון רוים, שרייבט אויף דער זעלבער געשעעניש זיין סליחה: „אל מי אנוסה לעזרה", צו וועמען זאָל איך לויפן נאָך הילף", ווי ער וואָלט פאַרגעפילט, אַז דאָרט ווו מען האָט אָנגעהויבן ברענען ספרים, וועט מען נאָך ברענען מענטשן לעבעדיקערהייט.

דער נייער פּויפּסט, אינאָקענטי דער פערטער, האָט זיך אין 1244 געווענדט מיט אַ בריוו צו לודוויג דעם הייליקן, פאָדערנדיק פון אים צו פאַרניכטן אַלע תלמוד־מסכתות, וואָס האָבן נאָך געקאָנט בלייבן אין פראַנקרייך. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ האַרבער קאַמף. די קירכע האָט דעם תלמוד נישט פאַרהייליקט, ווי זי האָט עס געטאָן מיטן תנ"ך און אַפילו אַ טייל אַפּאָקריפן, און האָט געזוכט דעם תלמוד אויסצוראָטן. יידן האָבן מיט די לעצטע כוחות פאַרטיידיקט זייער גייסטיק פאַרמעגן און דאָס רעכט אויף אייגנאַרט. נאָך צוויי מאָל האָט מען אין פראַנקרייך פאַרמשפּט דעם תלמוד, אין 1248 און אין 1250. די גזירה איז אָבער אָפּגעשריען געוואָרן. מען האָט דעם תלמוד מער נישט געברענט, נאָר קאָנפיסקירט, און דאָס האָט כמעט אָפּגעשאַפט דעם לימוד התלמוד אין פראַנקרייך.

דערווייל ווערן ווידער דערוועקט משיח־אילוזיעס אין צוזאַמענהאַנג מיט דער אינוואַזיע פון די טאַטערן, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין 1240. ר' יחיאל מפריז און נאָך אייניקע רבנים פאָרן אַוועק. ר' יחיאל האָט זיך באַזעצט אין 1259 אין ארץ־

ישראל, ווו ער איז געשטאָרבן אין 1268. דער גייסטיקער יידישער צענטער אין פראנק־רייך, געגרינדעט פון רש"י אין 1070, איז חרוב געוואָרן.

פון א פיל גרעסערן פאָרנעם איז געווען דער עפנטלעכער וויכוח, וואָס איז פאָרגעקומען מיט 23 יאָר שפּעטער אין באַרצעלאָנאַ, די הויפּט־שטאָט פון אראגאָן און קאטאלוניא. די לאגע פון די קריסטן אויפן איבערישן האלב־אינדזל האָט זיך פיל גע־שטאַרקט אין אָנפאנג פון דרייצנטן יאָרהונדערט, נאָכן זיג, וואָס זיי האָבן אָפּגעהאלטן איבער די מוסולמענער אין 1212, ביי נאוואס דע טאָלאָזא. אין 1248 דעראָבערן די קריסטן די וויכטיקע שטאָט סעוויליע אין דרום, און דער איסלאַמישער באַזיץ אויפן האלב־אינדזל בלייבט באַשרענקט צו א שמאָלן פּאַס לאנד ביים מיטללענדישן ים, מיט גראנאדא אלס הויפּט־שטאָט. פאַרזיכערט אין זייער אויבערהערשאַפט אויפן איבערישן האלב־אינדזל האָבן די קריסטן פון די שפּאַנישע מלוכות אָנגעהויבן ביסלעכווייז דער־ווייטערן פון זיך די יידן, ווען אפילו גאַנץ בהדרגהדיק. כמעט צוויי הונדערט און פופ־ציק יאָר וועט עס דויערן, ביז זיי וועלן פון דאָרט דעפיניטיוו אַרויסגעטריבן ווערן. איינער פון די מיטלען צו מאַכן אומבאַקוועם די יידן, איז געווען אַן עפנטלעכער וויכוח איבער אמונה. אויך אין דעם פאַל האָט מיטגעהאָלפן די שונאי ישראל א משומד.

אין 1260 נעמט אונטער דער משומד פּאַבלאָ קריסטיאַנאָ א מיסיאָנערישן טור איבער א רייע שטעט פון קאַטאַלוניא, אַרויסרופנדיק די יידישע רבנים אויף אַן עפנטלעכן וויכוח, אין פאַרלויף פון וועלכן ער זאָגט צו צו דערוויזן פאָלגנדעס: 1) משיח איז שוין געקומען, 2) לויט די נביאים איז משיח א גאָט אין מענטשן־געשטאַלט, 3) משיח האָט געליטן און איז געשטאָרבן פאַרן מענטשלעכן מין, 4) אלע געזעצן פון דער תורה זענען בטל געוואָרן מיטן קומען פון משיח. אידן האָבן זיך, פאַרשטענדלעך, נישט אָפּגערופן אויף דעם אַרויסרוף, אָבער דעם הויפּט פון די דאָמיניקאַנער, פּעניאַפאָרטע, איז געלונגען צו איבערצייגן דעם מלך פון אַראַגאָן (יעקב 1טער) און ער האָט באַפוילן די יידן זיך שטעלן צום וויכוח. די יידן האָבן באַשטימט א דעלעגאַציע פון רבנים, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען דער רב פון געראָנאַ, דער באַרימטער משה בן נחמן (רמב"ן) וואָס האָט געטראָגן דעם וועלטלעכן פאַמיליען נאָמען באָנאַסטרוג דע פּאָרטאָ.

דער וויכוח איז פאָרגעקומען אין די טעג פון 20סטן ביזן 24סטן יולי פון 1263, אין קעניגלעכן פּאַלאַץ פון באַרצעלאָנאַ אין אָנוועזנהייט פון קעניג, גייסטלעכע, הארן און ריטער. דער רמב"ן האָט געהאַט די דערלויבעניש צו רעדן פריי, ער איז אָבער געווען געצוואונגען צו זיין גאָר פאָרזיכטיק אין זיינע ענטפערס, כדי נישט צו באַליידיקן די קריסטלעכע אמונה. צווישן די פאַרשידענע ראיות, אז משיח איז נאָך נישט געקומען, האָט דער רמב"ן גע־בראַכט דעם פאַקט, וואָס עס הערשט נאָך נישט דער וועלט־שלום, וואָס איז פאַרשפּראָכן געוואָרן פאַר די משיחס צייטן, די וועלט גייט נאָך אלץ אָפּ מיט בלוט. לסוף האָט ער זיך אויך דערלויבט אריינלאָזן אין סאַמע תוך פון דער דיסקוסיע. דער מלך און זיינע הארן, דערצויגן אין דער קריסטלעכער אמונה, האָבן זיך שוין צוגעוווינט צו די קריסט־

לעבע דאָגמעס, ווען אפילו זיי זענען קעגן דער לאָגיק. אָבער דער יידישער מוח קאָן נישט באַגרייפן — זאָגט דער רמב"ן — „אַז גאָט, דער באַשעפער פון אַלץ, זאָל האָבן דורכגעגאַנגען דורך אַ בויך פון אַ יידישער פרוי, ווו ער איז געלעגן ניין חדשים, אַז ער איז געבוירן געוואָרן אַ קליינינקער, איז געוואַקסן, און איז לסוף איבערגעענטפערט געוואָרן צו זיינע פיינט, וואָס האָבן אים פאַרמשפּט צום טויט און אומגעבראַכט, נאָכ־הער, זאָגט מען, איז ער צוריק לעבעדיק געוואָרן... דאָס אַלץ קאָן אַ יידישער מוח נישט פאַרנעמען, און דאָס איז דער עיקר פון אונדזער מחלוקת, אַזוי אַז די רייד זענען אַרויס־געוואָרפן." דער וויכוח האָט זיך געענדיקט מיט גאָרנישט. אָפיציעל האָט מען אָבער מיט־געטיילט, אַז דער יידישער צד איז באַזיגט געוואָרן. דער רמב"ן האָט דאַן אַרויסגע־לאָזט אַ חבור מיט אַ גענויעם באַריכט פון דעם וויכוח. אַ קאָפּיע פון דעם באַריכט האָט ער צוגעשיקט אויך דעם בישאָף פון גערצָנאַ, און עס איז געוואָרן אַ היפּשער סקאַנדאַל. די קירכע האָט געוואָלט פאַרפירן אַ פּראָצעס קעגן רמב"ן פאַר גאָטלעסטע־רונג, וואָס זי האָט אַריינגעטייטשט אין זיינע אויסדריקן בשעת דעם וויכוח. אויף צו מאַכן אַן ענדע צו דער אָנגעצויגענער סיטואַציע איז דער רמב"ן אין 1267 אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל, ווו ער האָט אָנגעהויבן צוריקשטעלן דעם יידישן ישוב נאָך דער טאָ־טערן־אינוואַזיע.

דערמיט האָט זיך אָבער דער ענין נישט פאַרענדיקט. די קירכע האָט איבער־געטראָגן דעם וויכוח אויף פּריידיקן אין יידישע שולן דורך דעם זעלבן משומד פּאַבלאָ קריסטיאַנאָ. אַ באַפעל פון קעניג האָט באַפוילן, אַז יידן און מוסולמענער מוזן קומען הערן די דרשות פון דעם פּריידיקער, וואָס וועט זיי ווייזן דעם וועג צום „אייביקן גליק". אין 1264 איז אויך פאַראָרדנט געוואָרן צוצושטעלן די אידישע ספרים אויף אַ רע־וויזיע, בכדי אויסצומעקן פון זיי אַלע גאָט־לעסטערנדיקע אויסדריקן. די השפעה פון די יידן איז נאָך אָבער געווען גענוג גרויס, אַז די ביידע גזרות זאָלן אָפּגערופן ווערן אין 1265.

די לאַגע פון די יידן אין שפּאַניע איז נאָך געבליבן גענוג פעסט ביז דער צווייטער העלפט פון פערצנטן יאָרהונדערט. די יידישע קהילות סיי פון קאַסטיליע, סיי פון אַראַגאָן האָבן גענאָסן פון אַ ברייטער אויטאָנאָמיע מיט אייגענע געריכטן, וואָס האָבן אפילו געקאָנט פאַרמשפּטן צו טויט־שטראָף. די מלוכה־מאַכט איז געווען מחויב דורכצופירן די באַשלוסן פון בית דין, בלויז אַ טויט־אורטייל האָט זיך גענויטיקט אין דער באַשטעטיקונג פון מלך. טראָץ אַלע פאַרבאָטן פון דער קירכע פאַרנעמען יידן דאָך אָנגעזעענע מלוכה־פּאָסטנס. דער יורש פון יעקב דעם 1טן, פּעדראָ דער דריטער, האָלט דעם יידן יהודה דע קאַבאַלעריאַ אויפן פּאָסטן פון פּראָווינץ־גובערנאַטאָר, און דער ייד שמואל אבינחים איז הויף־דאָקטאָר און אָפיציעלער איבערזעצער פון אַראַ־ביש. אויפן זעלבן וועג גייט זיין נאָכפאָלגער אַלפאָנס דער דריטער (1285־1291).

102טע לעקציע

דער בלבול פון הייליקן ברויט:

אין ענגלאַנד, פראַנקרייך און דייטשלאַנד לעבן יידן איבער אין דעם פּעריאָד, צווישן דעם קרייצצוג קעגן די אפּיקורסים פון פּראָוואַנס (1209־1229) און דער שוואַר־צער פּעסט (1348־1350) שווידערלעכע רדיפות און שחיטות, וואָס ענדיקן זיך סוף כּל סוף מיטן דעפיניטיוון פאַרטרייבן זיי פון די מדינות, גענצלעך אָדער טיילווייז.

אין ענגלאַנד ווערט אין 1233 געגרינדעט אַ הויז אויף אויסצוהאַלטן דאָרט די קאַנדיאַטן אויף משומדים און די יידישע קהילות דאַרפן זיך באַטייליקן אין אירע הוצאות. אין 1241 ווערט פאַררופן אין וואָרטשעסטער אַ מין יידישער פּאַרלאַמענט, וואָס דאַרף העלפן דער מאַכט אַרויסקריגן פון די יידן וואָס מער צינזן. אין 1255 פאַר־קויפט דער מלך היינריך דער דריטער „זיינע" יידן צו זיינעם אַ ברודער, גלייך זיי וואָלטן געווען לייב־אייגענע. אין דעם בירגער־קריג 1262־1266 ליידן די יידן מער פון אַלע אַנדערע בירגער און די יידן פון לאָנדאָן ווערן גרינטלעך אויסגערויבט. אונטער דער רעגירונג פון עדוואַרד דעם ערשטן ווערט אַפילו געמאַכט אַ פּרווו צו סטאַביליזירן די יידישע לאַגע דורך אַ ספּעציעלן יידישן סטאַטוט (1275), אָבער פופצן יאָר שפּעטער, אין 1290, ווערן די יידן פאַרטריבן פון ענגלאַנד, וווּהין זיי וועלן זיך מיט דער שטי־לער צושטימונג פון דער מאַכט אומקערן ערשט אין 1655.

נישט פיל בעסער איז עס אין פראַנקרייך. דאָרט האָבן זיך אַפילו די שונאי ישראל געמוזט באַמיען אויסצוזוכן אַ נייעם בלבול אויף יידן, ווייל דער בלוט־בלבול האָט שוין מער נישט געגאָלטן ווי פריער. אין 1247 האָט דער פּויפּסט אינאָקענטי דער פערטער אַרויסגעלאָזט אַ בולאַ, וואָס פאַרווערט צו באַשולדיקן יידן אין נוצן קריסט־לעך בלוט, ווייל די אויסטראַכטעניש איז אַבסאָלוט גרונטלאָז. דאָס שטערט אַפילו נישט, אַז אין 1288 זאָלן פאַר אַ בלוט־בלבול אין טרואַ פאַרברענט ווערן ניין יידן. אָבער די שונאי ישראל האָבן זיך דערקלערט צו אַ נייעם בלבול, וואָס קאָן זייער גוט פאַרבייטן

עלילת־דם. אין דער קאַטוילישער גאָטעס־דינסט שפּילט אַ גרויסע ראָל אַ קליין מצהלע, וואָס ווערט גערופן „האָסטיע", וועלכע סימבאָליזירט אין דער צערעמאָניע פון דער קאָמוניאָן, דאָס לייב פון דערלייזער. אין 1290 האָט מען אין פּאַריז אויסגעטראַכט אַ בלבול, אַז יידן האָבן „געפּייניקט" און געשענדעט די „האָסטיע". זיי זאָלן האָבן אַזוי לאַנג געשטאָכן דאָס קליינע מצהלע, ביז פון דעם איז גערונען בלוט. עס טרעפט טאַקע אַמאָל, אַז פון צופיל אַלטקייט באַווייזן זיך אין די מצהלעך רויטע פלעקן, אַ פּראָדוקט פון אַ כעמישן פּראָצעס, וואָס איז נאָך דאַן געווען אומבאַוווּסט. די צוויי יידן וואָס זענען די ערשטע באַשולדיקט געוואָרן אין דעם נייעם בלבול, זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט אין 1290.

לאַנג וועלן שוין די יידן אין פראַנקרייך נישט ליידן. אין 1306 ווערן זיי פאַרטריבן פון לאַנד. אין 1315 וועלן זיי צוריק גערופן ווערן פון לודוויק דעם צענטן. זיי לעבן דאָרט איבער די גרוילן פון אַ פּויערים־ און פּאַסטוכן־אויפשטאַנד אין 1320, פון אַן אויפשטאַנד פון מצורעים אין 1321. אין 1322 וועלן יידן ווידעראַמאָל פאַרטריבן ווערן פון פראַנקרייך. אַ סך וועלן נאָך פאַר דעם אַוועק מיטן אייגענעם ווילן.

נאָך ערגער איז די לאַגע אין דייטשלאַנד. אַ סך פאַקטאָרן זענען גורם, אַז די יידישע לאַגע אין דייטשלאַנד זאָל ווערן ממש אומדערטרעגלעך. אויפן אָנפאַנג פון זעקסטן יאָרטויזנט פון דער יידישער ציטרעכענונג, האָט מען ביי יידן געוואַרט אויף משיחן. די קריסטלעכע וועלט האָט דערפון געוווּסט, און כפי ארום יענע צייטן (1241) האָבן זיך די טאָטערן דערקייקלט ביז די געגנטן פון ברעסלוי, איז אַרויס אַ קלאַנג, אַז יידן האָבן זיי גערופן צו באַהערשן דייטשלאַנד; עס האָט אפילו געהייסן, אַז מען האָט געפונען געווער פאַר די טאָטערן, געפּידט אין פעסער, כלומרשט מיט וויין. אין יאָר 1241 דאָס יאָר וואָס מען האָט דערוואַרט משיחן, ברעכט טאַקע אויס אַן אמתער בירגערקריג צווישן יידן און קריסטן אין פראַנקפורט.

אין 1250 שטאַרבט דער אימפּעראַטאָר פרידריך דער צווייטער און ביז 1273 וועט קיין נייער אימפּעראַטאָר נישט דערווײלט ווערן און די יידן זענען אינגאַנצן אָנגעוויזן אויפן חסד פון די לאָקאַלע מאַכטהאָבער. אין די דאָזיקע אומרואיקע יאָרן זוכט יעדער כוח אין דער אימפּעריע צו פאַרכאַפּן וואָס מער מאַכט אין זיין האַנט. די קירכע זוכט צו מאַכן שווערער די לאַגע פון די יידן. דער בישאָפן־צוזאַמענפאָר פון מאַינץ אין 1259 באַשטעטיקט נאָכאַמאָל אַלע אַמאָליקע באַגרעניצונגען קעגן יידן, דער סינאָד פון ברעסלוי אין 1267 באַשליסט פאַרשפּאַרן יידן אין געטאָס. די סוחרים־פאַרבאַנדן און צעכן פון בעלי־מלאכות זוכן אַרויסצושטופּן יידן פון יעדער פּראָדוקטיווער באַשעפטיקונג, איבערלאָזנדיק פאַר זיי בלויז דעם וווּכער. צו דער זעלבער צייט ווילן די שטאָט־מאַגיסטראַטן, וואָס באַשטייען פון סוחרים און רייכע בעלי־מלאכות באַקומען הערשאַפט איבער די יידן. אויף דעם באָדן אַנטוויקלט זיך אַ שאַרפער קאַמף צווישן די מאַ־

גיסטראַטן און די שטאָט־בישאָפן, וואָס האַלטן זיך פאַר די ווירקלעך אויטאָריזירטע „פאַרטיידיקער" פון די יידן.

אַזוי למשל פּראָקלאַמירט זיך קאָנראַד בישאָף פון קעלן אין יאָר 1252, אַלס איינציקער פאַרטיידיקער פון די יידן. דער מאַגיסטראַט האַלט זיך ביי אַ פּונקט פאַר־קערטן שטאַנדפּונקט, אַז ער איז דער באַלעבאָס פון די יידן. עס קומט צו אַ פּראָצעס און דאָס געריכט באַשטימט, אַזביידע צדדים זענען גלייכע שותפים אין געשעפט. אין אַן ענלעכן קאָנפליקט אין ווירצבורג, האָט זיך געמוזט אַריינמישן דער פּויפּסט אַליין, אַי־נאָקענטי דער פערטער, וועלכער האָט געפּסקנט, אַז דער בישאָף איז דער איינציקער באַלעבאָס. בישאָף רופּרעכט פון מאַגדענבורג פאַרשטייט זיין רעכט איבער די יידן אויף אַ גאָר פּשוטן אופן. סוכות פון 1261 באַפאַלט ער דעם יידנפערטל פון זיין שטאָט, ראַבירט אים אויס און פאַרהאַלט די רייכע און מנהיגים, פאָדערנדיק פאַר זיי אויסלייז. דער דוכוס אַלברעכט פון ברונשוויג, וואָס האַלט, אַז ער איז דער באַלעבאָס פון די יידן, קומט זיי „פאַרטיידיקן", ער ווערט אָבער געפאַנגען פון בישאָף רופּרעכט און מוז באַ־צאָלן אַ היפּשן אויסקויף. פון ביידע „געשעפטן" האָט דער בישאָף פאַרדינט אַ הונדערט טויזנט זילבערנע טאָלער. אַ גוואַלדיקע סומע אין יענע צייטן.

די אומאָרדענונג אין דער אימפּעריע איז אַזוי גרויס, אַז שטעט און פעאָדאַלן הויבן אָן שאַפן פאַרבאַנדן אויף צו פאַרטיידיקן זיך פון באַנדיטן און אָנהאַלטן אָרדע־נונג אין לאַנד. יידן ווערן אויך אַריינגענומען אין אַ רייע פאַרבאַנדן; דאַרפן זיי צושטעלן געווער אין רעגנסבורג, צאָלן זיי אַ געדונגענע שמירה אין וואָרמס, באַשטייערן זיך פאַר די פאַרבאַנדן פון ריינלאַנד, פראַנקפורט אַם מיַין א. א. וו.

גלייכצייטיק פּריידיקט דער מאָנאַך בערטאָלד און לערנט, אַז יידן, געצנדינער און אפּיקורסים זענען קינדער פון שטן, מען טאָר מיט זיי קיין מגע ומשא נישט האָבן. מען מוז אויף זיי אָרויפצווינגען דעם שאַנד־צייכן א. א. וו. עס דערשיינט אויך דער קאָדעקס „שוואַבנשפּיגל", פול מיט יידנהאַס און באַגרענעצונגען.

אין 1273 ווערט רודאָלף פון האַבסבורג דערוויילט אַלס אימפּעראַטאָר, און הויבט אָן איינפירן אָרדענונג אין דער אימפּעריע. דאָס וועט אָבער נישט שטערן, אַז פון 1283 ביז 1287 זאָל אַ כוואַליע שחיטות פאַרוויסטן פראַנקפורט, בייערן און די ריין־געגנט. יידן הויבן אָן לויפן פון דייטשלאַנד, עמיגרירן מאַסנווייז אין די צענטער־און מזרח־געביטן, בעיקר קיין פּוילן. אימפּעראַטאָר רודאָלף זוכט אָבער אָפּצושטעלן די עמיגראַציע פון „זיינע יידן", און פאַראָרדנט אין 1286, אַז דאָס פאַרמעגן פון די עמי־גראַנטן זאָל קאָנפיסקירט ווערן. ער פאַרבאָט בכלל יידן צו עמיגרירן.

דער דאָזיקער דעקרעט טרעפט דעם לעצטן פון בעלי־התוספות, ר' מאיר בר' ברוך (מהר"ם) מרוטנבורג. ער באַשליסט צו פאַרלאָזן די אימפּעריע און דערקלייבט זיך

שוין ביז לאָמבאַרדיע (1286). אָבער דאָרט ווערט ער דערקענט פון זיינעם אַ געוועזענעם תלמיד, אַ משומד, וועלכער פאַרמסרט אים. ר' מאיר ווערט געכאַפּט און איינגע־זעצט אין דער תפיסה פון אַנזעסהיים אין עלזאַס. אימפּעראַטאָר רודאָלף פאָדערט פאַר אים אַ גרויסן אויסקויף. ר' מאיר פאַראָרדנט די קהילות, נישט נאָכצוגעבן און אים נישט אויס־לייזן. דאָס וואָרט פון רב איז נאָך וואָגיקער ווי די מורא פאַרן אימפּעראַטאָר, און ר' מאיר שטאַרבט אין תפיסה אין יאָר 1293. די נאָכפאָלגער פון רודאָלפן גיבן נישט אַרויס דעם קערפּער פון מאַרטירער, ביז אין 1307 באַצאָלט דער רייכער ייד זיסקינד ווימפּען אַ גרויס אויסלייז־געלט, ברענגט דעם קערפּער פון דעם מהר"ם צו קבורה אין וואָרמס און נעמט אויס פאַר זיך די פּריווילעגיע, אַז נאָך זיין טויט זאָל ער באַגראָבן ווערן נעבן דעם קבר פון מהר"ם.

אין 1298, בשעתן בירגער־קריג נאָכן טויט פון אימפּעראַטאָר רודאָלף, אָרגאַ־ניזירט דער קצב רינדפלייש אמתע שחיטות אין אַ רייע קהילות: רעטינגען, ראָטנבערג, ווירצבורג, נירנבערג, א. א. קלענערע ישובים, צוזאַמען אַ הונדערט פערציק געמיינדעס. דער אויסרייד פאַר דער שחיטה איז געווען, אַז די יידן האָבן געשענדעט און פאַרפּייניקט אַ האָסטיע.

נאָך ערגער ווערט די לאַגע אין די צייטן פון אימפּעראַטאָר לודוויק פון בייערן (1347-1314). ער האָט סתם באַטראַכט יידן אַלס חפצים, אַלס בייטלען, פון וועלכע מען קאָן אָן אויפהער נעמען געלד. עס האָט אים אויך נישט געאַרט, ווען אַנדערע מאַכט־האָבער, פעאָדאַלן, בישאָפן און מאַגיסטראַטן האָבן פון זיי געריסן צינזן. געווען ערטער, ווי אין שטראַסבורג, למשל, ווו יידן האָבן געמוזט צאָלן צו דריי און פיר מאַכטהאָבע־רס פאַר זייער פאַרטיידיקונג. אָבער דאָס אַלץ האָט נישט געהאָלפן, ווען אין 1336 אָרגאַ־ניזירן זיך באַנדעס יידנשלעגער, וועלכע מאָרדן אויס, אונטער דעם אויסרייד פון האָס־טיע־שענדונג, גאַנצע קהילות. דאָס פייער כאַפּט זיך אַריבער קיין עלזאַס, ווו אַ געווי־סער אכסניה־אייגנטימער, טשעמבערליין, אָרגאַניזירט זיינע אייגענע יידנשלעגער, וועלכע ער טוט אָן אַן אַרמבאַנד פון לעדער, און זיי זענען דערפאַר באַקאַנט אַלס „אַרמלעדער". אין משך פון די יאָרן 1338-1337 ווערן יידן געמאָרדעט אין גרויסע צאָלן, אַ סך באַגייען זעלבסטמאָרד. טשעמבערליין־אַרמלעדער ווערט געכאַפּט און פאַרמשפּט צום טויט, אָבער דער אימפּעראַטאָר באַגנעדיקט אים, אונטערן צוזאָג, אַז ער וועט צען יאָר נאָכאַנאַנד נישט אָנרירן קיין יידן . . .

דער בלבול פון דער „האָסטיא" איז געוואָרן אַ גוט געשעפט. עס האָבן אָנגעט־הויבן טרעפן נסים מיט האָסטיעס, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט פון דער שענדונג, אויפן פּלאַץ פון דעם נס פלעגט אויפגעשטעלט ווערן אַ קלויסטער צום אָנדענק, און דער קלער האָט שוין צו דעם נישט דערלייגט. אַלס צוגאָב צו די אַלע שחיטות פירט איין דער אימפּעראַטאָר לודוויק פון בייערן אַ ספּעציעלן יידן־שטייער, דעם גאָלדענעם פּפעניג. יידן פון צוועלף יאָר און עלטער, וואָס פאַרמאָגן מער פון 20 גילדן, דאַרפן צאָלן יערלעך איין גילדן דעם אימפּעראַטאָר.

שוידערלעך איז געוואָרן די יידישע לאַגע אין גאַנץ מערב־אייראָפּע, ווען אין די יאָרן 1349-1348 איז דאָרט אויסגעבראָכן די שווארצע פעסט, א מגפה, וואָס האָט אומגעבראַכט א גרויסע טייל פון דער באַפעלקערונג. שונאי ישראל האָבן פאַרשפּרייט א קלאַנג, אַז די מגפה נעמט זיך דערפון, וואָס יידן האָבן פאַרגיפטעט די ברונימער מיט א גיפט געמאַכט פון „האָסטיאַ", הערצער פון קריסטן און אויסגעטריקנטע נבלות פון שלאַנגען, עקדישן און זשאַבעס. אומזיסט האָט זיך די קירכע באַמיט אויפצוקלערן די ווילדקייט פון דער אויסטראַכטעניש. די צעשראָקענע מענטשן האָבן מער אַליין נישט געוווּסט וואָס און ווּעמען צו גלויבן און ווידער האָט זיך יידיש בלוט געגאָסן ווי וואַסער. מענטשן האָבן דאַן אויף זיך אַליין ווייניק רחמנות געהאַט. אונטערן שרעק פון דער שרעקלעכער מגפה, האָבן זיך אָרגאַניזירט גרופּעס פון זעלבסטפּייניקער דורך שמיץ, אַן אָפּקומעניש פאַר די זינד (פלאַגעלאַנטן), וואָס האָבן פאַר איינוועגס אויך געפּייניקט און געמאָרדעט יידן. אַן אָנשפּאַר האָבן די קריסטן דאָך געהאַט, יידן האָבן געליטן פון דער מגפה רעלאַטיוו ווייניקער פון קריסטן, מסתמא צוליב בעסער אָפּהיטן די פאַר־שריפטן פון היגיענע.

דער צענטער פון די אשכנזים אין מערב־אייראָפּע איז פון די אַלע רדיפות און שחיטות שטאַרק, שטאַרק געטראָפן געוואָרן.

103טע לעקציע

די זילבער-עפּאָכע

אין דער קולטור פון דער קריסטלעכער אייראָפּע איז דער דרייצנטער יאָרהונ־דערט אַ צעטיילונג־עפּאָכע צווישן דער פינצטערער נאַכט פון מיטלאַלטער און ליכטיקן פרימאָרגן פון רענעסאַנס. די דעמערונגען פון דער פאַרגייענדיקער חשכות און אויפ־גייענדיקער זון מישן זיך אויס צוזאַמען און מאַכן שווער אונטערצושיידן צווישן טאָג און נאַכט. עס איז אַ באַמתדיקע בין השמשות־צייט, אין וועלכער עס רייסן זיך אַרויס די פלאַמען פון די ערשטע שייטער־הויפנס, וואָס די אינקוויזיציע צינדט אָן.

אין דרייצנטן יאָרהונדערט ווערט דורכגעפירט די גרויזאַמסטע שחיטה קעגן די סעקטאַנטן פון דער פּראָוואַנס. אויף צו קעמפן מיט דער כפירה ווערן געגרינדעט די מאָנאַכן־אָרדנס פון די דאָמיניקאַנער און פראַנציסקאַנער, ווי אויך די פאַרגליווערט גרויזאַמע אינקוויזיציע. עס ווערן דאַן אויך געגרינדעט די גרויסע קאַטעדראַלן פון איי־ראָפּע. אָבער אין דרייצנטן יאָרהונדערט ווערן אויך געגרינדעט די ערשטע אוניווערזי־טעטן אין אייראָפּע, אמת, דערוויל אונטער קירכלעכער אויפזיכט, אָבער דאָך אוני־ווערזיטעטן, מיטן אויסנאַם פון נעאַפּאָל, וווּ אימפּעראַטאָר פרידריך דער 2טער גרינדעט אַ שטאַט־אוניווערזיטעט. דער דרייצנטער יאָרהונדערט האָט געזען די גרויזאַמע פאַ־נאַטישע פּויפּסטן אינאָקענטי דער דריטער און אינאָקענטי דער פערטער, ער האָט אָבער אויך געזען דעם אויפגעקלערטן, וויסנבאַגיריקן אימפּעראַטאָר פרידריך דער צווייטער, וועמען מען האָט אין זיינע צייטן אָנגערופן „דאָס ווונדער פון דער וועלט" און שפּעטער באַצייכנט אַלס ערשטן אייראָפּעער, און דעם אומשטערבלעכן דיכטער דאַנטע אַליגיערי.

אין יידישן גייסטיקן לעבן איז עס אויך אַ בין־השמשות־צייט, ווען עס קעמפן די אָנהענגער פון שלטון השכל, ראַציאָנאַליזם, מיט די מצדדים פון דער אַלטער גוטער איינגעגלויבטקייט, וואָס וויל איר אָרט נישט אָפּטרעטן.

מיטן טויט פון רמב"ם אין 1204 ווערט אָפּגעשלאָסן די גאָלדענע תקופה

פון די ספרדים. דער רמב"ם איז דער לעצטער אין דער רייע פון טיפע דענקער און גענואַלטע פּאָרשער: שמואל הנגיד, שלמה אבן גבירול, משה אבן עזרא, יהודה הלוי, אברהם אבן עזרא און דער רמב"ם גופא, וואָס האָבן אין אַ משך פון צוויי הונ־דערט יאָר באַלעבט און באַלויכטן דאָס יידישע גייסטיקע לעבן. די צוקונפטיקע פּאָעטן, ליטעראַטן און דענקער וועלן בלויז זיין זייערע עפּיגאָנען, גיין אין זייערע דרכים, זעלטן ווען וואָגן זיי טרעטן אין נייע, אייגנאַרטיקע שטעגן. געוויסע היסטאָריקער רופן אָן אָט די בין־השמשות־צייט, די זילבער־עפּאָכע פון די ספרדים.

די ליטעראַרישע שאַפונג פאַרליַרט פיל פון איר אַמאָליקן גלאַנץ. אין דער פּאָעזיע ווירקן די דריי באַרצעלאָנער: יהודה אלחריזי (1165־1230), יהודה בן שבתי (1168־1225) און יוסף בן מאיר זאבאראה, די פּראָווענסאַלער דיכטער יוסף האזובי פון פּערפּיניאַן, אברהם בדרשי פון בעזיע און יעקב בן אברהם גארני. אין איטאַליע בליען פאַר דער צייט די פּאָעטן פון רוים: בנימין בן אברהם בן הענווים, עמנואל בן שלמה צפרוני (1270־1335), יהודה ציציליאַנאָ און יואב בן יחיאל. פאַראַן נאָך אַ צאָל קלענערע פּאָעטן, אָדער גראַמען־מאַכער, וואָס זענען מער פּעאיקע בעלי מלאכות, ווי גייסטרייכע קינסטלער, צווישן זיי קלונימוס בר' קלונימוס, אָדער „מאַעסטראָ קאַלאָ".

אין דער ליטעראַטור הערשט דער אַזוי גערופענער מאַקאַמען־סטיל, אַן אי־בערגאַנג־סטאַדיע פון פּאָעזיע צו פּראָזע. עס איז אַ רייע צווישן זיך צונויפגעקייטלטע קלענערע עפּיזאָדן, דערציילונגען, אין וועלכע מען פלעכט אַריין, פון צייט צו צייט, אויך פּאָעטישע סטראָפן. אַזוי איז דער „תחכמוני" פון אלחריזי, אַזוי איז דער רוב פון די „מחברות" פון עמנואל רומי. דער לעצטער שרייבט אפילו באַזונדערע עראָ־טישע לידער, און פּרעטענדירט אויפן טיטל „שר החשק", דער האַר פון דער עראָטיק, עס איז אָבער נישט די אַמאָליקע ליבעס־פּאָעזיע פון די ספרדישע גדולים. אַלס ביי־שפּיל קאָנען דינען די פאָלגנדיקע סטראָפן:

צו מיין שיינער און ליבער, גיך איילט, מיינע לידער,
איבער בערג, איבער טאָלן, פאַרשפּרייט מיינע קלאַנגען
און זאָגט איר:
דו שטאָלצע, דו ליבע, דו גרויזאַמע זיסע,
ליכטיק־בלענדנד ווי לבנה'ס ליכטיקע שטראַלן,
גענוג שוין צו קוועלן, צייט צו דערבאַרמען.
דערהער מיין געבעט, דו טייערסטע קרוין.
לאָמיך זיין דיין שומר, שטענדיקער היטער,
אין שוץ פון מיין ליבע פאַרוויַיל.

עמנואל רומי שרייבט אויך אַן אַ פּאָעמע התפת והעדן, אַ נאָכאַמונג פון דאַנטעס „געטלעכע קאָמעדיע".

קלונימוס בר' קלונימוס איז באַרימט אַלס איבערזעצער און פאַרפאַסט די לעבנס־שילדערונג „אבן בוחן" און די פּאַראָדיע מסכת פורים.

בנימין בן אברהם מן הענווים ברעכט נאָך אויס אין אַ האַרציקן געוויין

אין זיינע סליחות: „אל מי אנוסה לעזרה", און „אוחילה קירות לבי", געשריבן צו דער געלעגנהייט פון דעם וויכוח אין פאריז אין 1240, און דאס פארברענען דעם תלמוד (1242); אבער זיין מוזע איז בכלל א מער געלאסענע. ער שרייבט א סאטי־רישע פאעמע „משא גיא חזיון", א דידאקטישן שיר „עץ החיים". יוסף האזובי, וועמען דער באוווּסטער יאהאן רייכלין רופט „דער זיסער העברעאישער דיכטער", שרייבט אויך א דידאקטישע פאעמע אונטערן נאמען „קערת כסף", וואס ווערט אפילו איבער־געזעצט אין לאטיין און איז דאך נישט קיין מייסטערווערק.

אברהם בדרשי שרייבט א פיוט מיט טויזנט סטראפן, וואס יעדע הויבט זיך אן מיט אן אלף, און רופט אים דערפאר, „אלף אלפין". יעקב גארני פארמאגט בלי ספק טאלאנט, אבער זיין שווער געמאטערט לעבן לאזט אים נישט ווי געהעריק אנט־וויקלען זיינע מעגלעכקייטן.

להיפוך צו דער פאעזיע אנטוויקלט זיך גראד שטארק די פראזע, וואס ווערט באאיינפלוסט אין א גרויסער מאס די אייראפעאישע ליטעראטור, וואס האלט ביי גע־בוירן ווערן. אבער די טעטיקייט אויף דעם געביט דריקט זיך אויס מער אין איבער־זעצונגען, ווי אין אריגינעלע ווערק. יידן זעצן איבער פון אראביש אויף העברעאיש א ריי ווערק פון אלטן אריענט, וואס וועלן שפעטער איבערגעזעצט ווערן אויך אויף לאטיין און די נייע אייראפעאישע שפראכן און וועלן דינען ווי א מוסטער פאר דער אייראפעאישער ליטעראטור.

אזוי דיכטעט איבער אברהם בן שמואל חסדאי פון בארצעלאנא דאס אלטע אריענטאלישע ווערק בלעם און יוסאפאט, וואס באקומט ביי אים דעם נאמען בן המלך והנזיר, א בוך וואס איז פול מיט לעבנס חכמה, אבער אויך מיט אסקעטישע שטי־מונגען. אויף דער באשטעלונג פון מעצענאט ד"ר בענווועניסטע זעצט איבער יעקב בן אליעזר די הינדואישע פאבלען־זאמלונג כלילה ודמנה, וואס נעמט אן צייטנווייז די פארם פון א דיאלאג צווישן דעם מלך ביסלאם און דעם חכם סאנדבאר. אן אומ־באקאנטער העברעאישער קינסטלער באארבעט די בארימטע משלי סאנדבאר. אונטערן איינפלוס פון דער אוראלטער פאבלען־ליטעראטור, מיט וועלכער יידן זענען געווען באקאנט פון קדמונים, שאפט יצחק סהולה זיין משל הקדמוני, אין ברכיה הנקדן זיינע משלי שועלים. יידן זענען דאן בכלל זייער מעטיק אלס איבערזעצער. די קמחים, די אבן תבונס, נתן צענטא (פון רוים) זעצן איבער ווערק איבער מעדיצין, מאטעמא־טיק, אסטראנאמיע און פילאזאפיע און באקענען אייראפע מיט די פון קדמונים אנ־געזאמלטע אוצרות פון וויסן.

* * *

דאָס אייגנטלעכע תלמודישע לערנען ווערט אויך נישט פאַרנאַכלעסיקט, בעיקר צווישן די אַשכנזים, ווו די בעלי התוספות זעצן פאָר זייער שאַרפזיניקן אַנאַליז פון דעם תלמוד מיט זיין מפרש רש"י. פאַר קיין אַנדערע גייסטיקע שאַפונגען איז צוליב די צרות, רדיפות און שחיטות נישטאָ קיין געמיט ביי די אַשכנזים, און נעמט זיך שוין יאָ ווער צו דער פעדער, איז עס בלויז אויף צו באַוויינען די הרוגים און קלאָגן אויף די אומגליקן. סליחות און קינות זענען די איינציקע שאַפונגס־אַרטן פון די אַשכנזים אין יענע ביטערע צייטן.

מיר האָבן שוין געזען ווי דער מהר"ם מרוטנברג באַוויינט אין זיין קינה „שאלי שרופה באש" דאָס פאַרברענען פון תלמוד אין 1242. מרדכי בן הלל איראָניזירט אפילו איבערן כביכול פאַר דעם שכר, וואָס ער גיט זיינע געטרייע דינער:

וויפל גוטס דו האָסט עס באַהאַלטן
פאַר די, וואָס גייען אין דיינע וועגן,
וואָס ברענגען זייער נפש
אַ קרבן פון דיינעטוועגן!

און משה ב"ר אליעזר הכהן מאַכט אין זיין קינה „מה קול הצאן?", וואָס איז עס פאַר אַ קול פון שעפעלעך? אַ רעזומען פון אַלע צרות, וואָס יידן האָבן איי־בערגעלעבט אין יענע גרויליקע צייטן. ער הויבט אָן מיט אַ שאַרפן פּראָטעסט:

צי האָבן מיר כוחות פון שטיין?
צי איז פון קופּער אונזער לייב?
אויף איבערצוטראָגן אַזוי פיל צרות?
ערד, דו ערד, זאָלסט נישט פאַרדעקן אונדזער בלוט,
און נישט איינזאַפּן אונזער געשריי!

ער שליסט די קינה מיט אַ רעזומען פון די לעצטע צרות, פון אָנפאַנג זעקסטן יאָרטויזנט לויט דער יידישער צייטרעכענונג:

ווי אויפן זעקסטן טויזנט,
איך האָב ניט געפונען ביי אים קיין דערבאַרמונג,
גלייך פון אָנפאַנג (1241) האָט ער זיך געשטעלט ווי אַ פיינט,
אין זיין דרייצנטן יאָר (1254) זענען מיר געוואָרן צו שאַנד און שפּאָט.
אויפן זיבעצנטן (1258) האָבן אונדז די שונאים דערגרייכט מיטן
שאַרף פון שווערד.
דאָס יאָר זיבן און פערציק (1288) און אַכט און פערציק (1289)
האָבן פאַרגרעסערט דאָס אומגליק,
אומברענגען, מאָרדן און אויסראָטן אויף צפון און מערב.
דאָס יאָר אַכט און פופציק (1299) האָט אויך קיין חן נישט געפונען,
צום לעצט.

אויפן יאָר 1299 האָט מען געהאָפט, אַז משיח זאָל אין אים קומען. געקומען איז אָבער רינדפלייש מיט זיינע באַנדעס, וואָס האָבן אויסגעראָטן אַ רייע קהילות.

ייִדן זענען שוין אָבער אַזוי געווען אַריינגעוואַקסן אין דער דייטשישער סביבה, אַז זיי האָבן אין דרייצנטן יאָרהונדערט אַרויסגעגעבן אַ ייִדישן דיכטער אויף דער דייטשישער שפּראַך, זיסקינד פון טרינבערג האָט ער זיך גערופן, געשטאַמט פון בייערן. מיט זיינע לידער און באַלאַדן איז ער אַרומגעפאָרן איבער די פּאַלאַצן פון פירשטן און שלעסער פון די ריטער, די איינציקע אין דייטשלאַנד, וואָס האָבן דאַן געהאַט פאַרשטענדעניש און געפיל צו אויסהערן אַ ליד; לייענען זענען נישט אַלע געווען בכוח. זיסקינדס שפּראַך איז טאַקע דייטש, אָבער דער אינהאַלט פון זיין שאַפונג איז ייִדיש. ער לויבט דעם מוט און גרויסמוט אין מאַן און די צניעות און גוטסקייט אין דער פרוי:

בעסער איז דער נאָבלמאַן וואָס טוט גוטס,
ווי דער, וואָס איז בלויז שטאָלץ אויף זיין שטאַם.

קאָן מען זיך פאָרשטעלן די מערכה, וואָס אַזאַ ייִדישער זינגער האָט געהאַט ביי די איידעלע דייטשישע אדונים פון יענער צייט. קלאָגט זיך טאַקע זיסקינד:

איך וועל אַנטלויפן פון די האַרן־שלעסער,
זיך פאַרלאָזן באָרד און פּאות,
ווי די אַלטע ייִדן לעבן,
לאַנג זאָל זיין מיין קאַפּטען,
מיין מיץ טיף אַנגערוקט אויפן שטערן,
נעלאַסן אונטערטעניק מיין טראָט,
זעלטן זאָל קלינגען מיין ליד אין פּאַלאַצן,
ווייל די האַרן האָבן זיך אָפּגעקערט פון מיר.

104טע לעקציע

קאמף צווישן ראַציאָנאַליסטן און טראַדיציאָנאַליסטן

אין דער וועלט פון געדאנק וועט זיך אין דרייצנטן און אָנפאנג פערצנטן יאָרהונדערט צעפלאַקערן א העפטיקער קאמף צווישן די אָנהענגער און די קעגנער פון רמב״ם אין זיין פארזוך צו מאכן שלום צווישן גלויבן און פילאָזאָפיע.

דער רמב״ם באהערשט די מוחות פון רוב לערנער און דענקער פון יענער צייט. אין זעלבן יאָר וואָס דער רמב״ם איז געשטאָרבן (1204), איז זיין מורה נבוכים איבערזעצט געוואָרן פון שמואל אבן תיבון פון אראביש אויף העברעאיש. אויפ יראת הכבוד צום רמב״ם האָט אבן תיבון געמאכט די איבערזעצונג אזוי ווערטער־לעך געטריי, אז זי איז געווען גאנץ שווער צו פארשטיין, מאכט דערפאר דער באַ־ ווּסטער פּאָעט יהודה אַלחריזי א צווייטע, פרייערע איבערזעצונג, וואָס זאָל זיין מער צוגענגלעך. אויפן פארלאנג פון דעם אימפעראטאָר פרידריך דעם צווייטן, זעצט איבער דער גרויסער יידישער געלערנטער יעקב ב״ר אבא מארי אנאטאָלי דעם מורה נבוכים פון אראביש אויף לאטיין און שרייבט אָן א פירוש צו דעם ווערק אונטערן נאָמען מלמד התלמידים, וואָס איז איינגעטיילט אין 48 קאפּיטלען, כדי מען זאָל עס אין די פשוטע שבתים קאָנען לערנען פארן עולם אין די שולן. דער מעדיקער משה בן שלמה פון סאלערנאָ שרייבט אויף א פירוש צום מורה נבוכים, א צווייטן פירוש פארפאסט זרחיה חן פון שפּאניע, וואָס האָט זיך שפּעטער באזעצט אין רוים. דער אינטערעס צו די פילאָזאָפישע ווערק פון רמב״ם איז געווען אזוי גרויס, אז די יידישע קהילה פון רוים האָט געשיקט איינעם פון אירע רבנים קיין שפּאניע צו ברענגען פון דאָרט דעם משנה תורה פון רמב״ם, צוליב דעם ערשטן פּרק, וואָס איז א באזונדער חבור אונטערן נאָמען ספר המדע, וועלכער באהאנדלט די יידישע אמונה פון פילאָ־ זאָפישן שטאנדפּונקט.

די פּאָפּולאַריזירונג פון די פילאָזאָפישע ווערק פון רמב״ם האָט אָבער אויך געהאַט איר שאָטן־זייט. ווי אויף יעדער זאַך, וואָס ווערט אַ מאָדע, האָבן זיך געוואָרפן אויף די לימודים מענטשן מיט היפשע פּרעטענזיעס און ווייניק צוגרייטונג. אַלס לערער און וועגווייזער זענען אויפגעטראָטן נישט נאָר די אַבסאָלוט באַרופענע דערצו, נאָר אויך דילעטאַנטן אין דער געהעריקער באַציאונג. דער רמב״ם אַליין האָט בשעתו געשריבן, אַז זיינע ווערק וועלן רעכט פאַרשטאַנען ווערן בלויז פון די מער צוגעגרייטע, די מאַסע וועט זיי קוים באַגרייפן; קאָן מען זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס עס איז געוואָרן, ווען די מאַסע, געפירט פון דילעטאַנטן, האָט זיי אָנגעהויבן צו פאַרשטיין אויף איר אויבערפלעכלעכן, לייכטן דרך.

אַלס אויסגעהאַלטענער ראַציאָנאַליסט זוכט דער רמב״ם צו דערקלערן די אומאָננעמבאַרע אויסדריקן וועגן קערפּערלעכע און גייסטיקע אייגנשאַפטן פון דער גאָטהייט, ווי גאָטס האַנט, גאָטס פינגער, כעס, צאָרן, טרויער, ליבע, שנאה א. א. וו. ווי אַלעגאָרישע פאָרמולירונגען, וואָס דאַרפן פאַרשטאַנען ווערן ווי מעטאַפאָרעס; אויך די נסים, וואָס ווערן דערציילט אין תנ״ך, דערקלערט דער רמב״ם אַלס מעטאַפאָרעס, אַלעגאָריעס, אָדער חלומות. דער רמב״ם זוכט אויך די טעמים פון די מצוות אין די פּראַקטישע נוצן, וואָס זיי ברענגען. דאָרט וווּ דער שטרענגער ראַציאָנאַליזם קאָן זיך קיין עצה נישט געבן, נעמט אָן דער רמב״ם די דאָגמעס פון דער אמונה; אַזוי איז געוועזן און איז גאָטס ווילן און מען טאָר נישט נאָכקלערן.

די פּאָפּולערע סאַלאָן־מיימוניסטן זענען אָבער געגאַנגען פיל ווייטער. זיי האָבן בכלל אַלע דערציילונגען פון דער תורה אָנגענומען פאַר אַלעגאָריעס און דערמיט זיך דערנענטערט, אפשר בלא יודעים, צו דער קריסטלעכער אינטערפּרעטאַציע. זיי האָבן אויך אָנגעהויבן גרינגשעצן די פּראַקטישע מצוות. ווייבאַלד מען ווייסט דעם צוועק, וואָס מען וויל מיט זיי דערגרייכן, קאָן מען זיך דאָך באַגיין אָן זיי. למשל, אויב ציצית, תפלין און מזוזה באַצוועקן בלויז צו דערמאָנען אין גאָטס וואָרט, קאָן מען זיך דאָך באַגיין אָן זיי, אויב מען האָט סיי ווי אַ גוטן זכרון, א. א. וו.

די דאָזיקע פרייע באַציאונג צו די פּראַקטישע מצוות האָט אַרויסגערופן אַ רעאַקציע פון די מער קאָנסערוואַטיווע רבנים, וואָס האָבן מורא געהאַט, אַז דאָס זאָל נישט דערפירן צו אפיקורסות און אָפּטריניקייט.

דער צענטער פון די קאָנסערוואַטיווע עלעמענטן איז געוועזן אין דער פּראָוואַנסאַלישער שטאָט מאָנפּעליע, וווּ עס האָט עקזיסטירט אַ גרויסע און וויכטיקע יידישע קהילה. אָנפאַנג 1232 רופן אויס דריי רבנים: ר׳ שלמה מן ההר, ר׳ יונה גירונדי פון גערינאַ און דוד בן שאול, אַ חרם אויף די, וואָס לערנען פילאָזאָפיע, דעם מורה נבוכים און דעם ספר המדע. אַזאַ אַנטשלאָסענע האַנדלונג פון די קאָנסערוואַטיווע פירער האָט אַרויסגערופן אַ רעאַקציע מצד די אָנהענגער פון רמב״ם און

פּאַרערער פון ראַציאָנאַליזם. אויף דער איניציאַטיוו פון בחיי איל קאָנסטאַנטיני, לייב־דאָקטאָר פון יעקב דעם ערשטן, מלך פון אַראַגאָניע, צו וועמען די שטאָט מאָנפּעליע האָט דאַן געהערט, האָבן די קהילות פון באַרצעלאָנאַ, הועסקאַ, מערזגען און קאַלאַטאַיוד, אויסגערופן, אין יולי פון 1232, אַ קעגן־חרם, קעגן די אַלע, וואָס וועלן פאַרבאָטן דעם לימוד פון דעם רמב"מס ספרים. אָבער דער חרם קעגן די ספרי הרמב"ם האָט געפונען שטיצע אין דער וויכטיקער קהילה פון טאָלעדאָ, וועמענס נשיא ר׳ יהודה אַלפּאַכאַר און הויפּט־רב ר׳ מאיר אַבולעפיה האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין חרם, וואָס שלמה מן ההר און זיינע חברים האָבן אויסגערופן.

עס איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפע מחלוקת. די מיימאָניסטן פון דער פּראָוואַנס האָבן אַרויסגעשיקט דעם אָנגעזעענעם געלערנטן און מחבר פון אַ פּירוש אויף תנ"ך ר׳ דוד קמחי (רד"ק) אין אַן אויפקלערונגס מיסיע קיין שפּאַניע, בעיקר צו דער קהילה פון טאָלעדאָ. קמחי, שוין אַן עלטערער מענטש צו יענער צייט, איז אויפן וועג קראַנק געוואָרן, און זיין מיסיע איז דורכגעפאַלן. דער יונגער, נאָר שוין דאַן באַרימטער רב פון גערענאַ, ר׳ משה בן נחמן (רמב"ן), אַ קרוב פון יונה גירונדי, האָט געפּרוּווט פאַרמיטלען אין דער מחלוקת און ברענגען צו אַ פּשרה, אָבער אָן דערפאָלג. דאָס מחלוקת האָט זיך אַלץ מער צעפלאַקערט, דער ציל־שייב פאַר אַלע אָנפאַלן פון די מיימאָניסטן איז געוועזן דער איניציאַטאָר פון דער מחלוקת: שלמה מן ההר. אויפגערייצט און גע־ערגערט פון די אָנגריפן אויף זיין פּערזענלעכקייט און פון די בלבולים אויף דער פאַמיליע פון זיין מיטהעלפער ר׳ יונה גירונדי, אַנטשליסט זיך ר׳ שלמה מן ההר אויף אַ צו דראַסטישן שריט, ער פאַרמסרט די ווערק פון דעם רמב"ם פאַר דער אינקוויזיציע אַלס שריפטן פול מיט אַפּיקורסות און גאָט־לעסטערונג. די שווערע האַנט פון דער אינ־קוויזיציע מאַכט אַ גיכן פּסק דין. דער מורה נבוכים און ספר המדע ווערן קאָנפיסקירט, כלומרשט דורכגעקוקט, און פאַרברענט אויפן שייטערהויפן, סיי אין מאָנפּעליע, ווי אויך אין פּאַריז (1233).

דער דאָזיקער שרעקלעכער פּועל יוצא פון שלמה מן ההרס צו דראַסטישן שריט ברענגט צו דעם, אַז די געמעסיקטע פון צווישן זיינע אָנהענגער, ווי דער רמב"ן, מאיר אַבולעפיה און אברהם בן חסדאי זאָלן זיך פון אים אָפּקערן. בלויז ר׳ יהודה אַלפּאַכאַר פאַרענטפערט אים, אַז ער האָט עס געטאָן דערפאַר, ווייל מען האָט אים צופיל פאַרבי־טערט. אין ניין יאָר אַרום, ווען אין פּאַריז, ווו מען האָט געברענט די ספרים פון רמב"ם, וועט די אינקוויזיציע אויך מאַכן אַ שייטערהויפן פאַרן תלמוד, וועט אויך יונה גירונדי חרטה האָבן אויף זיין אָפּאָזיציע צום רמב"ם און וועט נעמען אויף זיך אַ תשובה אַרומצופאָרן איבער דער וועלט פון קהילה צו קהילה און דערקלערן, אַז משה (דער רמב"ם) איז אמת און זיין תורה איז אמת.

דערמיט איז נאָך אָבער דאָס מחלוקת נישט געוועזן פאַרענדיקט. דעם איינ־פלוסרייכן בחיי איל קאָנסטאַנטיני געלינגט צו דערוויירזן פאַרן געריכט פון דעם מלך

פון אראגאניע, אז די, וואס האבן באשולדיקט די ספרים פון רמב״ם האבן אויסגע־טראכט א בלבול, און אייניקע פון די אונטערשטיצער פון שלמה מן ההר ווערן פאר־משפט, אז מען זאל זיי אויסשניידן די צונג. וואס מיט ר׳ שלמהן גופא איז געווארן, איז אומבאוווסט. אבער דאס מחלוקת איז איינגעשטילט געווארן.

דאס מחלוקת האט זיך אפגעשטעלט, אבער דער וויכוח האט אנגעהאלטן. א רייע וויכטיקע דענקער האבן וויטער געפירט דאס געפעכט ארום די עיקר־פראבלעמען פון ראציאנאליזם און טראדיציאנעלן גלויבן. איז די וועלט א קדמון, ווי אריסטאטעלעס זאגט, אדער גאט האט זי אין א באשטימטן מאמענט באשאפן פון גארנישט (חידוש העולם). זענען די נסים ווירקלעכע פאסירונגען, אדער בלויז אלעגאריעס? איז פאראן שטראף און פארגיטיקונג אויף יענער וועלט? עקזיסטירן טאקע מלאכים, שדים און רוחות אלס וועזנס, אדער דאס זענען בלויז מעטאפארן? קאן דער מענטש באגרייפן די גאטהייט בלויז מיטן שכל, אדער קאן ער אויך דערגרייכן גאט מיט די געפילן? זענען די פראקטישע געבאטן וויכטיק, אדער מען קאן זיי אויך נישט דערפילן? א. א. וו. די מיימאניסטן האבן עס געהאט פיל לייכטער. זיי זענען געגאנגען אויף די וועגן, וואס דער גרויסער גאון, דער רמב״ם, האט פאר זיי אויסגעטראטן. די וואס האבן אינגאנצן נישט מסכים געווען מיט דער פילאזאפיע און געהאלטן יעדן נישט־יידיש; וויסן פאר אפיקורסות, האבן עס אויך געהאט רעלאטיוו גרינג. דער אשכנזי ר׳ משה תקו פון רעגנסבורג, שרייבט אין יענער צייט זיין „כתב תמים” קעגן די מיינונגען פון רמב״ם. ער פארזיכערט, אז דער כביכול האט יא א פיגור און א געשטאלט, קאן פילן כעס, גוטן ווילן, ליבע און שנאה, טרויער און פרייד. עס זענען דא שדים און רוחות און אוודאי מלאכים. ווער עס גלויבט נישט אין דעם אלעמען, איז אן אפיקורס, און פטור אן עסק.

אינטערעסאנטער זענען שוין די מיינונגען פון די עקלעקטיקער, פון די, וואס ווילן האלטן דעם שטעקן פארביידע עקן: האלטן פון וויסן, אפילו פון דענקען, אבער בלייבן טריי דער טראדיציע פון די פאריקע דורות. די גרעסטע פיגור פון אט דער גרופע איז דער רמב״ן, וואס וועט שפעטער אויפטרעטן, פון יידישן צד, אין דעם וויכוח פון בארצעלאנא. א זייער באגאבטער מענטש, אן אנגעזעענער ארצט און א בארימטער רב, א מקורב למלכות און א ייד פון יידנלאנד, איז דער רמב״ן א מענטש מיט א געפילפולער נשמה, גענייגט צו מיסטיציזם, אבער גלייכצייטיק א מענטש מיט א קלארן מוח. זיין צוגאנג צו די פראבלעמען איז א גאנץ אייגנארטיקער: ווי זאל מען נישט גלויבן אין נסים, ווען דאס גאנצע לעבן איז איין גרויסער נס, דער גאנצער באשאף איין גרויסער וואנדער? ווי זאל מען צווייפלען אין דעם, אז די וועלט איז פון גאט באשאפן און באנייט געווארן, ווען מיר זעען ווי יעדן טאג גייט אויף פאר אונדז א נייע וועלט?

דער מעסיקער מיימאניסט, דער ארצט הלל פון ווראנא, איטאליע, וואס האט

איבערגעזעצט מערערע וויסנשאַפֿטלעכע ביכער, דרינגט אין זיין חבור „תגמולי הנפש" (פֿאַרענדיקט אין 1291), אַז מיטן שכל אַליין קאָן מען די גאָטהייט נישט באַגרייפֿן. מען קאָן אָבער גאָט דערגרייכן מיט געפֿיל, וואָס איז אַ פֿיל שטאַרקערער געצייג ווי דער טרוקענער שכל.

שם טוב פֿאַלאַקיראַ (1290-1225) פֿון דרום־שפּאַניע שרייבט אַ פּירוש צום רמב"ם, אין וועלכן ער באַמיט זיך צו ברענגען צו אַ קאָמפּראָמיס צווישן שטרענגן ראַציאָנאַליזם און נישט ווייניקער שטרענגן טראַדיציאָנאַליזם.

אַ שאַרפֿערע פּראָ־מיימאָניסטישע שטעלונג נעמט אָן ר' לוי ב"ר אברהם בן חיים פֿון ווילפֿראַנש, ביי פּערפּיניאַן (רלב"ח) (1320-1250), דער פּראָפֿעסער פֿון צוויי גאַנץ וויכטיקע ווערק: „בתי הנפש", וואָס באַהאַנדלט עטיק, לאָגיק, פּסיכאָלאָגיע, וועלט־באַשאַף, נבואה, משיחס צייטן, און „לוית חן" איבער מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, אַסטראָלאָגיע. דער רלב"ח איז אַן אָנהענגער פֿון דער אַלעגאָרישער שיטה און פֿאַרגייט מיט זיינע אַלעגאָרישע אויסטייטשונגען אַזוי ווייט, אַז ער ווערט באַטראַכט פֿאַר אַן אַפּיקורס. ווען ער באַקומט אויף דער עלטער אַן אויפֿהאַלט אין הויז פֿון דעם פּרומען מעצענאַט שלמה בן סולאַמי פֿון פּערפּיניאַן, ווענדט זיך דער רב פֿון באַרצעלאָנאַ (רשב"א) מיט אַן אָפֿענעם פֿאָרוווּרף צו סולאַמי, פֿאַרוואָס ער האַלט אין הויז אַזאַ אַפּיקורס. ווען אינגיכן נאָך דעם שטאַרבט ביי סולאַמין אַ טאָכטער, מוז דער אַלטער רלב"ח זיך זוכן אַן אַנדער מקום מנוחה. די דיסקוסיע ווערט אויף אַ צייט אָפּגעשטעלט.

105טע לעקציע

דער מיסטיציזם און דער קאמף קעגן פילאזאפיע

(1306 - 1288)

צום סוף פון די אכציקער יארן פון דרייצנטן יארהונדערט, ווערט די יידישע גייסטיקע וועלט באריכערט מיט א נייער אנטפלעקונג. דער ביכער־איבערשרייבער משה דע לעאן פון דער שפאנישער שטאט גוואדאלאכארא הויבט אן צו פארשפרייטן די אפשריפטן פון א מיסטעריעזן בוך, וואס דער רמב״ן זאל האבן אנטדעקט מיט א צוואנציק יאר צוריק אין א הייל אין ארץ ישראל, און וואס טראגט דעם נאמען מדרש הזוהר (די לערע פון שיין). דאס בוך זאל האבן אנגעשריבן מיט העכער טויזנט יאר צוריק דער תנא ר׳ שמעון בר יוחאי, א קאמפראמיסלאזער קעמפער קעגן רוים, וואס האט נישט שלום געמאכט מיט דער אימפעריע, אפילו נאכן דורכפאל פון דעם אויפשטאנד פון בר־כוכבא און האט זיך דערפאר אויסבאהאלטן אין די היילן פון גליל אין א משך פון יארן.

ביז איצט ווערט נעבן דארף מירון, נישט ווייט פון צפת, אין ישראל, געוויזן דער קבר פון ר׳ שמעון בר יוחאי, ווו עס ווערט יעדן יאר, אין טאג פון ל״ג לעומר, וועלכער ווערט באטראכט ווי דער יארצייט פון תנא, אפגעריכט א פאלקס־פייערונג פון מיסטישער באפארבונג. פייערן ווערן צעלייגט, די „הדלקה״, עס ווערן געבראכט צום ערשטן אפשערן די דריי־יאריקע קינדער, עס ווערט געזונגען און געטאנצט און אויך געלערנט זוהר. איין ליד איז גאנץ פאפולער אין איצטיקן ישראל:

בר יוחאי, בר יוחאי,
בר יוחאי אשריך,
שמן טוב, שמן ששון
נמשחת מחבריך.

זון פון יוחאי, זון פון יוחאי,
זון פון יוחאי, אז וויל איז דיר,
מיט פיינעם בוימל, בוימל פון פרייד,
ביסטו געזאלבט מער פון דיינע חברים.

דער זוהר־מאנוסקריפט זאל האבן געבליבן באהאלטן אין א הייל העכער עלף הונדערט יאר, ביז דער רמב״ן האט אים געפונען און איבערגעשיקט צום קאפיסט

משה דע לעאָן, וועלכער האָט אים איבערגעשריבן אין מערערע קאַפּיטלען און איצט גענומען זיך פאַרשפּרייטן אים.

די מיסטישע לערע, וואָס קומט שוין צום אויסדרוק אין די וויזיעס פון ישעיהו און יחזקאל און האָט געפונען אַן אָפּקלאַנג בעיקר צווישן די אסיים, האָט טאַקע געהאַט אָנהענגער אין די צייטן פון שמעון בר יוחאי אויך צווישן די תנאים. דער תלמוד ווייסט פון פיר, וואָס האָבן זיך פאַרטיפט אין מיסטישע לערעס, פרדס. דריי האָבן געהאַט אַ שלעכטן סוף: אלישע בן אבויה האָט פאַרלוירן זיין גלויבן און איז מער באַקאַנט מיטן ביי־נאָמען אחר (דער אַנדערער); שמעון בן עזאי האָט פאַרלוירן זיין אינטעלעקטועלן גלייכגעוויכט; שמעון בן זומא, זיין יונג לעבן; בלויז רבי עקיבא איז אַרויס בשלום, גאַנץ אין גוף און נפש.

אין תלמוד ווערט אָפּט דערמאָנט די מיסטישע לערע וועגן וועלט־באַשאַף (מעשה בראשית) און וועגן וועלט־פירונג (מעשה מרכבה), וואָס מען מעג לערנען בלויז ביחידות. די דאָזיקע לערעס זענען בעיקר געווען פאַרשפּרייט צווישן די אסיים און זענען געווים באַאיינפלוסט געוואָרן פון די לערעס פון דער נישט־יידישער סעקטע פון די גנאָסטיקער (וויסער) און פון דער הינדואישער טעאָזאָפיע, בעיקר אין בבל, וואָס האָט געהאַט נאָענטערע קאָנטאַקטן מיט הינדוסטאַן.

אין די צייטן פון די גאונים ווערן פאַרפאַסט אַ רייע מיסטישע ספרים: מדרש הבהיר, היכלות, „אותיות דר' עקיבא", שעור קומה, און בעיקר דער „ספר יצירה", וואָס ווערט צוגעשריבן נישט קיין אַנדערן ווי אברהם אָבינו און איז דער גרונטשטיין פון דער פאַרהוילענער חכמה (חכמה נסתרה), וואָס, ווייל זי גייט איבער בקבלה פון דור צו דור בלויז צו אויסדערוויילטע, ווערט זי אויך אָנגערופן שפּעטער קבלה.

פון בבל קיין איטאַליע האָט די חכמה נסתרה געבראַכט אין דער צווייטער העלפט פון ניינטן יאָרהונדערט ר' אבו־אהרן, דער זון פון ריש גלותא מר שמואל. ווען דער קעניג קאַרל דער פליכעוואַטער ברענגט אַראָפּ פון דער שטאָט לוקאַ אין איטאַליע דעם גרויסן למדן משה בר קלונימוס, אַלס גייסטיקן פירער פון די נייע יידישע קהילות אין פראַנקרייך, ברענגט ר' משה מיט זיך אויך די לערע פון קבלה, וואָס ער גיט איבער צו זיין זון יהודה בר' משה קלונימוס, וועלכער גיט זי איבער צו זיין תלמיד ר' שמואל, דעם פאָטער פון ר' יהודה החסיד, פון די ערשטע מחברים פון „ספר חסידים". פון זיי נעמט איבער די קבלה ר' אלעזר פון וואָרמס, דער מחבר פון ספר „הרוקח", מיט־מחבר פון „ספר חסידים", וועלכער האָט אויך פאַרפאַסט די מיסטישע ספרים „ספר רזיאל" און „סוד שכל". פון דייטשלאַנד וואַנדערט די חכמה נסתרה אַריבער קיין שפּאַניע, אַרום מיטן פון דרייצנטן יאָרהונדערט, ווו עס גרינדעט זיך די ערשטע גרופּע מקובלים אין גראַנאַ.

אין נאָרמאַלע צייטן האָט דער מיסטיציזם געהאַט ווייניק השפּעה אין דער זוניקער שפּאַניע. די גייסטיקע שאַפונג פון די ספרדים זינט ר׳ משה בן חנוך ביז ר׳ משה בן מימון (רמב״ם) איז אַזוי ריין און קלאָר און דורכזיכטיק ווי דער הימל פון אַנדאַלוזיע. אָבער די שחיטות פון די קרייצטרעגער, די בלוט־בלבולים אויף די אַשכנזים און די פאַרפאָלגונגען פון די אַלמאָראַווידן און אַלמאָהאַדן אויף די ספרדים האָבן סוף כל סוף פאַרטונקלט אייניקע מוחות, וואָס האָבן אָנגעהויבן אַרונטערצו־פאַלן אונטער דער השפּעה פון די מיסטישע לערעס. עס איז באמת סימבאָליש, וואָס אַלס פאָטער פון דער מיסטיק צווישן די ספרדים רעכנט זיך ר׳ יצחק סגי־נהור (בלינדער), וואָס האָט די סודות הקבלה באַקומען פון זיין פאָטער ר׳ אברהם בן דוד (ראב״ד השני) און יענער, פון זיין פאָטער ר׳ דוד. בלינדע זענען דאָך מער קאָנצענטרירט אין אינערלעכן לעבן ווי אין אויסערלעכן. ר׳ יצחק סגי־נהור גיט איבער די קבלה־לערע צו זיינע צוויי תלמידים עזרא און עזריאל, דער לעצטער פון די צוויי האָט געלעבט אין די יאָרן 1160־1238. אַ גאַנצע רייע אָנגעזעענע רבנים און לומדים ווערן אַריינגעצויגן אין די לערעס פון מיסטיק, צווישן זיי איז כדאי באַזונדער צו דערמאָנען ר׳ יצחק ב״ר יעקב הכהן און ר׳ יצחק בר ששת, וועלכער האָט צוגע־געבן אַ ספּעציעל וויכטיקע באַדייטונג די ווערטער פון דער תפילה און זייער מיס־טישן כוח.

אָבער די וויכטיקסטע פיגורן פון דער חכמה נסתרה צווישן די ספרדים זענען ביז דאַן געווען דער אונדז שוין באַקאַנטער רמב״ן, אברהם ב״ר שמואל אבולעפיה, גע־בוירן אין סאַראַגאָסאַ אין 1240, און יוסף אברהם גיקאַטילאַ, געבוירן אין קאַסטיליע אין 1248. דאָס זענען געווען דריי לומדים, גוט באַקאַנט מיט דער פילאָזאָפיע פון יענע צייטן. אין דער יוגנט גאַנץ הייסע מיימאָניסטן, אַנטוויקלען זיי זיך סוף כל סוף אין דעם ראַציאָנאַליזם, וואָס איז נישט בכוח צו פאַרענטפערן אַלע פראַגן, וואָס פּלאָגן זיי און אוודאי נישט דערקלערן די ליידן פון זייער פילגעפּלאָגטן פאָלק. דער רמב״ן און זיינע מיינונגען זענען אונדז שוין באַקאַנט פון דעם גרויסן וויכוח צווישן טראַדיציאָנאַ־נאַליסטן און ראַציאָנאַליסטן און ווי אַזוי ער האָט געזוכט אַ קאָמפּראָמיס צווישן ביידע שטרעמונגען.

פון אַ גאַנץ אַנדערן שניט איז אברהם אבולעפיה. אַן ענטוזיאַסט און עקסטרע־מיסט, טוט ער זיך אַריין אין קבלה מיט לייב און לעבן. צו 31 יאָר לערנט ער דעם „ספר יצירה" און דאָס עפנט אים ממש די אויגן. ער דענקט, אַז „גאָטס גייסט האָט דערוואַכט אין מיר, דער רוח הקודש האָט באַרירט מיין נשמה, און עס האָבן זיך אַנטפּלעקט פאַר מיר וואונדערבאַרע נסים און גוואַלדיקע זעאונגען". ער הויבט אָן שרייבן פירושים צו קבלה־ספרים, פאַרפאַסט אויך אַ גאַנץ גרויסע צאָל אייגענע ווערק.

די גרונט־באַזעס פון דער קבלה זענען: א) אין די אותיות פון העברעאישן אלף בית ליגן באַהאַלטן גוואַלדיקע מיסטישע כוחות, ווייל דורך צוזאַמענשטעלן זיי

אין איינער אָדער אַ צווייטער אָרדענונג, קאָן מען צוזאַמענשטעלן די פאַרהוילענע נעמען פון גאָט, מיט וועלכע מען קאָן באַווייזן וווּנדער; האָט דאָך כביכול אַליין באַשאַפן די וועלט דורך די שמות פון זיין הייליקן נאָמען, אויסגעדריקט אין העברעאישע אותיות. ב) דער גאַנצער טעקסט פון תנ״ך איז פול מיט סודות און רמזים, וואָס קאָנען אַנטפּלעקט ווערן מיט דריי וועגן: 1) גימטריא: ס׳הייסט דער נומערישער יוערט פון די אותיות פאַר־ביטן אויף אַנדערע, וואָס צוזאַמען גיבן זיי דעם זעלבן אריטמעטישן ווערט, אָבער מען קאָן פון זיי צונויפשטעלן גאָר אַנדערע ווערטער. 2) נוטריקון: די אותיות פון אַ וואָרט קאָנען אויסגעטייטשט ווערן ווי די ערשטע אותיות (ראשי תבות) פון די ווערטער פון אַ גאַנץ נייער פראַזע. 3) תמורה: בייטן דעם פּלאַץ פון די אותיות אין אַ וואָרט און שאַפן אַזוי אַרום גאָר אַן אַנדער וואָרט. אַלס ביישפּילן פון די דריי מעטאָדן איז גענוג צו ברענגען: גימטריא. דער נומערישער באַטרעף פון דעם וואָרט „הטבע״, די נאַטור, איז 86, און דאָס וואָרט אלהים, גאָט, איז אויך 86, קאָן עס מיינען, אַז די נאַטור און גאָט איז איינס און דאָס זעלבע. נוטריקון: דער ראשי תיבות פון וואָרט חמי״ל, למשל, דעם נאָמען וואָס יידן האָבן געגעבן כמעלניצקין, קאָן זיך לייענען „חבלי משיח יביא לעולם״: משיח־ווייען וועט ער ברענגען אויף דער וועלט, און יידן האָבן געגלייבט, אַז די גרויסע שחיטות, וואָס ער האָט געמאַכט אויף יידן, זענען דער אָנזאָג פון די משיח־ווייען. תמורה: דאָס וואָרט ישמח, ער וועט זיך פרייען, קאָן דורך איבערשטעלן די אותיות פאַרביטן ווערן מיטן וואָרט משיח.

פאַר דער צעהיצטער פאַנטאַזיע פון אברהם אבולעפיה איז קיין זאַך נישט גע־ווען צו שווער. ער פלעגט שאַרף אָן אויף די רבנים, ווייל ער האָלט, אַז זיי גיבן זיך נישט גענוג אָפּ מיט חכמה נסתרה, ער הויבט אָן גלויבן אין זיך גופא ווי אין אַ משיח, אַ שליח פון גאָט מיטן נאָמען זכריה. אין יאָר 1280 קומט ער קיין רוים מיטן ציל איבער־צוצייגן דעם פויפּסט ניקאָלאַס דעם דריטן, אַז ער דאַרף זיך מגייר זיין. כפי דאָס אַלץ ציט יניקה פון דער צערודערונג וואָס עס טראָגן אַריין אין זיין געמיט די ליידן פון זיין פאָלק, דערקלערט אבולעפיה, אַז: „גאָט, דער באַשעפער פון די הימלען, האָט דערהערט דאָס געשריי פון יעקבס קינדער און האָט געשיקט אַ שליח, וואָס פאַרקינדיקט זיין נאָמען: זכריה הייסט דער שליח. פאַר זיין טיף געפּלאָגט פאָלק, וואָס יעדער ערב־רב האָט אים געדריקט און געפּלאָגט — איז געקומען דער טאָג פון דער גרויסער ליכטיקער בשורה. אָט קומט דער שליח זכריה, ער לאָזט זיך אַרונטער אויף אַ לייכטן וואָלקן, וואָס טריפט מיט געבענטשטן טוי...״

אברהם אבולעפיה לאָזט זיך אַוועק איבער דער וועלט צו פרייידיקן זיין לערע מינדלעך און שריפטלעך. ער גלויבט שטאַרק אין כוח פון שריפט, און ער זאָגט: „אימה־דיק און שרעקלעך איז די קראַפט פון דער פעדער, די טינט איז בלוט, גאָטס נאָמען לעבט אין איר און יעדער טראָפּן פון דעם געבענטשטן זאַפט זעטיקט די ערד, באַפרוכ־פּערט די וויסטעניש...״. אבולעפיה ווערט אויף אַ מיסטעריעזן אופן פאַרשווּנדן, און קיינער ווייסט נישט ווו זיין געביין איז אַהינגעקומען.

פון זעלבן שניט איז געווען זיין באַליבטער תלמיד יוסף בן אברהם גיקאַטילאַ. מיט זיינע ברענענדיקע אויגן זעט ער בלויז וווּנדער, מיט זיין פאַנטאַזיע זוכט ער דאָס איבערנאַטירלעכע. ער פאַרפאַסט דעם ספר „גנת אגוז", נוסגאָרטן, וועגן די דריי הויפּט־מעטאָדן פון דער חכמת הקבלה. גנת איז פאַר אים אַ ראשי תיבות פון גימטריא, נוטריקון, תמורה. ער ווייסט, אַז: „ברענענדיק הייס און גיריק צעשטערנדיק איז דער פּלאַם פון דער פאַרבאָרגענער חכמה, נאָר בעסער צו ברענען אין דעם פלאַם, איידער גראַבלען אין דער פינצטער, ווי די חיות אין וואַלד". אָט ביי אַזאַ צושטאַנד פון אַ טייל פון די בעסערע מוחות צווישן די ספרדים איז געקומען די אַנטפּלעקונג פון זוהר און איינצייטיק כמעט מיטן גירוש פון ענגלאַנד אין 1290, ווען די מוחות זענען געווען נאָך מער עלול צו זוכן אויסוועגן.

דער זוהר איז נישט קיין איינהייטלעך בוך, נאָר גיכער אַ קאָמפּענדיום פון כמעט אַלץ, וואָס איז ביז דעמאָלט געשאַפן געוואָרן אויפן געביט פון קבלה. אייניקע טיילן פון זוהר: „ספרא דצניעותא", „אידרא רבא" און „אידרא זוטא" זענען לויט אַלע וואָרשיינלעכקייטן גאָר אַלט און זענען טאַקע איבערגעשיקט געוואָרן פון פאָדער־אַזיע קיין שפּאַניע. עס זענען אָבער אויך פאַראַן טיילן, וואָס געהערן דער פעדער פון אברהם אבולעפיה און אַנדערע מיסטיקער פון זיין שולע.

אין רעזומען קאָן די לערע פון זוהר פאָרמולירט ווערן אַזוי: דער אוניווערז איז די שאַפונג פון דער אור־קראַפט, גאָט, וואָס איז די אַבסאָלוטע אומענדלעכקייט (אין סוף), די אומטיילבאַרע אייניקייט, וואָס מען קאָן נישט אויסדריקן איר מהות מיט וועלכן ס'איז נאָמען, ווייל ער איז העכער פון מענטשלעכן פאַרשטאַנד. ווי אַזוי האָט דאָס אומבאַגרייפלעכע, דאָס אומענדלעכע און דאָס אומצעשטערבאַרע געשאַפן דאָס באַגרייפלעכע, דאָס באַגרענעצטע און דאָס שטערבלעכע, די וועלט? דערקלערט עס דער זוהר אויף אַזאַ אופן. בכדי צו באַשאַפן די וועלט האָט זיך דאָס געטלעכע ליכט איינגעשרומפּן, מצמצם געווען, בכדי צו קאָנען אַרויסגעבן פון זיך צען עמאַנאַציעס, אויסשטראַלונגען, ספירות אָדער מדות, וואָס דורך זיי איז שוין מעגלעך די אַנטפּלעקונג אין קאָנקרעטע קעגנשטאַנדן. די דאָזיקע צען ספירות זענען דער פאַרבינדונגס־רינג צווישן דעם העכסטן פון העכסטן, גאָט, און דעם העכסטן פון דער באַגרייפלעכער וועלט, דער מענטש.

די העכסטע ספירה איז דער „כתר", די קרוין, אָדער דאָס ערשטע פּינטל (נקודה ראשונה), וואָס ווערט אויך אָנגערופן ווייסער קאָפּ (רישא חיוורא), ווייל די ספירות האָבן אויך קאָלירן.

פון אָט דעם כתר, אָדער בעסער געזאָגט, פון זיין אָפּשפּיגלונג, דעת, וויסן, שטראַלן אַרויס אַנדערע אַכט ספירות, פיר מענלעכע און פיר ווייבלעכע. דירעקט פון דעת שטראַלט אַרויס די מענלעכע ספירה פון חכמה, קלוגשאַפט, וואָס טראָגט אויך דאָס נאָמען פון „אבא אילעא", דער אַלערהעכסטער פאָטער, און די ערשטע ווייבלעכע ספירה,

בינה, פאַרשטאַנד, וואָס ווערט אויך גערופן „אמא עילאה", אַלערהעכסטע מוטער. די אַקטיווע מענלעכע ספירה חכמה, גיסט זיך צוזאַמען מיט דער פּאַסיווער ווייבלעכער ספירה בינה אין דער אָפּשפּיגלונג פון כתר, דעת, און שאַפן די ערשטע טריאַדע, דעם עולם השכל, וועלט פון דענקען. אָבער דאָס וואָס דענקט, דאָס וואָס ווערט געדענקט, און דאָס פון וועגן וואָס עס ווערט געדענקט זענען אין תוך איינס און דאָס זעלבע.

פון דער ערשטער מענלעכער ספירה חכמה שטראַלט אַרויס די צווייטע מענלעכע ספירה גדולה, גרויסקייט; פון דער ערשטער ווייבלעכער ספירה בינה, שטראַלט אַרויס די צווייטע ווייבלעכע ספירה גבורה, מעכטיקייט, און ביידע גיסן זיך צוזאַמען אין דער ספירה תפארת, די שיינקייט, די העכסטע אַנטפּלעקונג פון מאָראַלישער שלימות אין לעבן. די צווייטע טריאַדע נעמט אַרום דעם עולם הנפש, די מאָראַלישע וועלט.

פון דער צווייטער מענלעכער ספירה, גדולה, שטראַלט אַרויס די דריטע מענלעכע ספירה, נצח, אייביקייט; פון דער צווייטער ווייבלעכער ספירה, גבורה, שטראַלט אַרויס די דריטע ווייבלעכע ספירה הוד, פּראַכט, וואָס גיסן זיך צוזאַמען אין דער נייַנטער ספירה, יסוד, פונדאַמענט. די דריטע טריאַדע נעמט אַרום די רעאַלע וועלט (עולם הטבע). די אַלע ניין ספירות גיסן זיך צונויף אין דער צענטער, מלכות, קעניגלעכקייט, וואָס פאַרשליסט דעם רינג פון די אויסשטראַלונגען. ערשט דאַן באַקומט זיך אַ מעגלעכקייט, אַז עס זאָלן זיך אַנטפּלעקן די קאָנקרעטע, באַגרענעצטע פאָרמען, וועלכע אַנטוויקלען זיך אין אַ קייט פון דריי מדרגות. די וועלט פון אַקטיוו־שאַפנדיקע אידעען (עולם הבריאה), די וועלט פון די געשאַפענע פאָרמען (עולם היצירה), און די וועלט פון געשאַפענער מאַטעריע (עולם העשיה).

אויף אַזאַ אופן עקזיסטירט נישט פאַרן זוהר קיין חילוק פון דער שאַפנדיקער ענערגיע און דער מאַטעריע וואָס ווערט געפורעמט, צווישן מאַטעריע און פאָרם. „קיין זאַך אין אוניווערז גייט נישט פאַרלוירן, אַלץ איז פאַראייניקט אין גאָט". די ערדישע וועלט, לערנט דער זוהר, איז באַשאַפן לויטן מוסטער פון די הימלישע וועלטן. „אַלץ וואָס עקזיסטירט דאָרט אויבן, האָט זיין אָפּשפּיגלונג דאָ אויף דער וועלט, און אַלץ צוזאַמען איז איין גאַנצע זאַך".

דערביי שפּילט דער מענטש אַ גאָר וויכטיקע ראָלע. די פאַראייניקונג פון אַלע צען ספירות ווערט אין זוהר אויך אָנגערופן „אדם עילאה", דער אַלערהעכסטער מענטש, דער מוסטער, דאָס פאָרבילד, די אידעע פון מענטש. „די געשטאַלט פון דעם מענטשן איז דער מוסטער פון אַלץ, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן אויף די הימלען און אויף דער ערד. קיין שום זאַך און קיין שום געשטאַלט האָט נישט געקאָנט עקזיסטירן, כל זמן דעם מענטשנס געשטאַלט האָט געפעלט, ווייל די דאָזיקע געשטאַלט טראָגט אין זיך אַלע געשטאַלטן, און אַלץ וואָס עקזיסטירט איז נאָר אין איר זכות, „פאַר דער איצטיקער וועלט האָבן עקזיסטירט אַ סך וועלטן, וואָס זענען חרוב געוואָרן, ווייל דער מענטש איז נאָך דעמאָלט נישט געווען באַשאַפן, כל זמן דעם מענטשנס בילד האָט נישט עקזיסטירט, האָבן

אלע וועלטן נישט געקאנט האבן קיין קיום. דער מענטש איז אין דער זעלבער צייט די העכסטע מדרגה, דער עצם און תוך פון אלע באשעפענישן". דער מענטש קאן מיט זיין תפילה דערגרייכן צו גאט, דערוועקן זיין גענאד און ברענגען זי אין אקטיוויטעט. אזא תפילה איז מרעיש עולמות, זי דערגרייכט צו דער הימלישער נשמה, צו דער מוטער פון דער וועלט, צו דער ספירה פון בינה. די ריין־פארטיקע נשמה פון דעם מענטשן ווערט אויפגענומען אין די העכסטע וועלטן „ווו אין איינעם פון די פארבארגנסטע ווינקלען פון די העכסטע ספערן געפינט זיך א פאלאץ, וואס ווערט גערופן דער היכל פון ליבע, ווו זיי גיסן זיך צונויף מיטן כביכול אין א קוש פון ליבע".

די באצויבערנדיקע לערע פון זוהר, וואס פירט אריין דעם מענטשן אין די וואונדערבארע הימלישע וועלטן, האט געווים געפונען אן אפקלאנג אין די מוחות פון די קינדער פון דעם פאלק, וואס האט געפילט, נאכן גירוש פון ענגלאנד, אז ער הויבט אן אנצוווערן דעם אנהאלט אויף דער ערדישער וועלט.

די קאנסערוואטיווע שטרעמונגען שטארקן זיך אויך צוליב דעם, וואס נאך די גירושים פון פראנקרייך, ווערן איניקע גרויסע אשכנזישע רבנים אויפגענומען אין ספרדישע קהילות. די אשכנזישע רבנים האבן קיינמאל נישט ארויסגעוויזן קיין אינטע־רעס פאר פילאזאפיע און וועלטלעכן וויסן, זיי זענען פון קדמונים מער געווען איינגע־שלאסן אין „די פיר איילן פון הלכה", קעגנעריש צו יעטוועדן לימוד חוץ ש"ס און פוסקים. ר' אשר ב"ר יהיאל, דער תלמיד פון לעצטן בעל התוספות מהר"ם מרוטנבערג, איז אויפגענומען געווארן אין 1304 אלס הויפט־רב פון דער וויכטיקער ספרדישער קהילה אין טאלעדא. ער איז געווען א שארפער קעגנער פון אלגעמיינע לימודים און האט ביי א געלעגנהייט געזאגט: „איך וויים גארנישט פון אט די חכמות, און דאנק גאט דערפאר".

דאס אלץ צוזאמענגענומען שטארקט די הענט פון די טראדיציאנאליסטן, וועלכע נעמען אונטער, געשטיצט פון די מיסטיקער, א צווייטן שארפן קאמף קעגן דער „פאר־שאלטענער פילאזאפיע", מעג זי זיין פארטראטן דורך די חבורים פון אזא גאון ווי דער רמב"ם. אנפאנג פערצנטן יארהונדערט קומט פון ארץ־ישראל דער מיסטיקער שלמה הקטן (פטי), וואס הויבט אויף א באוועגונג קעגן די, וואס גיבן זיך אפ מיט „פרעמדע" חכמות. אבא מארי ירחי, באקאנט אויך מיטן נישט־יידישן נאמען פון אסטרוק דע לו־נעל, איינער פון די אנגעזעענסטע רבנים פון דער פראוואנס, האט זיך אין 1303 גע־ווענדט צום רשב"א (ר' שלמה בן אדרת), די העכסטע רבנישע אויטאריטעט אין יענע צייטן, מיט א פארשלאג אויסצורופן א חרם אויף די אלע, וואס גיבן זיך אפ מיט חכמות חיצוניות (נישט־יידישע וויסנשאפטן). דער רשב"א זאגט זיך דערפון אפ. ער האלט, אז די רבנים פון דער פראוואנס, ווו די „צרה" איז געווען אמשטארקסטן פארשפרייט, דארפן ארויסטרעטן אויף אייגענער האנט.

אבער אויך די ראציאנאליסטן שווייגן נישט. קעגן דעם פארזוך צו פארבאטן אלגעמיינע לימודים טרעט ארויס ר' יעקב בן מכיר פון דער תיבון פאמיליע, וועלכער איז

דעקאַן פון מעדיצינישן פאַקולטעט אין מאָנפּעליע, ווו עס זענען פאַראַן מערערע יידישע בּראָפעסאָרן. ער דראָט אויסצורופן אַ חרם אויף די אַלע, וואָס ווילן וואַרפן אין חרם די, וואָס לערנען אויך אַלגעמיינע וויסנשאַפטן. זיינע דראָאונגען מאַכן אָבער אַ קליינעם רושם. זומער 1304 ווערט דער חרם אויסגערופן דורך אבא מארי ירחי אין דער גרויסער שול פון מאָנפּעליע. די אָנהענגער פון יעקב ב"ר מכיר טרעטן אַרויס קעגן דעם חרם און ווענדן זיך צום רשב"א, ער זאָל דעם חרם אָפּרופן, אָבער דער רשב"א שטיצט זיך אויך אויפן אויטאָריטעט פון ר' אָשר בן יחיאל (רא"ש), און דעם 31סטן יולי פון 1305 ווערט דער חרם אויך אויסגערופן אין דער גרויסער שול פון באַרצעלאָנאַ. דער חרם לויטעט:

„מיר האָבן באַשלאָסן און גענומען אויף זיך און אויף אונזערע קינדער און אַלע די, וואָס ווילן צושטיין צו אונדז, מיטן כוח פון חרם, פון היינט אויף אַ משך פון פופציק יאָר, אַז פאַר דער עלטער פון 25 יאָר זאָל קיינער פון אונדזער געמיינדע נישט לערנען אין די גריכישע ספרים, וואָס באַהאַנדלען נאַטור־וויסנשאַפט און געטלעכקייט; סיי זיי זענען אין גריכישן אָריגינאַל, סיי איבערגעזעצט אויף אַנדערע שפּראַכן. קיינער פון אונדזער געמיינדע זאָל אויך נישט לערנען די דאָזיקע חכמות מיט אַן אַנדערן ייד, וואָס איז יינגער פון פינף און צוואַנציק יאָר, מיטן אויסנאַם פון מעדיצין וואָס איז דערלויבט.

ווי עס איז צו זען, איז דער חרם געלייגט בלויז אויף אַ צייט פון פופציק יאָר און איז חל נאָר אויף יינגערע פון 25 יאָר, אַזוי אַז וועגן אַן אַבסאָלוטן חרם אויפן לימוד פון פילאָזאָפיע קאָן דאָ קיין רייד נישט זיין. אָבער דער חרם האָט שטאַרק אויפגעבראַכט די ראַציאָנאַליסטן, און אין זעלבן יאָר 1305 האָבן זיי, אָנגעפירט פון ר' יעקב בן מכיר, אויסגערופן אַ חרם אין מאָנפּעליע קעגן די, וואָס פאַרבאָטן צו לערנען פילאָזאָפיע פאַר אַ געוויסן עלטער.

עס צעפלאַקערט זיך ווידער אַ שאַרפע מחלוקת. מיט אַ שאַרפער שריפט קעגן די טראַדיציאָנאַליסטן איז צווישן אַנדערע אַרויסגעטראָטן דער זון פון דעם דיכטער אברהם בדרשי אוים בעזיע, ידעיה, וועלכער איז אַלס ליטעראַט באַקאַנט מיטן ביינאָמען הפניני. דאָס מחלוקת האָט אָבער לאַנג נישט געקאָנט אָנהאַלטן. אין 1306 קומט אַ נייער גירוש פון פראַנקרייך, אַ סך קהילות פון דער פּראָווואַנס זענען חרוב געוואָרן, עס איז מער נישט געלעגן אין זינען צו דיסקוטירן וועגן לערנען פילאָזאָפיע.

דאָך איז דער אינטערעס צו פילאָזאָפישע למודים נישט געוואָרן אויסגעלאָשן. אין דער ערשטער העלפט פון פערצנטן יאָרהונדערט לעבן און שאַפן די קאָמפּראָמיס ראַציאָנאַליסטן יצחק אלבאלאג און יוסף אבן כספּי, ווי אויך די אויסגעשפּראָכענע ראַציאָנאַליסטן און מיימאָניסטן: דער אַסטראָנאָם און מאַטעמאַטיקער ר' לוי בן גרשון (רלב"ג, 1288־1344) און דער נישט ווייניקער וויסנשאַפטלעך געשטימטער משה בן יהושע נאַרבאָני.

דער רלב״ג איז א באדייטנדיקער מאטעמאטיקער און אסטראנאם. ער איז א דערפינדער פון א וויכטיקן אינסטרומענט, וואס פארלייכטערט ים־פארעריי, ער איז א מחבר פון אייניקע מאטעמאטישע ווערק, איינס פון וועלכע דער „ספר תכונה" איז אויפן באפעל פון פויפסט טיילווייז איבערגעזעצט געווארן אויף לאטיין. דער רלב״ג איז אויך א באדייטנדיקער פילאזאף. אן אנהענגער פון דער אריסטאטעלישער שיטה, איז ער אבער גענוג זעלבסטשטענדיק אויף צו דיסקוטירן מיט אריסטאטעל און מיט זיינע מפרשים, דעם אראבער אבן רשד און דעם רמב״ם. די טראדיציאנאליסטישע קרייזן האלטן אים פאר אן אפיקורס גמור און זיין ווערק מיטן נאמען „מלחמות השם", די מלחמה פון גאט", רופן זיי „מלחמות נגד השם", די מלחמה קעגן גאט. דער ריס צווישן ראציאנאליסטן און טראדיציאנאליסטן איז א דעפיניטיווער.

א דיסקוסיע פון א קלענערן פארנעם, אבער פון גאנץ אייגנארטיקער וויכטיקייט, ברעכט אויס אין יענע יארן ארום א ווערק פארפאסט פון א משומד, וואס האט אלס ייד געטראגן דעם נאמען אבנר, און אלס קריסט דעם נאמען אלפאנזא פון בורגאס. א תלמיד פון רמב״ן, איז ער אבער געווען שטארק להוט נאך די תענוגים פון לעבן און דער קאטאליציזם האט אים אין דער הינזיכט געגעבן גרעסערע מעגלעכקייט. אבער זיין יידיש געוויסן האט אים דאך נישט געלאזט רוען, האט ער געפרואווט זיך אליין פאר־ענטפערן פאר זיך גופא. אלפאנזא פון בורגאס פארעפנטלעכט א העברעאיש ווערק אונטערן נאמען „אגרת הגזרה", אין וועלכן ער פלייסט זיך צו דערווייזן, אז דער מענטש קאן סתם נישט געמאכט ווערן פאראנטווארטלעך פאר זיינע מעשים, ווייל אלץ איז דאך פון פריער באשטימט. ער האלט אויך, אז דער גורל פון מענטשן איז באשטימט נאך פאר זיין געבוירן דורך די שטערן־קאנסטעלאציעס אין טאג ווען ער דערזעט די ליכטיקע שיין. אויף אפענטפערן אלפאנזאן פון בורגאס טרעט ארויס זיין פריינט, דער ייד פולגאר און אויך משה נארבאני, וועלכער שרייבט זיין טיף ווערק „המאמר בבחירה", א טראקטאט וועגן פרייען אויסוואל, ס'הייסט, אז דער מענטש איז יא פריי אין זיינע האנדלונגען.

נישט די אינערלעכע מחלוקתן, נישט די אויסערלעכע צרות האבן געקאנט פארלעשן דאס הייליקע פייער פון לערנען און שטודירן צווישן יידן. נאך הארט פאר דער שווארצער מגפה, צווישן שחיטות און גירושים, גיט זיך אפ דער יידישער געדאנק מיט העכערע ענינים, ווען אפילו נישט אין אזא פארנעם ווי אין די פאריקע בעסערע צייטן.

ל ע ק צ י ע 106 ט ע

נאָך דער שוואַרצער מגפה

(1391 - 1350)

לאַנגזאַם איז אייראָפּע געקומען צו זיך נאָך דער שוידערלעכער מגפה, וואָס האָט זי פאַרוויסט צווישן די יאָרן 1348 - 1350. אויך די לעבנגעבליבענע יידן הויבן אָן ביסלעכווייז אויפבויען צוריק זייער לעבן. עס קערן זיך אפילו אום אייניקע קהילות און יחידים, וואָס זענען אנטלאָפן קיין מזרח־אייראָפּע פון דער מגפה, און פון די יידן־שחיטות וואָס זי האָט אַרויסגערופן.

דער לעגאַלער מצב פון די געבליבענע און צוריקגעקערטע איז געווען אַ גאַנץ טרויעריקער. יידן זענען טאָלערירט געוואָרן בלויז אַלס וווּכערער, וואָס דאַרפן באַזאָרגן מיט הלוואות די, וואָס נויטיקן זיך אין דעם און דינען דורך די הויטשינדערישע פּראָצענטער (ביז 167 יערלעך) אַלס אַ מקור פון פּרנסה פאַר די מאַכטהאָבער.

אין יאָר 1356 ווערט פעסטגעשטעלט אַ נייע אָרדענונג פון אויסוויילן אַן אימפּעראַטאָר. בלויז זיבן קורפירסטן האָבן דאָס רעכט צו באַטייליקן זיך אין באַשטימען דעם אימפּעראַטאָר. עס ווערט זיי אויך געגעבן דאָס רעכט צו העכערן די אָפּצאָלן אויף די גרענעצן און „צו קויפן" יידן. עס הויבט זיך אָן אַ נייע וואַקכאַנאַליע פון ווילקיר. אין 1370 ווערן אויסגערויבט דורך הויכע שטייערן די יידן פון ווין. אין 1384 טוט מען דאָס זעלבע מיט די יידן פון נירנבערג. דאָס שטערט נישט, אַז יידן זאָלן פון צייט צו צייט אַרויסגעטריבן ווערן פון דער אָדער יענער שטאָט, פון אייניקע פּלעצער צו עטלעכע מאָל. אַרויסגעטריבן און צוריק אַריינגעלאָזט. יעדער ריר פון די יידן האָט אַריינגעטראָגן הכנסות די אָרטיקע און צענטראַלע מאַכטהאָבער. אין 1360 ווערן יידן פאַרטריבן פון אונגאַרן, אין 1388 — פון שטראַסבורג. „זעלבסטפאַרשטענדלעך", אַז די שחיטות אונטער דעם אָדער יענעם בלבול, עלילת־דם, אָדער האָסטיע־שענדונג, ווערן אויך פאָרגעזעצט: אין 1384, שחיטות אין שוואַביע; צווישן 1389 און 1400, שחיטות אין פּראָג.

נישט פיל וויניקער ליידן די יידן פון איטאַליע, בעיקר די גרויסע קהילה פון רוים. פון 1308 ביז 1378 האָבן די „באַשיצער״ פון די יידן, די פויפּסטן, געלעבט אין אַוויניאָן, אונטערן שוץ פון די מלכים פון פראַנקרייך, די עלטסטע טאָכטער פון דער קאַטוילישער קירכע. אין רוים האָבן אין דער צייט די מיוחסדיקע פאַמיליעס פון שטאָט געקעמפט צווישן זיך פאַר דער שטאָט־פאַרוואַלטונג און די יידן האָבן שטאַרק געליטן פון די דאָזיקע אינערלעכע שטרייטיקייטן. אין 1378 הויבט זיך אָן דאָס גרויסע מחלוקת אין דער קאַטוילישער קירכע, עס הערשן איינצייטיק צוויי און אפילו דריי פויפּסטן: איינער אין רוים, דער צווייטער אין אַוויניאָן, אַ דריטער קומט אויף אין שפּאַניע. יעדער איינער פון די דאָזיקע קירכע־הויפּטן באַטראַכט זיינע קעגנער פאַר כופרים און אַנטי־פויפּסטן. די אָפּשוואַכונג פון דער אויטאָריטעט פון די פויפּסטן לאָזט פריי דעם ווילקיר און די אַפּעטיטן פון די קלענערע מושלים. דערצו האָבן נאָך די פויפּסטן באַדאַרפט געלט אויף צו באַקעמפן זיך קעגנזייטיק און דאָס האָבן יידן געמוזט אויסטעלן, בכדי די לאַגע זאָל נישט ווערן נאָך ערגער.

אין דער צווייטער העלפט פון פערצנטן יאָרהונדערט הויבט זיך אויך אָן די ירידה פון די ספרדישע ישובים אויפן איבערישן האַלב־אינדזל. אונטערן דרוק פון דעם אדל באַמיען זיך די מלכים צו באַזייטיקן יידן פון הויכע מלוכה־פּאָסטנס, ווען אפילו עס קומט זיי אָן זייער שווער, און יידן מוזן דאָך צוגעלאָזט ווערן אַלס איבערזעצער, דאָקטוירים, און אַמאָל טאַקע אויך אַלס צינז־איינמאָנער.

די מלכים פון פּאָרטוגאַל זענען אויך געצוווּנגען אָנצוקומען צו יידישער מיט־אַרבעט און אין דער מדינה קומט אויף אַ באַדייטנדיקער יידישער ישוב, ווען אפילו אַלפאָנס דער פערטער (1325־1357) צווינגט אַרויף אויף יידן צו טראָגן די געלע לאַטע אין עפנטלעכע פּלעצער. דאָס שטערט נישט, אַז פּעדראָ דער ערשטער (1357־1367) זאָל האָבן אַלס לייב־מעדיקער דעם הויפּט־רב פון פּאָרטוגאַל משה נאַוואַראָ. פערדינאַנד דער ערשטער (1367־1383) זאָל האָבן פאַר אַ פינאַנץ־מיניסטער דעם ייד דאָן יהודה. ווען פערדינאַנד שטאַרבט, מוז זיין נאָכפאָלגערין, די מלכה לעאָנאָר, צוזאָגן די פּאָרטרע־טער פון דער שטאָט ליסאַבאָן, אַז זי וועט באַזייטיקן דאָן יהודה, אָבער ער בלייבט אויף זיין אַמט און עס קומט נאָך צו אַלס יועץ פון דער מלוכה דער ייד דוד נעגראָ. ביידע יידן נעמען אַ וויכטיקן אָנטייל אין דעם קריג צווישן די פּרעטענדענטן אויפן פּאָרטוגעזישן טראָן יאָהאַן דע אַוויס און יאָהאַן פון קאַסטיליע. נאָך אַ לאַנגן און בלו־טיקן קאַמף בלייבט דע אַוויס ביים טראָן און ביי זיין זייט אַלס יועץ דער ייד דוד נעגראָ.

אָן ענלעכע באַטייליקונג פון די יידן אין דעם קאַמף פון צוויי פּרעטענדענטן אויפן טראָן פון קאַסטיליע האָט גורם געווען צום אָנפאַנג פון דער ירידה פון יידישן ישוב אין יענער מדינה. אַלפאָנס דער עלפטער פון קאַסטיליע האָט געלאָזט די קרוין זיין געזעצלעכן זון פּעדראָ, וועלכער האָט באַקומען דעם צונאָמען דער גרויזאַמער. אָבער גראָד מיט יידן איז ער נישט געווען אַזוי גרויזאַם, כל זמן זיי האָבן אים געקאָנט זיין

נוצלעך. זיין לייב־דאָקטאָר איז געווען דער ייד אברהם סאַרסאַל, דער יידישער פּאָעט אויף דער שפּאַנישער שפּראַך רבי שם־טוב (סאַנטוב) דע קאַריאָן, איז געווען דער הויף־פּאָעט. די ערשטע צען יאָר פון זיין רעגירונג (1350־1360) האָט פאַרנומען דעם אַמט פון פינאַנץ־מיניסטער דער ייד שמואל הלוי אבולעפיה, וועלכער האָט איינגעמאָנט די צינזן מיט אַ סך שטרענגקייט, איז דערביי רייך געוואָרן, און האָט אין 1357 אויפגעבויט אין טאָלעדאָ אַ שול וואָס האָט זיך דערהאַלטן ביז היינט, ווי אַ נאַציאָנאַלער מאָנומענט: Sinagoga del Tránsito. אין 1360 ווערט אָבער דאָן שמואל אַרעסטירט, געפּייניקט ער זאָל אויסזאָגן, וווּ ער האָט זיינע אוצרות באַהאַלטן, און שטאַרבט אונטער די עִנוּיִים.

קעגן פּעדראָ דעם גרויזאַמען איז אַרויסגעטראָטן זיין האַלבער ברודער, דער נישט געזעצלעכער זון פון אַלפאָנסאָ דעם עלפטן, ענריקע דע טראַסטאַמאַראַ, וועלכער האָט זיך געשטיצט אויף דער אַנטי־יידישער פּאַרטיי, אָבער די יידן האָבן אומקאָנדי־ציאָנעל געשטיצט פּעדראָן און האָבן העלדיש געקעמפט אומעטום קעגן די חיילות פון ענריקע. דער בירגער־קריג האָט זיך געענדיקט אין 1369, פּעדראָ איז אומגעקומען פון דער האַנט פון זיין האַלבן ברודער און ענריקע האָט באַשטיגן דעם טראָן אַלס ענריקע דער צווייטער.

ביי זיין גאַנצער אַנטי־יידישער פּאָליטיק האָט זיך אויך ענריקע נישט געקאָנט באַגיין אָן יידן. אַלס הויפּט־איינמאָנער פון די צינזן האָט ער באַשטימט דעם ייד יוסף פּיכאָן, אַ צווייטער מקורב איז געווען דאָן שמואל אברבנאל פון סעווילִיע. אָבער ענריקע דער צווייטער שטיצט זיך אויך אויף דעם קאַטוילישן קלער און מוז אים עפּעס נאָכגעבן אין דער יידנפראַגע. אַזוי דערלויבט ער איינצואָרדענען אין 1375 אַן עפנטלעכן וויכוח אין אַווילאַ. דער וויכוח קומט פאָר אין אַ קלויסטער, און די גאַנצע יידישע געמיינדע מוז זיין אָנוועזנד. פון קריסטלעכן צד טרעט אַרויס, ווי כמעט שטענדיק, אַ משומד. דאָס מאָל איז עס יאָהאַן פון וואַליאַדאָליד; פון יידישן צד טרעט אַרויס משה דע טאָרדע־סיליאַ, אַ למדן און אַ גרויסער געלערנטער אויך אין דער קריסטלעכער טעאָלאָגיע. דעם פאַרלויף פון וויכוח פאַרעפנטלעכט ער אין זיין ספר „עזר האמונה”, די הילף פון גלויבן, בכדי אַז ווייניקער געניטע פון אים זאָלן אויך קאָנען ביי אַ געלעגנהייט אָפּענטפערן אויף די אָנגריפן פון די קריסטלעכע דיספּוטאַנטן. אין דער זעלבער צייט פירט זיך אין סאַראַ־גאָסאַ אַ וויכוח צווישן דעם קאַרדינאַל פּעדראָ דע לונאַ, שפּעטערדיקער פּויפּסט מיטן נאָמען בענעדיקטוס דער דרייצנטער, און דעם יידישן רב שם־טוב שאפּרוט, וועלכער וועט אויך פאַרפאַסן אַ ספר „אבן בוחן” — פּרוּוו־שטיין, וואָס וועט דינען ווי אַ האַנט־בוך פאַר יידישע אָפּאָנענטן אין די עפנטלעכע וויכוחים.

פון די מקורבים למלכות האָבן יידן ווייניק נחת אין יענע צייטן. עס זענען נישטאָ מער די אַמאָליקע חסדאי שפּרוט, שמואל הנגיד וכ׳. יוסף פּיכאָן מוז געמשפּט ווערן פון יידישן בית דין, ווייל ער האָט געמסרט צום מלך ענריקע דעם צווייטן די פירער פון די יידישע קהילות. דער בית־דין פאַרמשפּט דעם מוסר צום טויט, און דער

נייער מלך יאָהאַן דער ערשטער באַשטעטיקט דעם אורטייל, אַלס אַ קרוינונגס אויפ־מערקזאַמקייט צו יידן. ביים אונטערשרייבן דעם אורטייל האָט ער אפילו נישט אַ קוק געטאָן אויפן נאָמען פון דעם פאַרמשפּטן. דער פּסק דין ווערט אויסגעפירט פון דעם פּאָליציי־שעף פון סעוויליע. ווען דער קעניג דערוויסט זיך, ווער דער הינגעריכטעטער איז געווען, לאָזט ער טויטן די מיטגלידער פון יידישן בית דין, און אָפּהאַקן די האַנט פון פּאָליציי־שעף. ביים יידישן בית דין ווערט צוגענומען די קאָמפּעטענץ פון פאַר־משפּטן צו טויט־שטראָף (1381). אין 1385 פאַרשפּרעכט דער מלך נישט אָנצושטעלן מער קיין יידישע צינז־מאַנער, און פון דאַן הויבט אָן צו פאַרקלענערט ווערן די צאָל פון יידן אויף מלוכה־אמטן. דעם זעלבן יאָר ווערט אויך פאַרבאָטן יידן צו וווינען אין די קריסטלעכע שטאָט־פערטלען, אַלע יידן מוזן וווינען אין דער יידן־גאַס, „כודעריאַ".

די דעקאַדענץ פון יידישן ישוב אין שפּאַניע האָט זיך אָנגעהויבן.

107טע לעקציע

די מאַראַנען

די צייטן פון דער גרויסער מחלוקת אין דער קאַטוילישער קירכע (1417-1378) זענען אויסגענוצט געוואָרן פון פאַנאַטיקער און אוואַנטוריסטן, אויף צו פאַרשטאַרקן די רדיפות אויף יידן.

אין 1391 קייקלט זיך דורך איבער שפּאַניע אַ כוואַליע פון פאַרפאָלגונגען אונטערן לאָזונג: „שמד, אָדער טויט!״ דער אָנרעגער צו דעם פאָלקס־אויסברוך איז געוועזן דער דיאַקאָן פון דער קאַטעדראַל אין סעוויליע, דער האַלב פאַרריקטער פאַנאַטיקער פערראַן מאַרטינעז. נישט קוקנדיק אויף אַלע פאַרבאָטן פון קעניג און קירכע־הויפּטן, פירט ער אָן אין אַ משך פון יאָרן זיין אַנטי־יידישע אַגיטאַציע און פאַנאַטיזירט אַזוי די מאַסן, אַז ענדלעך ברעכט אויס דאָס אומגליק. אין סעוויליע, טאָלעדאָ, בורגאָס, וואַלענסיאַ, באַרצעלאָנאַ ווערן די יידן־גאַסן באַפאַלן פון אַ צעיושעטן המון, וואָס לאָזט בלויז איין ברירה: שמד אָדער טויט! דער רוב פון די קהילות איז מקדש השם, און די הרוגים דערגרייכן אין די גרויסע טויזנטער. אָבער די רייכערע און די פּריווילעגירטערע קלאַסן קאָנען שוין דעם נסיון נישט ביישטיין, און אַ סך נעמען אָן דעם אַנדערן אויסוועג: שמד. די דאָזיקע געצוווּנגענע משומדים טיילן זיך אין צוויי חלקים. דער גרעסטער טייל וועט אָננעמען דעם קאַטויליציזם נאָר לפנים וועגן, און געהיים בלייבן זיי געטרייע יידן, און וועלן שאַפן אין שפּאַניע די הארבע פּראָבלעם פון די מאַראַנען. אָבער אַ קלענער טייל משומדים זענען אַנטשלאָסן צו בלייבן ביים קאַטוילישן גלויבן און אפילו רודפן זייערע געבטיקע יידישע ברידער. צווישן די דאָזיקע צייכענען זיך אויס צוויי רבנים: שלמה הלוי פון בורגאָס, וואָס נעמט אָן ביים טויפן זיך דעם נאָמען פון פּאַאולוס און וועט זיין דער יידן־שונא נומער איינס, פּאַבלאָ דע סאַנטאַ מאַריאַ דע בורגאָס, און יהושע, וואָס שטאַמט פון דער שטאָט לאָרקאַ, הלורקי, ווען זיך אַלס קריסט רופן כעראָנימאָ דע סאַנטאַ פע.

פּאַבלאָ דע בורגאָס איז אַ זייער פעאיקער מענטש און נאָך פעאיקערער קאַריעריסט. ער וועט ווערן אַ גייסטלעכער, ער ווערט בישאָף פון בורגאָס, די זעלבע שטאָט,

ווי ער איז פריער געווען רב, און וועט אפילו זיין א מיטגליד פון רעגענטן־ראט אין דער צייט פון דער מינדעריעריקייט פון קעניג יאהאן 2טן. זיין גאנצע פאמיליע וועלן זיין ביטערע שונאי ישראל און הויכגעשטעלטע קריסטן. בעראנימא דע סאנטא פע איז א מענטש פון א קלענערן פארנעם, און וועט ווערן א ווערקזייג אין די הענט פון פאבלא דע בורגאס. צו זיי וועט נאך צושטיין דער שוין דערמאנטער פעדרא דע לונא, וואס ווערט אנטי־פויפסט אונטערן נאמען בענעדיקטוס דער דרייצנטער און זוכט זיך קונה שם צו זיין מיט באקערן יידן צום קריסטנטום. אויף צו דערווייזן זיין גינציקייט צום קאטאליציזם פארבינדט זיך בענעדיקט דער דרייצנטער מיט פאבלא דע בורגאס און ביידע שטיצן דעם פאנאטישן מאנאך וויסענטע פערער, וואס נעמט אונטער אין 1411 א קרייצצוג צו שמדן יידן דורך פריידיקן, אין וועלכן ער האט א שטיקל דערפאלג.

נישט אינגאנצן צופרידן מיט די רעזולטאטן פון דעם קרייצצוג פון וויסענטע פערער, וועלכער וועט שפעטער געהייליקט ווערן פון דער קירכע אלס סאן־וויסענטע, ארגאניזירט בענעדיקטוס דער דרייצנטער אן עפנטלעכן וויכוח אין דער שטאט טארטאסא, אין יאר 1413. מיט דער צושטימונג פון קעניג פון אראגאניע ווערן די יידישע קהילות אויפגעפאדערט צו שיקן רבנים אויף צו באטייליקן זיך אין וויכוח. פון קריסטלעכן צד איז דער הויפט־רעדנער דער משומד בעראנימא דע סאנטא פע (יהושע הלורקי). די יידישע פארטרעטער זענען: דער פארזיצער פון דער קהילה אין סאראגאסא דאן חיים ווידאל בענוועניסטע, דער איבערזעצער פון אראביש זרחיה הלוי, דער פריידיקער יוסף אלבא פון דאראקא און אסטרוק הלוי פון אלקאניז. דער וויכוח האט זיך געצויגן מיט איבעררייסן פון פעברואר 1413 ביז נאוועמבער 1414, דער רעזולטאט איז געווען א נישטיקער. אן אויפגערייצטער פארארדנט בענעדיקטוס דער דרייצנטער אין 1415 צו פארברענען דעם תלמוד, אלע וויכוח־ספרים קעגן קריסטנטום, לאזן פאר יידן אין יעדער שטאט בלויז איין קליינע שול, און צווינגען זיי צו קומען אמווייניקסטן דריי מאל אין יאר אין קלויסטער, צו הערן קריסטלעכע דרשות. אבער אין זעלבן יאר ווערט בענעדיקטוס דער דרייצנטער אראפגעזעצט דורך דעם קאנציליום אין קאנסטאנץ און זיינע גזירות ווערן בטל.

108טע לעקציע

א קורצע אָטעם־פּויזע

(1417 - 1454)

דער בישאָפן־צוזאַמענפאָר פון קאָנסטאַנץ מאַכט א סוף צו דער צעשפּליטערונג אין דער קאַטויִלישער קירכע און דערווײלט אין 1417 איין פּויפּסט, וואָס וועט ווי שטענ־דיק זיצן אין רוים. פאַר די יידן אין מערב־אייראָפּע וועט דעמאָלט אָנקומען א קורצער פּעריאָד פון רעלאַטיווער רואיקייט (1417־1454).

דער ניי־דערווײלטער פּויפּסט, מאַרטין דער פינפטער, שאַפט אָפּ אַלע איינפיר־רונגען פון בענעדיקטוס דעם 13טן און פאַרבאָט אויסדריקלעך צוואַנג־שמד. אין 1421 דערלויבט ער בפירוש צו היילן זיך ביי יידישע דאָקטוירים, צו האָבן יידישע צינז־פּאַכ־טער און, בכלל, צו קומען מיט יידן אין מגע ומשא.

אין קאַסטיליע קעניגט דאַן יאָהאַן דער 2טער, וועלכער זוכט די ערשטע צייט צו פירן א ליבעראַלערע פּאָליטיק. דער חורבן פון די יידישע שטאָט־פערטלען און דער צוואַנג־שמד האָט גורם היזק געווען די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון דער מלוכה. דער הויפּט־מיניסטער איז צו יענער צייט דער ליבעראַלער אַלוואַראָ דע לונאַ, וועלכער האָט אין א פולער מאָס אָפּגעשאַצט די עקאָנאָמישע לייסטונגען פון די יידן. די קהילות הויבן אָן צוריק אויפשטעלן זייער אויטאָנאָמיע. בראש פון אָט דער וויכטיקער אַרבעט שטייט דער „רב פון קעניגלעכן הויף" אברהם בענוועניסטי. אין 1432 ווערט פאַררופן אין וואַליאַדאָליד א רבנים־צוזאַמענפאָר, וואָס נעמט אָן א רייע תקנות פאַר דער יידישער קאָלעקטיווער און פּערזענלעכער אויפפירונג: די רייכע, וואָס פלעגן זיך ביז דאַן אויס־דרייען פון לאַנד־שטייערן, ווערן פאַרפליכטעט צו טראָגן דעם יאָך צוגלייך מיט דער אַלגעמיינער יידישער באַפעלקערונג; פאַר מסירה וועט דער יידישער בית דין קאָנען באַ־שטראָפן קערפּערלעך, מיט אַרעסט אָדער געלט־שטראָף. נאָך דער דריטער מסירה וועט דער מלשין אויך קאָנען פאַרמשפּט ווערן צום טויט (אָבער די אויספירונג פון אורטייל וועט דאַרפן האָבן די באַשטעטיקונג פון מלך). יידן וועלן זיך מוזן קליידן באַשיידן און ניט

אויפרייסן די אויגן מיט צופיל לוקסוס. א קהילה פון פופצן משפחות דארף שוין אויס־האלטן א פאלקס־שולע (א חדר) און יעדע קהילה פון פערציק משפחות און מער מוז שוין אויסהאלטן א ישיבה.

ווען אלווארא דע לונא ווערט באזייטיקט פון דער רעגירונג, געלינגט דער אנטי־יידישער פארטיי, בראש פון וועלכער עס שטייט דער משומד אלפאנסא דע קארטאכענא, דער זון פון פאבלא דע בורגאס, דורכצוזעצן אייפן קאנציליום פון באזעל א פאראָרדע־נונג פון פויפסט עווגעני דעם פערטן, וואס שטעלט אפ די פאראָרדענונגען פון מארטין דעם פינפטן און פירט צוריק איין די באגרעניצונגען פון בענעדיקטוס דעם דרייצנטן, אבער א דאנק דער השפעה פון ר׳ אברהם בענוועניסטי האט יאהאן דער צווייטער אין אפריל 1443 אזוי אויסגעטייטשט די פויפסטלעכע בולא, אז עס איז פון איר זייער וויניק געבליבן.

אין דער צייט ווען די לאגע פון די יידן איז מער וויניקער דערטרעגלעך, הויבט זיך אן מיטאמאל צו פארערגערן די לאגע פון די מאראנען, וואס זענען אפילו נאכן שמד אין 1391 געבליבן אין געהיים געטריי צו זייער יידישער אמונה. די משומדים שונאי ישראל ווי פאבלא דע בורגאס און זיין פאמיליע און כעראנימא דע סאנטא פע זענען געווען א קליינע מינדערהייט. דער גרעסטער רוב מאראנען זענען אין געהיים גע־בליבן טריי יידישקייט און אפילו דער דריטער דור איז נאך געווען גענוג יידיש. די קריסטן האבן זיך ארומגעזען, אז מיטן געצוואונגענעם שמד האבן זיי געמאכט א מקח טעות. די מאראנען זענען געבליבן אין תוך יידן, אבער אלס אפיציעלע קריסטן האבן זיי געהאט פאר זיך אפן אלע וועגן צו רייכטום, צו סאציאלער פאזיציע, צו מלוכה־אמטן. די מאראנען, וואס האבן זיך דערשלאגן צו גאר הויכע פאזיציעס האבן פראטע־זשירט זייערע יידישע קרובים און געשטיצט די קהילות מיט זייער איינפלוס אין די הויף־ספערן. די קריסטלעכע פאנאטיקער און די, וואס האבן מורא געהאט פאר דער שארפער יידישער קאנקורענץ, האבן זיך געכאפט, אז די ברירה וואס מען האט געגעבן יידן אין 1391, שמד אדער טויט, האט זיך נישט געלוינט; אויף פטור צו ווערן פון יידן בלייבט נישט קיין אנדער מיטל ווי אומברענגען זיי, און קנאפע זעכציק יאר נאכן צוואנג־שמד צעגיסט זיך א כוואליע פון הריגות אויף מאראנען; די עפנטלעכע יידן ווערן כמעט נישט באריררט. אין 1440 קומט פאר די ערשטע שחיטה אויף מאראנען אין טאלעדא, אין 1467 א צווייטע הריגה אין דער זעלבער שטאט, אין 1470 א שחיטה אין וואליאדאליד, אין 1473 — אין קארדאבא, אין 1474 — אין סעגאוויא. איינער פון די העצער צו שחיטות אויף יידן און מאראנען, ווי אויך מוסולמענער, איז געווען דער רעקטאר פון דער אוניווערזיטעט אין סאלאמאנקא און פראנציסקאנער־הויפט אל־פאנסא דע עספינא, אליין פון יידישער אפשטאמונג. די מאראנען האבן אנגעהויבן פירן אונטערהאנדלונגען מיטן וויצע־קעניג פון סעווילע, גראף מעדינא־סידאניא, אז מען זאל זיי איבערגעבן די פעסטונג גיבראלטאר, וואס זיי נעמען זיך אונטער צו פארטיידיקן.

דער גראַף האָט מסכים געווען, אָבער די יידנפיינד האָבן אויפגעהויבן אַ געוואַלד, אַז יידן וועלן צוריק איבערגעבן די פעסטונג צו די מוסולמענער, און פון דעם ענין איז גאָרנישט געוואָרן.

אין דער אוממעגלעכקייט צו אומברענגען די מאַראַנען דורך שחיטות, דער־שלאָגן זיך די שונאי־ישראל, אַז אין שפּאַניע זאָל איינגעפירט ווערן די הייליקע אינ־קוויזיציע.

אין דער צייט ווען די לאַגע פון די ספרדים אין שפּאַניע איז ווייט פון זיין דערטרעגלעך, פאַרערגערט זיך נאָך מער די מערכה פון די אשכנזים אין צענטראַל אייראָפּע, ווו עס אַנטשטייט אַ רעפאָרמיסטישע באַוועגונג פון רעליגיעז־סאָציאַלן כאַ־ראַקטער, די אָנזאָגערין פון דער גרויסער רעפאָרם־באַוועגונג אין קומענדיקן זעכצנטן יאָרהונדערט.

די דאָזיקע רעפאָרמע האָט איר מקור אין ענגלאַנד, ווו דער גלח זשאָן וויקליף זעצט איבער אין 1382 דעם תנ"ך אויף ענגליש און מאַכט אים אַזוי אַרום צוטריטלעך פאַר די פאָלקס מאַסן, ווי אַ קעגנגעוויכט קעגן דער אויטאָריטעט פון פּויפּסט. פון ענג־לאַנד כאַפּט זיך דער וויקליפיזם אַריבער קיין בייִמען, ווו דער טשעך יאָהאַן הוס גיט אין 1396 אַ סעריע פאָרטראָגן אין דער אוניווערזיטעט פון פּראָג, ווערן דער בייער לערע. הוס ווערט באַשטימט אַלס רעקטאָר פון אוניווערזיטעט, און אין 1412 וואַרפט אים די קירכע אַריין אין חרם. הוס ווערט שפּעטער אַרויסגערופן צום בישאָפן־צוזאַ־מענפאָר אין קאָנסטאַנץ, וואָס האָט געזוכט צו ליקווידירן דאָס גרויסע מחלוקת אין דעם קאַטאָליציזם. ער ווערט פאַרמשפּט צום טויט און פאַרברענט אין 1415. דער אימפּעראַטאָר סיגיזמונד צווינגט די יידישע קהילות צו באַצאָלן די אויסגאַבן פון דעם קאָנסטאַנצער בישאָפן־צוזאַמענפאָר, דאָס פאַרברענען פון הוס אַריינגערעכנט.

דער מאַרטירער־טויט פון הוס פלאַמט אויף די פּאַטריאָטישע געפילן פון די טשעכן און אין די יאָרן 1419־1436 צעפלאַקערט זיך אַן אמתער בירגער־קריג, אַן אויפ־שטאַנד פון טשעכן מיט רעליגיעז־סאָציאַל־נאַציאָנאַלער באַפאַרבונג. די יידן מוזן אויך באַצאָלן די הוצאות פון דעם קריג צווישן קריסטן. נאָך אין 1400 האָט דער אימפּע־ראַטאָר רופּרעכט איינגעפירט אַ צוגאָב־אָפּצאָל פון יידן: אַ יערלעכן גאָלד־פעניג פון יעדן נפש עלטער פון 12 יאָר. בשעת דעם הוסיטן־קריג ווערט אויף די יידן אַרויפגע־לייגט אַ ספּעציעלער שטייער פון אַ דריטל פון זייערע פאַרמעגנס.

דאָס האָט זיי נישט באַפרייט פון די „רעגלמעסיקע" צאָלונגען, וואָס זענען געוואָרן פון יאָר צו יאָר שווערער.

חוץ דעם ווערן יידן פאַרטריבן און געברענט אין פאַרשידענע שטעט: אין 1421 ווערן צוויי הונדערט יידן פאַרברענט אין ווין, אין 1426 ווערן יידן פאַרטריבן

פון קעלן, אין 1440 פון אויגסבורג, אין 1461 פון מיינץ א. א. וו. די לאגע ווערט נישט בעסער אפילו אין די צייטן פון אימפעראטאר פרידריך דעם דריטן, וואס האט געשמט פאר א יידנפריינטלעכן הערשער. אויך ער האט רעגלמעסיק איינגעמאנט דעם „דריטן־פפעניג”, ס׳הייסט א דריטל פון פארמעגן.

אין 1450 ווערט פון פויפסט דעלעגירט קיין דייטשלאנד און אין די נאענטע סלאווישע לענדער דער פראנציסקאנער מאנאך יאהאן קאפיסטראנא, אויף צוריקצושטעלן דארט די עכט־קאטוילישע פרומקייט. די רעדעס פון דעם עקזאלטירטן פאנאטיקער האבן באווירקט דעם המון און עס זענען אויסגעבראכן א רייע אנטי־יידישע עקסצעסן. 4טן יולי 1453 ווערן אין ברעסלוי פארברענט 41 יידן. מענער און פרויען, באשולדיקט אין עלילת־דם, אין 1450 געלינגט קאפיסטראנאן צו ארויסטרייבן די יידן פון א רייע מקומות אין בייערן. אין רעגענסבורג ווערט אויף די יידן ארויפגעצוווּנגען דער שאנד־צייכן.

אזוי האבן זיך געהאלטן די קהילות אין דייטשלאנד אין איין פארקלעמערן אין צאל און אין דער צאל פון זייערע נפשות. די פארטריבענע יידן זענען אוועק אלץ ווייטער אויף מזרח, בעיקר קיין פוילן.

די פארבליבענע אין מערב־דייטשלאנד האבן זיך דערהאלטן נאר א דאנק דעם גייסטיקן חיזוק, וואס זיי האבן געקראגן אין זייערע קהילות, וואס האבן געזארגט פאר זייערע מיטגלידער און פלעגן אפהאלטן פון צייט צו צייט צוזאמענפארן, מיינץ 1381, נירנבערג 1438, בינגען 1457, רעגענסבורג 1471, ווי אויך גרינדן קהילות־פארבאנדן, אויף צו פירן אן אפוועך־קאמף מיט געאייניקטע כוחות.

109טע לעקציע

די אינקוויזיציע

אין יאָר 1474 האָבן זיך די צוויי מלוכות פון שפּאַניע: קאַסטיליע און אַראַגאָן פאַראייניקט דורך אַ חתונה. איזאַבעל די ערשטע, פון קאַסטיליע, האָט חתונה געהאַט מיט איר שוועסטערקינד פערדינאַנד פון אַראַגאָן און די פאַראייניקונג פון דער קריסטלעכער שפּאַניע איז געווען פאַרענדיקט. יידן האָבן פיל מיטגעהאָלפן, דער שידוך זאָל צו שטאַנד קומען. איזאַבעל איז געווען פאַנאַטיש פרום, פערדינאַנד איז געווען זייער געלט־גייציק און ביידע האָבן געהאָפט צו גענים פון דער אינקוויזיציע. איזאַבעל, מיט דעם וואָס זי וועט ראַטעווען נשמות; פערדינאַנד, דורך דעם וואָס זי וועט קאָנפיסקירן פאַרמעגנס פאַרן קעניגלעכן אוצר. אין 1480 איז די אינקוויזיציע איינגעפירט געוואָרן, אָבער זי האָט ערשט אָנגעהויבן צו אַנטוויקלען איר גרוליקע מאַכט אין 1483, ווען אַלס הויפּט־אינקוויזיטאָר איז באַשטימט געוואָרן דער פאַנאַטיקער טאָמאַס דע טאָרקוועמאַדאַ, וועלכער האָט פעסטגעשטעלט פאַר דער אינקוויזיציע פאָלגנדיקן רעגלאַמענט:

אין יעדער געגנט, וווּ עס ווערט דערעפנט אַן אינקוויזיציע־טריבונאַל, ווערט צו אַלעם ערשטן פּראָקלאַמירט אַ פּעריאָד פון פּערציק טעג אויף מודה זיין זיך. ווער עס איז זיך מודה אַליין, קומט אָפּ מיט אַ געלט־שטראָף לטובת דער אינקוויזיציע, אָדער פאַר דער מלחמה קעגן די מוסולמענער פון גראַנאַדאַ. אַלס צוגאָב דאַרף ער אָפּזיצן אַ באַשטימטע צייט אין תפיסה, אָדער געפירט ווערן איבערן שטאָט אין אַ לאַנגן תשובה־העמד, וואָס ווערט גערופן „סאַן בעניטאָ”. דער וואָס קומט זיך מודה זיין נאָך די פערציק טעג, ווערט פאַרמשפּט צו אייביקער תפיסה און זיין פאַרמעגן קאָנפיסקירט. ווער עס איז זיך אָבער נישט מודה אַליין און ווערט געמסרט, צווינגט מען אים דורך טאָרטורן מודה צו זיין זיך אויף זיין זינד, און דאַן ווערט ער פאַרמשפּט צום טויט. די דורכפירונג פון אורטייל ווערט איבערגעגעבן דער מלוכה־מאַכט, אָבער די אינקוויזיציע רעקאָמענדירט איר צו האָבן אייגזען און נישט פאַרגיסן דאָס בלוט פון זינדיקער, ווייל די קירכע איז קעגן בלוטפאַרגיסונג. בלייבט נישט דער מאַכט קיין

אנדער ברירה ווי... פֿאַרברענען אים לעבעדיקערהייט. אויב דער זינדיקער בעט מחילה ביי דער קירכע אין דעם לעצטן מאָמענט, ווערט זיין ביטע אָנגענומען און זיין טויט ווערט פֿאַרלייכטערט דערמיט, וואָס ער ווערט פֿריער דערוואָרגן איידער פֿאַרברענט שוין טויטערהייט. די זינדיקע, וואָס עס איז געלונגען צו אַנטלויפֿן, ווערן פֿאַרברענט „אין געשטאַלט". די וואָס זענען געשטאָרבן פֿאַר דער צייט פֿון פּראָצעס, אָדער זייער חטא איז אַנטדעקט געוואָרן נאָך זייער טויט, ווערן זייערע ביינער ארויסגענומען פֿון קבר און פֿאַרברענט אויפֿן שייטערהויפֿן.

דאָס אַלץ ווערט איינגעטונקען אין קדושה. דער טריבונאַל פֿון דער אינקוויזיציע רופֿט זיך „סאַנטאַ אָפּיסיאָ", דער הייליקער אַמט. די צערעמאָניע פֿון פּאַרלייענען די טויט־אורטיילן און ארויפֿלייגן די שטראָפֿן אויף די, וואָס בלייבן לעבן, ווערט גערופֿן „אויטאָ דע פֿע", צײַכן פֿון גלויבן, און קומט פֿאָר מיטן גרעסטן פּאַראַד אין דער עפֿנטלעכער „פּלאַזאַ" פֿון שטאָט, אָפֿט ביי דער אָנוועזנהייט פֿון מלך, פֿון זיין הויף, נאָבליליט, קירכע־דיגניטאַרן און דעם פֿאָלק. אָבער דאָס פֿאַרברענען קומט פֿאָר אויסער דער שטאָט, אויף אַ פּלאַץ, וואָס האָט זיך גערופֿן „על קעמאַדעראָ", דאָס שריפֿה־פּלאַץ, ווו דער שייטערהויפֿן ווערט צעלייגט, און נישט איין מלכה, אָדער אַנדערע הויכגעשטעלטע איידעלע דאַמע, האָט מיט אירע דעליקאַטע הענט צוגעטראָגן דעם שטורקאַץ, וואָס האָט אָנגעצונדן דעם שייטער, וועלכעס איז גערעכנט געוואָרן פֿאַר אַ גרויסער מצוה. די פֿאַרמעגנס פֿון די זינדיקע ווערן קאָנפֿיסקירט פֿאַר דער אינקוויזיציע און דער מלוכה, און דאָס איז אויך אַ גאָר וויכטיקער ענין...

די פֿאָרגייער פֿון טאָמאַס דע טאָרקוועמאַדאַ האָבן ביי אים אויסגעכאַפּט די פּריווילעגיע צו דורכפֿירן דעם ערשטן אויטאָ־דע־פֿע. דער ערשטער שייטער־הויפֿן איז צעלייגט געוואָרן אין סעווילִיע. דעם זעקסטן פֿעברואַר 1481, זעקס מאַראַנען זענען פֿאַרברענט געוואָרן, צווישן זיי אויך פֿרויען. טאָרקוועמאַדאַ. אָבער. האָט צעצונדן די שייטערהויפֿנס פֿון אויטאָ דע פֿע איבער גאַנץ קאַסטיליע. אין אַראַגאָן איז עס געגאַנגען אַ ביסל שווערער. די אינקוויזיציע פֿון סאַראַגאָסאַ, מיט פּעדראָ אַרבועץ בראָש, האָט טאַקע אָפּגעריכט דעם ערשטן אויטאָ דע פֿע אין יאָר 1484, אָבער די מאַראַנען האָבן געמאַכט אַ פֿאַרשווערונג קעגן דעם לעבן פֿון הויפּט־אינקוויזיטאָר און אַרבועץ איז דערהרגעט געוואָרן אין אַ פֿרימאָרגן פֿון 1485, ווען ער איז אריינגעקומען אין קלויסטער מתפּלל זיין. די אינקוויזיציע פֿון באַרצעלאָנאַ האָט פֿאַר זעקס יאָר, פֿון 1886 ביז 1892, פֿאַרברענטקוים אַרום פֿופֿציק מענטשן. דער פֿאַל אַרבועץ האָט געווירקט אויף אָפּצושוואַכן דעם פֿלייס פֿון די אינקוויזיטאָרן.

געוויסע מאַראַנען פֿלעגן אָפֿט אָפּענטפֿערן דעם אינקוויזיציע־טריבונאַל מיט עכט־יידישער טראָציקייט. אַזוי למשל האָט בעניטאָ גאַרסיאַ, געכאַפּט אַלס מאַראַן אין 1490, געענטפֿערט דעם טריבונאַל מיט אַ פֿולער ווידוי, אַז ער האָט חרטה וואָס ער

האָט זיך געשמדט, אַז ער איז און בלייבט אַ ייד, און האָט פאַרענדיקט זיין ווידוי מיט פאָלגנדע ווערטער: „די יסורים, וואָס איך ליַיד, בין איך מקבל באהבה, ווייל איך האָב זיי כשר פאַרדינט. עס איז אַ שטראָף פון גאָט פאַר דעם וואָס איך האָב אַמאָל פאַרשאַפט צער מיין פאָטער מיטן שמדן זיך און מיטן אָפּשמדן מיינע קינדער. איך האָב איצט נאָר איין פאַרלאַנג: מיינע קינדער זאָלן אַוועק פון דער פאַרפלוכטער סעקטע און ווערן צוריק יידן. און אויב איך וועל זוכה זיין אַרויס פון געפענגעניש, וועל איך אַוועק קיין ארץ ישראל און אויך צורעדן אַנדערע זיי זאָלן אַזוי טאָן". גאַרסיאַ האָט מקדש השם געווען אויפן שייטערהויפן פון אויטאָ דע פע אין 1491.

די קירכע האָט איינגעזען, אַז עס לאָזט זיך ווייניק טאָן מיט די קינדער פון דעם האַרטנעקיקן פאָלק. אָבער די פירער פון דער אינקוויזיציע האָבן געדרונגען, אַז דאָס עקשנות פון די מאַראַנען ווערט אין זיי געשטאַרקט דורך די יידן, וואָס זענען נאָך פאַרבליבן אין שפּאַניע און אויף וועלכע די אינקוויזיציע האָט קיין שליטה נישט געהאַט. אויף צו ראַטעווען די נשמות פון די אָפּטריניקע מאַראַנען פון די אייביקע פייערן פון גיהנום מוז מען זיי אָפּזונדערן פון די יידן, און דערצו איז דאָ נאָר איין מיטל: אַרויסטרייבן די יידן פון שפּאַניע.

כל זמן די מוסולמענער זענען נאָך געווען אויפן איבערישן האַלבאינדזל איז אַזאַ גירוש פון יידן געווען צו געפערלעך. יידן וואָלטן זיך געקאָנט אַריבערכאַפּן אין דעם מוסולמענישן טייל פון שפּאַניע און העלפן די מאַכמעדאַנער אין זייער קאַמף מיט די קריסטן. אָבער שוין פון יאָרן, אַז די פאַראייניקטע כוחות פון קאַסטיליע און אַראַגאָן האָבן געפירט דעם לעצטן קאַמף קעגן דער קליינער מוסלימישער מלוכה פון גראַנאַדאַ, וואָס האָט זיך נאָך דערהאַלטן ביי די דרומדיקע ברעגן פון פירענעאישן האַלב־אינדזל. אין 1487 פאַלט מאַלאַגאַ און אין 1491 קאַפּיטולירט אויך די הויפּט־שטאָט גראַנאַדאַ. דעם 2טן יאַנואַר פון 1492 קומען אַריין איזאַבעל און פערדינאַנד מיט טריומף אין די טויערן פון דער לעצטער מאַכמעדאַנישער שטאָט. די הערשאַפט פון די מוסולמענער, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין יאָר 711, ס'הייסט מיט 781 יאָר צוריק, איז דעפיניטיוו פאַרענדיקט, דער קרייץ הערשט פון איין ברעג צום צווייטן פון האַלב־אינדזל. דעמאָלט נעמט מען ערנסט טראַכטן וועגן אַרויסטרייבן די יידן, בכדי דאָס לאַנד וואָס איז שוין פאַראייניקט פּאָליטיש, זאָל אויך בלייבן איינהייטלעך אין רע־ליגיעזן זין.

110טע לעקציע

די גירושים פון איבערישן האַלב־אינזל

(1492 ־ 1497)

די יידן קעמפן מיט די לעצטע כוחות קעגן דער שווידערלעכער גזירה פון גירוש. זיי זענען צוגעבונדן מיט לייב און לעבן צום לאַנד, וווּ זייערע אָבות האָבן געלעבט העכער צוויי טויזנט יאָר. און וווּהין זאָל גיין אַזאַ עדה? דער אָפיציעלער רב און צינזן־פּאַכטער פון קאַסטיליע אברהם סעניאָר, געשטיצט פון דעם פינאַנץ־מיניסטער ר׳ יצחק אַברבנאַל קעמפן מיטן וואָרט פון איבערצייגונג און מיט געלט פון „מתנות" קעגן דעם גירוש־דעקרעט. דריי חדשים דויערט די מלחמה, אָבער דער גרויס־אינקוויזיטאָר טאָמאַס טאָרקוועמאַדאַ, וואָס איז אויך געווען דער גלח פון איזאַבעל, איז גובר אַלע יידישע אַרגומענטן. דעם 3טן מערץ ווערט אונטערגעשריבן דער דעקרעט, לויט וועלכן די יידן, וואָס וועלן נישט אָננעמען דעם קריסטלעכן גלויבן ביזן 2טן אויגוסט 1492, מוזן פאַרלאָזן אויף אַלע אייביקייטן דאָס לאַנד. זיי טאָרן נישט מיטנעמען מיט זיך קיין געלט, גאָלד, זילבער, ווען אפילו דער דעקרעט זאָגט היפּאָקריטיש, אַז ביזן סוף יולי ווערט יידן גאַראַנטירט זייער לעבן און פאַרמעגן, „זיי זאָלן קאָנען לעבן רואיק און פאַרקויפן אָדער אויסבייטן זייער פאַרמעגן פריי אָן שטערונגען" . . .

אַ קליינע צאָל יידן, בעיקר פון די פּריווילעגירטע רייכע קרייזן האָבן נישט געקאָנט ביישטיין דעם נסיון און זענען געגאַנגען צום שמד, צווישן זיי דער אָפיציעלער הויף־רב אברהם סעניאָר מיט זיין גאַנצער פאַמיליע. אָבער דער רוב מנין ובנין פון דעם ספרדישן יידנטום באַשליסט צו גיין אין גלות. דער עלטסטער פון די לאַנדרבנים, ר׳ יצחק אַבוהב פון טאָלעדאָ, איז אָפּגעפאָרן מיט אַ דעלעגאַציע פון דרייסיק חשובים קיין פּאָרטוגאַל, צו פירן אונטערהאַנדלונגען מיט דער דאָרטיקער רעגירונג וועגן אַ דערווייליקן אַזיל פאַר די פאַרטריבענע. בראש פון דעם קבוץ אין שפּאַניע בלייבט ר׳ יצחק אַברבנאַל, וועלכער זעצט פאָר ביזן לעצטן מאָמענט די באַמיאונגען פאַר צוריקרופן די גזירה. אַלץ איז אָבער אומזיסט, און דעם 2טן אויגוסט 1492, אין איינעם פון די ניין טרויער־טעג פון חודש אָב האָבן אַרום אַ פערטל מיליאָן יידן פאַרלאָזט שפּאַניע אויף אַלע אייביקייטן. אַרום אַ העלפט פון די פאַרטריבענע איז אַוועק קיין פּאָרטוגאַל. אַ קליינע גרופּע אין דער צו שפּאַניע שכנישער מלוכה פון נאַוואַראַ, די

רעשט האָבן זיך געלאָזט זוכן א מקום מנוחה קיין מאַראָקאָ, איטאַליע און טערקיי. עס האָט זיך אָנגעהויבן א שווידערלעכע אָדיסעע פון לײדן, הונגער, עפּידעמיעס, פֿאַר־פֿאָלגונגען. האַרצלאָזע פּיראַטן־קאַפּיטאַנען פֿלעגן ארויפנעמען די פּליטים אויף זייערע שיפֿן נאָר בכדי צו באַרויבן זיי און דערנאָך אַריינוואַרפן אין ים, אָדער פֿאַרפירן אויף קליינע נישט־באַזעצטע אינדזלען פון דעם מיטללענדישן ים. די האַלב־ווילדע שבטים פון ים־ברעג פון מאַראָקאָ האָבן געמאָרדעט און גערויבט אָן קיין שום איינזען. עס איז איינס פון די שווידערלעכסטע קאַפּיטלען פון דער יידישער מאַרטירער־געשיכטע אין אייראָפּע. אין די זעלביקע טעג, וואָס יידן האָבן פֿאַרלאָזט שפּאַניע, האָט זיך אַרויסגעלאָזט פון שפּאַנישן פּאָרט פּאַלאָס א קליינע פֿלאָטע פון דריי נישט גרויסע שיפֿן, אָנגעפירט פון א גענועזער ים־פֿאָרער קריסטאָבאַל קאָלאָן, אויף צו זוכן א נייעם ים־וועג קיין אינדיע, און וועט דעם 12טן אָקטאָבער פון 1492 (הושענא רבה) אַנט־דעקן א נייעם קאָנטינענט, אמעריקע, וואָס וועט מיט דער צייט ווערן א מקום מקלט פאַר א גרויסן טייל פון פֿאָלק ישראל. יידן און מאַראַנען האָבן פיל מיטגעהאָלפֿן צו אויסריכטן די עקספּעדיציע. צווישן אירע אָנפֿירער און מאַנשאַפֿט זענען געווען היפּש יידן. דער מאַטראָז, וואָס האָט דער ערשטער דערזען לאַנד, איז געווען דער מאַראַן ראָדריגאָ דע טריאַנאַ, און דער מאַטראָז, וואָס האָט דער ערשטער באַטראָטן אַמערי־קאַנער באָדן אויפֿן צו ערשט אַנטדעקטן אינדזל גואַמיני (איצט סאַנטאָ־דאָמינגאָ) איז געווען דער מאַראַן לואיס דע טאָררעס, דער איבערזעצער, וואָס האָט זיך געווענדט צו די אינדיאַנער אין העברעאיש.

די יידן, וואָס זענען אוועק קיין פּאָרטוגאַל, ווו דער יידישער ישוב איז שנעל געוואָקסן זינט דעם צוואַנג־שמד אין שפּאַניע אין 1391, און ווו יידן האָבן זיך געפֿילט אַזוי זיכער און רואיק, אַז זיי זענען געווען פון די ערשטע איינצואָרדענען א יידישע דרוקעריי, האָבן סוף כל סוף נישט אויסגעמיטן זייער ביטערן שיקזאַל. זיי זענען אַריינ־געלאָזט געוואָרן קיין פּאָרטוגאַל בלויז פּראָוויזאָריש. חוץ א קליינער גרופּע רייכע באַנ־קירן און געווער־פאַבריקאַנטן, וואָס האָבן באַקומען שטענדיקן וווינרעכט, האָבן די פּליטים געדאַרפֿט פֿאַרלאָזן דאָס לאַנד אין משך פון אַכט חדשים. פֿאַר דער טובה האָבן זיי באַדאַרפֿט איינצאָלן דעם מלך חסד יאָהאַן דעם 2טן פון אַכט ביז הונדערט גאָלד־מטבעות פאַר א נפש. דער מלך האָט זיך אויך פֿאַרפּליכטעט צוצושטעלן זיי שיפֿן פאַר זייער אויסוואַנדערן אין אַנדערע מדינות, אָבער ווּהין צו פֿאָרן ווייטער איז נישט געווען. אין 1493 איז צווישן די פּליטים אויסגעבראָכן אַן עפּידעמיע, און קיין לאַנד האָט נישט געוואָלט אַריינלאָזן די פּליטים, אויס מורא פאַר דער פֿאַר־שפּרייטונג פון דער עפּידעמיע. די וואָס האָבן זיך יאָ אַרויסגעראַטעוועט אויף שיפֿן, זענען ס'רוב אומגעקומען אויפֿן וועג פון קראַנקהייטן, אָדער אומגעבראַכט געוואָרן פון חיות און פון חיות אין מענטשן־געשטאַלט. א גרויסע טייל פון די פּליטים איז אויף ווייטער פֿאַרבליבן אין פּאָרטוגאַל, עס איז נישט געווען ווּהין ווייטער צו גיין, און זיי זענען דערקלערט געוואָרן פאַר לייב־אייגענע פון מלך.

אין 1495 איז דער מלך יאָהאַן דער צווייטער געשטאָרבן און אויפן פּאָרטו־געזישן טראָן איז אַרויף זיין פּלימעניק מאַנועל דער צווייטער, וועלכער האָט זיך לכתחילה געוויזן מילד צו יידן. אונטער דער השפּעה פון דעם אַסטראָנאָם און הויף־אַסטראָלאָג ר׳ אברהם זאַקוטאָ, האָט ער אַפילו באַפרייט די יידן פון דער קנעכטשאַפט, וואָס איז אויף זיי אויסגערופן געוואָרן. אָבער מאַנועל האָט זיך געשדכנט צו דער טאָכטער פון פערדינאַנד און איזאַבעל פון שפּאַניע און זיי האָבן אויסגענומען אַ תנאי, אַז ביז זייער טאָכטער וועט קומען קיין פּאָרטוגאַל, זאָל דאָס לאַנד זיין יידנריין. מאַנועל האָט אָבער געוואָלט האַלטן דעם שטעקן ביי ביידע עקן. ער האָט געוואָלט אי חתונה האָבן פאַר דער שפּאַנישער פּרינצעסין, אי בלייבן ביי די יידן, וועמענס נוצן פאַר זיין מלוכה ער האָט זייער געשעצט. ער האָט זיך גענומען קליגלען, ווי אַזוי פירט מען עס דורך. דעם 25סטן דעצעמבער פון 1496 ווערט דעקרעטירט, אַז אַלע יידן מוזן פאַרלאָזן פּאָרטוגאַל ביז אָקטאָבער 1497. אָבער דעם 19טן מערץ פון 1497 ווערן אויף געוואַלד אָפּגעשמדט אַלע יידישע קינדער פון 4 ביז 20 יאָר. עס האָבן זיך אָפּגע־שפּילט טיף דראַמאַטישע סצענעס. פיל עלטערן זענען באַגאַנגען זעלבסטמאָרד, אליין אָדער צוזאַמען מיט די קינדער. דאָך האָט זיך אַ באַדייטנדיקע צאָל יידן געלאָזט שמדן, בכדי נישט צעשיידן זיך מיט די קינדער. די נייע מאַראַנען איז דעם 30סטן מאַי געגעבן געוואָרן אַ צוזאָג, אַז אויף אַ משך פון צוואַנציק יאָר זענען זיי פריי פון דער השגחה פון דער אינקוויזיציע. האַרבסט 1497 האָבן זיך צוואַנציק טויזנט יידן פאַר־זאַמלט אין פּאָרט פון ליסאַבאָן, גרייט צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. אָבער אונטער פאַר־שידענע אויסריידן זענען זיי דאָרט פאַרהאַלטן געוואָרן, ביז דער לעצטער טערמין צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד (אָקטאָבער 1497) איז אָפּגעלאָפן, און דער מלך האָט זיך געפּו־נען באַרעכטיקט זיי אַלעמען אויף געוואַלד אָפּצושמדן.

אַנשטאָט אַ יידנפראַגע, האָט זיך פּאָרטוגאַל געשאַפן אַ מאַראַנען־פּראָבלעם, וואָס וועט זיין אַקטועל אין אַ משך פון צוויי הונדערט יאָר און מער. נאָך אין 1920 האָט דער יידישער אינזשיניער פון פּוילן, שמואל שוואַרץ, אַנטדעקט אין דער פּאָרטו־געזישער פּראָווינץ טראַס־אָסמאָנטיס אָפּשטאַמער פון מאַראַנען, וואָס האָבן געדענקט זייער יידישן מקור און געהאַלטן זיך ביי אַ רייע פון יידישקייט פאַרקריפּלטע מנהגים.

די יידן, וואָס זענען אַנטלאָפן קיין נאַוואַרע, האָבן אויך געמוזט פאַרלאָזן דאָס קליינע קעניגטום, ווען עס איז אָנגעשלאָסן געוואָרן אין שפּאַניע (1497). אַ טייל פון די פּליטים האָט זיך אויסגעשמדט, און נאָך אין זעכצנטן יאָרהונדערט זענען גע־ווען מאַראַנען אין דער שטאָט טודעלאַ. דער איבעריגער האַלבאינדזל איז געבליבן יידנריין. דער גייסטיקער צענטער פון די ספרדים אין מערב־אייראָפּע, וואָס האָט עק־זיסטירט העכער פינף הונדערט יאָר (פון אַרום 960), איז צעשטערט געוואָרן, אָבער די ספרדים וועלן אינגיכן שאַפן אַ צווייטן גייסטיקן צענטער אויף מזרח, בעיקר אין טערקיי, וווּ אַ סך פּליטים און מאַראַנען האָבן געקראָגן אַ מקום מקלט.

111טע לעקציע

אונטערן שוץ-מאַנטל פון הייליקן פּעטרוס

די לאַגע פון די יידן אין איטאַליע איז אין משך פון דער צייט צווישן דער שוואַרצער מגפה און צוואַנג־שמד אין פּאָרטוגאַל (1497-1350) געווען פאַרשידן. אי־טאַליע האָט דאַן נישט עקזיסטירט ווי אַ פּאָליטישע איינהייט, נאָר בלויז ווי אַ געאָ־גראַפישער אויסדרוק. דער האַלבאינדזל און די צו אים נאָענטע סיציליע זענען דאַן געווען צעבראָקלט צווישן אַ סך שטאַטן. אין רוים און אַ טייל פון צענטראַל־איטאַליע האָבן געהערשט די פּויפּסטן. אויפן צפון האָבן עקזיסטירט די פרייע שטעט ווענעציע און גענואַ, זעלבסטשטענדיקע האַנדלס רעפּובליקן. אויף צפון און אין צענטער האָבן זיך געפונען אַ רייע זעלבסטשטענדיקע פירשטנטומס: פלאָרענץ, פערראַראַ, מילאַן, פּאַרמאַ. אויף דרום זענען געווען די קעניגרייכן פון נעאַפּאָל און סיציליע. די לאַגע פון די יידן איז געווען פאַרשידן אין יעדער איינער פון די דאָזיקע הערשאַפטן און איז געווען אָפּהענגיק פון דער פּאָליטיק, אינטערעסן, נייגונגען און אַפילו שטימונגען פון יעדן הערשער באַזונדער. פון דעם פלאָנטער לאָזט זיך אָבער אַרויסנעמען קלאָר אייניקע אַלגעמיינע שטריכן, וואָס מיר וועלן דאָ פאַרצייכענען.

אין משך פון לאַנגע יאָרן איז איטאַליע געווען אין דער אָדער יענער פון אירע לאָקאַלע הערשאַפטן און בעיקר אין רוים אַ מקום מקלט פאַר יידישע פּליטים, מיטן אויסנאַם פון גענואַ, וווּהין מען האָט קיין יידן נישט אַריינגעלאָזט. אַרויסגעטריבענע פון פראַנקרייך, קרבנות פון דער שחיטה אלכ פועל יוצא פון דער שוואַרצער פעסט, געראַטעוועטע פון דעם צוואַנג־שמד אין שפּאַניע אין 1391, לעבנגעבליבענע פון די שחיטות, אָרגאַניזירט פון יאָהאַן קאַפּיסטראַנאָ, האָבן זיך טיילווייז געראַטעוועט קיין איטאַליע און זענען אויפגענומען געוואָרן אין די פאַרשידענע טיילן פון האַלבאינדזל.

די פּויפּסטן האָבן זיך ס׳רוב געהאַלטן טאָלעראַנט צו יידן, אין הסכם מיט דער פאָרמול פון גרעגואַר דעם גרויסן (604-590), אַז יידן טאָרן נישט זיין גלייכבאַ־רעכטיקט, מען דאַרף זיי דערנידעריקן, אָבער נישט פאַרפאָלגן. אין רוים האָבן יידן געוווינט מערסטנטייל אין זייער אייגענעם געגנט פון די אור־אַלטע צייטן, אויפן ני־דעריקן, רעכטן ברעג פון טייך טיבער, „טראַנסטעווערע”.

יידן האָבן באַדאַרפט טראָגן אַ צייכן אויף זייערע קליידער. אייניקע יידן, בעיקר די דאָקטוירים, ביי וועלכע דער רוב פון די פּויפּסטן האָבן זיך געהיילט, פלעגן

באפרייט ווערן פון שאנד־צייכן. ביי דער קרוינונג פון א נייעם פויפסט פלעגן אים די יידן באגריסן, אונטערטראָגן א ספר־תורה מיט א פיינער „מתנה" דערצו. לויט דער איינגעשטעלטער טראדיציע האָט דער פויפסט געדארפט באשטעטיקן אלע זייערע אלטע פריווילעגיעס, דערביי פלעגט ער שוין אריינוואַרפן א וואָרט וועגן דער יידישער עקשנות פון האלטן זיך ביים אלטן טעסטאמענט, וואָס איז דאָך, כידוע, פארביטן געוואָרן אויף א נייעם, און דערצו טייטשן זיי נישט־ריכטיק אויס די ווערטער פון דער תורה...

אין די צייטן ווען די פויפסטן האָבן געלעבט אין אוויניאָן, ווי אויך בשעת דער גרויסער קאטוילישער מחלוקת, 1378־1417, האָבן די יידן פון רוים היפש גע־ליטן פון די רייסערייען צווישן די לאָקאלע מאכטהאָבער. ז'ער פויפסט מארטין דער פינפטער, וואָס איז באשטימט געוואָרן אלס איינציקער הויפט פון דער קירכע נאָכן ליקווידירן דאָס מחלוקת אויפן בישאָפן־צוזאמענפאָר אין קאָנסטאנץ, האָט א ביסל פארבעסערט די יידישע לאגע. אָבער יענע דער פערטער מאכט ווידער פארשידענע גזירות אויף יידן, וואָס זיי קויפן אוים מיט א צוגאָב־אָפּצאָל פון 1130 גאָלד־דוקאטן יערלעך. ניקאָליי דער פינפטער (1447־1455) גיט אויך ארוים באגרעניצונגען אויף יידן, אָבער ער ווארפט אָפּ דעם פאָרשלאָג פון פאנאטישן פראנציסקאנער יאָהאן קאַ־פיסטראַנאָ ארויפצוזעצן אלע יידן פון רוים אויף א שיף און פארשיקן זיי ערגעץ מעבר לים. אינאָקענטי דער אכטער (1484־1492) האָט ארויסגעגעבן א רייע גזירות, אָבער בלויז קעגן די מאראנען, יידן האָט ער כמעט נישט באלעסטיקט.

פון די צוויי האנדלס־רעפובליקן האָט גענוא כלל נישט אריינגעלאָזט קיין יידן. ווענעציע האָט עס אָבער יאָ געטאָן, ווייל זי האָט נויטיק געהאט זייערע קאַ־פיטאלן, בעיקר פאר קלענערע הלוואות צו די אָרעמערע שיכטן פון שטאָט. יידן זענען אין ווענעציע באטראכט געוואָרן נאָר ווי צייטווייליקע איינוווינער. יעדע צען יאָר בערך האָבן זיי געדארפט שליסן מיטן סענאט פון דער רעפובליק א שריפטלעכן אָפּמאך, און די תנאים פלעגן מערסטנטייל פארערגערט ווערן פון איין אָפּמאך צום צווייטן. יידן האָבן נישט געטאָרט פארנעמען קיין עפנטלעכע שטעלעס און זיך אָפּ־געבן מיט פרייע פראָפעסיעס, אפילו נישט מיט מעדיצין. ווען אין 1405 איז די אוניווערזיטעט־שטאָט פאדוא איינגענומען געוואָרן פון ווענעציע, האָט זיך די לאגע פון די יידן, וואָס האָבן דאָרט געוווינט אין עטוואָס בעסערע באדינגונגען, אויסגעַ־גלייכט מיט דער לאגע פון זייערע ברידער אין ווענעציע. בעסער האָט זיך שוין גע־לעבט די יידן אין די פארשידענע פירשטנטומס אין פערראַראַ אונטער דער עסטע־דינאסטיע, און פארמא אונטער די ספאָרצאַ; אין פלאָרענץ און אין פיזאַ, ווו די לאגע איז לכתחילה געווען ענלעך אויף דער סיטואציע אין ווענעציע, האָט זי זיך פיל געבעסערט, נאָכדעם ווי די שטעט זענען ארונטערגעפאלן אונטער דער הערשאפט פון דער דינאסטיע מעדיטשי.

אין דער צווייטער העלפט פון פופצנטן יאָרהונדערט שטאַרקט זיך אין גאַנץ איטאַליע די פּראָפּאַגאַנדע פון די מאָנאַכן. שוין דער פראַנציסקאַנער בערנאַרדין דע סיענע פּריידיקט אין אַ משך פון 40 יאָר אַ מין קריסטלעכן סאָציאַליזם וועגן דער שעדלעכקייט פון קאַפּיטאַל־קאָנצענטראַציע אין ווייניקע הענט, און נאָך מער, ווען די הענט זענען יידישע. ווען ער שטאַרבט אין 1444, נעמט איבער די מיסיע אַ צווייטער בערנאַרדינאָ, דע פעלטרע, וועלכער פּועלט שוין, אַז מען זאָל יידן אַרויסטרייבן פון אַ רייע שטעט, און אינסצענירט אַפילו אַן עלילת דם אין דער שטאָט טרענטאָ.

דעם ערשטן טאָג פּסח, דעם 23סטן מערץ פון 1475, איז אין טרענטאָ פאַרשווּנדן געוואָרן אַ דריי יאָריק קריסטלעך קינד מיטן נאָמען סימאָן. ווען מען האָט געפונען זיין טויטן קערפּער אונטערגעוואָרפן נעבן אַ יידישן הויף, האָט מען אַרעסטירט זיבן פון די חשובסטע יידן פון דער קהילה. ווען די אַרעסטירטע זענען צוגעקומען נאָענט צום קערפּער פון דערמאָרדעטן קינד, האָט געטראָפן אַ „נס", די וווּנדן האָבן אָנגעהויבן טריפן בלוט, וואָס איז אויסגעטייטשט געוואָרן ווי אַ באַווייז, אַז זיי זענען טאַקע די מערדער. מען האָט אַרעסטירט נאָך אייניקע יידן, דורכגעפירט אַ פּראָצעס פון באַשולדיקונג אין באַנוצן בלוט, און זעקס פון די אַרעסטירטע זענען פאַרברענט געוואָרן לעבעדיקערהייט אין מאָנאַט יוני. צוויי האָבן זיך געשמדט, און דערפאַר האָט מען זיי געטאָן דעם חסד פון טויטן דורך אָפּהאַקן דעם קאָפּ, און איינער, אַ זקן פון אכציק יאָר, ר' משה, איז געפונען געוואָרן טויט אין טורמע, האָט מען פאַרברענט זיין טויטן קערפּער. דער פּויפּסט סיקסטוס דער פערטער האָט געשיקט אַ בישאָף צו מאַכן אַן אויספאָרשונג, און ער האָט פעסטגעשטעלט, אַז דאָס קינד איז אונטערגעוואָרפן געוואָרן אַ טויטס. דאָס האָט אָבער נישט געשטערט, אַז נאָך פיר יידן זאָלן פאַרמשפּט ווערן צום טויט און הינגעריכטעט ווערן. יידן זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון טרענטאָ, און דאָס קינד איז מיט הונדערט יאָר שפּעטער קאַנאָניזירט געוואָרן ווי דער „הייליקער סימאָן טרידענטינאָ".

אין סיציליע האָט זיך יידן געלעבט נישט שלעכט אונטער די האָהענשטויפן און די אַנזשו. מיר האָבן שוין געזען ווי אייניקע יידן האָבן פאַרנומען אָנגעזעענע פּאָסטנס ביים הויף פון אימפּעראַטאָר פרידריך דעם צווייטן. ערגער אַ ביסל איז געוואָרן די לאַגע, ווען דער אינדזל איז אַרונטערגעפאַלן אונטער דער קרוין פון אַראַגאָן; דאָך נישט ערגער ווי די אַלגעמיינע לאַגע פון די יידן אין יענער מלוכה. אָבער דער גירוש פון שפּאַניע האָט אויך געטראָפן די יידן פון סיציליע און נעאַפּאָל, וואָס האָבן דאָך געהערט צו דער שפּאַנישער קרוין, צוליב זייער אָנגעהעריקייט צו אַראַגאָן. דרייצן יאָר האָבן זיך די יידן געווערט קעגן דעם גירוש, זיי האָט געשטיצט די אַלגעמיינע איינוווינערשאַפט, וואָס האָט געזען, אַז דער געגנט וועט רואינירט ווערן, אויב די יידן וועלן אים פאַרלאָזן. עס האָט אָבער גאָרנישט געהאָלפן. אין 1505 זענען אויך די יידן פון דרום אַוועק אין גלות, ווי זייערע ספרדישע ברידער פון שפּאַניע.

112טע לעקציע

גייסטיקע שאפונג אין פינצטערע יאָרן

(1350 ־ 1497)

איז עס טאַקע נאָר צום באַוואונדערן ווי אַזוי, נישט קוקנדיק אויף די אַלע רדיפות, גזירות, גירושים און שחיטות וואָס דער גאַנצער יידישער קבוץ אין מערב־אייראָפּע, ספרדים און אשכנזים צוגלייך, האָבן איבערגעלעבט אין די אַנדערהאַלבן יאָרהונדערטער צווישן דער שוואַרצער מגפה און דעם צוואַנג־שמד אין פּאָרטוגאַל, האָט זיך די יידישע גייסטיקע שאַפונג נישט אָפּגעשטעלט. דאָס פאָלק פון גייסטיקייט האָט אויף זיין דערנער־וועג פון מאַרטירערטום פאַרגעזעצט מיט זיין גייסטיק לעבן.

א) די ספרדים.

די גייסטיקע שאַפונג פון די ספרדים אין די דאָזיקע יאָרן איז גאַנץ פאַרשידן ווי אין די פאָריקע יאָרהונדערטער. אונטער אַזעלכע שווערע ליידן ווערט אַנטשוויגן די פּאָעזיע, וואָס באַזינגט די געניסן פון לעבן. אין די נייע באַדינגונגען האָט נישט געקאָנט אויפקומען קיין שמואל הנגיד, שלמה אבן גבירול, משה אבן עזרא, צי יהודה הלוי. דאָך לעבט נאָך אין דעם מוסולמענישן ווינקל פון לאַנד, צום סוף פון פופצנטן יאָרהונדערט, דער פּאָעט סעדיה אבן דאנאן, וואָס שטעלט אָן זיין לירע אויף די אַלטע טענער פון ליבע און געניס, אָבער אירע סטרונעס קלינגען שוין נישט אַזוי הילכיק ווי אין די גוטע אַלטע צייטן.

יידישע דענקער און פירער דאַרפן איצט פירן אַן אָפּוועך־קאַמף קעגן די פון זייערע אַפּטריניקע ברידער, וואָס ווען אפילו זיי האָבן אָנגענומען דאָס קריסטנטום אויס צוואַנג, האָבן זיי אָבער נאָכהער דאָס פאַרטיידיקט און געוואָלט פאַרשפּרייטן צווישן זייערע פאַרעקשנטע געוועזענע גלויבנס גענאָסן, אין דער אויסזיכט צו מאַכן דערפון קאַריערע. מיר האָבן שוין פריער געזען דעם וויכוח אין באַרצעלאָנא מיטן

משומד פאבלאָ כריסטיאַני און די ליטעראַרישע דיסקוסיע צווישן דעם משומד אבנר פון בורגאָס און (אברהם) דע פולגאַר. אין יאָר 1391 קומען צו צו דער מחנה פון משומדים־קאַריעריסטן אַזעלכע פיגורן ווי פּאַאָלאָ דע בורגאָס (שלמה הלוי) און כּע־ראָנימאָ דע סאַנטאַ־פע (יהושע הלורקי), וועלכע פאַראייניקן זיך מיט די פירער פון דער קירכע: בענעדיקטוס דער דרייצנטער און וויסענטע פערערע, אויף צו אָפּשמדן יידן סיי דורך רדיפות, סיי דורך וויכוחים, און פירן דורך דעם וויכוח אין טאָרטאָסאָ (1413-1414). צעוואַקסט זיך אין פופצנטן יאָרהונדערט אַ ברייטע אַלזייטיקע וויכוחים־ליטעראַטור; מען דאַרף דאָך אַריענטירן די קלענערע לומדים און אפילו די פּשוטע יידן, ווען עס קומט אָפּט אויס צו ענטפערן אויף פראַגן און אָנפאַלן פון קריסטן און משומדים. אייניקע פון די מחברים פון די דיסקוסיע־ביכער זענען אליין געווען אַ קורצע צייט מאַראַנען, האָבן אָבער באַוויזן באַצייטנס זיך אַרויסקריגן פון שפּאַניע און צוריקקערן צו דער אמונה פון זייערע אָבות.

איינער פון די דאָזיקע מערקווירדיקע פיגורן איז דער מדקדק יצחק בן משה הלוי, מיטן ליטעראַרישן פּסעוודאָנים „האפודי", אויפן נאָמען פון זיין ווערק „מעשה אפוד", דער ראשי תיבות פון זיין קריסטלעכן נאָמען אַלס מאַראַן „אני פרופיאט דוראן". געצוווּנגען צו שמד, זוכט פּראָפּיאַט דוראַן, צוזאַמען מיט זיינעם אַ חבר דוד באָנעט, צו אַנטלויפן פון שפּאַניע. פּלוצלינג דערהאַלט ער אַ בריוו פון באָנעט, אַז ער האָט דער־האַלטן אַ בריוו פון פּאַאָלאָ דע בורגאָס, אין וועלכן ער האָט אים איבערצייגט אין דער ריכטיקייט פון קריסטלעכן גלויבן און ער בלייבט אַ קריסט. פּראָפּיאַט דוראַן שיקט דאַן זיין געוועזענעם חבר אַ סאַטירע, וואָס הויבט זיך אָן מיט די ווערטער: „אל תהי כאבותיך", זאָלסט נישט זיין ווי דיינע עלטערן, אין וועלכער ער איראָניזירט איבער זיין באַשלוס און איבער דעם נייעם גלויבן, ביי וועלכן ער בלייבט. די סאַטירע איז געשריבן אַזוי געשיקט, אַז לאַנגע יאָרן האָט די קירכלעכע מאַכט געגלויבט, אַז עס איז טאַקע אויפ־ריכטיק געמיינט, אַן אַגרעגונג צו אָננעמען קריסטנטום:

> „זאָלסט ניט זיין ווי דיינע אָבות, וואָס האָבן געגלויבט אין גאָט פון דער איינפאַכער איינציקייט, און האָבן פאַרניינט יעדע מערהייט אין באַצוג צו גאָט: דו גלויב ניט אַזוי; נאָר, אַז איינס איז דריי און דריי איז איינס, וואָס דאָס מויל קאָן קוים אַרויסברענגען און דאָס אויער פאַרנעמען".

דער רב פון מאַיאָרקאַ, ר' שמעון בן צמח דוראַן, וואָס האָט זיך אין 1391 קוים געראַטעוועט דורך אַנטלויפן קיין אַלזשיר, ווו ער איז נאָכן טויט פון זיין רבין יצחק בן ששת (ריב"ש) באַשטימט געוואָרן אַלס הויפּט־רב, ווידמעט אַ גאַנצן קאַ־פּיטל פון זיין חבור „מגן אבות", דער שילד פון די אָבות, דער פראַגע פון קריסטנטום. דאָס קאַפּיטל טראָגט דעם פּילדייטיקן נאָמען „קשת ומגן" (בויגן און שילד), ווו ער־קריטיקירט דאָס קריסטנטום און ווייזט אָן דעם חילוק, וואָס בשעת ישוע פון נצרת האָט דערקלערט, אַז ער איז געקומען בלויז פאַרשטאַרקן די תורה, האָט פּאַאולוס פון טאַרסוס

דערקלערט, אז תורת משה איז גענצלעך אפגעשאפט; הייסט עס, אז די קריסטן גייען נישט אין די וועגן פון דעם, וואס זיי באטראכטן פאר זייער גאטהיים.

דער דאקטאר חיים אבן מוסא גיט איבער זיינע וויכוחים מיט משומדים אין זיין ספר „מגן ורומח", שילד און שפיז, ווו ער ווייזט ארוים פיל סארקאזם. אויף דער פראגע, למשל, פארוואס יידן האבן בלויז איין טעאלאגישן ספר, דעם מורה נבוכים, בשעת דאס קריסטנטום האט פארפאסט א גאנצע טעאלאגישע ליטעראטור, ענטפערט ער, אז עס איז דערפאר, וואס יידנטום איז ניין און ניינציק חלקים געשטיצט אויפן שכל, און פאר די דאגמען וואס דער שכל קאן נישט משיג זיין, און א ייד מוז דאך גלויבן אין זיי, געניגט נישט נאר א בוך, נאר פשוט איין בלעטל מיט די דרייצן עיקרים פון רמב"ם. דאס קריסטנטום האט אבער דאגמען, וואס זענען קעגן שכל און דערפאר מוז ער זיך שטארק אנשטרענגען, זיי צו מאכן אריינדרינגען אין די מוחות.

דער רב שם טוב בן שם טוב, וואס האט איבערגעלעבט די גזירה פון 1391, פירט דעם וויכוח נישט קעגן דעם קריסטנטום, נאר קעגן דער פילאזאפיע, וואס יידן האבן קולטיווירט. ער פארצייכנט, אז: „אין אלע די דורות האבן זיך מערסטנס געשמדט די, וואס האבן זיך אפגעגעבן מיט פילאזאפיע און האבן געהאט אונטערגעגראבן די פונדאמענטן פון זייער אמונה". ער קומט צום אויספיר, אז מען דארף זיך אפגעבן מיט דער מיסטישער קבלה, וואס שטארקט יידישקייט, און פארווארפן די פרייע פארשונג, וואס קאן זי אפשוואכן. דאס האט אבער נישט געשטערט זיין זון יוסף בן שם טוב צו זיין אן אנהענגער פון דעם געדאנק, אז אמונה און פילאזאפיע קאנען לעבן בשלום, און זיין אייניקל שם טוב בן יוסף איז שוין געווען אן עקסטרעמער מיימאניסט און אנטשלאסענער אנהענגער פון פרייען דענקען.

אויך דער דרשן יצחק עראמא קריטיקירט שארף אין זיין חבור „חזות קשה" די פילאזאפישע נייגונגען, ווען אפילו ער גופא באנוצט זיך מיטן פילאזאפישן מעטאד אויף צו אויסטייטשן די פסוקים פון תנ"ך, אין זיין חבור „עקידת יצחק".

דער מקובל משה באטארעל האלט גאר פארקערט, אז די קבלה און די פילאזאפיע זענען ענג פארבונדן, ווי דער פלאם מיט דער קויל. און ווער עס איז נישט בקי אין פילאזאפיע, זאל נישט צוטרעטן צו לערנען קבלה. באטארעל האט זיך געלאזט ארייננציען אין א משיחישער באוועגונג, וואס איז צום סוף פון פופצנטן יארהונדערט אנטשטאנען אין קאסטיליע און האט זיך געשטיצט אויף די פארזאגונגען פון די מיסטישע ספרים מדרש „הקנה" און מדרש „פליאה", וואס האבן פאראויסגעזאגט דאס קומען פון משיח אויפן יאר ר"ן (1490).

אן אייגנארטיקן פילאזאפישן סיסטעם האט אויפגעשטעלט דער דרשן ר' יוסף אלבא (1380-1440), איינער פון די, וואס האבן זיך באטייליקט אין וויכוח אין טארטאסא. אין זיין בוך איבער די עיקרים פון יידישקייט, וואס טראגט טאקע דעם נאמען „עיקרים"

(דאָגמען) האַלט ער, אַז אין גרונד גענומען זענען נישטאָ מער ווי דריי הויפּט־פּרינציפּן אין יעדער ריכטיקער אמונה: גלויבן אין גאָט, אַז אַ תורה איז געגעבן געוואָרן פון הימל, און אַז עס איז דאָ פאַרגיטיקונג און שטראָף פאַר גוטע און שלעכטע מעשים. אָבער די דריי פּרינציפּן גענוגן נישט, מען דאַרף נאָך אויך נאָכפאָלגן די וואָרצלען און די צווייגן, וואָס שטאַמען פון זיי אַרויס, און דאָ אַנטוויקלט ר' יוסף אלבא די גאַנצע האַרציקייט פון דער יידישער תורה, וואָס איז אַ וועגווייזערין פאַרן דרך החיים. געשריבן אין אַ האַרציקן, וואַרעמען טאָן איז דער ספר „העיקרים" געווען, און ביז היינט פאַר־בליבן, איינס פון די באַליבטע יידישע ספרים. אויף אַרויסצונעמען דעם ווינט פון די פליגלען פון די קריסטלעכע טעאָלאָגן, וואָס האָבן אויפגעבויט גאַנצע וועלטן אויפן משיח־גלויבן, דערקלערט ר' יוסף אלבא, אַז די אמונה אין משיחן איז נישט קיין עיקר פון יידישן דת, כאָטש יעדער גוטער ייד איז מחויב צו גלויבן אין דעם. די דאָזיקע שטעלונג האָט אַרויסגערופן אַ געוויסע פאַרביטערונג קעגן אים, בעיקר איז זיך מתרעם אויף אים דאָן יצחק אברבנאל, דער טיפער גלויביקער אין די משיחס טעג, וואָס האָבן, לויט זיינע אויסרעכענונגען, געדאַרפט קומען גאָר אין גיכן.

אָבער אויך אויפן געביט פון ריינער ספּעקולאַטיווער פילאָזאָפיע האָט אין יענע פינצטערע יאָרן געשיינט אין ספּרדישן קבוץ איינער פון די ליכטיקסטע יידישע מוחות. דער רב פון סאַראַגאָסאַ, ר' חסדאי קרשקש, אַ שטרענג־פרומער, אָבער דערצו אַ שאַרפער אַנאַליטישער מוח און געוואַגטער דענקער (1340־1410, בערך).

דאָן חסדאי קרשקש איז אַ קעגנער פון דער פילאָזאָפישער שיטה פון דעם רמב"ם, ווייל זי שטיצט זיך אויפן אַריסטאָטעליזם, אין וועלכן קרשקש האָט אַנטדעקט געוויסע וויכטיקע טעותים. לויט אַריסטאָטעל איז דער אוניווערז אַ באַגרענעצטער שטח, אין צענטער פון וועלכן עס געפינט זיך אונדזער ערד און אַרום איר, אין פעסטגע־שטעלטע ספערן, דרייען זיך זון, לבנה און שטערן. דער כוח, וואָס באַוועגט דאָס אַלץ איז גאָט, און כפי עס איז דאָ נאָר איין אוניווערז, איז פאַרשטענדלעך, אַז גאָט איז אייניציק. אָבער די גאָטהייט פון אַריסטאָטעל איז בלויז אַ כוח, וואָס קאָן נישט געענ־דערט ווערן, קאָן נישט באַאיינפלוסט ווערן, האָט נישט קיין שיכות צום לעבן און רע־גירט דעם סדר העולם לויט איינמאָל און אויף אַלע אייביקייטן פעסטגעשטעלטע גע־זעצן. דער אוניווערז איז פול פאַרנומען מיט מאַטעריע, עטער, ווייל די נאַטור ליידט נישט קיין פוסטקייט.

דאָן חסדאי קרשקש וואַרפט אָפּ מיט טיפן אַנאַליז אייניקע פון די באַהויפּ־טונגען. ער האַלט, אַז דער אוניווערז איז נישט באַגרענעצט, אַז אונדזער ערד איז נישט זיין צענטער. עס זענען פאַראַן מערערע ענלעכע סיסטעמען און פון דעם קאָן מען נישט אַרויסדרינגען די איינציקייט פון גאָט, וואָס איז אַ באַגריף פון „התגלות", אינטואיציע, נישט פון קאַלטן שכל. די נאַטור קאָן יאָ פאַרטראָגן פוסטקייט, אַ געדאַנק, וואָס איז

שבעטער באַשטעטיקט געוואָרן עקספּערימענטאַל דורך דעם באַרימטן איטאַליענער טאָרריטשעללי. איינע פון די איינגעשאַפטן פון דער גאָטהייט איז די אויסשפּרייטונג און אומאויפהערלעכע שאַפונג. וועלטן ווערן צעשטערט, וועלטן ווערן געשאַפן. דער אוני־ווערז איז אין פּראָצעס פון שטענדיקן ווערן. וואָס אַנבאַלאַנגט דער עטיק, האַלט דאָן חסדאי קרשקש, אַז די פרייהייט פון מענטשן צו טאָן גוטס אָדער שלעכטס איז בלויז אַ רעלאַטיווע, נישט קיין אַבסאָלוטע, ווייל די מענטשלעכע האַנדלונגען ווערן באַשטימט פון אַ רייע אויסערלעכע און אינערלעכע סיבות, וואָס זענען פון אים נישט אָפּהענגיק, אָבער ער פון זיי יאָ. וואָס שייך דעם אוראַלטן פּראָבלעם פון ווי אַזוי מאַכן פאַרשטענד־לעך דעם פרייען אויסוואַל אין דער הנהגה פון מענטשן מיט דעם אַלוויסן פון דער גאָטהייט, צוויי באַגריפן פון טיפן ווידערשפּרוך, ווייל אויב דער מענטש איז פריי צו האַנדלען ווי ער וויל, טאָ ווי אַזוי קאָן די גאָטהייט וויסן אין פאָראויס ווי ער וועט האַנדלען; אַלא וואָס דען, גאָט ווייסט פריער ווי דער מענטש וועט האַנדלען, איז דאָך עס אַ פון פאָראויס באַשטימטע זאַך, ווי זשע קאָן דער מענטש געהאַלטן ווערן פאַראַנט־וואָרטלעך פאַר דעם, וואָס איז פאָראויס באַשטימט געוואָרן? אויף צו פאַרענטפערן אָט דעם ווידעראַנאַנד דערקלערט קרשקש, אַז דאָס וויסן פון דער גאָטהייט איז גאָר פון אַן אַנדער עסענץ, ווי דאָס וואָס מיר רופן וויסן ביים מענטשן. דערפאַר קאָנען מיר עס מיט אונדזער מענטשלעכן שכל נישט משיג זיין און מוזן אין דעם געביט אָנקומען צו דער אמונה און קבלת אבות. ווי עס איז צו זען, האָט ר׳ חסדאי קרשקש אַרויסגעבראַכט טעזעס, וואָס זענען היינט אָנגענומענע באַזעס אין דער מאָדערנער פילאָזאָפיע און וויסנשאַפט, פון וועלכער דער רב פון סאַראַגאָסאַ דאַרף באַטראַכט ווערן ווי אַ פאָר־גייער. זיין לאַנדסמאַן, דער באַרימטער ברוך שפּינאָזאַ, וועט מיט צוויי הונדערט יאָר שפּעטער אַרויסברענגען פאַר דער דענקענדיקער וועלט די טעזיסן פון ר׳ חסדאי קרשקש, וואָס ער וועט באַקליידן אין אַ פילאָזאָפישן לבוש און באַלייכטן מיט זיין גאונישן שכל.

ביים אָפּשליסן די מערבדיקע עפּאָכע פון די ספרדים, שטייט די גיגאַנטישע פיגור פון דאָן יצחק אברבנאל, פינאַנץ־מיניסטער פון דריי לענדער, פּאָרטוגאַל, שפּאַניע, נעאַפּאָל; אַ שטרענגער אָרטאָדאָקס, פאַרפאַסער פון אַ גרויסן פּירוש אויף תנ״ך, אַ פּירוש אויף מורה נבוכים, אין וועלכן ער דיסקוטירט שטאַרק מיטן רמב״ם. אַ טיף פילנדיקע נשמה, זעט ר׳ יצחק אברבנאל אין די ליידן פון גירוש די חבלי משיח, אין ער שרייבט אַ רייע חיבורים אויף צו דערמוטיקן די ליידנדיקע, און אָנזאָגן זיי, אַז די גאולה איז גאָר נאָענט: „משמיע ישועה״, „מעיני הישועה״, „ישועות משיחו״. דער משיח־געדאַנק און די משיח־האָפענונג האָבן געשטאַרקט די פּליטים און די אויף גוואַלד געשמדטע און די שווידערלעכע ענויים, אין וועלכע עס איז אונטערגעגאַנגען דער ספרדי־שער צענטער פון מערב־אייראָפּע און וועלן באַאיינפלוסן דאָס יידישע לעבן אין משך פון אַרום דריי הונדערט יאָר.

ב) אשכנזים.

פיל שוואכער איז די גייסטיקע שאפונג פון די אשכנזים פאר דער זעלבער צייט. ווען נישט ווען ווערט פארפאסט א סליחה אדער קינה צו באוויינען די אומגליקן און באַקלאָגן די אומגעקומענע. אבער נאָר איין סליחה, פארפאסט פון אביגדור קאַרא אויף דער שחיטה אין פראַג אין 1389, האָט וועלכן ס׳איז נישט ליטעראַרישן ווערט. אויף דער גזירה פון ווין אין 1421 איז פארפאסט געוואָרן א כראָניק אין יידיש „ווינער גזירה״, רייך אין רירנדיקע שילדערונגען, אבער פון קנאפער היסטאָרישער פערספעקטיוו.

דאָך ווערט דאָס גייסטיקע לעבן נישט אינגאנצן אָפּגעשטאָרבן. אין 1370 פירט איין דער ווינער רב ר׳ מאיר הלוי, א שריפטלעכע באשטעטיקונג פאר דער קאָמפעטענץ פון די קאנדידאטן אויף רבנים (סמיכה), ווי אויך דעם טיטול „מורנו״ פאר די לומדים צווישן די באַלעבאַטים. אייניקע רבנים פארפאסן אפילו באזונדערע ווערק. ר׳ זוסלין פון פראנקפורט פארפאסט א הלכישן ספר „אגודה״, ר׳ שמואל שליטשטאדט פון שטראַסבורג פארפאסט א קאָמפענדיום פון ספר „מרדכי״, ר׳ אברהם קלויזנער, א ספר „מנהגים״, ר׳ יעקב מולין (מהרי״ל) פארפאסט זיין „ספר המנהגים״ וועגן דער גאָטעסדינסט און די שולן. די שווערע צייטן האָבן געפאָדערט פון די רבנים צו פאַרשטאַרקן זייער געזעלשאַפטלעכע טעטיקייט. אויף דעם געביט האָבן זיך אויסגעצייכנט ר׳ ישראל איסערלין, ר׳ ישראל ברונאָ און ר׳ משה מינץ. א באזונדער אָרט פאַרנעמט דער רב יום־טוב ליפּמאַן מילהויזן פון פּראָג. אין 1399 האָט דער משומד פּעטער (פּסח) פאַרמסרט די יידן, אז אין זייערע תפילות שפּאָטן זיי אָפּ פון קריסטנטום. ר׳ יום־טוב ליפּמאַן געלינגט צו צעשטערן די באשולדיקונג און ער פארפאסט זיין ספר „הנצחון״, אויף צו לערנען יידן, וואָס צו ענטפערן אויף די באשולדיקונגען פון שלעכטע קריסטן און משומדים.

113טע לעקציע

אַ וועלט גייט אַוועק, אַ וועלט קומט, משיחיזם בלייבט

(1524 ־ 1492)

פאַר דער גאַנצער צייט פון לאַנגן און פינצטערן גלות האָט דאָס יידישע פאָלק נישט אויפגעגעבן די האָפענונג פון צוריק אויפגעריכט ווערן און האָט קיינמאָל נישט איבערגעריסן זיין בונד מיטן היימאַטס־לאַנד, ארץ ישראל.

אַ גאַנצע רייע דינים האָבן פאַרשווערט פאַר אַ יידן דאָס פאַרלאָזן דאָס הייליקע לאַנד און אַנדערע דינים האָבן פאַרלייכטערט זיין אַריבערקומען פון גלות קיין ארץ ישראל. אפילו אין די שווערסטע צייטן, ווען אונטער שלעכטע אומשטענדן איז אָנגעגאַנגען אַ מאַסן־עמיגראַציע פון ארץ־ישראל קיין חוץ־לארץ, פלעגן זיך געפינען יחידים און גרופעס, וואָס פלעגן זיך פון חוץ־לארץ דורכרייסן אויף צו באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל. אַ סך פון זיי, וואָס האָבן נישט געקאָנט באַווייזן צו טאָן עס ביים לעבן, פלעגן פאַרזאָגן זייערע יורשים איבערצופירן זייערע אַרונות קיין ארץ ישראל. דער דראַנג צו ארץ ישראל איז געווען אַזוי גרויס, אַז אין זעכצנטן יאָרהונדערט פאַרבאָט דער סענאַט פון ווענעציע דעם האַנדלס־פלאָט פון דער רעפּובליק אַריבערצופירן קיין ארץ ישראל סיי לעבעדיקע, סיי טויטע יידן.

דער גלויבן אין משיחן האָט דערהאַלטן די האָפענונגען פון פאָלק אויף נאַציאָנאַלער אויפלעבונג אין דעם לאַנד פון די אבות. יעדע גרעסערע פאָליטישע אויפטרייסלונג אין דער וועלט פלעגט זיך אָפּרופן אין דער יידישער סביבה מיט אַ משיח־באַוועגונג. די רדיפות און שחיטות פלעגן יידן אָפט אויסטייטשן ווי די חבלי משיח, די פיין, וואָס דאָס פאָלק דאַרף איבערטראָגן אַלס לייטערונג פון זיינע זינד, בכדי זוכה צו זיין די גרויסע שעה פון ביאת הגואל, ווען דער ליכטיקער דערלייזער וועט סוף כל סוף דערשיינען.

אין 614 דעראָבערן יידן צוריק ארץ ישראל און שטעלן איין אַן אויטאָנאָמע

רעגירונג אונטער דער אויבערהערשאַפט פון די פּערסער. די דאָזיקע פּאַסירונג ווערט אין געוויסע יידישע ישובים אויסגעטייטשט ווי אַן אָנהויב פון דערלייזונג (אתחלתא דגאולה) און אין עטלעכע יאָר אַרום ציען זיך צוריק קיין ארץ ישראל און באַזעצן זיך אין עבר הירדן די רעשטלעך פון די אומאָפּהענגיקע יידישע שבטים פון אַראַביע, וואָס מאַכמעד האָט באַזיגט נאָך בלוטיקע מלחמות, ווייל זיי האָבן זיך נישט געוואָלט אָנ־שליסן אין דער נייער אמונה, איסלאַם, וואָס ער האָט געגרינדעט און אימפּאָנירט אין אַראַביע אויף כוח.

אין אַכטן יאָרהונדערט, ווען די וועלט פון איסלאַם ווערט אויפגעטרייסלט פון דעם קאַמף צווישן די אָמיאַדן און אַבאַסידן, וואָס קעמפן פאַרן כאַליפאַט, זעען אין דעם געוויסע יידישע גרופּעס אַן אָנזאָג, אַז עס דערנענטערן זיך די משיח־צייטן, און איינס נאָכן אַנדערן אַנטשטייען דריי משיחישע באַוועגונגען.

ווען אין 767 קומט פאָר די שפּאַלטונג צווישן די תנ"ך־יידן (קאַראַאימער) און די תלמוד־יידן (ראַבאַניטן), אַנטשטייט אַן עמיגראַציע פון קאַראַאימער קיין ירושלים, און די ראַבאַניטן טוען נאָך זייער ביישפּיל. דער ישוב אין ארץ ישראל בליט אויף, עס ווערן אויפגעלעבט די אַלטע צענטערן אין ירושלים און טבריה, און עס קומט צו אַן אויפבלי פון יידישן גייסטיקן שאַפן אין לאַנד. עס ווערן געשאַפן די נקודות, דער טראָפּ, און עס ווערן געמאַכט די ערשטע שריט אויפן געביט פון רעליגיעזער פּאָעזיע (פּיוט).

אין אָנפאַנג פון צענטן יאָרהונדערט איז שוין דער ישוב אין ארץ ישראל אַזוי וויכטיק, אַז ער הויבט אויף אַ תביעה צוריק צו באַקומען די העגעמאָניע איבער אַלע יידישע ישובים אויף דער וועלט. די העגעמאָניע האָט זינט דעם אָפּשאַפן פון דער נשיאות אין 425 געהערט צום וויכטיקן יידישן ישוב אין בבל.

דער ערשטער קרייצצוג אין 1098-9 ברענגט אום כמעט דעם גאַנצן יידישן ישוב אין לאַנד. אָבער ווי נאָר די לאַגע הויבט זיך אָן צו נאָרמאַליזירן, הויבן יידן אָן צוריק איינצוּוואַנדערן אין לאַנד, אַפילו אין דעם קאַטוילישן־פּאַנאַטישן לאַטיינישן שטאַט. אין 1141 פאָרט אַוועק קיין ארץ ישראל ר' יהודה הלוי; אַ פאָלקס לעגענדע וויל האָבן, אַז ער איז דאָרט אומגעקומען. אין 1165 קומט קיין ארץ ישראל דער רמב"ם, נאָר ער איז אַוועק פון דאָרט און באַזעצט זיך אין מצרים, אָבער ווען ער שטאַרבט אין 1204, ווערט ער געפירט צו קבורה אין ארץ ישראל, וווּ ער ווערט באַערדיקט נעבן דעם קבר פון ר' שמעון בן יוחאי, ביים דאָרף מירון, נישט ווייט פון צפת. צווישן די יאָרן 1160־1170, באַזוכן ארץ ישראל די יידישע וועלט־רייזנדע בנימין פון טודעלא און פּתחיה פון רעגנסבורג. צווישן די יאָרן 1155־1190 ברעכט אויס אין פּערסיע אַ משיח־באַוועגונג, אָנגעפירט פון אַ געוויסן דוד אַלרואי, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ יידישע אַרמיי, אויף איינצונעמען ארץ ישראל. די פּערסישע רעגירונג האָט געמוזט אָנקומען צו פּאַראַט, אויף צו באַהערשן די באַוועגונג; פאַר גוט געלט נעמט זיך אונטער דער שווער פון דוד אַלראַי צו טויטן דעם יונגן משיח, און די באַוועגונג ווערט באַהערשט.

אן ענלעכע באוועגונג ברעכט אויס עטוואס שפעטער אין תימן. די פירער פון די קהילות ווענדן זיך צום רמב"ם נאך אנווייזונגען, ווי צו האנדלען אין דער אנגע־לעגנהייט, ווען צו זיי איז געקומען א מענטש און דערקלערט זיך פאר משיח. דער רמב"ם שיקט זיי א ספעציעלן בריוו (אגרת תימן), ווו ער גיט זיי די סמנים פון דעם אמתן משיח און ראט זיי נישט צו לאזן זיך פארפירן, אבער דער בריוו ווירקט נישט צו שטארק, ווייל די גאולה־גלוסטונגען זענען צו גרויס. דעם הערשער פון תימן געלינגט צו טויטן דעם משיח און די באוועגונג שטילט זיך איין.

אין 1211 קומט קיין ארץ ישראל א צאלרייכע גרופע פון פראנצויזישע און ענגלישע רבנים. אין 1244, נאכן וויכוח אין פאריז, פארט אוועק קיין ארץ ישראל דער אנפירער פון דער יידישער פארטיידיקונג, הרב ר' יחיאל פון פאריז, און אין יאר 1267, נאכן וויכוח אין בארצעלאנא, פארט אוועק קיין ארץ ישראל דער ראש המדברים פון יידישן צד, ר' משה בן נחמן (רמב"ן), וועלכער הויבט אן צו ארגאניזירן דעם ישוב נאך דער צעטרייסלונג וואס ער האט געליטן פון אן אינוואזיע פון טאטערן, מיט א צוואנציק יאר צוריק. ארום 1286, אין מיטן פון די שווידערלעכסטע רדיפות אין דייטש־לאנד, צעטראגט זיך א קלאנג, אז משיח האט זיך שוין ערגעץ באוויזן, און א גרופע דייטשישע רבנים, מיטן גדול הדור ר' מאיר בן ברוך (מהר"ם) פון רוטענבערג, לאזט זיך אוועק אויפן וועג קיין ארץ ישראל. אין לאמבארדיע ווערט דער מהר"ם פארהאלטן און דער אימפעראטאר רודאלף פארשפארט אים אין תפיסה, ווו ער שטארבט אין 1293. ערשט אין 1307 ווערט זיין טויטער קערפער אויסגעלייזט פון זיסקינד ווימפען און ווערט געבראכט צו קבורה אין ווארמס.

אין יענע צייטן ווערט אויך אנטפלעקט דער ספר הזוהר, וואס וועט ווערן דאס האנטבוך פון די קאבאליסטן און פון די, וואס ווילן מקרב זיין די משיחס צייטן (קץ).

הארט פארן גירוש שפאניע, אין 1488, באזעצט זיך אין ארץ ישראל דער גרויסער איטאליענישער רב ר' עובדיה מברטינורא, דער מחבר פון א פאפולערן פירוש אויף משניות און הויבט אן געהעריק צו ארגאניזירן דעם שוין באדייטנדיקן ישוב, וואס האט זיך צוריקגעקערט קיין ארץ ישראל אין משך פון די דריטהאלבן יארהונדערטער (1240־1488). אין 1500 באזעצט זיך אין צפת ישעיהו סאראגאסי פון סיציליע, און אונטער זיין פירערשאפט בליט אויף א באדייטנדיקער ישוב.

די שווידערלעכע ליידן פון די פארטריבענע פון שפאניע, פון וועלכע עס זענען אומגעקומען ניינציק פראצענט און בלויז איין צענטל בערך האט נאך לאנגע וואגלע־נישן זיך געראטעוועט, זענען פון א סך יידישע דענקער באטראכט געווארן ווי די חבלי משיח, און אלס סימן, אז די גאולה קומט.

אזא שטאטמענערישער מוח ווי דאן יצחק אברבנאל, געוועזענער פינאנץ־מיניסטער אין דריי מדינות, פארטוגאל, שפאניע און נעאפאל, האלט, אז די משיחס צייטן זענען גאר נאענט. ער שרייבט א גאנצע רייע חבורים אונטער די נעמען „משמיע

ישועה", מעיני הישועה", „ישועות משיחו" און רעכנט אויס, אַז משיח דאַרף קומען נישט שפּעטער פון 1531. געוויסע קריסטלעכע טעאָלאָגן זענען איינשטימיק, אַז אַרום דער צייט, דאַרף פאָרקומען די צווייטע דערשיינונג פון קריסטוס (משיח). אָבער דער דער רוימישער מעדיקער, דער ייד באָנעט דע לאַטעס, איז מיט דעם חשבון נישט מסכים. ער האַלט, אַז משיח וועט קומען נישט שפּעטער פון 1505.

עס איז זיך לייכט פאָרצושטעלן ווי אָט די דאָזיקע פאָראויסזאָגונגען וועגן דער אַזוי געגאַרטער גאולה האָבן זיך אָפּגערופן אויף די אויסגעמאַטערטע מוחות פון די נידערגעשלאָגענע יידן. באַווייזט זיך טאַקע אין 1502 אין עסטרייך אַ פאַנטאַסט, דער קאַבאַליסט ר' אָשר לעמלין, וועלכער זאָגט, אַז ער איז געשיקט געוואָרן אָנצוזאָגן די גאולה, וואָס איז שוין גאָר נאָענט. פריער אָבער. מוזן יידן תשובה טאָן דורך תפילה, פאַסטן און צדקה געבן. די רייד פון אָשר לעמלין האָבן אַזוי געווירקט, אַז אַ רב פון וועסטפאַליע האָט באַפוילן, מען זאָל צעברעכן דעם קהלשן אויוון פאַר מצה באַקן, ווייל משיח וועט קומען נאָך פאַר פּסח.

דערווייל זענען פאָרגעקומען פּאַסירונגען אין וועלט־מאַסשטאַב, וואָס האָבן ווי באַשטעטיקט, אַז עס קומען אָן נייע, גרויסע טעג, נישט בלויז פאַרן יידישן פאָלק, נאָר פאַר דער גאַנצער וועלט. אַרום 1515, ווערט שוין קלאָר, אַז דאָס שטיק ערד, וואָס דער גענועזער קריסטאָפאָר קאָלומבוס האָט אַנטדעקט אין 1492, איז נישט דער מערב־ברעג פון אַזיע, נאָר אַ נייער, ביז דאַן אומבאַקאַנטער קאָנטינענט: אַמעריקע. אין 1517 הויבט אָן מאַרטין לוטער זיין רעפאָרם־באַוועגונג, אָן אַמתער רעוואָלט קעגן דער קירכע און איר הויפּט דעם פּויפּסט. אין קריסטנטום הויבט זיך אָן אַ שאַרפער אינערלעכער קאַמף. די מאַכט פון אדום שיינט צו זיין געבראָכן.

אויך אויף דער רעפאָרם־באַוועגונג אין דער קאַטוילישער וועלט האָט יידישקייט אַ באַשטימטע, ווען אפילו אומדירעקטע השפעה. די יידישע לאַגע אין דייטשלאַנד איז דאַן געווען אַזוי שלעכט, ווי שטענדיק אין מיטלאַלטער: בלוט־בלבולים, האָסטיע־שענדונג־אויסטראַכטענישן, וכו'. דער אימפּעראַטאָר מאַקסימיליאַן איז געווען גאַנץ בריטהאַרציק אויף צו פאַרקויפן די שטעט דאָס רעכט פון נישט דולדן קיין יידן, 1507 — שטראַסבורג, 1510 — קאָלמאַר, 1518 — רעגנסבורג. יידן זענען דערדריקט און צעשראָקן און זיי באַשטימען אַ ספּעציעלן מענטשן אַלס שתדלן, וואָס זאָל זיי פאַרטיידיקן פאַר פירשטן, קעניגן און אימפּעראַטאָר, פון די אַלע, וואָס ווילן זיי שלעכטס טאָן. דער דאָזיקער שתדלן, ר' יוסף פון ראָזהיים, וועט שטיין אויף זיין פּאָסטן כמעט פופציק יאָר (1554־1510) און וועט פאַרטיידיקן יידן ווי נאָר עס וועט זיך לאָזן.

צו די אַלע צרות זענען נאָך צוגעקומען די בלבולים אויפן תלמוד פון דעם משומד יאָהאַן פּפעפערקאָרן, אַן עם־האָרץ, וואָס איז אויסגעשלאָסן געוואָרן פון דער געמיינדע פאַר גניבה און האָט אָנגענומען דאָס קריסטנטום. צווישן 1507 און 1509

ווערן אין זיין נאָמען פאַרעפנטלעכט אַ רייע אַנטיסעמיטישע פּאַמפלעטן, צווישן זיי „סודות פון תלמוד". אין 1508 קומט אים צו הילף אַ צווייטער משומד, וויקטאָר פון קאַרבן, אַ רב, וואָס איז געוואָרן אַ גלח, און האָט אין 1508 פאַרעפנטלעכט אַן אַנטי־יידיש ווערק אונטערן נאָמען „דאָס גאָלד־בוך". פּפעפערקאָרן און פאָן־קאַרבן פועלן אויס ביים אימפּעראַטאָר מאַקסימיליאַן, אין אויגוסט 1509, דאָס רעכט צו קאָנפיסקירן יידישע ספרים און פאַרברענען די אַלע, וואָס אַנטהאַלטן אויסדריקן קעגן קריסטנטום. אין סוכות פון 1509 געלינגט אים צו קאָנפיסקירן 168 ספרים אין דער שול פון פראַנקפורט אַם־מיין, אָבער די יידן פּראָטעסטירן און ווענדן זיך צום אימפּעראַטאָר, אַז מען זאָל באַשטימען אַ קאָמיסיע פון פאַכלייט, וואָס זאָל געהעריק רעווידירן די ספרים. אַזאַ קאָמיסיע ווערט באַשטימט, און איינער פון אירע מיטגלידער איז דער באַרימטער הומאַניסט יאָהאַן רייכלין, וואָס קאָן גוט העברעאיש און האָט אַ באַציאונג צו דער שפּראַך און צו דער אויף איר געשאַפענער ליטעראַטור. רייכלין פאַרעפנטלעכט אין 1510 אַ שריפט וועגן דעם „צי עס איז וווילגעפעלן פאַר גאָט און גוט פאַרן קריסטנטום צו פאַרברענען די יידישע ספרים". ער האַלט, אַז אַ סך העברעאישע ספרים זענען נוצלעך אויך פאַר קריסטן; אַז די קבלה־ביכער דאַרפן געשטיצט ווערן, וויל זיי אַנטהאַלטן געדאַנקען נאָענט צום קריסטנטום. וואָס אָנבאַלאַנגט דעם תלמוד, האַלט ער זיך נישט פאַר גענוג מומחה, אָבער ער באַמערקט גלייך, אַז די, וואָס באַשולדיקן דעם תלמוד זענען אויך נישט מער באַהאַוונט פון אים. דאָס איז געווען צום ערשטן מאָל וואָס אַ קריסטלעכער געלערנטער האָט אַזוי גערעדט וועגן יידישע ספרים, אַ צייכן פון די נייע צייטן.

עס ברעכט אויס אַ שטאַרקע מחלוקת אין דער קריסטלעכער וועלט. רייכלין ווערט באַשולדיקט, אַז ער איז אונטערגעקויפט געוואָרן. ער פאַרענטפערט זיך און עס אַנטשטייט אַ גאַנצע פּאַמפלעטן־ליטעראַטור. פּפעפערקאָרן טרעט אַרויס מיט אַ שריפט „האַנדשפּיגל", רייכלין ענטפערט אָפּ מיט אַ שריפט „אויגנשפּיגל", פּפעפערקאָרן שרייבט ווידער זיין „בראַנדשפּיגל". רייכלינס מיינונג ווערט פאַרמשפּט עפנטלעך פאַרברענט צו ווערן. אָבער ער ווענדט זיך צום פּויפּסט און דאָס מחלוקת צווישן די הומאַניסטן און די דאָמיניקאַנער ווערט אַריבערגעטראָגן קיין רוים. עס דערשיינט דאַן אַ פּאַמפלעט „שריפטן פון די פינסטערלינגען", וווּ אין אַ פאָרם פון בריוו־טויש ווערן אויסגעלאַכט די קריסטלעכע פאַנאַטיקער (1515־1517). אָט דער וויכוח איז דער פאָרשפּיל צום אַרויסטריט פון לוטערן. קלאַנגען גייען אַרום, אַז ער איז אַ גר צדק, וואָס וויל די גאַנצע וועלט באַקערן צום יידנטום.

דעם זעלבן יאָר 1517 נעמט איין ארץ ישראל די גרויסמעכטיקע אימפּעריע וווּ די פאַרטריבענע פון שפּאַניע האָבן געפונען אַן אַזיל: טערקיי. יידן הויבן אָן צו עמיגרירן מאַסנווייז אין לאַנד פון די אָבות. צווישן 1519 און 1522 מאַכט מאַגעליאַנעס זיין ערשטע רונד־רייזע אַרום דער וועלט, און דערווייזט בחוש, אַז די ערד איז קיילעכיק.

אויפן וועג אנטדעקט ער א סך נאָך ביז דאַן אומבאַקאַנטע לענדערייען, א צוגאָב צו אַמעריקע. הייסט עס, אַז מען ווייסט טאַקע נישט אויף וואָס פאַרא וועלט מען לעבט, יעדן טאָג קאָן אַרויפשווימען א נײַ לאַנד, אפשר אויך מיט נײַע אומבאַקאַנטע יידן. די מוחות זענען צעהיצט. די משיח־דערוואַרטונגען האַלטן געשפּאַנט די געמיטער. אין א משך פון העכער צוויי הונדערט יאָר וועלן אַנטשטיין משיח־באַוועגונגען פון פאַרשידענעם כּאַראַקטער און אינהאַלט, וואָס וועלן האַלטן די יידישע וועלט אין אומאויפהערלעכער שפּאַנונג און וועלן לסוף אַרײַנוואַרפן די מאַסן אין א יאוש און פאַרוויר־קייט, פון וועלכער עס וועלן זיי אַרויספירן די רענעסאַנס־באַוועגונגען, וואָס וועלן לסוף ברענגען צו דער פולשטענדיקער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק, און באַנײַאונג פון זײַן שטאַטלעכן לעבן.

משיח באַוועגונגען צווישן די יאָרן 1502־1760

1) דער אָנזאָגער פון משיחן	אשר לעמלין	1502
2) פּאָליטישער משיחיזם	דוד ראובני	1524-1532
3) עקסטאַטישער משיחיזם	שלמה מולכו	1528-1532
4) אינסטיטוציאָנעלער משיחיזם	יעקב בי רב	1538-1541
5) פּראַקטישער משיחיזם	דאָן יוסף נשיא	1564-1570
6) קאַבאַליסטישער משיחיזם	דער אר"י	1569-1572
7) דיפּלאָמאַטישער משיחיזם	מנשה בן ישראל	1655
8) דאָס יאָר פון משיחן		1648
8) מיסטישער משיחיזם	שבתי צבי	1665-1666
10) אוואַנטוריסטישער משיחיזם	יעקב פראַנק	1755-1760

114 לעקציע

מיטן כוח פון שווערד: דוד ראובני

(1524 - 1532)

אין פעברואר פון 1524 שטייגט אויס אין פּאָרט פון ווענעציע אַ זאָנדערבאַרער יידישער רייזנדער. אַ קליינגעוויקסיקער, אַ מאָגערער, אַ שוואַרצהויטיקער, רעדט בלויז העברעאיש, דאַוונט און פּאַסט אַ סך. דער קאַפּיטאַן פון דער שיף, וואָס האָט אים געבראַכט, שטעלט אים אין פאַרבינדונג מיט דער יידישער געמיינדע פון ווענעציע און ער דערציילט די קהילה־פירער פאָלגנדעס: ער קומט פון געגנט חייבאַר, אין צפון־אַראַביע, וווּ עס עקזיסטירט נאָך אַ זעלבסטשטענדיקע יידישע מלוכה, פון וועלכער זיין ברודער יוסף איז מלך, און ער, דוד, איז דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון חיל. כפי ער שטאַמט פון שבט ראובן, טראָגט ער דעם ביינאָמען ראובני.

זיין ברודער, דער מלך, האָט אים געשיקט מיט אַ דיפּלאָמאַטישער מיסיע צו די קריסטלעכע הערשער פון אייראָפּע, ער זאָל פון זיי קריגן פייער־געווער, צו באַוואָפענען זיין יידישע אַרמיי און קאָנען אָפּנעמען ארץ־ישראל פון טערקיי. דוד בעט צו האַלטן דעם ענין בסוד, ביז ער וועט אויפגענומען ווערן פון פּויפּסט. ער גיט אויך צו, אַז ער איז נישט משיח, חס ושלום, ער איז אַ זינדיקער מענטש, דערצו אַ בעל־מלחמה, וואָס האָט פיל בלוט פאַרגאָסן. ער האָט בלויז די מיסיע פון קריגן געווער פאַר זיינע חילות, און איינגעמען ארץ ישראל.

די קהילה פון ווענעציע וויל אָבער נישט בלייבן מן הצד פון אַזאַ וויכטיקער אונטערנעמונג. זי באַזאָרגט דעם יידישן געזאַנדטן מיט אַלעם נויטיקן און פּראַוועט אים אָרויס קיין רוים. די פרוי פון חשובן ר׳ שמואל אברבנאל נייט פאַר אים אויף אַ פאָן, אויף וועלכער עס זענען אויסגעהאַפטן די סימבאָלן פון די צוועלף שבטים פון ישראל. די ערשטע יידישע פאָן אין דער קריסטלעכער אייראָפּע.

דוד ראובני קומט קיין רוים, ווו ער ווערט אויפגענומען פונעם פּויפּסט. אַ גרויסע מחנה יידן באַגלייט אים ביזן וואַטיקאַן און פילט זיך דערהויבן צו זען, ווי דער יידישער געזאַנדטער זיצט אַזוי שטאָלץ אויף אַ ווייסן פערד און פאַר אים ווערט מיטן געהעריקן כבוד געטראָגן די יידישע פאָן. דער פּויפּסט איז גראָד באַזאָרגט מיטן קאָנ־

פליקט, וואָס האָט אויסגעבראָכן אין דער קירכע צוליב דער טעטיקייט פון מארטין לוטער, אין דער יידישער געמיינדע איז אויך נישטאָ קיין אייניקייט אַרום דוד ראובני. דער ראש הקהל דניאל דע פּיזאַ, ווי דער רוב פון דער קהילה, גלויבן אין דעם יידישן געזאַנדטן, אָבער פאַראַן אויך ווער עס האַלט אים פאַר אַן אוואַנטוריסט און שווינד־לער. אַ גאַנץ יאָר דויערט, ביז דוד ראובני קריגט אַ רעקאָמענדאַציע־בריוו פון פּויפּסט צו יאָהאַן דעם דריטן, קעניג פון פּאָרטוגאַל, וווּהין ראובני קומט אָן אין יאָר 1525.

אין ליסאַבאָן רופט אַרויס דער באַזוך פון דוד ראובני אַ גוואַלדיקע אויפרו־דערונג, בעיקר צווישן די מאַראַנען, וואָס מען האָט אויף כּוח אָפּגעשמדט אין 1497. די דאָזיקע זענען בסוד געבליבן טרייע יידן און געטראָגן נאָר לפנים די מאַסקע פון קאַטאָליקן. די קאַטוילישע פאַנאַטיקער האָבן שוין אויף זיי געמאַכט אַ שחיטה אין 1506, פּונקט ווי אויף אמתע יידן. מען האָט זיך שוין געקליבן איינצופירן קעגן זיי די אינקוויזיציע. פּונקט דאַן איז אָנגעקומען דוד ראובני מיט דעם רעקאָמענדאַציע־בריוו פון פּויפּסט.

דער יידישער געזאַנדטער איז אויפגענומען געוואָרן אין קעניגלעכן הויף מיטן געהעריקן כבוד. דאָס האָט נאָך מער באַמוטיקט די מאַראַנען, וועלכע פלעגן קומען צו אים, קושן זיינע הענט און אָפּגעבן אים מלכותדיקן כבוד. צוליב פאַרשטענדלעכע טעמים האָט זיך דוד ראובני געהאַלטן דערווייטערט פון די מאַראַנען און זיי קוים צו זיך צוגעלאָזט. פינף יאָר איז דוד ראובני געזעסן אין פּאָרטוגאַל. די אונטערהאַנדלונ־גען האָבן זיך אָבער נישט גערירט פון אָרט. די מלוכה האָט נישט געהאַט קיין כּוח און קיין חשק נאָכצוקומען זיין בקשה. אגב איז עס געווען צו ריזיקאַליש אַרויסצוגעבן געווער, צו באַוואָפענען יידישע קעמפער, ווי דאָס זאָל נישט זיין.

אין יאָר 1530 האָט זיך די פּאָרטוגעזישע רעגירונג אַנטשלאָסן אויסצוווייזן דוד ראובני פון לאַנד, אונטערן אויסרייד, אַז זיין אָנוועזנהייט ווירקט שלעכט אויף די מאַראַנען. אַ פּאָר יאָר וואַנדערט ער איבער דרום פראַנקרייך. איינמאָל פאַרוואָרפט אַ שטורעם די שיף אויף וועלכער ער איז געפאָרן צו אַ שפּאַנישן האַפן, און דוד ראַ־טעוועט זיך קוים פון די נעגל פון דער אינקוויזיציע. אין 1532 קומט דוד צוריק קיין ווענעציע, וווּ ער זעצט פאָר צו לעבן ווי אַ דיפּלאָמאַטישער פאַרטרעטער פון אַ זעלבסט־שטענדיקער מלוכה.

די יידישע קהלה הויבט אָן חושד צו זיין דוד ראובני. מען שיקט צו אים דעם באַרימטן רייזנדן ראַמוסיאָ, אַ גרויסער קענער פון די מזרח־לענדער און מזרח־שפּראַכן, ער זאָל אים געהעריק אויספאָרשן. אין זיינע שמועסן מיט ראַמוסיאָ דערמאָנט מער נישט ראובני די יידישע מלוכה אין אַראַביע, אָבער ער איז זיך אָפנהאַרציק מודה, אַז ער וויל פירן די יידן קיין ארץ־ישראל. ראַמוסיאָ קומט צום שלוס, אַז דער כלומרש־טער דיפּלאָמאַט איז אַן אוואַנטוריסט פון מצרים אָדער אַבּיסיניע. דוד פאַרשווינדט אַזוי אומגעריכט ווי ער איז געקומען. דער חלום פון אַ יידישער באַפרייאונגס־אַרמיי ווערט צערונען.

115סטע לעקציע

אין נאָמען פון גאָט: שלמה מולכו

(1532 - 1525)

צווישן די מאַראַנען פון פּאָרטוגאַל, וואָס דער באַזוך פון דוד ראובני האָט אַרויסגעפירט פון זייער יאושדיקער פאַרגליווערטקייט, איז געווען דער יונגער דיאָגאָ פּירעז, וועלכער איז געבוירן געוואָרן שוין נאָכן גוואַלד־שמד אין 1497 און איז דערפאַר געווען אפילו נישט געמלט. אַ באַגאַבטער מענטש, וואָס מאַכט זיך ביי אַלעמען באַליבט, האָט ער געמאַכט אַ גלענצנדיקע קאַריערע. שוין אין די גאָר יונגע יאָרן געווען אַ סעקרעטאַר אין העכסטן געריכט און אַ מקורב צום קעניגלעכן הויף.

אַ מענטש מיט אַן עקזאַלטירטער נאַטור, ווירקט אויף אים די אָנוועזנהייט פון יידישן געזאַנדטן דוד ראובני גאָר אויף אַן אויסטערלישן אופן. ער וויל קומען אין נעענטערער פאַרבינדונג מיט ראובני. אָבער יענער האַלט זיך ווייט פון די מאַראַנען בכלל און פון אַזאַ עקזאַלטירטן ענטוזיאַסט ווי דיאָגאָ פּירעז בוודאי און אוודאי. דיאָגאָ דערקלערט זיך די צוריקגעהאַלטנקייט פון יידישן געזאַנדטן אויף זיין עקזאַלטירטן שטייגער. ער איז דאָך נישט געמלט און דערפאַר אַן ערל טמא, ווי זשע קאָן אים אַ ייד ווי דוד ראובני צו זיך צולאָזן? דיאָגאָ פירט אַליין דורך איבער זיך די געהעריקע אָפּעראַציע, נעמט אָן זיין העברעאישן נאָמען שלמה מולכו און קומט דאַן נאָכאַמאָל פאַר דוד ראובני. יענער גיט זיך השבון וועגן דער סכנה וואָס עס שוועבט אויפן לעבן פון יונגן ענטוזיאַסט און באַפעלט אים אָפּציען קיין טערקיי. שלמה נעמט עס אָן ווי אַ וווּנק פון אויבן, ער לאָזט זיך אין וועג אַריין און קומט בשלום קיין סאַלאָניקי, אין יאָר 1527.

שלמה מולכו געפינט חן אין אַלעמענס אויגן. אין סאַלאָניקי פאַראינטערעסירט זיך מיט אים דער מקובל יוסף טייטאַצאַק, אין אַדריאַנאָפּאָל באַפריינדעט זיך מיט אים דער שעפער פון שולחן־ערוך, ר׳ יוסף קאַראָ, וועלכער האָט פאַר אים נישט קיין אַנדערע ביינעמען, ווי מיין אויסדערוויילטער (בחירי), מיין ליבלינג (מחמדי). שלמה מולכו לערנט פליסיק, ווערט אַ היפשער למדן און אַפילו אַ מקובל. ער פאָרט אַוועק קיין ארץ ישראל, וווּ ער פאַרברענגט אַ שטיקל צייט אין צפת וואָס הויבט אָן צו ווערן אַ צענטער פון די מקובלים. דאָרט דערגייט צו אים די ידיעה, אַז אין מאַי פון 1527 זענען די

חילות פון אימפּעראַטאָר קאַרל דעם פינפטן איבערגעפאַלן רוים און האָבן באַלאַגערט דעם פּויפּסט קלעמענט דעם 7טן אין זיין פּאַלאַץ פון וואַטיקאַן. שלמה זעט אין דער פּאַסירונג א צייכן, אַז די משיחס ציַיטן קומען אָן: אַז אדום פאַלט, מוז זיך ירושלים דערהויבן. ער איילט צוריק קיין אייראָפּע, קיין איטאַליע. אויפן וועג באַזוכט ער אַ רייע יידישע קהילות, דרשנט אין די שולן וועגן דעם נאָענטן אָנקום פון משיח. זיינע דרשות ווערן פאַרעפנטלעכט אין סאַלאָניקי 1529, אונטערן נאָמען „ספר המפואר".

סוף יאָר 1529 קומט שלמה קיין אַנקאָנאַ. די האַפן־שטאָט פון דער פּויפּסט־לעכער טעריטאָריע איז געווען פול מיט פּאָרטוגעזישע מאַראַנען, וואָס האָבן בשתיקה אָנגעהאַלטן יידישקייט, און מיט אינקוויזיציע־שפּיאָנען. ער ווערט אַרעסטירט אַלס אַפּטריניקער קריסט, אָבער עס געלינגט אים זיך אַרויסצורייסן פון תפיסה. אין זיין עקזאַלטאַציע הויבט ער אָן צו זען אין זיך דעם אַזוי לאַנג געוואַרטן משיח. אין הסכם מיט דער לעגענדע, אַז משיח זיצט אַ געשמידטער אין קייטן צווישן די אָרעמע־לייט ביי די טויערן פון רוים, פאַרברענגט ער דרייסיק טעג אויפן בריק קעגנאיבער דעם וואַטי־קאַן צווישן די בעטלער און שלעפּערס פון שטאָט. די גאַנצע צייט פאַסט ער הפסקות און האַלט אין איין תפילה־טאָן. אַ דערשעפּטער פון פאַסטן און עקזאַלטירטער פון די תפילות הויבט ער אָן זען וויזיעס וועגן וועלכע ער שרייבט צו זיינע פריינט אין סאַלאָניקי און דרשנט שפּעטער וועגן זיי אין די שולן פון רוים. ווען די אינקוויזיציע פאַלט אויף זיינע שפּורן אַנטלויפט ער קיין ווענעציע, וווּ ער טרעפט זיך מיט דוד ראובני.

אין 1530 ליידט רוים פון אַ גרויסער פאַרפלייצונג, וואָס מולכו זאָל האָבן פאָראויסגעזאָגט. מולכו זעט אין דעם אַ צייכן, אַז די צייט צו אַנטפּלעקן זיך אַלס משיח איז געקומען. ער איילט קיין רוים, וווּ ער האָט אַ סך אָנהענגער צווישן יידן און אויך צווישן קריסטן. אפילו דער פּויפּסט קלעמענט דער 7טער נעמט אים אויף אין זיין פּאַ־לאַץ, שמועסט מיט אים, ווערט פון אים אַנטציקט און גיט אים אַ שוץ־בריוו קעגן דער אינקוויזיציע.

אָבער אין רוים טרעט אַרויס קעגן שלמה מולכו דער מעדיצינער און ראַציאָ־נאַליסטישער דענקער יעקב מאַנטינאָ. ער האַלט, אַז שלמה קאָן מיט זיינע עקזאַלטירטע רייד און האַנדלונגען ב־ענגען אַ צרה אויף יידן, און ער וויל די צרה אויסמיידן. ער ווענדט זיך לכתחילה צום פּאָרטוגעזישן געזאַנדטן און ווען יענער מאַכט נישט קיין וועזן פון זיין מיטטיילונג, ווענדט זיך יעקב מאַנטינאָ צו דער אינקוויזיציע. דער שוץ־בריוו פון פּויפּסט העלפט ווייניק קעגן דער אינקוויזיציע. שלמה מולכו ווערט אַרעס־טירט און פאַרמשפּט צום טויט, אָבער דעם פּויפּסט געלינגט עס דאָך צו ראַטעווען זיין ליבלינג; אַנשטאָט שלמהן ווערט פאַרברענט אויפן אויטאָ־דע־פע אַ צום טויט פאַר־משפּטער פאַרברעכער. אייניקע טעג נאָך דער „הינריכטונג" האָט מען שלמהן געזען שפּאַצירן אין די סעדער פון וואַטיקאַן. זיינע אָנהענגער האַלטן עס פאַר אַ באַשטעטי־קונג, אַז מולכו איז טאַקע משיח; אַ סימן — פייער האָט אויף אים קיין שליטה נישט.

אין 1532 פאַראייניקן זיך דוד ראובני און שלמה מולכו אויף אַ נאַר געוואַגטן

שריט. זיי מעלדן זיך צום פאַנאַטישן אימפּעראַטאָר קאַרל דעם פינפטן אין זיין הויפּט־קוואַרטיר אין רעגנסבורג, ווו ער האָט זיך דאַן געפונען צוליב דעם פירוד מיט די פּראָ־טעסטאַנטישע פירשטן, און שלאָגן אים פאָר צו מאָביליזירן אַלע יידן פאַר א מלחמה קעגן טערקיי. אומזיסט האָט זיי דער שתדלן יוסף פון ראָזהיים געפּרוּווט אָפּרעדן פון אַזאַ געוואַגטן שריט. ביידע ענטוזיאַסטן האָבן נישט געוואָלט הערן קיין עצות.

זיי האָבן געקראָגן אַן אוידיענץ ביי קאַרל דעם פינפטן, דעם מעכטיקסטן מאָ־נאַרך פון יענע צייטן, אָבער דער הערשער האָט זיי געלאָזט אַרעסטירן און זיי איבער־געגעבן דער אינקוויזיציע. שלמה מולכו, אַלס אַפּטרינניקער קריסט, איז פאַרמשפּט גע־וואָרן צום שייטערהויפן. פאַרן דורכפירן דעם אורטייל האָט מען אים פאָרגעשלאָגן, אין נאָמען פון אימפּעראַטאָר, באַגנעדיקונג, אויב ער וועט זיך אויפריכטיק צוריקקערן צום קריסטנטום, אָבער מולכו האָט געענטפערט: „איך בין באַטריבט וואָס איך האָב ביז 22 יאָר געלעבט אין אייער אמונה, טוט וואָס איר ווילט”. ער איז אומגעקומען ווי א קדוש און דאָס פאָלק האָט אַריינגענומען זיין אָנדענק צווישן די, וואָס עס וועט קיינ־מאָל נישט פאַרגעסן. אויף דוד ראובני, אַלס ייד, האָט די אינקוויזיציע קיין שליטה נישט געהאַט. ער איז געבראַכט געוואָרן קיין שפּאַניע, ווו ער איז געשטאָרבן אין תפיסה.

* * *

מיט עטלעכע יאָר שפּעטער רינען אויס די האָפענונגען, וואָס מען האָט גע־לייגט אויף מאַרטין לוטער און אויף דער רעפאָרם־באַוועגונג, וואָס ער האָט אַרויס־גערופן. לכתחילה האָט זיך לוטער געוויזן מענטשלעך צו יידן. אין דער דיסקוסיע פּפעפערקאָרן־רייכלין איז ער אַרויסגעטראָטן קעגן די דאָמיניקאַנער. אין 1523 פאַר־עפנטלעכט ער א בוך אונטערן נאָמען: „יעזוס קריסטוס איז געבוירן געוואָרן א ייד”, ווו ער גרייפט שטאַרק אָן די קאַטאָליקן פאַר זייער שנאה צו יידן. ער זעצט אויך איבער דעם תנ״ך אויף דייטש און מאַכט פון אים, צוזאַמען מיטן נייעם טעסטאַמענט, דאָס טיש־בוך פון די פּראָטעסטאַנטישע היימען. אָבער אין דער צייט, וואָס די יידן האַלטן לוטערן פאַר א גר־צדק, וואָס וויל די קריסטן דערנענטערן צו יידישקייט, האָפט ער, אַז די יידן וועלן דורך זיין רעפאָרמע זיך דערנענטערן צום קריסטנטום. און ווען דאָס גיט זיך אים נישט איין און ער באַמערקט, אַז צווישן זיינע אָנהענגער הויבן זיך אָן אויס־קריסטאַליזירן שאַרפע פּראָ־יידישקייט טענדענצן, ווי אָפּהיטן שבת־רו, ווערט ער פאַר־וואַנדלט אין א גיפטיקן אַנטיסעמיט. אין 1538 פאַרעפנטלעכט ער א שריפט אונטערן נאָמען: „שריפט קעגן די שבת־אָפּהיטער”, ווו עס מערקט זיך שוין א שאַרפע אַנטי־יידישע טענדענץ. אין 1543 פאַרעפנטלעכט לוטער צוויי שאַרפע אַנטיסעמיטישע ווערק: „וועגן די יידן און זייערע ליגנס” און „איבער דעם שם־המפורש”. ער רופט שוין יידן: „דאָס פאַרעקשנטע, פאַרשאָלטענע פאָלק”, און ווערט פאַרוואַנדלט אין אַן עקסטרעמען אַנטיסעמיט. ווען לוטער שטאַרבט אין 1546 איז שוין די רעפאָרמע אַזוי אַנטיסעמי־טיש ווי דער קאַטאָליציזם, אויב נישט נאָך מער.

ט ע ל ע ק צ י ע 116

צוגרייטן דעם וועג פאַר משיחן: יעקב בירב

(1538 ־ 1541)

דערווייל איז דער ישוב אין ארץ ישראל געוואקסן און אויך אין דעם האָבן א סך געזען אן אָנזאָג, אז עס זענען נאָענט די משיחס צייטן. אין ירושלים איז אויפגעקומען א גאַנץ באַדייטנדיקע קהילה, בראש פון וועלכער עס איז געשטאַנען ר׳ לוי ב״ר יעקב בן חביב, א מאַן פון גרויסן וויסן און רייכער פאַרגאַנגענהייט. א זון פון א פאַמיליע, וואָס איז פון גירוש שפּאַניע אנטלאָפן קיין פּאָרטוגאַל, איז ר׳ לוי אין זיין קינדהייט צוגענומען געוואָרן ביי די עלטערן און אויף גוואַלד געשמדט געוואָרן. שפּעטער געלינגט אים צו אנטלויפן פון פּאָרטוגאַל קיין טערקיי און אומקערן זיך צו יידישקייט. ער פאַרענדיקט דאָרט די זאַמלונג פון די תלמודישע אגדות, וואָס זיין פאָטער ר׳ יעקב בן חביב האָט אָנגעהויבן צו פאַרפאַסן און וואָס איז מיט דער צייט געוואָרן א זייער פּאָפּולערער פאָלקס ספר, דער עין יעקב, ביי וועלכן דורות יידן האָבן אָפּגערוט פון שווערער אַרבעט און ביטערן גלות, אין די פאַרנאַכטיקע שעהען, בין מנחה למעריב, ווען עין יעקב פלעגט געלערנט ווערן פאַר טויזנטער צוהערער אין די שולן בכל תפוצות ישראל.

א גרויסע יידישע קהילה איז אויך אנטשטאַנען אין צפת, א שטאָט, וואָס האָט געפירט אן אַקטיוון האַנדל מיט דמשק און איז דערפאַר געווען א מקום פרנסה, וואָס האָט צוגעצויגן פיל נייע איינוווינער, צווישן זיי פיל תלמידי חכמים און מקובלים. די רייכע יידן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, סאַלאָניקי און סמירנע, האָבן עס געהאַלטן פאַר אן ערן־חוב אויסצוהאַלטן די תלמידי־חכמים פון צפת, וואָס איז אויך געוואָרן א וויכטיקער תורה־צענטער. דורכגעוועבט מיט קאַבאַליסטישע וויזיעס און למודים, איז דער ענין פון דער גאולה געווען אין צפת אַקטועלער ווי ערגעץ־ווו, אין דער לופטן האָט געשוועבט דאָס געפיל, אז עפּעס דאַרף געטאָן ווערן אויף צו מקרב זיין די משיח־טעג.

איינער פון די חשובסטע רבנים פון צפת ר׳ יעקב בירב דענקט, אז א חיכ־טיקער שריט פאר צוגרייטן דעם וועג פאר משיחן וואלט געקאנט זיין דאס צוריק־שטעלן דעם גייסטיקן צענטער, וואס איז איצט, נאכן גירוש ספרד, כמעט ווי בטל געווארן, אבער צוריקשטעלן אים אויף א מער שטאטלעכן אופן. קודם כל דארף אויפגעשטעלט ווערן דער העכסטער ארגאן פון דער אמאליקער אויטאנאמיע אונ־טער די נשיאים, דער סנהדרין. אויף צו בילדן דעם סנהדרין מוז מען האבן לכל הפחות איין און זיבעציק תלמידי חכמים, אנערקענטע אלס אזעלכע דורך דעם, וואס זיי האבן באקומען סמיכה, לויטן אלטן שטייגער, דאס הייסט דורך ארויפלייגן די הענט אויפן קאפ און דערמיט איבערגעבן דעם תלמיד חכם דאס רעכט אויף אויסצוטייטשן די הייליקע שריפט, די משנה און דעם תלמוד, פסקנען שאלות, משפטן אין דיני תורהס, ציווילע ווי קרימינעלע.

דער געדאנק פון ר׳ יעקב בירב איז אויפגענומען געווארן אין צפת מיט באַ־גייסטערונג. עס איז געבילדעט געווארן א ועד פון פינף און צוואנציק פון די פארנעמסטע תלמידי חכמים מיט יעקב בירב בראש, אויף אנצוהויבן טאן אין דעם ענין. דער ועד האט מיטגעטיילט וועגן זיין גרינדונג די רבנים פון ירושלים, און דא האט זיך דער הויפט־רב רבי לוי ב״ר יעקב חביב ארויסגעשטעלט ווי אן אנטשלאסענער קעגנער פון דעם גאנצן אויפטו. צווישן ר׳ לוי בן חביב און ר׳ יעקב בירב האט זיך צעפלאקערט א וויכוח, וואס איז גיך איבערגעגאנגען אין א מחלוקת. עס האט זיך אפילו געפונען ווער עס האט צוגעטראגן דער טערקישער רעגירונג, אז יידן ווילן גרינדן א באזונדערע מאכט, און ר׳ יעקב בירב האט געמוזט אנטלויפן פון צפת (1538-1541).

דאך איז געלונגען צו געבן סמיכה איניקע תלמידי חכמים. איינער פון זיי איז געווען ר׳ יוסף קארא, וועלכער איז פון אדריאנאפאל אריבערגעקומען קיין צפת און די סמיכה גיט אים א גרויסע אויטאריטעט אויף דעפיניטיוו צו פארענדיקן די קאַ־דיפיקאציע פון די יידישע געזעצן, וואס איז אנגעהויבן געווארן מיט א טויזנט יאר צוריק.

שוין אין די ציטן פון די גאונים ווערן געמאכט די ערשטע פרוון צו קאדיפי־צירן און סיסטעמאטיזירן די יידישע דינים און געזעצן. ר׳ אחאי משבחא הויבט אן די ארבעט מיט זיינע „שאלתות״, ר׳ יהודאי גאון זעצט זי פאר מיט זיין „הלכות קצובות״. אין דער ישיבה פון לוסענא, שפאניע, שאפט ר׳ יצחק אלפאסי (רי״ף) זיין תלמוד־קאמפענדיום, „הלכות״ דער רמב״ם פארפאסט אין צוועלפטן יארהונדערט זיין ריזן־ווערק, דעם יד־החזקה. אין פערצנטן יארהונדערט, ארום 1340, ווערט פארפאסט דער קאדעקס פון די טורים (ציילן) פון ר׳ יעקב, דעם זון פון רבנו אשר (רא״ש). דער תלמיד פון רא״ש, ירוחם בן משולם, פארפאסט צוויי טיילווייזע קאדעקסן, וועגן געלט־פראגן (מישרים) און וועגן איסור והיתר („אדם וחוה״). ר׳ יוסף קארא נעמט זיך אין מיט פון זעכצנטן יארהונדערט צו פארענדיקן אט די ריזן־ארבעט.

אַלס באַזע פאַר זיין ווערק „בית יוסף" נעמט ער די טורים פון ר' יעקב בן הרא"ש, מיט זייערע פיר אייגטיילונגען: „אורח חיים", דער לעבנסוועג, וועגן דאַווענען, שבת און יום־טוב, תעניתים; „יורה־דעה", וויסנלערע, וועגן כשר און טריפה, איסור און היתר, „אבן־העזר", הילף־שטיין, משפחה־אַנגעלעגנהייטן, און „חושן־משפט", געזעץ־טאַוול, געלט־אַנגעלעגנהייטן און קרימינעלע ענינים. די אַרבעט פון ר' יוסף קאַראָ איז סיסטעמאַטישער און פולקאָמער, ווי אויך דערגענצט מיט די דינים און מנהגים, וואָס זענען אויפגעקומען פאַר די צוויי יאָרהונדערטער פון זינט די „טורים". פון דעם בית־יוסף מאַכט ר' יוסף קאַראָ אַ קאָמפּענדיום, ווו עס ווערט דורכגעלאָזט די דיסקוסיע אַרום די דינים, נאָר עס ווערט געבראַכט דער ענדגילטיקער באַשלוס פון פּסק אין אַ קורצער און קלאָרער פאָרמולירונג. דער דאָזיקער קאָמפּענדיום טראָגט דעם נאָמען „שולחן־ערוך", געגרייטער טיש, און איז דער אויסדרוק פון שטרענגער רבנישער אָפּגעהיטנקייט אין יעדן שריט און טריט וואָס דער מענטש מאַכט אין זיין לעבן, פון אויפשטיין ביזן שלאָפן גיין, פון געבורט, ביז צום טויט. דער אידעאַל פון יעדן פרומען ייד ווערט זינט דאַן צו לעבן לויטן שולחן־ערוך. אַנשטאַט אַ שטאַטלעכער באַזע, צו וועלכער די משיח־באַוועגונגען האָבן געשטרעבט, האָט יידישקייט באַקומען אַ לעגאַל־טראַדיציאָנעלע באַזע, דעם שולחן־ערוך, וועלכער איז פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין 1567.

117טע לעקציע

פראַקטישער משיחיזם: דאָן יוסף נשיא

(1564 - 1568)

אַ פינף און צוואַנציק יאָר נאָכן דורכפאַל פון יעקב בירבס פּלאַן צוריקצושטעלן דעם סנהדרין, ווערט געמאַכט אַן ערנסטער, פּראַקטישער פּרוּוו פון אויפבויען דאָס לאַנד ארץ ישראל און באַזעצן עס מיט יידן. דער פּרוּוו קומט פון גאָר אַ הויכער און אינטערע־סאַנטער פּערזענלעכקייט: דעם באַליבטן מיניסטער פון דעם סולטאַן „סולייִמאַן דער גרויסאַרטיקער" דער געוועזענער מאַראַן פון פּאָרטוגאַל, יאָהאַן מיגעז, וואָס טראָגט שוין צו יענער צייט דעם עכטן יידישן נאָמען יוסף נשיא, מיטן שפּאַניש־פּאָרטוגעזישן ערן־טיטל דאָן.

די לעבנסגעשיכטע פון דאָן יוסף נשיא איז איינס פון די וווּנדערבאַרסטע קאַ־פּיטלען פון דער געשיכטע פון די מאַראַנען און פון זייער קאַמף קעגן די פאַנאַטישע האַבסבורגער פון שפּאַניע. צווישן די פאַרטריבענע פון שפּאַניע, וואָס זענען אויף גוואַלד אָפּגעשמדט געוואָרן אין פּאָרטוגאַל אין 1497, האָבן אַ באַזונדער אָנגעזעענעם אָרט פאַרנומען די צוויי ברידער פראַנציסקאָ און יאָהאַן מענדעז, וואָס האָבן געהאַט גרויסהאַנדל און באַנק־געשעפטן אין פּאָרטוגאַל און פלאַנדערן. יאָהאַן מיגעז איז אַ קרוב פון דער פאַמיליע און אַ מיטבאַטייליקטער אין אירע געשעפטן. ווען פראַנציסקאָ מענדעז שטאַרבט, נעמט איבער די הויפּט־פירונג פון דער פירמע מענדעז זיין יונגע אַלמנה, גראַסיאַ (חנה), אַ טיכטיקע און ענערגישע פרוי, וואָס האָט געשפּילט אַ גאָר וויכטיקע ראָלע אין דער יידישער געשיכטע, און וואָס האָט אויך געשטאַמט פון דער פאַמיליע נשיא.

אַ געטרייע יידישע טאָכטער, טראָץ איר אָפיציעלער אָנגעהעריקייט צום קאַ־טאָליציזם, זוכט זי אַ געלעגנהייט ווי צו אומקערן זיך צו דער אמונה פון אירע אָבות. זי טוט עס זייער פּראַקטיש און מיט פיל געדולד. זעכצן יאָר האָט עס געדויערט, ביז פון גראַסיאַ איז געוואָרן חנה. עס האָט איר געקאָסט כמעט אַ רונדרייזע אַרום איירָאָפּע און אַ גרויסן טייל פון איר ריזיקן פאַרמעגן. אָבער זי האָט אירס אויסגעפירט. די פאַ־מיליע מענדעז, ווי אויך יאָהאַן מיגעז, וואָס איז געווען אירער אַ פּלימעניק און איז

געוואָרן איר איידעם, ווען ער האָט חתונה געהאַט פאַר איר טאָכטער ריינאַ, האָבן זיך עפנטלעך באַקערט צום יידנטום.

אויף איר וועג צוריק צום יידנטום וועט חנה מענדעז דאַרפן קעמפן מיט דער קאַטוילישער קירך, מיט דער אינקוויזיציע. עס איז די צייט, ווען דער קאַטאָליציזם קעמפט ממש פאַר קיום קעגן דער לוטערישער רעפאָרמע, וואָס האָט אָפּגעריסן פון פויפּסטום אַ גרויסע טייל פון דער גערמאַנישער אימפּעריע. די קירכע נעמט אָן אַ שטאַרק רעאַקציאָנערן קורס. עס ווערן געגרינדעט די מאָנאַכן־אָרדנס פון די יעזואיטן (1534) און טעאַטינער (1542), וואָס פאַרפאָלגן יעדן אָפּנויג, יעדע אַפּיקורסות און אוודאי די אַנדערש־גלויביקע.

אין יאָר 1536 געלינגט עס גראַסיאַ מענדעז אַרויסצוטראָגן איר ווינאָרט פון ליסאַבאָן קיין אַנטווערפּן, וואָס האָט זיך געפונען אונטער דער הערשאַפט פון דעם פאַנאַטישן אימפּעראַטאָר קאַרל דעם פינפטן. יאָהאַן מיגעז קומט אויך קיין אַנטווערפּן און די רייכע מאַראַנען־פאַמיליע שפּילט אַן אָנגעזעענע ראָלע אין הויף פון דער לאַנד־רעגירער׳ן מאַריאַ, די שוועסטער פון קאַרל דעם פינפטן. אָבער דער סוד פון זייער געמיישאַפט צו יידישקייט, ווי אויך די שטיצע, וואָס זיי האָבן געגעבן די מאַראַנען וואָס קערן זיך אום צו זייער יידישער אמונה, איז דערגאַנגען צו קאַרל דעם פינפטן, און ער וויל קאָנפיסקירן זייער גרויס פאַרמעגן, אפילו אַרעסטירן גראַסיאַן. ווי עס איז געלינגט איר פאָרט זיך אַרויסקלייבן פון אַנטווערפּן און קומען קיין ווענעציע, וווּ זי באַזעצט זיך אין יאָר 1549, אונטערן עכט־קריסטלעכן נאָמען בעאַטריס דע לונאַ.

יאָהאַן מיגעזן געלינגט דערוויילֿ אָנצוקניפּן באַציאונגען מיטן טערקישן הויף, וווּ עס קומט אים צו הילף דער יידישער לייב־מעדיקער פון סולטאַן, משה המון. ווען דער סענאַט פון ווענעציע וויל פאַרהאַלטן גראַסיאַ מענדעז אַלס אָפּטריניקע קריסטין און קאָנפיסקירן איר פאַרמעגן, שטעלט זיך איין פאַר די מאַראַנען די טערקישע רעגי־רונג, וועלכע מען האָט גישט געקאָנט אָפּזאָגן און אַרויסלאָזן זיי קיין טערקיי. זיי קו־מען אָן קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אין יאָר 1552, וווּ יאָהאַן מיגעז ווערט דאָן יוסף נשיא, און בעאַטריס דע לונאַ — חנה מענדעז. פון דאַן אָן ווערט דאָס הויז נשיא אין קאָנס־טאַנטינאָפּאָל דער צענטער פאַר יידישע און, בעיקר, מאַראַנישע אינטערעסן איבער דער גאַרער וועלט.

אין אַ קורצער צייט נאָכן באַזעצן זיך אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל זעט זיך דאָס הויז נשיא געצוווּנגען אַריינצוטרעטן אין אַן אָפענעם קאַמף מיט דער מאַכט פון פויפּסט בכבודו ובעצמו, צוליב דער לאַגע פון די מאַראַנען אין דער פויפּסטלעכער מלוכה. דער גירוש שפּאַניע און די אַנטדעקונג פון אַמעריקע פאַלן צוזאַמען מיטן העכסטן אויפ־שוווּנג פון דעם רענעסאַנס, וואָס האָט עטוואָס אויסגערייניקט די לופט פון פינצטערן פאַנאַטיזם און האָט אַפילו געבראַכט דערצו, אַז אויפן פויפּסטלעכן טראָן זאָלן זיצן ווירקלעכע הומאַניסטן, וואָס האָבן זיך מער אָפּגעגעבן מיט קונסטווערק און פּראַכט־

בנינים, ווי מיט טעאָלאָגישע שטודיומס און רעליגיעזע פאַרפאָלגונגען. אַלעקסאַנדער דער 6טער (1492־1503), זיינע נאָכפאָלגער יוליוס דער 2טער (1503־1513) לעאָן דער צענטער (1513־1521), קלעמענט דער זיבעטער (1523־1534) און בעיקר פּוילוס דער דריטער (1534־1549) זענען געווען טאָלעראַנטע פּויפּסטן, וואָס האָבן געהאַט ס׳רוב יידישע לייב־מעדיקער, ווי שמואל צרפתי, באַנעם דע לאַטעס, יעקב מאַנטינאָ א. אַ. און ווען אפילו פון צייט צו צייט פלעגן זיי אַרויסגעבן גזירות קעגן יידן, און לעאָן דער צענטער האָט אפילו געשליידערט צו דר׳ערד די ספר תורה, וואָס די יידן האָבן אים צו־געטראָגן צו זיין קרוינונג, איז אָבער דאָך די יידישע לאַגע אין די פּויפּסטלעכע שטאַטן געווען דערטרעגלעך און דאָרט האָבן אויך געפונען אַזיל אַ סך יידן און אפילו מאַראַנען, וואָס זענען כמעט עפנטלעך אַריבער צום יידנטום און קיינער האָט זיי נישט געשטערט.

צוליבן קאַמף קעגן דער רעפאָרמע ווערן געשאַפן די מאָנאַכן־אָרדנס פון יעזו־איטן און טעאַטינער, וואָס ווירקן, אַז עס זאָל נעמען אַ סוף צו דער פּויפּסטלעכער טאָ־לעראַנץ. דער בישאָפן־צוזאַמענפאָר פון טרענטאָ, וואָס ציט זיך פון 1545 ביז 1563, איבט אויס אַ שטאַרקן דרוק אויפן פּויפּסט יוליוס דעם דריטן (1550־1555), און ווען דריי משומדים: חננאל דע פאָלאָניאַ, יוסף כּאָראָ און שלמה ראָמאַנאָ (אַן אייניקל פון בארימטן מדקדק אליהו בחור) טראָגן אַריין אַ מסירה קעגן דעם תלמוד, מוז עס דער פּויפּסט איבערגעבן דער אינקוויזיציע, וואָס טראָגט אַרויס אַ פּסק צו פאַרברענען דעם תלמוד. דעם 9טן סעפּטעמבער 1553, אין ראש השנה, ווערן אויפן „קאַמפּאָ דעי פיאָרי״ פאַרברענט הונדערטער תלמוד־פאָליאַנטן, און דעם 12טן פון זעלבן חודש באַ־פעלט דער גרויס־אינקוויזיטאָר, דער קאַרדינאַל פּיעטראָ קאַראַפּאָ צו קאָנפיסקירן אַלע ספרים פון תלמוד בבלי און ירושלמי אין איטאַליע, און פאַרברענען זיי. דעם 31סטן אויגוסט פון 1554 ווערט אויך פאַראָרדנט, אַז יעדע יידישע שול מוז צאָלן צען דוקאַטן אַ יאָר פאַרן הויז ווו עס ווערן אויסגעהאַלטן די קאַנדידאַטן אויף שמד.

די לאַגע ווערט נאָך פיל ערגער, ווען דער גרויס־אינקוויזיטאָר פּיעטראָ קאַראַפּאָ, גרינדער פון די טעאַטינער, ווערט פּויפּסט מיטן נאָמען פּאַאולוס דער פערטער. ער באַ־נייט אַלע אַנטי־יידישע גזירות, וואָס זענען כמעט נישט אָנגעווענדט געוואָרן אין די יאָרן פון די טאָלעראַנטע פּויפּסטן, שליסט איין אַלע יידן פון רוים אין ענגן און שמו־ציקן געטאָ, ווו עס האָט פריער געוווינט בלויז די אָרעמקייט פון דער קהילה, שליסט די מערהייט שולן, איבערלאָזנדיק בלויז צוויי אין רוים און צו איינער אין יעדער פּראָ־ווינץ־שטאָט פון זיין מלוכה (1555־1559).

פּאַאולוס דער פערטער האָט געוויס נישט געקאָנט ליידן, וואָס אין אַנקאָנאַ, וועלכע געפינט זיך אונטער זיין דירעקטער מאַכט זאָלן הונדערטער מאַראַנען כמעט פריי לעבן אַלס יידן. ער גיט אַרויס אַ געהיימען באַפעל, אַז מען זאָל זיי אַלעמען אַרעסטירן. די מערהייט מאַראַנען האָבן זיך דערוווּסט באַצייטנס פון דעם באַפעל און זענען אַנט־לאָפן קיין פעסאַראָ, פעראַראַ און אַנדערע שטעט אויסער די פּויפּסטלעכע געביטן. אַ הונדערט מאַראַנען האָט מען אָבער פאָרט געכאַפּט און זיי זענען געשטאַנען אין דער

סכנה אומגעבראַכט צו ווערן. דאַן קומט אונטער דאָס הויז נשיא פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל. דאָן יוסף נשיא פועלט ביים סולטאַן, ער זאָל פאָדערן די באַפרייאונג פון די אַרעסטירטע, וואָס זענען טערקישע אונטערטאַנען. די פאָדערונג פון סולטאַן מוז נאָכגעגעבן ווערן, ווייל אין קעגנפאַל דראָעט ער אָנצונעמען רעפּרעסאַליעס קעגן קריסטלעכע סוחרים אין זיינע מדינות; אַרום פערציק אַרעסטירטע זענען פריינעלאָזט געוואָרן. אַנדערע 38 האָבן צוגעשטימט ווידער אָנצונעמען דאָס קריסטנטום, זיי זענען אונטער אַ שטרענגער וואַך פאַרשיקט געוואָרן אויפן אינדזל מאַלטאַ, אָבער פון וועג איז זיי געלונגען צו אַנטלויפן קיין טערקיי. נאָר 24 מאַראַנען זענען אין מאַי פון 1556 עפנטלעך פאַרברענט געוואָרן אויפן שייטערהויפן אין אַנקאָנאַ.

חנה מענדעס און יוסף נשיא זעצן פאָר דעם קאַמף קעגן באַאולוס דעם פערטן. זיי נעמען אויף מיט סימפּאַטיע די בקשה פון די מאַראַנען, וואָס האָבן זיך געראַטעוועט קיין פּעסאַראַ, אַז די יידן פון טערקיי זאָלן באָיקאָטירן דעם האַפן פון אַנקאָנאַ און נישט שיקן אַהין זייערע שיפן. אויף דער איניציאַטיוו פון חנה מענדעס און יוסף נשיא רופן אויס די רבנים פון סאַלאָניקי אַ חרם קעגן די יידן, וואָס וועלן האַנדלען מיט אַנקאָנאַ. דער סענאַט פון אַנקאָנאַ טיילט מיט דעם פּויפּסט, אַז דער חרם קאָן רואינירן די שטאָט. די יידן פון אַנקאָנאַ גופא האָבן מורא אַריינצוטרעטן אין אַ געראַנגל מיטן גרויזאַמען פּויפּסט און זיי בעטן די יידן פון טערקיי אויפצוגעבן דעם חרם. דער חרם ווערט אָפּגעשטעלט און דאָס איז גורם צו אַ גירוש פון די מאַראַנען, וואָס דער דוקוס פון פּעסאַראַ האָט אַריינגעלאָזט, מיט דער האָפענונג, אַז זיי וועלן זיין בכוח אַריבערצופירן דעם שיף־פאַרקער מיטן מזרח פון אַנקאָנאַ קיין פּעסאַראַ. די זאָרג פון חנה מענדעס איז נישט בלויז פאַר די לעבנס פון די מאַראַנען, נאָר אויך פאַר זייער גייסטיקן אָנהאַלט. אין 1548 שטיצט זי אַ תנ"ך־אויסגאַבע מיט שפּאַנישער איבערזעצונג, וואָס דערשיינט אין דער איטאַליענישער שטאָט פערראַראַ און איז ביז היינט באַקאַנט אַלס די ביבל פון פערראַראַ.

אין אַ קורצער צייט אַרום באַקומט יוסף נשיא אַלס אַ מתנה פון סולטאַן די חרובע שטאָט טבריה מיט איר אומגעגנט. אויף דער איניציאַטיוו פון חנה מענדעס ווערט באַשלאָסן צו באַזעצן די געגנט מיט יידן, אַלס אַ התחלה פאַרן ווידעראויפבוי פון ארץ ישראל. מען טרעט גלייך צו אויפצושטעלן די חורבות פון דער שטאָט, ווי אויך פאַר־פלאַנצן טוט־ביימער אויף צו קאָנען האָדעווען זייד־ווערעם. אַ רוף ווערט געשיקט צו די יידן אין די אייראָפּעאישע לענדער, אַז זיי זאָלן קומען באַזעצן און אויפבויען דאָס לאַנד. אין איטאַליע האָבן זיך פאַרזאַמלט גרופּעס יידן אין די האַפנס פון ווענעציע און אַנקאָנאַ, בכדי זיך איינצושיפן אויף די שיפן, וואָס דאָן יוסף נשיא האָט נאָך זיי געשיקט, די אויפרודערונג אין דער יידישער וועלט איז געווען זייער גרויס. מען האָט געזען אין דעם אַן אתחלתא דגאולה. אין דעם שבת־געזאַנג לכה דודי, פאַרפאַסט פון דעם מיסטיקער שלמה אלקאבעץ, וואָס האָט דאַן געלעבט אין צפת, הערן זיך אָפּקלאַנגען פון די דאָזיקע הייטערע שטימונגען. איין פערז פון דעם דאָזיקן פּרעכטיקן פּיוט זינגט:

התנערי מעפר, קומי,
לבשי בגדי תפארתך, עמי,
על יד בן ישי בית הלחמי,
קרבה אל נפשי גאלה.

טרייסל אָפּ דעם שטויב, שטיי אויף,
טו אָן דיינע פּראַכט־קליידער, מיין פאָלק,
דורך דעם זון פון ישי פון בית לחם
דערנענטערט זיך צו מיר די גאולה.

לויטן פאַמיליע־נאָמען „נשיא" האָט מען געקאָנט דרינגען, אַז דאָן יוסף נשיא האָט אַ שיכות צו דער דוד־דינאַסטיע, וואָס האָט פאַרשטאַרקט די משיחישע שטימונגען.

אָבער פון דעם גאַנצן אויפטו איז גאָרנישט געוואָרן. דאָס פאָלק איז נאָך נישט געווען גרייט אויפצובויען דאָס לאַנד. די אַרטיקע אַראַבער האָבן געשטערט און יוסף נשיא איז אָפּגעקילט געוואָרן צום פּראָיעקט. דער פּראַקטישער משיחיזם איז דורכגעפאַלן, ווען אַפילו דאָן יוסף נשיא הערט נישט אויף צו ווידמען זיינע כוחות די יידישע אינטערעסן.

אין 1566 באַשטייגט דעם טערקישן טראָן סעלים דער צווייטער, דער יורש פון סוליימאַן דעם גרויסאַרטיקן. סעלים איז זייער פריינטלעך צו יוסף נשיא. ער דערהויבט אים צום ראַנג פון דוקוס און שענקט אים דאָס אינדזל נאַקסאָס. יוסף בלייבט אָבער זיצן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, אין זיין פּרעכטיקן פּאַלאַץ בעלוועדער, און נעמט אַ שטאַרקן אָנטייל אין דער פירונג פון די מלוכה־ענינים.

דעם זעלבן יאָר הויבן אויף די פּראָטעסטאַנטישע איינוואוינער פון האָלאַנד אַ מרידה קעגן דער טיראַניי פון פיליפּ דעם צווייטן פון שפּאַניע, יורש פון קאַרל דעם פינפטן. דאָן יוסף נשיא שיקט זיי גלייך אַ דערמוטיקונגס־בריוו, אין וועלכן ער זאָגט זיי צו זיין שטיצע. דער פירער פון אויפשטאַנד, פּרינץ ווילהעלם פון אָראַניע ווענדט זיך דאָן צו יוסף נשיא, אַז ער זאָל באַוועגן דעם סולטאַן צו דערקלערן קריג שפּאַניע. טערקיי טרעט אַריין אין אַ קאָנפליקט מיט שפּאַניע, און ווען אַפילו טערקיי ליידט אַ שטאַרקע מפּלה אין דער ים־שלאַכט פון לעפּאַנטאָ, ווערט דאָך האָלאַנד פריי און הויבט אָן צו דינען ווי אַן אַזיל־לאַנד פאַר מאַראַנען און יידן. לויטן שלום־אָפּמאַך פון אוטרעכט אין 1579, פּראָקלאַמירט האָלאַנד רעליגיעזע טאָלעראַנץ און אין 1593 קומט אָן קיין אַמסטערדאַם די ערשטע גרופּע מאַראַנען, געפירט פון יעקב טיראַדאָ.

אויף דער עצה פון דאָן יוסף נשיא, טרעט אַריין סעלים דער צווייטער אין מלחמה מיט ווענעציע און רייסט פון איר אָפּ דאָס אינדזל ציפּערן, פון וועלכן יוסף נשיא זאָל פּראָקלאַמירט ווערן מלך. אָבער נאָכן טויט פון סעלים דעם צווייטן אין 1574 ווערט דאָן יוסף נשיא דערווייטערט פון די מלוכה־ענינים. זיין פּלאַץ פאַרנעמט אַ צווייטער ייד, דער הויף־דאָקטאָר שלמה אשכנזי, וואָס שליסט דעם שלום מיט ווענעציע און ווערט שטאַרק ווירקן אויף דער פּאָליטיק פון דער טערקישער אימפּעריע. יוסף נשיא לעבט צוריקגעצויגן אַ יאָר פינף; פאַר דער צייט שרייבט ער אָן אַ ספר „בן פורת יוסף" און שטאַרבט אין 1579. זיין אַלמנה, ריינאַ, די טאָכטער פון חנה נשיא (גראַסיאַ מענדעז), וועט נאָך אַ צייט פאָרזעצן די יידישע טעטיקייט פון איר באַרימטער מוטער און נישט ווייניקער באַרימטן מאַן.

118טע לעקציע

שטורעמען די הימלען: קאַבאַליסטישער משיחיזם

דער אר״י, זיינע פאָרגייער און נאָכפאָלגער

די פאַרשידענע פרוּוון צו ברענגען די גאולה זענען דורכגעפאַלן. די הימלען דערלאָזן הפּנים נישט; דאַרף מען שטורעמען די הימלען און לויט דער קבלה, איז דער מענטש, דער ייד, בכוח עס צו טאָן. דער מענטש איז דאָך דער צענטער און צוועק פון באשאַף, ער פאַראייניקט אין זיך די ערדישע און די הימלישע וועלטן. ער איז די אָפּשפּיגלונג פון דער גאָטהייט אויף דער וועלט, און נישט נאָר שטייט ער אונטער דער השגחה פון גאָט, נאָר ער קאָן אויך משפּיע זיין אויפן כביכול מיט פאַרשידענע מיטלען, מיט זיינע מעשים־טובים, אויך מיט השבעות, באַשווערונגען מיט די הייליקע נעמען פון גאָט, וואָס קאָנען געשאַפן ווערן לויט די מיסטעריעזע צרופי־אותיות, קאָמבינאַציעס פון אותיות פון העברעאישן אלף בית, וואָס האָבן אַ גרויסע מיסטישע קראַפט, אַ סודותפולן כוח יצירה. דאָס ווערט אָנגערופן קבלה מעשית, פּראַקטישע קבלה. אויך אין דעם פּראָבלעם פון דער גאולה קאָן דער הימל באַאיינפלוסט ווערן.

לויטן תלמוד איז די גאולה מעגלעך אין צוויי אופנים. אָדער אין דער צייט וואָס גאָט האָט פאַר איר פון לכתחילה באַשטימט (בעתה), אָדער פריער פון דער באַשטימטער צייט, ווען די אויפפירונג פון פאָלק ישראל וועט באַווענ כביכול צואיילן די גאולה (אחישנה). לויט דער קבלה איז דער גלות אַן אויסשטראַלונג פון די כוחות פון שלעכטס, סמאל, זיין ווייב לילית און אַלע אַנדערע שדים, וואָס דערלאָזן נישט מיט כלערליי תחבולות, אַז משיח זאָל צואיילן זיין קומען. פון דעם אַלעמען איז געדרונגען, אַז יידן זענען בכוח צוצואיילן די גאולה און אַראָפּברענגען משיחן דורך מעשים־טובים, תפילה, תענתים, סגופים (קערפּער־פּייניקונג) און השבעות מיט די געהעריקע נעמען פון גאָט. אין צפת, די פעסטונג פון די מקובלים אין ארץ ישראל, זאַמלען זיך אין זעכצנטן יאָרהונדערט די כוחות, וואָס וועלן שטורעמען די הימלען, אויף אַראָפּצוברענגען משיחן אויף גוואַלד פאַר דער באַשטימטער צייט.

וועגן דעם ערשטן, וואָס האָט געוואָגט צו גיין אויף אַזאַ געפערלעכן וועג, איז פאַרבליבן אין די קרייזן פון די מקובלים בלויז אַ לעגענדע. יוסף דע לאַ ריינאַ זאָל ער זיך האָבן גערופן. צוזאַמען מיט זיינע פינף תלמידים האָבן זיי דורך תעניתים און תפילות, סגופים און דשבעות זיך דערוווּסט פון אליהו הנביא און אַנדערע מלאכים (אין יאָר 1530), אַז די וואָס האַלטן אָפּ די גאולה, דער שׂטן, סמאל און זיין ווייב לילית, לעבן אין מדבר אין דער געשטאַלט פון צוויי שוואַרצע הינט. האָבן יוסף דע לאַ ריינאַ און די תלמידים זיינע אָנגעשריבן קמיעות מיט די געהעריקע שמות, מיט זייער הילף געכאַפּט די כלבים און שוין געהאַלטן ביי אומברענגען זיי פשוט דורך הונגער. אָבער יוסף דע לאַ ריינאַ האָט רחמנות געקראָגן אויף די גוססדיקע שדים, און האָט זיי געוואָלט פאַרלייכטערן די גסיסה בלויז מיט אַ שמעק טאַבאַק. אָבער דערפון זענען זיי גאָר אינגאַנצן צו זיך געקומען און געוועלטיקן וויטער אויף דער וועלט, ביז צו היינטיקן טאָג... פאַר זיין רחמנות נישט אַמפּלאַץ איז יוסף דע לאַ ריינאַ מיט זיינע תלמידים פאַרשאָלטן געוואָרן פון ביידע וועלטן. יוסף דע לאַ ריינאַ איז אַרויס לתרבות רעה, פאַרפּלאָנטערט זיך אין אַ ליבע מיט אַ נישט־יידישער פרוי, און באַגאַנגען זעלבסטמאָרד.

אַרום העלפט זעכצנטן יאָרהונדערט פאַרזאַמלט זיך אין צפת אַ גרעסערע גרופּע מקובלים, צווישן זיי ר' משה קאָרדאָווערא, דער פירער פון דער גרופּע, ר' שלמה אַלקאַבעץ, פאַרפאַסער פון לכה דודי, ר' יוסף קאַראָ, פאַרפאַסער פון שולחן ערוך, אליהו דע ווידאַש און אַנדערע, און די גרופּע נעמט זיך ענטוזיאַסטיש מקרב צו זיין די גאולה. אין זיין ספר „פרדס רמונים", גראַנאַטן־גאָרטן, דרינגט ר' משה קאָרדאָווערא, אַז עס זענען פאַראַן דריי למודים מיט וועלכע מען קאָן קומען צו דער־קענטעניש פון בורא עולם, דער וועג פון תנ"ך, דער וועג פון תלמוד און דער וועג פון קבלה, וואָס האָט די גרעסטע השפעה. די פּאַסיקסטע צייט צו לערנען קבלה זענען די שעהען נאָך האַלבער נאַכט און דער טאָג שבת, ווען אוניווערז און מענטש, און כביכול אַליין קאָנען קומען אין געהעריקן צוזאַמענקלאַנג. אַ גאַנצע וואָך האָבן זיך די מקובלים אָפּגעגעבן מיט תשובה ומעשים־טובים, זיי האָבן געפאַסט אין באַשטימטע טעג, זיי פלעגן פראַווען חצות מיט קינות און סליחות, נישט עסן קיין פלייש און נישט טרינקען קיין וויין אַ גאַנצע וואָך, חוץ שבת.

שבת איז דאָך די אָפּשפּיגלונג פון עולם־הבא, פון די משיח־טעג, פלעגן זיי אויפנעמען שבת מיט ספּעציעלע הכנות. ערב שבת פלעגן זיי זיך מתודה זיין איינער פאַרן צווייטן אויף זייערע זינד, בכדי אויפצונעמען שבת געלייטערטע דורך תשובה. פאַרנאַכט, געקליידט אין ווייסן, פלעגן זיי אַרויס אין די פעלדער אַרום צפת מקבל פּנים זיין די מלכה שבת און אַריינפירן זי אין שטאָט אַריין מיט תהלים, מזמורים און דעם שבת־הימן לכה דודי פון ר' שלמה אַלקאַבעץ, וווּ עס ווערט געזאָגט צווישן אַנדערעס:

מקדש מלך, עיר מלוכה,
קומי, צאי מתוך ההפכה,
רב לך שבת בעמק הבכא,
והוא יחמול עליך חמלה.
התעוררי, התעוררי,
כי בא אורך,
קומי אורי, עורי, עורי,
שיר דברי, כבוד ד׳ עליך נגלה.

קעניגלעכער מקדש, מלוכהדיקע שטאָט,
קום, גיי אַרויס פון דער צעשטערונג,
גענוג שוין געזעסן אין יאָמער־טאָל,
ער וועט זיך שוין דערבאַרעמען אויף דיר.
דערוואַך, דערוואַך,
ווייל געקומען איז דיין ליכט.
שטיי אויף און לייכט, וואַך אויף, וואַך אויף,
זינג אַ ליד, ווייל גאָטס כבוד האָט אויף דיר
אויפגעשיינט.

א צווייטער באַגאַבטער פּאָעט וואָס האָט באַלאַנגט צו דער גרופּע, ר׳ ישראל נאַג׳אַרא, האָט פאַרפאַסט אַ רייע פּיוטים אין העברעאיש און אַראַמעאיש, וואָס זענען פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ זאַמלונג אונטערן נאָמען „זמירות ישראל״, ער האָט אויך פאַרפאַסט אַ געזאַנג „יה רבון עלם ועלמיא״, האַר פון אַלע וועלטן, וואָס ווערט געזונגען פּריוויטיק צו נאַכט ביי דער סעודה און ווו איין פערז בעט זיך ממש אויף דער גאולה:

אלה, דיליה יקר וקדושא,
פרוק ית ענך מפום אריותא,
ויפק ית עמך מגוד גלותא,
עמך דבחרת מכל אומיא.

גאָט, וואָס זיינס איז דער גלאַנץ און
הייליקייט,
לייז אויס דיינע שאָף פון לייבן־מיילער,
און פיר אַרויס דיין פאָלק פון גלות,
דאָס פאָלק וואָס דו האָסט אויסדערוויילט
פון אַלע פעלקער.

מיר האָבן שוין געזען ווי ענטוזיאַסטיש די דאָזיקע מקובלים־גרופּע האָט אויפגענומען דעם פּרווו צו באַזעצן טבריה. אָבער אויך דאַן ווען פון דעם פּרווו איז גאָרנישט געוואָרן, האָבן זיי די האָפענונג נישט אויפגעגעבן.

נאָך איידער דער פירער פון דער גרופּע, ר׳ משה קאָרדאָווערא, איז פּריציי־טיק געשטאָרבן, איז צו איר צוגעקומען דער וווּנדערבאַרער ר׳ יצחק לוריא אשכנזי, באַקאַנט אונטערן ראשי תבות אר״י. געבוירן אין ירושלים אין 1534, דערצויגן אין מצרים אין דעם הויז פון אַ רייכן פעטער זיינעם, האָט דער אר״י אַ שטיק צייט גע־לעבט איינזאַם אין אַ ביידל, ביים טייך נילוס און נאָר פון שבת צו שבת פלעגט ער קומען אַהיים. דאָרט ביים טייך, וואָס האָט געזען די פאַרשקלאַפונג פון ן פאָלק, האָט זיך דער אר״י פאַרטיפט אין דער מיסטעריע פון שלעכטס און לײדן און געוואָלט דער־גיין, פון וואַנען קומט דאָס שלעכטס אויף אַ וועלט, וואָס איז באַשאַפן געוואָרן פון אַ גאָט, וואָס איז דאָך לויטער גוטס. ער האָט זיך דערטראַכט צו דעם, אַז אַלץ ציט און שטרעבט צום איינציקן מקור, צום גייסטיקן קוואַל פון לויטערקייט און גוטס, צו גאָט ברוך הוא. אָבער די מגושמדיקע מאַטעריע, וואָס שליסט אַלץ איין אין אַ האַרטער שאָלעכץ פון חומר (קליפּה) דערלאָזט נישט די פונקען פון דער קדושה, וואָס זענען דאָ אין יעדער זאַך (ניצוצות) צו דערהייבן זיך צו זייער מקור. דערפאַר איז די וועלט אַזוי פול מיט טומאה, פּיין לײדן און בענקשאַפט. די אויפגאַבע פון דעם

מענטשן, בעיקר פון דעם יידן, איז צו באפרייען דורך תפילה, סגופים און השבעות מיט שמות, די אלע פונקען פון זייערע חומרדיקע קליפות. דאן וועט קומען די גאולה פאר אלץ און פאר אלעמען און די איינציקע מלוכה אויף אלע וועלטן וועט זיין די געטלעכע.

דער מענטש דארף זיך דערהויבן אויף צו ווערט זיין די גאולה. דערציילט מען טאקע, אז אין א פרייטיק פארנאכט האט דער אר״י פלוצלינג א פרעג געטאן זיינע תלמידים: „ווילט איר אראפפארן מיט מיר איצט קיין ירושלים, דארט שבת האלטן?״ די תלמידים האבן געצעגערט. יא, זיי וואלטן געפארן, אבער זיי מוזן פריער גיין מודיע זיין די פרויען. דאן האט דער אר״י אויפגעציטערט און געזאגט: „וויי צו אונדז, וואס מיר האבן נישט געהאט די זכיה אויסגעלייזט צו ווערן. ווען איר צעגערט נישט און זייט גלייך מסכים איינשטימיק צו פארן מיט שמחה, וואלט משיח געקומען״... צעגערן און ווארטן זענען הפנים נישט קיין סגולה צו דערלייזונג.

פארצערט פון אינערלעכן פייער פון שטענדיקער התלהבות, איז דער אר״י געשטארבן צו 38 יאר, אין 1572. דירעקט פון אים זענען געבליבן בלויז דריי זמירות אין אראמעאיש, וואס חסידים זינגען ביז היינט צו טאג ביי די דריי שבתדיקע סעודות: פרייטיק צו נאכטס, שבת מיטאג און צו של״ש סעודות.

די לערעס און געדאנקען פון אר״י ווערן פארשפרייט איבער דער גאנצער יידישער וועלט דורך זיינע תלמידים, וואס בילדן א מין אָרדן מיטן נאמען „גורי־ארי״, לייבעלעך. זיין תלמיד ר׳ חיים וויטאל קאלאברעזע נעמט צונויף און פארעפנטלעכט זיינע כתבים, צו וועלכע ער גיט צו א סך אייגענע געדאנקען. עס שאפט זיך די מיינונג, אז דער אר״י איז געווען משיח בן יוסף, בלויז דער פארגייער פון ריכטיקן באפרייער, משיח בן דוד. ר׳ ישראל סארוק, איינער פון די גורי־ארי פארשפרייט די מיינונג אין אייראפע, וווהין ער קומט אלס שליח פון די קאבאליסטן אין צפת. די גאולה־געזאנגען, וואס זענען פארשטומט געווארן אויף די פעלדער און אין די טאלן פון גליל, וועלן אפהילכן אין קנאפע הונדערט יאר נאכן טויט פון אר״י און וועלן אויפטרייסלען די יידישע און נישט־יידישע וועלט דורך איינעם פון זיינע נאכפאלגער, א מיסטיקער און א בעל־מקובל, וואס וועט גלויבן און מאכן גלויבן אנדערע, אז ער איז עס טאקע דער משיח בן דוד.

119טע לעקציע

1648, דאָס יאָר פון משיח

א. — דער אשכנזישער צענטער אין מזרח־אייראָפּע
(פון זיין אַנטשטייאונג אין 8טן יאָהונדערט ביז 1648)

מיט די קרייצצוגן הויבט זיך אָן די איבערוואַנדערונג פון יידישן צענטער אין אייראָפּע, פון מערב צו מזרח. אנשטאט שפּאניע און דייטשלאַנד, קומען אויף די צענטערן אין טערקיי (ספרדים) און פּוילין (אשכנזים).

קיין פּוילן זענען יידן געקומען פון צוויי ריכטונגען. פון מזרח אזוי פרי ווי אין 8טן און 9טן יאָרהונדערטער, ווען די שטאַרקע טאַטערישע מלוכה פון יידישן גלויבן, די כאַזאַרן, האָט דערגרייכט כמעט ביז צו די קאַרפּאַטן־בערג; שוין אין צוועלפטן יאָרהונדערט פאַרמאָגט קיעוו א היפּשע יידישע קהילה מיט אזא באַדייטנדיקן רב ווי ר׳ משה קיעווער, מיט וועמען די קריסטלעכע גייסטלעכע פון קיעוו פלעגן פירן וויכוחים. א צווייטער משה קיעווער מיטן ביינאָמען הגולה איז טעטיק אין 15טן יאָרהונדערט.

פון מערב פלעגן אין די זעלבע צייטן קומען קיין פּוילן די גרויסע יידישע וועלט־סוחרים, די ראַדאַניטן, וואָס האָבן געפירט מסחר צווישן די געביטן פון מערב און מזרח אייראָפּע און האָבן געהאַט איינע פון זייערע מערב־סטאַנציעס אין רעגנס־בורג. די יידן, געקומענע פון מזרח און מערב לשם געשעפט, האָבן זיך ביסלעכ־ווייז אָנגעהויבן באַזעצן אין פאַרשידענע פירשטנטומס פון פּוילן, ליטע און רייסן, נאָר די אַלגעמיינע צאָל פון איינגעזעסענע יידן אין די מזרח־געביטן איז ביז די קרייצצוגן געווען רעלאַטיוו קליין. אָבער שוין פון דעם ערשטן קרייצצוג אַנט־לויפן א סך יידן פון צענטער־אייראָפּע אין די פּוילישע געביטן. אין יאָר 1098 ראַטעווען זיך אהין די יידן, וואָס האָבן זיך בשעת סכנה געשמדט און האָבן געזוכט די ערשטע געלעגנהייט זיך צוריקקערן צו יידישקייט. די עמיגראַציע פון יידן פון מערב צו מזרח רופט אפילו אַרויס א דיפּלאָמאַטישן קאָנפליקט. דער הערשער פון ביימען פאָדערט פון א פּוילישן פירשט, ער זאָל אים אָפּגעבן דאָס פאַרמעגן פון „זיינע" יידן... וואָס זענען אנטלאָפן קיין פּוילן.

די דאָן צוריקגעשטאַנענע עקאָנאָמישע אַנטוויקלונג פון די פּוילישע פירשטנ־טומס נויטיקט זיך שטאַרק אין דער אַקטיווער מיטווירקונג פון די אונטערנעמערישע יידן, וואָס גיבן זיך לכתחילה אָפּ מיט געלט־מסחרים: פאַרלייען געלט אויף פּראָצענט און פּאַכטן די מינץ־גיסערייען פון די פירשטן. עס זענען פאַרבליבן ביז היינט זילבערנע פּוילישע מטבעות פון יענע צייטן, מיט העברעאישע אויפשריפטן, די נעמען פון די פירשטן און מלכים, די נעמען פון די יידישע מינץ־פּאַכטער, און אייניקע העברעאישע ווערטער, ווי: מזל־טוב, ברכה א. א. וו. מעגלעך, אַז פון דעם זאָל האָבן אויפגעקומען די לעגענדע פון אַ יידן, וואָס איז געווען איין טאָג מלך פון פּוילן. לויט אייניקע איז עס אברהם פּראָכאָווניק, לויט אַנדערע איז עס שאול וואָל.

אויף וויפל עס פאַרשטאַרקן זיך די רדיפות אין דייטשלאַנד, וואַקסט דער יידישער ישוב אין פּוילן. די פּוילישע פירשטן גיבן די יידן ספּעציעלע גאַראַנטיעס און פּריווילעגיעס, בכדי זיי זאָלן קומען זיך באַזעצן אין לאַנד. פאַר טויטן אַ יידן ווערט אויפגעמאָנט ווי פאַר באַליידיקן דעם פירשט, פאַרשוועכן אַ הייליקטום, אָדער הרגענען אַן אדלמאַן. אין 1264 גיט דער קאַלישער פירשט באָלעסלאַוו דער פרומער אַ פּריווילעגיע־שריפט צו די יידן, וואָס לעבן שוין אין זיין פירשטנטום, ווי אויך פאַר די, וואָס וועלן זיך קומען דאָרט באַזעצן. אין 1334 איז שוין פּוילן אַ מלוכה, און איר קעניג קאַזימיר דער גרויסער גיט אַרויס אַ גענעראַל־פּריווילעגיע פאַר אַלע יידישע איינוווינער פון לאַנד. אַ רעזומען פוןביידע פּריווילעגיעס (די באָלעסלאַוו־קאַזימיר פּריווילעגיע) ווערט באַשטעטיקט פון יעדן נייעם פּוילישן מלך. נאָך ברייטער איז די פּריווילעגיע, וואָס די יידן פון פירשטנטום ליטע באַקומען אין 1388 פון דעם פירשט וויטאָווט. אין דער פּריווילעגיע ווערן באַוואָרנט די יידישע פּרנסות: וואוכער, האַנדל, מלאכה, שענקעריי און לאַנדווירטשאַפט. צו דער צייט פון גירוש שפּאַניע לעבן אין פּוילן און ליטע אַרום דרייסיק טויזנט יידן, אָרגאַניזירט אין זעכציק קהילות.

די יידן געניסן אין פּוילן פון אַ גאַנץ ברייטער אויטאָנאָמיע. זיי ווערן נישט איינגעשלאָסן אין קיין שטאַנד פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, נאָר זיי האָבן זייער אייגענע פאַרוואַלטונג, די קהילות, און אייגענע געריכטן, וואָס משפּטן לויט די יידישע דינים פון תלמוד און פּוסקים. געמישטע פּראָצעסן צווישן יידן און קריסטן ווערן דערלידיקט דורכן געריכט פון פירשט, אָדער פון זיין אָרטיקן שטעלפאַרטרעטער, דער „וואָיעוואָדע״. די קהילות האַלטן אָן די ערשטע צייט אַ געמישטע האַלב־דעמאָקראַטישע אָרגאַניזאַציע. אין דער אַלגעמיינער פאַרזאַמלונג (אסיפה) באַטייליקן זיך אַלע באַלעבאַטים, אָבער בלויז די פאַרמעגלעכע קאָנען דערוויילט ווערן צום ראַט פון די טובים און בלויז די גאָר רייכע צו דער פאַרוואַלטונג (ועד). די קהילות זענען די וואָס דאַרפן איינמאָנען די צינזן און שטייערן פאַר דער מלוכה. זיי זענען דערפאַר אָרגאַניזירט אין אַ צענטראַלער אָרגאַניזאַציע, וואָס קומט זיך צונויף צוויי מאָל אַ יאָר אויף די ירידים פון לובלין (פרילינג) און יאַראָסלאַוו (הארבסט) און באַהאַנדלען שוין פאַר איינוועגס

אויסער די פראַגן פון צינזן אויך אַלגעמיינע ענינים, פירן איין די נויטיקע תקנות סיי אויפן רעליגיעזן, סיי אויפן ציווילן געביט. דער אויספיר־אָרגאַן פון די צוזאַמענפאָרן אין וועלכע עס באַטייליקן זיך רבנים און באַלעבאַטים, ווערט אָנגערופן ועד אַרבע ארצות, דער קאָמיטעט פון די פיר מדינות: גרויספוילן, קליינפוילן, ליטע און די דרום־מזרח גע־ביטן (וואָלין, פּאָדאָליע). מיט דער צייט וועט ליטע באַקומען אַן אומאָפּהענגיקן ועד, אָבער דער נאָמען וועט בלייבן נישט געענדערט און עס וועט ווייטער הייסן „ועד ארבע ארצות".

פון מיטן פערצנטן יאָרהונדערט, צוליב די שחיטות און שייכות מיט דער שוואַרצער מגפה, שטאַרקט זיך דער שטראָם פון עמיגראַציע פון מזרח צו מערב, וועל־כער האַלט אָן דעם גאַנצן פופצנטן און זעכצנטן יאָרהונדערט. אין משך פון וועלכע עס קומט פאָר דער פּראָצעס וואָס קאָן באַצייכנט ווערן ווי דער גירוש פון צענטראַל־אייראָפּע. ארום העלפט פון זעכצנטן יאָרהונדערט לעבן שוין אין פּוילן א דריי הונ־דערט טויזנט יידן אין א 150 קהילות.

זייער עקאָנאָמישע וויכטיקייט אין ליטע איז נאָך פיל גרעסער ווי אין פּוילן. ווען אין 1495 טרייבט ארויס דער גרויספירשט אַלעקסאַנדער יאַגעלאָ די יידן פון ליטע, ווערט די עקאָנאָמיק פון לאַנד אַזוי צעטרייסלט, אַז ער מוז זיי צוריקרופן אין 1503, ווען ער איז שוין אויך קעניג פון פּוילן.

דער צופלוס פון דער געצוואונגענער און גוטוויליקער עמיגראַציע פון מערב, און דער קאַמף אויפן אָרט מיט די פּריווילעגירטע שיכטן: אַדעליקע, קירכע און קריסט־לעכע סוחרים, טראָגט אריין אין פאַרלויף פון זעכצנטן, און די ערשטע העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט, א גרינטלעכע ענדערונג אין דער עקאָנאָמישער סטרוקטור פון פּוילישן יידנטום, וואָס רופט זיך אויך אָפּ אויף זיין קאָנצענטרירטקייט. די קירכע האָט נאָך אין דרייצנטן יאָרהונדערט אָנגענומען די קלאַסישע מאַסמיטלען פון באַשרענקונ־גען קעגן יידן, נאָר זיי זענען די ערשטע צייט נישט אָנגעווענדט געוואָרן מיט דער גאַנצער שטרענגקייט, דער מצב אין לאַנד האָט עס נישט דערלויבט. אָבער מיט דער אַנטשטייאונג פון יעזואיטן־אָרדן אין זעכצנטן יאָרהונדערט, וועלכער באַקומט א שטאַרקע השפעה אין פּוילן, ווערן די קירכלעכע דיספּאָזיציעס אין באַצוג צו יידן שטרענגער אָפּגעהיט.

די אַדעליקע (שליאַכטע) אימפּאָנירן א רייע באַגרענעצונגען פאַר יידן אויפן געביט פון וווכער, ווי אויך פון פּאַכטן די מינץ, צינזן און אַנדערע מלוכה־הכנסות. די לעצטע פּרנסות וויל די שליאַכטע פאַר זיך. יידן ווערן געצוואונגען צו וואַרפן זיך צו מסחר, בעיקר צו עקספּאָרט פון די לאַנד־פּראָדוקטן און רויסטאָפן, און אימפּאָרט פון אויסלענדישע אויסאַרבעטונגען. זיי אַנטוויקלען אויף די געביטן אַזאַ טעטיקייט, אַז זיי אַליין נויטיקן זיך שוין אין קאַפּיטאַלן, וואָס זיי לייען ביי די רייכע פּריצים, קירכעס, מאָנאַכן־אָרדנס און פאַרמעגלעכע איינוווינער. יידישע סוחרים הויבן אויך אָן

לייען געלט אויף פּראָצענט ביי יידן, וואָס איז פאַרבאָטן לויט דער תורה. אָבער דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אַ סך פאַרבאָטן. די תורה האָט דאָך בעיקר געהאַט אין זינען די הלוואות, וואָס אַ נישט־פאַרמעגלעכער מאַכט אין צייט פון נויט, ווי עס איז געווען דער פאַל אין די גאָר אַלטע צייטן, און דאַן איז טאַקע געווען אַ רציחה צו נעמען פּראָצענט. אָבער ווען געלט ווערט געליען אויף צו טרייבן מסחר און פאַרדינען דערביי, איז נישט קיין יושר, אַז דער פאַרלייער זאָל גאָר קיין הנאה נישט האָבן פון דעם וואָס דער לייער פּראָפיטירט אַזוי פיל. ווערט אין 1607 איינגעפירט אין פוילן דער „היתר עסקא", אַ דערלויבעניש, לויט וועלכן דער פאַרלייער ווערט באַטראַכט ווי אַ שותף צו די פאַרדינסטן פון דעם לייער, און דער לעצטער קויפט ביי אים אָפּ זיין חלק פאַר אַ באַשטימטן פּראָצענט פון געליענעם קאַפּיטאַל... די תקנה ווערט איינגעפירט פון הויפּט־רב ר' יהושע פאַלק כהן (דער סמ"ע). קעגן אַ שאַרפער אָפּאָזיציע פון אַ טייל אָנגעזעענע רבנים, ווערט די תקנה גוטגעהייסן. דאָס פאַכטן די מלוכה־איינגאַמען גייט טאַקע איבער אין אַ גרויסן טייל צו די אַדעליקע, אָבער זיי זענען נישט פעאיק און האָבן אויך נישט קיין חשק צו טרייבן דאָס געשעפט, מוזן זיי אָנקומען צו יידן אַלס סוב־פאַכטער. זיי פאַרדינגען אויך צו יידן די הכנסות וואָס זיי באַקומען פון די פּויערים לויט די פעאָדאַלע געזעצן, ווי אויך דעם פאַרקויף פון בראָנפן, אַרענדע פון מילן, טייכן, בריקן, וועגן וכ'.

די קלענערע יידישע סוחרים, וואָס קאָנען נישט אויסהאַלטן דעם דרוק פון די קריסטלעכע הענדלער, פאַרלאָזן ביסלעכווייז דעם מסחר און גייען אַלץ מער אַריבער צו מלאכה, אָבער אויך אויף דעם געביט האָבן זיי פיל אויסצושטיין פון די קריסטלעכע פּריווילעגירטע בעל־מלאכישע צעכן, און פיל יידן מוזן זיך אַוועקלאָזן אין די קלענערע שטעטלעך און דערפער, וווּ קיין צעכן עקזיסטירן נישט. בלויז די ספּעציאַליסטן בעלי מלאכות פון אייניקע פאַכן קאָנען אָנהאַלטן זייער קיום אין די גרויסע שטעט, וווּ זיי גרינדן אפילו אייגענע יידישע צעכן (גראַווירן, וועבן מיט גאָלד־פעדים, קונסט־אַרבעט וכ').

אַ סך יידן לאָזן זיך אַוועק אין די דרום־מזרחדיקע ראַנד־געביטן (אוקריינע), וואָס האָט דאַן געהערט צו פוילן און וווּ פּוילישע פּריצים באַזיצן גרויסע מאַיאָנטקעס, וואָס זיי זוכן צו באַזעצן מיט פּויערים, וועמען זיי גיבן די ערשטע צייט ספּעציעלע פאַרלייכטערונגען. אָבער ווי נאָר די ישובים באַפעסטיקן זיך, הויבן אָן די פּריצים צו דריקן זייערע פּויערים, וואָס געהערן נאָך דערצו צו אַן אַנדער פאָלק (קליינרוסן) און צו אַן אַנדער גלויבן, גריכיש־אָרטאָדאָקסישן. יידן פאַלן דאָ נישט־ווילנדיק אַריין אַלס אינסטרומענטן פון דער פּוילישער פּריצישער עקספּלואַטאַציע פון די אוקריינישע פּויערים. דער פּריץ זיצט ערגעצוווּ אין וואַרשע, אָדער אין אַנדער שטאָט. דאָ אויפן אָרט פאַרטרעט אים מערסטנטייל דער ייד, וואָס פאַכטעט דעם שענק, דעם פאַרקויף פון זאַלץ, דעם וועג, די בריק, דאָס פּריצישע גוט, אויף וועלכער דער פּויער

דאַרף אַרבעטן עטלעכע טעג אין וואָך אומזיסט, און אָפּטמאָל אַפילו אויך די קירכע. די אומצופרידנקייט צווישן דער אַרטיקער באַפעלקערונג וואַקסט, אָבער דערווייל קאָן די מאַכט פון דער פּוילישער מלוכה צוימען דעם פאָלקס־צאָרן און יידן לעבט זיך רע־לאַטיוו נישט שלעכט ביים מויל פון אַ ווולקאַן, וואָס קאָן יעדע מינוט אויסברעכן.

פּאַראַלעל מיט דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג גייט אויך אויף דאָס גייסטיקע לעבן פון פּויליש־יידישן ישוב, און פּוילן ווערט אַ מקום תורה. אין אַלע גרעסערע און קלענערע קהילות ווערן געגרינדעט ישיבות, אָנגעפּירט פון גרויסע לומדים, וואוהין עס ציען יונגעלייט פון די פאַרבליבענע ישובים אין צענטראַל־ און מערב־אייראָפּע. אַ סך קהילות פון אויסלאַנד באַציען רבנים און כלי קודש פון פּוילן, וואוהין מען ווענדט זיך אָפּט מיט שאלות פון דער גאַרער וועלט. פּוילן איז געוואָרן די יורשטע פון ארץ־ישראל, בבל און די צעשטערטע גייסטיקע אשכנזישע צענטערס אין מערב־אייראָפּע.

דער ישוב אין פּוילן אַרבעט אַפילו אויס אַן אייגענעם דרך אין לימוד התורה. דער תלמוד איז פאַר די טויזנט יאָר, זינט ער איז געשלאָסן געוואָרן, שטודירט גע־וואָרן אַזוי אַלזייטיק, אַז עס לאָזט זיך שוין כמעט נישט אויפטאָן קיין נייס ביי יענעם קולטור־מצב. דער פּירוש רש״י, די צוגאַבן פון די בעלי־התוספות, די קאָמפּענדיומס פון די פּוסקים, האָבן פּאַקטיש אויסגעשעפּט די שטודיום־מעגלעכקייטן. אָבער דער שאַרפער מוח פון ר׳ יעקב פּאָלאַק, וועלכער גרינדעט אין 1509 די ערשטע פּוילישע ישיבה אין קראָקע, געפינט אַן אויסוועג. דער פּלפּול פון פּומבדיתא אין בבל, ווערט מגולגל אין שאַרפזיניקן פּוילישן „חילוק״. עס איז אַ שאַרפזיניקע אַקראָבאַטיק, גע־פלאָכטן פון די שכלדיקסטע איינפאַלן, נישט לשם פאַרשן דעם ריכטיקן פשט, מיין און זין פון אַ תלמודישער סוגיא, נאָר בכדי הנאה צו האָבן פון די עצם קונצשטיק אויפן געביט פון דיאַלעקטיק, וואָס שאַרפט דעם מוח. מען נעמט לכתחילה אָן אַ פאַלשן געדאַנק און מען דערווייזט מיט שאַרפע חריפות, אַז ער איז ריכטיק וואָס ריכטיקער קאָן שוין נישט זיין. לסוף קומט מען אַרויס מיט נאָך חריפותדיקערע איינפאַלן אויף צו דערווייזן, אַז ער איז פאַרט פאַלש. אַזאַ פּרוכטלאָזער מוחן זיך מוז שלעכט ווירקן אויף דער פּערזענלעכקייט פון לומדן, וואָס דערווייטערט זיך אַלץ מער פון פּאָזיטיוון צוגאַנג צו זאַכן און שוועבט שטענדיק אין די עולמות פון אויסטערלישע המצאות און קונציקע איינפאַלן, וואָס האָבן באמת קיין האַפט נישט.

דער דרך פון חילוק ווערט פאַרגעזעצט פון ר׳ יעקב פּאָלאַקס תלמיד ר׳ שלום שכנא בן יוסף, ראש־ישיבה אין לובלין (1500־1559), פון וואַנען עס זענען אַרויס־געקומען די גרעסטע רבנישע אויטאָריטעטן פון פּוילן: ר׳ משה בן ישראל איסערליש (רמ״א) (1520־1572) און ר׳ שלמה לוריא (רש״ל) (1510־1573). דער רמ״א, ביי זיין גאַנצער לומדות און פרומקייט, האָט נאָך אַ וועלכע ס׳איז באַציאונג צו ענינים וואָס געפינען זיך אויסער די פיר איילן פון הלכה, ער שטודירט די מיטלאַלטערלעכע

יידישע דענקער, ער איז באקאנט מיטן מורה נבוכים. ער איז אפילו נישט פרעמד פון הכמות חיצוניות, ווי מאטעמאטיק, אסטראנאמיע, אבער געפאנגען אין די נעצן פון דער קאפשווינדלערישער פילפוליסטיק, ווערט ער אן די פעאיקייט צו באטראכטן ענינים און איבערגעבן זיי סיסטעמאטיש און צוגענגלעך. זיין ווערק „תורת העולה" איז אזוי סיסטעמלאז און צעפלאסן, אז עס לייענט זיך גאנץ שווער.

ווען קיין פוילן דערגרייכט דער שולחן ערוך פון ר' יוסף קארא, האלט דער רמ"א, אז דער ספרדישער גדול האט נישט גענוג גענומען אין אנבאטראכט די מנהגים פון די אשכנזים. ער טרעט נישט ארויס קעגן דעם פוסק, וואס איז אנערקענט געווארן בכל תפוצות ישראל, נאר פארפאסט א צוגאב צום שולחן־ערוך, מיטן נאמען מפה (טישטוך), אין וועלכן עס גייען אריין די מנהגים פון די אשכנזים און זייער אויפפא־סונג פון א רייע ענינים. פאר די אשכנזישע קהילות איז גילטיק דער כלל, אז ביי א הלוקי דעות צווישן ר' יוסף קארא און דעם רמ"א, בלייבט דער דין ווי דער רמ"א.

דער חבר און קרוב פון רמ"א, ר' שלמה לוריא (רש"ל) איז געווען א מענטש פון גאר אן אנדער שניט. אן אפשטאמער פון רש"י, געבוירן אין 1510, גרינדעט ער אין 1550 זיין ישיבה אין אסטרא און ווערט באשטימט אלס אפיציעלער הויפט־רב פון וואלין. זיינע לעצטע יארן פארברענגט דער רש"ל אין לובלין, וווּ ער איז געשטארבן אין 1573. דער רש"ל איז אינגאנצן פארטאן אין רבנישע ענינים און וויל נישט וויסן פון אנדערע וויסנשאפטן. ער איז אבער מער פאזיטיוו און סיסטעמאטיש. ער שאפט א מעטאדע פאר קריטיש אויספארשן דעם תלמוד און זיינע מפרשים. ער האלט, אז די פוסקים זענען טאקע גרוים און וויכטיק, אבער דער עיקר איז דער תלמוד, און נאר אויף אים פארלאזט ער זיך. דער רש"ל איז אן אפענער קעגנער פון חילוק און פילפוליסטיק. ער נעמט זיך צו סיסטעמאטיזירן און קריטיש באלייכטן די שווערע שטעלן פון תלמוד. אבער, א צו שארפער אנאליטיקער, האט ער באוויזן אין זיינע צוויי ווערק „חכמת שלמה" און „ים של שלמה" צו סיסטעמאטיזירן נישט מער ווי זיבן מסכתות. דער רש"ל איז שטרענג ארטאדאקסיש און א מחמיר אין אלץ, וואס איז נוגע דעם יידישן לעבנס־שטייגער. ער איז אויך נישט צופרידן מיט זיין חבר און קרוב, דער רמ"א, פארוואס יענער האט א וועלכע ס'איז באציאונג צו וועלטלעכן וויסן.

אויף דעם זעלבן וועג גייען דער רוב פון די פוילישע רבנים. זעלטן ווען עס געפינט זיך צווישן זיי אן אנהענגער פון אנדערע חכמות, ווי ר' דוד גאנז, דער מחבר פון „צמח דוד", און ר' מרדכי יפה, דער מחבר פון די „לבושים". לרוב גיבן זיי זיך אפ מיט סיסטעמאטיזירן הלכות, שרייבן באמערקונגען צום תלמוד, און צוגאבן צום שולחן־ערוך. אזוי זענען ר' שמואל איידלים (מרש"א), דער מהר"ם מלובלין, ר' יואל סירקים, מחבר פון ביאור חדש (ב"ח), ר' יהושע פאלק, מחבר פון ספר מאורת עינים (סמ"ע), שבנא כהן, מחבר פון טורי זהב (ט"ז).

דער ספרדי יוסף שלמה רופא דילמידיגו (יש״ר) פון קאַנדיאַ, וועלכער לעבט איייניקע יאָר אין פּוילן אַלס אַרצט ביים הויף פון גראַף ראַדזיוויל, אַ תלמיד פון באַ־רימטן גאַליליי און אַ מענטש פון אַ הויכער אייראָפּעאישער קולטור, מאָלט דעם דע־מאָלסדיקן קולטור־צושטאַנד פון פּויליש־ליטווישן יידנטום מיט פאָלגנדיקע ווערטער: „אַ שטאָק־פינצטערניש באַדעקט די ערד און דאָס אומוויסן איז שרעקלעך. נישט קוקנ־דיק דערויף וואָס דאָס גאַנצע לאַנד איז פול מיט ישיבות און בתי־מדרשים, איז אפילו דער לימוד התלמוד זייער פאַרקריפּלט. פון חכמות חיצוניות האָבן זיי קיין שום באַגריף, פאַרהאַסט איז זיי יעדער וויסן. גאָט, זאָגן זיי, דאַרף נישט קיין דקדוק, קיין מליצה, קיין מאַטעמאַטיק און אַסטראָנאָמיע. אַלע חכמות האָבן גויים אויסגעטראַכט, מען דאַרף פאַר זיי אַנטלויפן, ווייל זיי קאָנען, חלילה, אָראָפּפירן פון ריכטיקן וועג״. די איינציקע יידן, וואָס האָבן יאָ אַ נייגונג און פאַרשטענדעניש פאַר חכמה און וויסן זענען גראָד די קאַראַאימער. איינער פון זיי, יצחק בן אברהם פון טראָקי, געבוירן אין 1533, פאַר־פאַסט אַ דיסקוסיע־ווערק קעגן קריסטנטום מיטן נאָמען „חיזוק אמונה״, וועגן וועלכן וואָלטער איז מודה, אַז „די שאַרפסטע קעגנער פון דער (קריסטלעכער) אמונה האָבן נישט געבראַכט אַזעלכע ראיות, וואָס מען זאָל זיי נישט געפינען אין דעם „חיזוק אמונה״ פון יצחק טראָקי (1594).

וועגן דעם נידעריקן מצב פון יידישן חינוך אין פּוילן, טראָץ דעם סיסטעם פון חילוקים און פּילפּוליסטיק, זאָגט עדות דער באַרימטער רב פון פּראָג, ר׳ יהודה ליווא בן בצלאל, מהר״ל מפּראָג, אָדער דער הויכער ר׳ ליב, ווי דאָס פאָלק האָט אים גערופן. אין 1593 פאַרעפנטלעכט ער זיין „דרוש על התורה״, אין וועלכן ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן דער סיסטעמלאָזיקייט פון חינוך פון די קינדער, און פּילפּוליסטיק פון די גרויסע. די זעלבע שטעלונג וועט אָננעמען דער תלמיד פון מהר״ל, דער פּראָגער ראש ישיבה ר׳ אפרים פון לענטשיץ, אין זיין ספר „עוללות אפרים״, לעצטפּרוכט פון אפרים. אָבער די אַלע אָנשטרענגונגען האָבן זיך אָנגעשטויסן אויף אַ טויבער וואַנט פון שטאָק־פינצטערניש, וואָס האָט געהערשט, און וווּ בלויז דער שאַרפער פּלפּול און די פאַנטאַסטישע קבלה האָבן געוווירקט. אַ גרויסע ווירקונג אין דער היגזיכט פון קאַבאַ־ליסטישער אַסקעזע האָט געהאַט דער חבור פון ר׳ ישעיהו הורוויץ, „שני לוחות הברית״, לויט וועלכן אויך דער מחבר ווערט גערופן של״ה מיטן צונאָב הקדוש, דער הייליקער. אַזאַ אַטמאָספער איז געווען זייער צוגעפּאַסט פאַר משיח־האַלוצינאַציעס, און אָט האָט זיך צעטראָגן אַ קלאַנג, אַז אין יאָר ת״ח (1648) וועט קומען משיח. געשטיצט האָט זיך עס אויף אַ גימטריא: ב„זאת״ יבא אהרן אל הקודש. „זאת״, בגמטריא: ת״ח.

120סטע לעקציע

דער חשבון האָט נישט געשטימט: גזירת ת״ח

(1648 - 1657)

גלייכצייטיק מיטן אויפקום פון יידישן ישוב און גייסטיקן צענטער אין פוילן אַנטשטייט מער צו מזרח פון דעם אייראָפּעאישן קאָנטינענט די גרויסע רוסישע מלוכה, וואָס וועט באאיינפלוסן דעם גורל פון יידישן פאָלק אין משך פון דריי יאָרהונדערטער און וועט לייגן איר חותם אויף דער אַנטוויקלונג פון דער גאַנצער מענטשהייט.

די רוסן זענען שטאַם-ברידער פון די פּאָליאַקן, סלאַווישע שבטים, וואָס זענען ביזן צענטן יאָרהונדערט געווען געצנדינער און אונטערגעוואָרפן דער מעכטיקער יידי-שער אימפּעריע פון די כאַזאַרן. אָנפאַנג צענטן יאָרהונדערט הויבן אָן די רוסישע שטאַמען צו אָרגאַניזירן זייער מלוכה-וועזן אונטער דער פירערשאַפט פון נאָרמאַנדישע אַוואַנטו-ריסטן, די „וואַרענגען", וועלכע האָבן געקאָנט דעם וועג איבער די טייכן דווינאַ און דניעפּער פון סקאַנדינאַוויע קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, וואָס האָט צוגעצויגן זייערע רויבע-רישע אַפּעטיטן מיט אירע רייכטימער. עס ווערן געשאַפן צוויי מלוכה-צענטערן אין די צוויי גרעסטע האַנדלס-שטעט פון דער געגנט: נאָווגאָראָד, אויף צפון, קיעוו, אויף דרום. ביידע צענטערן אַנטוויקלען זיך האַסטיק. דער צענטער פון קיעוו באַפרייט זיך פון כאַזארישן יאָך, רייסט אָפּ די אַרומיקע געביטן פון דער כאַזאַרישער אימפּעריע, נעמט אָן דאָס קריסטנטום פון ביצאַנץ, דעם גריכיש-אָרטאָדאָקסישן נוסח, און ברענגט אויף די ערשטע שפּראָצונגען פון אַן אייגענער סלאַווישער שריפט, דער אָנזאָג פון אַ צוקונפ-טיקער אייגנאַרטיקער קולטור.

אָבער אין דרייצנטן יאָרהונדערט פאַלט אַרונטער גאַנץ רוסלאַנד אונטער דעם יאָך פון די טאָטערן, האַלב מאָכמעדאַנער, האַלב געצנדינער, און דאָס שטעלט אָפּ אויף אַ צוויי יאָרהונדערטער די אַנטוויקלונג פון די אייגנאַרטיקע סלאַווישע שטאַמען פון מזרח-אייראָפּע. די טאָטערן צעשטערן נישט די רוסישע מלוכהשאַפט. די פירשטן און גרויספירשטן בלייבן אין זייערע אַמטן, זיי זענען אָבער וואַסאַלן און צינז-צאָלער פון גרויסן טאָטערישן כאַן.

אין אָנפאַנג פופצנטן יאָרהונדערט אַנטשטייט אַ נייער רוסישער צענטער אין דעם קליינעם שטעטל מאָסקווע, אויף די ברעגן פון טייכל מיטן זעלבן נאָמען. דער פירשט

פון מאָסקווע קויפט ביים כאַן דעם אַמט פון גרויס־פירשט און הויבט אָן לאַנגזאַם אָנשליסן אין זיין געביט די נאָענטע פירשטנטומס, וואָס זענען צעפּיצלט און צעברעקלט אַלס פּועל יוצא פון פעאָדאַלן רעזשים, לויט וועלכן יעדער הערשער צע־טיילט זיין פירשטנטום בירושה צווישן זיינע קינדער. לאַנגזאַם, נאָר זיכער, וואַקסט מאָסקווע. נאָך 1453, ווען די טערקן נעמען איין קאָנסטאַנטינאָפּאָל און צעשטערן די ביזאַנטישע אימפּעריע, פאַרשדכנט די קירכע א גריכישע פּרינצעסין, זאָיאַ פּאַלעאָלאָג, פאַרן מאָסקוועער גרויספירשט איוואַן דער דריטער, וועלכער נעמט אָן דעם טיטל צאַר, פאַרגרייזט פון צעזאַר, און האַלט זיך פאַרן יורש פון ביצאַנץ. מאָסקווע נעמט איבער דעם ביצאַנטישן מלוכה־הערב, דעם צווייקעפּיקן אָדלער, א רייע הויף־פּירונגען, און צווישן אַנדערס אויך די פאַרביסענע שנאה צו יידן. אין איינגלעכן מאָסקוועער געביט זענען כמעט קיין יידן נישטאָ. זיי קומען אָבער אַהין פון צייט צו צייט, אַלס סוחרים פון פּוילן. ווייטער אויף דרום, אין די געביטן פון געוועזענעם קיעווער רוסלאַנד, זענען יאָ דאָ באַדייטנדיקע יידישע ישובים, בעיקר אין דער אוקריינע, וואָס געהערט דאַן צו פּוילן.

פון 1453 ביז 1613 מאַכט מאָסקווע דורך א שטורמישן פּעריאָד פון וווּקס, אַנטוויקלונג און אינערלעכע אומרוען. זי באַפרייט זיך פון טאַטערישן יאָך. נעמט אפילו איין די טאַטערישע קליינע מלוכות פון דער וואָלגאַ־געגנט און די גרעסטע טייל פון סיביר, עפנט איר פּאָרט פון ארכאַנגעלסק ביים אייז־ים פאַר אויסלענדישן מסחר, און פירט א רייע מלחמות מיט פּוילן, וואָס האָט גרויסן חשק איינצושלינגען די רייכע רו־סישע געגנטן, וואָס עס געלינגט איר כמעט אין די אומרואיקע יאָרן 1613־1610. אָבער אין 1613 ווערט די רוסישע מלוכה רעאָרגאַניזירט. אויפן טראָן טרעט ארויף די ראָמאַ־נאָוו־דינאַסטיע, וואָס וועט הערשן א דריי הונדערט יאָר, און די ריזיקע רייכטימער פון לאַנד, ווי אויך די מעכטיקע כוחות פון פאָלק דערלויבן רוסלאַנד גלייך אָנצוהויבן אַן עקספּאַנסיע, וואָס ווערט פאַרגעזעצט ביז אונדזערע צייטן.

דער איינציקער ים־האַפן, וואָס רוסלאַנד פאַרמאָגט דאַן, ארכאַנגעלסק, געפינט זיך ביים צפונדיקן אייז־ים, און איז נישט זייער צוגעפּאַסט פאַר גרויסן אינטערנאַציאָ־נאַלן מסחר. די ערשטע ראָמאַנאָוו צאַרן ווענדן גלייך זייערע בליקן צו די ברעגן פון שוואַרצן ים, פון וואַנען עס פירט דורך די דאַרדאַנעלן א וועג צום מיטללענדישן ים, דעם גרויסן ים־וועג פון אַלע צייטן. אָבער צווישן מאָסקאָווע און דעם שוואַרצן ים ליגן ריזיקע שטחים, האַלב באַזעצטע און האַלב באַהערשט פון נאָמאַדן־שבטים. דער צפון פון די שטחים רופט זיך אוקריינע, וואָס מיינט צו זאָגן ראַנד־געביט און איז איינגעקלאַ־מערט צווישן מאָסקווע־רוסלאַנד, פּוילן, טערקיי און די פאַרבליבענע טאַטערישע פירשטנ־טומס (כאַנטום) פון קרים. דער טייך דניעפּער צעטיילט אוקריינע אויף צווייען. אין מערב־אוקריינע הערשט פּוילן, מזרח־אוקריינע איז אויך אונטער פּוילישער הערשאַפט. אָבער זי האָט א געוויסע אויטאָנאָמיע, בראש פון וועלכער עס שטייט דער העטמאַן,

א װאָרט פאַרגרײזט פֿון דײטשישן הויפּטמאַן. אַט אויף דער געגנט וואַרפט אַן אויג דער צווייטער ראָמאַנאָוו, צאַר אַלעקסײ מיכאַאילאָוויטש.

די באַפעלקערונג פון מזרח־אוקראַינע איז געוועזן א געמישטע פון קליינרוסן, פּאָליאַקן, טאָטערן און אַנדערע שטאַמען. אין אירע אומענדלעכע סטעפּעס האָבן געפֿונען שוץ די אומצופרידענע און פאַרפאָלגטע, די אומרואיקע און אומגעהאַרכזאַמע, וואָס פלעגן אַהין אַנטלױפן פון די אַלע ארומיקע לענדער. טײלווײז האָבן זיך די אַנטלאָפענע באַזעצט אויף די לענדערײען, וואָס די פּוילישע פּריצים האָבן באַטראַכט פאַר זייערע. זיי האָבן מיט ווייניק גערולד געטראָגן דעם יאָך, וואָס די פּוילישע רעגירונג האָט אויף זיי געזוכט ארויפצולייגן. ווער עס האָט נישט געקאָנט, איז אַוועק ווייטער אויף דרום, פון יענער זייט פון די שטיינער, וואָס פאַרצוימען דעם שטראָם פון דניעפּער און וווּהין עס איז גאַנץ שווער צוצוקומען. דאָרט האָבן זיי געבילדעט האַלב־פרייע ישובים, וואָס האָבן נאָר נאָמינעל געהערט צו פּוילן. די אײנוווינער פון יענע געביטן האָבן זיך גערופן „קאָזאַקן“, וואָס מיינט אין טאָטעריש: פרייע מענטשן.

די קאָזאַקן האָבן מיט צערייצטקייט געטראָגן דעם פּוילישן יאָך, און וועלכן יידן האָבן געהאַט די אומדאַנקבאַרע ראָל פון פאַרמיטלער. אַן אַלט אוקראַיניש פאָלקס־ליד מאָלט די לאַגע אין שאַרפע ווערטער.

עס וויינט, עס קלאָגט, די וויסטע אַלמנה, עס וויינט דעם קעניגס פעלד,
ווייל גרוים איז דער צינז און אָפּצאָל מיט וואָס די יידן האָבן עס באַלייגט,
און אויפן קרייז פון וועגן שטייט דער שענק. פאָרט פאַרביי דער קאָזאַק,
שלעפט אים דער ייד אַריין אויף כוח: קום אַריין און נעכטיק דאָ,
ווייל, ווי אַנדערש וועל איך האָנען אָפּצאָלן דעם פּריץ דאָס פּאַכט־געלט?

די האַלב־מיליטאַריזירטע באַפעלקערונג פון אוקראַינע פלעגט אָפט אויסברעכן אין אויפשטאַנדן. אין 1637 האָט געמאַכט אַן אויפשטאַנד דער קאָזאַקן־פירער פּאַווליוק, אָבער דער אויפשטאַנד איז אונטערדריקט געוואָרן, ווען אַפילו די באַפעלקערונג האָט זיך נישט בארואיקט. אין פרילינג פון 1648, דאָס יאָר פון דעם משיח, הויבט אויף די פאָן פון אויפשטאַנד דער קאָזאַקן־פירער באָגדאַן כמעלניצקי, וואָס שליסט א בונד מיטן טאָטערישן הערשער (כאַן) פון קרים, וועלכער שיקט אים צו הילף א גרויסע ארמיי. צווישן 6טן און 15טן מאַי צעקלאַפּט כמעלניצקי, ביי די געלע וואַסערן, דאָס פּוילישע מיליטער אונטער דער פירערשאַפט פון פּאָטאָצקי און קאַלינאָווסקי, און דער אויפשטאַנד צעשפרייט זיך איבער דער גאַנצער מדינה. עס בילדן זיך באַנדעס אויפשטענדלער, וואָס מאָרדן פּאָלאַקן, קאַטוילישע גייסטלעכע, און בעיקר יידן. מיט דער גרעסטער אכזריות ווערן געטויט טויזנטער יידן אין פּערעיאַסלאַוו, פּיריאַטין, לאָכוויצע, לובני א. א.

די מרידה כאַפּט זיך אריבער אויפן מערבדיקן ברעג פון דניעפּער. יידן ראַטעװען זיך נאָר דאָרט ווו זיי פאַלן אַריין אין געפאַנגענשאַפט צו די טאָטערן, וואָס היטן זיי גראָד אָפּ, בכדי צו ברענגען זיי קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווו זיי באַקומען פאַר זיי

אויסלייז־געלט פון דער דאָרטיקער ספרדישער קהילה, וועלכע באַקומט דערפאַר הילף פון די נייע מאַראַנישע ישובים אין האַמבורג און אַמסטערדאַם. דערווייל שטאַרבט אין מאַי דער מלך פון פוילן, וולאַדיסלאַוו דער פערטער. אַ האַלב יאָר וועט דאָס לאַנד בלייבן אָן אַ רעגירער, און די דאָזיקע אומרואיקע חדשים וועלן די אויפשטענדלער געהעריק אויסניצן.

פּאַרטיזאַנער־גרופּעס פון „היידאַמאַקעס", אָנגעפירט פון קאָזאַקן באַפאַלן פּאַליאַקן און יידן. יידן ראַטעווען זיך אין באַפעסטיקטע שטעט, גרייט צו פאַרטיידיקן זיך. אָבער אויך דאָרט דערגרייכט זיי די האַנט פון שונא. דאָרט ווו די קאָזאַקן קאָנען נישט אָנווענדן קיין כוח, לאָזן זיי זיך אויף כלערליי פאַלשקייט. צו נעמיראָוו זענען זיי צוגעטראָטן אונטער פוילישע פאָנען, און די פאַרטיידיקער פון דער שטאָט, פּאַליאַקן און יידן, האָבן געמיינט, אַז עס האַנדלט זיך ווירקלעך פון רעגירונגס מיליטער, וואָס קומט זיי צו הילף. ווען מען האָט זיך געכאַפּט אויפן טעות איז שוין געווען צו שפּעט. עס איז אויסגעבראָכן אַ גרויזאַמע שחיטה, פון וועלכער עס האָבן זיך געראַטעוועט בלויז די יידן וואָס האָבן מסכים געווען צו שמדן זיך (כ' סיוון ת"ח). די שטאָט טולטשין האָט זיך לאַנג אָפּגעשלאָגן פון קאָזאַקישן אָנגריף, די פּאַליאַקן און די יידן האָבן זיך העלדיש פאַרטיידיקט. דאַן האָבן די קאָזאַקן צו וויסן געטאָן די פּוילישע באַהערדן, אַז צו זיי גופא האָבן זיי גאָרנישט, וואָס זיי ווילן בלויז איז, אַז מען זאָל זיי אַרויסגעבן די יידן. די פּאַליאַקן האָבן באַשלאָסן אויסצוליפערן די יידן. די יידישע באַוואָפנטע קרעפטן האָבן געוואָלט באַפאַלן די פּאַליאַקן און טייער פאַרקויפן זייער לעבן, אָבער דער ראש הישיבה ר' אהרן ב"ר מאיר פון לוואָוו, האָט זיי דערפון אָפּ־געראַטן. דאָס וואָלט געגעבן אַן אויסרייד, אַז די פּאַליאַקן זאָלן אויסמאָרדן די יידן אי־בער גאַנץ פּוילן. יידן האָבן אָנגענומען דעם גזר דין און מקדש השם געווען. אָבער נאָכ־העל האָבן די קאָזאַקן פאַרראַטן די פּאַליאַקן, פּונקט ווי זיי האָבן פאַרראַטן די יידן, און זיי זענען כמעט אַלע אויסגעהרגעט געוואָרן. צוזאַמען עטלעכע טויזנט נפשות. אין פּאָלאָנאיע, ווו די פּאַליאַקן און יידן האָבן געקעמפט האַנט ביי האַנט, האָבן די קאָזאַקן אַ־רויסגערופן אַן אויפשטאַנד פון די קליינרוסישע שטאָט־איינוווינער, און מיט זייער הילף גענומען די שטאָט, טויטנדיק אַרום צען טויזנט נפשות, צווישן זיי דעם באַרימטן מקובל ר' שמשון אָסטראָפּאָליער. איינזעענדיק, אַז אויך די פעסטונגען קאָנען נישט שיצן פון די קאָזאַקישע חילות, האָבן יידן אָנגעהויבן צו אַנטלויפן אין פּאַניק אין די ווייטערע געגנטן פון איינגנטלעכן פּוילן. די כוואַליע פון פּליטים וועט זיך דערקייקלען ביז דייטשלאַנד און עסטרייך. אַזוי האָט כמעלניצקי מיט זיינע חילות פאַרוויסט וואָלין און פּאָדאָליע און צוגעקומען ביז גאַליציע. אין דער זעלבער צייט האָבן אויפגשטענדלער חרוב געמאַכט אַ רייע קהילות פון ווייסרוסלאַנד און ליטע. אין האַמעל אַליין זענען גע־טויט געוואָרן העכער צוויי טויזנט נפשות. אין מאָנאַט סעפּטעמבער 1648 איז שוין כמעלניצקי געשטאַנען ביי די טויערן פון לעמבערג (לוואָוו), וועלכע האָט זיך אויסגע־קויפט מיט אַ גרויסער סומע. די שטאָט־פאַרוואַלטונג האָט אָפּגעוואָרפן דעם פאָרשלאָג

פון כמעלניצקי, אַז מען זאָל אים אַרויסגעבן די יידן, וועט ער אָפּטרעטן פון שטאָט; דער פּאָל טולטשין איז נאָך געווען גענוג פריש אין זכרון. פון לעמבערג איז כמעלניצקי אַוועק אויף זאַמאָשטש און לובלין. אין דער צייט ווען זיינע אַטאַמאַנען האָבן חרוב געמאַכט די קהילות פון נאַראָל, טאָמאַשאָוו, שעברעשין א. א. דאָס בלוטיקע יאָר 1648 איז פאַרשריבן מיט שוואַרצע אותיות אין דער געשיכטע פון די יידן אין אוקריינע, ווייסרוסלאַנד, גאַליציע, ליטע און פּוילן.

דערווייל איז אין פּוילן דערוויילט געוואָרן אַ נייער מלך, דער ברודער פון וולאַדיסלאַוו דעם פערטן, דער קאַרדינאַל פון גנעזנאַ יאַן קאַזימיר, וועלכער הויבט גלייך אָן שלום־פאַרהאַנדלונגען מיט די אויפשטענדלער. אין נאָוועמבער 1648, ווערט דער אויפשטאַנד אָפּגעשטעלט. אָבער די פאַרהאַנדלונגען פאַרציען זיך, און אין זומער 1649 ווערט די מלחמה באַנייט. יאַן קאַזימיר האָט אָבער פאַר דער צייט אויסגעפּועלט דאָס צוריקציען זיך פון דעם טאַטערישן מיליטער, און די קאָזאַקישע חילות זענען גע־שלאָגן געוואָרן. לויטן אָפּמאַך פון זבאָראָוו באַקומט מזרח־אוקריינע אַ ברייטע אויטאָנאָמיע און דאָס רעכט נישט צו דולדן קיין יידן אין אירע גרענעצן. דער שלום האָט ביידע צדדים נישט צופרידנגעשטעלט, און אין 1650 קומען ווידער פאָר אומרוען אין וואָלין, פון וועלכע יידן ליידן צום צווייטן מאָל גרויסע פאַרלוסטן. נאָך דער מפּלה פון די קאָזאַקן אין ברעסטעטשקאַ, ווערט אין 1651 געשלאָסן דער שלום פון ביעלאַ־ציערקאָוו (שוואַרץ־טומאה), וואָס איז ווייניקער גינסטיק פאַר די אוקריינער. יידן ווערט אויפדריקלעך דערלויבט ווידער צו באַזעצן זיך אין פּאַכטן „די קעניגלעכע און פּריצישע גימער".

פינף יאָר לעבן די קהילות פון מזרח־אייראָפּע רעלאַטיוו רואיק. פאַר דער צייט קומען זיי עטוואָס צו זיך. דער „ועד ארבע ארצות" פאַרזאַמלט זיך אין לובלין (1650) און פירט צוריק איין אָרדענונג אין יידישן לעבן. דער הויפּט ועד פון ליטע פאַרפליכ־טעט די קהלות צו זאָרגן פאַר די אוקריינער פּליטים, וואָס זענען אַהין פאַרוואָרפן גע־וואָרן. אַלס צייכן פון טרויער נאָך די אומגעקומענע ווערט פאַרבאָטן אויף דריי יאָר טראָגן סאַמעט, זייד און געהאַפטענע מלבושים. דער טאָג פון נעמיראָוו, כ' סיוון, ווערט דערקלערט אין פּוילן און ליטע ווי אַ תענית צבור.

אָבער די אוקריינער האָבן זיך נישט באַרואיקט. זיי האָבן אָנגעהויבן פירן אונטערהאַנדלונגען מיט רוסלאַנד, וואָס האָט זיי פריער אויך געשטיצט, און אין 1654 ווערט אין פּערעיאַסלאַוו געשלאָסן אַן אָפּמאַך, לויט וועלכן מזרח־אוקריינע ווערט אַרונטערגענומען אונטער רוסישן פּראָטעקטאָראַט, פאַרבלייבנדיק ביי איר אינערלעכער אויטאָנאָמיע. אין דער יידישער געשיכטע טרעט אַריין דאָס צאַרישע רוסלאַנד, פון וועלכן דאָס פאָלק וועט ליידן כמעט אָן איבעררייס ביזן פאַלן פון צאַרישן רעזשים אין 1917.

אויף צו פאַרזיכערן איר הערשאַפט אין אוקריינע, און אויסנוצנדיק די שוואַכ־

קיט פון פוילן, באַפאַלט רוסלאַנד די ווייסרוסישע געגענטן און נעמט איין אַ רייע שטעט: כמעלניצקי, מאָהילעוו אויפן דניעפּר, האָמעל, וויטעבסק א. אַ. די רוסישע קאָמאַנדירן טרייבן גלייך אַרויס די יידן פון די שטעט, וואָס זיי פאַרנעמען. אין מאָהילעוו, באַשולדיקט דער רוסישער קאָמאַנדיר פּאָקלאָנסקי די יידן אין פאַררעט און לאָזט זיי אויסשעכטן פון די קאָזאַקישע חילות (1655). לסוף האָט זיך אַרויסגעוויזן, אַז פּאָקלאָנסקי גופא איז געווען אַ פאַררעטער. אין וויטעבסק האָבן זיך די יידן אַקטיוו באַטייליקט אין דער פאַרטיידיקונג פון דער שטאָט, און דערפאַר האָט מען זיי אויסגערויבט ביז אַ פאָדעם, גענויט צו שמדן זיך און ערשט נאָכהער פאַרשיקט ווי געפאַנגענע פּאָליאַקן אין די עכט רוסישע שטעט פּסקאָוו און נאָווגאָראָד. פון ווילנע איז געלונגען צו אַנטלויפן דער מערהייט פון דער געמיינדע. די רעשט זענען אויסגעהרגעט געוואָרן. אויסנוצנדיק די שווערע לאַגע פון פוילן, באַפאַלט די צעטריסלטע מלוכה דער קעניג פון שוועדן קאַרל דער צענטער, פאַר וועמען דער געוועזענער וויצע־קאַנצלער פון פוילן ראַדזיעוווסקי עפנט דעם וועג; און די אינערלעכע רייסערייען גיבן איבער אין זייערע הענט פּויזן, קאַליש, קראָקע און וואַרשע. די שוועדן באַציען זיך צו די יידן מיט טאָלעראַנץ און די יידן צאָלן זיי די אַרויפגעלייגטע קריגס־קאָנטריבוציע אָן ווידערשטאַנד.

דאָס גיט אָן אויסרייד דעם פּוילישן היפּער־פּאַטריאָט טשאַרנעצקי, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ וואָלונטירן־אַרמיי אויף צו ראַטעווען דאָס לאַנד פון אונטערגאַנג, צו באַשולדיקן יידן אין פאַררעט, און אַ רייע קהילות ווערן אויסגעמאָרדעט מיט דער גרעסטער אכזריות. אפילו די אינטערווענץ פון מלך יאַן קאַזימיר אַליין העלפט נישט, און ווען די שטאָט לענטשיץ ווערט איינגענומען און דער קעניג בעט זיך ביים מיליטער צו שוינען די יידן, ווערן דאָך אויסגעמאָרדעט העכער טויזנט נפשות. אין דער פּראָווינציאַרישער הויפּט־שטאָט פון דעמאָלדיקן פוילן, פּויזנא, ווו מען האָט קיין יידן נישט געמאָרדעט, זענען זיי געשטאָרבן פון הונגער און עפּידעמיעס און זייער צאָל איז געוואָרן איינגעשרומפּן צו קוים 300 נפשות. די צרות קומען צו אַן ענדע ערשט אין 1657, ווען כמעלניצקי שטאַרבט, אוקריינע ווערט צעטיילט צווישן פוילן און רוסלאַנד, און פוילן הויבט אָן ביסלעכווייז קומען צו זיך.

דער סך הכל פון די ניין גרויזאַמע יאָר איז שרעקלעך. די צאָל טויטע ווערט געשאַצט פון הונדערט טויזנט מינימום, ביז אַ האַלבן מיליאָן מאַקסימום. הונדערטער קהילות זענען געוואָרן גענצלעך, אָדער טיילווייז, צעשטערט. טויזנטער יידן זענען פאַרשלעפּט געוואָרן אין געפאַנגענשאַפט. דער גייסטיקער צענטער איז געווען צעשטויבט; רבנים און תלמידי חכמים זענען זיך צעלאָפן. יידן האָבן צוריק אַ שטראָם־גאַנג קיין מערב־אייראָפּע: פראַנקפורט, אַמסטערדאַם, האַמבורג, ווענעציע, האָבן געזען צוריקקומען יידישע פּליטים. דאָס געמיט פון פאָלק איז געווען געבראָכן. זיין לעבנס־כוח — צעשטערט. אויף צו געפינען אַ טרייסט אין די גרויסע צרות, האָט ער זיי געמוזט אָננעמען ווי חבלי־משיח, די ווייען, וואָס זאָגן אָן דאָס קומען פון משיחן. איז משיח

נישט געקומען אין 1648, האָבן זיך אָבער דאַן אָנגעהויבן די צרות, ס׳הייסט, לכל הפחות, דער אָנזאָג, אַז זיין קומען איז שוין נישט ווייט. בפרט, אַז די צאָל פון יידישן יאָר ת״ח באַטרעפט פונקט ווי די אותיות פון די ווערטער חבלי משיח.

די אומגליקן פון די יאָרן 1648־1657 מאַכן אויפקומען אַ גאַנצע ליטעראַטור, וואָס באַשרייבט די ליידן, באַוויינט די אומגעקומענע און ברענגט אַרויס דעם דראַנג פון פאָלק נאָך גאולה.

ר׳ נתן־נטע האַנאָווער פון וואָלין פאַרעפנטלעכט אין 1653 זיין ספר „יון מצולה", טיפער זומפּ, וווּ ער באַשרייבט דאָס לעבן פון יידישן ישוב אין פוילן און די שחיטות פון יאָר ת״ח. דערביי פאַרצייכנט דער מחבר דאָס יאָר אין וועלכן דער ספר דערשיינט, תי״ג, מיט דער בגימטריא „ביאת" המשיח, דאָס קומען פון משיח. אין קראָקע דערשיינט אין 1650 אַ ספר „צוק העתים", שלעכטע צייטן, וואָס באַשרייבט דאָס אומגליק אין אוקריינע אין געריימטער פּראָזע. דער נאָמען פון מחבר איז נישט פעסטגעשטעלט. דער רב שבתי כהן (ש״ך) פאַרפאַסט אַן אויפרוף מיטן נאָמען „מגלת עיפה", דאָס געשריפט פון מאַטערניש, וואָס באַשרייבט די גזירה פון יאָר ת״ח. אין ווענעציע דערשיינט דאָס בוך „טיט היון", ליים פון זומפּ, פון שמואל פייוויש פון וויז, וואָס גיט אַ רעגיסטער פון די צעשטערטע ישובים און די צאָל הרוגים אין יעדן אָרט.

חוץ דער היסטאָריאָגראַפיע רופט זיך אויך אָפּ די פּאָעטישע שאַפונג, וואָס באַקלאָגט דעם גרויסן בראָך אין סליחות און פיוטים.

דער באַרימטער רב פון קראָקע ר׳ יום־טוב ליפּמאַן העלער, פאַרפאַסער פון אַ פּירוש אויף משניות מיטן נאָמען „תוספות יום־טוב", זאָגט אין דער סליחה, וואָס ער האָט פאַרפאַסט, אין אָנדענק פון די שחיטות:

שנתים לא היו כהנה לרע מיום שגלינו בגולה.	ניט געוועזן אַזעלכע צוויי שלעכטע יאָרן זינט מיר זענען אין גלות פאַרטריבן געוואָרן.

און ער פאַרענדיקט מיט אַ משיחישן אַקאָרד:

קנא לציון קנאה גדולה קדושי ואבי.	צאָרן פאַר ציון אַ צאָרן אַ גרויסן, מיין הייליקער פאָטער.
קים, הנני שולח לכם את אליהו הנביא.	זיי מקיים דעם צוזאָג: אָט שיק איך אייך אליהו הנביא.

איך, אייער משיח שבתי צבי

(1648 - 1667)

די שווידערלעכע ליידן פון די אשכנזים אין מזרח־אייראָפּע האָבן געפונען אַן אָפּקלאַנג אין די ספרדישע געמיינדעס פון טערקיי. מיר האָבן שוין געזען ווי די געפאַנגענע פון אוקראַינע און פּוילן פלעגן אויסגעלייזט ווערן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל מיט געלטער וואָס פלעגן קומען פון איטאַליע, און אויך פון האַמבורג און אַמסטערדאַם. אָבער נישט נאָר די געפאַנגענע אשכנזים האָבן די ספרדים אויסגעלייזט, זיי האָבן אויך אָפּגעענטפערט ווי אַ ווידערקול אויף די משיח־האָפענונגען, וואָס מען האָט געשטעלט אויפן יאָר 1648, דאָס יאָר פון משיח.

די שרעקלעכע צרות האָבן שטאַרק באַווירקט די טרוימערישע און פאַנטאַסטיש־עקזאַלטירטע נשמה פון דעם יונגן ספרדי שבתי ב"ר מרדכי צבי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין סמירנע אין 1626 און איז אין יאָר פון דער פּורענות אַלט געווען קוים צוויי און צוואַנציק יאָר. צו פופצן יאָר איז שוין שבתי צבי געווען אַ גרויסער למדן אין תלמוד און רבנישער ליטעראַטור. דאַן האָט ער זיך פאַרטיפט אין קבלה, בעיקר אין דער פּראַקטישער קבלה פון דעם אר"י און זיין תלמיד ר' חיים וויטאַל קאַלאַברעזע. מיט אַ גרופּע חברים פלעגט ער אַרויס הינטער דער שטאָט, בכדי צו פירן קאַבאַליסטישע געשפּרעכן אונטערן פרייען הימל. ער האָט געלעבט ווי אַ פּרוש, געפּאַסט אָפט, און נאָך אָפטער געריייניקט זיך דורך טבילות; פלעגט מתפּלל זיין ביחידות און זינגען די געפילפולע ענטוזיאַסטישע משיח־מזמורים פון ר' ישראל נאַג'אַרא. צוויי מאָל האָט אים זיין פאָטער חתונה געמאַכט, און ביידע מאָל האָט ער זיך געגט, ווייל ער האָט זיך געפילט באַרופן צו אַ פיל העכערער מיסיע: טיף אין האַרצן האָט ער אָנגעהויבן גלויבן, אַז ער איז דער אַזוי לאַנג געגאַרטער משיח.

די אומגליקן פון יאָר 1648 מאַכן צייטיק דעם געדאַנק, אַז ער מוז נתגלה ווערן, לכל הפּחות בכדי אָנצוזאָגן די פאַריאושטע יידן, אַז זייער משיח איז דאָ. ער וואַגט

דאן אויף אן עכט־משיחישן שריט. אין יאר 1648 הויבט ער אן ארויסצורעדן גאטס נאמען מיט אלע אותיות, אין פולן; און דאס האט אמאל געמעגט נאר דער כהן גדול אין בית־המקדש, און דאס וועט אין דער צוקונפט מעגן בלויז דער מלך המשיח. די רבנים פון סמירנע ווערן פארציטערט פון אזא געוואגטקייט און ווארפן אריין שבתי צבין אין חרם, ער מוז אוועק פון שטאט, און פארט אוועק קיין ארץ ישראל, דארט ווו משיח דארף אויפטרעטן.

אויף זיין נסיעה קיין ארץ־ישראל באזוכט ער קאנסטאנטינאפאל און סאַלאניקי, ווו ער באגעגנט זיך פנים אל פנים מיט די לעבנגעבליבענע געטאנגענע פון דער שחיטה אין אוקריינע, פון וועמען ער הערט אלע איינצלהייטן פון די גרוילן, און דאס באוועגט אים נאך מער צו פראקטישער טעטיקייט. אין קאנסטאנטינאפאל באגעגנט ער אויך דעם מקובל און בעל־דרשן אברהם היכיני, וועלכער דערציילט אים, אז אין אן אלטן כתב יד האט ער נאך מיט יארן צוריק געפונען פארשריבן, אז שבתי צבי איז דער אמתער משיח. מער זיכער אין זיינע משיחישע אילוזיעס, וואגט שבתי צבי אין סאלאניקי א צווייטן משיחישן פאנטאסטישן שריט, ער האט חתונה מיט דער תורה, פאר וואס די רבנים לייגן אים נאכאמאל אריין אין חרם, און ער מוז פארלאזן די שטאט.

סוף כל סוף דערשלאגט זיך שבתי צבי קיין ארץ ישראל, ווו ער מאכט א גוואלדיקן רושם הן מיט זיין התנהגות, הן מיט זיין אויסזען. שעהען גאנצע פארברענגט ער אויף די קברים פון די צדיקים, ווי אויך אין דער מערת המכפלה און ביים כותל המערבי, ער זינגט גאנצע נעכט זיינע קלאג־לידער און פארגיסט טייכן טרערן אויפן גלות פון פאלק און פון דער שכינה. דער מקובל אברהם באשרייבט אזוי זיין אויסזען: „אויסגעשטרעקט ווי א צעדערבוים, א שיין פרעכטיק געזיכט, מיט א רונדער שווארצער בארד, אנגעטאן אין בגדי מלכות. א קרעפטיקער מאן מיט אן איינדרוקספולן אויסזען”.

ווען די יידן פון ירושלים געפינען זיך אין א צרה, ווייל דער פאשא פון שטאט פאדערט פון זיי שווערע ציגזן, דעלעגירן זיי שבתי צבין קיין מצרים, צום צינז־מאנער פון דארטיקן הערשער און עלטסטן פון די דארטיקע יידן, רפאל יוסף צעלעבי, אויך איינער פון די קאבאליסטיש־געשטימטע, וואס האבן יעדן טאג דערווארט משיחן. שבתי צבי האט דערפאלג אין זיין שליחות, און דער גלויבן אין זיין משיחות שטארקט זיך. אין ירושלים האט אנגעהויבן צירקולירן א ווערטל: „אוועקגעפארן א שליח און צוריקגעקומען א משיח”.

אין מצרים טוט דערווייל שבתי צבי אפ נאך א סימבאלישע טאט. ער דערוויסט זיך פון א פוילישער פליטה, שרה, וואס איז צען יאר געווען פארשפארט אין א קלויסטער, אבער איר טויטער פאטער זאל האבן געקומען אין א נאכט און זי ארויסגענומען פון דארטן, די ארטיקע יידן האבן איר געהאלפן אנטלויפן קיין אמסטערדאם, ווו זי קערט זיך אום אפיציעל צו יידישקייט. פון דארט לאזט זי זיך אוועק איבער דער

וועלט זוכן איר באַשערטן, וואָס איז, לויט איר פון צרות צערודערטן געדאַנק, נישט קיין אַנדערער ווי משיח. שבתי צבי דערוויסט זיך וועגן שׂרהן און באַשטעטיקט איר פּרעטענזיע, ער שיקט זי ברענגען קיין מצרים, ווו ער האָט פאַר איר חתונה. עס איז אַ כּימבאַלישע חתונה. דער דערלייזער פאַראייניקט זיך מיט אַ טאָכטער פון די אוקר־ריינער קדושים, וואָס האָבן דאָך איבערגעטראָגן די חבלי משיח, משיח־ווייען.

אויף זיין צוריקרייזע פון מצרים קיין ארץ־ישראל האָט זיך שבתי צבי צו־נויפגעטראָפן מיטן יונגן נתן אשכנזי, וואָס איז שפּעטער באַרימט געוואָרן ווי נתן פון עזה (העזתי), און איז געוואָרן דער נביא און אָנזאָגער פון דעם משיח. זומער 1665 צעשיקט נתן העזתי אַן אויפרוף צו אַלע יידישע קהילות אויף דער וועלט, אין וועלכן ער איז מודיע, אַז אַ בת־קול פון הימל האָט אים מודיע געווען, אַז שבתי־צבי איז דער אמתער משיח, וואָס וועט גאָר אינגיכן נתגלה ווערן. די רבנים פון ירושלים, מיטן הויפּט־רב יעקב האגיז זענען זייער אומצופרידן מיטן אויפטריט פון נתן העזתי און זיי דער־קלערן שבתי צבין, אַז אויב ער וועט נישט אויפגעבן זיינע משיחישע פּרעטענזיעס, וועלן זיי אים אַריינלייגן אין חרם. שבתי צבי קערט זיך אום אין זיין געבורט־שטאָט כמירנע, ווו ער ווערט אויפגענומען מיט גרוים כבוד. ווען ער קומט אין שול ראש־השנה פון יאָר 1665, ווערט ער אויפגענומען פון קהל מיטן אויסרוף „לעבן זאָל אונ־דזער קעניג, דער מלך המשיח". פון ירושלים ברענגט מיט שבתי צבי אַ סעקרעטאַר, שמואל פּרימאָ, וועלכער צעשיקט אויך בריוו און באַפעלן צו אַלע קהילות פון דער וועלט. אויף אייניקע פון די באַפעלן איז שבתי צבי געחתמעט מיט זיין פולן טיטל: „איך, אייער משיח, שבתי צבי".

די פּראָפּאַגאַנדע פון נתן העזתי און שמואל פּרימאָ ברויזט אויף די גאַנצע יידישע וועלט. אין סמירנע פּאַסט מען און מען פּייניקט זיך מיט סגופים, אין סאַ־לאָניקי און קאָנסטאַנטינאָפּאָל האָבן יידן געוואָרפן זייערע באַשעפטיקונגען און גרייטן זיך דורך תשובה אויפצונעמען משיחן. אין אַמסטערדאַם כאַפּט דער עקסטאַז אַרום די אָפּשטאַמער פון די מאַראַנען, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט צו יידישקייט: די גרעסטע פון דער קהילה, דער באַנקיר אַברהם פּערייראַ, דער מעדיקער און לינג־וויסט בנימין מוסאַפיע, רבנים און תלמידי חכמים ריכטן אָפּ טענץ אין די שולן און אין די גאַסן. אין האַמבורג פירן אָן מיטן אויפברויז אַרום דער התגלות פון שבתי צבי אַזעלכע וויכטיקע פּערזאָנען ווי מאַנועל יצחק טעקסייראַ, דער באַנקיר פון דער שוועדישער מלכה קריסטינאַ, און איר הויף־דאָקטאָר בנימין דע קאַסטראָ. די חשובע פרוי גליקל פון האַמעלן, וואָס האָט אונדז געלאָזט אירע מעמוארן, פאַרצייכנט אין זיי דעם אויפברויז און די דערוואַרטונג פון משיחן.

אויך די קריסטלעכע וועלט ווערט אַריינגעשלעפּט אין קרענצל. טעאָלאָגן האָבן אויסגערעכנט, אַז משיח דאַרף קומען (צום צווייטן מאָל) אין יאָר 1666, און דער געלערנטער אָלדענבורג ווענדט זיך אין דעצעמבער 1665 צום אַמסטערדאַמער

פילאָזאָף ברוך שפינאָזא מיט דער בקשה, ער זאָל אים מודיע זיין, וואָס האַלטן דער־פון די יידן פון אמסטערדאַם: „דאָ אין לאָנדאָן — שרייבט אָלדענבורג — גלויבן וויניקע, אָבער אַ סך ווילן עס". דער גלח גאַליאַטאָווסקי פון קיעוו שרייבט אין 1666, אַז די יידן האָבן צוריק אויפגעהויבן דעם קאָפּ, נאָך די צרות וואָס זיי האָבן איבער־געלעבט, און האָבן זיך געגרייט, אַז אין גיכן וועט זיי דער משיח אַריבער־פירן אויף אַ וואָלקן קיין ירושלים.

דער ענטוזיאַזם שטייגט מיטן אָנפאַנג פון יאָר 1666, וואָס אויך לויט אַ סך נישט־יידן איז עס „אַ יאָר פון נסים און איבערקערענישן, בעיקר איז עס אַ געבענטשט יאָר פאַר יידן, וואָס דאַרף זיי ברענגען אָדער דאָס אָנגעמען פון קריסטנטום, אָדער דעם ווידעראויפבוי פון ארץ־ישראל".

דער ענטוזיאַזם פון די קהילות און דער אינטערעס פון דער נישט־יידישער וועלט האָבן געצוואונגען שבתי צבין אַרויסצופאָרן אָנפאַנג 1666 קיין קאָנסטאַנטי־נאָפּאָל בכדי „צו נעמען די קרוין פון טערקישן סולטאַן". די פאַראַנטוואָרטלעכע פֿרער פון די יידן אין טערקיי האָבן אָפּגעשאַצט די סכנה, וואָס אַזאַ צו געוואַגטער אָנזאָג, וועלכער שמעקט מיט מרידה, קאָן מאַכן אין די אָפיציעלע הויף־קרייזן, זענען זיי אַוועק צום גרויס־וויזיר אַכמעט קאָפּרילי און אַליין מיטגעטיילט, אַז אין איינעקע טעג אַרום דאַרף אָנקומען קיין קאָנסטאַנטינאָפּאָל אַ מאַן וואָס גרויסט זיך, אַז ער וועט קעניגן איבער ישראל. שבתי צבי ווערט גלייך ביים לאַנדן אַרעסטירט, און ווען מען פרעגט אים ווער און וואָס ער איז, ענטפערט ער: „אַ רב פון ירושלים, וואָס איז געקומען זאַמלען נדבות פאַר די אָרעמעלייט פון ארץ־ישראל". ער ווערט דאָך אַריינ־געזעצט אין אַ טורמע פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל גופא, פון וואַנען ער ווערט שפּעטער אַריבערגעפירט אין דער פעסטונג אַבידאָס אויפן האַלב־אינדזל גאַליפּאָלי.

מיט גרויסע געלט־מיטלען געלינגט עס די אָנהענגער פון שבתי צבי צו פאַר־וואַנדלען זיין געפענגעניש אין אַ קעניגלעכן פּאַלאַץ מיט טעפּיכער און כלים פון גאָלד און זילבער. פון אַלע עקן וועלט האָבן געשטראָמט דעלעגאַציעס פון די קהלות אויפ־געגומען צו ווערן פון דעם מלך המשיח. מען האָט פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז דאָס זיצן אין געפענגעניש „באַדאַרף אַזוי צו זיין", גאָר אינגיכן וועט משיח אויף אַ וווּנ־דערלעכן אופן אויסלייזן זיין פאָלק. די תפיסה־פעסטונג איז דערפאַר אָנגערופן גע־וואָרן „מגדל עוז", פעסטער טורעם, און אַלס צייכן פון דעם, אַז די גאולה איז גאָר נאָענט, האָט שבתי צבי באַפוילן אָפּצושאַפן די תעניתים און די נאַציאָנאַלע טרויער־טעג, 17 תמוז און תשעה באב.

צו דער זעלבער צייט איז געקומען צו שבתי צבי אַ דעלעגאַציע פון פויל־געפלאָגטן ישוב אין פּוילן. ער האָט זיי אויפגענומען מיטן געהעריקן פּאַראַד און גלייך געזאָגט: „איר דאַרפט מיר גאָרנישט דערציילן, פאַר מיר ליגט שטענדיק דאָס בוך „צוק העתים", ווו עס זענען פאַרשריבן די לײדן פון אַלע קהילות. אָבער „אשכיר חצי מדם",

אין וועל אָנשכורן מיינע פיילן מיט בלוט, מיט דעם פסוק פון ספר דברים האָט זיי שבתי צבי געגעבן א רמז, אז ער וועט זיך נוקם זיין פאר די אַלע קרבנות. נאָך דער ערשטער דעלעגאציע איז פון פוילן געקומען, אויף דער איינלאַדונג פון שבתי צבי, ר׳ נחמיה הכהן, א מקובל, וואָס האָט עפּעס נישט אזוי שטארק געגלויבט, אז שבתי צבי איז עם טאקע משיח בן דוד. די אָנהענגער פון שבתי צבי האָבן געוואָלט אומ־ברענגען נחמיהן און יענער האָט זיך גערעטעוועט אָננעמענדיק דעם איסלאַמישן גלויבן.

דאָן איז נחמיה כהן אוועק קיין אדריאנאָפּאָל, די הויפּטשטאָט פון טערקיי צו יענער צייט, און דאָרט פארמסרט שבתי צבי און אַלץ וואָס קומט פאָר אין דער פעסטונג פון אבידאָס. דער ענין איז געווען אזוי הארב, אז דער סולטאַן מאכמעד דער פערטער האָט אים גענומען אין די אייגענע הענט. דעם 14טן סעפּטעמבער 1666 איז שבתי צבי געבראכט געוואָרן פארן סולטאַן. פריער האָט אים באזוכט דער הויף־דאָקטאָר, דער משומד, נאבידאָן, וועלכער האָט אים קלאָר געמאכט די סכנהדיקייט פון זיין לאגע אַלס מורד במלכות. לויט זיין עצה האָט שבתי צבי גלייך ביים דער־שיינען פארן סולטאַן אָנגעטאָן א טערקישן טארבוש, אַלס אויסדרוק, אז ער נעמט אָן דעם איסלאַמישן גלויבן. ער איז אויפגענומען געוואָרן אין דער הויף־וואך מיטן איס־לאַמישן נאָמען מאכמעד עפענדי.

זיינע אָנהענגער. אָבער האָבן אפילו דעם פאַל פון שמד דערקלערט דורך קאַבאַליסטישע סודות און רמזים, און האָבן פארזיכערט, אז „אזוי באדאַרף עס צו זיין". דאָס לעבצן נאָך גאולה איז געווען אזוי גרויס, אז דאָס פאָלק האָט נישט גע־וואָלט אויפגעבן זיין לעצטע האָפענונג. נישט דער שמד פון שבתי אין 1666, נישט זיין טויט אין 1675, האָבן אָפּגעטויט די באוועגונג, וואָס ער האָט ארויסגערופן און וואָס וועט זיין אקטיוו אין יידישן לעבן העכער הונדערט יאָר.

122סטע לעקציע

דיפּלאָמאַטישער משיחיזם: מנשה בן-ישראל

א הונדערט יאָר נאָכן גירוש פון שפּאַניע און צוואַנג־שמד אין פּאָרטוגאַל, אין 1593, ווערט געגרינדעט אַ יידישער ישוב אין אַמסטערדאַם, די הויפּטשטאָט פון ניִדערלאַנדען (האָלאַנד), וואָס האָט אויסגעקעמפט איר אומאָפּהענגיקייט פון שפּאַניע. אין דעם דאָזיקן קאַמף האָט מיטגעווירקט דער מאַראַן יאָהאַן מיגעז, דאָן יוסף נשיא, דער נאָענטסטער ראַטגעבער פון טערקישן סולטאַן סעלים דער צווייטער. דער יידישער ישוב אין אַמסטערדאַם איז געגרינדעט געוואָרן פון מאַראַנען, ד. ה. פון דריטן אָדער פערטן דור פון די יידן, וואָס מען האָט אויף כוח אָפּגעשמדט אין ליסאַבאָן אין 1497, און וואָס האָבן דערהאַלטן זייער יידישקייט טראָץ דעם וואַכזאַמען אויג פון דער אינ־קוויזיציע. אין יאָר 1593 באַזעצט זיך אַ גרופּע מאַראַנען אין דער שטאָט אַמסטער־דאַם, אונטער דער מאַסקע פון פּאָרטוגעזער, אָבער זייער פירער יעקב טיראַדאָ דער־קלערט אין 1596 די קאַלוויניסטישע באַהערדן, אַז די ניי־אָנגעקומענע זענען נישט קיין קאַטאָליקן, נאָר יידן. זיי ווערן שטאַרק געשטיצט פון געזאַנדטן פון מאַראָקאַנער סולטאַן, ר׳ שמואל פּאַלאַשי, און באַקומען דאָס רעכט צו לעבן פריי ווי יידן. יידן האָבן זיך אויך באַזעצט אין ראָטערדאַם, אַנטווערפּן א. א. וו.

דער מאַראַנען־צענטער אין אַמסטערדאַם אַנטוויקלט זיך שנעל. אין 1598 ווערט געבויט די ערשטע שול, „בית יעקב״, און אַלס רב ווערט אויפגענומען דוד פּאַר־דאָ פון סאַלאָניקי. אין 1608 ווערט אויפגעבויט די צווייטע שול „נוה שלום״, וואָס נעמט אויף אַלס רב יצחק עוזיאל פון פעס; אין 1618 אַ דריטע שול מיטן נאָמען „בית ישראל״. אין 1639 פאַראייניקן זיך אַלע דריי שולן אין איין קהילה, וואָס גרינדעט די ישיבה עץ החיים. דער איינפלוס פון יידישן קאַפּיטאַל איז זייער גינסטיק פאַר דער עקאָנאָמישער אַנטוויקלונג פון האָלאַנד, ווען אפילו יידן האָבן דאָרט נישט קיין פולע גלייכבאַרעכטיקונג. לויטן געזעץ פון 1632 טאָרן יידן נישט זיין קיין מיטגלידער אין די בעלי־מלאכישע צעכן, נישט אין די סוחרים־פאַרבאַנדן, זיי מעגן אָבער יאָ זיין בערזע־מעקלערס; פון די פרייע פּראָפעסיעס מוזן זיי זיך אָפּגעבן בלויז מיט מעדיצין. דאָס שטערט אָבער נישט, אַז יידן זאָלן שטאַרק רייך ווערן. נאָך 1648 קומט קיין אַמס־

טערדאַם אַ כוואַליע פּליטים פון אוקריינע און פּוילן, וואָס אַנטלויפן פון די כמעלניצקי־שחיטות, און זיי גרינדן דאָרט אַ באַזונדער אשכנזישע קהילה.

אָבער די ספרדישע קהילה פון אַמסטערדאַם באַשטייט כמעט אויסשליסלעך פון מאַראַנען, ס'הייסט פון יידן, וואָס האָבן אַ צייט לאַנג געלעבט ווי קריסטן, און דערפאַר אַנטוויקלען זיך אין דער זעלבער צוויי קעגנגעזעצטע שטרעמונגען. פון איין זייט אַ שטאָק־פרומע אולטראַ־אָרטאָדאָקסישע, וואָס איז אייפערדיק אויף יעדן קלענסטן דין און מנהג, און פון דער אַנדערער זייט, אויפגעקלערטע פּערזאָנען, וואָס האָבן פאַרלאָזט דעם קאַטאָליציזם צוליב זיין דאָגמאַטיזם, און עס הויבט זיך זיי אָן דאַכטן, אַז אין יידנטום האָבן זיי געפונען דעם דאָגמאַטיזם, וואָס צוליב אים זענען זיי אַנטלאָפן פון קריסטנטום. אין משך פון זיבעצנטן יאָרהונדערט שפּילן זיך אָפּ אָט אויף דעם באָדן צוויי טיפע טראַגעדיעס.

אין 1585 ווערט געבוירן אין פּאָרטוגאַל דער מאַראַן גבריאל דע קאָסטאַ, ער לערנט יורי אין אַ קלויסטער־אוניווערזיטעט, ער ווערט אפילו אַ קאַסירער אין אַ קירכע, אָבער זיין אומרואיקער גייסט האָט ספקות, וואָס ער מיינט צו פאַרענטפערן מיטן אומקערן זיך צו דער אמונה פון זיינע אָבות. ער קומט אַריבער מיט זיין פאַמיליע קיין אַמסטערדאַם, נעמט אָן די יידישע אמונה, און בייט זיין נאָמען פון גבריאל אויף אוריאל. אָבער אויך דאָס יידנטום שטעלט שוין נישט צופרידן זיין אומרואיקן גייסט. ער טרעט אַרויס קעגן אַ רייע מצוות און מנהגים. ער האַלט, אַז ביים מל זיין אַ קינד דאַרף מען נישט מאַכן קיין פּריעה און מציצה, אַז לייגן תפלין איז נישט מן התורה, אַז דער צווייטער טאָג יום־טוב איז אַן איבעריקער איינפיר. לסוף טרעט ער אַרויס אינגאַנצן קעגן תורה שבעל פּה, און הויבט אָן פּראָפּאַגאַנדירן זיינע אידעען אין דער עפנטלעכקייט. ער פירט אויך אַ ברייטע שריפטלעכע פּאָלעמיק. עס הויבט זיך אָן אַ קאַמף צווישן אוריאל אַקאָסטאַ און די רבנים, וואָס ווענדן אָן קעגן אים די שטראָף פון חרם. צוויי מאָל ווערט ער אַריינגעלייגט אין חרם, צוויי מאָל בעט ער זיך איבער מיטן אָפיציעלן יידנטום, אין 1630 און 1639, אָבער אין 1640 מאַכט ער אַליין אַ סוף צו זיין לעבן, איבערלאָזנדיק ווי אַ צוואה זיין ווערק „ביישפּיל פון אַ מענטשלעך לעבן". אוריאל אַקאָסטאַ קאָן באַטראַכט ווערן ווי דער פאָרגייער פון רעפאָרם.

פון אַ פיל ברייטערן פאַרנעם איז געווען דער קאָנפליקט מיט ברוך שפּינאָזאַ, אַ זון פון אַ מאַראַנען־פאַמיליע, וואָס איז געוואָרן אַ וועלט־באַרימטער פילאָזאָף. געבוירן אין אַמסטערדאַם אין 1632, איז ברוך שפּינאָזאַ דערצויגן געוואָרן אין דער דאָרטיקער ישיבה „עץ חיים", אַ מוסטער־שולע, ווו מען האָט געלערנט יידישע און וועלטלעכע לימודים צוגלייך. שפּינאָזאַ האָט אויך געלערנט די ווערק פון די יידישע פילאָזאָפן. דער רמב"ם, דער רלב"ג און ר' חסדאי קרשקש זענען געווען זיינע ווענוויזער. נאָך אין 1654, ווען עס איז געשטאָרבן זיין פאָטער מיכאל, האָט שפּינאָזאַ אָפּגעהיט דאָס יאָר אבלות און געזאָגט קדיש אַלע טאָג.

שפּינאָזא האָט אויך געלערנט פיל לאַטיין, אַלטע און נייע וועלט־ליטעראַטור, נאַטורוויסנשאַפט און פילאָזאָפיע. ער האָט זיך דערנענטערט צו די קריסטלעכער סעקטע פון רעמאָנסטראַנטן, וואָס האָבן געפּריידיקט דעם צוריקקער פון אורשפּרינגלעכן קריסטנטום פון עוואַנגעליום. ער האָט זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון יידישן כּלל. די פירער פון דער געמיינדע האָבן געפּרוּווט ווירקן אויף אים מיט גוטן, אָבער עס האָט קיין פּעולה נישט געהאַט. דאַן האָט מען אים גערופן פאַר אַ טריבונאַל פון רבנים, וועלכע האָבן אים געוואָרנט, אַז ער זאָל תשובה טאָן, דערווייל האָבן זיי אים אַריינגעלייגט אין אַ קליינעם חרם (נידוי) אויף דרייסיק טעג. אָבער כּפי אויך דאָס האָט נישט געהאָלפן, איז דעם 27סטן יולי פון 1656 אויסגערופן געוואָרן דער „גרויסער חרם" אויף שפּינאָזאַן.

אַלס אַן אמתער פילאָזאָף האָט שפּינאָזא נישט רעאַגירט אויפן חרם, ער האָט זיך באַשיידן צוריקגעצויגן, איינגעשלאָסן זיך אין זיך זעלבסט מיט זיינע מחשבות, האָט פאַרדינט זיין לעבן מיט שלייפן אויגן־גלעזער און שפּאַקטיוון פאַר אָפּטישע אינסטרומענטן, און איז עלנט און איינזאַם געשטאָרבן אין 1677. אין האַאַג האָט זיך ביז היינט דערהאַלטן דאָס הויז, וווּ ער האָט געוווינט. די גאַס וווּ דאָס הויז געפינט זיך טראָגט דעם נאָמען פון שפּינאָזאַ, און עס איז אויף איר אויפגעשטעלט געוואָרן אַ באַשיידענער מאָנומענט אין זיין אָנדענק. אַזוי האָט דאָס יידישע פאָלק פאַרלוירן איינעם פון זיינע גרעסטע זין.

פון די צוויי פונדאַמענטאַלע ווערק, וואָס שפּינאָזא האָט געלאָזט, איז דער „טעאָלאָגיש־פּאָליטישער טראַקטאַט" דער פונדאַמענט פון דער וויסנשאַפטלעכער ביבלקריטיק אין אונדזער צייט. דאָס בוך איז שטאַרק באַאיינפלוסט פון די געדאַנקען פון ר' אברהם אבן עזרא, וועלכע זיין גרויסער לאַנדסמאַן האָט ווייטער אַנטוויקלט. שפּינאָזא שטעלט זייער הויך די יידישע נביאים, ער האַלט אָבער, אַז די אַפּאָסטאָלן זענען אויך געווען פון די נביאים, און ישוע פון נצרת שטעלט ער העכער נאָך פון די נביאים. דער שאַרפער ביבל־קריטיקער איז דאָך נישט געווען קיין שאַרפער יעוואַנגעליום־קריטיקער. צו דער נאָך־ביבלישער יידישקייט, פּרושים און רבנים באַציט ער זיך נעגאַטיוו. ער זעט נישט קיין מאָטיוו פאַרן קיום פון יידנטום. ער האַלט, אַז עס איז אַ פּועל יוצא פון דער יידישער אָפּגעזונדערטקייט און פון דער שנאה מיט וואָס די וועלט צאָלט זיי דערפאַר.

דאָס צווייטע ווערק „עטיק", איז אַ טיפער שטודיום וועגן גאָט, נאַטור און מענטש. שפּינאָזא לערנט אַ מין פּאַנטעאיזם, ס'הייסט, אַז אַלץ איז גאָט. ער פּריידיקט גייסטיקע ליבע צו גאָט, די שטרעבונג צו מאָראַלישער פּערפעקטקייט, די באַהערשונג פון די געפילן דורכן שכל, די פרייהייט פון דער מענטשלעכער פּערזענלעכקייט. ווי אַ כשרער זון פון יידישן פאָלק שטעלט שפּינאָזא די עטיק אין צענטער פון זיין וועלט־באַנעם.

די יידן פון אַמסטערדאַם האָבן אויך באַווירקט די שאַפונג פון צוויי נייע

וויכטיקע ישובים אין די אַנגלאָזאַקסישע לענדער: אין ענגלאַנד און אין צפון־אַמע־ריקע. זינט דעם גירוש פון 1290 האָבן אַ דריי הונדערט יאָר נישט געלעבט קיין ידן אין ענגלאַנד, אַרום 1590 האָבן אָנגעהויבן צוריק אַריינקומען אין לאַנד אייניקע מאַראַנען פאַרשטעלטע אַלס קריסטן, אָבער קיין יידן האָט מען אַלץ נישט אַריינגע־לאָזט. איינצייטיק מיט די שחיטות אין אוקריינע אין יאָר 1648־9, ברעכט אויס אין ענגלאַנד אַ רעוואָלוציע קעגן דער פּאָליטיק פון קעניגלעכן הויף. די רעוואָלוציע ווערט געפירט פון דער קריסטלעכער סעקטע פּוריטאַנער, וואָס זענען שטאַרק באאיינ־פלוסט פון דער ביבל. גייענדיק אין שלאַכט פון דעם בירגער־קריג וואָס האָט אויסגע־בראָכן, פלעגן זיי זאָגן תהלים. זיי האָפן אויך, אַז די יידן וועלן אָננעמען זייער „ריינעם" קריסטנטום (פּוריטאַניזם) און אין 1648 וועט באַנייט ווערן די מלכות המשיח, אויף יידן און קריסטן צוגלייך. אַלס ערשטן שריט, האָבן זיי געהאַלטן, דאַרף מען גוטמאַכן די עוולה, וואָס ענגלאַנד האָט געטאָן „גאָטס פאָלק", ס׳הייסט מבטל מאַכן דעם גירוש אויף יידן. אייניקע פּוריטאַנער פון אַמסטערדאַם האָבן זיך אין 1649 געווענדט וועגן דעם מיט אַ שריפט צום ענגלישן רעוואָלוציאָנערן קריגס־ראַט.

דערווייל זענען קיין אַמסטערדאַם אָנגעקומען די אוקריינישע פּליטים מיט די שרעקלעכע ידיעות וועגן די דאָרטיקע שחיטות. דאָס ווירקט זייער שטאַרק אויף דעם ספרדישן רב מנשה בן ישראל, אַ הויך־געבילדעטער מאַן, וואָס איז אָבער אויך אַ מקובל און זעט אַ צייכן פון חבלי־משיח אין דעם, וואָס די שחיטות האָבן זיך אָנגע־הויבן דווקא אין דעם יאָר אויף וועלכן עס ווערט פאָראויסגעזאָגט לויטן זוהר דאָס קומען פון משיח. גלייכצייטיק באַקומט זיך פון אַמעריקע אַ ידיעה, דורך איינעם אַ מאַראַן מאָנטעסינאָס, אַז די אינדישע שטאַמען פון דעם נייעם קאָנטינענט זענען נישט קיין אַנדערע ווי די צען פאַרשווּנדענע יידישע שבטים, וואָס מען האָט אַרומגעזוכט איבער דער גאָרער וועלט. אויך אין דעם זעט מנשה בן ישראל אַ סימן פון משיחס צייטן. אָבער עס איז פאַראַן אַ פּסוק, וואָס ווערט אויסגעטייטשט, אַז נאָר ווען יידן וועלן צעשפּרייט ווערן איבער דער גאַנצער וועלט, וועט משיח קומען, אין ענגלאַנד זענען קיין יידן נישטאָ, דאָס פאַרהאַלט די גאולה. לאָזט זיך אַוועק מנשה בן ישראל מיט דריי אַנ־דערע רבנים קיין ענגלאַנד אויסצופּועלן, אַז דאָס לאַנד זאָל געעפנט ווערן פאַר יידן, און דערמיט מקרב זיין די גאולה. אין אָקטאָבער 1655 קומט אָן די דעלעגאַציע קיין לאָנ־דאָן און דערלאַנגט אַ שריפט וועגן בטל מאַכן דעם גירוש. אין דעצעמבער ווערט פאַר־רופן וועגן דעם וויכטיקן ענין אַ באַראַטונג פון פאָרשטייער פון די סוחרים און גייסט־לעכע. דער דיקטאַטאָר פון ענגלאַנד, דער פּוריטאַנער אָליווער קראָמוועל, האָט אַנט־שלאָסן פאַרטיידיקט דעם שטאַנדפּונקט, אַז יידן דאַרפן צוריק אַריינגעלאָזט ווערן, אַזוי וועט מען מקרב זיין דאָס צווייטע קומען פון משיחן (יעזוס). אָבער די פאַרזאַמלונג איז געווען קעגן, די צייטונגען האָבן אויפגעהויבן אַ העצע. קראָמוועל האָט געלייזט די פראַגע אויף אַן עכט ענגלישן אופן. קיין אויסדריקלעכע דערלויבעניש, די יידן זאָלן

זיך צוריקקערן איז טאַקע נישט געגעבן געוואָרן, אָבער א ווונק צו דער מאַכט, אז מען זאָל זיי נישט שטערן אין דעם, איז געמאַכט געוואָרן. יידן פאַרשטייען א ווונק און האָבן זיך פון דאַן אָן אָנגעהויבן צוריק צו באַזעצן אין ענגלאַנד. ר' מנשה בן ישראל איז געשטאָרבן אויף זיין צוריקרייזע פון לאָנדאָן אין 1657, אין א יאָר ארום איז געשטאָרבן קראָמוועל. משיח איז טאַקע נישט געקומען, אָבער יידן האָבן זיך צוריק אָנגעהויבן באַזעצן אין ענגלאַנד.

כמעט איינצייטיק מיטן ישוב אין ענגלאַנד קומט אויף דער ישוב אין צפון־אַמעריקע. יידן האָבן נישט געטאָרט וווינען אין די געביטן פון די שפּאַנישע און פּאָר־טוגעזישע קאָלאָניעס, דאָך האָבן זיך געשאַפן ישובים פון מאַראַנען אין א רייע לענ־דער, בעיקר אין צפון־בראַזיל, וווּ דער מאַראַן פערנאַנדאָ דע נאָראָניאַ האָט גע־קראָגן א קאָנצעסיע, און א נאָענטער אינדזל טראָגט ביז היינט זיין נאָמען. אָבער פון 1624 ביז 1654 האָט האָלאַנד באַהערשט א טייל פון צפון־בראַזיל, מיט די שטעט פּער־נאַמבוקאָ און באַהיאַ, און באַלד זענען דאָרט אויפגעקומען באַדייטנדיקע יידישע קהילות. ווען די פּאָרטוגעזער האָבן צוריק איינגענומען די געגנט, זענען די יידן אַוועק טיילווייז צוריק קיין האָלאַנד, טיילווייז אין די האָלענדישע קאָלאָניעס פון אַמעריקע: סורינאַם, קוראַסאַאָ און אויך אין דער איצטיקער ניו־יאָרק, וואָס האָט דאַן געהייסן ניו־אַמסטער־דאַם און האָט געהערט צו האָלאַנד. דער גובערנאַטאָר פון ניי־אַמסטערדאַם, פּעטער סטויוויסאַנט, האָט ניט געוואָלט אַריינלאָזן די יידישע פּליטים, אָבער א פאַראָרדענונג פון אַמסטערדאַם האָט אים באַפוילן, אַז יידן מעגן פריי האַנדלען און וווינען אין די לענ־דערייען און וואַסערן פון האָלענדישן באַזיץ אין אַמעריקע. אין צען יאָר ארום, 1564, איז ניי־אַמסטערדאַם פאַרנומען געוואָרן פון די ענגלענדער און איר נאָמען פאַרענדערט אויף ניו־יאָרק, אָבער דער יידישער ישוב איז נישט גערירט געוואָרן און האָט זיך צע־וואַקסן אין דער גרויסער קהילה פון ניו־יאָרק, וואָס וועט אין 1954 פייערן איר דריטן יאָרהונדערט.

עס איז כדאי צו באַמערקן, אַז די אַנטדעקונג פון אַמעריקע איז איינצייטיק מיטן גרויסן יידישן אומגליק פון גירוש ספרד, און די אַנטשטייאונג פון גרויסן און וויכטיקן יידישן ישוב אין צפון אַמעריקע און דעם באַדייטנדיקן יידישן ישוב אין ענג־לאַנד איז איינצייטיק מיט די גרויזאַמע יידישע ליידן אין מזרח־אייראָפּע: פּוילן און אוקריינע; אין א קורצער צייט נאָך גירוש ספרד, זינט 1517, הויבט זיך אָן צו אַנט־וויקלען דער יידישער ישוב אין ארץ־ישראל, אַזוי אַז ווען עס הויבט אָן צו פאַרגיין די זון פון יידישן לעבן אין אייראָפּע, הויבט אָן אויפצוגיין דאָס יידישע לעבן אין אַמעריקע און ארץ־ישראל, וווּ עס וועט איינצייטיק מיט דער שקיעה פון יידישן לעבן אין אייראָפּע אויפקומען דער דריטער יידישער שטאַט: מדינת ישראל, אין וועלכער די ישובים אין אַמעריקע און ענגלאַנד האָבן גאָר א גרויסן חלק.

123סטע לעקציע

משיחיזם - דעמערונג: די נאָכפאָלגער פון שבתי צבי

(1666 - 1791)

די באַוועגונג, וואָס שבתי צבי האָט אַרויסגערופן, האָט זיך נישט אַזוי לייכט איינגעשטילט. צו שיין איז געווען דער חלום פון דערלייזונג, אַז מען זאָל קאָנען און וועלן דערוואַכן פון אים. אַ הונדערט יאָר נאָכן טויט פון שבתי צבי וועט נאָך זיין פּערזענלעכקייט און דער גלויבן אין זיין משיחיזם באַאיינפלוסן דאָס יידישע לעבן, און ערשט מיטן אויפקום פון דער רענעסאַנס־באַוועגונג אין לעבן פון יידישן פאָלק, וועט עס זיך לאַנגזאַם באַפרייען פון שבתי־צבי געשפּענסט, וואָס וועט אים קאָסטן גרויסע קרבנות.

באַלד נאָך זיין שמד אין 1666, האָבן זיינע נאָענטסטע מיטאַרבעטער דערקלערט דעם שריט פון אַ מיסטישן שטאַנדפּונקט. נתן העזתי האָט געהאַלטן אין איין שיקן בריוו צו די קהילות, אַז מען זאָל ביי זיך נישט זיין געפאַלן צוליב די מעשים פון דעם משיח „וואָס זענען וווּנדערלעכע נסיונות, וואָס דער מענטשלעכער שכל קאָן גאָר נישט באַגרייפן". ער ווערט פאַרפאָלגט פון די רבנים, מוז אַפילו אונטערשרייבן אַ דערקלערונג, אַז אויב משיח קומט נישט ביז אלול פון יאָר תכ"ז (1667), דערקלערט ער, אַז די אויסרופן וואָס ער האָט וועגן דעם געהערט פון הימל זענען געווען בלויז האַלוציניאַציעס, אָבער כאָטש שבתי צבי קומט נישט צו דער באַשטימטער צייט, בלייבט ער אים געטריי און הערט נישט אויף צו פּריידיקן די אמונה אין אים.

אַפילו דער טויט פון שבתי צבי אין 1675 שוואַכט נישט אָפּ די אמונה פון זיינע אָנהענגער. זיין פרוי, וואָס ער האָט גענומען נאָכן טויט פון שרהן, די טאָכטער פון ספרדישן רב פון סאַלאָניקי, יוסף פילאָסאָף, דערקלערט, אַז די נשמה פון שבתי צבי איז פאַרקערפּערט געוואָרן אין איר קליינעם ברודער יעקב קערידאָ, אין וועמענס נאָמען עס הויבט אָן רעגירן אַ „רעגענטן־ראַט". די רבנים הויבן אָן צו פאַרפאָלגן די שבתי צביניקעס און 400 פון זיי נעמען אָן דעם איסלאַם אין 1687. זיי פאָרן אַפילו מיט יעקב קערידאָ בראש עולה רגל זיין קיין מעקאַ. אָבער זיי האַלטן זיך דאָך פאַר יידן ווען יעקב שטאַרבט, נעמט איבער די פירערשאַפט פון דער סעקטע זיין זון ברכיה, וועלכער וועט מיט איר אָנפירן ביז 1740, ווען די סעקטע וועט זיך דעפיניטיוו אָפּרייסן

פון יידישקייט און וועט בילדן די יידיש־איסלאַמישע סעקטע פון שבתי צביניקעס „דאָנ־מע", וואָס האָט זיך דערהאַלטן ביז אונדזערע טעג. צווישן די פירער פון דער טערקי־שער רעוואָלוציע אין אָנפאַנג פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט זענען געווען אַ סך אַרמיי־אָפיצירן פון דער „דאָנמע"־סעקטע.

אָבער אויך צווישן די יידן, וואָס זענען טריי געבליבן יידישקייט זענען פאַר־בליבן אַ סך הייסע אָנהענגער פון שבתי צבי. אַרום די אַכציקער יאָרן פון זיבעצנטן יאָרהונדערט דערשיינט דער נייער שבתי צבי נביא, אברהם מיכל קאַרדאָזאָ. אַ געווע־זענער מאַראַן, אַ לעב־יונג אין זיין יוגנט, האָט ער אין די מיטעלע יאָרן צוריק אָנגענו־מען יידישקייט און איז געווען שטאַרק מיסטיש געשטימט. אַ דאָקטאָר פון פאַך, האָט ער פאַרנומען דעם אַמט פון לייב־מעדיקער ביים הערשער פון טריפּאָלי. זיין קריסט־לעכע דערציאונג האָט אים געבראַכט צו דעם, ער זאָל אויפנעמען דעם יידישן משיח אין קריסטלעכער באַפאַרבונג. לויט זיין מיינונג איז משיח נישט קיין מענטש, ווי יידן גלויבן, נאָר די פאַרקערפּערונג פון דער צווייטער גאָטהייט, דעם גאָט פון ישראל, וואָס איז נישט דער באַשאַפער פון דער וועלט, נאָר בלויז איר מנהיג. שבתי צבי איז, לויט קאַרדאָזאָ, געווען די פאַרקערפּערונג פון גאָט פון ישראל, בעת ער אַליין איז בלויז „משיח בן יוסף פון שבט אפרים", וואָס פאַרטרעט משיח בן דוד, ביז ער וועט זיך צוריקקערן צווישן די לעבעדיקע.

ווען פּאָדאָליע ווערט צווישן די יאָרן 1672 און 1699 אָנגעשלאָסן אין טערקיי, כאַפּט זיך אַריבער די שבתי צבי באַוועגונג אַהין און פאַרשפּרייט זיך פון דאָרט איבער פּוילן. חיים מהלך — דער גייער — מיטן צונאָמען מלאך, הייבט אָן פּריידיקן, אַז שבתי צבי וועט צוריקקומען שוין אַלס אמתער דערלייזער, אין פערציק יאָר אַרום נאָך זיין ערשטער התגלות אין 1666, דאָס הייסט אין 1706. בכדי מקבל פּנים זיין דעם משיח דאַרפן יידן זיך קאָנצענטרירן אין ארץ ישראל. עטוואָס ענלעכעס פּריידיקט ר' יהודה חסיד, וועלכער רופט אויך צו עליה קיין ארץ ישראל און צו תשובה דורך תפילה און צדקה. אָנפאַנג 1700 פאַראייניקן זיך ביידע גרופּעס און אין אַ צאָל פון פופצן הונדערט נפשות לאָזן זיי זיך אַוועק דורך דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן און איטאַליע קיין ארץ־ישראל. זיי ווערן געשטיצט פון די קהילות, וואָס זיי גייען פאַרביי, און דערשלאָגן זיך סוף כל סוף קיין ירושלים. דאָרט שטאַרבט יהודה החסיד באַלד נאָך זיין אָנקומען. די משיח־דערוואַרטער האַלטן זיך קוים ביז 1706, דאָס פאַרשפּראָכענע יאָר, און ווען משיח דערשיינט נישט, הייבן זיי אָן צו פאַרלאָזן טיילווייז דאָס הייליקע לאַנד. אייניקע שליסן זיך אָן אין דער „דאָנמע", און אַ טייל פאַרבלייבט אין ירושלים, וווּ זיי גרינדן די שול, וואָס טראָגט דעם נאָמען „חורבת ר' יהודה החסיד", די וויכטיקסטע שול אין אַלט־ירושלים ביז צו היינטיקן טאָג. אין דער זעלבער צייט פון חיים מלאך איז אַקטיוו דער מטיף מרדכי מוכיח פון אייזנשטאַט, וואָס וויל מאַכן גלויבן, אַז ער אַליין איז משיח און געווינט אַ נעוויסע אָנהענגערשאַפט אין די איטאַליענישע שטעט מאָדענאַ

און רעזשיא. אין 1710 קומט אריבער פון די באַלקאַן־לענדער קיין מערב־אייראָפּע דער טיכטיקער בעל דרשן נחמיה חיון, וואָס פּריידיקט אַ נייעם נוסח פון שבתי צבי־גלויבן. ער האַלט, אַז שבתי צבי איז די פּאַרקערפּערונג פון דער גאָטהייט, וואָס דער זוהר באַ־צייכנט אַלס אבא קדישא. קעגן אים טרעט שאַרף אַרויס דער אַשכּנזישער רב פון אַמס־טערדאַם צבי אַשכּנזי, „חכם צבי". עס ברעכט אויס אַ מחלוקת צווישן די ספרדים און אַשכּנזים אין אַמסטערדאַם, אָבער נחמיה חיון ווערט פאַרטריבן.

אין 1726 ווערט געבוירן אין שטעטל קאָראָלעווקאַ, אויפן גרענעץ צווישן וואַלאַכיע און פּאָדאָליע, יעקב, דער זון פון ליב שמש, וואָס וועט קריגן שפּעטער, אויף זיינע רייזעס קיין טערקיי דעם נאָמען פראַנק. אין טערקיי באַקענט ער זיך מיט די „דאָנמע" און פאַלט אַרונטער זייער השפּעה. צוריקקערנדיק קיין פּוילן, וועט ער שפּע־טער טענהן, אַז ברכיה האָט אים באַפולמעכטיקט צו אַקטואירן אין פּוילן אין נאָמען פון דער סעקטע.

אין 1755 קומט פראַנק קיין לעמבערג, וווּ ער שליסט זיך אָן אין די איינצלנע שבתי־צביניקעס וואָס זענען אַקטיוו אין גאַליציע. צווישן זיי דער ווייַנהענדלער ליב קרים פון נאַדוואָרנע. פראַנק ווערט פאַרנעשטעלט ווי אַ רב און מנהיג, וואָס האָט געקראָגן סמיכה פון די פירער פון דער סעקטע אין טערקיי.

אַ קרעפטיקער מאַן, אַ לעבנסגיריקער און אַ להוטער נאָך די פאַרשידענע גע־נוסן, דערצו אַ האַלבער עם־הארץ, וואָס האָט ווי נישט ווי עפּעס געהערט, עפּעס אויפ־געכאַפּט פון זוהר און קבלה, פירט ער זיינע אָנהענגער אויפן וועג פון לעבנס־לוסטי־קייט. זיך אַליין לאָזט ער רופן אין שפּאַניאָליש „סאַנטאָ סעניאָר", הייליקער הער, ער דערקלערט זיך פאַרן גלגול פון שבתי צבי, און דער מיטלסטער פון די דריי גאָטהייטן, וואָס בילדן דעם באַנטעאָן פון זיין נייער „דת של אדום": גאָט, משיח און די שכינה. דאָס גאָטעסדינסט באַשטייט אין הוליאַנקעס, נישט פרייע פון זנות. דורך דעם וועג פון טומאה, זאָגט פראַנק, קאָן מען דערגרייכן די היכלות פון קדושה. אין יאַנואַר פון 1756 ווערט אַנטדעקט אין שטעטל לאַנצקאָראָן אַ געהיימע גאָטעסדינסט, אַ הוליאַנקע פון פראַנק מיט זיין עדה. פראַנק איז אַ טערקישער אונטערטאַן און קאָן זיך דערפאַר אַרויסראַטעווען, אָבער די אַלע איבעריקע, וואָס זענען מודה אויף אַ רייע פאַרברעכנס קעגן דער מאָראַל ווערן געמשפּט דורך אַ בית דין פון רבנים. אין מאַי 1756 רופט אויס דער ועד ארבע ארצות אין בראָד אַ חרם אויף די אָנהענגער פון שבתי צבי און פראַנק: „אָפּגעטיילט זאָלן זיי זיין פון כלל ישראל, זייערע פרויען און טעכטער דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי זונות, זייערע קינדער ווי ממזרים". עס ווערט אויך פאַרבאָטן צו לערנען קבלה־ספרים, חוץ דעם זוהר, דעם „פרדס רמונים" פון ר' משה קאָרדאָווערא, און „שומר אמונים" פון יוסף אירגס, וואָס מען מעג לערנען נאָכן עלטער פון 30 יאָר.

עס הויבט זיך אָן אַ רדיפה אויף די פראַנקיסטן, וואָס ווענדן זיך נאָך שוץ צום בישאָף דעמבאָווסקי פון קאַמעניעץ פּאָדאָלסק. זיי דערקלערן אים, אַז זיי גלויבן

נישט אין תלמוד, בלויז אין דער תורה און אין „זוהר", וואָס אַנטהאַלט די לערע פון דער געטלעכער דרייאייניקייט. בישאָף דעמבאָווסקי נוצט אויס די געלעגנהייט און אָרדנט איין אַן עפנטלעכן וויכוח איבערן תלמוד. די אַרטיקע פּריצים צווינגען די יידישע פאַרשטייער צושטעלן זיך צום וויכוח. דעם 20סטן יוני 1757 קומט פאָר דער וויכוח אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק. עס קומען 26 יידישע מנהיגים, אָבער קיינער פון זיי קאָן נישט רעדן גוט פּויליש און זיי נויטיקן זיך אין אַן איבערזעצער. פון צד פון די פראַנקיסטן קומען אָכצן מאַן, צווישן זיי לייב קרים, אלישע שור און זיין זון שלמה. די פראַנקיסטן שטעלן פעסט ניין פּרינציפּן פון זייער אמונה, אַלס קעגנער פון תלמוד: 1) זיי גלויבן אין תורת משה 2) די תורה קאָן מען נישט פאַרשטיין אָן ספּעציעלן גענאָד פון הימל 3) דער תלמוד איז פול מיט גאָטלעסטערונג און דאַרף פאַרלאָזט ווערן 4) עס איז דאָ נאָר איין גאָט וואָס האָט אַלץ באַשאַפן, 5) גאָט איז פון דריי נישט־צע־טיילבאַרע געשטאַלטן, 6) גאָט קאָן אָננעמען דאָס געשטאַלט פון אַ מענטשן און איז דאַן אויסגעשטעלט צו אַלערליי פאָרפאַלן, אָבער נישט צו קיין זינד 7) ירושלים וועט מער נישט אויפגעבויט ווערן 8) דער צוגעזאָגטער משיח וועט מער נישט קומען 9) גאָט האָט אַליין אויסגעקויפט די אור־זינד פון אדם הראשון, דאָס איז דער גאָט־משיח, וואָס האָט זיך פאַרקערפּערט אין אַ מענטשן־געשטאַלט. העכער אַ וואָך האָט זיך גע־צויגן דער וויכוח (20 ־ 28 יוני). ער איז נאָכאַמאָל באַנייט געוואָרן אין אָקטאָבער פון זעלבן יאָר. די קליינשטעטלדיקע רבנים זענען געווען צו שוואַך אין שפּראַכן, אין טעאָ־לאָגיע, אין אַלגעמיינעם וויסן, אַז זיי זאָלן קאָנען ביישטיין די אָנגריפן פון די קריסט־לעכע טעאָלאָגן, וואָס זענען געקומען צו הילף די פראַנקיסטן. אגב, האָט דאָך שוין בישאָף דעמבאָווסקי פון פריער געפּאַסט זיין באַשלוס. דער פּסק דין איז געווען: באַ־שטראָפן מיט שמיץ די, וואָס זענען באַפאַלן די פראַנקיסטן אין לאַנצקאָראָן, באַ־שטראָפן די קהלה מיט פינף טויזנט זלאָטעס צו גונסטן די אָנגעגריפענע, פאַרברענען דעם תלמוד. דעם 18טן אָקטאָבער פון 1757 זענען תלמוד־פאָליאַנטן עפנטלעך פאַר־ברענט געוואָרן אין קאַמענעץ־פּאָדאָלסק. אָבער אין דריי וואָכן אַרום איז בישאָף דעמ־באָווסקי פּלוצלינג געשטאָרבן, און יידישע ספרים זענען געראַטעוועט געוואָרן פון ווייטערדיקע פאַרפאָלגונגען.

די מחלוקת צווישן יידן און פראַנקיסטן איז פאַרגעזעצט געוואָרן. אַרויסגע־שטויסן פון יידישן כלל, האָבן די פראַנקיסטן נישט געהאַט קיין אחיזה אין דער גע־זעלשאַפט און האָבן אָנפאַנג 1759 זיך געווענדט צום בישאָף פון לעמבערג, לובינסקי, מיטן פאָרשלאָג זיך צו שמדן. זיי האָבן אָבער געשטעלט פאָלגנדיקע תנאים: מען זאָל זיי אויסטיילן ערד פאַר זייערע פופצן טויזנט אָנהענגער, בכדי זיי זאָלן מער נישט דאַרפן האַלטן קיין שענקען; עס זאָל זיי זיין דערלויבט קליידן זיך יידיש, נישט גאָלן די באָרד, נישט עסן קיין חזיר, גערופן ווערן, חוץ מיט קריסטלעכע נעמען, אויך מיט יידישע; אָפּהיטן אויסער זונטיק אויך דעם טאָג שבת, און חתונה האָבן בלויז צווישן זיך. זיי

האָבן פאַרגעשלאָגן אַ צווייטן וויכוח מיט די יידן: וועגן משיחן און וועגן נוצן בלוט מצד די יידן.

דעם 17טן יוני 1759 איז פאָרגעקומען דער צווייטער וויכוח אין דער קאַטעד־ראַל פון לעמבערג. פון יידישן צד זענען געקומען פערציק רבנים, בראש מיטן לעמ־בערגער הויפּט־רב ר׳ חיים ראַפּאָפּאָרט. פון די פראַנקיסטן איז געקומען פראַנק אַליין, ליב קרים און שלמה שור, און אייניקע גלחים, צווישן זיי אַ געוויסער פּיקאָלסקי, מחבר פון אַן אַנטי־יידישן פּאַמפלעט: „יידישע מוטוויליקייט". די פראַנקיסטן האָבן אויסגע־שטעלט זיבן טעזיסן: 1) די נבואות וועגן משיחן זענען שוין דערפילט געוואָרן. 2) יעזוס איז געווען דער אמתער משיח און ער האָט געליטן פאַר דער אור־זינד, בכדי אויסצולייזן די נשמות פון די, וואָס גלויבן אין אים. 3) זינט יעזוס איז געקומען זענען בטל געוואָרן די קרבנות. 4) דער קרייץ איז דער שטעמפּל פון משיח און דער סימבאָל פון דרייאייניקייט. 5) יעדער מענטש מוז האַלטן די אמונה פון דעם משיח. 6) אויף אַריינצוקומען אין דער אמונה מוז מען דורכמאַכן טויפונג. 7) דער תלמוד לערנט, אַז יידן דאַרפן באַנוצן קריסטלעך בלוט. די רבנים זענען שוין געווען עטוואָס בעסער צוגעגרייט ווי צום וויכוח אין קאַמענעץ פּאָדאָלסק. ר׳ חיים ראַפּאָפּאָרט האָט פאָרגע־לייענט אין לאַטיין אַ רעפעראַט וועגן בלוט־בלבול, וואָס איז פאַרפאַסט געוואָרן פון אייניקע געבילדעטע יידן.

דעם 10טן סעפּטעמבער 1759 האָט זיך דער וויכוח געענדיקט און דער גלח, וואָס האָט אָנגעפירט מיטן וויכוח, גלח מיקאָלסקי, האָט פאָרגעלייענט דעם באַשלוס. אין די ערשטע זעקס פּונקטן האָבן די יידן פאַרשפּילט. דער 7טער פּונקט, וועגן עלילת דם, דאַרף ערשט אויפגעקלערט ווערן.

די פראַנקיסטן האָבן זיך אָבער געמוזט שמדן אין קאָנדיציעס, און עטלעכע הונדערט פון זיי האָבן אָנגענומען דאָס קריסטנטום. פראַנק האָט זוכה געווען, אַז זיין טויף־פאָטער זאָל זיין דער קעניג אַווגוסט דער דריטער, און זיין יידישער נאָמען יעקב איז אים פאַרביטן געוואָרן אויפן „קריסטלעכן" נאָמען יוסף. אָבער צוויי חדשים נאָכן שמד איז פראַנק אַרעסטירט געוואָרן, אויף דער באַשולדיקונג, אַז ער פירט אָן זיין סעקטאַנטישע טעטיקייט, און איז צוועלף יאָר (1760־1772) אָפּגעזעסן אין דער טשענס־טאָכאָווער פעסטונג. די גאַנצע צייט האָבן זיינע חסידים אָנגעהאַלטן מיט אים פאַרבינ־דונגען. פון פעסטונג פלעגט ער זיי שיקן שריפטן, אין וועלכע ער האָט געפירט פּראָ־פּאַגאַנדע, אַז אַלע יידן דאַרפן אָננעמען דעם „דת פון אדום", וואָס האָט געקאָנט מיי־נען דעם גלויבן אין שבתי־צבי, אונטער אַ מאַנטל פון קאַטוילישן קריסטנטום. מיטן גורל פון פראַנק האָט זיך פאַראינטערעסירט די רוסישע רעגירונג, און ווען טשענסטאָ־כאָוו איז אין 1772 פאַרנומען געוואָרן פון רוסישן חיל, ווערט פראַנק באַפרייט. ער באַזעצט זיך אין ברין (מאָראַוויע). ער באַקומט אַפילו אַ צוטריט צום עסטרייכישן אימפּעראַטאָרישן הויף, ווו זיין טאָכטער חוה ווערט די געליבטע פון דעם צוקינפטיקן

קיסר יאָזעף דעם צווייטן, וועלכער איז נאָך דאַן געווען טראַנפּאָלגער. די מוטער פון טראַנפּאָלגער, די קייזערין מאַריאַ טערעזאַ, ווייזט אויס פראַנקן און זיין טאָכטער פון לאַנד, אָבער פראַנק איז שוין דאַן גאַנץ רייך. ער באַזעצט זיך אין 1786 אין שלאָס אָפּענבאַך, ווו ער פירט אַ פּריצישן שטאַט און לאָזט זיך רופן באַראָן. ווען ער שטאַרבט אין 1791, ווערט אָפּגעשוואַכט די פאַרבינדונג מיט פּוילן, און דער צופלוס פון ביי־טראָגן פון די גלויביקע ווערט פיל פאַרקלענערט. חוה פראַנק שטאַרבט אין אָרעמקייט אין יאָר 1816.

די געשמדטע פראַנקיסטן האָבן דערגרייכט צו די העכסטע פּאָזיציעס אין דער פּוילישער געזעלשאַפט, זיך משדך געווען מיט אַ סך פּוילישע אַדעליקע פאַמיליעס און אין די אָדערן פון מער ווי איין פּוילישן שטאַטסמאַן, און אפילו אַנטיסעמיט, פליסט יידיש בלוט פון זייגע פּראַנקיסטישע זיידעס.

דאָס קאַפּיטל שבתי צבי איז נאָך נישט געווען אָפּגעשלאָסן אין יידישן לעבן, אפילו נאָכן שמד פון די פראַנקיסטן. נאָך אין די יאָרן, ווען אין פּוילן האָט זיך גע־טומלט מיט די אָנהענגער פון פראַנק, איז אין מערב־אייראָפּע אויסגעבראָכן אַ מחלוקת צווישן צוויי פון די גרעסטע רבנים פון יענער צייט, פון וועלכע איינער האָט באַשולדיקט דעם צווייטן אין אָנגעהעריקייט צו דער שבתי־צבי באַוועגונג. דער הויפּט־רב פון די דריי קהילות אַלטאָנאַ־האַמבורג־וואַנדסבעק, דער געוועזענער ראש־ישיבה אין פּראָג, ר׳ יונתן אייבעשיץ (פּראַגער), איז באַשולדיקט געוואָרן פון ר׳ יעקב ב״ר צבי עמדין, דער זון פון „חכם צבי״, אין נטיה צו שבתי־צבי. אין אַ קמיע, וואָס ר׳ יונתן האָט אַרויסגעגעבן אַ יולדת, זאָל ר׳ יעקב עמדין האָבן אַנטדעקט סימולירט דעם נאָמען פון שבתי צבי. צווישן ביידע גדולים האָט זיך צעפלאַקערט אַ שאַרפע מחלוקת דורך אַנגריי־פערישע פּאַמפלעטן פון ר׳ יעקב עמדין: „התאבקות״ און „תורת הקנאות״ (די גע־שיכטע פון דער שבתי צבי באַוועגונג און אירע אָפּצווייגונגען), אויף וועלכע ר׳ יונתן האָט געענטפערט מיט אַ שריפט „לוחות עדות״. די קמיע איז אַלזייטיק שטודירט גע־וואָרן. אַ קריסטלעכער טעאָלאָג האָט אין איר געפונען נטיות צו... קריסטנטום. ר׳ יעקב עמדין האָט אַריינגעלייגט ר׳ יונתן אייבעשיץ אין חרם, אַ סך רבנים זענען אַריינגעצויגן געוואָרן אין דער מחלוקת, וואָס האָט נישט צוגעגעבן קיין כבוד דער רבנות אַלס אַזעל־כע. ר׳ יונתן אייבעשיץ איז געבליבן אויף זיין אַמט ביז זיין טויט אין 1764, און ר׳ יעקב עמדין האָט נאָך צוועלף יאָר פאָרגעזעצט דעם קאַמף קעגן דער שבתי צבי באַווע־גונג, און אפילו קעגן דער קבלה אַלס אַזעלכע און דעם זוהר.. אין זיין בוך „ספר השמוש״ (1762) דערגרייכט דער גרויסער קנאי צו אויספירן, וואָס קאָנען באַטראַכט ווערן ווי אמתע אפיקורסות, און אין „מטפחת ספרים״ (1768) זאָגט ער, אַז דער זוהר אַנטהאַלט געדאַנקען קעגן דעם יהדות. אַזוי האָט זיך פאַרענדיקט די לעצטע משיח־באַוועגונג, וואָס האָט אַזוי געגלאַנצט ביי איר אויפקום אין 1648 און איז פאַראומוויר־דיקט געוואָרן דורך מחלוקת און שמד אין די יאָרן פון קאָנפליקט מיט די פראַנקיסטן.

124סטע לעקציע

ווען אַ מדינה צעפֿאַלט

אויב יידן האָבן זיך נאָך שבתי צבי אַזוי געקלאַמערט אין דער משיח־אידעע אין אַ משך פון העכער הונדערט יאָר, נישט קוקנדיק אויף אַלע אירע דורכפֿאַלן, איז עס געווען דערפֿאַר, וואָס די האָפֿענונג אויף דער גאולה איז געבליבן די איינציקע טרייסט אין זייער טרויעריקן לעבן, וואָס איז געוואָרן פון יאָר צו יאָר ערגער און ערגער, בעיקר אין פוילן, ווו דאָס גאַנצע לאַנד האָט זינט 1648 אָנגעהויבן גיין באַרג אַראָפּ.

דער אויפשטאַנד פון די אוקריינער פויערים און קאָזאַקן אונטער דער פירערשאַפט פון באָגדאַן כמעלניצקי, איז אַ פּועל יוצא פון דער באַפעסטיקונג פון דער רוסישער מלוכה און דער אָנפאַנג פון סוף פון דער פוילישער מדינה. דער רוסישער צאַר אַלעקסיי מיכאַילאָוויטש רייסט אָפּ פון פוילן מזרח־אוקריינע און געוויסע געגנטן פון ווייסרוסלאַנד. זיין זון פּיאָטר, מיטן ביינאָמען דער גרויסער, דער גרינדער פון רוסישן אימפעריאַליזם, שאַפט אַ מין שטילן פּראָטעקטאָראַט פון רוסלאַנד איבער פוילן, און די גרעסטע פון זיינע נאָכפאָלגער, די דייטשישע פּרינצעסן סאָפיע, וואָס ווערט אימפּעראַטאָרין פון רוסלאַנד מיטן נאָמען יעקאַטערינע, און ביינאָמען די גרויסע, וועט פאַרענדיקן דאָס אָנגעהויבענע מיט הונדערט פינף און פופציק יאָר שפּעטער, און וועט פוילן אינגאַנצן אָפּמעקן פון דער מאַפּע. נישט אומזיסט וועט סאָוועט־רוסלאַנד אָנערקענען באָגדאַן כמעלניצקין אַלס נאַציאָנאַלן העלד פון אוקריינע, וועט שאַפן אַן אָרדן אויף זיין נאָמען און אויפשטעלן אים אַ דענקמאָל אין פּערעיאָסלאַוו, זיין געוועזענע הויפּטשטאָט.

אין די שווערע יאָרן פאַר דער פוילישער מלוכה, זוכט מען די שולד אין דעם, וואָס מען איז געווען צו גוט צו יידן און אונטער דער השפעה פון די יעזואיטן און אַנדערע מאָנאַכן־אָרדנס ווערן איינגעפירט אַלע באַגרעניצונגען אויף יידן, וואָס די קירכע האָט אין פאַרשידענע צייטן אַרויסגעגעבן. אין 1653 באַפעלט דער מלך יאַן קאַזימיר, אַז מען זאָל פאַר קיין פאַל נישט האַלטן קיין „קריסטלעכע אַרבעטער, בכדי די מלוכה זאָל נישט געשטראָפט ווערן פון הימל”. אין 1670 זוכט דער מלך מיכאַל וויִשניעוויעצקי אַ פאַרלייכטערונג אין דער הינזיכט און פּסקנט, אַז יידן טאָרן נאָר נישט האָבן קיין

שטענדיקע קריסטלעכע דינערשאפט, אָבער זיי מעגן האָבן קריסטלעכע טאָג־לוינער. דאָס האָבן געפאָדערט די עקאָנאָמישע אינטערעסן פון לאַנד, קריסטן האָבן דאָך גע־קראָגן באַשעפטיקונג אין יידישע אונטערנעמונגען, אָבער דער סיים פון ווארשע האָט אָפגעוואָרפן די פאַרלייכטערונג. מען האָט צוריק איינגעפירט אַלטע פאַרגעסענע באַ־באַגרענעצונגען, צווישן זיי דעם פאַרבאָט פאַר יידן צו ווייזן זיך אין גאַס בשעת קריסט־לעכע פּראָצעסיעס, און דער מוז אָפּצוטרעטן דעם וועג אַ גלח, וואָס טראָגט דעם סאַקראַ־מענט. די עקאָנאָמישע לאַגע פון יידן איז געוואָרן אַזאַ, אַז זיי האָבן מער נישט געהאַט קיין געלט צו פאַרלייען אויף וואוכער, און זענען, פאַרקערט, געווען געצוואונגען צו פאַר־שולדיקן זיך ביי נישט־יידן. אויך די קהילות האָבן געמוזט לייען געלט אפילו ביי מאָ־נאַכן־אָרדנס און רייכע קירכעס.

צו יענער צייט שטאַרקן זיך אויך די „שילער געלויפין", ס'הייסט די אָנפאַלן פון די סעמינאַריסטן, שילער פון גלחים־סעמינאַרן, אויף יידן. די קהילות האָבן זיך געמוזט אויסקויפן מיט איינמאָליקע, אָדער יערלעכע איינצאָלונגען. אין 1664 האָבן אויסגעבראָכן פּאָגראָמען אין לעמבערג און אַ רייע אַנדערע שטעט. די לאַגע איז גע־וואָרן אַזוי געפערלעך, אַז דער סיים האָט אין 1670 פאַראָרדנט, אַז מען זאָל די יידן לאָזן צורו. אין 1672 רייסט טערקיי אָפּ פון פּוילן די פּראָווינץ פּאָדאָליע און יידן זענען אין דעם אַ שטראָף פאַר די רדיפות, וואָס זיי שטייען אויס. יידן האָבן עטוואָס פרייער אָפּגעאָטעמט אין די 22 יאָר, 1674־1696, אין פאַרלויף פון וועלכע דעם טראָן פון פּוילן האָט פאַרנומען דער טיכטיקער מלך יאַן סאָביעסקי.

די לאַגע ווערט אָבער ווידער פאַרערגערט אין די יאָרן 1700־1710, ווען פּוילן, אין בונד מיט רוסלאַנד פון פּעטער דעם גרויסן, פירט אַ קריג קעגן שוועדן, וואָס ווערט אָנגעפירט פון איר פּעאיקן קריגס־פירער דעם מלך קאַרל דעם צוועלפטן. פּוילן ווערט צעריסן אויף צוויי טיילן, און איינער האַלט זיך אויגוסט דער צווייטער, אַ פּרינץ פון זאַקסן וואָס איז דערוויילט געוואָרן מלך פון פּוילן און ווערט געשטיצט פון פּעטער דעם גרויסן, אין דער צווייטער, וואָס איז טיילווייז פאַרנומען פון די שוועדן, קעניגט דער פּוילישער מלך סטאַניסלאַוו לעשצינסקי. פון ביידע צדדים איזדיעקוועט מען זיך איבער יידן. אין 1702־4 ברעכן ווידער אויס קאָזאַקישע פּאָגראָמען אין אוקריינע. ווען אין 1717 פאַרזאַמלט זיך אין ווארשע דער שלום־סיים און עס ווערט אָפּגעשטעלט דער בירגער־קריג, ווערט פאַרטאָפּלט פאַר יידן דער קאָפּ־שטייער. פּוילישע יידן דאַרפן צאָלן 220 טויזנט זלאָטעס, און ליטווישע יידן 60 טויזנט זלאָטעס יערלעך. אַ געוואַלדיקע סומע אין יענע צייטן. חוץ די געלט־אָפּצאָלן זענען נאָך די יידן גערודפט געוואָרן מיט אַ רייע באַשרענקונגען און אַנדערע פאַרפאָלגונגען.

נאָך אווגוסט דעם צווייטן איז ווידער געקומען אַ זאַקסישער פּרינץ אַלס מלך פון פּוילן: אווגוסט דער דריטער (1734־1763). די ירידה פון פּוילן ווערט שאַרפער, און די לאַגע פון די יידן ערגער פון יאָר צו יאָר. עס פאַרשטאַרקן זיך די עקאָנאָמישע פאַר־

פאַלגונגען מצד די שטאַטישע סוחרים און בעלי מלאכות, דער אדל וויל גאַר דערקלערן די יידן ווי זייערע לייב־אייגענע און די קירכע טוט זיך אירס, זי זוכט ווו זי קאָן נאָר צו דריקן די יידן. „שילער־געלויפן" ווערן מעשים בכל יום. יידן פלעגן זיך נאָר קענען אויסלייזן מיט געלט. גלייכצייטיק שטאַרקט זיך די היידאַמאַקישע פּויערים־באַוועגונג, וואָס ווערט אינספּירירט און געשטיצט פון רוסלאַנד. פון 1734 ביז 1738 זענען צע־שטערט געוואָרן אַ רייע קהילות. אין 1740 וואַרפט זיך אַריבער די מרידה אין ווייס־רוסלאַנד. וואַסקאַ וואַשטשילאַ, וואָס גיט זיך אויס פאַר אַן אייניקל פון כמעלניצקי און לאָזט זיך רופן אַטאַמאַן און העטמאַן, וואַרפט אַן אַ שרעק אויף דער יידישער און פּוילישער באַפעלקערונג. ערשט אין 1748 ווערן זיינע רויבער־באַנדעס עטוואָס געשטילט.

נאָך ערגער ווערט עס אין די צייטן פון מלך סטאַניסלאַוו־אויגוסט (1764־1787). פּוילן לעבט איבער די שרעקלעכע יאָרן פאַר איר ערשטער צעטיילונג. די רוסישע אינטרי־געס רופן אַרויס בירגער־קריג צווישן די נאָבל־לייט און דער רעגירונג, ווידער דערשיינען קאָזאַקישע באַנדעס. אָנגעריגט פון מלכיצדק, דעם איהומען פון אַ מאָנאַסטיר נעבן זשי־טאָמיר, האָט זיך דער קאָזאַקן־אַטאַמאַן זשעלעזניאַק געלאָזט איבער יידישע שטעטלעך: טשערקאַס, קאַרסון, באָהוסלאַוו א. אַ. און הרגעט יידן אָן רחמנות. יידן און פּאָליאַקן אַנטלויפן אין דער באַפעסטיקטער שטאָט אומאַן. זשעלעזניאַק פאַראייניקט זיך מיט אַ צווייטן קאָזאַקן־פירער, גאָנטאַ. זיי נעמען אומאַן דעם 19טן יוני 1768 און מאַכן אַזאַ שחיטה, וואָס האָט פאַרדינט איר טרויעריקן נאָמען אין דער יידישער מאַרטירער־געשיכטע.

עס פאַרשטייט זיך, אַז אין אַזעלכע אומרואיקע און אומזיכערע צייטן האָט די קירכע געקאָנט צעפירן די הענט מיטן אויסגעבראוווטן מיטל פון בלוט־בלבול. ניט קוקנדיק אויף דעם, וואָס אין 1664 האָט דער הויפּט פון דאָמיניקאַנער אָרדן, די מאַרינים, אין אַן עפנטלעכן בריוו פאַרדאַמט די, וואָס טראַכטן אויס אויף יידן בלוט־בלבולים, און אין 1680 האָט דער הויפּט פון קאַרמעליטן־אָרדן אויך פאַרעפנטלעכט אַזאַ בריוו, האָט עס דאָך ווייניק געהאָלפן. אין משך פון אַכצנטן יאָרהונדערט זענען אין פּוילן אינסצעניזירט געוואָרן אייניקע בלוט־בלבולים, פון וועלכע די וויכטיקסטע און אינטערעסאַנטסטע זענען די בלוט־בלבולים פון סאַנדאָמיערזש (צויזמער). אין 1698 האָט מען אין צויזמער געפו־נען אין טויטן־צימער ביי דער קירכע אַ טויטן קערפּער פון אַ קינד, אַ מיידעלע. די מוטער פון דעם קינד האָט דערקלערט, אַז זי האָט עס דאָרט אַוועקגעלייגט, בכדי צו באַפרייען זיך פון די הוצאות פון באַגרעבעניש, וואָס זי איז צו אָרים אויסצושטיין. דאָס שטאָט־געריכט האָט די מוטער באַשטראָפט מיט עטלעכע טעג אַרעסט. אָבער דער גלח סטעפאַן זשוראוווסקי האָט געפונען אַ געלעגנהייט צו פאַרפירן אַ בלוט־בלבול. די מוטער פון דעם קינד האָט אַמאָל געדינט ביים קהלה־פירער אַלעקסאַנדער בערעק, און דאָס איז גענוג געווען, אַז דער פּראָצעס זאָל פון דאָס ניי געעפנט ווערן. אונטער טאָרטור האָט די מוטער דער־קלערט וואָס מען האָט געהייסן, אַז דער ייד אַלעקסאַנדער בערעק האָט געטויט דאָס קינד און אויסגעצאַפּט פון דעם דאָס בלוט. ווען אַפילו מיט די גרעסטע ענויים, האָט מען נישט

געקאָנט ארויסקריגן ביי אַלעקס' בערעק, אז ער זאָל זיך מודה זיין, האָט מען אים דאָך פארמשפּט צום טויט, און ער איז געקעפּט און צעפערטלט געוואָרן אין 1704. עס איז נאָך נישט פארשטילט געוואָרן דער אָפּקלאַנג פון דעם ערשטן בלוט־בלבול, ווי אין 1710 איז אין צויזמער געפונען געוואָרן דער טויטער קערפּער פון דעם קינד קראַסנאָוואָסקי, און די יידישע קהילה אלס גאנצע איז באשולדיקט געוואָרן אין זיין מאָרד.

צום ענין האָט די קירכע צוגעצויגן א משומד, א געוועזענעם רב, א געוויסן יאַן סירפינאָוויטש, וואָס מען האָט אויך גערופן מיכאל נעאָפיט. פון צופיל לערנען איז סיר־פינאָוויטש געווירט געוואָרן פון זינען, און ער איז עס צוגעצויגן געוואָרן אלס עקספּערט אין צוויטן פּראָצעס פון צויזמער. ער האָט צוגעשטעלט א שריפטלעכע עקספּערטיזע, אז אַמאָל, ווען ער איז געווען „הויפּט רב" פון ליטע, האָט ער אַליין פארפייניקט צוויי קריסטלעכע קינדער, און האָט באשריבן די גאנצע פּראָצעדור פון פייניקן. ער האָט אויך דערציילט נישט־געשטויגענע בבא־מעשיות וועגן דעם, אז מען טוט אריין ביי יידן א טראָפּן קריסטלעך בלוט אין איי, וואָס מען גיט חתן־כלה נאָך דער חופּה; אז מיטן בלוט שמירט מען די אויגן־דעקלעך פון די יידן וואָס גוססן, אז א טראָפּן בלוט טוט מען אריין אין אַפיקומן, און נאָך אַזעלכע נישט געשטויגענע ווילדקייטן. דאָס געריכט אָבער האָט אָנ־גענומען אַלץ פאר גוט געלט. דער ועד ארבע ארצות האָט זיך געווענדט צו דער טויף־מוטער פון סירפינאָוויטש, די אדעליקע סיניאַווסקאַ, אז זי זאָל איינאָרדענען א וויכוח צווישן רבנים מיט דעם משומד. צום באשטימטן טאָג, אין מאַי 1712, זענען זיך צונויפ־געקומען אין הויז פון דער סיניאַווסקאַ, אין ווארשע, די יידישע פארטרעטער, דער שטאָט־הויפּט פון צויזמער און צוויי בישאָפן, סירפינאָוויטש איז נישט געקומען, און די סיניאַוו־סקאַ האָט באשטעטיקט שריפטלעך, אַז: „בלויז צוליב דעם, וואָס דער באשולדיקער איז נישט געקומען, האָט מען נישט געקאָנט אויפקלערן די שווידערלעכע באשולדיקונג".

דאָס אַלץ אָבער האָט ווייניק געהאָלפן. דער קהילה־פירער ליפּמאַן בן מאיר און די שמשים יצחק בן יוסף און דוד בן צבי זענען פארמשפּט געוואָרן צום טויט און דער קעניג אווגוסט דער צווייטער האָט באפוילן ארויסצוטרייבן די יידן פון צויזמער און פארוואנדלען זייער שול אין א קירכע (28סטער אפּריל 1712), ווייל, האָט דערקלערט דער מלך: „די אָפּשיילעכע אומגלויביקע יידן פארגיסן דאָס בלוט פון קריסטלעכע קינדער אין געהיים און אויף א שרעקלעכן אופן, וואָס רופט צו געטלעכער נקמה".

ארום דעם בלוט־בלבול אין צויזמער איז אויפגעקומען א גאנצע אנטיסעמי־טישע ליטעראטור, וואָס האָט באשמוצט יידן און יידישקייט און איז רעזומירט געוואָרן אין דעם בוך פון דעם אנטיסעמיט פּיקאַלסקי „יידישע מוטווילִיקייט".

מיט די לעצטע כוחות האָבן זיך די קהילות געווערט קעגן די צרות און רדי־פות און קעגן די סכנות, וואָס האָבן געלויערט אויף יידן אויף טריט און שריט. דער ועד ארבע ארצות פארזאמלט זיך, ווען נאָר ער האָט די מעגלעכקייט און פירט איין

די תקנות וואָס ער האָלט פאַר נויטיק, אַז דאָס יידישע לעבן זאָל נישט צוזאַמענברעכן. אויף אויסצומיידן אַ סך מיספאַרשטענדענישן, מיז דער ועד און די קהילות זיך אַריינמישן אין די געשעפטן פון יחידים, וואָס קאָנען ברענגען היזק דער געמיינשאַפט. אַזוי פאַראָרדנט דער ועד, אַז יידן זאָלן נישט שליסן קיין געשעפטן מיט קיין פּריצים און באַאַמטע אָן דעם וויסן פון קהל. אין 1682 ווערט פאַראָרדנט אין בריסק דליטא, אַז קריסטן זאָלן נישט פאַרלייען קיין געלט צו יידן אָן דעם וויסן פון קהל, ווייל דער קהל איז אויך געווען פאַראַנטוואָרטלעך פאַר די חובות פון יחידים. אין 1672 גיט דער מלך מיכאל וווישניעוויעצקי רעכט די קהילות פון ליטע אויסצושליסן די אומגע־האָרכזאַמע, בכדי די קהילה זאָל נישט ליידן פון זייערע מעשים. די רעגירונג פון איר צד לייגט אַלץ אַרויף מער אחריות אויף די פירער פון קהילות סיי פאַר די צינזן, סיי פאַר די יידישע חובות, און אפילו פאַר ענינים וואָס האָבן מיט יידן גאָר קיין דירעקטע שייכות נישט, ווי אָפּזוכן אַ מערדער פון אַ געהרגעטן פּריץ.

די קהילות שטעלן אָן ספּעציעלע שתדלנים צו פאַרטיידיקן די יידישע אינטע־רעסן פאַר דער רעגירונג און די פאַרשידענע אַמטן. ט׳רוב זענען די שתדלנים די פּי־נאַנץ־אַגענטן פון די מלכים. צווישן זיי איז כדאי צו דערמאָנען: מאַרקוס נעקל, זיין זון משה, פישל לעווקאָוויטש, א. א.

די ברייטע רעכט, וואָס די קהילה־פירער האָבן באַקומען אויף די יחידים פון זייערע געמיינדעס האָבן אין פאַרשידענע פאַלן געפירט צו מיסברויכן. די רייכערע האָבן זיך גענומען צופיל רעכט. די אָרעמע שיכטן זענען באַלאַסטעט געוואָרן מיט צופיל צינזן, נישט געווען קיין נחת אויך אין אינערלעכן לעבן פון פּויליש־יידישן קבוץ.

אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט שטעלט מיט זיך פאָר דאָס פּוילישע יידנטום אַ זייער טרויעריק בילד. דערדריקט פון הריגות און רדיפות, פון באַשרענקונגען און בלבולים, ווערט עס אויך אָן די אייגנשאַפטן פון דער אַמאָליקער זעלבסט־פאַרוואַלטונג אין די גוטע יאָרן. אַנטוישט אין די האָפענונגען אויף משיחן, איז דער פּויליש־יידישער קבוץ אויף איין שריט פון אַריינפאַלן אין יאוש. נישט פיל בעסער איז די יידישע לאַגע אין אַנדערע לענדער פון מזרח־אייראָפּע. אַכזריותדיק ווערן באַהאַנדלט די יידן אין עסטרייך דורך דער אימפּעראַטאָרין מאַריאַ טערעזאַ. דער „אויפגעקלערטער" פּרייסישער מלך פרידריך דער צווייטער גיט אַרויס קעגן זיי דראַ־קאָנישע רעגלאַמענטן. עס האָט זיך געקאָנט דאַכטן, אַז כלו כל הקצין.

אָבער דווקא אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט הויבן אָן שלאָגן די ערשטע כוואַליעס פון דער רענעסאַנס־באַוועגונג, וואָס וועט מיט צוויי יאָר־הונדערטער שפּעטער ברענגען צו דער פולקאָמער אויפלעבונג פון יידישן פאָלק, עקאָ־נאָמיש, גייסטיק און אפילו פּאָליטיש, נאַציאָנאַל און סאָציאַל. אָט וועגן דעם וווּנדער־באַרן פּראָצעס פון ווידעראויפלעבונג פון אַ האַלב־טויטער אומה וועט זיין די רייד אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

125סטע לעקציע

צוריקפלוס קיין מערב: פּריווילעגירטע יידן

מיר האָבן שוין געזען ווי די שחיטות אין אוקריינע פון יאָר 1648 האָבן גורם געווען צו אַ כוואַליע פון יידישע פּליטים, וואָס האָט זיך אַ גאָס געטאָן אויף מערב־אייראָפּע, וווּ מען איז גאָרנישט געווען אַזוי גערן זיי אויפצונעמען. די מלוכות פון מערב־אייראָפּע האָבן געהאַלטן אין רעכטן מיטן פון אַרויסשטויסן זייערע יידן אויף מזרח, און דאָ האָבן זיי גאָר געמוזט אויפנעמען אַ נייע יידישע איינוואַנדערונג. דאָס פּראָבלעם איז געווען גאַנץ שאַרף אַוועקגעשטעלט.

די ערשטע אויפצונעמען די יידישע פּליטים־כוואַליע איז געווען עסטרייך מיט איר באַדייטנדיקער יידישער באַפעלקערונג, פון וועלכער זי האָט געזוכט באַפרייט צו ווערן. עסטרייך, די פעסטונג פון קאַטאָליציזם אין מיטל־אייראָפּע, איז אויך געווען די ציטאַדעל פון אַנטיסעמיטיזם, און דאָס צוקומען פון יידישע פּליטים האָט דאָרט אַרויסגערופן אַ שטאַרקע פינצטערע רעאַקציע. אין ווין האָט שוין אין העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט עקזיסטירט אַ יידישע געמיינדע פון אַ דריי־פיר טויזנט נפשות מיט וועלכע די מער פאַנאַטישע אימפּעראַטאָרן האָבן זיך געמוזט רעכענען, צוליב זייער וויכטיקייט פאַרן אינטערנאַציאָנאַלן מסחר און אויך צוליב די גרויסע הכנסות פון די צינזן, וואָס זיי האָבן געצאָלט. אָבער דער אימפּעראַטאָר לעאָפּאָלד דער ערשטער (1705-1657) האָט זיך מיט קיין זאַך נישט געוואָלט רעכענען. אין יולי 1669 פאַראָרדנט ער אַרויסצוטרייבן פון ווין די אָרעמערע יידן. אין אויגוסט פון זעלבן יאָר ווערן פאַרטריבן די באַמיטלטע יידן. די רייכערע יידן האָבן זיך נאָך עטוואָס געוועדט, אָבער דעם 28סטן פעברואַר פון 1670 איז אויך פאַראָרדנט געוואָרן דער גירוש פון די רייכע יידישע באַנקירן. עס האָט אַפילו נישט געהאָלפן דער בריוו, וואָס די קעניגין פון שוועדן, קריסטינאַ, האָט אויף איר דער בקשה פון איר פינאַנץ־אַגענט דעם מאַראַן מאַנועל טעקסיירא, געשריבן צו דער אימפּעראַטאָרין און צום פּויפּסטלעכן נונציוס אין רוים. לעאָפּאָלד איז געבליבן אומבויגזאַם. אין זיין כבוד האָט די שטאָטפּאָ

וואַלטונג אַנגערופן דעם געוועזענעם יידישן שטאָט־געגנט לעאָפּאָלד־שטאָט, און אַזוי ווערט ער גערופן ביז היינטיקן טאָג.

דעם גירוש פון ווין האָט אויסגענוצט דער גרויסער קורפירשט פון בראַנ־דענבורג, פרידריך ווילהעלם האָהענצאָלערן דער ערשטער, וועלכער האָט שוין דאַן געשטרעבט צו שאַפן דאָס קעניגרייך פון פרייסן און איבערנעמען די העגעמאָניע אין דייטשלאַנד. ער טיילט מיט זיין געזאַנדטן אין עסטרייך, גיומאַן, אַז ער איז גרייט אויפצונעמען פערציק־פופציק יידישע פאַמיליעס, אָבער פון די גאָר רייכע. דעם 21סטן מאַי 1671 חתמעט פרידריך ווילהעלם אַ דעקרעט פון פאָלגנדיקע צען פונקטן:

1) די פופציק יידישע משפחות, וואָס ער נעמט אויף אין בראַנדענבורג, האָבן דאָס רעכט צו וווינען אומעטום, סיי אין גרעדונגענע, סיי אין אייגענע הייזער. 2) זיי מעגן זיך אָפּגעבן מיט מסחר סיי לאחדים, סיי אין הורט, בעיקר מיט שטאָפן. 3) זיי טאָרן זיך נישט אָפּגעבן מיט וווכער. 4) זיי דאַרפן צאָלן יערלעך אַכט טאַלער פאַר וווינרעכט און אַ גאָלדענעם דוקאַט פאַר יעדער חתונה. חוץ די אַנדערע אָפּצאָלן, אין הסכם מיט די פאַרשידענע שטאָטפאַרוואַלטונגען. 5) אין ציווילע ענינים ווערן יידן געמשפט דורך די שטאָטישע געריכטן, אין קרימינעלע — משפט זיי דאָס געריכט פון קורפירשט. 6) יידן טאָרן נישט האָבן קיין שולן, אָבער זיי מעגן דאַווענען אין פריוואַטע הייזער און האָבן די דערצו נויטיקע כלי קודש. 7) זיי טאָרן נישט אַרויס־פירן פון לאַנד קיין גוטע מטבעות און אַריינפירן שלעכטע. 8) די שטאָט־פאַרוואַלטונ־גען טאָרן די יידן נישט אונטערדריקן. 9) דאָס וווינרעכט איז אויף צוואַנציק יאָר, וואָס קאָנען פאַרלענגערט ווערן, אויב די יידן וועלן זיך „גוט אויפפירן". 10) אין מלחמה־צייטן וועלן יידן, צוגלייך מיט אַלע בירגער, געפינען שוץ אין די פעסטונ־גען. דער גירוש פון ווין אין יאָר 1670 איז אַזוי אַרום דער אָנפאַנג פון אויפשטייג פון פרייסן און פון דער ירידה פון עסטרייך.

שוין אין דריי יאָר אַרום (1673) גיט זיך דער אימפּעראַטאָר לעאָפּאָלד חשבון, אַז ער איז באַגאַנגען אַ טעות. ער האָט אָנגעוווירן גרויסע איינגאַמען, ער האָט שוועריקייטן ביים באַקומען קרעדיט, וואָס יידן פלעגן אים צושטעלן צו יעדער צייט, דערצו זענען סחורות אין לאַנד טייערער געוואָרן, די בעלי מלאכות האָבן ווייניקער אַרבעט און דאָס עקאָנאָמישע לעבן בכלל האָט שטאַרק געליטן.

נאָך אַ לאַנגן צעגערן, און געדריקט פון דער מלחמה, וואָס די אימפּעריע, צוזאַמען מיט שפּאַניע האָבן געפירט קעגן פראַנקרייך און טערקיי (1674־1682) האָט אימ־פּעראַטאָר לעאָפּאָלד באַשטימט דעם ייד שמואל אָפּנהיימער אַלס קייזערלעכער פאַקטאָר, און ער האָט אַזויפיל געלייסטעט פאַרן עסטרייכישן הויף, אַז אין 1683, נאָכדעם ווי ער האָט געהאָלפן ווין אויסהאַלטן די באַלאַגערונג פון די טערקן, ווערט ער באַשטימט אַלס הויף־באַנקיר. שמואל אָפּנהיימער באַזעצט זיך אין ווין און מיט אים היפּש יידן, וואָס זענען באַשעפטיקט אין זיינע אונטערנעמונגען. דער בישאָף קאָלאָניטש האָט

נישט קיין אנדער אויסוועג צו באקעמפן שמואל אפנהיימער ווי ארגאניזירנדיק א פאנ־ראם קעגן זיין הויז אין יאר 1700.

אָבער דער יידישער ישוב אין ווין איז דאך געוואקסן, און ווען שמואל אפנ־היימער שטארבט אין 1703, פארנעמט זיין אמט זיין געוועזענער געשעפטס־פירער ר׳ שמשון ווערטהיימער, א סינטעז פון א רב מיט א פינאנסיסט, וואס ווערט שטיין בראש פון יידישן ישוב ביזן יאר 1724. מיט צייז־קריצעניש האבן די ווינער אנטי־סעמיטן געמוזט דולדן דעם יידישן ישוב, אן וועלכן די אימפעריע האט זיך נישט געקאנט באגיין. מען האט זיך געקילט דאס הארץ מיט קליינע רדיפות און נגישות קעגן די יידישע אנגעשטעלטע פון די רייכע הויף־יידן, מאכנדיק אפטע הויז־זוכונגען צו זען, צי נעכטיקט נישט חס ושלום אין ווין א ייד, וואס זיין ווינרעכט איז נישט אין אָרדענונג. לויט דער „יידנאָרדנונג פון 1723" מעג אין א יידישער משפחה חתונה האבן בלויז דער עלטסטער זון, בכדי די צאל משפחות זאל נישט פארגרעסערט ווערן. דאס ווינרעכט פון די אנגעשטעלטע איז נאר פערזענלעך פאר זיי און נישט פאר זייערע פאמיליעס. א פארלייכטערונג פון ווינרעכט קאן געגעבן ווערן נאר אין אויס־נאם־פאלן. אָבער לויטן פרידנס־אפמאך מיט טערקיי פון 1718, האבן טערקישע יידן געמעגט לעבן אומגעשטערט אין ווין און עס האט זיך באקומען דער אבסורד, אז אן אויסלענדישער בירגער האט געהאט מער רעכט פון א בירגער פון לאנד. דאס האט אויך געגעבן די מעגלעכקייט פאר געוויסע יידן צו ווערן טערקישע אונטערטאנען.

נישט פיל ערגער איז עס געגאנגען דעם נייעם יידישן ישוב אין בערלין. אלע אנפאלן פון די שונאי ישראל האבן ווייניק אפקלאנג געפונען ביי די קורפירסטן, און שפעטער מלכים, פון פרייסן. גאנץ גוטע אנטיסעמיטן, זענען אָבער די האהענצאלערן געווען ביז גאר פראקטישע רעגירער און האבן אפגעשאצט די נוצן, וואס די יידן ברענ־גען זייער מדינה אין פולן ווערט. אין 1684 ווערט איינגעפירט א באזונדערער אפצאל לויטן פארמעגן: אָרעמע, באמיטלטע, רייכע. אין 1685 ווערט פאראָרדנט, אז יעדער ייד וואס באקומט ווינרעכט אין בערלין מוז געבן א דעפאזיט פון טויזנט טאלער אויף צו פארגיטיקן א קריסט אין פאל ער זאל ליידן פון זיינע אומגעזעצלעכע מעשים. ווען עס פארענדיקט זיך דער טערמין פון די צוואנציק יאר ווינרעכט אין 1690, ווערט די דערלויבעניש באנייט, אָבער דער אפצאל געהעכערט.

די קהילה אין בערלין איז געוואקסן אין צאל, און אייניקע גאר רייכע יידן האבן אפילו באקומען השפעה אין די הויפקרייזן, ווי למשל יוסט ליבמאן, דער מינצ־מייסטער פון גרויסן קורפירסט, און באנקיר פון פרידריך דעם ערשטן. השפעה האבן אויך געהאט די פאמיליעס פון ריס און פייט. אין 1714 ווערט אויפגעבויט די ערשטע שול אין בערלין און עס אָרגאניזירט זיך איר קהילה־פארוואלטונג. אין די צייטן פון פרידריך ווילהעלם דעם 1טן פון פרייסן (1740־1714) ווערט די לאגע עטוואס פארערגערט; נייע איינוווינער דארפן ברענגען א באשטעטיקונג פון דער קהילה וועגן גוטער אויפ־פירונג, און באווייזן אז זיי פארמאגן לכל הפחות צען טויזנט טאלער. חתונה האבן

מעג נאָר דער עלטסטער זון אָדער טאָכטער פון א פאַמיליע. די אַנדערע קינדער קאָ־נען נאָר דאָן גרינדן א פאַמיליע, ווען זיי פאַרמאָגן 1000 טאַלער צו דער צווייטער חתונה און צוויי טויזנט צו דער דריטער. אַזוי אַרום בילדעט זיך אויס אין בערלין א קהילה פון פאַרמעגלעכע, פּריווילעגירטע יידן. אין 1737 ווערן פאַרטריבן פון בערלין א צאָל „איבערפליסיקע" משפחות, וואָס האָבן זיך מיט דער צייט דאָרט באַזעצט.

יידישע הויף־פאַקטאָרן און באַנקירן זענען געוואָרן א גויטווענדיקייט אויך אין די קלענערע דייטשישע מלוכהלעך, קאַטוילישע ווי פּראָטעסטאַנטישע, אַרום יעדן „האָף־יודע" פלעגט זיך בילדן א קליינע קהילה פון מער אָדער ווייניקער פּריווילע־גירטע יידן. די איינשטעלונג פון א רעגירנדיקן פּרינץ האָט נישט אַלעמאָל געקאָנט באַשטימען אין דער אָנגעלעגנהייט, דעצידירנדיק זענען געווען די נויטן פון דער מלוכה אָדער פון הויף. אַזוי האָט געווירקט אין דרעזדען דער הויף־באַנקיר יששכר בערמאַן (בערנאַרד לעהמאַן) און אין האַנאָווער האָט אַקטואירט דער פינאַנץ אָבער־פאַקטאָר ליפּמאַן בערנהאַרדס (ליפּמאַן כהן), און אין מעקלענבורג זענען געווען די יידן אברהם האַגן און נתן בענעדיקס, און אין שטוטגאַרט האָט געהאַט א גאַר גרויסע דעה יוסף זיס אָפּענהיימער (1738־1698), וועלכער איז סוף כל סוף אומגעקומען אויף דער תליה, נישט קוקנדיק אויף דער גרויסער השפּעה וואָס ער האָט אַמאָל גע־האַט אין הויף. זיין טראַגישער גורל האָט געפונען אָפּקלאַנג אין דער ליטעראַטור, טעאַטער און פילם: „ייד זיס".

ספּעציעלע אויפמערקזאַמקייט האָבן געהאַט די רייכע, פּריווילעגירטע יידן אין די פרייסטעט פון דער אימפּעריע, די צענטערן פון קאַפּיטאַליזם, וואָס האָבן זיך דאָן אָנגעהויבן אַנטוויקלען, בעיקר אין האַמבורג, וווּ עס האָט אַרום דער צווייטער העלפט פון זיבעצנטן יאָרהונדערט עקזיסטירט א קהילה פון מאַראַנען, וואָס האָבן זיך צוריקגעקערט צו יידישקייט. לויטן געזעץ פון 1650 מעגן אפילו די יידן דאַווענען בציבור, אָבער אין געוויינלעכע הייזער, בכדי נישט אויפצורייסן די אויגן. אָבער די געוועזענע מאַראַנען, וואָס זענען געווען געוווינט צו קאָנספּיראַציע, האָבן אין 1653 געגרינדעט א רעגעלע קהילה, וואָס האָט געפירט אירע אַקטן אין פּאָרטוגעזיש, און האָט געהאַט שפּאַניש ווי די אונטערריכט־שפּאַך אין דער „תלמוד תורה", וואָס זיי האָבן געגרינדעט, לויטן מוסטער פון אַמסטערדאַם. פון זייערע רבנים האָט זיך גע־מאַכט באַוווּסט ר' יעקב שאַשפּאָרטאַש מיט זיין קאַמף קעגן דער שבתי צבי באַוועגונג.

די קהילה האָט געציילט עטלעכע גאַר גרויסע פינאַנסיסטן, ווי דער געוועזע־נער מאַראַן דיעגאָ אברהם טעקסיירא, דער פינאַנץ־אַגענט פון דער שוועדישער מלכה קריסטינאַ, וועמענס זון, מאַנואל יצחק האָט זיך אַזוי משתדל געווען פאַר די ווינער יידן בשעת דעם גירוש פון 1670; דער באַנקיר פון פּוילישן מלך יעקב אבן צור (אַבענדעסאַר), און די צוויי פינאַנץ־אַגענטן פון מלך פון פּאָרטוגאַל יעקב קוריעל און נוניעז דאַ קאָסטאַ. דער פירשטלעכער שטאַט, וואָס דיעגאָ אברהם טעקסיירא האָט געפירט, האָט אַרויסגערופן קעגן אים די קנאה פון די גייסטלעכע, וועלכע האָבן פאַר־

פּירט קענען אים אַ פּראָצעס פאַר גאָט־לעסטערונג, ווייל ער איז דאָך געווען אַן „אָפּטריניקער פון קריסטנטום"; אָבער דער שטאָט־סענאַט האָט זיך אָנגענומען זיין קריוודע און האָט אים פאַרטיידיקט מיט דער טענה, אַז ער איז דאָך נישט געוואָרן קיין קריסט מיטן גוטן ווילן. ווען דיעגאָ אברהם איז געשטאָרבן אין 1666, האָט זיך דער פּראָצעס נאָך אַלץ געצויגן, ביז זיין זון יצחק מאַנועל האָט דערליידיקט דעם ענין מיט אַ „מתנה" פון אַ ניינציק טויזנט טאַלער פאַרן אַפּאָסטאָלישן אימפּעראַטאָר אין ווין. אויף 75 טויזנט האָט ער געגעבן אַ וועקסל פון אַ שפּאַנישן גראַנד, אויך אַ פרומער קאַטאָליק, וואָס האָט אויף אַזאַ אופן אַרויסגעהאָלפן פון אַ צרה אַן אָפּטריניקן „מאַראַן". די קלענערע סוחרים, וואָס האָבן געהאַט אין זייערע הענט די שטאָט־פאַרוואַלטונג פון האַמבורג, בעת אין שטאָט־סענאַט זענען געזעסן די גרויס־קאַפּיטאַליסטן, האָבן אַרויפגעצוווּנגען אויפן סענאַט אין 1697, ער זאָל אַרויפלייגן אויף די יידן גרויסע אָפּצאָלן, פאַרבאָטן בויען שולן וכו'. די פירער פון דער ספרדישער געמיינדע האָבן רעאַגירט מיט פאַרלאָזן די שטאָט. איניקע זענען אַוועק אין דער נאָענטער שטאָט אַלטאָנאַ, וואָס האָט געהערט צו דענעמאַרק; אַנדערע, מיט יצחק מאַנועל טעקסיירא בראש, זענען אַריבערגעפאָרן קיין אַמסטערדאַם. די עמיגראַציע פון יידישן קאַפּיטאַל האָט געבראַכט אַזאַ היזק די שטאָט־אינטערעסן, אַז די שטאָט־טאַטעס זענען בעסער געוואָרן. אין 1710 האָט מען געגעבן די ספרדישע יידן, אַלס אַנערקענונג פאַר זייערע האַנדלס באַציאונגען מיט שפּאַניע, דאָס רעכט צו באַשטימען צוואַנציק געשווירענע בערזע־מעקלערס. דער „ליבעראַלער" קאַפּיטאַליזם מאַכט די ערשטע שריט צו דער עמאַנסיפּאַציע פון יידן.

אונטערן שוץ פון די פּריווילעגירטע ספרדים קומט אויך אויף אין האַמבורג אַן אַשכנזישע קהילה. די פּליטים פון די כמעלניצקי־שחיטות אין אוקריינע ווערן ברייטערלעך אויפגענומען פון די ספרדים און קאָנען זיך באַזעצן אין שטאָט אַלס „אָנגעשטעלטע פון די פּאָרטוגעזן" איניקע פון די פּליטים זענען אַפילו אַוועק וויטער קיין אַמסטערדאַם, אָבער אַ גאַנץ גרויסע צאָל איז געבליבן אין האַמבורג. ווען אין 1649 פאַרזוכט די שטאָט־פאַרוואַלטונג צו פּטור ווערן פון דער מסחר־קאָנקורענץ פון די „פּאָליאַקן", באַזעצן זיך פיל אַשכנזים אין דער נאָענטער אַלטאָנאַ, כמעט אַ פאָרשטאָט פון האַמבורג, וואָס האָט געהערט צו דענעמאַרק, פון וואַנען זיי פלעגן טעגלעך קומען קיין האַמבורג אויף אַ פּאַסיר־שיין, וואָס האָט געקאָסט אַ דוקאַט אַ חודש. ווען אין 1710 גיט דער סענאַט פון האַמבורג הנחות צו דער ספרדישער געמיינדע, ווערן זיי אויך אויסגענוצט פון די אַשכנזים, ווייל זינט 1697 בילדן די דריי קהילות: האַמבורג, אַלטאָנאַ און וואַנדסבעק איין געמיינדע מיט איין הויפּט־רב און איין בית־דין. אַ געטרוי בילד פון דעם לעבן פון די יידן אין האַמבורג האָט געלאָזט די אַשכנזישע פרוי „גליקל פאָן האַמעלן" אין אירע מעמוּאַרן, געשריבן אין יידיש. אַ צווייטן באַריכט איבער דער לאַגע אין די יאָרן 1730־1750 גיט די ביאָגראַפיע פון באַרימטן ר' יעקב עמדין.

126סטע לעקציע

צוריקפאַלס קיין מערב: נישט-פּריווילעגירטע יידן

אָבער נישט אַלע איז געווען הויף-יידן. אין מערב-אייראָפּע זענען נאָך געהאַט פאַרבליבן אַ ביסל „יידן אָן געלט", און נאָך 1648 איז זייער צאָל מיטאַמאָל שטאַרק געוואַקסן דורכן צופלוס פון די פּליטים פון קאָזאַקישע שחיטות, און דאָס האָט שוין איבערגעפולט די טאָלעראַנץ פון די פּראָווינציעלע פּאַרלאַמענטן און שטאָט-פאַרוואַלטונגען. באַשליסן טאַקע די פּאַרלאַמענטן פון ביימען און מאָראַוויע, אַז וווינרעכט אין דער מדינה האָבן נאָר די יידן, וואָס האָבן שוין דאָרט געוווינט פון פאַר 1618. אָבער דאָס לעבן איז שטאַרקער פון אַלע באַשלוסן און דער יידישער ישוב אין ביימען איז פאַרגרעסערט געוואָרן מיט די אַרויסגעטריבענע פון ווין אין 1670.

חוץ די אָפיציעלע פאַרפאָלגונגען האָבן יידן נישט געפעלט קיין צרות פון ריינע צופעליקייטן, אַ מגפה אין פּראָג אין 1680 און אַ שריפה אין 1689, אין וועלכער עס האָט אָפּגעברענט די גאַנצע געטאָ. דערביי האָט די קירכע נישט אויפגעהערט צו ווירקן אין זין פון יידן-פאַרפאָלגונגען דורך עלילת דם (1694 און 1722) און אַנדערע בלבולים.

אין 1711 באַשטימט דער אימפּעראַטאָר קאַרל דער זעקסטער אַ ספּעציעלע קאָמיסיע אויף צו שטודירן די יידישע סכנה, און אין 1713 באַקלאָגט זיך דער שטאָט-האַלטער פון מאָראַוויע, אַז עס זענען דאָ צופיל יידן אין זיין מדינה. אין 1726-1727 גיט אַרויס קאַרל דער זעקסטער אַ דעקרעט, אַז דאָס וווינרעכט קאָן איבערגעגעבן ווערן נאָר צו איין קינד, די אַנדערע קינדער האָבן נישט קיין וווינרעכט און קאָנען דערפאַר קיין פאַמיליעס נישט בילדן. דערביי ווערט דורכגעפירט אַן אַקציע פון „סעפּאַראַציע", יידן ווערן דערווייטערט פון שותפותדיקע דירות מיט קריסטן, פון שכנה-שאַפט מיט קירכן און מאָנאַסטירן, מענער מוזן טראָגן אַ באָרד און אַ טיכל פון אַ באַזונדער קאָליר אַרום האַלדז, פרויען מוזן טראָגן אַ שלייער; קורץ, דער רעזשים פון מיטלאַלטער ווערט באַנייט אין זיין גאַנצער פּראַכט.

נישט בעסער איז געווען די לאַגע אין אַנדערע מדינות מיט באַדייטנדיקע יידישע ישובים: אונגאַרן, שלעזיע.

ווי דאָס אַלץ וואָלט ווייניק געווען, האָט די אימפּעראַטאָרין מאַריאַ טערעזאַ פון עסטרייך אויסגעגאָסן אויף די יידישע ישובים איר צאָרן פאַר אירע דורכפאַלן אין דער זיבן־יעריקער מלחמה מיט פרידריך דעם צווייטן פון פּרייסן. ווען דער רב פון פּראַג ר׳ יונתן אייבעשיץ פאָרט אַרויס פון שטאָט אין 1742 אויף אָנצונעמען די רבנות פון מעץ (פראַנקרייך), ווערט ער באַשולדיקט אין פאַרראַט; ווען די פּרייסן נעמען איין אין 1744 פּראַג, ווערן פאַרשפּרייט קלאַנגען, אַז יידן האָבן מיט זיי מיט־געאַרבעט און ווי נאָר די פּרייסישע חילות ציען זיך צוריק, ברעכט אויס אַ שווידער־לעכער פּאָגראָם. מאַריאַ טערעזאַ קאָן זיך אַלץ נישט שטילן, און אין דעצעמבער 1744 דעקרעטירט זי דעם גירוש פון אַלע יידן פון פּראַג און ביימען ביז סוף יוני 1745. אָבער יידן האָבן נישט וווּהין צו גיין און נאָך אין 1748 ווערט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע צו באַטראַכטן דעם ענין, און עס ווערט זיי געגעבן אַ טערמין־פאַרלענגערונג פון צען יאָר. דערביי ווערן די יידן וואָס זענען אַוועק פון פּראַג אויפגעפאָדערט צו אומקערן זיך וואָס פריער אין שטאָט, ווייל די מלוכה־קאַסע האָט זייער נויטיק זייערע אָפּצאָלונגען. פאַר איינוועגס ווערן פאַרגרעסערט אַלע אָפּצאָלונגען פון יידן, און זיי ווערן אויפגעמאָנט מיט דער גרעסטער אכזריות.

דער איינציינטלער פון דער פרומער קאַטאָליקין מאַריאַ טערעזאַ, דער אויפגעקלערטער פּראָטעסטאַנט פרידריך דער צווייטער איז נישט ווייניקער גרויזאַם צו יידן פון דער אימפּעראַטאָרין. אין 1750 גיט ער אַרויס אַ דראַקאָנישן יודן־רעגלאַמענט, וואָס איז דער מוסטער פון ווילקיר און דעספּאָטיזם. אַלע יידן געפינען זיך אונטערן „שוץ״ פון מלך און טיילן זיך אויף צוויי קאַטעגאָריעס: רעגולערע שוץ־יידן און אויסעראָרדנטלעכע שוץ־יידן. צו דער ערשטער קאַטעגאָריע געהערן די יידן וואָס האָבן באַקומען ירושה־ווינרעכט און אויך דאָס רעכט חתונה מאַכן איין קינד, זיי מעגן פירן געשעפטן אויף אייגענעם נאָמען. צו דער צווייטער קאַטעגאָריע געהערן די, וואָס האָבן דאָס ווינרעכט נאָר פאַרן אייגענעם לעבנס־לאַנג און טאָרן דערפאַר אפילו קיין איין קינד נישט חתונה מאַכן, זיי טאָרן אויך נישט פירן קיין אייגענע געשעפטן, נאָר זענען די אָנגעשטעלטע פון די פון דער ערשטער קאַטעגאָריע. יידן מעגן פריי האַנדלען מיט אַלץ, חוץ וואָל, פעל, טאַבאַק און ווייַן. אָבער יידישע בעל־מלאכות מעגן זיך אָפּגעבן נאָר מיט פאַכן, וואָס שטייען אויסער דעם קאָנטראָל פון די קריסטלעכע צעכן, ווי שלייפן דימענטן, גראַווירן שטעמפּלען, וועבן מיט גאָלד און זילבער און קונסט־מאַלעריי. אין 1763 דערהויבט פרידריך די שוץ־יידן פון דער צווייטער קאַטעגאָריע צו די רעכטן פון דער ערשטער, און די פון דער ערשטער קאַטעגאָריע באַקומען דאָס רעכט חתונה צו מאַכן אויך דאָס צווייטע קינד. דערפאַר האָט דער מלך באַקומען פאַר איינמאָל 70 טויזנט טאַלער און די פאַרגרעסערונג פון כלערליי ציגזן. חוץ

פארשידענע אָפּצאָלונגען דארפן יידן צושטעלן זילבער פארן מינץ־הויז אויף ביליקע פרייזן, צאָלן פאר דער חתונה פון דעם ערשטן זון הונדערט טאלער, און פאר דער חתונה פון צווייטן פופציק טאלער, זיי האָבן אויך געדארפט אויסקויפן ביים חתונה־מאכן א קינד, א זון אָדער א טאָכטער, פּאָרצעליי פון די מלוכה־פאבריקן אויף דריי הונדערט אָדער פינף הונדערט טאלער, לויטן מעמד פון די מחותנים.

א בולט בילד פון מיטלאלטער אין סאמע אכצנטן יאָרהונדערט גיט דאָס געטאָ פון פראנקפורט אם מיין, ווו עס האָבן געלעבט, אין 1709, 515 פאמיליעס מיט 3024 נפשות. דער סאָציאַלער צוזאמענשטעל פון דעם ישוב איז פאָלגנדיקער: 50 געלט־וועקסלער און פראָצענטניקעס, 185 קרעמער, 40 הענדלער מיט אלטווארג, 25 בעלי מלאכות, קצבים אָדער בעקערס: נישטאָ קיין יידן שניידערס, שוסטערס, סטאָליארעס וכ׳. צו דעם האָבן די קריסטלעכע צעכן נישט דערלאָזט; 35 קהילה־אָנגעשטעלטע און 40 אָן באשטימטע פּראָפעסיעס, וואָס לעבן טיילווייז פון צדקה. די געטאָ איז געווען ענג, פינצטער און שמוציק. כפי איר באגרענעצטער שטח האָט נישט געקאָנט פארגרע־סערט ווערן, האָט מען געבויט דריי־שטאָקיקע הייזער, וואָס האָט געמאכט, אז גאר וויי־ניק זון זאָל אריינקומען אין די שמאָלע געסלעך. די יידן האָבן געמעגט ארויסגיין פון געטאָ נאָר אין די שעהען פון טאָג, ווי נאָר עס איז נאכט געוואָרן, אָדער זונטיק, צי אין די קריסטלעכע ימים־טובים, האָבן זיי געמוזט בלייבן פארשפּארט אין געטאָ. די שטאָט־פארוואלטונג איז געווען אויטאָנאָם, אָבער דער הויף אין ווין האָט אויך געהאט צו זאָגן א דעה. די קהילה פון פראנקפורט האָט אויסגעהאלטן ביים הויף אין ווין א שתדלן אויף צו פארטיידיקן אירע אינטערעסן, וועלכער פלעגט שוין אמאָל אויך אריינ־ווארפן א וואָרט פאר דער אָדער יענער קהילה אין דער אימפעריע, וואָס האָט זיך געפונען אין אן עת צרה.

די שטאָט פראנקפורט האָט אויך גענומען איר וואָרט אין אן אייגנארטיקער דיסקוסיע ארום יידישקייט און יידן. אין 1700 דערשיינט אין פראנקפורט די ענציקלאָ־פעדיע פון יידנהאָס, דאָס צוויי־בענדיק ווערק פון פּראָפעסאָר פאר מזרח־שפּראכן אין היידלבערגער אוניווערזיטעט, יאָהאן אייזענמאנגער, אונטערן נאָמען „ענטדעקטעס יו־דנטום", פול מיט נישט־געשטויגענע, נישט געפלויגענע בלבולים. יידן זענען זיך משתדל אין ווין קעגן דער פארשפרייטונג פון ווערק און עס גליקט זיי אָפּ, כפי דער פּראָטעס־טאנטישער מחבר גרייפט אויך אָן דעם קאטאָליציזם, פאראָרדנט דער אימפּעראטאָר לעאָפּאָלד צו קאָנפיסקירן דאָס בוך. אייזנמאנגער שטאַרבט אין 1704, אָבער זיין ווערק דערשיינט אין א צווייטער אויפלאַגע אין 1711, אין בערלין, א דאנק דער פּראָטעקציע פון דעם פּרייסישן קעניג פרידריך דעם ערשטן, און ווערט די באזע פון „וויסנשאפט־לעכן" אנטיסעמיטיזם.

אין 1714־1718 דערשיינט דאָס פיר־בענדיקע ווערק פון פראנקפורטער אָריענ־טאליסט פּראָפעסאָר יאַקאָב שודט, אונטערן נאָמען „יידישע מערקווירדיקייטן", אין

וועלכן עס ווערט געמאַכט אַן ערנסטער פּרוּוו מצד אַ קריסט צו פאָרשן און קאָנען דאָס יידישע לעבן. וויניקער אַנטיסעמיטיש און מער אָביעקטיוו פון „ענטדעקטעס יודנ־טום", זענען אויך „די יידישע מערקווירדיקייטן" געשריבן אין אַ גענוג אַנטי־יידישן טאָן און נישט פריי פון נאַרישע אויסטראַכטענישן און מיספאַרשטענדענישן.

אין 1760 באַזוכט די געטאָ אין פראַנקפורט אַם מיין דער גרויסער דייטשי־שער דיכטער וואָלפגאַנג פאָן געטע, און אָט וואָס ער שרייבט וועגן דעם אין זיינע מעמוארן :

„איינע פון די וווּנדערזאַכן, וואָס האָבן באַאומרואיקט דאָס קינד און דעם בחור, איז געווען דער צושטאַנד אין דער יידנשטאָט, וואָס מען האָט גערופן יידנגאַס, ווייל זי איז באמת באַשטאַנען פון איין גאַס, וואָס האָט זיך פאַרצייטן געפונען ווי אין קלעם צווישן דער שטאָט־מויער און דעם טייך־קאַנאַל. די ענגשאַפט, דער שמוץ, דער טומל, די אויסשפּראַך פון אַ מאָנאָטאָנעם לשון, דאָס אַלץ האָט געמאַכט אַ שווערן איינדרוק, ווען אַפילו מען האָט אַהין בלויז פאַרבייגייענדיק אַריינגעקוקט. אַ סך טעג זענען פאַרלאָפן, ביז איך האָב געוואָגט אַריינצוקומען אינעווייניק, און איך האָב זיך גאָרנישט געאיילט אַהין צוריקצוקערן, ווייל איך האָב זיך קוים אַרויסגעקראָגן פון דער צודרינגלעכקייט פון מענטשן וואָס זענען מיך באַפאַלן מיט פאָרשלאָגן און פאָדערונ־גען". דער געשמאַק פון גרויסן העלענער האָט וויניק גענוס געקאָנט האָבן פון דער „עסטעטיק" פון יידישן געטאָ, אָבער זיין פיינער קינסטלער־חוש האָט אים אונטערגע־זאָגט, אַז אונטער דעם אָפּשיילעכן אויסזען זענען באַהאַלטן גרעסערע ווערטן. גיט ער צו אויף אַ צווייטן פּלאַץ:

„און דאָך זענען זיי פאַרבליבן קינדער פון אויסדערוויילטן פאָלק. געווען מענטשן אַרבעטזאַמע, צוגעלאָזענע; אויך זייער שטאַנדהאַפטיקייט אין די אייגענע מנהגים פאַרדינט באַערט צו ווערן".

127־סטע לעקציע

ווידעראויפלעבונג פון א פאלק

(1950 ־ 1750)

א ר יי נ פ י ר

דער רענעסאנס פון יידישן פאלק, א פראצעס וואס דויערט ארום 2 יארהונ־דערטער, פון העלפט אכצנטן ביז העלפט צוואנציקסטן יארהונדערט, איז א וואונדער־באר קאפיטל פון ווידעראויפלעבונג מיט אייגענע כוחות פון א פאלק, וואס איז שוין געשטאנען ביים ברעג פון טיפן אפגרונט פון יאוש און אנטמוטיקונג, און האט דאך געפונען אין דער אייגענער נשמה די גייסטיקע קרעפטן צו גובר זיין די פארוווירונג און איבערבויען זיין לעבן אויף נייע יסודות. אין מיטן פון די שרעקלעכסטע רדיפות און שחיטות וואס עס האט געליטן. אין די צוויי הונדערט יאר ווערט פאריונגערט דער יידישער געדאנק, עס ווערט אפגעפרישט דאס געפיל, עס צעבליען זיך זיינע צוויי שפראכן: העברעאיש, וואס עס האט מיטגעבראכט פון דער אלטער היים אין מזרח, און יידיש, וואס עס האט אויסגעפורעמט אין זיינע נייע היימען אויפן אייראפעאישן קאנטינענט. עס שטייט אויך אויף תחית המתים זיין פאליטיש לעבן, וואס דערגרייכט די צוריקשטעלונג פון זיין שטאטלעכקייט מיט דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל. דאס יידישע פאלק גייט אויך פאר דער צייט ארויס פון זיין אינטעלעקטועלער אפגע־שטאנענקייט און פארנעמט ווידער זיין ארט אין די ערשטע רייען פון די ציוויליזירטע פעלקער, וואס האבן צו פארצייכענען גרויסע דערגרייכונגען אויפן געביט פון וויסנשאפט, קונסט, פילאזאפיע.

די דעקאדענץ פון יידישן פאליטישן און גייסטיקן לעבן אין אייראפע הייבט זיך אן צום סוף פון עלפטן יארהונדערט מיט די שחיטות פון די קרייצצוגן, ווערט נאך שטארקער נאכן טויט פון רמב"ם אין 1204 און פון דעם קרייץ־צוג קעגן די כופרים פון דער פראוואנס אין 1209; ווערט נאך טראגישער נאכן גירוש פון שפאניע אין 1492, און דערגרייכט דעם קלימאקס נאך די שחיטות אין אוקריינע און פוילן, וואס ציען זיך כמעט אן איבעררייס פון 1648 ביז 1786. אויפן גירוש ספרד רעאגירט

די פֿאָלקס נשמה מיט אַ רייע משיח־באַוועגונגען, וואָס פֿאַלן אַלע דורך, און די לעצטע, אַרויסגערופֿן פֿון שבתי צבי, וואַרפֿט אַריין דאָס פֿאָלק אין דער גרעסטער אַנטוישונג און יאוש. אַזוי אַז דאָס פֿאָלק, וואָס איז ביז גירוש שפּאַניע געגאַנגען בראש פֿון דער ציוויליזירטער מענטשהייט אויפֿן געביט פֿון דענקען, פֿאָרשן און וויסן, פֿאַלט אַריין אין אַן אינטעלעקטועלער צוריקגעשטאַנענקייט, אין אַ מיסטישער פֿאַרטונקלונג פֿון זיין געדאַנק, און איז צום מיט פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט אַזוי אומוויסנד, אַז עס דאַרף זיך אָנהויבן לערנען ביי זיינע נעכטיקע תלמידים, די פֿעלקער פֿון אייראָפּע, וואָס האָבן פֿאַר דער זעלבער צייט פֿון דער ייִדישער דעקאַדענץ, און בעיקר זינט דער אַנטדעקונג פֿון דרוקעריי און פֿון דעם אַמעריקאַנער קאָנטינענט, דורכגעמאַכט אַ וווּנדערבאַרע אינטעלעקטועלע אַנטוויקלונג, וואָס איז באַקאַנט מיטן נאָמען רענעסאַנס.

צוליב די שחיטות און הריגות האָט דער ייִדישער רענעסאַנס היפּש פֿאַרשפּעטיקט, אָבער די גייסטיקע כוחות פֿון אוראַלטן פֿאָלק האָבן אים דערלויבט אין אַ קורצער צייט אָנייאָגן די ייִנגערע פֿעלקער און פֿאַרנעמען זיין פּלאַץ צווישן די ערשטע רייען פֿון די ציוויליזירטע אומות.

דער ייִדישער רענעסאַנס האָט זיך אָנגעהויבן פֿון אינעווייניק. ער איז באַווירקט געוואָרן, אַמאָל צום גוטן, אַמאָל צום שלעכטן, פֿון אויסערלעכע כוחות. די צייט פֿון זיין אויפֿקום קאָן פֿעסטגעשטעלט ווערן אין דער צווייטער העלפֿט פֿון אַכצנטן יאָרהונדערט, ווען כמעט איינצייטיק אַנטשטייען די באַוועגונגען פֿון חסידות און השכלה און עס הויבט זיך אָן דער אויפֿבלי פֿון ייִדיש און העברעאיש. גלייכצייטיק קומט טיילוויז צו זיך דאָס רבנות און דער לימוד התורה בליט ווידער אויף. פֿון די אויסערלעכע פֿאַקטאָרן פֿאַרהאַלטן דעם פּראָצעס פֿון רענעסאַנס די רדיפֿות און גזירות, ווי אויך בלבולים און שחיטות, וואָס הערן נישט אויף, אָבער עס העלפֿן זיין אַנטוויקלונג דער אַזוי גערופֿענער אויפֿגעקלערטער אַבסאָלוטיזם, די רייע רעוואָלוציעס, וואָס ברעכן אויס אין פֿראַנקרייך און צעשפּרייטן זיך אין אייראָפּע צווישן 1789 און 1848, און די ערשטע שריט פֿון דער רוסישער רעוואָלוציע, ווען אַפֿילו איר לעצטער אַנטוויקלונגס עטאַפּ, דער קאָמוניזם, שטעלט אין סכנה דעם קיום פֿון אַ גרויסן טייל פֿון מזרח־אייראָפּעאישן ייִדנטום און מאַכט אַ סוף צו די גייסטיקע קולטור־צענטערן אין מזרח־אייראָפּע.

128סטע לעקציע

חסידות און אַנטוויקלונג פון יידיש

די שרעקלעכע איבערלעבונגען פון די קאָזאַקן־שחיטות און בלוט־בלבולים צווישן העלפט זיבעצנטן און דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט, האָבן גורם געווען אויך צו אַ סאָציאַלן ריס אין דעם יידישן קבוץ. מיר האָבן שוין געזען ווי די פּוילישע רעגירונג האָט איבערגעגעבן צו די קהילה־פירער די פאַראַנטוואָרטלעכקייט און געוויסע קאָנטראָל־רעכטן אויף די יידישע יחידים. דאָס האָט געשאַפן אַ פּריווילעגירטן פירער־קלאַס, וואָס איז ס׳רוב באַשטאַנען פון יידן, וואָס „זענען חשוב ביים פּריץ", און פון די רבנים, וואָס זענען צום מערסטנטייל געווען די איידעמס אָדער קרובים פון די אַרויפגעאַרבעטע תקיפים. דערצו האָבן די עקאָנאָמישע אומשטענדן געבראַכט צו דעם, אַז די יידישע בעלי־מלאכות, וואָס האָבן געהאַט אויסצושטיין די נגישות פון די קריסטלעכע צעכן, זאָלן פאַרלאָזן די גרעסערע שטעט ווו די צעכן האָבן עקזיסטירט און איבערוואַנדערן אין די קלענערע ישובים, ווו זיי האָבן פרייער געקאָנט אָנגיין מיט זייער מלאכה.

דאָס זעלבע האָבן געטאָן אַ סך קלענערע יידישע סוחרים, וואָס האָבן נישט געקאָנט אויסשטיין די נגישות פון די קריסטלעכע סוחרים־פאַרבאַנדן און האָבן אויך געמוזט אַוועק אין די ישובים און דערפער אַלס קרעמער, ראַנדאַרן, פּאַכטער, האַלטער פון איינפאָר־הויפן. די נגישות שאַפן דאָס יידישע שטעטל, אַ מיטלפּונקט צווישן שטאָט און דאָרף. דאָרט זענען די יידן געווען אויסגעשטעלט צום ווילקיר פון די אָרטיקע פּריצים, וואָס זענען אין דעמאָלדיקן פּוילן געווען די פולקאָמע באַלעבאַטים אין זייערע מאַיאָנטקעס. צו וועמען פאַרקלאָגן זיך אויף די עוולות איז נישט געווען, מען האָט בלויז געקאָנט האָפן, אַז דער יידישער חשוב אין הויף וועט ביים פּריץ

קאָנען אויסווירקן עטוואָס א פאַרלייכטערונג. די פּריווילעגירטע שיכט האָט אָנגע־הויבן קוקן אויף זיך ווי אויף מיוחסים, א העכערן סאָרט מענטש. פון די פּריצים מיט וועלכע זיי זענען געקומען אין שטענדיקער באַרירונג האָבן זיי איבערגענומען די בטול־באַציאונג צו בעלי־מלאכות, האַרעפּאַשניקעס און סתם „געמיינע לייט". אין די לומדישע קרייזן איז נאָך צו דעם אַלעמען צוגעקומען די גרינגשעצונג פון תלמיד חכם צום עם־הארץ, און די ברייטע יידישע מאַסע, וואָס איז טאַקע געוואָרן גאַנץ פאַרגרעבט, בעיקר אין די דרום־פּראָווינצן פון פּוילן, האָט זיך דערפילט פאַר־לאָזט פון אַלעמען, פאַרפאַלגט פון פרעמדע און פאַראַכט פון אייגענע.

אָנפאַנג אַכצנטן יאָרהונדערט (1700) ווערט געבוירן דער מענטש, וואָס וועט אַרויסרופן א גייסטיקע מאַסן־באַוועגונג, וועלבע וועט אַרויספירן די יידישע פאָלקס־מאַסן פון דעם טעמפּן ווינקל פון פאַרגרעבטקייט, אין וועלכן דאָס לעבן האָט זיי פאַררוקט, און וועט דערעפענען א קאַפּיטל פון פרישע געפילן און איבערלעבונ־גען אין יידישן לעבן. דער מענטש איז ישראל ב"ר אליעזר בעל שם טוב (בעש"ט), וועלכן מען האָט אין דער פריסטער יוגנט גערופן אַזוי פאָלקסטימלעך ווי ישראל דער באָבעס. א יתום פון פאָטער, איז ער דערצויגן געוואָרן אין א תלמוד־תורה, שפּעטער געווען א באַהעלפער ביי א דרדקי מלמד, נאָך שפּעטער א שמש אין א שול. אָבער די גאַנצע צייט הערט ער נישט אויף צו לערנען און פאַרטיפן זיך אין קבלה, בעיקר אין דער „פּראַקטישער" קבלה פון אר"י. צו צוואַנציק יאָר באַזעצט זיך „ישראל דער באָבעס" אין בראָד, ווו ער האָט חתונה פאַר א שוועסטער פון דאָר־טיקן רב אברהם גרשון קיטעווער. דעם רב שטייט נישט אָן זיין שוואָגער דער „פּראָסטאַק", און ישראל מיט זיין פרוי באַזעצן זיך אין א דאָרף צווישן די שטעט־לעך קאָסאָוו און קיטעוו. זיי פאַרדינען זייער אויסקומעניש פון דעם ליים, וואָס ר' ישראל גראָבט אָן אין די קאַרפּאַטן־בערג און זיין פרוי פירט פאַרקויפן אין די אַרו־מיקע שטעטלעך. זיבן יאָר לעבט אָפּ ישראל אין די קאַרפּאַטן־בערג, פּראַוועט התבודדות, פאַרטיפט זיך אין דער אייגענער נשמה און זאַפּט אין איר איין די פּראַכט פון דער באַצייבערנדיקער נאַטור. דאַן פאָרט ער אַריבער אין שטעטל טלאָסטי, אין גאַליציע, ווו ער ווערט א מלמד, א חזן און אויך א שוחט, און ציט פרנסה פון דעם. ער האָט אויך א נעבן־פרנסה: אָפּשפּרעכענישן, היילן קראַנקע מיט גראָזן, שפּרוכן, און קמיעות, דאָס הייסט אויף דער שפּראַך פון יענע צייטן, אַז ער איז א בעל־שם. שפּעטער האָט ער געקראָגן דעם ביינאָמען בעל־שם־טוב, ס'הייסט דער גוטער בעל־שם, אַזוי שטאַרק האָט אים דער פּראָסטער עולם ליב באַקומען. אין 1740 איז שוין דער בעל־שם־טוב גאַנץ באַרימט. ער באַזעצט זיך אין מעדזיבאָזש, אַרום אים שאַפט זיך א קרייז אָנהענגער, פאַר וועלכע ער הויבט אָן צו אַנטוויקלען זיין אייגענע לערע. די גרונד־געדאַנקען פון בעל־שם־טובס תורה זענען: א) גאָט פילט אָן אַלע וועלטן. ב) פאַראַן א קעגנזייטיקע השפּעה צווישן די אונטערשטע און די אויבערשטע וועלטן, ס'הייסט, אַז דער מענטש געפינט זיך אונטער דער השגחה פון רבונו של עולם. ער

קאָן אָבער אויך משפּיע זיין אויף דער פירונג פון דער וועלט, בעיקר דורך תפילה, וואָס איז אַ צוזאַמענגיסן זיך פון דער נשמה מיט אין־סוף באַשעפער. 3) אין די מצוות, וואָס אַ ייד דאַרף אָפּהיטן איז דער עיקר די כוונה און די שמחה וואָס אַ ייד דאַרף פילן ביים טאָן אַ מצוה, אָדער אַ גוטע טאַט. 4) דאָס לערנען איז נישט אַזוי וויכטיק, ווי די טיפע נשמה־איבערלעבונגען פון רעליגיעזן עקסטאַז, דורך דעם קאָן דער מענטש דערגרייכן די העכסטע מדרגות און אויפטאָן וואונדער. 5) אַט צו אַזאַ מדרגה קאָנען דערגרייכן נאָר וויניקע אויסדערוויילטע, די אמתע צדיקים, וואָס זענען נאָענט צו גאָט און קאָנען צו אים דערנענטערן זייערע אָנהענגער.

די דאָזיקע גרונט־פּרינציפּן דינען ווי אַן אָפּפרישונג און באַנייאונג פון דעם אוראַלטן יידישן אָפּטימיסטישן לעבן־באַנעם. וויבאַלד גאָט איז שטענדיק און אומעטום, און וויבאַלד דער מענטש, און בעיקר דער צדיק, קאָנען ביי אים אויס־פּועלן אַלץ מיט זייערע תפילות, איז דאָך נישט שייך קיין יאוש: מען דאַרף אַזוי לאַנג רופן, ביז מען ווערט געענטפערט. דער למדן הערט אויף צו זיין אַ יחסן. קאָן אַ ייד נישט לערנען, קאָן ער דאָך תהלים זאָגן, דאַווענען, אפילו מתפּלל זיין אויף פּראָסט מאַמע־לשון, יידיש, און דורכרעדן זיך מיטן כביכול, ווי אַ קינד מיט אַ פאָטער. די אָנהענגער פון בעש״ט האָבן זיך געגעבן דעם אַלט־יידישן נאָמען חסידים, און האָבן אויפגעבויט זייער וועלט אויף קוים דריי פּרינציפּן: אמונה, בטחון און התלהבות, וואָס אַן אור־אייניקל פון בעש״ט, ר׳ נחמן פון בראַצלאַוו, האָט רעזומירט אין איין פאָלקסטימלעכן זאַץ: „און טאַקע ווידעראַמאָל: האָפּ!״

ווען אין 1747 און 1750 שטאַרקן זיך די שחיטות פון די היידאַמאַקן, דער־ציילט דער בעש״ט זיינע תלמידים, אַז ער האָט געזאָגט „עלית נשמה״, עס הייסט, זיין נשמה איז אַרויף אין די הימלען, דאָרט זיך באַגעגנט מיט משיחן, וועמען דער בעש״ט האָט געפרעגט: „ווען וועט שוין קומען מיין האַר?״ און משיח האָט אים געענטפערט: „ווען דיין לערע וועט באַקאַנט ווערן אויף דער וועלט״. עס איז אַ פאַרשטעלטער אופן פון אַרויסזאָגן דעם געדאַנק, אַז יידן וועלן גובר זיין אַלע צרות מיט אמונה, בטחון און התלהבות, מיטן אייביקן יידישן אָפּטימיזם. מיט צוויי הונ־דערט יאָר שפּעטער איז פון דער וויזיע געוואָרן אַ ווירקלעכקייט. וועגן דער דאָזי־קער זעאונג שרייבט דער בעל שם אַ בריוו צו זיין שוואָגער ר׳ גרשון קיטעווער, און דער בריוו ווערט פאַררעכנט פאַר דער ערשטער אַנטפּלעקונג פון חסידות. דאָס יאָר 1750 קאָן דערפאַר באַטראַכט ווערן ווי דער אָנהויב פון דער ווירקונג פון חסידות אין יידישן לעבן.

ווען דער בעש״ט ווערט נפטר אין 1760, נעמט איבער די פירערשאַפט פון זיינע אָנהענגער דער מגיד פון מעזעריטש, ר׳ דוב בער. דער „גרויסער״ מגיד איז אַ ייד אַ טיפער למדן און נישט קיין אָריגינעלער דענקער, ער קאָן אָבער פאָרמולירן די תורה פון זיין רבין, סיסטעמאַטיזירן זי און געבן איר אַ פאָרם, וואָס זאָל זיין

אננעמבאר אויך פאר לומדים. די דרשות פון מעזעריטשער מגיד זענען אפגעדרוקט געווארן פון זיינע תלמידים אין דעם ספר: „לקוטי מאמרים", זאמלונג פון זאגן, אדער „מגיד דבריו ליעקב", ער זאגט זיינע רייד צו יידן.

דער גרינדער פון דער חסידישער ליטעראטור איז אבער דער מגיד פון פאלאנאיע, ר' יעקב־יוסף הכהן, וואס האט אין 1780 פארעפנטלעכט א זאמלונג פון זיינע דרשות אונטערן נאמען „תולדות יעקב יוסף", און איז דערפאר באקאנט מיטן נאמען פון זיין חבור: „דער תולדות". ר' יעקב יוסף גרייפט שטארק אן די רבנים און לומדים, וואס שעצן גרינג דעם פשוטן ייד, און לויבט די חסידישע צדיקים, וואס באציען זיך מיט ליבע און פארשטענדעניש צום פראסטן פאלק.

די אנדערע צוויי תלמידים פון דעם בעש"ט: ר' נחמן פון הארארענקא און ר' נחמן פון קאסאוו, זענען מער געווען פארטיפט אין מיסטיק און אין ליידן פאר די צרות הכלל, וואס האבן זיך דאן אויסגעגאסן אויף די קהילות פון דרום־פוילן און אוקריינע.

נאכן טויט פון ר' דוב בער ממעזעריטש, אין 1772, ווערט דאס חסידות פארגעזעצט פון זיינע תלמידים: אלימלך מליזענסק, ר' לוי יצחק פון בארדיטשעוו, נחום טשערנאבילער, ברוך פון טולטשין, ר' לייב סאסאווער, ר' שניאור זלמן פון ליאדי, ר' מענדל פון וויטעבסק, און ר' אהרן פון קארלין. אלס שעפער פון באזונדערע שיטות אין חסידות קאנען באטראכט ווערן נאר פיר: ר' אלימלך פון ליזענסק, דער שעפער פון צדיקיזם; ר' שניאור זלמן פון ליאדי, באגרינדער פון חב"ד, ר' לייב סאסאווער, דער באגרינדער פון אהבת ישראל, און ר' לוי יצחק פון בארדיטשעוו, וואס האט געזוכט צו מאכן א סינטעז פון די אלע שיטות.

לויט ר' אלימלך פון ליזענסק, מחבר פון ספר „נעם אלימלך", איז דער צדיק א מין פארמיטלער צווישן זיינע אנהענגער און דעם רבונו של עולם. דורך זיינע תפילות קאן דער צדיק משפיע זיין אויף זיינע אנהענגער אלע הימלישע ברכות: לעבן, קינדער, פרנסה. בכדי זיין תפילה זאל קאנען משפיע זיין, מוז ער אליין אויך זיין דירעקט פאראינטערעסירט אין דעם וווילזיין פון זיינע חסידים, דורך דעם וואס זיי האלטן אים אוים מיטן נויטיקן צום לעבן. דאס איז דער אנפאנג פון צדיקיזם אין יידישן לעבן, פון קוויטלעך, פדיונות, שיריים און אנדערע מנהגים, וואס האבן מיט דער צייט, און צוליב דעם וואס דאס חסידות האט אנגענומען דעם ירושה־פרינציפ, דאס הייסט, אז די קינדער פון צדיק זענען אויך צדיקים, וואס קאנען משפיע זיין מיט זכות אבות די אלע נויטיקע צום לעבן באדינגונגען, געבראכט צו דער דעקאדענץ פון חסידיזם און צו דער נישט־גינסטיקער השפעה פון צדיקיזם אויפן יידישן לעבן.

ר' שניאור זלמן פון ליאדי האט באטראכט דאס חסידות פון א העכערן טעאָזאפישן שטאנדפונקט. די באוועגונג דארף פירן דעם יידן נישט אין די קלייניקייטן פון

טאָג־טעגלעכן לעבן, נאָר אין די העכערע װעלטן פון דענקען און פילן. אין זײַן חבור, דער „תניא", רעזומירט ער די מיסטישע לערעס פון דעם זוהר ביז זײַנע צײַטן אין בלױז דרײַ פּאָסטולאַטן, די דרײַ ניואַנסן פון אױפנאַמס־פּראָצעס: חכמה—קלוגשאַפט, בינה—פאַרשטאַנד און דעת—װיסן: דער ראשי תבות פון די דרײַ װערטער איז חב"ד, װאָס איז געבליבן די באַצײכענונג פון דער שיטה, װאָס האָט געהאַט אירע פאָרזעצער אין דער משפחה פון ר' שניאור זלמן מליאַדי, די שניאורסאָנס, װאָס האָבן געלעבט אין װײַסרוסישן שטעטל ליובאַװיטשי.

ר' לײב פון סאַסאָװ האָט געשטעלט דעם טראָפּ אױף „אהבת ישראל", די צװײטע עובדא נאָך אהבת השם. אַ ייד דאַרף ליב האָבן בריער גאָט און נאָכהער יידן, און קײן שום זאַך דאַרף פאַר אים נישט זײַן שװער, סײַ אין דינסט פון ערשטן, סײַ אױף העלפן די צװײטע.

דעם סינטעז פון אַלע דרײַ שיטות האָט זיך באַמיט צו שאַפן ר' לוי יצחק פון באַרדיטשעװ, די רבײשע פיגור, װאָס שפּיגלט מער װי אַלע אַנדערע אָפּ דעם בעל־שם־טוב. אַ טיפער למדן, רב אין באַרדיטשעװ, דערצו אַ מענטש פול מיט התפעלות און התלהבות, איז ר' לוי יצחק פול מיט ליבע צו גאָט, צו זײַן װעלט, אָבער בעיקר צו יידן, צום כלל װי צום פּרט. דאָס התנהגות זײַנס איז פון אָן אײַנפאַכן פאָלקס־מענטש, װאָס איז פרײַנטלעך צו יעדן אײנעם און טאָקע „פּאָני בראָט" מיטן כביכול, מיט װעמען ער רעדט זיך אָפט דורך אױף מאַמע־לשון, אױף יידיש. אין אָן עת צרה נעמט זיך אָן ר' לוי יצחק די קריװדע פון פאָלק ישראל, און אַ פאָלקס לעגענדע װײסט אַפילו צו דערצײלן פון אַ דין תורה, װאָס ער האָט געפירט מיטן כביכול אױף צו פאַרטיידיקן זײַנע ברידער יידן. דאָס גרױסע יידישע הארץ, דער גרױסער מלמד־זכות אױף יעדן אײנציקן ייד, פאַרקערפּערט ר' לוי יצחק אַמבעסטן די פאָלקסטימלעכע דערהױבנקײט פון חסידות.

אַ פאָלקסטימלעכע באַװעגונג אין בעסטן זין פון װאָרט, װאָס האָט געזוכט צו באַמוטיקן, דערהױבן און פירן די פאַריאָגטע און פאַרשטאָקטע פאָלקס־מאַסן, האָט דאָס חסידות אױך דערהױבן זײער שפּראַך, יידיש, און פיל בײַגעטראָגן צו איר אַנטװיקלונג.

יידיש איז אַנטשטאַנען אין אָנפאַנג פון צװעלפטן יאָרהונדערט, װען די יידן װאָס האָבן מיט עטלעכע הונדערט יאָר צוריק אַריבער־געװאַנדערט פון איטאַליע אין די דײַטשישע געביטן, האָבן אָנגעהױבן איבערצונעמען דעם דעמאָלדיקן דײַטשישן דיאַלעקט, מיטל־הױך־דײַטש, אַלס זײער רעדן־לשון אױף צװישן זיך. פאַרשטײט זיך, אַז יידן האָבן נישט געקאָנט און אױך נישט געװאָלט דערהאַלטן דעם דײַטשישן דיאַלעקט, װאָס איז נאָך נישט געװען געהעריק שפּראַכלעך אױסגעפורעמט, אין זײַן אורשפּרינגלעכער רײנקײט, און זײ האָבן אין אים אַרײַנגעפירט אַ סכום פון העבּרעאישע, לאַטײנישע און פראַנצױזישע װערטער. זײ האָבן אױך אַנדערש געבילדעט די פראַזן פון דעם לשון װאָס זײ האָבן געמאַכט פאַר אײגן, און די אַנטװיקלונג פון יידיש אַלס באַזונדער שפּראַך האָט זיך אָנגעהױבן. גלײַך הױבט מען אָן שרײַבן דאָס נײַע לשון מיט העבּרעאישע

אותיות און דאָס העלפט צו נאָך מער צו זיין פאַריִדישונג. יידיש אַנטוויקלט אויך אַ באַזונדערן סטיל אין שרייבן, וואָס אונטערשיידט דאָס לשון פון זיין אור־קוואַל, דעם מיטל־הויך־דייטש. פון אַ פּריוואַטן בריוו פון יאָר 1454 איז קלאָר, אַז יידיש איז שוין דאַן, צום מיט פון פופצנטן יאָרהונדערט, געווען גאַנץ פאַרשידן פון דייטש. די יידן פון מערב־אייראָפּע, וואָס האָבן פון דייטשישע לענדער אַריבערגעוואַנדערט אין סלאַווישע מדינות: ביימען, פּוילן, אוקריינע, האָבן זייער יידיש לשון באַרייכערט מיט סלאַווישע עלעמענטן און רעדנסאַרטן, און דערמיט נאָך מער דערווייטערט יידיש פון איר אור־מקור און צוגעגעבן איר מער שפּראַכלעכע אייגנאַרטיקייט.

רעלאַטיוו פרי באַווייזן זיך אויך די ערשטע שפּראָצן פון אַ ליטעראַטור אויף יידיש. פון יאָר 1364 זענען צו אונדז דערגאַנגען צוויי פּאַרמעט־בלעטער מיט מעדיצי־נישע פאַרשריפטן בנוגע אָדער לאָזן, געשריבן אין יידיש־דייטש. שוין אין דעם זעלבן יאָרהונדערט הויבט מען אָן צו נוצן איבערזעצונגען פון תפילות און ספּעציעל־פאַרפאַסטע געגראַמטע רעליגיעזע לידער, לויטן מוסטער פון „אדון עולם" און „יגדל", וואָס ווערן געזונגען אין די שולן, קענן וואָס עס טרעט אַרויס דער ראַוווּסטער רב ר' יעקב ב"ר משה מולין (מהרי"ל). אויך פון 14טן י. ה. פלעגט מען אין די שולן פאַרלייענען פאַרן עולם אויף דער אומגאַנגס־שפּראַך די מגילה, מפטיר יונה א. אַ.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די מלמדים אין די חדרים האָבן פאַרטייטשט די תורה און נביאים אויף דער אומגאַנגס שפּראַך, און עס זענען צו אונדז דערגאַנגען „גלאָסאַרן", ד. ה. ווערטער־רשימות, פון העברעאישע ווערטער איבערגעזעצט אויף יידיש־דייטש, וואָס פלעגן גענוצט ווערן אין די חדרים. עס ווערן אויך געמאַכט איבערזעצונגען פון ביבלישע ספרים און פון מחזור. עס אַנטשטייט אָבער אויך אַ וועלטלעכע ליטעראַטור, איבערזע־צונגען פון וועלטלעכע ביכער און זאַמלונגען פון אָריגינעלע לידער.

אַ גרויסן שטויס פאָראויס גיט דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ליטעראַטור די דערפינדונג פון דרוק. אין אַ קורצער צייט אַרום הויבן אָן צו דערשיינען ביכער גע־דרוקט אויף יידיש, וואָס האָט שוין דאַן אויסגעפורעמט איר אייגענע פיזיאָנאָמיע און האָט זיך שוין שטאַרק אָפּגעשיידט פון דייטש. דאָס עלטסטע יידישע בוך אויף יידיש, וואָס איז אויפגעהיט געוואָרן, איז דאָס ווערק פון אַ געוויסן ר' אַנשל, אַ מין קאָנקאָר־דאַנץ פון די ווערטער, וואָס ווערן באַנוצט אין תנ"ך, אַנדייטנדיק דאָס אָרט ווו דאָס געפינט זיך, און פאַרטייטשט אויף יידיש. דער נאָמען פון דעם ווערק איז „מרכבת המשנה", די דאָפּלטע קאַרעטע. גלייכצייטיק באַווייזן זיך אויך אויפן מאַרק דייטשישע ראָמאַנען ווי „דיטריך פאָן בערן", „מייסטער הילדערבראַנדט", „דער שווינען גלויך" און אַנדערע, געדרוקט מיט יידישע אותיות, אָבער אין ריין דייטשישער שפּראַך, בלויז געענדערט די קריסטלעכע אויסדריקן אויף יידישלעכע.

שפּעטער הויבן אָן דערשיינען ביכער פון וועלטלעכן, דייטשישן אינהאַלט, אָבער שוין אויף אַ ריינערער יידישער שפּראַך. אין 1652 דערשיינט אין פּראָג אַ יידישע ווערסיע

פון דעם באַרימטן אַרטור־ראָמאַן, וואָס באַשרייבט דאָס לעבן אין הויף פון פּאַרציוואַל קעניג אַרטור, אָדער אַרטוש.

א גרויסן בייטראָג צום פאַרייִדישן ביכער פון דייטשישן אינהאַלט האָט געגעבן דער באַרימטער מדקדק אליהו לעוויטא, באַקאַנט מיטן בײַנאָמען אליהו בחור. אָנגעשטעלט אַלס רעדאַקטאָר און קאָרעקטאָר אין איינער פון די גרעסטע דרוקערייען, וואָס האָבן אין ווענעציע אָנגעהויבן צו דרוקן העברעאישע רעליגיעזע ביכער, פולע טעקסטן פון תנ״ך, תלמוד, מדרש וכ׳, האָט אליהו בחור דאָך א נייגונג צו יידיש. אין 1541 פאַרעפנטלעכט ער א ווערק „תשבי״, ווו פיל ווערטער פון תלמוד און מדרש ווערן פאַרטייטשט אויף יידיש. אין 1542 גיט ער אַרויס א יידיש־דייטש ווערטער־ביכל מיטן נאָמען „שמות דברים״. אליהו בחור באַאַרבעט אויך אויף יידיש די ריטער־ראָמאַנען בבא־בוך (1541) און „פּאַריז און וויענא״. ער פאַרעפנטלעכט אויך א תהלים־איבערזעצונג, וואָס באַדייט דער איבערגאַנג פון ביכער פון נישט־יידישן אינהאַלט אויף יידיש, צו עכט־יידישע ביכער.

די ראָמאַנען־ליטעראַטור האָט א שטאַרקע השפּעה אויף די יידישע לייענער, וואָס קאָנען נישט קיין העברעאיש. בכדי צו באַקעמפן דעם איינפלוס פון ביכער מיט נישט־יידישן אינהאַלט, הויבט מען אָן אַרויסגעבן א רייע איבערזעצונגען פון די הייליקע ספרים אויף יידיש. אין 1544 דערשיינט די ערשטע איבערזעצונג פון חומש, אין 1545 דערשיינט אַן איבערזעצונג פון סדור פון יוסף בן יקר, אין 1579 גיט אַרויס יצחק סולקעס אַן איבערזעצונג פון שיר השירים. חוץ איבערזעצונגען שאַפט זיך אויך א גאַנץ ברייטע ליטעראַטור פון איבערדיכטונגען פון היסטאָרישן מאַטעריאַל, באַפּוצט און באַווירצט מיט מדרש־קאָמענטאַרן: די „שירה פון יצחק״, „מדרש ווישע״, דאָס „שמואל בוך״, דאָס „מלכים בוך״, א ליד וועגן אדם וחוה און וועגן „יידישן שטאַם״. עס דערשיינט אויך א זאַמלונג טאַנץ־ און ליבע־לידער פון אייזיק וואַליך. אויפן זעלבן סטיל פון ביבל־טעקסט, קאָמבינירט מיט מדרש־עלעמענטן, זענען פאַרפאַסט געוואָרן דער „טייטש־חומש״ פון ר׳ יצחק בן שמשון און דאָס אַזוי פּאָפּולערע ווערק „צאינה וראינה״, אָדער די ווייבערשע תורה פון ר׳ יעקב בן יצחק אשכנזי אויס יאַנאָווע. עס דערשייַנען אויך א סעריע מוסר ספרים אויף יידיש: „סדר נשים״, „ספר היראה״, „חיי־עולם״, „ספר מדות״, רויזן־גאָרטן, „סם חיים״ א. א. וו.

מיטן אויפקום פון חסידות באַקומט יידיש א נאָך טיפערע פאָלקסטימלעכע מיסיע. חסידים פלעגן ליב האָבן צו דערציילן מעשיות וועגן זייערע רביים, וועגן זייער התנהגות, זינגען א זמרל אויף פּראָסט מאַמע־לשון, אפילו איבערזאָגן א תורה אויף יידיש. יידיש הויבט אָן באַרייכערט ווערן הן אין ווערטער, הן אין באַגריפן, הן אין אויסדרוקן. צוזאַמען מיטן חסידות הויבט זי אָן אויפשטייגן אין די עולמות העליונים און זאַפט אַריין אין זיך די האַרציקייט, התלהבות און פאָלקסטימלעכע וואַרעמקייט פון דער באַוועגונג.

השכלה און אויפלעבונג פון העברעאיש

די פינצטערע צייט צווישן די שחיטות אין אוקריינע און דער פראנצויזישער רעוואָלוציע האָט אויך געווירקט שלעכט אויף דער יידישער גייסטיקער אנטוויקלונג. די טרויעריקע ווירקלעכקייט האָט גערופן אוועקצוגיין כון דער רעאַלער וועלט און ראַטעווען זיך אין דער אויסגעטראַכטער וועלט פון מיסטיק, וווּ די מענטשלעכע פאַנטאַזיע קאָן שאפן די שענסטע אילוזיעס אָן דער מינדסטער אחיזה אין דער ווירקלעכקייט. אַן אויסדרוק פון דער שטרעבונג איז געווען דער מאכן־פּסיכאָז ארום דער שבתי צביס באוועגונג, מיט אלע זיינע באַגלייט־דערשיינונגען, ביזן שמד פון די פראַנקיסטן.

דאָך איז דאָס ליכט פון וויסן נישט אינגאַנצן אויסגעלאָשן געוואָרן ביי יידן, נישט מער, וואָס עס האָט זיך באַגרענעצט אויף יחידים און האָט געלאָזט אויסער איר שיין די מאסן. יידן האָבן מער נישט געלערנט קיין וויסנשאַפטן און פילאָזאָפיע, ווי אין די אמאָליקע צייטן, אָבער מעדיצין איז געווען נישט נאָר אַ שוואַכקייט, נאָר אויך אַ נויטווענדיקייט, און פאר די אכציק יאָר צווישן 1650 און 1730, באַקומען אויף דער אוניווערזיטעט פון פאַדוא, די איינציקע וואָס האָט אויפגענומען יידישע סטודענטן, ארום פופציק יידישע יונגעליט פון פּוילן דעם דאָקטאָר־דיפּלאָם. אויסגעשלאָסן פון דער קריסטלעכער געזעלשאַפט, האָבן אויך די יידישע סטודענטן געלעבט אויף דער יידנגאַס און זענען געבליבן טריי דער יידישער גייסטיקער איינשטעלונג פון יענע צייטן. פון די צוויי בארימטע ווילנער דאָקטוירים ר' אהרן גאָרדאָן (טעטיק אין די יאָרן 1695-1720) און יקותיאל גאָרדאָן (טעטיק אין די יאָרן 1730-1752), האָט דער לעצטער ארויסגערופן די אומצופרידנקייט פון די רבנים פאַר זיין צו שטאַרקער נייגונג צו קבלה. בלויז דער דאָקטאָר טוביה בן משה הכהן, געבוירן אין מעץ אין 1652, באַמיט זיך צוריק אריינצופירן נאַטורוויסנשאַפט אין יידישן לעבן און פאַרפאַסט אַ מין וויסנשאַפטלעכע ענציקלאָפּעדיע אין העברעאיש „מעשה טוביה”, וואָס דערשיינט אין ווענעציע, אין 1708.

מיט אַ יאָר פריער איז אין פּאַדוא געבוירן געוואָרן דער מענטש, וואָס וועט אלס דיכטער באַנייען די העברעאישע שפּראַך און וועט פאַררעכנט ווערן ווי דער פאָטער פון דער מאָדערנער העברעאישער ליטעראַטור: משה חיים לוצאַטאָ. אַ זייער באַ־

גאַבטער מענטש, לערנט ער צוגלייך מיט יידישן וויסן אויך וועלטלעכע געגנשטאַנדן, לאַטיין, איטאַליעניש. אין זיין פריסטער יוגנט הויבט ער אָן שרייבן העברעאישע שירים נאָכמאַכנדיק די תהלים־מזמורים. אין דער עלטער פון 18 יאָר (1725) פאַרפאַסט ער א האַנטבוך וועגן פּאָעזיע און פּראָזע מיטן נאָמען „לשון לימודים". ביי צוואַנציק יאָר שרייבט ער אָן זיין אידילישע דראַמע מגדל עוז, ווו ער באַרירט נאָכאַמאָל די פראַגע פון ליבע און באַווייזט דעם נצחון פון ריינער ליבע איבער דער פּראָסטער תאווה. דאָס דאָזיקע ווערק איז דער אָנזאָג פון דעם נייעם פריילינג פאַר דער העברעאישער שפּראַך. אין 1743 פאַרעפנטלעכט ער זיין אַלעגאָרישע דראַמע „לישרים תהלה", וואָס צייכנט זיך אויס מיט איר פיינעם סטיל, און איז א וויטערדיקער שריט אויפן וועג צו אויפלעבן די העברעאישע ליטעראַטור. ער פאַרפאַסט אויך א רייע דידאַקטישע ווערק וועגן די שיטות פון תלמוד „דרך תבונות", דער וועג פון פאַרשטאַנד, און וועגן דער אגדה. ער לאָזט אויך א ווערק איבער מאָראַל „מסילת ישרים", דער וועג פון די רעכטפאַרטיקע. ר' משה חיים לוצאַטאָ (רמ"חל) וואָלט געקאָנט פיל מער ביישטייערן צו דער אַנטוויקלונג פון דער העברעאישער שפּראַך, ווען ער וואָלט נישט פאַרכאַפּט געוואָרן פון די מיסטישע שטרעמונגען, וואָס זענען געווען דער מאַסנגעבנדיקער פאַקטאָר פון יידישן גייסטיקן לעבן אין יענע צייטן. ער פאַלט אריין אין משיחישע אילוזיעס, דענקט אפילו, אַז ער גופא איז משיח, ווערט דערפאַר געראָדפט פון די רבנים, וואָס זעען אין אים אן אָפּצווייגונג פון דער שבתי־צבי האַלוצינאַציע, און פאַרלאָזט אייראָפּע אויפן וועג קיין ארץ־ישראל, ווו ער שטאַרבט פון דער כאָלערע אין 1747, אין עלטער פון קנאַפּע פערציק יאָר.

די פאַרעפנטלעכונג פון „לישרים תהלה". פאַלט צוזאַמען מיט דער התגלות פון בעל שם טוב. אין ביידע עקן פון דער יידישער וועלט אין אייראָפּע, אויף מזרח און אויף מערב, זענען געמאַכט געוואָרן די ערשטע שריט צו דעם רענעסאַנס פון פאָלקס גייסט. אין 1740 ווערט אויך, נאָך א לאַנגן איבעררייס, איבערגעדרוקט דער מורה נבוכים. גאָר אין גיכן וועט צוקומען א דריטער שטראָם, וואָס וועט אויף גאַנץ אַנדערע דרכים פירן צום זעלבן רעזולטאַט. דאָס איז די השכלה־באַוועגונג, וואָס איז אַנטשטאַנען אין בערלין ארום משה מענדעלסאָן, דעם ערשטן ייד וואָס האָט נאָך לאַנגע יאָרהונדערטער ווידער פאַרנומען אן אָנגעזען אָרט אין דעם דענקען און גייסטיקן שאַפן פון דעם פאָלק, צווישן וועלכן ער האָט געלעבט, און האָט באַאיינפלוסט דאָס גייסטיקע לעבן פון דער מענטשהייט אין זיין דור.

משה מענדעלסאָן איז געבוירן געוואָרן אין 1729, אין דער שטאָט דעסאַאו, אין דער פאַמיליע פון אן אָרעמען סופר מנחם מענדל, פון דאַנען זיין פאַמיליע־נאָמען: מענדעלסאָן. א וויסנבאַגיריקער, וואַרפט ער זיך פון זיין פריסטער יוגנט אויף לערנען. פון צופיל זיצן איבער די ספרים באַקומט ער א הויקער. חוץ תנ"ך און תלמוד לערנט ער אויך די מיטלאַלטערלעכע יידישע פילאָזאָפיע, בעיקר דעם מורה נבוכים פון רמב"ם. צו פערצן יאָר פאָרט אריבער משה מענדעלסאָן קיין בערלין, ווו ער האָט אפילו נישט

געהאַט קיין רעכט צו וווינען, און הויבט אָן לערנען אַלגעמיינע געגנשטאַנדן. אין בער־לין האָבן שוין דאַן געלעבט אייניקע יידן, וואָס האָבן געהאַט אַלגעמיינע ידיעות, צווישן זיי אַ פּאָר דאָקטוירים. זיי גיבן זיך אָפּ מיטן וויסנגיריקן בחורל. דער פּויליש־יידישער מלומד ישראל זאַמאָשץ לערנט מענדעלסאָנען מאַטעמאַטיק און געאָמעטריע. ד״ר אברהם קיש לערנט אים לאַטיין, ד״ר אהרן גאָמפּערץ לערנט אים פילאָזאָפיע. די לימודים ווערן, פאַרשטענדלעך, געלערנט אין דייטש, אַ שפּראַך, וואָס מענדעלסאָן דערלערנט פּערפעקט, און וועט שפּעטער פאַררעכנט ווערן אַלס איינער פון אירע בעסטע סטיליסטן. אין 1750 ווערט מענדעלסאָן אַ לערער אין הויז פון דעם רייכן יידן־פאַבריקאַנט בערנהאַרד, און — שפּעטער וועט ער ווערן בוכפירער פון זיין גרויסער פאַבריק. אין 1754 שטעלט ד״ר גאָמפּערץ פאָר מענדעלסאָנען פאַר דעם באַנייער פון דער דייטשישער ליטעראַטור, אפרים לעסינג, און גאָר גיך פאַרבינדט זיך צווישן ביידע יונגע מענטשן אַ שטאַרקע פריינטשאַפט. אין 1755 גיט מענדעלסאָן לעסינגן אַ מאַנוסקריפּט מיטן נאָמען „פילאָ־זאָפישע שמועסן״, בכדי צו וויסן זיין מיינונג וועגן דעם ווערק, אָבער לעסינג דרוקט אָפּ דעם מאַנוסקריפּט אָן דעם וויסן פון דעם מחבר. „פילאָזאָפישע שמועסן״ רופן שטאַרק די אויפמערקזאַמקייט. אין גיכן דערשיינען „בריוו וועגן געפילן״ און אין אַ קאָנקורס פון דער פּרייסישער וויסנשאַפטלעכער אַקאַדעמיע קריגט מענדעלסאָן דעם ערשטן פּריז פאַר זיין ווערק „איבער די עווידענץ פון די מעטאַפיזישע וויסנשאַפט״ (1763). מענדעלסאָנס חשיבות וואַקסט אין די פאָר־שידנסטע אינטעלעקטועלע קרייזן, ער איז שוין אָן אָנגעזעענער דייטשישער פילאָזאָף און דענקער, אָבער קיין וווינרעכט אין בערלין האָט ער נאָך אַלץ נישט.

איינער פון זיינע פאַרערער, דער מאַרקיז ד׳אַרזשאַן, ווענדט זיך צום קעניג פרידריך דעם צווייטן מיט אַ מליצהדיקער ביטע פון וווינרעכט פאַר מענדעלסאָנען: „אַ פילאָזאָף, וואָס איז אַ שלעכטער קאַטאָליק, בעט תחנונים ביי אַ פילאָזאָף וואָס איז אַ שלעכטער פּראָטעסטאַנט וועגן רעכט פאַר אַ פילאָזאָף, וואָס איז אַ שלעכטער ייד. אין דעם גאַנצן ענין איז דאָ אַזוי פיל פילאָזאָפיע, אַז די פאַרנונפט קאָן נישט אָפּזאָגן די בקשה״. בלית ברירה באַוויליקט פרידריך דער צווייטער וווינרעכט פאַר מענדעלסאָנען, אָבער אָן דעם רעכט איבערצוגעבן דעם חסד בירושה זיינע קינדער (1763).

מענדעלסאָן, וואָס איז אַ גאַנץ פרומער ייד, לעבט דערוויל דערווייטערט פון יידישע ענינים, ער איז פאַרטאָן אין דער דייטשישער ליטעראַטור, קונסט, עסטעטיק. אָבער מיטאַמאָל טרעפט עפּעס, וואָס דערמאַנט דעם דייטשישן פילאָזאָף אין זיין יידי־שער אָנגעהעריקייט. דער גלח לאַפאַטער, שעפער פון דער וויסנשאַפט פון פיזיאָנאָמיק, פאַרעפנטלעכט אַ דייטשישע איבערזעצונג פון דעם ווערק פון פּראָפעסאָר באָנעט פון זשנעוו איבער פילאָזאָפיע, אונטערן נאָמען: „פאָרשונג פון די באַווייזן צום גונסטן דעם קריסטנטום״. די איבערזעצונג איז געווידמעט מענדעלסאָנען, און לאַפאַטער פאָדערט אים אויף, אָדער אָפּוואַרפן זיינע ראיות, אָדער האַנדלען אין הסכם מיט די

זעלבע, ס'הייסט באקערן זיך צום קריסטנטום (1769). מענדעלסאָן ענטפערט לאַפאַטערן מיט אַ שאַרפן בריוו, און וועט זיך שפּעטער אומקערן צו דער פראַגע פון די באַציאונגען צווישן דער יידישער און דער קריסטלעכער רעליגיע אין זיין בוך „ירושלים".

אָבער דער וויכוח מיט לאַפאַטער האָט דערמאָנט מענדעלסאָנען אין זיין פליכט צו זיין פאָלק, און ער פאַרטראַכט אַנצוהייבן אַן אויפקלערערישע באַוועגונג צווישן יידן. ווי אַ סך קולטור־רעוואָלוציעס, הייבט ער אָן פון אַן איבערזעצונג פון תנ"ך אויף דייטש. ער ציט צו צו דער אַרבעט דעם פּוילישן לַמדן שלמה דובנאָ, דעם דעמאָלט באַרימטן פּאָעט און דערציער נפתלי הערץ וויזל, אויך אַן אָפּשטאַמער פון פּוילישע יידן, און דעם לערער הערץ האָמבורג. אין 1783 דערשיינט די דייטשישע איבערזעצונג פון תורה, מיט אַ פּירוש אויף דייטש, אַ ריין וויסנשאַפטלעכע און שטרענג ראַציאָנאַ־ליסטישע, אָן קיין שום צוגאָב פון דרש. מיט דער צייט זענען דערשינען אויך די אַנ־דערע ספרים פון תנ"ך אין דייטשישער איבערזעצונג און מאָדערנעם פּירוש.

די איבערזעצונג פון תנ"ך איז אָבער ניט געווען דער ערשטער שריט אויפן וועג פון דער נייער השכלה־באַוועגונג. שוין אין 1774 ווערט אין בערלין דערעפנט די ערשטע מוסטער־שולע פון אַ נייעם יידישן חנוך. די שולע רופט זיך אין דייטש „יידישע פריי שולע", אין העברעאיש: „חנוך ילדים". דאָרט ווערט געלערנט דייטש און עלע־מענטאַרע וויסנשאַפטן, תנ"ך, העברעאיש און דקדוק. אין משך פון צען יאָר זענען פון דער שולע אַרויס אַ פינף הונדערט תלמידים, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן אַ נייעם טאָן און אינהאַלט אין יידישן לעבן. ענלעכע שולן זענען דערעפנט געוואָרן אין נאָך אייניקע דייטשישע שטעט. אין 1784 הייבט אָן צו דערשיינען אין בערלין דער ערשטער העברעאישער זשורנאַל, „המאסף", דער זאַמלער, רעדאַגירט פון יצחק אייכל און מענדל ברעסלאַאו. אין דעם זשורנאַל אַרבעטן מיט נפתלי הערץ וויזל, ד"ר מאַרקוס הערץ, דוד פרידלענדער און הערץ האָמבערג, ווי אויך דער ספרדי דוד פראַנקאָ מענדעז פון אַמסטערדאַם.

אין אַ משך פון פערציק יאָר (1743־1784) גייען אַלזאָ אויף דריי וויכטיקע שפּראָצונגען פון יידישן גייסטיקן רענעסאַנס. דאָס חסידות אין גאַליציע, אוקריינע און ווייסרוסלאַנד, די באַנייטע העברעאישע ליטעראַטור אין איטאַליע און די השכלה אין בערלין. באַלד קומט נאָך צו אַ פערטער, אויסערלעכער פאַקטאָר, וואָס וועט מיט זיין פאַרלאַנג צו „ציוויליזירן" יידן אויף כוח אויך געבן אַ שטויס פאָראויס דעם פּראָצעס פון יידישן רענעסאַנס.

יאָזעף דער צווייטער, זון פון מאַריאַ־טערעזאַ און קייזער פון עסטרייך (1780־1790) פאַרטראַכט פּלענער, „ווי צו מאַכן די יידן ניצלעכער פאַרן לאַנד". ער שיקט אַריין אין מלוכה־ראַט אַ פּראָיעקט וועגן פאַרשפּרייטן צווישן זיי קולטור דורך עפענען פאַר זיי דעם צוטריט אין די אַלגעמיינע שולן, גרינדן פאַר זיי ספּעציעלע נאָרמאַל־שולן און גלייכצייטיק פאַרבאָטן זיי צו נוצן זייער „נאַציאָנאַלע שפּראַך" אין ציווילן לעבן. מען

דארף אויך יידן געבן גרעסערע פארלייכטערונגען אין פרנסה־אנגעלעגנהייטן. יידן זאָלן מעגן פאַכטן באָדן און אָפּגעבן זיך מיט ערד־ארבעט. זיין שוסטערס, שניידערס, מו־ליערס, זוי אויך גרינדן פאַבריקן און ווארשטאַטן. עס ווערט אויך פאַרגעשלאָגן אָפּשאַפן די גזירה, וואָס צווינגט יידן צו טראָגן א באַזונדערע קליידונג, אָדער ספּעציעלע אויי־סערלעכע אָפּצייכענונגען.

די כוונות פון יאָזעף דעם צווייטן האָבן זיך אָבער אָנגעשטויסן אין דער קעגנערשאַפט פון די פאַרשידענע אדמיניסטראַטיווע אָרגאַנען, וואָס זענען אָנגעפרעגט געוואָרן. כמעט אַלע זענען מסכים געווען, אַז יידן זאָל געגעבן ווערן גרעסערע מעגלעכ־קייטן פאַר בילדונג, האָט מען אָבער מורא געהאַט, אַז דאָס אויסגעברייטערטע פעלד פאַר פרנסה איז עלול צו שאַדן די אינטערעסן פון די קריסטלעכע סוחרים און בעלי מלאכות, ווי אויך דאָס עפענען פאַר זיי די טיילן פון לאַנד, וווּ זיי איז געווען פאַרבאָטן צו לעבן. אין 1782 דערשיינט סוף כל סוף דער „טאָלעראַנץ פאַטענט". יידן בלייבט אויך אויף להבא פאַרבאָטן צו באַזעצן זיך אין ווין, די וואָס וווינען שוין דאָרט טאָרן נישט גרינדן קיין קהילה, נישט האָבן קיין שול. אויך די באַגרעניצונגען אין באַצוג צום וווינרעכט און אַנדערע טיילן פון עסטרייך בלייבן אין קראַפט. אָבער די יידן ווערט דערלויבט אָפּצוגעבן זיך מיט אַלע מלאכות און אפילו לערנען פאַכן פון קריסטן, האַנדלען אויך אין הורט, עפענען פאַבריקן און באַשעפטיקן קריסטלעכע ארבעטער. אין מאָראַוויע און ביימען מעגן זיי דינגען לאַנד, אויב זיי באַארבעטן עס אַליין. ווען א ייד שמדט זיך, קאָן ער אויך קויפן לאַנד. יידן מעגן לערנען אין די אַלגעמיינע שולן, גרינדן אייגענע שולן אונטער דער אויפזיכט פון דער מאַכט. אָבער אין צוויי יאָר אַרום וועלן זיי מער נישט טאָרן באַנוצן העברעאיש און יידיש אין די אָפּיציעלע דאָקומענטן, האַנדלס־בריוו, וועקסלען, בוכפירונג. עס ווערט אויך אָפּגעשאַפט די גזירה, אַז יידן מוזן טראָגן א באַזונדערע קליידונג. עס ווערט אָפּגעשאַפט דער „לייב־צאָל", אָבער דאָס שוץ־געלט, וואָס יידן דאַרפן צאָלן בלייבט ווי געווען. דער „טאָלעראַנץ־פאַטענט" איז א ריכ־טיקער אויסדרוק פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם; פון איין זייט הנחות אויפן געביט פון בילדונג, פון דער צווייטער זייט שטרענגער קאָנטראָל פון עקאָנאָמישן און גייסטיקן לעבן. ווען די יידן פון גאַליציע וועלן נישט וועלן אָננעמען די טובות, נישט די באַגרע־נעצונגען אויף יידיש און העברעאיש, נישט דעם פאַרזוך צו בייטן זייער טראַכט, וועט עס די רעגירונג אימפּאָנירן אויף כוח מיט דער הילף פון פּאָליציי.

אפילו קריסטן האָבן פאַרשטאַנען אָפּצושאַצן די אמתע, פאַרבאָרגענע כוונות פון דעם טאָלעראַנץ־פאַטענט. כריסטיאַן ווילהעלם דוהאַם, א פריינט פון מענדעלסאָן, וועלכער האָט אין 1781 פאַרעפנטלעכט א בוך וועגן „דער פאַרבעסערונג פון מצב פון די יידישע איינוווינער", שרייבט וועגן טאָלעראַנץ־פאַטענט פון יאָזעף דעם צווייטן: „אין גרונד גענומען איז עס א פּאָליטישער פאַרזוך צו רעליגיעזער אויסבעסערונג פון די יידן, דער נאַטירלעכער פאַרלאַנג איז צו מאַכן זיי פאַר קריסטן. איך צווייפל צי דער ציל וועט דערגרייכט ווערן אין א צייט פון צוואַנציק־פופציק יאָר, ס'הייסט פון איין דור:

א גרויסער טייל פון די יידן וועט נאכן טאלעראנץ־פאטענט האבן חשק צו פארלאזן דאס לאנד".

אויך משה מענדעלסאן גיט זיך חשבון, אז הינטער דעם „טאלעראנץ־פאטענט" שטייט א פארזוך צו „גלויבנס פאראייניקונג", ס'הייסט פשוט, שמד. דערפאר שרייבט ער: „אזוי לאנג ווי דער פאראייניקונגס סיסטעם לויערט אין הינטערגרונט, שיינט מיר די דאזיקע טאלעראנץ־צביעות צו זיין נאך געפערלעכער ווי אפענע פארפאלגונג".

אבער דאס ווארט טאלעראנץ איז געזאגט געווארן. פארלייכטערונגען אויפן געביט פון בילדונג זענען געמאכט געווארן און קעגן פארזוכן פון שמד האבן דער רוב יידן אלעמאל געקאנטביישטיין. עס איז אגב גאר נאענט צו דער גרויסער פראנצויזישער רעוואלוציע. און אויך אין דער קריסטלעכער וועלט בלאזן פרישע ווינטן. די ענציקלאפעדיסטן טראגן אריין נייע באגריפן פון וויסנשאפט, פון דענקען און פון באציאונגען צווישן מענטשן. אויך אין דייטשלאנד באווייזן זיך די ערשטע סימנים פון די נייע ציטן, דערווייל בלויז אין דער ליטעראטור. אין 1779 פארעפנטלעכט אפרים לעסינג זיין טעאטער־שטיק „נתן דער ווייזע", פון וועלכן עס שימערט ארויס דער געדאנק פון רעליגיעזער טאלעראנץ. ליידער וועט דער געדאנק פון „נתן דער ווייזע" בלייבן אין דייטשלאנד די מיינונג פון געציילטע יחידים.

ווען אין 1789 וועט אויסברעכן די גרויסע פראנצויזישע רעוואלוציע, וועלן שוין יידן האבן דורכגעמאכט די ערשטע שריט פון גייסטיקן רענעסאנס, וואס קומט פון פארשידענע קוועלן, וועלכע באקעמפן זיך אפילו קעגנזייטיק. אבער די פארגליווערטקייט, וואס האט ארומגעכאפט דאס יידישע לעבן נאכן דורכפאל פון דער שבתי צבי באוועגונג איז אויסגעוועפט. דאס אייז איז געבראכן. יידן טרעטן אריין מיט א פעסטערן טראט אין דער נייער וועלט, וואס הויבט אן אויפקומען מיט דער גרויסער פראנצויזישער איבער־קערעניש.

אין די ערשטע יארן פון יידישן רענעסאנס שפילט זיך אויך אפ די ערשטע גרויסע פאלקס רעוואלוציע פון דער מענטשהייט. א ניי פאלק שטייט אויף צום לעבן. די ענגלישע קאלאניעס פון צפון אמעריקע ווארפן אראפ פון זיך דעם יאך פון דער מעטראפאליע און קאנסטיטואירן זיך אין א פריי אומאפהענגיק פאלק, וואס איז דורכ־געדרונגען אין גרויסע טיילן מיטן אורעלטן פרייהייטס גייסט פון דער ביבל און וואס פראקלאמירט גלייך די גלייכע בירגער־רעכט פאר אלע איינוווינער, אן אונטערשייד פון גלויבן (1774־1783). די נישט־גרויסע צאל יידן, וואס האבן דאן געלעבט אין אמע־ריקע, האבן אין גרעסטן טייל געקעמפט אויף דער זייט פון די אמעריקאנער פאטריאטן, און דער פוילישער ייד חיים סאלאמאן שטעלט זיין גאנץ גרויס פארמעגן צו דינסט פון דער רעוואלוציע. אן דעם, דערקלערט דער פינאנץ־מיניסטער מאריס, וואלט גענע־ראל וואשינגטאן, דער שעף פון די אויפשטענדלער, נישט געקאנט געווינען דעם קריג. יידן ווערן צוריק אקטיווע מיטבאטייליקטע אין דעם זיג פון די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן.

130סטע לעקציע

קולטור קאמף

(1772)

די שטרעמונגען פון רענעסאנס, דאס חסידות און די השכלה, האבן זיך אנגעטראפן אויף א שטארקן ווידערשטאנד מצד דעם אפיציעלן יידנטום, פארקערפערט אין רבנות, וואס האט געטראגן די אחריות פארן יידישן לעבן און איז געווען צעשראקן פון דעם חורבן, וואס די שבתי־צבי באוועגונג האט אנגעמאכט, בעיקר נאכן שמד פון די פראנקיסטן. יעדער נייער געדאנק אדער געפיל האט ארויסגערופן דאס געדעכעניש פון דעם שבתי־צבי געשפענסט און דאס רבנות האט צו דעם נישט געקאנט בלייבן גלייכגילטיק. עס האט זיך ערשט געהאט פארענדיקט דער גרויסער קאמף צווישן דעם רבנות מיטן מיסטיציזם, וואס האט זיך אויסגעדריקט אין דער מחלוקת צווישן ר׳ יעקב עמדין און ר׳ יונתן אייבעשיץ (1764), און שוין האבן זיך אויף דער יידישער גאס באוויזן די חסידים. נייע מענטשן מיט נייע פירונגען, מיט עפעס מאדנע געדאנקען, וואס טראגן אויף זיך א שטארקן חותם פון משיחיזם, פאר וועלכן מען האט אזוי שטארק מורא געהאט. די ערשטע תלמידים פון בעל־שם־טוב, צווישן זיי זיין שוואגער ר׳ גרשון קיטעווער, זענען אוועקגעפארן קיין ארץ־ישראל. אין 1764 פארט אוועק קיין ארץ ישראל א גרעסערע קבוצה („שייראַ״) פון חסידים, אנגעפירט פון ר׳ נחמן פון האראדענקא און ר׳ מענדל פון פרעמישליאן. אין 1777 איז אוועק קיין ארץ ישראל א גרעסערע גרופע חסידים פון ווייסרוסלאנד, אונטער דער אנפירונג פון מנחם מענדל פון וויטעבסק.

דאס חסידות מיט איר פארגעטערונג פון יחיד, דעם רבין, מיט איר ווייניק התפעלות פאר דעם לימוד התורה, מיט איר נטיה צו ארץ ישראל און מיט איר התלהבות און התפעלות אויסגעדריקט אין געזאנג און טענץ (זמירות און ריקודים), האט געהאט שטארקע ענלעכקייטן, זוען אפילו בלויז אויסערלעכע, מיט דער שבתי צבי באוועגונג, און דאס האט אויפגערודערט די רבנישע קרייזן,

בראש פון וועלכע עס איז געשטאנען דער גאון ר' אליהו בר' שלמה זלמן פון ווילנע (הגר"א) א מענטש וואס האט זיין גאנץ לעבן געווידמעט דעם לימוד התורה, און האט דאך געהאט א פאזיטיווע באציאונג צו אנדערע דיסציפלינען, ווי דקדוק, מאטעמאטיק א. א. וו. דער גייסט פון דער צייט איז אויך דערגאנגען צו זיין יחוד־שטיבל אויף דעם ווילנער שול־הויף.

שוין אין 1772 באטראכט א רבנישער בית דין די כתבים, וואס מען האט גע־פונען ביי אייניקע מנהיגים פון די חסידים אין ווילנע, און באשליסט, מיט דער צושטי־מונג פון גאון ר' אליהו צו פארברענען זיי עפנטלעך. די ווילנער קהילה צעשיקט בריוו אין אלע וויכטיקע קהילות, מיט דער פאדערונג אנצונעמען מיטלען קעגן דער ניי־אויפגעקומענער סעקטע, די כת. די גאליציאנער רבנים, פארזאמלט אין בראד, רופן אויס א חרם אויף די אלע, וואס וועלן דאווענען אין באזונדערע „שטיבלעך" לויטן חסידישן נוסח, וועלן אנטאן שבת ווייסע קליידער און וועלן נישט זיין געגנוג אייפער־דיק אין דער אפהיטונג פון אלע מנהגים. ווען עס דערשיינט אין 1780 דער ספר „תולדות יעקב יוסף", אין וועלכן די רבנים ווערן שטארק אנגעגריפן, שיקן ארוים די גרעסטע רבנים, וואס זענען זיך צוזאמענגעפארן אין 1781 אויפן יריד פון שטעטל זעלווע, גראדנער גובערניע, אן אויפרוף, אז מען זאל רודפן די חסידים פון דעם בעש"ט מיט אלע מעגלעכקייטן; אויסשליסן זיי פון די קהילות, נישט האנדלען מיט זיי; נישט מתחתן זיין זיך; אפילו נישט ברענגען צו קבר ישראל. די רבנים־צוזאמענפארן פון מאהילעוו און שקלאוו אין, ווייסרוסלאנד, האבן דערקלערט אין 1784 דעם גרינדער פון דער חבדי־שער שיטה ר' שניאור זלמן פון ליאדי, דער רב, אלס אפיקורס. ווען דער רב פארט ספעציעל קיין ווילנע אויף דורכצורעדן זיך מיטן גאון, וויל אים דער גאון אפילו נישט אויפנעמען, ווייל על פי דין טאר מען נישט פירן קיין וויכוחים מיט א מין... עס האט זיך צעפלאקערט א שארפער קאמף, וואס שפילט זיך בעיקר אפ אין די דראמאטישע צייטן פון די צעטיילונגען פון פוילן. די מדינה ווערט צעריסן צווישן אירע שטארקע שכנים: רוסלאנד, עסטרייך און פרייסן, און דער יידישער ישוב ווערט צעפיצלט צווישן די דריי שטרעמונגען: חסידים, מתנגדים (די קעגנער פון די חסידים) און משכילים.

דאס חסידות איז זיגרייך אין די דרום־געגנטן, וואלין, פאדאליע, גאליציע; עס שאפט זיך אויך א פעסטע פאזיציע אין ווייסרוסלאנד (רייסן), ווו עס ווערט אנגע־פירט פון ר' שניאור זלמן מליאדי. אין א סך שטעט איז דער רים א דעפיניטיווער, פאראן באזונדערע שולן, באזונדערע שוחטים פארביידע פראקציעס. די פעסטונג פון די מתנגדים איז ליטע, ווו די קהילה פון מינסק שליסט אין 1794 א חסידישן מנין, און ווו די אנהענגער פון דער כת מוזן זיך האלטן קאנספיראטיוו. בלויז אין א פאר־שטאט פון פינסק, אין קארלין, קאן זיך אויפהאלטן א חסידישע עדה ארום זייער רבין ר' שלמה, און דער נאמען קארלינער ווערט אין ליטע א סינאנים מיט חסיד. אבער ווען ליטע ווערט נאך דער דריטער צעטיילונג פון פוילן, אין 1796, אנגעשלאסן אין רוס־

לאנד און פאראייניקט זיך מיט רייסן, הויבן אויך די ליטווישע חסידים אויף דעם קאפ און דער קאמף צעפלאקערט זיך פון דאס ניי. דעם זעלבן יאר 1796 דערשיינט אויך דער ספר פון ר׳ שניאור זלמן, דער „תניא״, וואס איז די ביבל פון דער חבדישער שיטה אין חסידות און אין וועלכער עס קומט צום אויסדרוק דער פאנטעאיסטישער וועלט־באנעם פון חסידות: „אין יעדן ארט געפינען זיך די פונקען פון קדושה״. דאס רופט ארויס אן אויפרוף פון דעם גאון ר׳ אליהו (גר״א), אין וועלכן ער זאגט, אז ער בלייבט א קעגנער פון די חסידים ווי געוועזן אזן: „ווער עס טראגט נאר דעם נאמען ייד און די מורא פאר גאט האט בארירט זיין הארץ, איז מחויב זיי (די חסידים) צו רודפן און אונ־טערדריקן זיי ווי ווייט עס איז נאר מעגלעך, ווייל זייער זינד איז באהאלטן אין זיי און זיי זענען שווער פאר יידן ווי א קרעץ״. צוויי שליחים זענען אוועק איבער די מדינות צו פארשפרייטן דעם אויפרוף פון גר״א. ר׳ שניאור זלמן האט איינגעלאדן דעם גאון ר׳ אליהו אויף אן עפנטלעכן וויכוח, בכדי אויפצוקלערן די מיספארשטענדעניש, אבער דער גר״א האט די איינלאדונג נישט אנגענומען.

ווען דער גאון ר׳ אליהו איז נפטר געווארן אין 1797, און די גאנצע ווילנער קהילה האט באוויינט דעם גרויסן למדן, זענען זיך א ורופע חסידים צונויפגעקומען און געמאכט א שמחה צום טויט פון דעם גרעסטן קעגנער פון זייער כת. דאס רופט ארויס דעם צארן פון די מתנגדים און זיי שווערן אויפן קבר פון גאון זיך נוקם צו זיין אין די חסידים. א קאמיסיע פון פינף באקומט ברייטע פולמאכטן צו קעמפן קעגן די „אפי־קורסים״, און אין א קורצער צייט ארום דערלאנגט זי אן אנקלאגע צום רוסישן הויפט־פראקוראר לאפוכין, אז די חסידישע סעקטע מיט איר פירער זלמן בארוכאוויטש בראש (ר׳ שניאור זלמן) פירן אן אנטי־רוסישע אקטיוויטעט. אין 1798 ווערט ר׳ שניאור זלמן, דער רב, מיט 22 פון זיינע אנהענגער ארעסטירט. די 22 ווערן פארהאלטן אין דער תפיסה פון ווילנע און דער רב ווערט אפגעשיקט קיין פעטערבורג אויף אן אויס־פארשונג. זיינע דערקלערונגען מאכן דארטן א גוטן רושם און דורך „מתן בסתר״ ווערט דער רב און די איבעריקע ארעסטירטע באפרייט (1798). דאס מחלוקת וואלט זיך אפשר געווען איינגעשטילט, ווען עס מישט זיך נישט אריין דער געוועזענער רב פון פינסק, אביגדור חיימאוויטש, וועמען די חסידים האבן באזייטיקט פון זיין אמט. אין 1800 דערלאנגט אביגדור א צווייטע אנקלאגע קיין פעטערבורג, דער רב ווערט נאכאמאל ארעסטירט און איינגעזעצט אין דער פעטער־פאוועל פעסטונג, ווי א וויכטיקער פאלי־טישער פארברעכער, אבער אויך דאס מאל געלינגט אים צו דערווייזן זיין אומשולד, און אין 1801 ווערט ער צום צווייטן מאל באפרייט. אין דעם יידן־רעגלאמענט פון 1804 ווערט פאר די חסידים אנערקענט דאס רעכט צו האבן באזונדערע שולן און באזונדערע רבנים, אבער זיי מוזן געהערן צו איין קהילה מיט די מתנגדים.

וואס עס האט ביז א געוויסן גראד פאראייניקט די חסידים מיט די מתנגדים איז געווען דער קאמף קעגן דער השכלה, וואס האט אנגעהויבן אויפצוגיירן, בעיקר

צווישן דער יוגנט. דער תנ"ך מיט פירוש פון „דעסויער" ר' משה מענדעלסאָן איז געוואָרן פאַרבאָטן, אין די ישיבות האָט מען סתם נישט געלאָזט לערנען קיין תנ"ך, אריינקוקן אין א נישט־רבנישן ספר, א טריפה־פסול, איז געווען א פאַרברעכן, פאַר וועלכן מען האָט אויסגעשלאָסן פון דער געמיינדע, אָפּגעזעצט פון ווייב, ארויסגעטריבן פון שטאָט. א סך פון די ערשטע משכילים האָבן געמוזט עוקר זיין קיין אויסלאַנד. איינער פון די ערשטע פאַרטריבענע לשם השכלה איז געווען דער ליטוואַק שלמה מיימאָן (1754־1800), וועלכער פאַרעפנטלעכט אין 1782 זיין ביאָגראַפיע, וואָס גיט א בולט בילד פון דעם יידישן קולטור־מצב אין יענע צייטן, און איז זיך קונה שם אין דער פילאָזאָפיע מיט זיין ווערק „איבערזיכט פון דער טראַסצענדענטאַלער פילאָזאָפיע" (ס'הייסט די פילאָזאָפיע, וואָס איז איבער די עקספּערימענטן), וואָס ער פאַרעפנטלעכט אין 1790.

דער פּאָזיטיווער רעזולטאַט פון דער קעגנערשאַפט פון די מתנגדים צו חסידות און השכלה איז געווען די שאַפונג פון א נייעם תורה־צענטער, די ישיבה אין וואָלאָזשין, וואָס וועט זיין דאָס אָרט, ווו די באַזונדערע שטרעמונגען פון תורה, חסידות און השכלה, וועלן לאַנגזאַם אָנהויבן צו שאַפן א סינטעזע, וואָס וועט באַפרוכפּערן דאָס מאָדערנע יידישע לעבן און וועט זיין א וויכטיקער פאַקטאָר אין דעם רענעסאַנס־פּראָצעס. פון דער וואָלאָזשינער ישיבה, ווי אמאָל פון דער ישיבה אין לוסענא, וועלן ארויסגיין א סך פירער און וואָרטזאָגער פון מאָדערנעם יידנטום, צווישן זיי דער גרויסער נאַציאָנאַלער פּאָעט חיים נחמן ביאַליק, דער זיידע פון דער יידישער און העברעאישער ליטעראַטור, שלום יעקב אבראַמאָוויטש (מענדעלע מוכר ספרים) און פיל אנדערע.

עמאַנציפּאַציע

(1948 - 1776)

אַריינפיר

דער קולטור־קאַמף צווישן חסידים, מתנגדים און משכילים האָט זיך ערשט רעכט געהאַט צעפלאַקערט, ווען די גאַנצע וועלט איז אויפגערודערט געוואָרן פון דער אַמעריקאַנער און די פראַנצויזישע רעוואָלוציעס, וואָס וועלן גורם זיין די שאַפונג פון אַ נייער וועלט, פּאָליטיש, עקאָנאָמיש און סאָציאַל, און וועלן אויך טיף משפּיע זיין אויפן גורל פון די יידן, צוהעלפנדיק אין לעצטן סך הכל דעם פולשטענדיקן רענעסאַנס פון יידישן פאָלק.

די אויבנדערמאָנטע רעוואָלוציעס זענען געווען אַ פּועל יוצא פון דער ווירקונג פון גייסטיקע פאַקטאָרן, וואָס ווען אפילו אויסערלעך גאַנץ פאַרשידן, זענען זיי אָבער אין תוך געווען כמעט אידענטיש. די אַמעריקאַנער רעוואָלוציע איז שטאַרק באַאיינפלוסט געוואָרן פון די מענטשלעכע אידעאַלן פון דער ביבל: גלייכהייט און ברידערלעכקייט צווישן מענטשן און קאַמף קעגן טיראַניע. די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט געצויגן יניקה פון גאַנץ אַנדערע מקורות, פון דעם אומגלויבן אין די מיסטעריעז פון קריסטנטום און פולן צוטרוי בלויז צום מענטשלעכן שכל, און צו זיין פּועל יוצא דעם פּאָזיטיוון וויסן. אָבער אויפן סאָציאָלאָגישן געביט איז די פראַנצויזישע רעוואָלוציע אויך געקומען צו די אַלטע, אייביקע יידישע פּאָסטולאַטן פון פרייהייט, גלייכהייט און ברידערלעכקייט צווישן מענטשן.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז די אויפטרייסלונג, וואָס די רעוואָלוציעס האָבן אַרויסגערופן און די נייע פּאָסטולאַטן, וואָס זיי האָבן אַרויסגעשטעלט, האָבן זיך אָפּגערופן אויך אויפן גורל פון די יידן, וואָס האָבן געמוזט קריגן אַ נייעם סטאַטוס אין דער נייער פּאָליטישער וועלט־באַוועגונג. דאָס איז אָבער נישט לייכט אָנגעקומען. עס איז געווען אַ לאַנגער פאַרפּלאָנטערטער פּראָצעס, וואָס האָט זיך פאַרשידן אויסגעוויקלט

אין די פארשידענע לענדער און פעלקער, און האט אין אלגעמיין געדויערט ארום הונ־דערט און זיבעציק יאר: פון 4טן יולי 1776, װען די צפון־אמעריקאנער ענגלישע קאָ־לאָניעס האבן פּראָקלאמירט זייער פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט, ביזן 11טן מאי 1948, װען מדינת ישראל איז פּראָקלאמירט געװאָרן אין תל־אביב. ביי דער צעשפּליטערטקייט, װאָס עס האט צום סוף פון אכצנטן יארהונדערט געהערשט אין א רייע אייראָפּעאישע לענדער: דייטשלאנד, איטאליע א. א., װאָס זענען געװען צעטיילט אין א היפּשער צאָל גרעסערע און קלענערע מלוכות און פירשטנטומס, װעלכע האבן געהאט פולשטענדיקע, אָדער כמעט פולשטענדיקע פּאָליטישע זעלבסטשטענדיקייט, און זענען זיך באגאנגען מיט יידן װי עס איז װױלגעפעלן אין זייערע אויגן; ביים פּראָצעס פון צעפאלונג, װאָס עס האט אין יענער צייט דורכגעמאכט די מלוכה פון פּוילן, װאָס האט פארמאָגט די גרעסטע צאָל יידן אין אייראָפּע, איז שװער נאכצופאָלגן דעם פּראָצעס פון יידישער עמאנציפּאציע אין אלע מלוכות און מדינהלעך באזונדער. אויף צו באגרייפן קלאָר די אויסװיקלונג פון פּראָצעס, קאָנען נאר גענומען װערן אין אנבאטראכט אלגעמיינע געאָ־גראפישע, פּאָליטישע און אידעאָלאָגישע ריכטליניעס, לאָזנדיק מן הצד די באגלייט־פּראָצעסן פון צװייטער װיכטיקייט, װאָס קאָנען שטודירט װערן פאר יעדן פאל באזונדער.

מען דארף דערצו אין זינען האבן, אז צום סוף פון אכצנטן יארהונדערט האט אויך די יידישע װעלט מער נישט געהאט די איינהייטלעכקייט, װאָס אין מיטלאלטער. סאָציאל און אויך קולטורעל זענען יידן געװען צעטיילט אין באזונדערע קלאסן און שיכטן, װאָס װעלן רעאגירן פארשידן אויפן פּראָצעס פון עמאנציפּאציע און בשעת איניקע גרופּן װעלן אים ארויסגיין אנטקעגן דורך אסימילאציע, רעליגיעזע רעפאָרמע און אפילו שמד, װעלן אנדערע זיך נאך שטארקער אפּשליסן אין זייער אייגענער װעלט און װעלן נישט מסכים זיין אויפצוגעבן זייער אייגנארט, אפילו פארן פּרייז פון פולער פּאָליטישער גלייכבארעכטיקונג. די פּריװילעגירטע און אויפגעקלערטע יידישע גרופּן װעלן האנדלען גאנץ פארשידן פון די גרויסע יידישע מאסן, װאָס װעלן זיך קלאמערן מיט די לעצטע כוחות אין דעם, װאָס זיי האבן באטראכט פאר ריכטיקער יידישקייט און װעלן אין געװיסע פאלן בעטן און קעמפן קעגן דער עמאנציפּאציע, אויף װיפל זי באצװעקט אויפצולייזן די יידישע אייגנארטיקייט אין דער ארומיקער אלגעמיינער סביבה.

גענומען פון געאָגראפישן שטאנדפּונקט, אנטװיקלט זיך די עמאנציפּאציע פון מערב צו מזרח און פון דער נייער װעלט צו דער אלטער. אנגעהויבן אין די צפון־אמעריקאנער שטאטן, װעט זיך די עמאנציפּאציע רעלאטיװ שנעל איינבירגערן אין מערב־אייראָפּע: פראנקרייך, ענגלאנד, נידערלאנדן (האלאנד־בעלגיע) און איטאליע, װו די נייע אידעען פון די פראנצויזישע ענציקלאָפּעדיסטן, װאָס האבן פיל בייגעטראָגן צו דער פראנצויזישער רעװאָלוציע, האבן געהאט זייער גרעסטע השפעה. פון פראנקרייך און אירע אפּטע רעװאָלוציעס אין נײנצטן יארהונדערט װעלן אויך קומען די השפעות, װאָס װעלן באגינסטיקן די יידישע עמאנציפּאציע אין צענטראל־ און מזרח־אייראָפּע.

אין די גערמאנישע לענדער פון צענטער־אייראָפּע, סיי אין דער שטאַרק קאַ־טוילישער עסטרייך, סיי אין דער פּראָטעסטאַנטישער פּרייסן מיט אַלע זייערע סאַטעליטן, וועט דער פּראָצעס פון יידישער עמאַנציפּאַציע גורם זיין צו אַ שאַרפן קאַמף, וואָס וועט זיך ציען מיט פאַרשידענעם דערפאָלג און וועט נישט קומען צו קיין ענדגילטיקן רע־זולטאַט, אפילו אין דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, ווען ער וועט זיך ענדיקן מיט איינער פון די שוידערלעכסטע מאַסן־אויסראָטונגען, וואָס יידן האָבן דורכגעמאַכט אין משך פון זייער פיינפולער גלות־געשיכטע.

דער סלאַווישער מזרח וועט זיך לענגער פון אַלע האַלטן אָפּגעשלאָסן פון דער באַוועגונג צו עמאַנציפּירן זיינע יידן. ערשט די גרויסע רוסישע רעוואָלוציע פון 1917 וועט די יידן אויסגלייכן אין זייערע רעכטן מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג, און די רוסישע אָקופּאַציע פון נאָך דעם צווייטן וועלט־קריג וועט ברענגען פולע גלייכבאַ־רעכטיקונג פאַר די יידן פון פּוילן און רומעניע. אָבער די ניי־איינגעשטעלטע קאָמוניס־טישע אָרדענונג וועט זיך דערפאַר לאָזן באַצאָלן מיט אַ גאָר הויכן פּרייז, מיט פול־שטענדיקער אסימילאַציע: אַ פּראָצעס קעגן וועלכן די יידישע באַפעלקערונג איז כמעט אוממעכטיק צו ווערן זיך.

אויפן אידעאישן באָדן וועט דער עמאַנציפּאַציע־פּראָצעס זיך אויסוויקלען צווישן די רעוואָלוציאָנערע און רעאַקציאָנערע שטרעמונגען. די ערשטע וועלן באַגינסטיקן די עמאַנציפּאַציע, די צווייטע וועלן זיך איר קעגנשטעלן. דער דאָזיקער קאַמף וועט אויך באַאיינפלוסט ווערן פון דער פראַגע, וואָס אייגנטלעך שטעלן מיט זיך יידן פאָר: אַ פאָלק, אָדער אַ רעליגיעזע סעקטע; מיט אַנדערע ווערטער, צי באַלאַנגען יידן צו די פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן, און דאַן קומט זיי אַלע בירגער־רעכטן, אָדער זיי זענען אָנגע־העריקע צו אַ באַזונדער פאָלק, און דאַן קומט זיי בלויז די רעכטן, וואָס קאָנען נישט אָפּגעזאָגט ווערן קיין מענטשן, אויך דעם אויסלענדער, אָבער זיי קאָן נישט געגעבן ווערן קיין פּאָליטישע בירגער־רעכט. אויף צו באַקומען פולע בירגער־רעכט, וועלן גע־וויסע יידישע גרופּעס פון פאַרשידענע לענדער אָפּלייקענען דעם נאַציאָנאַלן מאָמענט אין זייער קיום. ביז היינט אונטערשיידט נאָך די אַלגעמיינע וועלט שווער צווישן נאַ־ציאָנאַליטעט און בירגערשאַפט, און דאָס שאַפט אַ באַזונדערן פּלאָנטער אין די באַ־ציאונגען צווישן יידן און די אַנדערע פעלקער צווישן וועלכע זיי לעבן.

דער קאַמף פאַר יידישער עמאַנציפּאַציע האָט זיך געפירט אין די פאַרשידענע לענדער אויף די פאַרשידנסטע אופנים. דורך פּאַרלאַמענטאַרישע וויכוחים אין ענגלאַנד און פראַנקרייך, דורך ליטעראַרישע דיסקוסיעס און פּאָגראָמען אין דייטשלאַנד, דורך שמד־שטיק און דריידלעך אין רומעניע און פּוילן, דורך האַמעטנער עקשנות און וויל־קיר אין רוסלאַנד. עס קאָן באמת באַטראַכט ווערן ווי אַ קאַפּיטל קולטור־געשיכטע פון אייראָפּע צווישן די צוויי גרויסע רעוואָלוציעס, די בירגערלעכע אין צפון־אַמעריקע (1784), און פראַנקרייך אין 1789, און די פּראָלעטאַרישע אין מזרח־אייראָפּע, רוס־

לאנד, אין 1917. ווען מען רעכנט נאך צו די ווירקונג פון דער גייסטיקער, טעכנישער און עקאנאמישער רעוואלוציעס, וואס האבן זיך פאר דער זעלבער ציים אפגעשפילט, ווערט קלאר די גאנצע באדייטונג פון דער דערשיינונג, וואס רופט זיך יידישע עמאנ־ציפאציע, און זי קאן דינען ווי א פרוּווּשטיין פאר די פעלקער און זייער גייסטיקן מהות.

דער עמאנציפאציע־פראצעס האט זיך נישט אנטוויקלט אין בהדרגהדיקער קאנטינואיטעט, נאר אין כוואליעס פון אויפשטייג און צוריקפאל. ער האט אבער יעדעס מאל אויסגעברייטערט זיין אומפאנג, און ווען אפילו ער האט זיך אנגעהויבן אונטער דעם געדאנק, אז: „דעם ייד אלס א פערזאן קומען אלע רעכטן, די יידן אלס פאלק, קיינע רעכטן", האט ער זיך דאך פארענדיקט מיט דער פולשטענדיקער אנערקענונג פון דעם רעכט פון יידישן פאלק אויף א פולן שטאטלעכן לעבן אין ארץ־ישראל און געוויסע קאנצעסיעס פארן יידישן נאציאנאל־קולטורעלן לעבן אויך אין די גלות־לענדער.

ביים אנפאנג פון כמעט יעדן נייעם אויפשטייג פון דעם פראצעס פון עמאנ־ציפאציע שטייט א רעוואלוציאנערער אויסברוך אין פראנקרייך, וואס דינט ווי א מין עפּיצענטער פאר דער אויסוויקלונג פון פראצעס. וואס ווייטער פון פראנקרייך, אלץ שוואכער שלאגן די כוואליעס פון דער יידישער עמאנציפאציע. אין דער הינזיכט קאן דער גאנצער עמאנציפאציע־פראצעס איינגעטיילט ווערן אין פאלגנדיקע פעריאדן:

ערשטער אויפשטייג: פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע (1789) ביזן פאלן פון נאפאלעאן (1814).

ערשטע רעאקציע: פון פאלן פון נאפאלעאן (1814), ביז דער רעוואלוציע פון יולי 1830.

צווייטער אויפשטייג: פון דער יולי־רעוואלוציע פון 1830 אין פראנקרייך.

צווייטע רעאקציע: פון 1831 ביז דער רעוואלוציע פון 1848.

דריטער אויפשטייג: פון דער רעוואלוציע 1848, ביז דער רעוואלוציע 1870.

דריטע רעאקציע: פון 1881, ביזן ערשטן וועלט־קריג 1914.

פערטער אויפשטייג: צווישןביידע וועלט־מלחמות 1918־1939.

פערטע רעאקציע: דער נאצי־פאשיזם. 1931־1945, אנטיקאסמאפאליטיזם זינט 1948.

132סטע לעקציע

ערשטע עמאַנציפּאַציע - כוואַליע

(1814־1774)

נאָמינעל הויבט זיך אָן די עמאַנציפּאַציע פון יידן מיט דער רעוואָלוציע אין צפון־אַמעריקע, ווו ס'האָבן צו דער צייט, ווען זי האָט אויסגעבראָכן אין 1774, געלעבט צווישן 2 און 3 טויזנט יידן. אָבער דעם וויכטיקסטן שריט פאָר דער באַפרייאונג פון די יידן האָט געמאַכט די רעוואָלוציע אין פראַנקרייך.

ווען די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט אויסגעבראָכן, האָבן אין פראַנקרייך געלעבט אַרום פופציק טויזנט יידן. די מערסטע טייל פון זיי אין די פּראָווינצן עלזאַס־לאָטאַרינגיע, וואָס פראַנקרייך האָט אָפּגעריסן פון דער גערמאַנישער אימפּעריע אין 1648. קליינע ישובים פון פּריווילעגירטע יידן, מערסטנטייל ספרדים, האָבן געלעבט אין דרום־פראַנקרייך. אין דער פּויפּסטלעכער געגנט פון אַוויניאָן, פון וואַנען יידן זענען קיינמאָל נישט פאַרטריבן געוואָרן, און אין דער האַפן־שטאָט באָרדאָ, וווּהין עס האָט זיך קאָנצענטרירט אַ גרופּע רייכע מאַראַנען פון איבערישן האַלבאינדזל, וואָס זענען אַריבער צוריק צום יידנטום און האָבן אין 1723 באַקומען פון פראַנצויזישן מלך לוד־וויק דעם פופצנטן אַן אָפיציעלן פּאַטענט אויף וווינרעכט. אין דער הויפּט־שטאָט, פּאַריז, האָבן געלעבט אַ פינף הונדערט יידן, וואָס האָבן זיך פאַר דער צייט זינט דעם נירוש אין 1306 לאַנגזאַם אַריינגעכאַפּט אין שטאָט. אין דעם טאָג־אָרדענונג פון די גענעראַל־שטאַטן, וואָס די רעגירונג פון לואיס דעם 16טן האָט פאַרופן אין 1789, און וואָס וועלן זיך שפּעטער דערקלערן אַלס נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג, האָט פיגורירט אויך אַ פּונקט וועגן דער לאַגע פון די יידן.

אין מאַי פון 1789 האָט דער פירער פון די יידן אין עלזאַס, סערף בער, פאַר־רופן אַ פאַרזאַמלונג פון יידישע פירער, וואָס אַרבעטן אויס אַ מעמאָראַנדום צו די גענ. שטאַטן וועגן פאַרלייכטערן דעם יידישן גורל. אין יולי פון זעלבן יאָר, ווען אין פּאַריז ברעכט אויס די רעוואָלוציע און יידן אין פּאַריז און באָרדאָ טרעטן אַריין אין דער נאַ־ציאָנאַלער גוואַרדיע, ברעכן אויס אין עלזאַס אומאָרדענונגען קעגן פּריצים און יידן, וועלכע מוזן אַנטלויפן קיין שווייץ אין קאַנטאָן באַזעל, אויף צו ראַטעווען זייער לעבן.

דערוווייל דיסקוטירט די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג אין פּאַריז די באַרימטע „דעקלאַראַציע פון רעכטן פאַרן מענטשן און בירגער" און דעם 22סטן אויגוסט ווערט אויפגענומען דאָס פּראָבלעם פון די יידישע רעכטן. עס אַנטוויקלט זיך אַ העפטיקע דע־

באטע צווישן רעוואָלוציאָנערן און רעאַקציאָנערן. מצד די ערשטע טרעטן ארויס דער גראף מיראבאָ, דער אבאט גרעגואַר פון נאנסי, און דער דעפוטאט קאסטיליאָן. נאָך א לאנגן וויכוח ווערט אָנגענומען די פאָרמולע: „מען טאָר נישט באשרענקען די רעכט פון א מענטשן פאר זיינע איבערצייגונגען, אפילו רעליגיעזע".

די פאָרמולירונג איז אָבער א צו אַלגעמיינע און יידן האלטן, אז זייער לאגע פאָדערט א מער אויסדריקלעכע דעקלאַראַציע. דעם 26סטן אויגוסט דערלאנגען אין דער הינזיכט א פעטיציע די יידן פון פאריז. אן ענלעכע פעטיציע קומט אויך אָן עטוואָס שפעטער פון עלזאַס; די עלזאַסער יידן בעטן אויך, אז מען זאָל זיי לאָזן זייער אינער־לעכע אָרגאַניזאַציע: קהילות, רבנים, גבאים וכו'. דעם 14טן אָקטאָבער נעמט די נאַציאָ־נאַלע פאַרזאַמלונג אויף א דעלעגאַציע פון עלזאַסער יידן, אָנגעפירט פון בער־יצחק בעער, און די רעדע לטובת די יידן, וואָס דער גלח גרעגואַר האַלט אָפּ ביי דער גע־לעגנהייט, ווערט אָפּגעדרוקט אין א באזונדער בראָשור און פאַרשפּרייט אין פיל עק־זעמפּלאַרן.

דאָס האַנדלט זיך אָבער ערשט פון מענטשנרעכט. דעם 21סטן דעצעמבער פון 1789 הויבט זיך אָן די דעבאַטע וועגן אַקטיווע בירגער־רעכט, און דאָ קומט ארויף די פראַגע, ווי אייגנטלעך זאָל מען יידן באַטראַכטן: ווי א נאַציע, צי בלויז ווי א רע־ליגיעזע סעקטע? דער גלח מאַרי טענהט, אז יידן זענען א באזונדער נאַציע און קאָנען דערפאַר נישט געניסן פון פּאָליטישע בירגער־רעכט אין פראַנקרייך. עס שטיצן אים אַנדערע רעאַקציאָנערן, אָבער די רעוואָלוציאָנערן ראָבעספּיער און דופּאָר זענען פאַר יידנרעכט. קלערמאָן־טאָנער, אן אָנהענגער פון יידן, פאָרמולירט זיין שטאַנדפּונקט, וואָס איז געוואָרן קלאַסיש: „די יידן אַלס מענטשן אַלץ, אַלס יידן — גאָרנישט". די פראַגע ווערט אָפּגעלייגט. די לאַגע פון די יידן בלייבט ווי געווען, ביז די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמ־לונג וועט זיך וועגן דעם ארויסזאָגן.

אָבער דעם 31סטן דעצעמבער קומט אריין א פעטיציע פון די פּריווילעגירטע ספרדים פון באָרדאָ, וואָס לעבן אין פראַנקרייך מיט דער דערלויבעניש פון א קעניג־לעכן פּאַטענט. זיי נעמען נישט ארום די יידישע פראַגע אַלס גאַנצע. זיי אַנטוויקלען א טעאָריע, אז מען דאַרף אונטערשיידן צווישן יידן און יידן. די אשכנזים זענען פון אן אַנדער ראַסע, אָבער זיי, די ספרדים, קומט בירגער־רעכט. נאָך א שאַרפער דעבאַטע ווערט די פעטיציע באַוויליקט, אין יאַנואַר 1790. ספרדים באַקומען אַקטיווע בירגער־רעכט.

דאָס פאַרשטאַרקט דעם דראַנג פון די אשכנזים אויסגעגלייכט צו ווערן מיט זייערע ספרדישע ברידער. דעם 28סטן יאַנואַר נעמט אויף די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג א דעלעגאַציע פון פאַריזער יידן, בראש פון וועלכע עס גייען פופציק יידן מיטגלידער פון דער נאַציאָנאַלער גוואַרדיע. די פאַריזער קאָמונע (מוניציפּאַליטעט) שטיצט זייער פעטיציע פון בירגער־רעכט פאַר יידן. אַלס ענטפער אויף דער פעטיציע קומען אָן דראָ־אונגען פון עלזאַס, אז מען וועט פּאָגראָמירן יידן, אין פאַל זיי וועלן באַקומען בירגער־

רעכט. אָבער די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג באַפעלט צו באַשיצן יידן פון אָנגריפן. דעם 9טן מאַי קומט אַריין אַ צווייטע פּעטיציע פון די יידן פון פּאַריז, וואָס האָבן ערשט מיט צוויי טעג צוריק באַקומען דאָס רעכט אָפּצוריכטן עפנטלעך זייער גאָטעס־דינסט. אָבער די נאַציאָנאַלע פאַרזאַמלונג נעמט אַלץ נישט אויף דירעקט די יידנפראַגע, וואָס ווערט געלייזט אויף אַן אומדירעקטן וועג.

דעם 14טן סעפּטעמבער 1791 באַשטעטיקט דער קעניג לואיס דער 16טער די אָנגענומענע קאָנסטיטוציע, לויט וועלכער אַלע פראַנצויזן געניסן אַקטיווע בירגער־רעכט. בנוגע די יידן ווערט דעם 28סטן סעפּטעמבער אָנגענומען אַ געזעץ, אַז עס ווערן בטל די אַלע באַגרענעצונגען, וואָס האָבן ביז דאַן עקזיסטירט. בכדי צו באַרואיקן די געמיטער אין עלזאַס, ווערן פאַרמינערט אויף אַ דריטל די חובות צו יידן...

אָבער די רעוואָלוציע אין פראַנקרייך צעשפּילט זיך ערשט. דאָס לאַנד לעבט איבער אַ שאַרפן בירגער־קריג, ביי וועלכן די גיליאָטינע האָט היפּש אַרבעט, און אויך אַ מלחמה מיט די רעאַקציאָנערע הערשער פון אייראָפּע, וואָס ווילן דערשטיקן די ערשטע שפּראָצונג פון די רעכט פון די פעלקער. אין פראַנקרייך ברעכט אויך אויס אין די יאָרן 1793־1794 אַ שטאַרקע אַנטי־רעליגיעזע באַוועגונג, וואָס קומט אַלס פּראָטעסט קעגן דער רעאַקציאָנערישקייט פון קאַטאָליציזם, באַרירט אָבער אַלע רעליגיעס צוגלייך. יידן באַטייליקן זיך אַקטיוו אין די אַלע אויסדרוקן פון פראַנצויזישן לעבן. אַרום צוויי טויזנט יידן קעמפן אין די פראַנצויזישע אַרמייען: יידן צאָלן אויך זייער צינז דעם טעראָר און ווערן געקעפּט דורך דער גיליאָטינע גלייך מיט אַלע אַנדערע פראַנצויזן. אויך צו דער אַנטי־רעליגיעזער באַוועגונג שטייען צו געוויסע יידישע קרייזן וואָס גיבן אַוועק פאַר דער רעוואָלוציע זייערע ספרי תורה און אַנדערע ווערטפולע זאַכן פון די שולן. די זיגרייכע פראַנצויזישע אַרמייען טראָגן אַריין, ווו נאָר זיי קומען, דעם פּרינציפּ פון יידנרעכט. די ווענט פון דער געטאָ אין רוים פאַלן, אין אַ סך פּלעצער באַטייליקן זיך יידן אין פּלאַנצן דעם „פרייהייטס־בוים". די צאָל פון יידן אונטער פראַנצויזישער הערשאַפט וואַקסט פון פופציק טויזנט, אין 1796 ביז 135 טויזנט, אין 1806. יידן מאַכן אויך דורך אַ טיפן אַסימילאַציע־פּראָצעס: פאַרבייטן יידיש אויף פראַנצויזיש, נעמען אָן פראַנצויזישע קריגס־נעמען. די עמאַנציפּאַציע ווערט געצאָלט אויף אַ גאָר הויכן פּרייז. אין 1799 פּרוווט זיך דער גענעראַל פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, איינצונעמען פּאַלעסטינע, און לאָזט אַרויס אַן אויפרוף צו אַלע יידן פון דער וועלט זיי זאָלן אים העלפן אין זיין אונטערנעמונג, און דערפאַר וועט ער זיי העלפן צוריק אויפשטעלן זייער שטאַט. נאַפּאָלעאָן פאַלט דורך אין זיין אָנגריף אויף עכו, פּאַלעסטינע בלייבט ביי טערקיי און דער גאַנצער ענין ווערט גיך פאַרגעסן. אָבער אַ יאָר צען נאָך איר אויסברוך, ווערט די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע פאַרענדערט אין איר אינהאַלט און פאַלט אַרונטער אונטער דער פירערשאַפט פון אַנטי־רעוואָלוציאָנערע עלעמענטן, ווי דער דירעקטאָריום, און שפּעטער נאַפּאָלעאָן באָנאַפּאַרטע, וועלכער נעמט לכתחילה אָן דעם אַלטן רוימישן טיטול פון קאָנסול אויף צו

פארביטן אים מיט דער צייט אויפן אליינהערשערישן טיטל פון אימפעראטאר
נאפאלעאן אלס ערשטער קאנסול זוכט צוריקצושטעלן א סך איינפירן פון פראנצויזישן לעבן פון פאר דער רעוואלוציע, איינער פון זיי איז דער רעליגיעזער. אין 1801 שליסט ער אן אפמאך מיטן פויפסט וועגן די באציאונגען צווישן דער פראנצויזישער מלוכה און דער קאטוילישער קירכע, דער „קאנקארדאט", און דאס שטעלט נאך אמאל ארויף אויף דעם טאג־ארדענונג די פראגע פון די יידן וואס זענען, לויט דער דעפיניציע פון מיניסטער פארטאליס „מער א נאציע ווי א רעליגיעזע סעקטע. א סימן, זיי לעבן צווישן אנדערע פעלקער און אסימילירן זיך נישט". אין 1805 ביים צוריקפארן קיין פראנקרייך, נאכן זיג ביי אויסטערליץ, דערהאלט נאפאלעאן אנקלאגעס קעגן די יידן פון עלזאס, וואס גיבן זיך אפ פיל מיט וואכער.

בשעת א דיסקוסיע אין מלוכה־ראט אין 1806, דערקלערט נאפאלעאן, אז לויט זיין מיינונג „זענען די יידן א פאלק נישט קיין רעליגיעזע סעקטע, און דערפאר גילט אין באצוג צו זיי נישט דאס בירגער־רעכט, נאר דאס אינטערנאציאנאלע רעכט, ווייל זיי זענען נישט קיין בירגער". דערביי גיט ער אין א פאר טעג ארום צו, אז: „רודפן די יידן איז א סימן פון שוואכקייט, אבער אויסבעסערן זיי איז אן אויסדרוק פון מאכט", און ער נעמט זיך „אויסבעסערן די יידן".

דעם דרייסיקסטן מאי 1806 דערשיינט א דאפלטער דעקרעט פון אימפעראטאר נאפאלעאן: א) אפשטעלן אויף א יאר צייט די איינקאסירונג פון די חובות צו יידן אין עלזאס, ריינלאנד און אנדערע דייטשישע געגנטן; ב) פאררופן אויפן חודש יולי קיין פאריז א פארזאמלונג פון 100 יידישע נאטאבלען וואס די דעפארטאמענט־פרעפעקטן וועלן דערוויילן פון צווישן די רבנים און קהילה־פירער.

שבת, דעם 29סטן יולי 1806 ווערט די נאטאבלען־פארזאמלונג דערעפנט אין פאריז. דער טאג שבת איז אויסגעקליבן געווארן מיט א כיוון צו זען, אויב די יידן וועלן זיין נאכגעביק אין א רעליגיעזער אנגעלעגנהייט; זיי זענען עס געווען. די רעגירונג איז געווען פארטראטן אויף דער דערעפענונג דורך דריי קאמיסארן: מולע, פארטאליס־זון און פאקיע. אין זיין רעדע האט מיניסטער מולע געשטעלט דעם טראפ אויפן עיקר: „זיין מאיעסטעט וויל, איר זאלט זיין פראנצויזן; אין אייך איז געווענדט צו באקומען אט דעם נאמען, אדער נישט" די רעגירונג האט צוגעשטעלט דער נאטאבלען־פארזאמלונג צוועלף פראגן. דריי וועגן פאמיליע־אנגעלעגנהייטן: א) צי איז ביי יידן דערלויבט פילווייבעריי (פאליגאמיע), ב) צי איז א יידישער גט גילטיק אן דעם באשלוס פון געריכט, ג) צי איז ביי יידן דערלויבט געמישטע הייראטן. דריי פראגן וועגן פאטריאטישע אנגעלעגנהייטן: א) צי האלטן די יידן די פראנצויזן פאר ברידער ב) וואס זאגן די יידישע דינים וועגן די באציאונגען צווישן יידן און קריסטן, ג) צי האלטן די אין פראנקרייך געבוירענע יידן דאס לאנד פאר זייער פאטערלאנד, וואס זיי זענען מחויב צו פארטיידיקן. דריי פראגן וועגן פרנסות: א) צי זענען פאראן פרנסות, וואס זענען יידן פארבאטן, ב) צי מעג א ייד פארלייען געלט אויף פראצענט צו א צווייטן יידן, ג) צי

מעג א ייד פארלייען געלט אויף פראצענט צו א קריסט. די לעצטע דריי פראגן זענען וועגן דער קאמפעטענץ און פונקציע פון די רבנים.

די פארזאמלונג, וואס ווערט אנגעפירט פון א טריומוויראט: אברהם פורטאדא, א ספרדי פון באָרדאָ, יצחק בעער, א משכיל, א תלמיד פון מענדעלסאן, און הרב דוד זינצהיים, א גדול בתורה פון עלזאס, גיט אן אויספירלעכן ענטפער אויף אלע צוועלף פראגן. זי פאלט אבער אריין אין איבערטרייבונגען אין פראגן פון פאטריאטיזם און דער קלערט, אז יידן זענען מער נישט קיין פאלק, נישטא קיין סאלידאריטעט צווישן יידן פון פארשידענע לענדער, יידן אין פראנקרייך זענען „פראנצויזן פון יידישן גלויבן". די קאפיטולאציע איז גאר נישט נויטיק געווען, פון דעם מאמענט וואס די פארזאמלונג האט פעסטגעשטעלט די טרייהשאפט פון יידן צו זייער געבורט-לאנד, אדער צום לאנד וווּ זיי לעבן און האט אפילו באטאנט, אז פאר א געמיישטער הייראט ווערט מען נישט אויסגעשלאסן פון יידישן כלל. נאפאלעאן איז צופרידן, ער האט באזיגט דאס הארט-נעקיקע פאלק, וועמענס פארשטייער האבן אים געגעבן מער ווי עס איז נויטיק געווען. ער האט אבער נויטיק, אז די ענטפערס פון דער נאטאבלען-פארזאמלונג זאלן באשטעטיקט ווערן פון א מער קאמפעטענטער קערפערשאפט, און ער באשליסט צוריקצושטעלן אין פראנקרייך א סנהדרין פון 71 פערזאן, וואס זאל באשטעטיקן די באשלוסן. דעם 17טן סעפטעמבער ווערט אנאנסירט די פאררופונג פון סנהדרין. דעם 5טן פעברואר 1807 ווערט געשלאסן די נאטאבלען-פארזאמלונג און דעם 9טן פעברואר ווערט קאנס-טיטואירט דער סנהדרין.

דער „סנהדרין" רופט ארויס א גרויסן אויפברויז אין פיל יידישע ישובים. ער ווערט אנגעפירט מיט דער געהעריקער פאמפע, און זיינע אנפירער באקומען די אלטע יידישע טיטלען: נשיא — הרב דוד זינצהיים, אב בית דין, דער איטאליענישער רב סעגערא, און חכם, הרב אברהם דע קאלאניא. דער סנהדרין באשטעטיקט אלע באשלוסן פון דער נאטאבלען-פארזאמלונג. ער דערקלערט אויך, אז יידישע זעלנער זענען אין צייטן פון מלחמה פטור פון אלע יידישע דינים און מצוות, און פארגייט זיך ממש אין חניפה צום גרויסן נאפאלעאן.

אין א יאר ארום, 17טן מערץ 1808, דערשיינט א דעקרעט פון נאפאלעאן וואס באווייזט זיינע אמתע כוונות. דאס יידישע לעבן ווערט ארגאניזירט אין קאנסיסטאריעס, ס'הייסט ריין רעליגיעזע אנפירערשאפט, וואס געפינט זיך אונטערן קאנטראל פון דער רעגירונג. גלייכצייטיק דערשיינט א דעקרעט, וואס ברענגט אריין אויף א משך פון צען יאר געוויסע באגרעניצונגען אין יידישער עקאנאמישער טעטיקייט און מאכט פאקטיש א סוף צו דער יידישער גלייכבארעכטיקונג, וועגן אפילו לפנים-וועגן בלויז צייטווייליק.

אבער די יידישע גלייכבארעכטיקונג אין פראנקרייך האט איבערגעלעבט נא-פאלעאנען, וועלכער פאלט אין 1814. די רעכטאווירטע דינאסטיע פון די בארבאנען רעגירט אין הסכם מיט א קאנסטיטוציע, אין וועלכער עס איז דא א פונקט וועגן יידי-שער גלייכבארעכטיקונג, וואס איז געבליבן פעסט אין פראנקרייך ביז צו היינטיקן טאג.

133סטע לעקציע

אויסשפרייטונגען פון דער עמאַנציפּאַציע

פון פראַנקרייך צעשפּרייט זיך די כוואַליע פון יידישער עמאַנציפּאַציע איבער אַ רייע נאָענטע לענדער. אין אייניקע, ווי האָלאַנד, בעלגיע, וועט זי זיך דערהאַלטן דעפיניטיוו, אין אַנדערע ווי איטאַליע, וועסטפאַלן און אַנדערע טיילן פון דייטשלאַנד, וועט זי בטל ווערן צוזאַמען מיט דער מפּלה פון נאַפּאָלעאָן, אָבער דאָך וועט אוממעגלעך זיין צוריקקערן זיך אינגאַנצן צום פאַריקן מצב, און אַפילו די גאָר ווייטע לענדער, ווי פּוילן און רוסלאַנד, וועלן זיך מוזן פאַראינטערעסירן מיט דער יידנפראַגע, ווען אַפילו אויף זייער אייגנאַרטיקן אופן.

אין האָלאַנד ווערט די יידישע גלייכבארעכטיקונג איינגעפירט צוגלייך מיט דער רעפּובליקאַנער אָרדענונג (באַטאַווישע רעפּובליק) אין 1796. אין 1797 ווערן אין האָלאַנד דערוויילט די ערשטע יידן אַלס פּאַרלאַמענט־דעפּוטאַטן אין אייראָפּע: דע לימאָן און ברומעט. ווען די רעפּובליקאַנישע אָרדענונג ווערט פאַרביטן אויף אַ מאָנאַרכיע, בראש פון וועלכער עס וועט געשטעלט ווערן דער ברודער פון נאַפּאָלעאָן, לואיס, ווערט די יידישע לאַגע נישט געענדערט. אדרבא, לואיס באַגאַפּאַרטע שאַפט אָפּ דעם ספּעציעלן נוסח פון דער יידישער שבועה, וואָס האָט געהאַט אייניקע באַליידיקנדיקע אויסדרוקן. אין 1809 ווערן יידן צוגעצויגן צו מיליטער־פליכט אין האָלאַנד און עס ווערט געגרינדעט אַ ספּעציעלער יידישער לעגיאָן פון צוויי באַטאַליאָנען, צו 883 מאַן אין יעדן, מיט יידישע אָפיצירן בראש. ווען נאָכן פאַלן פון נאַפּאָלעאָן קערט זיך אום צו דער מאַכט די אָראַניען־דינאַסטיע, בלייבט דער יידישער מצב נישט פאַרענדערט.

אין איטאַליע לעבט איבער די יידישע באַפעלקערונג אַ רייע ענדערונגען אין שייכות מיט איר רעכטלעכער לאַגע, און אין הסכם מיטן פאָרשריט אָדער צוריקטריט פון דער פראַנצויזישער השפעה אין די פאַרשידענע שטאַטן, אין וועלכע דאָס לאַנד איז אין יענער צייט צעטיילט. אין רוים ברעכט אויס אין 1793 אַן אויפשטאַנד, אַלס אָפּקלאַנג פון דער גרויסער פראַנצויזישער איבערקערעניש. דער אויפשטאַנד ווערט אונטערדריקט און מען פאַגראָמירט די געטאָ ווי „אַ נעסט פון אויפשטענדלער", אָבער אין

1796 דרינגט אריין פראנצויזיש מיליטער אין איטאליע און די לאגע פאר יידן בעסערט זיך. דעם 15טן פעברואר פון 1798 גרינדעט דער פראנצויזישער גענעראל בערטיע די „רוימישע רעפובליק". דער פויפסט ווערט באזייטיקט, יידן ווערן באפרייט, זיי נעמען אראפ דעם ספעציעלן ציכן פון זייערע בגדים, די געטא ווערט אפגעשאפט, יידן באקומען פולע בירגער־רעכט. אבער אין 1799 מוזן זיך די פראנצויזן צוריקציען און דאס רעאקציאנערע נעאפאליטאנישע מיליטער, וואס פארנעמט רוים, איז זיך נוקם אין די יידן, אין 1800 קומט צוריק קיין רוים דער ניי־דערוויילטער פויפסט פיוס דער 7טער, די געטא ווערט צוריקגעשטעלט, אבער דער רעזשים איז ווייניקער שטרענג. פון 1808 ביז 1809 איז א גרויסע טייל פון איטאליע אנגעשלאכן אין דער פראנצויזישער אימפעריע און יידן געניסן ווידער פון בירגער־רעכט.

עטוואס ענלעכעס קומט פאר אין מערב־דייטשלאנד, אין די ערטער וואס ווערן דירעקט אדער אומדירעקט אנגעשלאסן אין דער פראנצויזישער אימפעריע. אין וועסטפאלן ווערט אין 1808 אויפגעשטעלט א באזונדערע מדינה, אלס מלך ווערט באשטימט זשעראם, דער ברודער פון נאפאלעאן, וועלכער דערקלערט, אז: „אלע אונזערע אונטערטאנען פון מאזאאישן גלויבן וועלן געניסן אין אונדזער מדינה פון אלע רעכטן און פרייהייטן, ווי אלע אנדערע אונטערטאנען". די יידישע געמיינשאפט ווערט ארגאניזירט אויפן פראנצויזישן שטייגער מיט א קאנסיסטאריע, בראש פון וועלכער עס ווערט געשטעלט א תלמיד פון מענדעלסאן, דער משכיל און רעפארמאטאר ישראל יעקובסאן.

זינט 1810 געניסן יידן אויך פולע רעכט אין דעם גרויס־פירשטנטום פון האמבורג, וואס געפינט זיך אונטער דירעקטער פראנצויזישער השפעה.

גאנץ אנדערש איז דאס בילד אין פרייסן, וואס האט איינע פון די רעאקציאנערסטע רעגירונגען פון יענע צייטן. אבער דער אפקלאנג פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע דערקייקלט זיך אויך ביז בערלין, און אין 1790 פלאנט די רעגירונג געוויסע מינדערוויכטיקע הנחות פארן פרייז פון פולשטענדיקער אסימילאציע. דער פלאן ווערט פארגעשלאגן די יידישע פירער, וועלכע האבן דעם יידישן שטאלץ און בירגערלעכן מוט צו דערקלערן: „דאס וועט מעגלעך זיין נאר ווען די רעגירונג וועט באשליסן, נישט נאר עפענען פאר די יידן נייע פרנסה־קוואלן, נאר אויך אומקערן זיי זייער כבוד אלס בירגער. אבער אויב דער השגחה איז ווילגעפעלן צו אנטוישן אונדזערע האפענונגען, מוזן מיר מיט גרויס טרויער און אנטריסטונג פארמולירן א שרעקלעכע בקשה, צו וועלכער עס האט צוגעשטימט אונדזער גאנצער קבוץ, און דאס איז, אז זיין מאיעסטעט זאל באוויליקן אונדז לאזן אין ביז אהעריקן מצב". דער פארפאסער פון דעם ענטפער איז געוועזן דוד פרידלענדער, א תלמיד פון משה מענדעלסאן.

אין 1792 ווערן ווידער פראיעקטירט קליינע הנחות, אבער אין 1797 דערשיינט דער מיטאלטערלעכער דעקרעט וועגן די יידן פון די נייע געגנטן, דעראבערט איז פוילן. עס מעגן בלייבן וווינען אין די מדינות נאר יידן, וואס האבן דארט געוווינט

פערמאנענט, אלע אנדערע מוזן פארלאזן דעם געביט. ארום דער זעלבער צייט ווערט באַגרענעצט די צאל יידן, וואס מעגן וווינען אין ברעסלוי.

די פריווילעגירטע און אויפגעקלערטע יידן פון בערלין פארלירן דאס געדולד צו ווארטן אויף פולבארעכטיקונג אלס יידן און זיי הויבן זיך אן נאכצופרעגן אויפן פרייז, וואס זיי וועלן דארפן באצאלן פאר אריבערגיין האלב-וועג צום קריסטנטום. אין 1799 דערשיינט אין א בערלינער אויסגאבע אן אפענער בריוו אין נאמען פון „אייניקע יידישע פאמיליען פאטערס" און געווענדט צום הויפט פון דער פראטעסטאנטישער קאנסיסטאריע, דעם פאסטאר טעלער. אין בריוו ווערט קלאר געזאגט, אז ביי געוויסע תנאים, ווען זיי זאלן באפרייט ווערן פון געוויסע קריסטלעכע דאגמעס, וואלטן געוויסע יידישע פאמיליען פאטערס גרייט געווען אריבערצוגיין צום קריסטנטום. אבער פאסטאר טעלער ענטפערט, אז אין טעאלאגישע ענינים איז נישט שייך קיין דינגען זיך, און ווער עס וויל אריבער צום קריסטנטום, מוז גלויבן אין אלע פעסטגעשטעלטע דאגמעס.

דער אפענער בריוו צו טעלערן און דער ענטפער פון פאסטאר רופן ארויס א דעבאטע אין דער פרעסע. א געוויסער גראטענויער לאזט ארויס אן אנטיסעמיטישן פאמפלעט „קעגן די יידן", וועלכער ווערט אין א קורצער צייט פארקויפט אין דרייצן טויזנט עקזעמפלארן. א קריסט, פראפעסאר קוסמאן, טרעט ארויס מיט א שריפט צו פארטיידיקן די יידן, איז עס אבער אזוי נישט געשיקט געמאכט, אז יידן מאכן א הלצה:

א גראטענויער האט מיך באליידיקט: עס זיי!

א קוסמאן האט מיך פארטיידיקט: אוי-ווי!

א געוויסער פאלצאוו רעכנט אויס, אז יידן האבן 280 רו-טעג אין יאר, און די איינציקע יידישע פארטיידיקונג-שריפט פון אהרן וואלפסאן איז מער א פארענטפערן זיך, ווי א ווירדיקע פארטיידיקונג.

די מער אומגעדולדיקע פון די פריווילעגירטע יידן הויבן אן אריבערצוגיין אפן צום קריסטנטום: עס שמדט זיך אויס כמעט די גאנצע פאמיליע פון משה מענדעלסאן, זיין זון יוסף, די טעכטער דאראטעא און הענריעטע, בלויז זיין זון אברהם בלייבט ביי יידישקייט. עס שמדן זיך אויך די אנגעזעענע יידישע דאמען רחל לעווין און הענריעטע הערץ, וואס האבן געשפילט א גרויסע ראל אין דער קולטורעלער געזעלשאפט אין בערלין. די שמד-עפידעמיע נעמט אן אזעלכע פראפארצן, אז אין 1810 דערשיינט א פארבאט צו שמדן יידן אן א פאליציייאישער צייגעניש, אז זיי מיינען עס ערנסט...

דערווייל ווערט די לאגע פון פרייסן אלץ מער פארפלאנטערט. זי ליידט איין מפלה נאך דער צווייטער אין אירע מלחמות מיט נאפאלעאנען, פון וועלכן זי ווערט א וואסאל. אבער אין 1812, ווען עס ברעכט אויס די מרידה פון די אייראפעאישע פעלקער קעגן נאפאלעאן, נאך זיין דורכפאל אין רוסלאנד, אנערקענט פרייסן די יידישע איינוווינער, וואס האבן געלעבט אין לאנד, אויפן גרונט פון ספעציעלע פריווילעגיעס, אלס בירגער. די טיילווייזע עמאנציפאציע פון די דייטשישע יידן האט זיך אנגעהויבן.

134סטע לעקציע

ווּהין די כוואַליע האָט זיך נישט דערקייקלט

אויף מזרח פון אייראָפּע זענען פאַרבליבן דריי מלוכות, אין וועלכע די פראַנצויזישע רעוואָלוציע האָט נישט געקראָגן דעם קלענסטן אָפּרוף אין באַצוג צו דער רעכטלעכער לאַגע פון די ייִדן. דאָס זענען געווען די צוויי פעסטונגען פון אבסאָלוטיזם: רוסלאַנד און עסטרייך, און די צערודערטע פּוילן, וואָס האָט דאַן דערלעבט די לעצטע טעג פון איר קיום צוליב דער פעלערהאַפטער שטאַטלעכער אָרגאַניזאַציע. און גראָד אין די דריי מלוכות איז געווען קאָנצענטרירט די גרעסטע טייל פון ייִדישן ישוב אין אייראָפּע.

אין די יאָרן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע מאַכט דורך פּוילן איר צווייטע און דריטע צעטיילונג און פאַרשווינדט ווי אַ זעלבסטשטענדיקע מלוכה. דאָס פּוילישע פאָלק זוכט אין דער צוועלפטער שעה צו רעפאָרמירן זיין רעגירונג־סיסטעם, אפשר וועט עס דערמיט ראַטעווען זיין מלוכהשאַפט. דער פיריאָריקער סיים פלאַנט און נעמט אָן אַ ליבעראַלע קאָנסטיטוציע און מוז אויך באַטראַכטן די פראַגע וועגן די ייִדן. פּאַראַלעל מיט דער טעטיקייט פון סיים (פּאַרלאַמענט) פירט זיך וועגן דער ייִדנפראַגע אַן עפנטלעכע דיסקוסיע דורך ביכער, בראָשורן און אַנדערע שריפטן. דער אינספּיראַטאָר פון דער רעפאָרם־באַוועגונג איז דער פּינסקער סיים־דעפּוטאַט בוטרימאָוויטש, וועלכער האָט אין די יאָרן 1782, 1785 און 1789 אַרויסגעלאָזט אונטער פאַרשידענע נעמען דריי אויפלאַגעס פון זיין חיבור: „ווי צו רעפאָרמירן די פּוילישע ייִדן און מאַכן זיי פאַר ניצלעכע בירגער". בוטרימאָוויטש שלאָגט פאָר דערוויטערן ייִדן פון שענקעריי און צוציען זיי צו ערד־אַרבעט און מלאכות, באַשרענקען די אויטאָנאָמיע פון די קהילות, פאַרבייטן אין עפנטלעכן לעבן: שול, מסחר, קהילה־פירונג, ייִדיש אויף פּויליש; פאַרבאָטן צו קליידן זיך ייִדיש און ברענגען ספרים פון אויסלאַנד. ביז וואַנען די ייִדן וועלן נישט ווערן קיין גוטע פּאַטריאָטן, זאָלן זיי נישט אויפגענומען ווערן אין מיליטערדינסט. אָבער בוטרימאָוויטש איז נאָך צו „ליבעראַל" אין זיינע פאָרשלאָגן, פאַראַן וועט עס פאָדערט צו גיין אין די באַשרענקונגען פיל ווייטער: אָפּשאַפן די קהילות, פאַרברענען דעם תלמוד און צווינגען ייִדן גאָלן די בערד.

אין דער דיסקוסיע באַטייליקן זיך אויך צוויי ייִדן: אַן אָרטאָדאָקס און אַ משכיל. דער כעלעמער רב רבי צבי יאָזעפאָוויטש האַלט, אַז מען דאַרף אויסבעסערן די

רעכטלעכע לאַגע פון יידן, נישט אַנרירנדיק דערביי זייער אינערלעך לעבן. דער פינאַנץ־אַגענט פון קעניג סטאַניסלאַוו־אויגוסט פּאָניאַטאָווסקי, אברהם הערשאָוויטש, דערלאַנגט דעם מלך אַ מעמאָראַנדום, ווו ער רעקאָמענדירט פאָלגנדעס: באַזעצן יידן אויף ערד־אַרבעט אין די ווייניק באַפעלקערטע געגנטן פון אוקריינע, אַנטוויקלען צווישן זיי מלאכות, פאַרבאָטן פריציישע הנקות, פאַרבאָטן לוקסוס, די קהילות זאָלן קאָנטראָלירט ווערן פון דער רעגירונג, די מאַכט זאָל אויסוואָרצלען די „פאַרפירערישע מיינונגען און פאַר־גרייזטע באַגריפן פון אָט דעם פאַרפירטן פאָלק".

די דיסקוסיע גייט אַריבער אין גאַס. אין 1790 פאָדערן די קריסטלעכע בעלי־מלאכות פון וואַרשעווער צעכן, אַז מען זאָל די יידן פאַרטרייבן פון שטאָט, ווייל זיי נעמען צו זייער פּרנסה. דער מאַגיסטראַט גיט נאָך די פאָדערונג און ווייזט אויס פון שטאָט יידישע בעלי מלאכות און קליינהענדלער, וואָס האָבן נישט קיין סטאַבילע גע־שעפטן. אָבער די יידן האָבן נישט וווהין צו גיין און קומען צוריק אין שטאָט. עס ברעכט אויס אַ פּאָגראָם, וואָס פאַרוואַנדלט זיך אין אַ בירגער־קריג, ווייל יידן פאַרטיידיקן זיך, נאָר דאָס מיליטער האָט צוריקגעשטעלט די אָרדענונג.

דער סיים באַשטימט אַ קאָמיסיע צו שטודירן די יידן־פראַגע. דער פּאָרזיצער פון דער קאָמיסיע, י. יעזערסקי, איז מיט דער מיינונג, אַז אויך ביי די געגעבענע אומ־שטענדן זענען יידן ניצלעכע בירגער, ווייל זיי אַנטוויקלען דעם האַנדל מיט אויסלאַנד. דער פאָרזיצער פון דער פינאַנץ־קאָמיסיע, טאַדעאוש טשאַצקי איז אויך געווען פּראָ־יידיש געשטימט. צו דער קאָמיסיע האָט אויך געהערט בוטרימאָוויטש. אין 1791 טראָגט אַריין די קאָמיסיע פאָלגנדיקן געזעץ־פּראָיעקט: 1) די יידן דאַרפן אָנערקענט ווערן ווי בירגער מיט פעסטגעשטעלטע רעכטן. 2) די רעגירונג האָט דאָס רעכט צו פאָדערן פון זיי צו ווערן אויפגעקלערטע בירגער, צום נוצן פון דער מלוכה. 3) אַלע פאַרשידנהייטן צווישן יידן און קריסטן, אויסער רעליגיעזע, ווערן אָפּגעשאַפט. 4) יידן מעגן זיך אָפּגעבן מיט אַלע מלאכות און מסחר, חוץ האַלטן שענקען. 5) די יידן דאַרפן ענדערן זייער קליידונג, אָננעמען פּויליש ווי זייער שפּראַך, נישט חתונה האָבן פאַר צוואַנציק יאָר. פון די אַלע גוטע ווונטשן איז אָבער גאָרנישט געוואָרן. אַרום דער יידנפראַגע שאַפט זיך אַ מין פאַרכשופטער קרייז. מען האָט געהאַלטן פאַר נויטיק פאַרן איינפירן די רעפאָרמעס צו ליקווידירן די חובות פון די קהילות, און דאָס איז געווען אַ מעשה אויף יאָרן. די פּער־זענלעכע אינטערווענץ פון קעניג פּאָניאַטאָווסקי האָט נישט קיין דערפאָלג.

דער סיים נעמט דערווייל אָן אַ ליבעראַלע קאָנסטיטוציע, אָבער אין 1792 שאַפן די רעאַקציאָנערע עלעמענטן, געשטיצט אויף רוסלאַנד, אַ קאָנפעדעראַציע צו באַקעמפן די קאָנסטיטוציע. עס ברעכט אויס אַ בירגער־קריג. יידן שטיצן די קאָנסטי־טואירטע מאַכט, אָבער אין 1793 ברענגט דער בירגער־קריג צו דער צווייטער חלוקה פון פּוילן. רוסלאַנד האָט באַקומען וואָלין, פּאָדאָליע, מינסקער געביט און טיילן פון קיעווער געגנט; פּרייסן האָט באַקומען קאַלישער געגנט, פּלאָצק, דאַנציק און טורן.

אין 1794 ברעכט אוים א נאציאנאלע רעוואלוציע אין פוילן, אנגעפירט פון קאסטיושקא. יידן באטייליקן זיך אין פאטריאטיש־ליבעראלן אויסברוך. דעם 17טן סעפטעמבער ווערט אויפן פארשלאג פון בערעק יאסעלעוויטש (געב. 1765 אין קרע־טינגען) געגרינדעט א יידישער לעגיאן פון 500 קעמפער. די יידן באטייליקן זיך העל־דיש אין דער פארטיידיקונג פון ווארשע קעגן די רוסן, און די גרעסטע טייל פון די לעגיאנערן פאלן אויף די באריקאדן פון פראגע (נאוועמבער 1795). בלויז געציילטע קעמפער, מיט בערעק יאסעלעוויטש בראש, געלינגט זיך צו ראטעווען. פוילן ווערט צעטיילט צום דריטן מאל און הערט אויף צו עקזיסטירן ווי א מלוכה.

אין 1807 ווערט פוילן טיילוויז צוריקגעשטעלט אין דעם גרויספירשטנטום פון ווארשע, א נאפאלעאנישע קרעאטור, וואס נעמט דווקא אן א ליבעראלע קאנסטי־טוציע, אבער די גלייכבארעכטיקונג פון יידן ווערט אפגעלייגט אויף צען יאר. בינ־לעבוויז ווערן צוריק איינגעפירט א סך אלטע באגרעניצונגען. אין 1809 ווערט פאר־באטן יידן צו וווינען אויף די הויפט־גאסן פון ווארשע, מיטן אויסנאם פון באנקירן, גרויסע סוחרים, דאקטוירים, קינסטלער. פריווילעגירטע יידן זוכן פארשידענע אופנים ווי צו קריגן בירגער־רעכט בלויז פאר דער אייגענער גרופע. אין 1809 ווענדן זיך צוויי גרופעס פון אויפגעקלערטע יידן, וואס האלטן זיך פאר „פוילישע מענטשן פון אלטן גלויבן" און בעטן אנערקענט ווערן ווי בירגער, אבער אן דערפאלג. עס העלפט אפילו נישט דער העראאישער טויט פון בערעק יאסעלעוויטש, וועלכע האט זיך צו־ריקגעקערט אין דעם גרויספירשטנטום און פארנומען דעם אמט פון א פולקאווניק. אין 1809 פאלט ער מיט א העלדישן טויט אין דער מלחמה מיט עסטרייך, אין א שלאכט ביי קאצק. דער פירער פון דער פוילישער אריסטאקראטיע, סטאניסלאוו פאטאצקי, איז מספיד דעם יידישן העלד מיט א הויכקלינגענדיקן הספד, אבער די רעגירונג בא־לוינט זיין אלמנה און יתומים בלויז מיט דער פריווילעגיע פון מעגן וווינען און האלטן א שענק אויף די גאסן פון ווארשע, וווּ פשוטע יידן טארן נישט וווינען...

אין 1812 פלאנעוועט די רעגירונג פון גרויספירשטנטום צו באגרענעצן די יידישע פרנסות, אבער די מפלה פון נאפאלעאן אין רוסלאנד אין דעם זעלבן יאר מאכט א סוף צום גרויספירשטנטום ווארשע, און יידן בלייבן צוריק אונטער דעם יאך פון רוסלאנד, פרייסן און עסטרייך.

פון די דריי מלוכות, וואס האבן זיך צעטיילט מיט פוילן, האבן געירשנט די גרעסטע טייל פון איר יידישן ישוב עסטרייך, די פעסטונג פון דער קאטוילישער רעאקציע, און צארן־רוסלאנד, די ציטאדעל פון דער קלאסישער שנאת ישראל, וואס זי האט איבערגענומען ביי ביצאנץ. אלס די שארפסטע קעגנער פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, האבן די צוויי מדינות נאך פארשטארקט זייערע אבסאלוטיסטישע רע־זשימען, און אויך מיט יידן איז מען זיך באגאנגען מיט דער שארפסטער שטרענגקייט. דאך, מוז מען פון צייט צו צייט מאכן אן אנשטעל, אז מען האט בדעה צו פארלייכ־טערן די יידישע לאגע, ווייל דאס האט געפאדערט דער גייסט פון דער צייט.

אין די פארשידענע טיילן פון דער עסטרייכישער אימפעריע האבן צום סוף אכצנטן און אין אנפאנג פון ניינצנטן יארהונדערט געלעבט העכער פיר הונדערט און פופציק טויזנט יידן, איינגעטיילט אין פיר קאטעגאריעס. די פריווילעגירטע געלט־מאגנאטן פון ווין און זייערע אנגעשטעלטע, ארום 110 משפחות; 75 טויזנט יידן אין ביימען און מאראוויע (טשעכאסלאוואקיי), און 85 טויזנט אין אונגארן, סלאווענייע און טריעסט, וואס זענען געשטאנען אונטער א קאנטראל, וואס האט באדארפט אויס־מיידן זייער פארמערן זיך; און 295 טויזנט יידן אין גאליציע, וואס די עסטרייכישע רעגירונג האט נאך נישט באוויזן ארונטערצונעמען אונטער קיין שום קאנטראל.

די נאכפאלגער פון יאזעף דעם צווייטן, לעאפאלד דער צווייטער (1790־1792) און פראנץ דער ערשטער (1792־1806) גרינדן א פראוויזארישן יידנאמט, וואס זאל ברענגען ארדענונג אין דער געזעצגעבונג וועגן יידן. דער אמט וועט עקזיסטירן פון 1792 ביז 1848 און וועט איינפירן נייע גזירות אויף אלע געביטן. די צאל יידן אין ווין ווערט באגרענעצט אויף ביז 200 משפחות, אין מערן אויף 8.600 פאמיליעס, און אין ביימען אויף 5.400 פאמיליעס. יידן מעגן וווינען נאר אין געוויסע טיילן פון פראג, אויף צו בייטן דאס וווינארט פון איין שטאט אין דער צווייטער, האט מען באַ־דארפט א ספעציעלע דערלויבעניש. א דערלויבעניש אויף בויען א שול האט געקאסט טויזנט פלארין. מען האט אויך גערארפט צאלן באזונדערע יערלעכע שטייערן פאר שולן, רבנים, כלי־קודש, בית־עלמינס, ספרים. אין 1798 ווערט פאראָרדנט, אז רבנים קאנען נאר זיין פערזאנען, וואס האבן דורכגעמאכט אן עסטרייכישע הויכשולע, און נאר די רבנים מעגן לערנען תלמוד מיט קינדער, מלמדים איז דערלויבט צו לערנען בלויז העברעאיש און רעליגיע.

די רעגירונג מישט זיך אויך אין די אינערלעכע אנגעלעגנהייטן פון די גע־מיינדעס און שטיצט די משכילים אין זייער קאמף מיט די חסידים. אין גאליציע ווערן נאך געעפנט בהסכם מיטן טאלעראנץ־געזעץ פון יאזעף דעם צווייטן א הונדערט ספע־ציעלע שולן פאר יידישע קינדער, אין לעמבערג ווערט דערעפנט א לערער־סעמינאר צוצוגרייטן לערער פאר די שולן, דאס שול־וועזן ווערט געשטעלט אונטער דער אויפ־זיכט פון הערץ האמבערג, אן עקסטרעמער משכיל מיט שארפע אסימילאטארישע טענ־דענצן. אין 1789 ווערט פאראָרדנט, אז אן א באשטעטיקונג פון האבן דורכגעמאכט אזא שול, וועט קיין יידישער יונגערמאן נישט קאנען... חתונה האבן. אין 1797 ווערט איינגעפירט א ספעציעלער אפצאל אויף שבת־ליכט, וואס גייט אויף אויסצוהאלטן די שולן. אין 1806, ווען אין פאריז טומלט זיך מיט דער נאטאבלען־פארזאמלונג, ווערן אפגעשאפט די ספעציעלע יידישע שולן, און יידישע קינדער ווערט דערלויבט צו באזוכן די אלגעמיינע שולן, ווו זיי דארפן זיצן אויף באזונדערע בענק. אבער די יידישע קינדער דארפן לערנען מאראל און עטיק פון לער־ביכער, פארפאסט פון דעם בארימטן האמ־בערג. אין 1790 ווערן יידן אויף זייער בקשה באפרייט פון מיליטער־דינסט, אבער

אין 1804 ווערן זיי פּאָרט צוגעצויגן צום מיליטער, נישט אַלס אַקטיווע פראָנט־קעמ־פער, נאָר בלויז אין די געהילפס־אָפּטיילונגען: טראַנספּאָרט, קיך, וכ׳.

דערצו זענען יידן געווען באַגרענעצט אין זייערע עקאָנאָמישע טעטיקייטן. יידישע דאָקטוירים האָבן נישט געטאָרט היילן קיין קריסטלעכע קראַנקע, יידן האָבן נישט געטאָרט האַנדלען מיט זאַלץ און תבואה, נישט פּאַכטן קיין מילן, קיין שענקען, קיין ברויזן; זיי האָבן געמעגט באַזיצן נאָר דעם באָדן, וואָס זיי האָבן באַאַרבעט מיט אייגענע הענט. פאַר די יידן אונטער עסטרייכישן יאָך האָט זיך נאָך די עמאַנציפּאַציע נישט אָנגעהויבן.

עטוואָס ענלעכס קומט פאָר אין רוסלאַנד. נאָך דער ערשטער צעטיילונג פון פּוילן אין 1772 באַקומט רוסלאַנד געגנטן, וואָס האָבן אין זייער באַפעלקערונג אַרום הונדערט טויזנט יידן. אין 1776 ווערן יידן פאַררעגיסטרירט ווי אַ באַזונדער שטאַנד מיט אַ געוויסער קהילה־אויטאָנאָמיע און אייגענע געריכטן פאַר סכסוכים צווישן יידן. אין 1783 באַקומען זיי דאָס רעכט צו וויילן און אויסגעווילט ווערן אין די שטאָט־פאַרוואַלטונגען. אַ פּעטיציע, וואָס יידן האָבן דערלאַנגט אין 1784, אין וועלכער זיי באַקלאָגן זיך אויף געוויסע דיסקרימינאַציעס, ווערט איבערגעגעבן צום סענאַט מיט דער פאָלגנדיקער אינסטרוקציע פון דער אַלערהעכסטער מאַכט: „ווי באַלד די פּערזאָנען פון יידישן גלויבן געניסן לויט די צאַרישע באַפעלן פון אַ גלייכן שטאַנד מיט אַלע אַנדערע איינוווינער, דאַרף מען אַכטונג געבן, אַז יעדער איינער זאָל געניסן פון די רעכטן און פרייהייטן, וואָס עס האָט דער שטאַנד, צו וועלכן ער געהערט, אָן אונטערשיד פון פאָלק און גלויבן".

אָבער ווען יידן הויבן אָן אַלס רוסישע אונטערטאַנען צו פאָרן אויף מסחר קיין מאָסקווע, באַקלאָגן זיך די רוסישע סוחרים אין 1790, אַז יידן מאַכן זיי אומלאָיאַלע קאָמפּעטענץ, און צאַרין יעקאַטערינע די צווייטע דערקלערט אין 1791, אַז יידן געניסן די רעכטן צו איינשרייבן זיך אין די סוחרים־גילדעס נאָר אין די געגנטן, וואָס זענען צוגענומען געוואָרן ביי פּוילן, אָבער נישט אין אייגנטלעכן רוסלאַנד. אין 1796, ווען די צאָל יידן אונטער רוסישער הערשאַפט ווערט פאַרגרעסערט מיט די לעצטע צעטיילונגען פון פּוילן, ווערט פעסטגעשטעלט די זאָנע, וווּ יידן מעגן אין רוסלאַנד וווינען (תחום־המושב), וואָס וועט אָנהאַלטן ביז דער רעוואָלוציע פון 1917, ווען אפילו פאַר דער צייט וועלן געוויסע יידישע גרופּעס און יחידים באַקומען די פּריווילעגיע צו באַזעצן זיך אין אייגנטלעכן רוסלאַנד.

ווען אין 1797 און 1798 ווערט שטאַרק פאַרערגערט די לאַגע פון רוסישן פּויערטום, וואָס איז געווען פאַרשקלאַפט ווי לייב־אייגענע צו די פּריצים, ווערן די פירער פון דעם אַדל אין אַ ריי פּראָווינצן אָנגעפרעגט וועגן די סיבות פון דער דערשיינונג און זיי איילן זיך אַריבערצולייגן די אייגענע שולד אויף די קעפּ פון די יידן. אויסער טרייקעניש, אומרוען, שלעכטע וועגן, האַלטן די פּריצים־פירער, אַז איינע פון די הויפּט־

סיבות איז דאָס, וואָס די יידישע שענקאַרעס שכורן אָן די פּויערים... די סגולה דערצו איז, אַז בראָנפן זאָל פאַרקויפט ווערן נאָר אין פּריצישע שענקען... דערביי ווערן פאָרגעשלאָגן נאָך אייניקע מיטלען, פאַרוואַנדלען די יידן אינגאַנצן אָדער טיילווייז אין לייב־אייגענע פון די פּריצים, „אויסבעסערן" דאָס יידישע לעבן, צווינגען זיי קליידן זיך אייראָפּעאיש, שיקן זייערע קינדער אין אַלגעמיינע שולן, באַנוצן זיך בלויז מיט פּויליש אַלס שפּראַך, נישט חתונה האָבן פאַר צוואַנציק יאָר. דער גובערנאַטאָר פון ווילנע שלאָגט אויך פאָר באַקעמפן די חסידים.

די אַלע מאַטעריאַלן ווערן איבערגעגעבן דעם סענאַטאָר און פּאָעט גבריאל דערזשאַווין אויף אויסצואַרבעטן אַן אומפאַנגענדיקן פּראָיעקט וועגן דער יידנפראַגע. דערזשאַווין דערהאַלט אויך צוויי מעמאָראַנדומס פון יידישן צד. דער רייכער סוחר נאָטע נאָטקין עצהט צוציען יידן צו אינדוסטריע און גרינדן ספּעציעלע יידישע קאָלאָניעס פאַר ערד־אַרבעט און פי־צוכט אין די דרום־געביטן ביים שווארצן ים. דער דאָקטאָר פראַנק פון קרעסלאַווקע שלאָגט פאָר, אַז די רעגירונג זאָל רעפאָרמירן די יידישע אמונה, גרינדן עפנטלעכע שולן, ווו מען זאָל לערנען יידישע קינדער רוסיש, דייטש און העברעאיש, ס'הייסט פאַרוואַרפן יידיש.

אויף דער באַזע פון די אַלע מאַטעריאַלן אַרבעט אוים דערזשאַווין זיין פּראָיעקט פאַר אַ נייעם יידן־געזעץ, וואָס צילט צו „רעפאָרמירן די יידן". אין פּראָיעקט ווערט פאָרגעשלאָגן: באַשטימען אַ ספּעציעלן באַאַמטן אויף דורכצופירן די רעפאָרמע, דורכפירן אַ צענז און געבן יידן פאַמיליען־נעמען; צעטיילן זיי אין קאַטעגאָריעס: סוחרים, שטאָטישע איינוווינער (בעלי־מלאכות), דאָרפישע איינוווינער (נישט קיין פּויערים) און פּויערים; צעשפּרייטן די יידן איבער די פאַרשידענע פּראָווינצן פון דער זאַנע, ווו זיי מעגן וווינען. פאַרבייטן די קהילות מיט גובערנאַלע קאָמיטעטן פון רבנים און געלערנטע, שאַפן אַ הויפּט ־ בית־דין אין פּעטערבורג (ער רופט עס „סענדערין") מיט אַ פּאַטריאַרך בראש; פאַרבאָטן יידן האַלטן קריסטלעכע דינערשאַפט, צווינגען זיי אָנצונעמען אייראָפּעאישע קליידונג, באַנוצן זיך בלויז מיט רוסיש, פּויליש, אָדער דייטש, אין די חדרים זאָל מען מעגן לערנען נאָר ביז צו די צוועלף יאָר, נאָכהער דאַרף מען אַריבער אין די אַלגעמיינע שולן. דער פּראָיעקט איז איבערגעגעבן געוואָרן דעם סענאַט צו באַהאַנדלען אין סוף 1800. אין נאָוועמבער 1802, שוין אונטער צאַר אַלעקסאַנדער דעם ערשטן, גייט ער אַריבער צו אַ ספּעציעל געשאַפענער קאָמיסיע, און אין 1803 ווערן פאַררופן קיין פּעטערבורג פאַרטרעטער פון די יידישע ישובים אויף צו אויסהערן אויך זייער מיינונג. עס אַרבעטן מיט מיט זיי די פּעטערבורגער תושבים נאָטע נאָטקין און אברהם פּרץ.

אין 1804 שטעלט צו דער קאָמיטעט זיין באַריכט צו צאַר אַלעקסאַנדער דעם ערשטן. דער באַריכט איז באַזירט אויף צוויי פּרינציפּן: דערווייטערן יידן פון די דערפער, פאַרבאָטנדיק זיי צו זיין שענקאַרעס, און צוציען זיי צו ערד־אַרבעט און אינדוסטריע. דערווייל, ביז די נחמה פון קאָלאָניזאַציע וועט אַמאָל קומען, איז איינגעשרומפּן

געוואָרן די פּרנסה־מעגלעכקייטן אין דער יידישער רעזידענץ־זאָנע צוליב דעם אויסשליסן פון איר די דאָרפישע ישובים. ווי אויף צו באַגילדן די ביטערע פּיל זענען אין באַריכט אויך פאַראַן דיספּאָזיציעס וועגן אַ באַשרענקטער זעלבסטפאַרוואַלטונג פאַר די קהילות, עס ווערט אויך דערלויבט צו גרינדן אייגענע יידישע שולן און אַריינטרעטן אין די אַלגעמיינע לער־אַנשטאַלטן.

דער גירוש פון די דערפער איז אָפּגעלייגט געוואָרן אויף אָנפאַנג פון 1808, אָבער אין 1807 פאַרזאַמלט זיך אין פּאַריז דער סנהדרין און די פּאַסירונג האָט אַן אָפּקלאַנג אַפילו אין דער גאָר וויטער רוסלאַנד. אין די רעגירונגס־קרייזן האַלט מען דעם גירוש פאַר נישט צוועקמעסיק אין אַזאַ מאָמענט, און עס ווערט געפּלאַנט צו רופן אויך אין רוסלאַנד אַ מין נאָטאַבלען־באַראַטונג. אין יולי 1807 שליסט רוסלאַנד מיט נאַפּאָלעאָנען דעם שלום פון טילזיט און די סכנה פון קאָמפּליקאַציעס פאַרשווינדט, דערשיינט אין אָקטאָבער פון זעלבן יאָר אַ דעקרעט, וואָס רעגולירט די אויסווייזונג פון די דערפער אין דריי פּעריאָדן, צו דריטל אין 1808, 1809 און 1810. אָבער די גרוילן פון דעם גירוש צווינגען די רעגירונג אָפּשטעלן אים צייטווייליק אין דעצעמבער 1808. אין יאַנואַר 1809 ווערט באַשטימט אַ נייער קאָמיטעט צו שטודירן די יידנפראַגע, וועלכער פאַרציט מיט זיין אַרבעט אויף גאַנצע דריי יאָר. ערשט אין מערץ 1812, ערב דעם נייעם קריג מיט נאַפּאָלעאָן, שטעלט ער צו זיין באַריכט, וואָס איז אין פילע הינזיכטן גינסטיק פאַר די יידן, און דאָס אַרויסשיקן פון די דערפער ווערט ווידער אָפּגעלייגט אויף אַ צייט.

דערווייל זענען אין 1807 געגרינדעט געוואָרן די ערשטע יידישע קאָלאָניעס אין דרום־רוסלאַנד, אין כערסאָנער גובערניע: באָבראָווי־קוט, שדה־מנוחה, דאָבראָיע, איזראַאילאָווקאַ, ווו עס האָבן זיך באַזעצט אַ פּאָר טויזנט נפשות: 300 פאַמיליעס. די די שוועריקייטן פון דער קאָלאָניזאַציע זענען אַזעלכע גרויסע און די רעגירונג איז אַזוי נישט גרייט און נישט צוגעגרייט זיי צו לייזן, אַז דעם 6סטן אַפּריל פון 1810 ווערט פאַראָרדנט אָפּצושטעלן די קאָלאָניזאַציע, ווען אַפילו די קאָלאָניעס האָבן שוין געציילט עטלעכע טויזנט נפשות און טויזנטער זענען זיך פון אַלע עקן רוסלאַנד צונויפגעלאָפן, בכדי צו באַזעצן זיך אויף ערד.

די אַבזורדישקע פּאָליטיק פון דער צאַרישער רעגירונג האָט דאָך נישט געשטערט, אַז יידן זאָלן זיין פּאַטריאָטיש געשטימט בשעת דער מלחמה צווישן רוסלאַנד מיט נאַפּאָלעאָנען (1812). דער רבֿ, ר' שניאור זלמן מליאַדי, האָט אַפילו אַרויסגעלאָזט אַ ספּעציעלן אויפרוף, אַז זיינע חסידים זאָלן אומעטום שטיצן די צאַרישע חילות, מיט וואָס נאָר זיי וועלן זיין בכוח. דער רבֿ האָט גוט געוווּסט, אַז „ווען אונדזער האַר אַלעקסאַנדער וועט מנצח זיין, וועט זיך ביי יידן מערן דחקות", אָבער דאָס וועט דערנענטערן זייער הארץ צו זייער פאָטער אין הימל, ס'הייסט, זיי וועלן בלייבן בעסערע יידן, און דערפאַר זענען רוסישע יידן געווען גרייט צו צאָלן דעם פולן פּרייז.

135סטע לעקציע

ערשטע רעאַקציע קעגן דער עמאַנציפּאַציע

(1848־1814)

די קנאַפּע פינף און דרייסיק יאָר, צווישן דער מפּלה פון נאַפּאָלעאָן אין 1814, און דער דריטער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, דעם אַזוי גערופענעם „פרילינג פון די פעלקער", אין 1848, זענען געווען אַ צייט פון שוואַרצער רעאַקציע אין אייראָפּע. אויף אויסצומיידן די ווידערהאָלונג פון אַ פאָלקס־אויפשטאַנד, ווי די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע, און פאַרטיידיקן זייערע „לעגיטימע" רעכט, האָבן די דריי רעאַקציאָנערסטע מושלים פון אייראָפּע: דער רוסישער צאַר, דער עסטרייכישער אימפּעראַטאָר און דער פּרייסישער קעניג געשאַפן דעם „הייליקן בונד" פון די הערשער קעגן די פעלקער, און זייערע כוחות זענען שטענדיק געווען גרייט צו דערדריקן יעטווערן פּרוּוו פון די פעלקער צו באַפרייען זיך פון טיראַנישן יאָך פון די מושלים. די שווערע האַנט פון עסטרייכישן מיניסטער פירשט מעטערניך און פון דעם צאַר ניקאָליי דעם ערשטן, די צווײי זשאַנדאַרן פון אייראָפּע, האָבן מיט אַ פעסטער האַנט געהאַלטן געצווימט די פעלקער און דערשטיקט יעדן פאַרזוך איינצופירן אַ מער פרייערן רעזשים, אין וועלכן ס'איז נישט לאַנד, מיטן אויסנאַם פון פראַנקרייך, וואָס איז נאָך טריי געבליבן איר רעוואָלוציאָנערע טראַדיציע און האָט אויף האַלב־וועג, אין יולי 1830, דאָך געשטירצט די „לעגיטימע" באָרבאָנען, ווען אַפילו זי האָט זיי פאַרביטן אויף די נישט־וויניקער קעניגלעכע אָרלעאַנס. די יידן, די אונטערדריקטע צווישן די אונטערדריקטע, האָבן שאַרפער פון אַלע אַנדערע פעלקער אין אייראָפּע געפילט די מאַכט פון דער רעאַקציאָנערער טיראַניע. די רעאַקציאָנערע כוואַליע שווענקט אָפּ די פולע אָדער טיילווייזע גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס יידן האָבן אין די צייטן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און דער הערשאַפט פון נאַפּאָלעאָן באַקומען אין אַ רייע לענדער. דאָך איז די עמאַנציפּאַציע נישט אינגאַנצן אָפּגעווישט געוואָרן. זי איז פאַרבליבן פעסט איינגעוואָרצלט אין פראַנקרייך און האָלאַנד, און אין גיכן וועט צו זיי צושטיין ענגלאַנד, דאָס לאַנד וואָס איז אין די צייטן פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע און נאַפּאָלעאָן געווען דער שטאַרקסטער שטיצפּונקט פון דער רעאַקציע, און דווקא אין די יאָרן פון דער רעאַקציע האָט עס

אַנגעהויבן שפּילן אַ ליבעראַלע פּאָליטיק אַפילו אין באַצוג צו יידן. די כוואַליע פון דער רעאַקציע איז געגאַנגען פון מזרח צו מערב, די כוואַליע פון דער צווייטער עמאַנצי־פּאַציע וועט גיין אין אַ פאַרקערטער ריכטונג, פון מערב צו מזרח.

פראַנקרייך: די באַרבאָנען־דינאַסטיע, וואָס די באַזיגער פון נאַפּאָלעאָן האָבן צוריקגעשטעלט אויפן טראָן פון פראַנקרייך, זענען שוין נישט געווען קיין זעלבסטהער־שער, נאָר קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכן. די קאָנסטיטוציע פון 1814 שטעלט פעסט, אַז וויבאַלד דער שטאַט האַלט אויס די קאַטוילישע קירכע, און נאָר אירע גייסטלעכע קריגן געהאַלט פון דער רעגירונג, זענען דאָך אַלע בירגער פריי צו האַלטן זייער אמונה און וועלן אפילו געשטיצט ווערן פון דער רעגירונג פאַר זייערע רעליגיעזע הצטרכותן. יידן האָבן זיך ווייניק גענומען צום הארצן וואָס זייערע רבנים וועלן נישט אויסגעהאַלטן ווערן פון דער רעגירונג, זיי האָבן געהאַט אַ פיל גרעסערע זאָרג אויף דעם טאָג־אָרדע־נונג. אין 1818 האָט זיך באַדאַרפט ענדיקן דער צעניאָריקער טערמין, אויף וועלכן דער „שאַנד־דעקרעט" פון נאַפּאָלעאָן, אין 1808, האָט באַגרענעצט אַ רייע יידישע פּרנסות. די פראַגע איז געווען, צי די נייע מאָנאַרכיסטישע רעגירונג וועט אים באַנייען, אָדער אָפּשאַפן, אָבער נאָך אַ שטורמישער דעבאַטע אין די געזעצגעבערישע קאַמערן, אין פאַרלויף פון וועלכער דער אַריסטאָקראַטישער סענאַט האָט זיך אַרויסגעצייגט ליבע־ראַלער פון דער פּאָפּולערער דעפּוטאַטן־קאַמער, איז דער דעקרעט פון נאַפּאָלעאָן נישט באַנייט געוואָרן. די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג איז געוואָרן פולקאָם.

נאָך דער רעוואָלוציע פון יולי 1830 האָבן די פראַנצויזישע יידן אויך דער־גרייכט, אַז זייערע רבנים זאָלן אויסגעהאַלטן ווערן פון דער רעגירונג, אויך די יידישע אמונה איז געוואָרן גלייכבאַרעכטיקט. די יידן פון פראַנקרייך דערפילן זיך אַזוי דערמור־טיקט, אַז זיי נעמען אויף זיך צו קעמפן פאַר יידישע רעכט אויך אויסער די גרענעצן פון פראַנקרייך. בראש פון אָט דער נייער אַקטואַציע, וואָס האָט אַ קלאָרן כלל־ישראל־כאַראַקטער, שטעלט זיך דער יונגער אַדוואָקאַט יצחק אַדאָלף קרעמיע, דער צוקינפטיקער שעפער פון דער „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל", אַלוועלטלעכער יידישער פאַרבאַנד. ווען אין 1835 דערלויבט נישט דער באַזעלער קאַנטאָן אין דער שווייץ אַן עלזאַסער ייד צו באַזעצן זיך און קויפן דאָרט לאַנד, שטורעמט קרעמיע אויף די עפנטלעכקייט, פאַרוואָס אַ פראַנצויזישער בירגער ווערט באַשרענקט אין זיינע רעכטן צוליב זיין יידי־שער אמונה אין אַ צו פראַנקרייך פריינטלעך לאַנד. די פראַנצויזישע רעגירונג פון מלך לואי־פיליפּ, רייסט־איבער דעם בונד־אָפּמאַך מיטן דערמאָנטן קאַנטאָן. קרעמיע איז ווייניקער דערפאָלגרייך מיט פינף יאָר שפּעטער, ווען אַן ענלעכער ענין טרעפט אין זאַקסן. דער מיניסטער גיזאָ דערקלערט, אַז „מען קאָן זיך נישט אַריינמישן אין די אי־נערלעכע ענינים פון אַ פרעמדער מדינה". דער ענטפער איז אַ בולטער סימן פון דער פאַרשטאַרקונג פון די רעאַקציאָנערע טענדענצן אין דער פראַנצויזישער רעגירונג, וואָס האָט זיך אָפּגערופן גאָר אין אַ צווייטן עק וועלט.

די אמאל מעכטיקע און יידנפריינטלעכע טערקיי איז פאר דער צייט אריין אין דעקאדענץ און איז געווארן דאס, וואס מען האט א לאנגע צייט גערופן „דער קראנקער מאן פון אייראפע". די אייראפעאישע מלוכות האבן צוליב פאליטישע טעמים געשטיצט די אינערלעכע רייבונגען אין דער אטאמאנישער אימפעריע, און צווישן 1831 און 1840 האט דער פאשא פון עגיפטן מאכאמעד־אלי, געשטיצט פון פראנקרייך, רעוואלטירט קעגן סולטאן פון קאנסטאנטינאפאל, וואס איז געווען געשטיצט פון רוסלאנד, עסטרייך און ענגלאנד, און טערקיי איז צעריסן געווארן פון א גרויזאמען בירגער־קריג, פון וועלכן אויך די יידישע ישובים אין סיריע און ארץ־ישראל האבן היפש געליטן. דער־וויל האבן אין א רייע שטעט די אויסלענדישע קאנסולן געשאפן א מין אינטערנאציא־נאלע רעגירונג, וואס האט געפירט פאליטיק צווישןביידע קעמפנדיקע צדדים.

דעם 5טן פעברואר 1840 איז אין דמשק פארשווונדן געווארן דער קאפוצינער מאנאך טאמאס, וועלכער האט געהאט א קאנפליקט מיט עפעס א טערק, וואס האט געדראט צו דערמארדן אים. אבער די קאפוצינער מאנאכן האבן פארשפרייט א קלאנג, אז פאטער טאמאס איז דערמארדעט געווארן פון די יידן, בכדי צו נוצן זיין בלוט אין די מצות. דער פראנצויזישער קאנסול ראטי־מענטאן, אונטער וועמענס שוץ עס האט זיך געפונען די קריסטלעכע באפעלקערונג פון דמשק, האט זיך צונויפגערעדט מיטן אר־טיקן גובערנאטאר, שעריף־פאשא, און האבן געפירט די אויספארשונג אין דער ריכטונג. דורך טארטור האבן זיי געצוווּנגען א יידישן שערער צו פארמסרן די חשובסטע יידן פון שטאט, משה אבולאפיע, משה סאלאניקי, יוסף לאניאדא און דוד הארארי מיט זיין זון און ברודער, אז זיי האבן דערמארדעט פאטער טאמאס, בכדי צו פארניצן זיין בלוט אויף פסח. דאס געשפענסט פון עלילת דם האט אויפגעטויכט אין רעכטן מיט פון נייצנטן יארהונדערט. די באשולדיקטע זענען אזוי שוידערלעך געפייניקט געווארן, אז לאניאדא איז געשטארבן, אבולאפיע האט זיך געשמדט אויף מאכמעדאנער און די רעשט האבן זיך מודה געווען אין א זינד, וואס זיי זענען נישט באגאנגען. אין דער באשולדיקונג זענען אויך אריינגעשלעפט געווארן דריי רבנים, די משפחה פרחי און דער עסטרייכישער בירגער יצחק פיטשיאטא, וועמען זיין קאנסול האט נישט געוואלט ארויסגעבן. דאס געש־פענסט פון בלוט־בלבול האט זיך אויך אריבערגעווארפן קיין אייראפע, א בלוט־בלבול איז געמאכט געווארן אויפן אינדזל ראדאס, אבער די טערקישע רעגירונג האט שנעל אויפ־געקלערט דעם ענין און באפרייט די אומשולדיקע יידן.

קרעמיע ווארפט זיך אריין אין קאמף פאר די מארטירער פון דמשק, ווי פארן יידישן נאמען, וואס ווערט באשמוצט דורך אזעלכע בלבולים, אבער ער גיט זיך גיך חשבון, אז דער פראנצויזישער קאנסול אין דמשק ווערט געשטיצט פון דער רעגירונג אין פאריז. די פראנצויזישע יידן זענען אוממעכטיק צו פירן דעם קאמף. די קאמף־פאר־זיציע פארנעמען דאן די יידן פון ענגלאנד, ווו די שטימונג איז בכלל פאר די באשול־דיקטע. עס ווערט פארופן אין לאנדאן א גרויסע פראטעסט־פארזאמלונג, אויף וועלכער

עס טרעטן ארויס קריסטלעכע ווארט־זאגער און גייסטלעכע, וואס פארדאמען דעם שווי־דערלעכן בלבול (3טן יולי). אבער שוין מיט א צען טעג פריער איז ארויסגעפארן קיין קאאיר, די הויפטשטאט פון מצרים, וואס האט דאן געוועלטיקט אין סיריע, א יידישע דעלעגאציע מיטן „פראנצויז" יצחק קרעמיע און דעם „ענגלענדער" משה מאנטעפיארע בראש. די אלוועלטלעכע יידישע סאלידאריטעט איז געקומען בולט צום אויסדרוק. אז מען פייניקט א ספרדי אין דמשק, רופן זיך אפ אשכנזים אין פאריז און לאנדאן. אין קאאיר געלינגט עס דער דעלעגאציע צו באקומען א פארארדענונג פון מאכמעד־אלי, אז די באשולדיקטע זאלן פריגעלאזט ווערן. אבער כפי אין באפעל רעדט זיך וועגן באגנאדיקונג, רוט נישט קרעמיע, ביז וואנען דאס ווארט ווערט נישט פארביטן אויף באפרייאונג. קרעמיע און מאנטעפיארע באקומען אויך פון דעם סולטאן אבדול מעדזשיד, וועמענס מאכט איבער סיריע איז דערווייל צוריקגעשטעלט געווארן, א „כאטי־שעריף" (דער־קלערונג), אין וועלכן עס ווערט פארדאמט דער בלוט־בלבול בכלל און פארארדנט נישט אנרירן קיין יידן.

אזוי האבן די עמאנציפירטע פראנצויזישע יידן געקעמפט מיט זייער אייגענער רעגירונג אין פארטיידיקונג פון אמת און פון זייערע געפייניקטע ברידער. אין זייער קאמף זענען זיי געשטיצט געווארן פון זייערע עמאנציפירטע ענגלישע ברידער.

די גלייכבארעכטיקונג האט זיך אויך דערהאלטן אין נידערלאנדן (האלאנד און בעלגיע, וואס האבן זיך צעטיילט אין 1830). אין 1817 איז דערשינען א נייער דעקרעט וועגן דער קהילות־ארגאניזאציע. יעדער עדה, אשכנזישע און ספרדישע, האט געקאנט איינארדענען אירע ענינים לויט איר אייגענעם איינזען. בראש פון די קלענערע עדות זענען געשטאנען דיינים און מנהיגים, אין די וויכטיקערע עדות קרייז־רבנים און פרנסים, און בראש פון דעם פארבאנד פון אלע עדות א הויפט־ראט, וואס איז געווען דער פאר־מיטלער צווישן דער יידישער געמיינדע און רעגירונג. אין האלאנד איז עס נישט געקומען צו קיין עקסטרעמער אסימילאציע, נישט צו קיין רעפארם־באוועגונג, ביסלעכווייז האט מען פארביטן יידיש אויף האלענדיש, דער חדר איז געווארן א מין צוגאב צו דער רע־גירונג־שולע, און נאר די רעליגיע איז געווען דער דיפערענצירנדיקער פאקטאר אין לעבן פון דער געמיינדע.

אויף אייגנארטיקע וועגן האט זיך אויסגעוויקלט די עמאנציפאציע אין ענגלאנד. א לאנד, ווו דער מנהג איז דער פארגייער און די באזע פון געזעץ, האט מען די יידן אנגעהויבן באהאנדלען אויף א גליכן פוס מיט אלע אנדערע בירגער, אבער עס האט זיי געפעלט דאס אקטיווע בירגער־רעכט פון וויילן און געווײלט צו ווערן צום פארלאמענט. א לאנד, ווו די ביבל האט א גאר גרויסע השפעה, איז ענגלאנד געווען די ערשטע צו פרווון באקערן יידן צום קריסטנטום דורך „אויפקלערונג" און פראפאגאנדע. אין 1808 ווערט אין לאנדאן געגרינדעט די ערשטע מיסיאנערן־געזעלשאפט, וואס האט באמת געהאט ווייניק דערפאלג, ווען אפילו די שמד־עפידעמיע, וואס האט אויסגעבראכן אין דייטש־

לאנד האט אויך פארכאפט געוויסע קרייזן פון לאנדאנער יידישן ישוב. אין 1813 שמדט זיך דער ספרדי יצחק ד'ישראלי, מיט זיין גאנצער פאמיליע, צווישן וועלכע עס געפינט זיך זיין זון בנימין, דער צוקונפטיקער פרעמיער פון ענגלאנד, לארד ביקאנספילד. אין 1819 שמדט זיך א צווייטער ספרדי, דער בארימטער עקאנאמיסט און באנקיר דוד רי־קארדא. אבער אין דער זעלבער צייט שרייבט דער בארימטער ענגלישער פאעט לארד בייראן, זיינע „העברעאישע מעלאדיען", אין וועלכע ער לויבט דווקא די יידן וואס בלייבן טריי זייער גלויבן. אין ענגלאנד קומט אויך אויף דער גרויסער יידישער כוח פון דער ראטשילד פאמיליע, פון וועלכער איין ברודער, נתן מאיר, איז אהין אריבערגעפארן פון פראנקפורט אם־מיין, אין די יארן 1812־1815, דאס באנק־הויז, וואס ער האט דארט געגרינדעט, האט געהאט אפטיילונגען אין פאריז, ווין, פראנקפורט און נעא־פאל, און האט אויסגעאיבט דורך אירע פינאנץ־אפעראציעס היפש השפעה אויך אויף דער פאליטיק. א צווייטער וויכטיקער באנקיר איז געווען דער פריער דערמאנטער משה מאנטעפיארע. די משפחה גאלדשמידט האט אויך ארויסגעגעבן צוויי וויכטיקע פער־זענלעכקייטן: דער גרויס־פינאנציסט יצחק לעאן, און זיין זון פרענסים, א שרייבער און אדוואקאט.

די שטערונג צו פולער גלייכבארעכטיקונג אין ענגלאנד איז באשטאנען אין דעם, וואס אויף צו פארנעמען אן עפנטלעכן אמט האט מען געדארפט שווערן פארן אלמעכטיקן גאט „מיטן טרייען גלויבן פון א קריסט". אין 1829 ווענדט זיך דער צענטראל־ראט פון די יידישע קהילות צום פארלאמענט מיט דער בקשה אפצושאפן די דאזיקע קריסטלעכע פארמול, בכדי יידן זאלן אויך קאנען פארנעמען פלעצער אין דער געזעצגע־בערישער קאמער. עס הויבט זיך אן א לאנגער, שווערער קאמף, וואס ציט זיך יארן און, ווי כמעט שטענדיק אין ענגלאנד, גייט די פראקטיק, דער מנהג, פאר דער געזעצלעכער גוטהייסונג. אין 1833 נעמט אויף דער פארבאנד פון לאנדאנער אדוואקאטן פאר א מיט־גליד דעם ייד פרענסים גאלדסמיט און באפרייט אים פון שווערן לויטן קריסטלעכן נוסח. דעם זעלבן יאר ווערט אפגעשאפט די שבועה, וואס די וויילער צום פארלאמענט האבן געדארפט געבן, און יידן באקומען אומדירעקט די מעגלעכקייט צו ווערן וויילער. אין 1835 און 1837 ווערן די יידן משה מאנטעפיארע און דוד סאלאמאנס דערוויילט אלס שעריפן פון דער שטאט לאנדאן, און עס ווערט זיי דערלויבט צו שווערן לויט זייער יידישער אמונה. אין 1845 נעמט אן דער פארלאמענט א ספעציעלן אקט לטובת די יידן, וואס זענען דערוויילט געווארן צו מוניציפאלע אמטן. אין לאנדאן, בירמינגהאם און אנדערע שטעט, פארנעמען יידן אמטן אין די שטאט־פארוואלטונגען. אבער דער פארלאמענט בלייבט נאך אלץ פארשלאסן פאר יידן, ביז 1857, ווען די קריסטלעכע שבועה ווערט אפגעשאפט ווערן און לעאנעל דע ראטשילד ווערט דערוויילט ווערן אלס דעפוטאט אין אונטערשטן הויז. היינט זיצן יידן אויך אין דער לארדן־קאמער.

136סטע לעקציע

אונטערן צייכן פון טיראַניע

(1814 ־ 1848)

דאָס פאַלן פון נאַפּאָלעאָן ברענגט צו דער אָפּשאַפונג פון דער יידישער גלייב־בארעכטיקונג אין אַ רייע לענדער, ווו זי איז דערגרייכט געוואָרן בשעת דער הערשאַפט פון די פראַנצויזן און פון זייערע פאַרבינדעטע, די אָרטיקע ליבעראַלן. ווי נאָר עס איז באַוווּסט געוואָרן אין רוים די מפּלה פון נאַפּאָלעאָן, זענען פאָרגעקומען עקסצעסן אויף יידן (יאַנואַר 1814), יידישע געשעפטן זענען אַטאַקירט געוואָרן, די יידישע סטודענטן האָט מען אַרויסגעוואָרפן פון אוניווערזיטעט און נאָך איידער דער פויפּסט פּיוס דער זיבעטער איז צוריקגעקומען פון זיין גלות אין פאָנטענעבלאָ ביי פּאַריז, האָט מען שוין אין רוים צוריק איינגעפירט דעם אַמאָליקן יידישן רעזשים. אָבער דאָך האָט נאָך פּיוס דער זיבעטער דערלויבט אייניקע יידן צו וווינען אויסער דעם געטאָ. זיין נאָכפאָלגער, לעאָ דער צוועלפטער, האָט אָבער צוריק איינגעפירט די דראַקאָנישע געזעצן פון 1775, מיט אַלע זייערע הארבקייטן. עטוואָס לייכטער ווערט די לאַגע אין די יאָרן פון די קומענדיקע פויפּסטן גרעגואַר דער 16טער און פּיוס דער 9טער. אין 1847, ווען דאָס פאָלק פון רוים הויבט זיך אָן חברן מיט יידן און עס הערן זיך שטימען וועגן דער נויטיקייט צו געבן זיי גלייכבארעכטיקונג, זאָגט צו דער פּויפּסט אַ יידישער דעלעגאַציע דורכצופירן די רעפאָרמע, אָבער לאַנגזאַם, לאַנגזאַם...

אין די אַנדערע איטאַליענישע מדינות איז עס געווען נישט פיל בעסער, די מלוכה פּיעמאָנט און דאָס גרויספירשטנטום מאָדענאַ זענען נאָכגעגאַנגען אין די פוס־טריט פון דעם פּויפּסט און אָפּגעשאַפט אַלע איינפירן פון די פראַנצויזישע צייטן, די גלייכבארעכטיקונג, די קאָנסיסטאָריעס א. א. וו. די געטאָס זענען צוריק איינגעפירט געוואָרן. עטוואָס לייכטער איז געווען די לאַגע אין פירשטנטום פון טאָסקאַנאַ. דאָס קליינע פירשטנטום פון פּאַרמאַ, ווו עס האָט געהערשט די אַלמנה פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, מאַריאַ־לואיזע פון האַבסבורג, האָט נישט געענדערט די לאַגע פון אירע יידישע

בירגער. אין נעאפאל האבן דאן געוווינט א צאל יידן, וואס האבן אפיציעל דארט נישט געהאט קיין וווינרעכט, אבער מען האט זיי דאך געדולדעט צוליב דער אפטיילונג פון דעם באנק־הויז ראטשילד, וואס האט געהאט גרויס השפעה.

פיל דראמאטישער איז צוגעגאנגען דער קאמף פאר אנהאלטן די רעכט, וואס יידן האבן באקומען אין דער עפאכע פון דער רעוואלוציע אין די דייטשישע מדינות. אין מאי 1815 ווערט אריינגעטראגן אויפן ווינער קאנגרעס, וואס האט געדארפט רעארגאניזירן אייראפע, נאך דער ליקווידאציע פון דער פראנצויזישער רעוואלוציע, פאלגנדיקער פארשלאג פאר די מדינות פון דייטשישן בונד: „די אנהענגער פון דער יידישער אמונה געניסן בירגער־רעכט אין הסכם מיט די בירגער־פליכטן, וואס ווערן אויף זיי ארויפגעלייגט. אין די מדינות ווו די קאנסטיטוציעס זענען א שטערונג פאר דער רעפארמע, דארפן די קאנסטיטוציאנעלע שטערונגען אפגעשאפט ווערן ווי ווייט מעגלעך". די הויפט־מלוכות פון דייטשלאנד, עסטרייך און פרייסן שטיצן דעם פארשלאג, אבער די אנדערע, מיט בייערן און זאקסן בראש, זענען קעגן. נאך א לאנגן וויכוח ווערט אנגענומען פאלגנדיקע פשרה: „די בונדעספארזאמלונג וועט באטראכטן ווי צו פארבעסערן, ווי ווייט מעגלעך, און מיט אלגעמיינער צושטימונג, די בירגערלעכע לאגע פון די אנהענגער פון יידישן גלויבן אין דייטשלאנד, און צוטיילן זיי בירגער־רעכט, מיטן תנאי, אז זיי זאלן דערפילן זייערע בירגער־פליכטן. אין אלע פאלן וועלן זיי ביז יענער צייט געניסן פון די רעכטן, וואס זענען זיי שוין באוויליקט געווארן אין די מדינות פון בונד". אבער אין דעפיניטיוון טעקסט איז דאסווארט „אין" פארביטן געווארן מיטן ווארט „פון", וואס האט באדייט, אז יידן בלייבן ביי די רעכטן, וואס די דייטשישע מדינות האבן זיי געגעבן פריער, פאר דער פראנצויזישער רעוואלוציע, און דאס איז געווען נאר טיילווייזע גלייכבארעכטיקונג און בלויז אין פרייסן און באדן.

אויפן גרונד פון דעם באשלוס האט מען אין א רייע דייטשישע מדינות, ווי אויך אין די פרייסטעט האמבורג און פראנקפורט, אנגעהויבן איינפירן די פריערדיקע באגרענעצונגען. יידן האבן זיך געווענדט נאך שוץ צום ווינער קאנגרעס, וועמענס מיטגלידער פלעגן זיך אפט טרעפן מיט יידישע פירער אין סאלאן פון דער יידישער באראנעסע פאני ארנשטיין, אבער די השתדלות האט קיין דערפאלג נישט געהאט, אין דייטשלאנד האט זיך אויפגעהויבן א כוואליע פון רעאקציע.

ווי א סך זאכן אין דייטשלאנד, הויבט זיך אן די אנטי־יידישע רעאקציע אויפן קולטורעלן געביט: ליטעראטור, פרעסע, טעאטער. אין די יארן 1815־1816, האט דערפאלג אויף דער דייטשישער בינע אן אנטי־יידישע פיעסע „אונדזער פארקער". די פרעסע און פלוגבלעטלעך זענען צום רוב אנטי־יידיש, עס קומען אויך ארויס די שווערוואגיקע אוניווערזיטעט־פראפעסארן. ריס פון בערלין, אן אנהענגער פון „קריסטלעכן שטאט", האלט, אז צו די יידן, אלס נישט־בירגער, קאן אנגעווענדט ווערן בלויז דאס פרעמדן־רעכט, אבער מיט אלע פריערדיקע באגרענעצונגען. פריעס, פון היידלבערג, מאכט עס

פשוטער: די יידן דארף מען אומברענגען. פּעטער עוואלד פון באדן האלט, אז יידן דארף מען נישט אומברענגען, נאָר אויסבעסערן. בלויז דער פּובליציסט קרעמער פון בייערן וואגט צו זאָגן, אז יידן זענען בירגער און עס קומט זיי אַלע רעכטן. טעאָלאָג פּאאולוס פון היידלבערג, האלט אז מען דארף שטודירן יעדן פאַל באזונדער, און רעכט קאָנען באקומען נאָר די יידן, וואָס „גיהערן צום יידנטום נישט מער ווי צום קריסטנטום". דער פריץ הונדט־ראדאָווסקי דרינגט סתם, אז הרגענען א ייד איז „נישט קיין זינד און נישט קיין פארברעכן, נאָר בלויז עובר זיין אויף א פּאָליציי־פארבאָט".

יידן קאָנען קוים פארענטפערן זיך. ס. צימערן וויל דערווייזן, אז יידן זענען נישט קיין נאציע, נאָר בלויז א רעליגיעזע סעקטע, מיכאל העס אנערקענט, אז די יידן האָבן פעלערן, אָבער די רעגירונגען קאָנען זיי אויסבעסערן. דער יידישער זשורנאַל „שולמית" פּרוּווט מאכן אַן אונטערשייד צווישן דעם אַלטן „פארדאַרבענעם" יידנטום און דעם נייעם „געלייטערטן" יידנטום. אנדערע יידן לייזן זייער פּערזענלעכן פּראָבלעם דורך שמד, צווישן זיי די געלערנטע, שרייבער און פּאָעטן: לודוויק בערנע, היינריך היינע, דוד גאַנז, פרידריך סטאַל א. א.

די גאַנצע דיסקוסיע האָט איר טראַגישן פינאַל, ווען אין אויגוסט 1819 ברעכן אויס פּאָגראָמען אונטער די געשרייען: העפּ־העפּ! און יודע־פעררעקע! וואָס זענען מיט העכער הונדערט יאָר שפּעטער אזוי טראַגיש פארווירקלעכט געוואָרן אונטער די נאַצים. אָבער אין א סך ערטער מוזן די רעגירונגען אונטערדריקן די אומאָרדענונגען. אין אזא פאַל געפינט זיך דער סענאַט פון פראַנקפורט, ווען דער פּאָטער פון הויז ראָטשילד, מאיר־אַנשל דראָט צו פארלאָזן די שטאָט צוזאַמען מיט נאָך איניקע רייכע יידן. די „אויפגע־קלערטע" יידן האָבן זיך געטרייסט דערמיט, וואָס לויט זייער מיינונג, איז אין די פּאָג־ראָמען שולדיק נישט דאָס דייטשישע פאָלק, נאָר די אַנטיסעמיטישע העצע. אָבער די יידן קומען נישט אָפּ בלויז מיט טרייסטן זיך אין שווערע צייטן. זיי האָבן שוין פאר־זוכט דעם טעם פון בירגער־רעכט, און קעמפן אַנטשלאָסן פאר זייערע רעכטן. א לאַנ־גער וויכוח פירט זיך מיט דער פארוואלטונג פון דער פריי־שטאָט פראַנקפורט. די יידן זענען גרייט זיך אָפּזאָגן פון א טייל פון זייער פּולבארעכטיקונג, דער שטאָט־סענאַט איז גרייט צו „באוויליקן" זיי א געוויסע אויסבעסערונג פון זייערע פאַריקע רעכטן. אין 1824 קומט עס צו אַן אויסגלייך, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאר די „ליבעראַלערע" מדינות פון דייטשלאַנד: „די יידישע איינוווינער פון פראַנקפורט זענען א באזונדערע גע־מיינשאַפט, וואָס באטייליקט זיך נישט אין דער שטאָט־פארוואַלטונג; זיי מעגן וווינען אין אַלע שטאָט־טיילן, אָבער בלויז איין הויז אויף א משפחה, זיי טאָרן נישט האָבן מער פון צוויי הונדערט קראָמען, און נישט האַנדלען מיט מעל, פּרוכט און ברען־שטאָף. אין זעקס יאָר אַרום מוזן זיי אָפּזאָגן אַלע זייערע קריסטלעכע אַרבעטער". ביז 1834 האָט נאָך געהערשט די באַשרענקונג פון יידישע חתונות אויף פופצן יערלעך.

די אַנדערע צוויי פרייע שטעט, ליבעק און ברעמען, האָבן עס געמאַכט פּשו־

טער: זיי האָבן אַרויסגעטריבן די אַלע יידן, וואָס האָבן נישט געהאַט קיין ספּעציעל וווינרעכט. אויך אין דער פרײַ־שטאָט האַמבורג זענען די יידן געווען בלויז געדולדעט און באַגרענעצט אין זייערע טעטיקייטן, אַפילו אויפן עקאָנאָמישן געביט.

אין פּרייסן, וווּ עס האָבן געלעבט אַרום צוויי הונדערט טויזנט יידן אין פּרייסן גופא, און אין אַ רייע נעגנטן, וואָס זענען צו איר אָנגעשלאָסן געוואָרן, איז אָנגעהאַלטן געוואָרן אַ האַרבער רעאַקציאָנערער רעזשים. די יידן פון די נייע געגנטן האָבן בלויז געהאַט די רעכטן פון פאַר 1812, די פון די אַלטע געגנטן האָבן דערהאַלטן די גלייכבאַרעכ־טיקונג, וואָס דער מלך האָט זיי באַוויליקט אין 1812, אָבער אויך די „חסדים" זענען אָנגעוועגדט געוואָרן מיט אַ רייע באַשרענקענדיקע אויסטייטשונגען.

די רעוואָלוציע אין פראַנקרייך, אין 1830 רופט זיך אויך אָפּ אויף די פּאָלי־טישע שטימונגען אין דייטשלאַנד. די ליבעראַלע באַוועגונג „יונג־דייטשלאַנד" אָנגע־פירט פון דעם משומד לודוויק בערנע, פון פראַנקפורט, הויבט זיך אָן ראשיק אַנט־וויקלען און ווערט סוף כּל סוף ברענגען צו דער רעוואָלוציע פון 1848, דער פרילינג פון די פעלקער. אויך אויף דער יידישער גאַס הויבן זיך אָן הערן שטאַלצערע שטימען. אין קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג וואַרפט זיך אַריין דער יונגער גבריאל ריסער, אַ רבס אַן אייניקל, געבוירן אין האַמבורג אין 1806. אַ זייער באַגאַבטער יוריסט, קאָן ער דאָך נישט ווערן קיין אַדוואָקאַט אָדער אוניווערזיטעט־פּראָפעסאָר צוליב זיין יידישן גלויבן. ער ווידמעט זיך גענצלעך דעם קאַמף פאַר יידישער גלייכבאַרעכ־טיקונג. אין 1830 פאַרעפנטלעכט ער זיין ווערק „וועגן דער לאַגע פון אָנהענגער פון משהס גלויבן אין דייטשלאַנד", און אין 1831 טרעט ער אַריין אין אַ שאַרפער פּאָלע־מיק קעגן דעם היידלבערגער טעאָלאָג פּראָפ' פּאַאולוס, וועלכער האָט אין זיין בוך: „די נאַציאָנאַלע יידישע אָפּגעזונדערטקייט" געטענהט, אַז כּל זמן די יידן האַלטן זיך ביי זייער גלויבן, וואָס האָט אַ שטאַרקע נאַציאָנאַלע באַזע, קאָנען זיי נישט אַנערקענט ווערן ווי בירגער, נאָר בלויז ווי געדולדעטע „שוצבירגער". ריסער טרעט אַרויס קעגן פּאַאולוס מיט זיין בוך: „די פאַרטיידיקונג פון דער יידישער גלייכבאַרעכטיקונג קעגן די איינווענדונגען פון ד"ר פּאַאולוס". ריסער איז אָבער אַן אַסימילאַטאָר, וואָס האָט זיך אָפּגעזאָגט פון יידישן נאַציאָנאַליזם: „אַוודאי — טענהט ער — זענען מיר אַמאָל געווען אַ פאָלק. אָבער מיר האָבן דאָס אויפגעהערט צו זיין זינט די מויערן פון ירושלים זענען געפאַלן און די יידן האָבן זיך צעשפּרייט איבער דער גאַנצער רוימישער אימ־פּעריע". „האָבן דען די דייטשישע יידן אַן אַנדער פאַטערלאַנד, אויסער דייטשלאַנד?" זיי זענען דייטשן, און דערפאַר קומט זיי פולע בירגער־רעכט. ריסער גרינדעט אַ ספּע־ציעלע צייטשריפט „דער יודע", אין וועלכן ער פאַרעפנטלעכט אין 1832-1833 אַ רייע אַרטיקלען קעגן דעם פאַרזוך פון פּרייסן צו פונאַנדערטיילן אירע יידן אין צוויי קאַטע־גאָריעס: די וואָס האָבן „די ווערט" בירגער־רעכט, און די וואָס האָבן עס נאָך נישט פאַרדינט. אָבער אין 1833 דערשיינט דער דעקרעט וואָס צעטיילט אויך די יידן פון פּויזנער קאַנט אין די דערמאָנטע צוויי קאַטעגאָריעס.

די ייִדן פון פּרייסן גופא זענען אין 1833 נישט באַריִרט געוואָרן לעגאַל, ווען אַפילו פּראַקטיש האָבן זיי נישט גענאָסן פון פולער בירגער־רעכט. אָבער ווען אין 1840 באַשטייגט דעם פּרייסישן טראָן דער קריסטלעכער ראָמאַנטיקער פרידריך ווילהעלם דער פערטער, ווערט געפּלאַנט צו „באַפרייען" די פּרייסישע ייִדן פון מיליטער־דינסט, וואָס זיי האָבן געלייסטעט זינט 1812. די פּרייסישע ייִדן אָרגאַניזירן אַ פּראָטעסט־באַוועגונג קעגן דעם פאַרזוך. ד"ר לודוויק פיליפּסאָן, דער רעדאַקטאָר פון דער דורך אים געגרינדעטער „אַלגעמיינע ציַיטונג דעס יודענטומס" באַקומט די אונטערשריפטן פון 84 קהילות אויף אַ פּעטיציע קעגן דער גזירה: „אויב מען זאָל ביי אונדז צונעמען דאָס מיליטער־דינסט, וועלן מיר אויפהערן צו זיין ווירקלעכע פּרייסן". ריסער נעמט אויך אַ וואָרט וועגן דעם ענין. ער פאַרעפנטלעכט זיין ווערק „מורא און האָפענונג וועגן דער צוקונפט פון די ייִדן אין פּרייסן", ווו ער שטרענגט זיך אָן צו דערווייזן נאָכאַמאָל, אַז ייִדן זענען נישט קיין נאַציע, אַז ייִדן ווילן זיך אומעטום אַסימילירן, און די אַסימילאַציע וועט זיין אַ פולשטענדיקע אין אַלץ וואָס איז נישט פאַרבונדן מיט דער אמונה.

אין גיכן הויבן אָן בלאָזן אין דייטשלאַנד די פרייהייטס ווינטן, די אָנזאָגער פון דעם נאָענטן „פעלקער־פרילינג", 1848. אין 1843 בעט דער לאַנדסטאַג פון די ריין־געביטן דעם פּרייסישן קעניג „אָפּצושאַפן אַלע מניעות פאַר פולער גלייכבאַרעכטיקונג פון די ייִדן אין בירגערלעכן און פּאָליטישן זין". אין מערץ 1845 ווערט אין ריינלאַנד אָפּגעשאַפט דער שאַנד־דעקרעט פון נאַפּאָלעאָן פון 1808. אין דער זעלבער צייט בעט אויך דער לאַנדסטאַג פון פּרייסן, אַז ייִדן זאָל געגעבן ווערן גלייכבאַרעכטיקונג. אין 1847 פאַרזאַמלט זיך אין בערלין אַ מין צענטראַלער לאַנדסטאַג פון אַלע מדינות, וואָס געהערן צו פּרייסן, און וועלכן עס ווערט אַריינגעטראָגן פון דער רעגירונג אַ געזעץ־פּראָיעקט וועגן די ייִדן. די מחברים פון דעם פּראָיעקט האַלטן, אַז „די ייִדן זענען פרעמדע אין אונדזער לאַנד און זיי וועלן בלייבן פרעמדע כל זמן זיי וועלן זיין ייִדן". דער פּראָיעקט ווערט באַקעמפט פון די ליבעראַלן און ווערט אָנגענומען מיט פּשרות דעם 23סטן יולי 1847. בייערן האָט זיך שטרענגער געהאַלטן ביי דעם סיסטעם וואָס זי האָט איינגעפירט פאַר אירע ייִדן און האָט נישט געוואָלט גיין אויף קיינע הנחות. אָבער באַלד קומט דאָס יאָר 1848, ווען אונטער דער השפּעה פון דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע שטאַרקן זיך די ליבעראַלע באַוועגונגען איבער גאַנץ אייראָפּע (אויסער רוסלאַנד), און אויך די דייטשישע ייִדן וועלן נאָך אַ שווערן קאַמף אין בונדעס פּאַרלאַמענט פון פראַנקפורט איינגעשלאָסן ווערן אין די „גרונדרעכטע" פאַר אַלע דייטשישע בירגער, אָן אונטערשיד.

137סטע לעקציע

רעליגיעזע רעפאָרמע

(1815 - 1871)

די שטרעבונג צו פּאָליטישער גלייכבארעכטיקונג האָט אין געוויסע קרייזן פון די פּריווילעגירטע יידן אין דייטשלאַנד אַרויסגערופן אַ באַוועגונג צו רעפאָרמירן די יידישע רעליגיע און צופּאַסן זי צו די אומשטענדן אין לאַנד און די שטימונגען אין דער אַרומיקער סביבה. טעאָרעטיש האָט עס געהייסן, אַז יידן זענען זיך גרייט צו אַסימילירן אין אַלץ, וואָס איז נישט נוגע רעליגיע; פּראַקטיש אָבער האָט אויך די רעליגיע געדאַרפט דורכמאַכן אַן אַסימילאַציע־פּראָצעס און צופּאַסן זיך צום דייטשטום.

אָנגעהויבן האָט זיך עס אין די טעג פון דער ערשטער שמד־עפּידעמיע 1812־1818, און האָט לכתחילה באַצוועקט, ווי אויסצופיינערן דעם סדר פון דאַווענען, איינפירן מער עסטעטיק אין אויסזען פון דער טראַדיציאָנעלער שול, בכדי אויף אַזאַ אופן צוציען די יוגנט, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן דערווייטערן פון יידישקייט.

אין 1815 באַזעצט זיך אין בערלין דער געוועזענער פּאָרזיצער פון דער קאָנסיסטאָריע אין וועסטפאַלן, ישראל יעקובסאָן, וועלכער דערעפנט אין זיין פּריוואַט הויז אַ שול, וווּ עס זינגט אַ כאָר; אייניקע תפילות און אויך די דרשה ווערן געזאָגט אין דייטש, און די יידישע בר מצווה ווערט פארביטן אויף אַ „קאָנפירמאַציע", סיי פאַר יינגלעך, סיי פאַר מיידלעך, לויטן לוטעראַנישן מנהג. אַ צווייטע מאָדערנע שול ווערט דערעפנט אין הויז פון באַנקיר יעקב בער, דער פאָטער פון שפּעטער באַרימטן מוזיקער מאיר־בער. אין דער שול שפּילט שוין אויך אַן אָרגל. די קאָנסערוואַטיווע פּרייסישע רעגירונג שליסטביידע שולן אין 1816 און פאַראָרדנט שטרענג, אין 1823, אַז אין די יידישע שולן זאָל מען דאַווענען „לויט די אַלטע מנהגים, אָן קיין שום ענדערונגען אין שפּראַך, מנהגים, תפילות און ניגון".

די רעפאָרם־באַוועגונג וואַנדערט דאַן אַריבער אין דער פריי־שטאָט האַמבורג, וווּ עס ווערט אין 1818 דערעפנט אַ רעפאָרמירטער טעמפּל מיט אַ נייעם סידור, פאַרפאַסט פון די געלערנטע מ. ברעסלאַו און יצחק זעקיל פרענקל. נאָר די הויפּט־תפילות,

קריאת שמע, שמונה עשׂרה א. אַ. ווערן געזאָגט אין לשון קודש, די אַלע אַנדערע — אין דייטש. פון אַלע תפילות זענען אַרויסגעוואָרפן געוואָרן די שטעלן, וואָס באַציען זיך אויף דער גאולה; אין טעמפּל האָט געזונגען אַ כאָר און געשפּילט אַן אָרגל.

אין האַמבורג איז אויסגעבראָכן אַ שאַרפע מחלוקת צווישן אָרטאָדאָקסן און רעפאָרמער. דאָס מחלוקת האָט זיך אויך צעפלאַקערט אין אַ שאַרפער אַלגעמיינער דיס־קוסיע. כפי די רבנים פון האַמבורג האָבן פאַרבאָטן צו דאַווענען מיט די רעפאָרמער און פון זייער סידור, האָט ישראל יעקובסאָן דעלעגירט אַ געוויסן אליעזר ליבערמאַן, אַ ייד אַ למדן, וואָס האָט זיך שפּעטער געשמדט, און איז געוואָרן אַ קאַטוילישער גייסט־לעכער, אַרומצופאָרן איבער אייראָפּע און באַקומען די צושטימונג פון רבנים אויף די נייע איינפירונגען. ליבערמאַנען געלינגט צו קריגן די הסכמה פון די אַנערקענטע לומדים הרב אהרן חורין פון אונגאַרן און משה קאָניץ פון אָפען. אָבער קעגן זיי טרעטן אַרויס די גאונים ר׳ עקיבא אייגער פון פּויזן, ר׳ מרדכי באַנעט פון ניקאָלסבורג און ר׳ משה סופר (חתם סופר) פון פּרעסבורג. עס אַנטוויקלט זיך אַ שאַרפע שריפטלעכע דעבאַטע אין חבורים און צייטשריפטן. די רעפאָרמער זעצן פאָר זייער דרך, און דער נייער סדור ווערט איינגעפירט אין לייפּציק, קאַרלסרוהע און קאָפּענהאַגן. אין 1828 שטאַרבט ישראל יעקובסאָן און אין 1834 דוד פרידלענדער, וואָס קאָנען אָנגערופן ווערן די פאָר־גייער פון דער רעפאָרמע. אויף זייער אָרט קומען אויף גאַנץ נייע מענטשן.

פאַר די קנאַפּע הונדערט יאָר, וואָס זענען פאַרלאָפן זינט דעם אָנפאַנג פון דער השכלה־באַוועגונג, האָבן די יידן אין דייטשלאַנד געמאַכט באַדייטנדיקן פאָרשריט אויפן קולטורעלן געביט. עס זיינען שוין געווען מערערע רבנים, וואָס האָבן פאַראייניקט טיפן יידישן וויסן מיט אַ ברייטער אַלגעמיינער קולטור און אַט די נייע וואָרטזאָגער אין יידנ־טום ווערן זיך שטעלן בראש פון דעם וויכוח פאַר און קעגן רעפאָרמע. בראש פון די רעפאָרמער האָט זיך געשטעלט אברהם גייגער, דאַן אַ יונגערמאַן פון אַ יאָר 25, אָבער שוין אַ באַדייטנדיקער געלערנטער, וואָס האָט זיך קונה שם געווען מיט זיין אַרבעט וועגן „וואָס האָט מאַכמעד איבערגענומען פון יידנטום". בראש פון די אָרטאָדאָקסן שטעלט זיך זיין אוניווערזיטעט־חבר הרב שמשון רפאל הירש, וועלכער וועט שאַפן די שטרעמונג, וואָס רופט זיך ניי־אָרטאָדאָקסיע. מיט זיי ווערן מיטקעמפן פּערזענלעכ־קייטן ווי, ר׳ יצחק בערנאַיס, ר׳ זכריה פרענקל, שמואל האָלדהיים, גאָטהאָלד סאַלאָ־מאָן א. אַ.

דער וויכוח דערגייט ביז די סאַמע וואָרצלען פון יהדות, און עס ווערט דיסקו־טירט מיט טאַלאַנט און וויסן פון ביידע צדדים, וואָס אייגנטלעך איז יידישקייט.

גייגער איז אַ שטרענגער ראַציאָנאַליסט מיט פאַרשטענדעניש פאַר די פּראָצעסן פון היסטאָרישער עוואָלוציע. פון דעם שטאַנדפּונקט טרעט ער צו צום פּראָבלעם פון יהדות. מען דאַרף פאָרשן די אַנטוויקלונג פון יידישקייט, פעסטשטעלן ווען און צוליב וואָס זענען אַנטשטאַנען אירע דינים און מנהגים, און באַשליסן צי האָט נאָך אַ זין זיי

אַנצוּווענדן אין צייטן ווען די אומשטענדן, וואָס האָבן זיי אַרויסגערופן, האָבן זיך געענדערט געביטן.

עקסטרעמער פון גייגערן איז שמואל האָלדהיים, אַ שאַרפער מוח, וואָס קאָן אַלץ דערגרייכן מיטן כוח פון פּלפּול. אין 1843 פאַרעפנטלעכט ער זיין ווערק „וועגן דער אויטאָנאָמיע פון די רבנים", אין וועלכן ער שטעלט פעסט די פּרינציפּן פון דער רעפאָרמע. ער מאַכט איין שריט ווייטער אויפן וועג וואָס עס האָט נאָך אָנגעצייכנט דער סנהדרין פון פּאַריז (1807). מען דאַרף אונטערשיידן צווישן די רעליגיעזע און נאַציאָנאַלע פּרינציפּן פון יידנטום. כּפי די יידן פירן מער נישט קיין נאַציאָנאַל לעבן, דאַרפן אַלע נאַציאָנאַל־פּאָליטישע פּרינציפּן אָפּגעשאַפט ווערן לויט די אָנווייזונגען פון דער רעגירונג פון יעדן לאַנד. האָלדהיים שטיצט זיך אויפן תּלמודישן כּלל אַז דאָס לאַנדעס געזעץ איז גילטיק (דינא דמלכותא דינא), ווי אויך אויפן כּלל, אַז די מצוות, וואָס האָבן אַ שייכות צו ארץ־ישראל ווערן פּראַקטיצירט נאָר אין יענעם לאַנד. פון דעם קומט ער צו אַבסאָלוט עקסטרעמע מסקנות, אַז מען דאַרף אָפּשאַפן דאָס יידישע פאַמיליען־רעכט, די דינים פון שבת און אַלץ וואָס איז נישט אין הסכם מיט די פירונגען פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג; זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז עס דאַרפן אָפּגעשאַפט ווערן די קהילות, די באַזונדערע יידישע שולע, דער בית דין פון רבנים א. אַ. וו.

פון גאָר אַן אַנדער שטאַנדפּונקט גייט אַרויס ר' שמשון רפאל הירש. פאַר אים איז די יידישע תורה אַן אייביקע לערע, וואָס איז נישט אָפּהענגיק פון צייט און אָרט. זי שאַפט פאַר יידן אַ גייסטיקן בונד, וואָס שטערט זיי נישט אָנצוגעהערן צו פּאָליטיש־נאַציאָנאַלע מדינות. זיין דייטשן אין דייטשלאַנד, פראַנצויזן אין פראַנקרייך, און דאָך בלייבן יידן אומעטום. נישט די תורה דאַרף צוגעפּאַסט ווערן צום לעבן, נאָר, אַדרבא, דאָס לעבן דאַרף דערהויבן ווערן צו די לערן פון דער תורה. אין יעדער מצווה און מנהג איז פאַראַן אַ כּוונה, אַ פּראַקטישע אָדער סימבאָלישע, וואָס האָט איין צוועק, דערהויבן דאָס מענטשלעכע לעבן צו קדושה. די „ניינצן בריוו איבער יידנטום" פון ר' שמשון רפאל הירש האָבן געמאַכט אַ טיפן איינדרוק מיט זייער דערהויבענעם טאָן, פּונקט ווי זיין ווערק „חורב", אין וועלכן ער פּרוּווט זיך „צופּאַסן דאָס לעבן צו דער תורה".

דערווייל האָט זיך ווידער צעפלאַקערט דאָס מחלוקת אין האַמבורג. ווען אין 1841 טרעט צו דער רעפאָרמירטער טעמפּל פון האַמבורג צו אויפשטעלן אַ נייע געביידע און גיט אַרויס אַ צווייטע אויפלאַגע פון זיין סידור, באַנייט דער רב ר' יצחק בערנאַיס, דער רבי פון ר' שמשון רפאל הירש, דעם איסור אויף דער רעפאָרמע. דאָס רעגט אויף גבאים פון טעמפּל, צווישן וועלכע עס איז אויך געווען גבריאל ריסער, און זיי ענטפערן שאַרף אָפּ די אָרטאָדאָקסן. די לעצטע ווענדן זיך צום שטאָט־סענאַט, אָבער דער סענאַט דערלויבט פאַרצוזעצן דעם בנין. אַ פאַרמיטלער צווישן די צוויי שטרעמונגען איז געווען ר' זכריה פראַנקעל פון דרעזדען, וועלכער האָט מסכּים געווען, אַז מען דאַרף איינפירן

מער אָרדענונג אין די שולן און רעפאָרמירן אייניקע תפילות, אָבער נישט אויסשליסן די תפילות וועגן דער גאולה, ווייל די האָפענונג אויף צוריקקערן קיין ציון, איז נישט קיין שטער פאַר יידישער בירגערשאַפט אין די גלות-לענדער.

די רעפאָרמע-באַוועגונג גיט אָבער נאָך אַן עקסטרעמען שריט. אין פראַנקפורט ווערט אין 1842 געגרינדעט אַ פאַראיין פון „פריינט פון רעפאָרמע", וואָס שטעלן פעסט דריי פּרינציפּן: א) מיר זעען אין תורת משה אַן אומענדלעכע מעגלעכקייט פון אַנט־וויקלונג, ב) דער תלמוד איז נישט פאַרפליכטנדיק, נישט טעאָרעטיש נישט פּראַקטיש, 3) מיר האָפן נישט און שטרעבן נישט צו קיין משיח, ווייל „מיר אַנערקענען נישט קיין שום אַנדער פאָטערלאַנד ווי דאָס לאַנד, וווּ מיר זענען געבוירן און געניסן בירגער־רעכט". אַ פערטער געהיימער פּונקט האָט פאַראויסגעזען דאָס אָפּשאַפן פון מילה.

אויף איינצופירן אָרדענונג און באַשליסן איבער די שטרייט-פּונקטן איז אויפן פאָרשלאַג פון ראַבינער לודוויק פיליפּסאָן פון מאַגדעבורג פאַררופן געוואָרן אַ צוזאַ־מענפאָר פון רעפאָרם-ראַבינער, וואָס איז אָפּגעהאַלטן געוואָרן אין ברוינשווייג פון 12טן ביזן 19טן יוני 1844 און האָט אָנגענומען פאָלגנדיקע באַשלוסן: 1) אָנהאַלטן דעם באַשלוס פון פּאַריזער סנהדרין, אַז דאָס לאַנד-געזעץ איז מחייב אויך אין רע־ליגיעזע אָנגעלעגנהייטן, 2) דערלויבן געמישטע הייראַטן מיט פּערזאָנען וואָס גלויבן אין איין גאָט, בתנאי אויב עס איז נישטאָ קיין פאַרבאָט פון דער רעגירונג, אַז די צוקינפטיקע קינדער זאָלן דערצויגן ווערן אין יידישקייט, 3) אָננעמען דעם רעפאָרמיר־טן סידור פון שמואל האָלדהיים און אָפּשאַפן דאָס זאָגן כל-נדרי יום-כפור ביינאַכט.

אין 1845 ווערט אָפּגעהאַלטן דער צווייטער צוזאַמענפאָר פון די רעפאָרם־רבנים אין פראַנקפורט (15-28 יולי). עס ווערט באַהאַנדלט די נויטיקייט פון אָנצו־האַלטן לשון קודש אין די תפילות און נאָך אַ דריי-טאָגיקער דעבאַטע ווערט באַשלאָסן מיט 18 שטימען קעגן 12, אַז לשון קודש איז נישט קיין עיקר אין די תפילות. אין דער פראַגע וועגן דעם גלויבן אין משיחן ווערט באַשלאָסן: „דער משיח-געדאַנק און זיין ריין גייסטיקן באַנעם פאַרדינט אַן אָנגעזען אָרט אין די תפילות, מיטן תנאי, אַז מען זאָל אַרויסלאָזן די בקשות וועגן צוריקקער קיין ציון און באַנייאונג פון דער יידישער מלוכהשאַפט".

פון 13טן ביזן 20סטן יולי פון 1846 איז אין ברעסלוי אָפּגעהאַלטן געוואָרן דער דריטער צוזאַמענפאָר פון רעפאָרם-ראַבינער, וואָס האָט אָנגענומען אַ רייע באַ־שלוסן וועגן דער אָפּהיטונג פון שבת און האָט אָפּגעשאַפט דעם צווייטן טאָג יום-טוב.

דערווייל איז אויך אין בערלין געגרינדעט געוואָרן אַ רעפאָרם-געמיינדע, וואָס איז אַוועק נאָך אויף עקסטרעמערע וועגן. אַ געמישטער כאָר פון מענער און פרויען, אַלע קינות אויפן חורבן און תפילות וועגן שיבת ציון זענען פאַרביטן געוואָרן אויף דאַנק-הימנען פאַר דער גרויסער מיסיע פון פאַרשפּרייטן די אמונה אין איין גאָט. מען

האָט געדאַוונט אין בלויזן קאָפּ און אויסער שבת האָט מען איינגעפירט אַ פייערלעכן גאָטעס־דינסט אויך זונטיק, וואָס דער היסטאָריקער יאָסט האָט באַטראַכט אַלס „אַ שריט צום קריסטנטום".

די רעוואָלוציע פון 1848 גיט אַ שטאַרקן שטויס פאָראויס די רעפאָרם־באַוועגונג, די רעפאָרמער ווערן די מערהייט אין די קהילות. די אָרטאָדאָקסן טרעטן אַרויס און בילדן באַזונדערע געמיינדעס: אין פראַנקפורט, אין 1854 מיט ר' שמשון רפאל הירש בראש, אין בערלין, אַרום 1860, מיט ר' עזריאל הילדעסהיימער בראש. ווען די רעפאָרמער עפענען אין בערלין אין 1872 אַ סעמינאַר פאַר זייערע ראַבינער, דערעפנט גלייך הרב הילדעסהיימער אַן אָרטאָדאָקסישן רבנים־סעמינאַר; איןברעסלוי עקזיסטירט זינט 1854 אַ רבנים־סעמינאַר פון דער היסטאָריש־פּאָזיטיווער שיטה, אַ מין קאָמפּראָמיס צווישן רעפאָרם און אָטאָדאָקסיע, בראש פון וועלכן עס איז געשטאַנען ר' זכריה פראַנקל.

די רעפאָרם אָרגאַניזירט זיך אויף אַן אַלדייטשישן מאַסשטאַב. אין 1869 ווערט אָפּגעהאַלטן אַ סינאָד פון די רעפאָרמער (אַ צוזאַמענפאָר פון גבאים און ראַבינער) אין לייפּציק, וועלכער נעמט אָן די פּרינציפּן, פאָרמולירט פון ראַבינער לודוויק פיליפּסאָן, אַז דאָס יידנטום זאָגט זיך אָפּ פון די היסטאָרישע מנהגים, וואָס זענען געשאַפן געוואָרן, בכדי אָפּצוזונדערן זיך פון די אַרומיקע פעלקער, און ווערט אַ רעליגיע, וואָס רופט צו פאַרברידערונג און עטיש־רעליגיעזער שלימות אין גייסט פון די נביאים. אין יולי פון 1871 קומט ווידער פאָר אַ צוזאַמענפאָר פון די רעפאָרמער אין אויגסבורג, וועלכער באַשליסט, אַז די ציוויל־הייראַט איז אַ מוז זאַך, מאַכט בטל דעם מנהג פון חליצה, דערלויבט פאָרן שבת און יום־טוב, אָבער נישט געשעפטלעך. מילה איז טאַקע אַ וויכטיקער ענין, אָבער אַ נישט געמלט קינד הערט דערפאַר נישט אויף צו זיין קיין ייד.

אַזוי האָט די רעפאָרם־באַוועגונג אויפגעגעבן די יידישע האָפענונגען אויף דערלייזונג, אויסגעהוילט די יידישע רעליגיע פון אירע ווירקלעכע איינגנאַרטן, און געשאַפן אַ לאַגע, ביי וועלכער עס איז נישט געווען נויטיק צו שמדן זיך, אויף צו ווערן אויס ייד, געמישטע הייראַטן, אַרויסטרעטונגען פון די קהילות אַלס „קאָנפעסיאָנלאָזע", זענען געוואָרן מעשים בכל יום. דאָס אַמאָליקע אַזוי שטאַרקע דייטשישע יידנטום איז אַוועק באַרג אַראָפּ. ערשט אין 1937, אויפן צוזאַמענפאָר אין קאָלאָמביע (אַמעריקע), ווענדט די רעפאָרם זיך טיילווייז אומקערן צו יידישער טראַדיציע.

138סטע לעקציע

ווילקיר-רעזשים אויף מזרח

עסטרייך, רוסלאנד, פוילן

(1814 - 1848)

בשעת די לענדער פון מערב און צענטער איירָאפּע האָבן זיך אין דער ערשטער העלפט פון נײנצעטן יאָרהונדערט טיילוויז באפרייט פון אבסאָלוטיסטישער אליינהערשאפט, אָדער לכל הפחות געקעמפט פאַר זייער באפרייאונג, און די יידישע קהילות זייערע האָבן זיך דערשלאָגן צו פולשטענדיקער גלייכבארעכטיקונג (פראנקרייך, האָלאנד, ענגלאנד), אָדער, לכל הפחות צו א פארלייכטערונג אין די באגרענעצונגען וואָס זיי האָבן געליטן (מערב-דייטשלאַנד, פרייסן וכ'), איז מזרח-איירָאפּע פארבליבן פארזונקען און פארגליווערט אין פינצטערן חשכות פון אבסאָלוטיזם און די לאגע פון די יידישע געמיינדעס אין עסטרייך און רוסלאנד, וואָס האָט דאַן איינגעשלאָסן דאָס „קעניגטום פוילן", איז געבליבן ווי געוועזן, אויב נישט עטוואָס פארערגערט. דאָך האָט זיך אויך אהער דורכגעריסן די השפּעה פון דער גרויסער פראַנצויזישער רעוואָלוציע, און די רעגירונגען האָבן כאָטש לפנים געמוזט מאַכן דעם אָנשטעל, אַז זיי אינטערעסירן זיך מיט אויסבעסערן דעם גורל פון זייערע יידישע אונטערטאַנען, די קולטורעלע צוריקגעשטאַנענקייט פון וועלכע האָט זיי נישט דערלויבט צו קעמפן פאַר זייערע רעכטן, ווי דאָס איז געוועזן דער פאַל אין מערב- און צענטער-איירָאפּע.

אין דער פארשידנאַרטיקער אימפעריע פון די האבסבורגן (עסטרייך) איז אלץ געבליבן ביים אַלטן. די לאָזונג פון דער רעגירונג איז געוועזן: „מען טאָר נישט מיטווירקן צו דער פארשפרייטונג פון די יידן און פאַר קיין פאַל טאָר מען זיי נישט דולדן אויסער די געביטן, וווּ זיי האָבן געלעבט ביז אהער". אָבער גלייכצייטיק מוז מען זיך באַמיען צו רעפאָרמירן די פעלערן אין די יידישע מדות, זייער לעבן און פרנסות, בכדי זיי לאַנגזאַם צופּאַסן צו די פירונגען און לעבנסשטייגער פון דער בירגערלעכער געזעלשאפט". אין ווין האָבן אלץ געמעגט וווינען נאָר פריווילעגירטע יידן, מיט זייערע אָנגעשטעלטע און דינערשאפט. די אַנדערע יידן האָבן געמעגט קומען נאָר צייטוויייליק, לשם

געשעפט. פארשטייט זיך, אז יידן האָבן זיך שוין ווי עס איז געגעבן אַן עצה, און מיט דער געקויפטער צושטימונג פון דער פּאָליציי בלייבן אין שטאָט. די קהילה איז נאָך באַזונדער געוואקסן צוליב דעם, וואָס טערקישע יידן זענען רעספּעקטירט געוואָרן ווי טערקישע בירגער, און האָבן געלעבט אומגעשטערט, האָבן נישט געפעלט קיין יידן, וואָס זענען געוואָרן „טערקן".

אין ביימען און מעהרן האָבן יידן נישט געטאָרט וווינען אומעטום. אין פּראָג איז דערהאַלטן געווען אַ מין יידישער געטאָ, און נאָר פּריווילעגירטע האָבן געמעגט וווינען אין די קריסטלעכע גאַסן. יידן האָבן געצאָלט פאַרמעגן־שטייער, פאַמיליען־שטייער, פאַר חתונה האָבן, פאַר בייטן די דירה, פאַר עסן כשר פלייש. די צאָל יידישע חתונות איז געבליבן באַגרענעצט, און יידישע פּאָרלעך, וואָס האָבן חתונה געהאַט אָן דערלויבעניש, זענען געווען געצוווּנגען צו גטן זיך. אפילו פאַר ארויספאָרן ציטווייליק פון לאַנד אָדער פאַרלאָזן עס דעפיניטיוו האָט אַ ייד געדאַרפט צאָלן אַן אָפּצאָל ביז צוואַנציק פּראָצענט פון זיין פאַרמעגן.

אין גאַליציע האָט נאָך, חוץ די אַלע אָפּצאָלן, געדריקט אויף די יידישע מאַסן דער ליכט־אָפּצאָל אויף ליכט, וואָס יידן האָבן געצונדן לכבוד שבת, יום־טוב, שמחות, לוויות. אויף אויסדערוויילט צו ווערן אין דער קהילה־פאַרוואַלטונג האָט אַ ייד געדאַרפט צינדן פון 7 ביז 11 שבת־ליכט. עס זענען אויך געווען באַגרענעצט די צאָל יידישע חתונות, אָבער די יידישע באַפעלקערונג האָט זיך ווייניק געמאַכט דערפון און האָבן חתונה געהאַט בלויז מיט חופּה וקידושין. די צאָל „אומגעזעצלעכע" קינדער איז ביי יידן געווען גרויס.

בלויז אין אונגאַרן זענען געמאַכט געוואָרן פּרווון צו פאַרלייכטערן דעם יידישן גורל, אָבער פאַרן פּרייז פון פולשטענדיקער אסימילאַציע, רעליגיעזע רעפאָרמע אריינגערעכנט. דער פירער פון די אונגאַרישע נאַציאָנאַליסטן, לודוויק קאָשוט, איז געווען אַן אַנטשלאָסענער קעגנער פון גלייכבאַרעכטיקונג פאַר יידן. דער שרייבער עטוועש, וואָס האָט געקעמפט פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, האָט עס געטאָן צוליב דעם, ווייל דאָס וועט פאַרלייכטערן „אויסצובעסערן די יידישע פעלערן". נאָך אַ רייע אונטערהאַנדלונגען צווישן ביידע הייזער פון אונגאַרישן פּאַרלאַמענט און דער אימפּעריאַלער רעגירונג פון ווין ווערט אין 1844 צוריקגעוויזן דער פּראָיעקט צו פאַרבעסערן די יידישע לאַגע, וואָס די אונטערשטע קאַמער האָט אָנגענומען; אפילו דער טאָלעראַנץ־אָפּצאָל בלייבט אין קראַפט.

אין די איטאַליענישע געגנטן, וואָס זענען דורכן ווינער קאָנגרעס אָנגעשלאָסן געוואָרן אין עסטרייך: לאָמבאַרדיע, ווענעציע, טריעסט, האָט מען לאַנגזאַם אָנגעהויבן אָפּשאַפן די גלייכבאַרעכטיקונג, וואָס יידן האָבן גענאָסן אין די צייטן פון דער פראַנצויזישער הערשאַפט. דאָך האָט די קולטורעלע הויך פון די יידן אין יענע מקומות געצוווּנגען די רעגירונג צו באַציען זיך צו זיי מיט מער דרך ארץ.

די צארישע רוסלאנד, וואס איז נאך דער מפלה פון נאפאלעאן פארוואנדלט געווארן אין דעם רעאקציאנערן שומר פון לעגיטימיסטישן אבסאלוטיזם, האט אויך געהאט איר יידן־פראבלעם, וואס איז קאמפליצירט געווארן מיט א דערשיינונג פון רוסישן לעבן, וואס האט אנגעווארפן א שרעק אויף די צארישע סאטראפן און די פראוואָ־סלאַווע פאפעס.

נאך אין 1812 האט צאר אלעקסאנדער דער ערשטער צוגעזאגט די יידישע פארטרעטער, זאנענבערג און דילאן, צו פארבעסערן די יידישע לאגע נאכן נצחון אויף נאפאלעאן. אין 1817 איז ארויס א באפעל איבערצוגעבן אלע מאטעריאלן וועגן דער יידנפראגע דעם מיניסטער פאר פרעמדע גלויבנס, גאליצין, א מיסטיש געשטימטער קריסט, וואס האט געהאט גרויס השפעה אויפן צאר. גאליצין איז אויך געווען דער הויפט פון דער רוסישער ביבל־געזעלשאפט, וואס האט געוואלט גיין אין די פוס־טריט פון די לאנדאנער מיסיאנערן אויפן געביט פון שמדן יידן. דעם זעלבן יאר 1817 דער־שיינט א צארישער באפעל צו גרינדן א געזעלשאפט פאר יידישע קריסטן, צו שטיצן משומדים און די וואס זענען נוטה צו שמדן זיך. אין 1820 ווערט אין יעקאטערינאס־לאווער קרייז באשטימט א גרויסער שטח באדן, אויף צו גרינדן קאלאניעס פאר די משומדים. די ערשטע דריי יאר האט זיך קיין איין איינציקער „יידישער קריסט" נישט געווענדט צו דער רעגירונג וועגן דעם. אין 1823 באווייזט זיך אין אדעס א גרופע פון 37 פאמיליעס „יידן־קריסטן", וואס בעטן קאלאניזירט צו ווערן אויף דעם באדן מיט אלע צוגעזאגטע פריווילעגיעס. עס האט זיך אבער ארויסגעשטעלט, אז זיי האבן נישט קיין טויף־שיינען, און נישט קיין אנדערע דאקומענטן און פון דעם ענין איז גארנישט געווארן, דאך האט די געזעלשאפט צו שטיצן יידן־קריסטן עקזיסטירט ביז 1833, ווען זי איז סוף כל סוף אפגעשאפט געווארן.

אבער אין דער זעלבער צייט וואס דער צארישער רעגירונג געלינגט נישט אפ־צושמדן קיין יידן, ברעכט אויס אין רוסלאנד צווישן די פויערים פון וואראנעזשער און סאראטאווער גובערניעס א שטארקע באוועגונג זיך צו דערנענטערן צו יידישקייט דורך מילה, אפהיטן שבת, אדער גאר אינגאנצן זיך מגייר זיין. גלייכצייטיק קומען אן ידיעות פון כערסאנער גובערניע, אז עס גייען אריבער צום יידנטום די ארבעטער, וואס ארבעטן ביי יידן. די סעקטאנטן האבן אפן דערקלערט, אז זיי ווילן „צוריקקערן צום גלויבן פון זייערע יידישע עלטערן", און וואס עס הערט זיך אן אפקלאנג פון די כוזרים, וואס האבן אמאל באפעלקערט יענע געגנטן. די רעגירונג נעמט אן דראסטישע מיטלען קעגן דער פארשפרייטונג פון דער סעקטע, און דאס רופט זיך אויך אפ צום שלעכטן אויף דער יידישער פראגע בכלל. אויב אין ווינטער פון 1817 איז פארארדנט געווארן, אז יידן זאלן אויסקלויבן פארטרעטער, וואס זאלן קומען קיין פעטערבורג אויף מיטצואר־בעטן אלס „א דעפוטאציע פון יידישן פאלק" ביים לייזן די יידנפראגע, ווערט אבער אין שיין פון דער גרים־באוועגונג די ראל פון דער יידישער דעפוטאציע באשרענקט

צו מינדערוויכטיקער שתדלנות, און אין 1825 ווערט זי אינגאַנצן אָפּגעשאַפט. אין 1823 ווערן אויך באַנייט די גזירות פון אַרויסטרייבן יידן פון די דערפער, און עס ווערט באַשטימט אַ ספּעציעלער קאָמיטעט, כלומרשט צו שטודירן די אויסבעסערונג פון צו־שטאַנד פון יידן, אָבער דער געהיימער באַפעל איז צו זוכן מיטלען, ווי צו פאַרקלענערן די צאָל יידן אין לאַנד.

אויף אָפּצושוואַכן דעם יידישן איינפלוס, כאַפּט זיך די אָרטאָדאָקסישע קירכע צום אויסגעפּרוּווטן מיטל פון עלילת דם. נאָך אין 1816 באַשולדיקט דער משומד סאַ־וויצקי די יידן פון גראָדנע אין האָבן געטויט דאָס פּיריאָריקע מיידעלע מאַריאַ אַדאַמאָ־וויטש, אויף צו באַנוצן איר בלוט אויף פּסח. אָבער די סביבה איז דאַן נישט גרייט פאַר אַזאַ באַשולדיקונג און אַ צאַרישער באַפעל אינסטרואירט די גובערנאַטאָרן פון די פּראָווינצן, אַז „מען זאָל נישט באַשולדיקן יידן אין עלילת דם אָן קיין שום ראיות, בלויז אויפן חשד, אַז זיי דאַרפן קריסטלעך בלוט", ווייל „דער דאָזיקער בלבול איז מערערע מאָל אָפּגעלייקנט געוואָרן פון באַגלויבטע אויספאָרשונגען און בריוו פון קעניגן". אָבער די באַוועגונג פון די גרים שאַפט גאָר אַן אַנדער לאַגע. די רעגירונג און די קירכע האָבן נויטיק אַ בלוט־בלבול אויף אָפּצושוואַכן דעם יידישן איינפלוס. פּסח פון 1823 פאַר־שווינדט אין וועליזש, וויטעבסקער גובערניע, דאָס דריי־יאָריקע קינד פיאָדאָר יעמעל־יאַנאָוו, און די יידן ווערן באַשולדיקט אין בלוט־בלבול. די באַשולדיקונג ווערט געמאַכט פון אַ פּראָסטיטוטקע מאַריאַ טערענטיעוואַ און אַ צעדרייט מיידל יערעמעיעוואַ. באַ־שולדיקט ווערן בעיקר דער סוחר בערלין און דער מאַגיסטראַט־מיטגליד צייטלין. דאָס געריכט פון וויטעבסק באַשליסט אין 1824 אַז: „דער מאָרד פון קינד איז נישט אויפ־געקלערט געוואָרן, די באַשולדיקטע באַפרייען, טערענטיעוואַ איבערגעבן דער קירכע אויף אויסבעסערונג". אָבער אין 1825 פאָרט צאַר אַלעקסאַנדער דורך וועליזש און אויף דער ביטע פון טערענטיעוואַ באַפעלט ער באַנייען די אויספאָרשונג. די ווייטערדיקע אויסוויקלונג פון וועליזשער בלוט־בלבול איז שוין פאָרגעקומען אונטער דער טיראַני־שער הערשאַפט פון נאָכפאָלגער פון צאַר אַלעקסאַנדער, זיין ברודער, דער גרויזאַמער צאַר ניקאָליי דער ערשטער.

אין די טעג בין מלך למלך, אין דעצעמבער 1825, ברעכט אויס אין רוסלאַנד די ערשטע רעוואָלוציע, וועמענס אָנפירער האָבן באַקומען דעם נאָמען „דעקאַבריסטן" (דעצעמבריסטן) און זענען מערסטנטייל באַשטאַנען פון אָפיצירן פון דער אַרמיי, אַדע־ליקע, וואָס האָבן געוואָלט איינפירן אין רוסלאַנד אַ קאָנסטיטוציאָנעלע מאָנאַרכיע.

אויך די רעוואָלוציאָנערע דעקאַבריסטן האָבן זיך נישט איבעריק גוט באַצויגן צו יידן, וועמען זיי האָבן באַטראַכט „ווי אַ מדינה אין אַ מדינה", מיט „אומפאַרגלייכ־לעכער איינינקייט צווישן די יידן": „זייער רעליגיע פאַרשפּרעכט זיי צו באַהערשן די וועלט". דערפאַר קאָנען זיי זיך נישט אַסימילירן מיט קיין אַנדערע פעלקער. דער דע־קאַבריסט פעסטעל שלאָגט פאָר דער קומענדיקער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג צוויי וועגן,

אָדער פאַרזאַמלען אַ מין סנהדרין, וואָס זאָל העלפן אויסוואָרצלען די יידישע אָפּגעזונדערטקייט, אָדער העלפן די יידן גרינדן אַן אייגענע מלוכה ערגעץ אין פאָדער־אַזיע. דער דעקאַבריסט מוראַוויאָוו שלאָגט פאָר פולע גלייכבאַרעכטיקונג פאַר די יידן אין רוסלאַנד.

צאַר ניקאָליי האָט אונטערגעדריקט דעם דעקאַבריסטן־אויפשטאַנד מיטן כוח פון זיין אַרטילעריע און האָט איינגעפירט אין רוסלאַנד אַ שטרענגן, טיראַנישן רעזשים, פאַר וואָס ער האָט פאַרדינט דעם צונאָמען „פּאַלקין", דער שטעקן־שלעגער. דער גורל פון דער יידישער באַפעלקערונג איז אונטער זיין רעגירונג געוואָרן ממש אומדערטרעגלעך. ווען צאַר ניקאָליי דערהאַלט דעם באַריכט פון ווייסרוסישן גענעראַל־גובערנאַטאָר כאָוואַנסקי וועגן דעם בלוט־בלבול אין וועליזש, באַפעלט ער דעם 26סטן אויגוסט 1826: „כפי דער דאָזיקער פאַרפאַל באַווייזט קלאָר, אַז די יידן ניצן אויס צום שלעכטן די טאָלעראַנץ, וואָס מיר ווייזן זיי אַרויס, באַפעל איך צו שליסן די שולן פון וועליזש און נישט דערלויבן די יידן צו דאַווענען, נישט אין די שולן, נישט אין די נאָענטע הייזער". דעם זעלבן יאָר ווערט אין די רעגירונגס קרייזן אָנגענומען אַ פּלאַן צו אויסבעסערן די יידן דורך מיליטער־דינסט, וואָס זיי זאָלן מוזן דערפילן אין משך פון 25 יאָר, און פון וועלכן זיי זאָלן זיך נישט קענען אויסקויפן מיט אַ ספּעציעלן אָפּצאָל ווי פריער. עס דויערט אַרום אַ יאָר צייט, ביז דאָס געזעץ ווערט אויסגעאַרבעט אין זיינע איינצלהייטן און עס דערשיינט דעם 26סטן אויגוסט פון 1827. יידן ווערן צוגעצויגן צו אַקטיוון מיליטער־דינסט אויף 25 יאָר. מען קען נעמען פון זיי זעלנער אין עלטער פון 12 ביז 25 יאָר. קינדער יינגער פון 18 יאָר וועלן אַריינטרעטן אין ספּעציעלע צוגרייטונגס פאַרמאַציעס, קאַנטאָנען, ווו זיי וועלן צוגעגרייט ווערן צו אַקטיוון דינסט, ביזן עלטער פון 18 יאָר. די יאָרן פון קאַנטאָן ווערן נישט אַראָפּגערעכנט פון די 25 יאָר אַקטיוון דינסט. דאָס צושטעלן די רעקרוטן איז אַרויפגעלייגט געוואָרן אויף די קהילות, וועלכע האָבן געדאַרפט באַשטימען אין יעדער שטאָט פון דריי ביז זעקס „פאַרטרויאונגס מענטשן" פאַר דעם צוועק. פאַר נישט צושטעלן די געפאָדערטע צאָל רעקרוטן זענען די קהילה־פירער פּערזענלעך פאַראַנטוואָרטלעך. פון מיליטער־דינסט ווערן באַפרייט סוחרים, וואָס זענען פאַרשריבן אין די גילדעס, בעלי מלאכות מיטגלידער אין די צעכן, טעכניקער פון פאַבריקן, ערד־אַרבעטער, רבנים און יידן וואָס האָבן פאַרענדיקט אַ רוסישע הויכשול.

יידן האָבן דערפילט, אַז די כוונה איז נישט אַזוי דאָס דינען אין מיליטער, ווי דאָס אָפּרייסן פון זיי זייערע קינדער אין פריען עלטער, וואָס זאָל דערמעגלעכן דאָס אָפּשמדן זיי. ווי אַ באַשטעטיקונג דערפאַר איז דעם זעלבן יאָר דערשינען אַ ספּעציעלער אוקאַז פון צאַר, אַז דאָס אָפּשמדן אַ יידן מוז פאַרקומען דווקא זונטיק, און מיטן גרעסטן פּאַראַד, בכדי עס זאָל נישט זיין קיין צווייפל, אַז דער שמד איז נישט סימולירט. דער יידישער ישוב איז אויפגעציטערט געוואָרן. אַ קלאַנג האָט זיך פאַרשפּרייט (אָנפאַנג 1834),

אַז קיין חתונה געהאַטע וועט מען נישט נעמען אין מיליטער, און עס האָט זיך אָנגעהויבן די גרויסע בהלה פון פּריציייטיקע חתונות. אין אַלט־קאָנסטאַנטין האָבן יידן געמאַכט ממש אַ „מרידה", זיי האָבן גוזר תענית געווען, געזאָגט סליחות און אָנגעשריבן אַן אָנ־קלאָגע צום רבונו של עולם, וואָס זיי האָבן אַריינגעלייגט אין דער טויטער האַנט פון איינעם אַ חשובן חסיד, וואָס איז אין יענע טעג געשטאָרבן. די צאַרישע רעגירונג האָט רעאַגירט אויף דער „מרידה" מיט אַ באַפעל, אַז די וואָס וועלן זיך קעגנשטעלן דאָס נעמען רעקרוטן, וועלן געשטעלט ווערן צו אַ מיליטערישן געריכט... יידישע יוגנט האָט זיך אָנגעהויבן צו צעלויפן פון זייערע וווינערטער, און די קהילה־פירער האָבן געדאַרפט אָנשטעלן ספּעציעלע מענטשן אויף צו כאַפּן זיי: „כאַפּערס". אַ פאָלקס־ליד פון יענער צייט מאָלט די בהלה אין איינפאַכע, נאָר רירנדיקע ווערטער:

דער אוקאַז איז אַראָפּגעקומען אויף יידישע זעלנער,
זענען מיר זיך צעלאָפן אין די פּוסטע וועלדער,
אין אַלע פּוסטע וועלדער זענען מיר צעלאָפן,
אין פּוסטע גריבער זענען מיר פאַרלאָפן.

די קינדער, וואָס פלעגן אַריינפאַלן אין די הענט פון די כאַפּערס — און דערביי זענען באַגאַנגען געוואָרן אַ סך עוולות און אונטערדריקונג לגבי די אָרעמע שיכטן לטובת די רייכערע און מיוחסימדיקע — פלעגט מען בכיוון אָוועקפירן אין טיף רוס־לאַנד, ברענגען אין גויאישע הייזער, מיט אַלע מיטלען באַאיינפלוסן זיי צום שמד, ווען אפילו קיין דירעקטער צוואַנגס־שמד איז נישט אָנגעווענדט געוואָרן. די אָרעמע קינ־דער פלעגן שטאַרבן ווי פליגן, אַ קליינע צאָל פון זיי האָט זיך געשמדט, דער גרעסטער רוב פון קאַנטאָניסטן און ניקאָלאַיעווסקע זעלנער זענען געבליבן ביי יידישקייט. דער יידישער אויסדויער האָט גובר געווען דעם צאַרישן דעספּאָטיזם. אַרום 1835 ווערט שוין קלאָר אין די רעגירונגס־קרייזן, אַז אויף דעם וועג וועט מען די יידן נישט אויסבעסערן. דעם זעלבן יאָר ווערט אויך פאַרענדיקט דער משפּט אַרום וועליזשער בלוט־בלבול, וועל־כער איז דורכגעגאַנגען אַלע אינסטאַנצן ביזן סענאַט און מלוכה־ראַט. דער מלוכה־ראַט, אינפאָרמירט פון זיין מיטגליד, דעם ישיש מאָרדווינאָוו, אַנערקענט, אַז דער בלבול האָט קיין גרונט נישט, און באַשליסט, אַז די אַרעסטירטע דאַרפן באַפרייט און פאַרגיטיקט ווערן. דעם 18טן יאַנואַר 1835 באַשטעטיקט צאַר ניקאָלײַ דעם באַשלוס פון מלוכה־ראַט, ווען אפילו ער גיט צו, אַז „טראָץ אַלעם האָב איך נישט די אינערלעכע איבערצייַ־גונג, אַז צווישן יידן זענען נישטאָ פאַראַן קיין פאַנאַטיקער אָדער סעקטאַנטן, וואָס ברויכן קריסטלעך בלוט אין זייערע מיסטעריעס".

דאָס „כאַפּעריי" פון קינדער פאַר זעלנער אַנטוויקלט אין יידישן לעבן אַ געפער־לעכע פּלאָג פון מסירות; אַמאָל פון פאַרדרוס פאַר אַ באַגאַנגענער עוולה, אַמאָל צוליב פערזענלעכע חשבונות, אָדער גאָר לייכטע פאַרדינסטן. עס זענען אויפגעקומען מוסרים,

וואָס פלעגן צוטראָגן דער רעגירונג וואָס זיי האָבן געפונען פאַר נויטיק. די קהילות האָבן זיך געוועהרט קעגן דער נייער אָנשיקעניש. די יידישע באַפעלקערונג האָט זיי פאַרדאַמט און פאַרפאָלגט, און אין פאַלן אפילו פאַרמשפּט צום טויט.

אין 1838 ווערן אין אַ שטאָט פון פּאָדאָליער גובערניע דערמאָרדעט 2 מוסרים און די צאַרישע רעגירונג איז זיך נוקם אויף אַ שווידערלעכן אופן. עס ווערן צוגעצויגן צו פאַראַנטוואָרטלעכקייט אַכציק קהילה־פירער און באַלעבאַטים, צווישן זיי צוויי רבנים. צוואַנציק פון זיי ווערן פאַרמשפּט געטריבן צו ווערן צווישן אַ רייע פון 500 זעלנער, וואָס זאָלן זיי שמייסן מיט ריטער, און נאָכהער פאַרשיקט ווערן אויף קאַטאָרגע. צוואַנציק אַנדערע זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר. אַ טייל איז זיך צעלאָפן און אַ טייל איז באַפרייט געוואָרן. נישט ווייניקער דראַסטיש האָט זיך די צאַרישע רעגירונג נוקם געווען אין די יידן פון אַמטשיסלאַוו, מאָהילעווער גובערניע, ווו עס איז אין 1844 אויסגעבראָכן אַ געשלעג צווישן יידן און זעלנער. אויפן ערשטן באַריכט פון דער אָרטיקער מאַכט איז באַשלאָסן געוואָרן: „די אָנפירער פון „בונט" איבערצוגעבן צו אַ מיליטערישן געריכט און נעמען יעדן צענטן פון די אָרטיקע יידן אַלס רעקרוטן. אָבער דעם סוחר יצחק זעליקין (ר' איצעלע מאָנאַסטירשצינער) איז געלונגען אויפצוקלערן די לאַגע אין פּעטערבורג, און די שטראָף איז אָראָפּגענומען געוואָרן.

גלייכצייטיק ווערן אויך אָנגעפירט אַנדערע נגישות אויף יידן. אין 1827 ווערט פאַראָרדנט פאַרצוזעצן דאָס אַרויסשיקן יידן פון די דערפער, וואָס איז אָפּגעשטעלט געוואָרן אין 1823, און אויסווייזן די יידן פון די דערפער פון גראָדנער גובערניע ווי אויך פון דער שטאָט קיעוו. אין 1829 ווערן אויסגעוויזן די יידן פון די האַפנס פון באַלטישן און שווארצן ים. פון קורלאַנד און ליפלאַנד ווערן פאַרטריבן די יידן, וואָס זענען אַריבערגעקומען אַהין פון אַנדערע געגנטן. אין 1830 ווערט פאַראָרדנט אַרויסצושיקן די יידן פון די דערפער פון קיעווער גובערניע, אָבער דעם זעלבן יאָר ברעכט אויס די מרידה אין פּוילן, און דער גירוש פון די יידן ווערט אָפּגעשטעלט. אין 1835 ווערט אַרויסגעלאָזט אַ נייער יידן־רעגלאַמענט, וואָס באַשרענקט נאָך מער די זאָנע ווו יידן מעגן וווינען אין צאַרנלאַנד. אין די אינערלעכע גובערניעס מעגן יידן קומען געשעפטלעך און בלויז אויף זעקס וואָכן. די גרויסע סוחרים מעגן קומען אין די הויפּטשטעט מאָסקווע און פּעטערבורג, ווי אויך אויף די גרויסע ירידים, בכדי צו האַנדלען אין הורט. אָבער דאָס אַרויסשיקן פון די דערפער ווערט אָפּגעשטעלט. אויך דאָ האָט דאָס לעבן באַזיגט דעם ווילקיר.

אין 1840 ווערט די יידנפראַגע ווידער אויפגענומען, און נאָך אַ לאַנגן באַהאַנדלען אין די פאַרשידענע רעגירונגס אינסטאַנצן, ווערט אָנגענומען אַ פּראָגראַם געמישט פון אויפקלערערישן אַבסאָלוטיזם און פּאָליציייאישע פאַרפאָלגונגען. אויף „אויסצובעסערן" יידן ווערן פאַרגעשלאָגן דריי וועגן א) קולטור־השפעה, דורך גרינדן ספּעציעלע שולן פאַר יידן, באַקעמפן דעם חדר מיט די מלמדים, מאָדערניזירן די רבנים און פאַרבאָטן יידישע קליידונג, ב) אָפּשאַפן די קהילות, 3) פאַרפאָלגן די, וואָס ווען

בלייבן פאַרעקשנט, דורך כלערליי נגישות. אויף דורכפירן דעם פּראָגראַם ווערט געגרינ־דעט אַ ספּעציעלער קאָמיטעט פון פאַרטרעטער פון פאַרשידענע מיניסטעריומס.

דאָס בילדונגס־פּראָגראַם איז איבערגעגעבן געוואָרן צום דורכפירן דעם ביל־דונגס מיניסטער אוּוואַראָוו, וועלכער האָט איינגעלאַדן אַלס לייטנדיקע פּערזאָן דעם מאָדערנעם דייטשישן ראַבינער מאַקס ליליענטאַל, אַן אַסימילירטער און מעסיקער רע־פאָרמער, וועלכער איז ביז דאַן געווען דירעקטאָר פון אַ מאָדערנער יידישער שול אין ריגע: איינע פון די דריי, וואָס האָבן דאַן עקזיסטירט אין רוסלאַנד.

אָנפאַנג 1842 פאָרט אַרויס ליליענבלום איבער יידישע קהילות, בכדי איבער־צייגן די קהלה־פירערס אין די גוטע כוונות פון דער רעגירונג. אין ווילנע גיט מען אים אָנצוהערן, אַז די רעגירונג מיינט שמד, נישט בילדונג. אין מינסק זאָגט מען אים, אַז כל זמן די רעגירונג גיט נישט קיין גלייכבאַרעכטיקונג, האָט נישט קיין זין די ביל־דונג וואָס מען וועט נישט האָבן ווו אָנצוווענדן און וואָס וועט פירן, אַז די געבילדעטע זאָלן זיך דערווייטערן פון יידישקייט. אָבער די רעגירונג זעצט פאָר אירע שריט. דעם 22סטן יוני 1842 ווערט דעקרעטירט, אַז דאָס בילדונגס־מיניסטעריום זאָל איבערנעמען די השגחה איבער די חדרים, ישיבות און די פּאָר מאָדערנע לערן־אַנשטאַלטן. עס ווערט אויך געגרינדעט אַ ראַט פון פיר יידן אויף מיטצואַרבעטן מיט דער רעגירונג און אין דער דורכפירונג פון איר פּראָגראַם: ר׳ יצחק, דער ראש־ישיבה פון וואָלאָזשין (מתנגדים), ר׳ מנחם־מענדל דער ליבאַוויטשער רבי (חסידים), ישראל האַלפּערן, אַ באַרימטער גביר פון באַרדיטשעוו, און ה׳ בצלאל שטערן, דירעקטאָר פון דער מאָדערנער יידישער שול אין אָדעס (משכילים). ביז די פיר באַשטימטע וועלן זיך צונויפקומען קיין פּעטערבורג, מאַכט ליליענטאַל אַ צווייטע נסיעה איבער די יידישע ישובים פון דרום, ווו ער ווערט גוט אויפגענומען אין אָדעס, בערדיטשעוו און קעשענעוו.

זומער 1843 טרעט צו די קאָמיסיע פון פיר. צוזאַמען מיט ליליענטאַלן צו איר אַרבעט, און דעם 14טן נאָוועמבער 1844 ווערט אַרויסגעלאָזט אַן אוקאַז וועגן „דער דערציאונג פון דער יידישער יוגנט", וואָס זעט פאָר די גרינדונג פון ספּעציעלע שולן פאַר אַלגעמיינע און יידישע לימודים. די וואָס וועלן דורכמאַכן אַזאַ שול, וועט זיי פאַר־קירצט ווערן די צייט פון מיליטער־דינסט. אָבער עס ווערט אויך צעשיקט אַ געהיימער באַפעל, וועלכער דערקלערט, אַז „דער צוועק פון בילדן די יידן איז צו דערנענטערן זיי צו די קריסטן און אויסוואָרצלען די שעדלעכע מיינונגען, וואָס קומען אונטערן איינ־פלוס פון תלמוד". ווען ליליענטאַל דערוויסט זיך די געהיימע כוונות פון דער רעגירונג, זאָגט ער זיך אָפּ פון זיין אַמט, פאָרט אַוועק קיין אַמעריקע, ווו ער איז טעטיק אַלס ראַ־בינער ביז זיין טויט אין 1882. די שולן, ווי אויך די ראַבינער־סעמינאַרן, וועלן דער־עפנט ווערן ערשט אין 1847, ערב דעם „פרילינג פון די פעלקער".

נאָך איידער זי פירט דורך דעם בילדונגס פּראָגראַם, טרעט צו די רעגירונג צו מבטל מאַכן די קהילות. דעם 19טן דעצעמבער 1844 ווערן די קהילות אָפיציעל אָפּ־

געשאפט. דעם זעלבן טאג ווערט אויך געשאפן א ספעציעלער אפצאל אויף כשר פלייש, די בארימטע טאקסע, און אן אפצאל אויף שבת־יום־טוב־ליכט. די „טאקסע" און „די בעלי־טאקסע" וועלן ווערן די וויטערדיקע פירער פון יידישן לעבן אין רוסלאנד. גלייכ־צייטיק ווערט פארארדנט אויסצוּוויזן די יידן פון אלע ישובים, וואס געפינען זיך נענ־טער פון פופציק וויארסט צום גרענעץ, אבער די גזירה ווערט נישט דורכגעפירט. אין דער זעלבער צייט טרעטן צו די רעגירונגס ארגאנען צו אויסארבעטן א פראיעקט וועגן איינטיילן די יידן אין קאטעגאריעס פון ניצלעכע און אומניצלעכע.

דער וויי־געשריי פון די רוסישע יידן דערגרייכט קיין אויסלאנד, און ר' משה מאנטעפיארע, וואס האט זיך ערשט צוריקגעקערט פון זיינע נסיעות אין מזרח, אין שייכות מיטן בלוט־בלבול פון דמשק, נעמט אויף זיך צו פארן קיין רוסלאנד און אינטערוועני רן ביים צאר פאר זיינע געפלאגטע ברידער. אין מערץ 1846 קומט ער אן קיין פעטערבורג און ווערט אויפגענומען אויף אן אודיענץ פון צאר, וועלכער זאגט צו אויסצוהערן די מיינונג פון חשובן גאסט, וואס ער וועט אים צושטעלן נאך א טור איבער די יידישע ישובים, דורכן יידישן קאמיטעט. די רייזע פון משה מאנטעפיארע איבערן תחום איז געווען א דערמונטערונג פאר די יידישע ישובים, אבער קיין פאזיטיווע רעזולטאטן האט זי נישט געבראכט, די צארישע רעגירונג איז געווען טויב צו יעדער פארנונפטי־קער מיינונג.

א צווייטער יידישער טוער פון מערב איז געקומען דעם זעלבן יאר קיין רוס־לאנד. יצחק אלטאראס פון מארסעל האט געבראכט א פארשלאג וועגן אריבערפירן א צאל יידן קיין אלזשיר, וואס איז נישט לאנג צוריק געווארן א פראנצויזישע קאלאניע. לכתחילה האט די צארישע רעגירונג געפאדערט אויסלייז־געלט פאר די יידן וואס זי וועט ארויסלאזן, נאכהער האט זי זיך פון דער פאדערונג אפגעזאגט, אבער פון דעם גאנצן ענין איז גארנישט געווארן. דאס איינציקע פאזיטיווע, וואס קאן פאר־צייכנט ווערן פאר די זווידערלעכע יארן פון דעם ניקאלאיישן רעזשים, איז א קליינע פארשטארקונג אין דער יידישער קאלאניזאציע אין דרום־רוסלאנד, וווּ עס זענען קאנ־צענטרירט געווארן א פאר טויזנט קאלאניסטן־משפחות. א טייל פון זיי האט לכתחילה געזאלט פארשיקט ווערן קיין סיביר, אבער אין יאנואר 1837 איז ארויס אן „אוקאז" אומצוקערן זיי פון וועג און קאלאניזירן אין כערסאנער געגנט. צאר ניקאליי דער ערש־טער קאן דערפאר באטראכט ווערן ווי א פארגייער פון דעם פראיעקט צו באזעצן יידן אין בירא־בידזשאן (סיביר).

139סטע לעקציע

פון „פרילינג פון די פעלקער" ביז צו פרייסישער רעאַקציע

(1881 ־ 1848)

דער אַזוי גערופענער פרילינג פון די פעלקער, די פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1848, האָט געהאַט אַ קורצן קיום; אין דריי יאָר אַרום איז די רעפּובליק פאַרביטן געוואָרן מיט דער צווייטער באָנאַפּאַרטישער אימפּעריע, מיטן פּלימעניק פון נאַפּאָלעאָן דעם ערשטן, נאַפּאָלעאָן דער דריטער, אַלס אימפּעראַטאָר. אָבער די ענדערונג פון דער פּאָליטישער סטרוקטור פון לאַנד האָט וויניק געווירקט אויפן מצב פון די יידן. אויב אין דער פּראָוויזאָרישער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג זענען געווען צוויי יידן: אַדאָלף קרעמיע און מיכל גודשאָ, איז אין אימפּעריאַלן קאַבינעט געווען דער ייד אַנשיל פולד „אַ שלעכטער ייד און אַ גוטער מאָנאַרכיסט". דאָך האָבן יידן אין די צייטן פון דער צווייטער אימפּעריע געליטן געזעלשאַפטלעך צוליב דער פאַרשטאַרקונג פון דער קלעריקאַלער השפּעה אין לאַנד. אין אינערלעכן יידישן לעבן הויבט זיך אָן אין פראַנקרייך אַ טיפער פּראָצעס פון אַסימילאַציע.

אָבער אויך אין די אַסימילירטע קרייזן איז פאַראַן אַ פאַרערונג פאַר יידישקייט און אַ באַציאונג צו יידישע ענינים. דער האַלבער ייד יוסף סאַלוואַדאָר פאַרעפנטלעכט אין 1860 זיין ווערק: פּאַריז, רוים, ירושלים, אין וועלכן ער באַטראַכט פּאַריז אַלס צענטער פון דער רעוואָלוציע, די דעמאָלדיקע פּויפּסטלעכע רוים אַלס צענטער פון דער רעאַקציע, און ירושלים, וואָס דאַרף צוריק אויפלעבן אַלס גייסטיקע הויפּטשטאָט פון דער באַנייטער וועלט. דעם זעלבן יאָר ווערט אין פּאַריז געשאַפן די „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל" (כ ל י ש ר א ל ח ב ר י ם), וואָס שטרייכט אונטער שוין מיט איר נאָמען אַליין די אַלוועלטלעכע יידישע סאָלידאַריטעט, און שטעלט זיך צוויי עיקר־צילן: 1) מיטווירקן אומעטום פאַר דער גלייכבאַרעכטיקונג און גייסטיקן פאַרשריט פון די יידן, 2) העלפן די אַלע, וואָס ווערן פאַרפאָלגט אַלס יידן. דער אַסימילאַציע־שטראָם האָט אָבער זיך צעשטערט דעם סאָלידאַריטעט־פּרינציפּ. אַזוי טיילט זיך אָפּ פון דער אַלוועלטלעכער פאַראייניקונג, אין 1871, די בריטישע גרופּע, וואָס גרינדעט די „אַנגלאָ־יידישע געזעלשאַפט", אין 1873 ווערט אין ווין געגרינדעט די „איזראַעליטישע אַליאַנץ", שוין אָן דעם צוגאָב אַלוועלטלעכע. אין 1893 ווערט אין בערלין געגרינדעט דער „צענטראַל־פאַראיין פון דייטשישע שטאַטסבירגער

מאַזאַישן גלאַובענס". אין 1906 ווערט אין די פּאַראַייניקטע שטאַטן געגרינדעט דער „אַמעריקאַנער יידישער קאָמיטעט". אַלע די געזעלשאַפטן פון אסימילירטע, אָדער האַלב־אסימילירטע יידן שטעלן זיך ענלעכע צוועקן ווי די „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל", אָבער זיי באַטאָנען מער די אָנגעהעריקייט צום לאַנד, פון וועלכן זייערע מיטגלידער זענען בירגער און ווייניקער דעם מאָמענט פון אַלוועלטלעכער יידישער סאָלידאַריטעט, ווען אפילו אַלע טרעטן ארויס אין פאַרטיידיקונג פון יידישע אינטערעסן אויך אויסער די גרענעצן פון זייערע רעספּעקטיווע לענדער. די „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל" האָט בעיקר אַנטוויקלט א קולטור־טעטיקייט צווישן די עדות פון נאָענטן אָריענט. אדאָלף קרעמיע, וואָס איז געווען איר פּאַרזיצער פון 1863 ביז 1880, האָט אַלס פראַנצויזישער יוסטיץ־מיניסטער נאָך דער רעוואָלוציע פון 1870 דורכגעפירט די פולסטע גלייכבארעכטיקונג פון די יידן אין אַלזשיר, וואָס איז צו יענער צייט אָנגעשלאָסן געווארן אין פראַנקרייך. קרעמיע שיקט אויך שאַרל נעטר קיין ארץ־ישראל, ווו עס ווערט געגרינדעט די ערשטע יידישע אַגריקולטור־שולע. די שולע וואָס טראָגט דעם נאָמען „מקוה ישראל" (די האָפענונג פון ישראל), איז געגרינדעט געוואָרן אין 1870 און האָט געדינט אַלס ערשטער קערן פאַר דער אַנטוויקלונג פון דער יידישער ערד־אַרבעט אין לאַנד פון די אָבות, ווו עס וועט מיט דער צייט, אין אַכציק יאָר אַרום, אויפקומען דער זעלבסט־שטענדיקער יידישער שטאַט, מדינת ישראל.

דער באַגריף פון אַלוועלטלעכער יידישער סאָלידאַריטעט און די כמעט אונטער־באַוווסטזיניקע שטרעבונג צוריק צו ארץ־ישראל, וואָס האָבן געפונען זייער אויסדרוק אין די קרייזן פון דער „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל", האָבן זיך אויך געריסן צום אויסדרוק אין די פאַרשידנסטע יידישע קרייזן פון אַנדערע לענדער. אין 1862 פאַר־עפנטלעכט דער געוועזענער אסימילאַטאָר, רעוואָלוציאָנער און סאָציאַליסט משה העס זיין ווערק „רוים און ירושלים", אין וועלכן ער שטעלט פעסט זיין נייעם צוגאַנג צו דער יידנפראַגע: „יידנטום איז פאַר אַלעמען א נאַציע. אַמאָל האָט די נאַציע געדינט ווי א גייסטיק געווערק פאַר דער סאָציאַלער באַנייאונג פון דער וועלט, איצט, ווען די אויפלעבונג פון די קולטור־פעלקער דערגרייכט צו איר העכסטער שטופע, קאָן די דאָזיקע אומה (די יידישע) אויך פייערן דעם יום־טוב פון איר ווידערגעבורט". נישט אומזיסט ווערט העס פאַררעכנט ווי א פאָטער פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. דעם זעלבן יאָר פאַרעפנטלעכט זיין ספר „דרישת ציון" (שטרעבונג צו ציון) דער אָרטאָדאָק־סישער רב פון טוירן, ר' צבי הירש קאַלישער, וועלכער שלאָגט פאָר צו גרינדן א געזעלשאַפט פאַר קאָלאָניזירן ארץ־ישראל און צוציען צו דער זעלבער די יידישע געלט־מאַגנאַטן, די ראָטשילדס און די מאָנטעפיאָרעס. דער געדאַנק פון שיבת ציון ווערט נעבוירן איינצייטיק אין מוח פון א פרומען רב און א וועלטלעכן סאָציאַליסט.

אַן אמתע איבערקערעניש אין די מוחות פון די אסימילאַטאָרן האָט געמאַכט דער פּראָפעסאָר פון געשיכטע פון דעם ראַבינער־סעמינאַר פון ברעסלוי, היינריך גרעץ

מיט זײַן קאַפּיטאַל על־בענדיק װערק איבער ייִדישער געשיכטע, װאָס איז דערשינען אין דײַטש, צװישן די יאָרן 1853 און 1870, און אין װעלכן דער מחבר װאָגט צו זאָגן אַז: „אױך די געשיכטע פֿון דער נאָך־תּלמודישער עפּאָכע איז נאָך אַ נאַציאָנאַלע; דאָס איז נישט קײן היסטאָריע פֿון בלױז אַ רעליגיע, אָדער אַ קירכע, װײַל ייִדישקײט איז נישט נאָר די אַנטװיקלונג פֿון אַ באַשטימטער לערע, נאָר אױך דער װוּקס פֿון אַ פֿאָלקס־שטאַם, װאָס לעבט אױך אָן אַ באָדן און אָן אַ באַזונדערן שטאַט און פֿאַרבײַט די פּאָזיטיװע גרונד־באַזעס מיט גײַסטיקע קרעפֿטן".

דער געזונטער נאַציאָנאַלער אינסטינקט האָט אונטערגעזאָגט מענטשן פֿון די פֿאַרשידנסטע אײַנשטעלונגען, אַז די אינדיװידועלע עמאַנציפּאַציע האָט נאָר דעמאָלט אַ באַדײַטונג און אַ זין, װען זי פֿירט צו פֿולשטענדיקער נאַציאָנאַלער עמאַנציפּאַציע. דער זעלבער געדאַנק האָט אָבער אָפּגעשראָקן די עקסטרעמע אַסימילאַטאָרן, װאָס האָבן זיך באַצײַטנס אָנגעהױבן שרעקן פֿאַרן גײַסט פֿון ייִדישן נאַציאָנאַליזם. טענהט דער בערלינער פּראָפֿעסאָר מאָריץ לאַצאַרוס, אין זײַנער אַ רעדע געהאַלטן אין 1879, אַז דײַטשישע ייִדן געהערן צום דײַטשישן פֿאָלק שפּראַכלעך, און דערפֿאַר אױך גײַסטיק און היסטאָריש. דער ייִדיש־דײַטשישער שרײַבער בערטאָלד אױערבאַך װערט ממש דער־שראָקן װען ער דערװיסט זיך, אַז זײַן פֿרײַנט משה העס גײט פֿאַרעפֿנטלעכן זײַן װערק „רױם און ירושלים". ער האַלט, אַז דאָס קאָן אָנצינדן אַ שריפֿה. ערשט אין 1879, װען אין דײַטשלאַנד הױבן אָן אױפֿפֿלאַקערן פֿײַערן פֿון מאָדערנעם אַנטיסעמיטיזם, אַנערקענט אױך אױערבאַך, אַז מען מוז זיך צוריקקערן צו די שטאַם־גענאָסן. װײַטער פֿון אָט די האַלב־װעג אַסימילאַטאָרן, װאָס האָבן דאָך געהאַט װעלכן ס'איז אינטערעס אין ייִדישע ענינים, זענען אַװעק די דײַטשישע פּאָליטיקער פֿון ייִדישן אָפּשטאַם, װי פֿערדינאַנד לאַסאַל, קאַרל מאַרקס, דער פֿאָטער פֿון סאָציאַליזם, פֿרידריך יוליוס שטאַהל, דער פֿאָטער פֿון דער פּרײַסישער רעאַקציע. דער עקסטרעמער דעמאָקראַט יאָהאַן יאַקאָבי, די פּאָליטיקער לאַסקער און באַמבערגער, װאָס האָבן זיך באַצױגן גלײַכגילטיק װען נישט פֿײַנטלעך, צו זײער שטאַם־פֿאָלק. מאַרקס און שטאַהל האָבן זיך געשמדט.

דערװײַל איז גאָר אַ לאַנגער מלחמה פֿון אַרום צען יאָר דורכגעזעצט געװאָרן אין ענגלישן פּאַרלאַמענט די ענדערונג פֿון דער שבועה פֿאַר די דעפּוטאַטן, און דעם 26סטן יולי 1858 האָט ליאָנעל ראָטשילד, דער ערשטער ייִדישער דעפּוטאַט אין ענג־לישן פּאַרלאַמענט, פֿאַרנומען זײַן אַמט, נאָך דעם װי ער האָט געשװוירן לױט אַ ספּע־ציעלער פֿאָרמול, אין װעלכער די שלום־װערטער: „װי אַ געטרײַער קריסט" זענען פֿאַר־ביטן געװאָרן אױף די װערטער „אַזױ העלף מיר גאָט". אױך אין ענגלאַנד רײַסט זיך דורך דער געדאַנק פֿון נאַציאָנאַלער עמאַנציפּאַציע פֿאַר ייִדן, אָבער גראַד נישט אין ייִדישע קרײַזן, נאָר צװישן נישט־ייִדן און אַפֿילו משומדים. אין 1876 פֿאַרעפֿנטלעכט די שרײַבערין זשאָרזש עליאָט איר ראָמאַן „דניאל דעראָנדאַ", װוּ זי מאָלט אַ ייִדישע פֿרײַלין װאָס טראָגט שטאָלץ דעם ייִדישן נאָמען אין אַ קריסטלעכער סביבה, און אַ

יידישן יונגנמאַן, וואָס האָט אויף דער ווידעראויפלעבונג פון יידישן פאָלק אין לאַנד פון די אבות.

דער משומד בנימין ד׳איזראַעלי, וועלכער איז געוואָרן ענגלישער פּרעמיער־מיניסטער מיטן לאָרד־טיטל ביקאָנספילד, פאַרעפנטלעכט נאָך אין 1833 זיין ראָמאַן דוד־אלראָי, וועגן דעם משיחישער באַוועגונג אין עלפטן יאָרהונדערט, און אין 1847 „טאַנקרעד״, אין וועלכן ער פּריידיקט אַ סינטעז פון יידנטום מיט קריסטנטום, פון סעמיטיזם מיט אַריאַניזם. וואָס עלטער ד׳איזראַעלי ווערט, אַלץ שטאָלצער פילט ער זיין יידישן יחוס, און נישט איינמאָל שטרייכט ער עפנטלעך אונטער, אַז ער איז שטאָלץ צו שטאַמען פון אָט דער עלטסטער אַריסטאָקראַטיע פון דער מענטשהייט. אין 1878, אויפן קאָנגרעס פון בערלין, קעמפט ביקאָנספילד אויס די גלייכבארעכטיקונג פון די יידן אין די באַלקאַנישע מלוכות.

אויך דער קאַמף פאַר דער פולער גלייכבארעכטיקונג פון די יידן אין איטאַליע האָט נישט גענומען ווייניקער פון 22 יאָר, פון 1843 ביז 1870. אויף וויפל איטאַליע איז געוואַקסן אַלס מלוכה, איינשליסנדיק די פאַרשידענע טיילן פון האַלב־אינדזל אין איר נאַציאָנאַלער אָרגאַניזאַציע האָט זי באַפרייט אירע יידישע בירגער און געגעבן זיי גלייכע רעכטן מיט אַלע אַנדערע. די לעצטע אָנגעשלאָסן צו ווערן אין איטאַליענישן שטאַט, און דערפאַר אויך צו געבן גלייכבארעכטיקונג אירע יידישע איינוווינער, איז געווען די פּויפּסטלעכע רוים. שוין ביי די ערשטע ווינטלעך פון „פרילינג פון די פעל־קער״ האָט זיך פּויפּסט פּיוס דער נייינטער געאיילט דורכצופירן זיין לאַנגסטיקן פּלאַן צו צעשטערן די ווענט פון געטאָ. צום ערשטן סדר פון יאָר 1848 האָט מען אָנגעהויבן די אַרבעט און אין אַ פּאָר טעג אַרום איז זי געווען פאַרענדיקט. דער המון, אָנגערייצט פון די קלעריקאַלע רעאַקציאָנערן, האָט אויסגענוצט די געלעגנהייט צו מאַכן אַ פּאָגראָם אויפן באַפרייטן געטאָ, אָבער די נאַציאָנאַלע גוואַרדיע, צווישן וועלכער עס איז אויך געווען אַ באַזונדערער יידישער באַטאַליאָן, האָט אָפּגעשטעלט דעם פּאָגראָם. די פאַ־רעווע רעפאָרמעס פון פּיוס דעם נייינטן האָבן נישט צופרידנגעשטעלט די רוימישע פּאַטריאָטן, און אין 1849 ברעכט אויס אין רוים אַ רעוואָלוציע, וואָס פּראָקלאַמירט די רעפּובליק. אין דער נאַציאָנאַלער פאַרזאַמלונג זענען אויך פאַראַן צוויי יידן, און דריי אין דער ניי־דערוויילטער שטאַט־פאַרוואַלטונג. דער פּויפּסט אַנטלויפט, אָבער ער קומט צוריק אין אַפּריל 1850, געשטיצט פון פראַנצויזישן מיליטער. ערשט דאַן צעשפּילט זיך די שרעקלעכסטע רעאַקציע. יידן, בעיקר קליינע קינדער, ווערן געצוואונגען צו שמד. אין יוני 1858 רויבן אַוועק די פּויפּסטלעכע זשאַנדאַרן דאָס זעקס־יאָריקע יידישע קינד עדגאַר מאָרטאַראַ פון באָלאָניע, און פירן עס אַוועק אין משומדים־הויז אויפן גרונד פון דעם, וואָס די הויז־דינסט פון דער פאַמיליע האָט דערציילט, אַז ווען דאָס קינד איז אַמאָל געווען שטאַרק קראַנק, האָט זי עס געלאָזט אין געהיים אָפּשמדן. אַלע פּראָטעסטן און אַפילו די אינטערווענץ פון די אימפּעראַטאָרן: פראַנץ־יאָזעף פון עסטרייך און

נאפּאָלעאָן דער דריטער פון פראנקרייך, האָבן נישט געהאָלפן, מאָרטארא איז געבליבן א קריסט און איז דערצויגן געוואָרן פאר א גלח און היפּשן אַנטיסעמיט. אזוי האָבן יידן געליטן אין רוים ביזן 20סטן סעפּטעמבער פון 1870, ווען דאָס איטאליענישע מיליטער האָט צוליב דער מפּלה פון פראנקרייך אין סעדאַן געקאָנט אריין אין שטאָט, די נייע רעגירונג האָט גלייך אָפּגעשאפט אלע באגרענעצונגען קעגן די יידן, וואָס געניסן פון דאן אָן פולע רעכטן, מיט א קליינעם איבעררייס אין די יאָרן פון דיקטאטאָר מוסאָליני.

שווער איז אויך אָנגעקומען דער קאַמף פאר גלייכבארעכטיקונג אין די היינט זייער ליבעראלע לענדער שווייץ, שוועדן און נאָרוועגן. נאָך לאנגע און לאנגזאמע אָנשטרענגונגען האָבן די קליינע יידישע קבוצים פון שוועדן און נאָרוועגן באקומען זייער גלייכבארעכטיקונג אין 1870. אין דער ליבעראלער שווייץ האָט עס געמוזט נעמען נאָך פיר יאָר, ביז וואנען מען האָט ארויסגענומען פון דער קאָנסטיטוציע די באגרעניצונגען קעגן נישט־קריסטן. אָבער אויך נאָך דעם האָבן זיך א רייע קאַנטאָנען געווערט א צייט קעגן פולער גלייכבארעכטיקונג פאר יידן.

אויך אין דייטשלאנד זענען פארלאָפן העכער צוואנציק יאָר ביז דער באשלוס פון 1848 צו געבן יידן גלייכבארעכטיקונג איז אָנגעווענדט געוואָרן אין דער פּראַקטיק. בייערן, פּרייסן און א רייע קלענערע מלוכות האָבן נאָך די ערשטע ווינטן פון „פרילינג פון די פעלקער" טיילווייז, אָדער גענצלעך, צוריקגעצויגן די געגעבענע גלייכבארעכטיקונג. יידן האָבן געמוזט מאכן ספּעציעלע אָנשטרענגונגען דורך פּעטיציעס און דעלעגאציעס, אויף אָראָפּצונעמען א רייע באגרענעצונגען וואָס זענען צוריק איינגעפירט געוואָרן. אין די פארלאמענטן און לאנדטאגן האָט מען זיך געהאַלטן אין איין מתווכח זיין, צי דאַרף מען ביי יידן בלויז צונעמען זייערע בירגער־רעכט, אָדער עס איז אויך כדאי צו באגרענעצן זייערע ציווילע רעכטן? סוף כל סוף איז דעם 3טן יולי 1869 דערשינען א קעניגלעכער דעקרעט פון קעניג פון פּרייסן, וואָס איז אויך געווען דער ראש פון צפון־דייטשישן מלוכות־בונד. אז „אלע עקזיסטירנדיקע באגרענעצונגען אין די פּאָליטישע און ציווילע רעכטן צוליב רעליגיעזע מאָטיוון ווערן אָפּגעשאפט". דער דעקרעט האָט אויך געהאַט א ווירקונג אויף די דרום־דייטשישע מלוכות אין 1870, ווען נאָכן נצחון איבער פראנקרייך זענען אלע שטאטן פון דייטשלאנד פאראייניקט געוואָרן אין דער דייטשישער אימפּעריע.

אין דער עסטרייך־אונגארישער אימפּעריע מיט אירע פיל פעלקערשאפטן און האלב־אויטאָנאָמע שטאטן איז דער פּראָצעס פון יידישער עמאנציפּאציע צוגעגאנגען נאָך לאנגזאמער און קאָמפּליצירטער. חוץ דעם אלגעמיינעם קאַמף מיט דער קייזערלעכער מאכט, וואָס האָט לכתחילה ביים אויסברוך פון דער רעוואָלוציע אין „פרילינג פון די פעלקער", מערץ 1848, געמאכט ווייט־גייענדיקע צוזאָגן וועגן קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים און פרייהייטן, און שפּעטער געזוכט ווי ווייט מעגלעך צו פארשמעלערן די

דאַזיקע צוזאָגן און אַפילו גאָר אין גאַנצן צוריקרופן זיי, דאָרט וווּ עס איז געווען מעג־לעך, האָבן די יידן געהאַט אויסצושטיין פון די לאָקאַלע געזעצגעבערישע אינסטאַנצן און פון דעם קאַמף פאַר אויבערמאַכט אין די געמישטע געגנטן. אין ביימען און גאַ־ליציע און אין פויזן, צווישן די סלאַווישע און די דייטשישע טיילן פון דער באַפעלקע־רונג, אין אונגאַרן צווישן די דייטשן און די מאַדיאַרן. יעדעס פאָלק האָט זיך געהאַלטן פאַרן אויבערהאַר פון די יידן און געפאָדערט, אַז די יידן זאָלן מיטשפּילן זיין פּאָליטיק. און דעם טומלדיקן יאָר 1848 איז עס אַפילו געקומען צו פּאָגראָמען אויף יידן אין אַ רייע מקומות. אָבער פון פערטן מערץ 1849, ווען דער נייער אימפּעראַטאָר פראַנץ יאָזעף דער צווייטער, וואָס יידן פלעגן שפּעטער רופן ליבלעך מיטן יידישן נאָמען „אפרים־יאָסל", איז אַרויף אויפן טראָן און „געשאָנקען" זיינע פעלקער אַ געמעסיקטע קאָנס־טיטוציע הויבט זיך אָן די יידישע לאַגע צו בעסערן. בהדרגה ווערן אָראָפּגענומען די מיטלאַלטערלעכע באַשרענקונגען, זייערע ציווילע און בירגערלעכע רעכטן ווערן אויס־געברייטערט, אין אייניקע מדינות באַקומען זיי אַפילו פולע גלייכבאַרעכטיקונג. נאָר אונגאַרן איז די מער פאַרעקשנטע און גייט נאָך מיט שוועריקייטן יעדן ווייטערדיקן שריט פאַר יידישער גלייכבאַרעכטיקונג, פאָדערנדיק דערביי דעם פּולן פּרייז פון פול־שטענדיקער אַסימילאַציע. די טריישאַפט פון די עסטרייכישע און בעיקר גאַליציאַנישע יידן צום קיסר פראַנץ־יאָזעף איז געווען אויף אַזוי ווייט אַ מוסטערהאַפטע, אַז דאָס וואָרט קיר"ה, ראשי תיבות פון די ווערטער קיסר ירום הודו (דער קייסער, דערהויבן זאָל ער ווערן), איז געוואָרן אַ ביינאָמען פאַרן לאַנג און פאַר די יידן פון עסטרייך.

קיין רוסלאַנד איז דער „פרילינג פון די פעלקער" אָנגעקומען מיט אַ פאַרשפּע־טיקונג פון גאַנצע זיבן יאָר. אין 1855 שטאַרבט דער דעספּאָטישער ניקאָליי דער ערש־טער און אויפן טראָן גייט אַרויף זיין זון אַלעקסאַנדער דער צווייטער, וואָס הויבט אָן אַ מער ליבעראַלע פּאָליטיק, וועלכע רופט זיך אויך אָפּ אויפן מצב פון די יידן. אין 1856 דערשיינט אַן אוקאַז, וואָס גלייכט אויס יידן מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקע־רונג אין באַצוג צו מיליטער־דינסט. דער קאַנטאָניסטן־סיסטעם ווערט אָפּגעשאַפט. דעם זעלבן יאָר ווערט אויך באַפוילן „איבערצוקוקן די געזעצגעבונג וועגן די יידן און צו־פּאַסן זי צום צוועק פון צוזאַמענשמעלצן זיי מיט דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג". אין יוני פון זעלבן יאָר ווענדט זיך אַ גרופּע רייכע יידן, צווישן זיי דער „פּאָדריאַדטשיק" יוזל גינזבורג צו דער רעגירונג, בעטנדיק אַז דער צאַר זאָל באַווייליקן „אויסקלייבן די קערנער פון שטרוי און געבן אייניקע הנחות פאַר די אויסדערוויילטע און אויפגע־קלערטע צווישן אונדז". די רעגירונג איז אַוועק אויף דעם אָנגעצייכנטן וועג פון געבן געוויסע רעכטן צו די פּריווילעגירטע יידישע גרופּעס. אין 1859 באַקומען די גרויסע יידישע סוחרים (ערשטע גילדע) דאָס רעכט צו וווינען איבער גאַנץ רוסלאַנד מיט זייערע משפחות און אַ באַגרענעצטער צאָל יידישע אָנגעשטעלטע און משרתים.

אין 1861 באַקומען ענלעכע רעכט די יידן, וואָס האָבן פאַרענדיקט אַ רוסישן

אוניווערזיטעט מיטן טיטל דאָקטאָר אָדער מאַגיסטער, אָדער קאַנדידאַט, זיי מעגן אויך אָנגענומען ווערן אויף רעגירונגס־שטעלעס. אין 1865 באַקומען וווינרעכט איבער גאַנץ רוסלאַנד אויך טעכניקער, דיפּלאָמירטע בעלי־מלאכות, און אַפילו די, וואָס לערנען זיך אַ מלאכה. דערביי ווערן אויך געעפנט פאַר יידן די אַלגעמיינע לערן־אַנשטאַלטן. אויך די אָפיציעלע שולן ספּעציעל פאַר יידן, וואָס זענען דערעפנט געוואָרן נאָך פאַר ניקאָליי דעם ערשטן באַקומען אַ היפּשן צופלוס פון שילער. יידן האָבן זיך אַ וואָרף געטאָן אויף דער רוסישער שפּראַך און רוסישער קולטור וואָס האָבן זיך אין יענער צייט צעבליט, און דאָס האָט געפירט צו אַ רוסיפיקאַציע פון אַ היפּשן טייל פון דער יידישער יוגנט.

אָן ענלעכער פּראָצעס פון אַסימילאַציע הו נט זיך אָן אין פּוילן, ווו אַ טייל יידן וועלן זיך אידענטיפיצירן מיט די פּאָליאַקן און פּאָלאָניזירן זיך, אַ צווייטע טייל, בעיקר די צוגעפּאָרענע פון רוסלאַנד, זוכן דווקא צו בלייבן אידענטיפיצירט מיט די הערשנדיקע רוסישע עלעמענטן. די דאָזיקע מיינונגס־פאַרשידנקייט האָט זיך אויסגע־ווירקט בשעת דעם פּוילישן אויפשטאַנד קעגן רוסלאַנד אין 1863.

דער „פרילינג פון די פעלקער" האָט אַרויסגעפירט די יידן אין אייראָפּע פון זייער מצב פון אַבסאָלוטער רעכטלאָזיקייט, אַפילו אין צאַרישן רוסלאַנד זענען שוין געווען יידן, וואָס האָבן געהאַט אַ שאָטן פון עמאַנציפּאַציע. אָבער פאַר דער טיילוויזער. אָדער פולשטענדיקער גלייכבאַרעכטיקונג איז געצאָלט געוואָרן דער הויכער פּרייז פון טיילווייזער אָדער פולער אַסימילאַציע. יידן דערווייטערן זיך ביסלעכווייז פון זייערע אוראַלטע האָפענונגען אויף נאַציאָנאַלן ווידערגעבורט. די מאַסע אין מזרח־רוסלאַנד איז פאַרזונקען אין מיטלאַלטער, זי איז אָרעם און אומוויסנדיק. די אינטעליגענץ זוכט אומעטום צו אידענטיפיצירן זיך מיט דער אַרומיקער סביבה נישט נאָר אויסערלעך, נאָר אויך אידעאיש און גייסטיק. די מער יידיש געשטימטע פריידיקן אַ מין טאָפּלטע בוכ־האַלטעריע: „אַ מענטש אין גאַס און אַ ייד אין הויז", גלייך ווי צווישן די באַגריפן ייד און מענטש וואָלט געווען עפּעס אַ חילוק. נאָר אין געציילטע מוחות פון לומדים און משכילים לעבט דער געדאַנק פון נאַציאָנאַלן אויפקום און זייערע הערצער קלאַפּן מיט דער האָפענונג אויף אַ פולן יידישן לעבן.

אָבער דער פרילינג האָט אין רוסלאַנד נישט לאַנג אָנגעהאַלטן. פון 1866 מערקט זיך אַ רעאַקציאָנערע ענדערונג אין דער אַלגעמיינער פּאָליטיק, וואָס רופט זיך אויך אָפּ אויפן מצב פון די יידן. דערצו האָט נאָך צוגעהאָלפן אַ טרויעריקע דערשיי־נונג פון אינערלעכן יידישן לעבן. דער משומד יעקב בראַפמאַן וואָס איז געווען שטאַרק אין כעס אויף כהל, ווייל עס האָט געהאַלטן אַז מען זאָל אים אָפּגעבן אַלס קאַנטאָניסט און ער האָט זיך געמוזט שמדן בכדי אויסצומיידן דאָס אומגליק, דער־לאַנגט אין 1858 אַ מסירה צום צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן, אַז די קהילה, וואָס איז אָפּגעשאַפט געוואָרן אָפיציעל אין 1844, האָט פאַקטיש נישט אויפגעהערט צו עקזיסטירן. בראַפמאַן ווערט דערפאַר באַדאַנקט מיט אַ שטעלע פון אַ לערער פאַר

העברעאיש אין פעטערבורגער גלחים־סעמינאר. דער משומד, וואס איז אויף אזא אופן עולה לגדולה געוואָרן, הויבט אָן פאַרעפנטלעכן אַ רייע מאמרים מיט מסירות און בלבולים אויף יידן. די מאמרים ווערן צרויסגעגעבן ווערן אין 1869 אין אַ באַזונדער בוך „קניגא קאהאלא" (דאס בוך וועגן דער קהילה); אַלס אַלוועלטלעכע יידישע קהילה ווערט ארויסגעשטעלט די „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל", און דאס בוך פון בראַפמאַן ווערט צעשיקט אין אַלע רעגירונגס־אינסטאַנצן ווי אַ האַנטבוך וועגן דער יידנפראַגע. אין 1870 באַזוכט צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער פוילן, און זיין עסטעטישער געשמאַק ווערט אומגינסטיק באַאיינדרוקט פון דער אייגנאַרטיקער יידישער קליידונג, וואָס ער האָט געדענקט, אַז זי איז שוין לאַנג אָפּגעשאַפט געוואָרן. צוליב דעם אַלעמען ווערט ווידער אַמאָל אויפגעהויבן די יידנפראַגע, און אין 1871 ווערט באַשטימט אַ ספּעציעלע קאָמיסיע, וואָס דאַרף שטודירן מיטלען אויף „אָפּצושוואַכן די געזעלשאַפטלעכע סאָלידאַריטעט צווישן די יידן". דעם זעלבן יאָר ברעכט אויס אין די פסח־טעג אַ פּאָגראָם אין אָדעס, וועלכער האַלט אָן דריי טעג, ביז די באַהערדן אַנטשליסן זיך אים אָפּצושטעלן און אפילו שמייסן עפנטלעך די פּאָגראָמשטשיקעס.

אין 1876 דערשיינט דאָס בוך פון דעם פּאָליאַק היפּאָליט לוטאָסטאַנסקי, וואָס איז באַזייטיקט געוואָרן פאַר אויסגעלאַסנקייט פון זיין אמט אַלס קאַטוילישער גלח און איז געוואָרן אַ פּראַוואָסלאַווגער פּאָפּ. דאָס בוך באַהאַנדלט די פראַגע „וועגן דעם וואָס יידן נוצן קריסטלעך בלוט", און דער זשאַנדאַרם־שעף פון דער אימפּעריע קויפט אַ צאָל עקזעמפּלאַרן, אויף צו צעשיקן זיי אין אַלע אָפּטיילונגען פון דער צארישער געהיים־פּאָליציי. אין 1878 באַווייזן זיך די ערשטע רעזולטאַטן פון דעם ווערק. אין קוטאַיס שווימט אויף אַ בלוט־בלבול. ניין יידן ווערן באַשולדיקט אין טויטן אַ קריסטלעך מיידעלע, בכדי צו באַנוצן איר בלוט אויף רעליגיעזע צוועקן. דאָס רוסישע געריכט איז דאָן געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך און האָט די באַשולדיקטע באַפרייט אין 1879. אָבער ווען דעם זעלבן יאָר האָט דער משומד דניאל כוואָלסאָן פּראָפעסאָר אין דער העכסטער אַקאַדעמיע פאַר גלחים, פאַרעפנטלעכט אַ ווערק, אין וועלכן ער מאַכט צונישט מיט וויסנשאַפטלעכע באַווייזן דעם בלוט־בלבול אַלס אַזעלכן, טרעט ארויס קעגן אים דער רוסישער היסטאָריקער קאָסטאָמאַראָוו און פּרוּווט באַרעכטיקן דעם בלוט בלבול. דעם זעלבן יאָר פאַרעפנטלעכט לוטאָסטאַנסקי זיין צווייט ווערק „דער תלמוד און די יידן", און ווען אפילו דער רעדאַקטאָר פון „המליץ", אַלעקסאַנדער צעדערבוים, דערוויזט, אַז די ציטאַטן וואָס לוטאָסטאַנסקי ברענגט זענען אַלע געפעלשט, און רופט אים אַרויס אויף אָן עפנטלעכן וויכוח, דרייט זיך לוטאָסטאַנסקי פון וויכוח אַרויס און זיינע בלבולים הערן דאָך נישט אויף צו ווירקן אויף דער רוסישער געזעלשאַפט.

אויפן יידישן לעבן אין מזרח־אייראָפּע הויבן זיך ווידער אָן אָנצוזוקן די שוואַרצע שאָטנס פון מיטלאַלטער.

140סטע לעקציע

קולטור־אויפבלי

(1881 ־ 1784)

די רעוואָלוציאָנערע כוואַליע, וואָס האָט פאַרפלייצט מערב־ און צענטראַל־אייראָפּע אין יאָר 1848, דער אַזוי גערופענע „פרילינג פון די פעלקער" און די גלייכ־באַרעכטיקונג, וואָס יידן האָבן אַלס פּועל יוצא דערפון באַקומען אין א רייע לענדער, האָבן געטראָפן די יידישע געמיינשאַפט אויף א פיל העכערן קולטור־ניוואָ ווי דער ערשטער אָנזאָג פון דער עמאַנציפּאַציע, די צפון־אַמעריקאַנער רעוואָלוציע אין 1776, און אַפילו איר ערשטע רעאַליזירונג, די גרויסע פראַנצויזישע רעוואָלוציע פון 1789.

די אָפּפרישונג פון יידישן געמיט, וואָס דאָס חסידות האָט אַריינגעטראָגן, דער דראַנג צו בילדונג, וואָס די השכלה האָט ארויסגערופן, די צוואַנגס־בילדונג אימ־פּאָנירט פון אויפגעקלערטן אַבסאָלוטיזם, און אויך די אויפרודערונג, וואָס די רעלי־גיעזע רעפאָרמע האָט אַריינגעטראָגן אין יידישן לעבן, האָבן אַלע צוזאַמען רייף גע־מאַכט די יידישע סביבה פאַר מאָדערנער בילדונג און יידן ווען ביסלעכווייז אָנהויבן פאַרנעמען אין דער וועלט פון וויסן און דענקען דאָס אָנגעזעענע אָרט, וואָס זיי האָבן דאָרט געהאַט ביזן דורכפאַל פון דער שבתי צבי באַוועגונג צום סוף פון 17טן יאָר־הונדערט. עס מערט זיך די צאָל פון יידישע שטודירנדיקע אויף די אוניווערזיטעטן און יידישע נעמען הויבן אָן קלינגען אין דער ליטעראַטור (בערנע, אויערבאַך, היינע סאַלוואַדאָר), אין דער קונסט (פראָמענטאַל־הלוי, מאיר־בער, ראַשעל מענדעלסאָן־באַרטאָלדי), אין דער פּאָליטיק (לאַסקער, יאַקאָבי). די צייט דערנענטערט זיך, ווען יידן וועלן צוריק פאַרנעמען דעם אויבנאָן אין דער וויסנשאַפט, פילאָזאָפיע א. אַ. וו.

גלייכצייטיק אַנטשטייט אויך אַן אייגענע יידישע מאָדערנע קולטור. שוין די ערשטע משכילים פון מענדעלסאָנס חדר גרינדן דעם ערשטן מאָדערנעם העברעאישן זאַמלבוך „המאסף", וואָס איז דערשינען רעגלמעסיק צווישן די יאָרן 1784 און 1790 און האָט פאָרגעזעצט אַרויסצולאָזן העפטן ספּאָראַדיש ביז 1797. אין 1800 ווערט געמאַכט א פּרוּוו צו באַנייען דעם „המאסף", אָבער דער אינטערעס פאַר העברעאיש צווישן די דייטשישע יידן איז אַזוי שטאַרק געפאַלן, אַז דער זאַמלבוך קאָן נישט באַ־

נייט ווערן. דערפאַר הויבט אָן אין 1806 צו דערשיינען אַ ייִדישע מאָנאַטשריפט אין דייטש, בלויז מיטן העברעאישן נאָמען „שולמית", וואָס פירט אַגב אַן אויסגעשפּראָכענע אַסימילאַטאָרישע ליניע.

אין רעכטן מיטן פון די פּאָגראָמען פון 1819 ווערט אין דייטשלאַנד געגרינדעט דורך דעם יוריסט עדואַרד גאַנז, דעם העברעאישן לערער לעאָפּאָלד (יום־טוב ליפּמאַן) צונץ, און דעם יונגן פילאָזאָף משה מאָזער דער פאַראיין „פיר קולטור און וויסנשאַפט דער יודען". שפּעטער וועלן צום פאַראיין צושטיין דער לינגוויסט לודוויק מאַרקוס, דער לערער עמנואל וואָלוועל, און דער נאָכהער אַזוי באַרימטער פּאָעט היינריך היינע. אין די יאָרן 1822־1823 האָט דער פאַראיין אַרויסגעגעבן עטלעכע העפטן פון אַ וויסנשאַפטלעכן זשורנאַל אונטערן נאָמען „צייטשריפט פיר וויסנשאַפט דעם יודענטומס", געגרינדעט איינציקע שולן פאַר אָרעמע קינדער און דורכגעפירט אַ רייע פאָרטראַגן אויף ייִדישע טעמעס. דער פאַראיין האָט קוים עקזיסטירט אַ יאָר פינף, ער ווערט בטל אין 1824, אַ גרויסע טייל פון זיינע אָנפירער האָט זיך געשמדט. אָבער דאָך איז זיין קיום נישט געווען אינגאַנצן אומזיסט. ער האָט דערוועקט דעם אינטערעס פון לעאָפּאָלד צונץ פאַר פערזענלעכקייטן פון פאַרגעסענעם ייִדישן לעבן און ער פאַרעפנטלעכט אַ רייע קאַפּיטאַלע ווערק, וואָס וועלן דינען ווי ווינקל־שטיינער פון דער צוקינפטיקער וויסנשאַפטלעכער פאָרשונג פון יידנטום. אין 1832 פאַרעפנטלעכט צונץ זיין ווערק: „גאָטעסדינסטליכע פאָרטרעגע דער יודען", אין 1837, אַ טיפן שטודיום „וועגן ייִדישע נעמען", אין 1845 „צו געשיכטע און ליטעראַטור פון די יידן אין מיטלאַלטער", אין 1855 „די סינאַגאָגאַלע פּאָעזיע דעס מיטלאַלטערס", אין 1858 „ריטוס דער סינאַגאָגאַלען גאָטעסדינסטע", אין 1865 „ליטעראַטור געשיכטע דער סינאַגאָגאַלן פּאָעזיע". אַלע ווערק פון צונץ זענען אין דייטש, זיי האָבן אָבער געהאַט אַ השפּעה אויף דער וויטערדיקער פאָרשונג פון דער ייִדישער פאַרגאַנגענהייט און שטייגער.

אַ פּאַראַלעלע אַרבעט פאַר ייִדישער היסטאָריאָגראַפיע פירט דורך יצחק מרדכי יאָסט, מיט זיין ניין־בענדיק ווערק „געשיכטע דער איזראַעליטן", וואָס באַלייכט די ייִדישע געשיכטע זינט די חשמונאים, און איז דערשינען אין די יאָרן 1820־1829. דער עקסטרעמער רעפאָרמער אברהם גייגער און דער מער געמעסיקטער זכריה פראַנקעל באַרייכערן אויך די וויסנשאַפט פון יידנטום מיט אַ רייע וויכטיקע ווערק. דער ד"ר שלמה לודוויק שטיינהיים פאַרעפנטלעכט אין 1829 אַ באַנד אונטערן נאָמען „געזענגע אויס דער פערבאַנונג (גלות)", און פון 1835 ביז 1865 דאָס קאַפּיטאַלע ווערק „די אָפּענבאַרונג לויט דער לעהרבאַגריף דער סינאַגאָגע". עס הויבט אויך אָן אויפקומען אַ ייִדישע פּרעסע אין דייטש, „דער יודע" פון גבריאל ריסער (1832־1833), די „אַלגעמיינע צייטונג דעס יודענטומס" פון ראַבינער לודוויק פיליפּסאָן (1837), די „איזראַעליטישע אַנאַלן" פון יצחק מרדכי יאָסט אין פראַנקפורט (1839—1841),

די וואָכנשריפט „דער אָריענט", פון יוליוס פירסט אין לייפציק (1851-1840). עס ווערט אויך געמאכט דער פרווו צרויסצולאָזן אַ העברעאישע וויסנשאַפטלעכע מאָנאַט־שריפט „ציון" (1842-1841), אָבער מיט ווייניק דערפאָלג. די השכלה און די שפּע־טערדיקע אַסימילאַציע אין דייטשלאַנד האָבן געפּריידיקט צו פאַרלאָזן די פאָלקס־שפּראַך יידיש און פאַרבייטן זי אויף דייטש און העברעאיש. יידיש האָט עס טאַקע אַוועקגעטויט אין יידיש־דייטשישן ישוב, אָבער העברעאיש האָט עס נישט אויפגע־לעבט און דייטשישע יידן האָבן באַצאָלט דערפאַר מיטן טייערן פרייז פון איבערגע־טריבענער אַסימילאַציע.

גאַנץ אַנדערש האָט עס אויסגעזען אין עסטרייך, וואָס האָט פאַרמאָגט דאָס „הינטערלאַנד" גאַליציע, געדיכט באַפעלקערט מיט יידן, וואָס זענען נאָך געווען טיף פאַרוואָרצלט אין דער יידישער טראַדיציע, באַגייסטערט פון חסידות און פאַראַנ־קערט אין לימוד התורה. צו זיי האָט די השכלה נישט געקאָנט צוקומען אויף דייטש, וואָס זיי האָבן כמעט ווי נישט געקענט, און די טעטיקייט פון עקסטרעמען משכיל הערץ האָמבערג האָט זיי נאָך מער אָפּגעשראָקן דערפון. דערפאַר האָט מען אין עסט־רייך געמוזט אָנקומען מער צו העברעאיש. ווייניקער מזלזל זיין אין יידיש און די רעזולטאַטן זענען געווען גאָר אַנדערע. פון 1820 הויבט אָן צו דערשיינען אין ווין אַ יאָרבוך אונטערן נאָמען „בכורי העתים", רעדאַגירט פון שלום הכהן. דאָס יאָרבוך פלייסט זיך צו גיין אין די פוס־טריט פון דייטשישן „המאסף", אָבער די שרייבער פון גאַליציע גיבן אים אַ מער לעבעדיקן כאַראַקטער. ווען אין 1831 שטעלט זיך דער „בכורי העתים" אָפּ, הויבט אָן צו דערשיינען פריער אין ווין און שפּעטער אין פּראָג דער זאַמלבוך „כרם־חמד", רעדאַגירט פון דעם גאַליציאַנער ש. י. גאָלדענבערג, וועלכער פאַר־עפנטלעכט אַ רייע גרינטלעכע אַרבעטן איבער יידישער געשיכטע און ליטעראַטור פון יידישע געלערנטע אין גאַליציע, איטאַליע און דייטשלאַנד. אין צענטער פון דער דאָזיקער קולטור־באַוועגונג שטייען: ר' שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (געב. 1790 אין לעמ־בערג און געשט. 1867 אין פּראָג), וועלכער פאַרעפנטלעכט אַ רייע מאָנאָגראַפיעס אי־בער דער ליטעראַטור פון דער גאונים־עפּאָכע, וואָס איז דאַן געווען ווייניק באַקאַנט. שלמה יהודה ראַפּאָפּאָרט (שי"ר) איז אויך שאַרף אַרויסגעטראָטן קעגן די רעפאָרמער אין 1845 מיט אַ שריפט אונטערן נאָמען „תוכחת מגולה" (אָפענע שטראָפרייד).

דער חבר און לאַנדסמאַן פון שי"ר, ר' נחמן קראָכמאַל (רנ"ק, 1840-1785), האָט זיך אָפּגעגעבן מיט געשיכטע־פאָרשונג און האָט אויפגעבויט די פילאָזאָפיע פון דער יידישער געשיכטע. קראָכמאַל דערקלערט, אַז ווייל דאָס יידישע פאָלק האָט בשעתו געשאַפן גייסטיקע ווערטן פון העכסטער מדרגה, איז אויף אים מער נישט חל דער אומפאַרמיידלעכער אונטערגאַנג, וואָס אַלע פעלקער האָבן דורכגעמאַכט. אויך דאָס יידישע פאָלק מאַכט דורך די נויטיקע עטאַפּן פון אויפקום, אויפבלי און ירידה, אָבער אַנשטאָט אינגאַנצן צו פאַרשווינדן נאָך אַ ירידה־פּעריאָד, הויבט עס אָן פון דאָס

ניי אַ צווייטן לעבנס־ציקל פון אויפקום, אויפבלי און ווידער אַמאָל ירידה. קראָכמאַל צײלט אָן גאַנצע דריי אַזעלכע אַנטוויקלונגס־קרייזן. דער ערשטער הויבט זיך אָן מיטן ארויסגאַנג פון מצרים, דערגרייכט זיין העכסטע שטופע אין די צייטן פון דוד און שלמה און קומט אין מצב פון ירידה מיטן הורבן פון ערשטן בית המקדש. דער צווייטער ציקל הויבט זיך אָן מיטן צוריקקער פון בבל, דערגרייכט זיין הויכפּונקט מיט די חשמונאים, און זיין ירידה הויבט זיך אָן מיטן חורבן פון צווייטן בית־המקדש. דער דריטער הויבט זיך אָן מיטן רעדאַגירן די משנה, דערגרייכט זיין הויכפּונקט אין דער גאָלדענער עפּאָכע אין שפּאַניע און טרעט אריין אין זיין ירידה נאָכן דורכפאַל פון דער שבתי צבי באַוועגונג. ר' נחמן קראָכמאַל האַלט, אַז מיט דער השכלה הויבט זיך אָן דער פערטער פּעריאָד אין דער ייִדישער געשיכטע. ער האָט נישט געקאָנט פאָראויסזען ווי שנעל דער פּראָצעס וועט זיך אַנטוויקלען, און אַז בלויז 108 יאָר נאָך זיין טויט וועט ווידער אויפקומען די ייִדישע מלוכהשאַפט, דער העכסטער אויסדרוק פון פאָלקס־רענעסאַנס. די כתבים פון רנ"ק זענען פארעפנטלעכט געוואָרן דורך לעאָפּאָלד צונץ, עלף יאָר נאָך זיין טויט (1851), אונטערן נאָמען „מורה נבוכי הזמן" (אַ וועגווייזער פאַר די פאַרווירטע פון אונדזער צייט).

אַ וויכטיקן בייטראָג צו דער אַנטוויקלונג און אָפּפרישונג פון דער ייִדישער קולטור אויף העברעאיש האָבן געגעבן די איטאַליענער שמואל דוד לוצאַטאָ (שד"ל) און יצחק שמואל רעדזשיאָ (יש"ר). שד"ל (1800־1865) איז געווען לערער אין דער ראַבינער־שולע פון פּאַדואַ. אַ טיפער קענער פון דער אַלטער העברעאישער ליטעראַטור, פאַרעפנטלעכט ער אַ רייע מאמרים איבער ביבל־פאָרשונג, שפּראַך־קענטעניש, און פאָרשונג פון דער העברעאישער ליטעראַטור אין מיטלאַלטער. ער איז אָבער אויך אַן אייגנאַרטיקער דענקער און טרעט שאַרף אַרויס קעגן די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן. לויט שד"ל איז די ייִדישע גייסטיקייט און איר עטיק אַ דערשיינונג פון אייביקייט, וואָס קאָן נישט פאַרשווינדן, אָדער זיך ענדערן, און קאָן דערפאַר נישט שלום־מאַכן מיטן גייסט פון גריכנלאַנד (אַטיציזם), וואָס איז באַגרינדעט אויפן שכל און אויפן עסטעטישן געפיל וואָס האַלטן אין איין עוואָלוציאָנירן, און דערפאַר אין איין ענדערן זיך. זיין לאָזונג איז געווען: „מיין ביבל איז נישט קאַנט, נאָר דער תנ"ך". רעדזשיאָ (געשט. 1855), להיפוך פון שד"ל, זוכט צו מאַכן אַ קאָמפּראָמיס צווישן דער תורה און דער פילאָזאָפיע.

ראַפּאָפּאָרט, קראָכמאַל, לוצאַטאָ און רעדזשיאָ, זענען נישט קיין קעמפער אינערהאַלב דעם ייִדנטום, זיי זענען טאַקע נישט איינגאַנצן מסכים מיטן ראַבאָניזם און בעיקר מיטן חסידות, אָבער זיי האַלטן זיך אָפּ אין אַרויסטרעטן אין צו אַן אָפּענעם קאַמף. אָבער עס קומען אויך אויף מער קעמפערישע משכילים, וואָס פירן אַן אָפענע מלחמה קעגן די חסידישע צדיקים מיט זייערע אָנהענגער, בכדי צוקומען צום פּשוטן עולם, באַנוצן זיי זיך אויך מיט ייִדיש, וואָס איז געוואָרן די ליטעראַרישע

שפּראַך פון פּאָפּולערן חסידיזם און האָט זיך דאָן שטאַרק אַנטוויקלט. אַזוי קעמפט שאַרף יהודה לייב מיזעס פון לעמבערג אין זיינע צוויי חבורים: „תכונת הרבנים" (כאַראַקטעריסטיק פון די רבנים. 1820) און „קנאת האמת" (קאַמף פאַרן אמת, 1828), און יוסף פּערל פון טאַרנאָפּאָל, וואָס האָט געגרינדעט אַ מאָדערנע יידישע שול מיט דייטש אַלס אונטעררריכט, שיסט אין זיי סאַטירישע פיילן, אין זיין בוך „מגלה טמירין" (סודות־אַנטפּלעקונג, 1819), אַ זאַמלונג פון בלומרשטע בריוו צווישן חסידים און צדיקים. די סאַטירע איז געווען אַזוי געלונגען, אַז אַ לאַנגע צייט האָט מען „מגלה טמירין" געהאַלטן פאַר אַ חסידישן ספר. נישט ווייניקער שאַרף אין זיינע העברעאישע סאַטירעס איז ד"ר יצחק ערטער, וועלכער האָט אין אַ געשליפענעם העברעאיש אָפּגעחוזקט בלומרשט תמעוואַטע פון חסידות און אירע אָנהענגער. די באַזונדערע סאַטירעס זענען זיבן יאָר נאָך זיין טויט (1858) פאַרעפנטלעכט געוואָרן אין אַ באַזונדער בוך מיטן נאָמען „הצופה לבית ישראל" (באָאַבאַכטער פון יידישן לעבן).

פון גאַליציע האָט זיך די אייגנאַרטיקע יידיש־נאַציאָנאַלע השכלה אַריבער־געכאַפּט קיין רוסלאַנד, דורך וואָלין, אַ געגנט וווּ דאָס חסידות, ווי אויך דער צדיקיזם איז געווען גאָר שטאַרק אַנטוויקלט. אין ערשטן פערטל פון ניינצנטן יאָרהונדערט זע־נען דער רוב דרום־רוסישע יידן געשטאַנען אונטער דער השפעה פון די צדיקישע דינאַסטיעס וואָס זענען זיך צעוואַקסן און פאַרכאַפּט די השפעה אויף די קהילות פון פּוילן, ווייסרוסלאַנד און אוקראַינע. די טרוקענע מתנגדות, מיט איר לימוד התורה אין וואָלאָזשין און אַנדערע ישיבות, האָט שווער געקאָנט ביישטיין די זאַפּטיקע חסידות מיט איר אויטענטישער פאָלקסטימלעכקייט. אַנטשטייען אַ רייע צדיקים־דינאַסטיעס, די וויכטיקסטע פון וועלכע עס זענען די קאָצקער און גערער אין פּוילן, וואָס זענען געווען אַ מין קאָמפּראָמיס צווישן דעם נאַאיוון צדיקיזם פון אוקראַינע און דעם פילאָ־זאָפיש געשטימטן חב"ד אין ווייסרוסלאַנד. די ליובאַוויטשער (שניאורסאָנס), וואָס האָבן ממשיך געווען דעם דרך פון אַלטן רב, ר' שניאור זלמן מליאַדי און פאַראייניקט חסידות מיט למוד התורה, און די פאָלקסטימלעכע אוקראַינער, וואָס זענען גע־שטאַנען אויף התלהבות, פּדיונות א. א. וו., פון וועלכע די וויכטיקסטע זענען געווען די טשערנאָבילער, די ריזשינער, די אַפּטער א. א. וו. אַ באַזונדער פּלאַץ פאַרנעמט אין דער חסידישער וועלט דאָס אוראייניקל פון בעל שם־טוב, ר' נחמן פון בראַצלאַוו, אַ טיף־פּאָעטישע נאַטור, וואָס האָט מיט די מעשהלעך, וואָס ער פלעגט דערציילן, פיל בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון יידיש, און האָט בכלל אַריינגעטראָגן אין חסי־דות דאָס פּאָעטישע, שוין אין אַ מער מאָדערנער פאָרם.

די השפעה פון די צדיקים איז שטאַרק באַקעמפט געוואָרן פון דער צאַרישער רעגירונג. אין 1838, ווען אין פּאָדאָליע זענען דערמאָרדעט געוואָרן צוויי מוסרים, ווערט צווישן אַנדערע אַרעסטירט אויך ר' ישראל ריזשינער, וועלכן מען האַלט אָפּ אין געפענגעניש 22 חדשים. ווען ער ווערט באַפרייט און איבערגעלאָזט אונטער שטרענ־

נער השגחה פון דער פאָליציי, געלינגט אים דאָך צו אַנטלויפן קיין עסטרייך, ווו ער שטעלט איין זיין „הויף” אין סאַדאַגורא, וואָס אין בוקאָווינע. פאַר א מסירה, אז אין זייער דרוקעריי ווערן געדרוקט חסידישע ספרים אָן צענזור, ווערן די אייניקלעך פון צדיק פנחס קאָריצער, די סלאַוויטער שאַפּיראָס, געטריבן „סקוואַז סטרוי”, ס'הייסט צווישן צוויי רייען זעלנער, וואָס שמייסן מיט שפּיצרוטן, און שפּעטער פאַרשיקט אין סיביר. אויך די הויפן פון קאָצק און גור זענען פאַרפאָלגט געוואָרן.

אָט אין דער סביבה פון פרומקייט און אָפּגעשטאַנענקייט רייסט זיך אריין די השכלה פון צוויי זייטן פאַראַמאָל: אין ווייסרוסלאַנד איז איר אָנזאָגער ר' מנשה פון איליע (1767-1831), א שטרענג-פרומער ייד, א תלמיד פון ווילנער גאון, וועלכער מוסרט די רבנים פאַר זייער דערווייטערן זיך פון וויסנשאַפטן (פשר-דבר), ער פאָרט אויך קיין וואָלין, בכדי צו דרוקן דאָרט זיין ספר „אלפי מנשה”, ווו ער זאָגט, אז די רבנים האָבן רעכט צו מאַכן געוויסע ענדערונגען אין רעליגיעזן לעבן, אין הסכם מיט די פאָדערונגען פון דער צייט. ביידע ווערק זיינע ווערן פאַרברענט און אויסגעראַמט אזוי, אז נאָר א געציילטע פּאָר עקזעמפּלאַרן זענען פאַרבליבן. אויף דער עלטער פאַרעפנטלעכט ער נאָך צוויי העפטן: „שקל הקודש” און „סמי דחיי” (לעבנס-רעצעפּט). דער לעצטער חבור איז אויך איבערגעזעצט אויף יידיש, אָבער די פרומאַקעס זאָרגן שוין דערפאַר, אז דאָס „אפּיקורסות” זאָל צום פאָלק נישט דערגיין.

אין אוקריינע איז דער אָנזאָגער פון די נייע צייטן ר' יצחק-בער לעווינסאָן (ריב"ל, 1788-1860) פון קרעמעניץ, וועלכער האָט א צייט געלעבט אין גאַליציע. אין 1828 גיט ער ארויס זיין ווערק „תעודה בישראל”, ווו ער דערווייזט מיט ראיות פון תנ"ך און פון תלמוד און גאונים, אז א) א ייד דאַרף קענען די גראַמאַטיק פון דער העברעאישער שפּראַך (דקדוק), ב) א יידן איז נישט פאַרבאָטן צו קענען פרעמדע שפּראַכן, בעיקר די שפּראַך פון לאַנד ווו ער לעבט, ג) עס איז נישטאָ קיין סכנה פאַר יידישקייט אין אַלגעמיינעם וויסן, ד) מען דאַרף זיך אָפּגעבן מער מיט מלאכות ווי מיט מסחר און מעקלעריי, ה) א מענטש דאַרף נישט חתונה האָבן איידער ער האָט זיך געשאַפן א מעמד אין לעבן. פאַר אַזעלכע „געפערלעכע” געדאַנקען איז „דער תעודהקע” פאַרשריגן געוואָרן אַלס אַן אפּיקורס און עוכר ישראל. אין 1839 לאָזט לעווינסאָן ארויס זיין גרויס ווערק „בית יהודה”, אין וועלכן ער באַמיט זיך צו דערווייזן געשיכטלעך, אז יידן זענען קיינמאָל נישט געווען דערווייטערט פון לערנען און אַלגעמיינעם וויסן. ער לויבט אויך די צאַרישע רעגירונג פאַר איר שטרעבונג צו „אויפקלערן” יידן דורך רעפאָרמירן זייער שולוועזן און די רבנים. בכלל האָט זיך לעווינסאָן אויסגעצייכנט מיט זיין אָנהענגערשאַפט צו דער רעגירונג. פאַרן „תעודה בישראל” האָט ער אויך געקראָגן א רעגירונג-סובסידיע פון טויזנט רובל. אין די טעג פון וועליזשער בלוט-בלבול פאַרעפנטלעכט ריב"ל זיין ווערק „אפס דמים” (נישטאָ קיין בלוט), אויף צו דערווייזן, אז דער בלוט-בלבול האָט בכלל קיין האַפט נישט. דאָס

בוך איז געשריבן אין פאָרם פון אַ וויכוח צווישן אַ רב און אַ גלח אין ירושלים און האָט געמאַכט אַ גרויסן רושם. דאָס לעצטע העברעאישע ווערק פון ריב״ל איז געווען דער „זרובבל״, אַ פּרוּוו צו סיסטעמאַטיזירן דאָס תּלמודישע רעכט. ריב״ל האָט אויך געשריבן וועגן שפּראַך־קענטעניש פון העברעאיש, און איינציקע ווערק אין יידיש.

אין דרום־רוסלאַנד אַנטשטייט אַ מאָדערנער יידישער קולטור־צענטער אין אָדעס ווען אין 1826 ווערט דאָרט דערעפנט די ערשטע מאָדערנע יידישע שולע, אָנ־געפירט פון בצלאל שטערן. עס וועט דאָרט אויך שפּעטער דערעפנט ווערן די ערשטע מאָדערנע שול, די בראָדער, וויל געגרינדעט פון די פון גאַליציע געקומענע סוחרים.

אַ צווייטער קולטור צענטער קומט אויף אין צפון־רוסלאַנד: ליטע און ווייס־רוסלאַנד. נאָך אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט הויבן אָן אין ווייסרוסלאַנד צו דערשיינען העברעאישע ווערק מיט אַן אינהאַלט, וואָס איז אויסער די „פיר איילן פון הלכה״. אין 1765 דערשיינט דאָס ווערק פון ד״ר יהודה בן מרדכי הלוי הורוויטש, מיטן נאָמען „עמודי בית יהודה״ (די זיילן פון הויז יהודה), וואָס רופט צוריק צום רמב״ם און צו זיין שלטון השכל. אַ בן־דור פון ד״ר יהודה הורוויטש איז הרב יהודה־ליב מרגלית, וועלכער איז אויך אַן אָנהענגער פון דער אַריסטאָטע־לישער פילאָזאָפיע און קעמפט פאַר באַפרייען דעם למוד התורה פון פּלפּוליסטיק. ער באַדויערט זייער וואָס יידן זענען פאַר די לעצטע דורות אַזוי צוריקגעשטאַנען אין וועלטלעכן וויסן, אַז „מיר זענען געוואָרן צו געלעכטער און שפּאָט ביי די אומות העולם, און זיי קוקן אויף אונדז ווי אויף פּשוטע בהמות״. צווישן 1777 און 1787 דערשיינען דריי אויפלאַגעס פון זיין ווערק „אור עולם״ (ליכט פון דער וועלט), וווּ ער באַהאַנדלט: מאַטעמאַטיק, אַסטראָנאָמיע, כעמיע, פיזיק, מעטאַפיזיק, רעליגיע, לאָגיק, רעטאָריק און סאָציאַלע וויסנשאַפט. אין 1797 דערשיינט אַ פּאָפּולער ווערק וועגן די אַלע פראַגן פון פּנחס אליהו בן מאיר הורוויטש, מיטן נאָמען „ספר הברית״. אַן איינציקער פון פּנחס אליהו הורוויטש איז ד״ר ברוך בן יעקב שיק (געב. 1740), וועלכער הויבט אָן פון 1777 צו פאַרעפנטלעכן אַ רייע פּאָפּולערע ביכער איבער מאַ־טעמאַטיק און נאַטור־וויסנשאַפט. דער ווילנער גאון — זאָגט ד״ר ברוך שיק — האָט אים געראַטן ער זאָל איבערזעצן אויף העברעאיש וואָס מער וויסנשאַפטלעכע ווערק און פאַרשפּרייטן זיי צווישן פאָלק, בכדי די פעלקער זאָלן מער נישט מאַכן קיין חוזק פון דעם אומוויסן פון די יידן. אין 1777 דערשיינט זיין בוך „עמודי־השמים״ (די זיילן פון הימל) וועגן די כללים פון פעסטשטעלן דעם מולד, און „תפארת אדם״ (די פּראַכט פון מענטשן), אַ לערנבוך פאַר אַנאַטאָמיע. אין 1779 פאַרעפנטלעכט ער אין האַג זיין „דרך־ישרה״ (גלייכער וועג) איבער היגיענע און מעדיצין. אַ גרויסן ביישטייער צו דער פּאָפּולאַריזירונג פון וויסן האָט געגעבן מענדל בן יהודה־ליב לעפין, מיט די ביינעמען סאַטאַנאָוו (לויטן אָרט פון געבוירן) און מיקאָלייעווער (לויטן אָרט ווו ער האָט אַ לענגערע צייט געלעבט). געבוירן אין 1749, קומט ער קיין בערלין אין

1780, ווּ ער טרעט אריין אין קרייז ארום משה מענדעלסאָן. אין די צייטן פון פיריאָריקן סיים פאַרפאַסט מענדל לעפין אויף פראַנצויזיש אַ בראָשור וועגן רעפאָרמירן די יידישע לאַגע אין פּוילן, וואָס ווערט צוגעשטעלט דעם סיים. אין 1789 דערשיינט זיין פּאָפּולער וויסנשאַפטלעכע אויסגאַבע פאַרן פאָלק „אגרות חכמה" (וויסנשאַפטלעכע בריוו) איבער נאַטורוויסנשאַפט. ער אַרבעט אויך איבער דאָס פּאָפּולערע מעדיצינישע ווערק פון ד"ר טיסאָ און גיט עס אַרויס אונטערן נאָמען „רפואות העם". אין 1808 פאַרעפנטלעכט לעפין זיין וועגווייזער אויפן געביט פון עטיק „חשבון הנפש", ער זעצט אויך איבער משלי אויף יידיש, וואָס רופט אַרויס אַ שטיקל אויפברויז אין די משכּיליש־לומדישע קרייזן.

אונטער דער אָנרעגונג פון איינעם פון די רייכסטע רוסישע יידן און ערשטן יידישן מעצענאַט אין רוסלאַנד, דעם שקלאָווער סוחר און תלמודיסט ר' יהושע צייטלין, ווערט צום סוף פון אכצנטן יאָרהונדערט געגרינדעט אין זיין גוט אין „אוסטיע" אַ מין פרייע אַקאַדעמיע פאַר יידישן און אַלגעמיינעם וויסן. די מיטגלידער פון דעם קרייז זענען אויסגעהאַלטן געוואָרן בהרחבה און האָבן געהאַט צו זייער פאַרפיגונג אַ גאַנץ רייכע ביבליאָטעק, און אפילו אַ לאַבאָראַטאָריע פון עקספּערימענטן. צו דעם קרייז האָבן צווישן אַנדערע געהערט די שוין דערמאָנטע ד"ר ברוך שיק און מענדל לעפין־סאַטאַנאָווער אויך בנימין זלמן ריוועלעס, אַ תלמיד פון ווילנער גאון און אַ בקי אין שפּראַכן און נאַטור־וויסנשאַפט, אויך נפתלי הערץ שולמאַן, איינער פון די ערשטע רוסישע יידן צו קענען גרינטלעך די רוסישע שפּראַך. נאָכן טויט פון ר' יהושע צייטלין אין 1822 איז דער קולטור־צענטער אַריבער קיין ווילנע, ווּ די צאַרישע רעגירונג האָט אין 1848 דערעפנט איינעם פון אירע סעמינאַרן אויף אויסצובילדן מאָדערנע רבנים. בראָש פון דעם קולטור־צענטער זענען געשטאַנען דער פּראָזאַאיקער מרדכי אהרן גינזבורג (1796-1846), דער פּאָעט אברהם־דוב לעבענזאָן (1794-1878), אַ לערער אין ראַבינער־סעמינאַר, זיין זייער באַגאַבטער און פריצייטיק פאַרשניטענער זון מיכה יוסף לעבענזאָן, דער פאָרשער שמואל יוסף פין, דער תלמודיסט און ביבליאָפיל מתתיהו סטראַשון, דער צענזאָר וואָלף טוגענדהאָלד, דער ביבליאָגראַף יצחק בן יעקב. די רוסישע השכלה, וואָס איז צוגלייך מיט דער גאַליציאַנער געווען ווייט פון די אַסימילאַטאָרישע טענדענצן פון בערלין, האָט פאַרלייגט אַ געזונטן יסוד פאַר דער גייסטיקער ווידער־אויפלעבונג פון יידנטום. אין די יאָרן 1841-3 דערשיינען אין ווילנע די זאַמלביכער „פרחי צפון", אַן אָנזאָג אויף דער שפּעטערדיקער העברעאישער און יידישער פּרעסע.

141סטע לעקציע

די צווייטע רעאַקציע־כוואַליע אין אייראָפּע

1. רוסלאַנד, פּרייסן
(1881 ־ 1914)

דער ראַשיקער אויפשטייג פון פּרייסן, וועלכע איז פון אַ קליינעם פירשטנטום אויפגעקומען צו אַ נישט־גרויסער מלוכה און איז לסוף געוואָרן די פירערין פון דער צווייטער דייטשישער אימפּעריע, וואָס איז געווען אַווירקלעכע גרויסמאַכט, האָט געשאַפן אין אייראָפּע אַן אָנשפּאַר פאַר דער פּאָליטישער רעאַקציע און די אָפּפרישונג פון אַנטיסעמיטיזם, וואָס וועט סוף כל סוף ברענגען צו דער פולשטענדיקער צעשטערונג פון אַ גרויסן טייל פון די יידישע ישובֿים אין אייראָפּע, מיט וואָס עס וועט פאַקטיש אָפּגעשלאָסן ווערן די אייראָפּעאישע עפּאָכע פון דער יידישער געשיכטע.

דאָס יאָר 1866, ווען פּרייסן געלינגט נאָך אַ זיגרייכער מלחמה אַרויסצושטויסן עסטרייך פון דייטשישן בונד, און דאָס יאָר 1870, ווען נאָך אַ צווייטער זיגרייכער מלחמה איבער פראַנקרייך ווערט געשאַפן דער צווייטער דייטשישער רייך, דאַרפן באַטראַכט ווערן ווי דער פאָרשפּיל צו דער יידישער קאַטאַסטראָפע אין אייראָפּע אין די יאָרן 1939־1945, און די אַכציק יאָר פון דער צווישנצייט ווי די עפּאָכע פון האָפּענונגלאָזן קאַמף פאַר אַ לאַגע, וואָס קאָן נישט אָנגעהאַלטן ווערן. ווער ווייסט צי מיט יאָרן שפּעטער וועט מען נישט באַטראַכטן די זעלבע תקופה אין דער אַלגעמיינער געשיכטע פון אייראָפּע ווי דער אָנהויב פון אויפשטייג פון איר ציוויליזאַציע, און ירידה פון איר קולטור, וואָס וועט ברענגען צו דער ירידה פון אייראָפּע אַלס אַזעלכע.

די פאַרשטאַרקונג פון די רעאַקציאָנערע שטרעמונגען האָט זיך פאַר אַלעמען אָפּגערופן אין רוסלאַנד, וואָס האָט זינט 1866 געביטן די ליבעראַלע פּאָליטיק פון די ערשטע יאָרן פון צאַר אַלעקסאַנדער דעם צווייטן אויף אַ מער רעאַקציאָנערער פּאָליטיק. ־אָס פאַרשטאַרקט די רוסישע רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג, וועלכע האָט זיך זינט דעם דורכפאַל פון די דעקאַבריסטן אין 1825 פאַרשפּרייט בעיקר צווישן די אינטעלעקטואַלן, די צאָל פון וועלכע איז געוואַקסן צוזאַמען מיט דער אינטעלעקטועלער און טעכנישער

אנטוויקלונג פון לאַנד. די רעוואָלוציאָנערע אָרגאַניזאַציע „פרייהייט פון פאָלק" באַשליסט צו דערמאָרדן דעם צאַר, און נאָך אייניקע נישט געלונגענע אַטענטאַטן ווערט דער צאַר אַלעקסאַנדער דער צווייטער דאָך דערמאָרדעט אין פעטערבורג דעם 1טן מערץ 1881. צווישן די פאַרשווערער איז אויך געווען אַ יידישע פרוי געסיע העלפמאַן; די יידישע אַסימילירטע יוגנט האָט שוין דאַן גענומען אַן אַקטיוון אָנטייל אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג צו באַפרייען דאָס רוסישע פאָלק.

אויפן פאַרבלוטיקטן צאַרישן טראָן שטייגט אַרויף דער צאַר אַלעקסאַנדער דער דריטער, אַ טעמפּער מענטש מיט נייגונגען צו שכרות, וועלכער געפינט זיך גאָך דערצו אונטערן איינפלוס פון דעם שוואַרצן רעאַקציאָנער, דעם פּראָקוראָר פון היילִיקן סינאָד, פּאָבעדאָנאָסצעוו. דער נייער צאַר דערקלערט, אַז: „די שטימע פון גאָט הייסט אונדז אָפּהיטן די אַליינהערשאַפט" און דערפאַר רופט ער זיינע געטרייע אונטערטאַנען „אויסצוראָטן די רעוואָלוציע און פאַרשטאַרקן די רעליגיע און די מאָראַל". אין די הויף־קרייזן ווערט געשאַפן אַ כנופיא, וואָס גיט זיך אַ נאָמען „די הייליקע אַרמיי" און שטעלט זיך אַלס אויפגאַבע צו באַשיצן דעם צאַר און באַקעמפן די, וואָס שטערן די אָרדענונג. אויך די ליבעראַלערע געזעלשאַפט איז צעשראָקן פון דעם אַטענטאַט און עס שטאַרקן זיך אין איר די קאָנסערוואַטיווע טענדענצן. אַלס בליץ־אָפּלייטער פאַרן אָנגעזאַמלטן צאָרן פון די אונטערדריקטע שיכטן ווערן אָנגעצייכנט די יידן. זעקס וואָכן זענען געווען גענוג אויף צוגרייטן אַ רייע פּאָגראָמען, וואָס האָבן באַדאַרפט אויסלאָדן דעם פאָלקס־צאָרן.

דעם 15טן אַפּריל 1881 ברעכט אויס אַ פּאָגראָם אין יעליסאַוועטגראַד (היינט קיראָוואָ) און פון דאָרט צעשפּרייט זיך דאָס פייער איבער אַ רייע ישובים: האַלטע, בערעזאָווקאַ, אַנאַניעוו, קיעוו, סמילאַ, אָדעס, און נאָך צענדליקער שטעט און שטעטלעך, ווי אויך די יידישע אַקערבויער קאָלאָניעס. אין אייניקע ערטער אָרגאַניזירן די יידן זעלבסטשוץ, ווייל די פּאָליציי און דאָס מיליטער קומען אָן אומעטום שוין נאָכן פּאָגראָם. אין בערדיטשעוו געלינגט עס די יידן, מיט דער צושטימונג פון פּאָליציישעף וועלכן זיי האָבן אונטערגעקויפט פאַר פיינע „מתנות", אָפּצוטרייבן די פּאָגראָמשטשיקעס. אָבער אין קאָנאָטאָפּ רופט אַרויס די יידישע זעלבסטשוץ אַ שטאַרקע רעאַקציע און עס קומט צו בלוטפאַרגיסונג; בשעת אומעטום האָט מען זיך געהאַלטן ביי דער פאַראָרדענונג פון אויבן צו באַגרענעצן זיך בלויז אויף רויבן.

די פּאָגראָמען דויערן כמעט אַ גאַנץ יאָר און ענדיקן זיך מיטן פּאָגראָם אין וואַרשע אין חודש דעצעמבער. דער מיטלאַלטערלעכער באַרבאַריזם פון די קרייצצוגן אין 1096 איז אויפגעשטאַנען תחית המתים

די רעגירונג זוכט לכתחילה צו וואַרפן די שולד פון די פּאָגראָמען אויף די רעוואָלוציאָנערן, וואָס ווילן אויף אַזאַ אופן אַרויסרופן אומרוען אין לאַנד. עס איז מאָקע געווען צווישן די רעוואָלוציאָנערן אַ גרופּע, וואָס האָט געוואָלט זען אין דעם

פאָלקס־אויסברוך דעם אָנהויב פון אַ רעוואָלוציע און האָט אפילו ארויסגעלאָזט אַן אויפרוף מיטן נאָמען: „גוט טוט איר וואָס איר שלאָגט די יידן", אָבער דאָס איז ווייט נישט געווען די מיינונג פון דער רעוואָלוציאָנערער פירערשאַפט. לסוף דערקלערט די רעגירונג די פּאָגראָמען מיט דער יידישער „עקספּלואַטאַציע" וואָס זאָל האָבן אויפגע־רייצט די געמיטער פון די מאַסן. אַזוי האָט זיך אויך אָנגענומען די יוסטיץ, און אַ פּראָ־קוראָר, וואָס האָט גערעדט באַשולדיקן די פּאָגראָמשטשיקעס, איז גאָר ארויס מיט באַשולדיקונגען קעגן די יידן און האָט דערביי געגעבן אַ קלאָרע אָנצוהערעניש: „די יידן האָבן אָפן פאַר זיך די מערב־גרענעצן, פאַרוואָס באַנוצן זיי זיך נישט דערמיט?" נאָך די פּאָגראָמען זענען פאָרגעקומען אייניקע שריפות אין יידישע שטעט און שטעטלעך פון ליטע און ווייסרוסלאַנד, ווי דער גענ. גובערנאַטאָר טאָטלעבן האָט דערקלערט, אַז ער וועט קיין פּאָגראָמען נישט דערלויבן... אַ פּאַניק איז באַפאַלן די יידישע באַפעלקע־רונג און עס הויבט זיך אָן די גרויסע עמיגראַציע־כוואַליע, וואָס ווערט געווענדט אין איר גרעסטן טייל קיין צפון־אַמעריקע, אָבער אַ קליינער שטראָם געפינט דעם וועג קיין ארץ־ישראל. איןביידע לענדער וועלן אויפקומען נייע יידישע צענטערן, וואָס וועלן פורעמען להבא דאָס יידישע לעבן.

דאָס יאָר 1882 הויבט זיך אויך אָן מיט אַ רייע פּסח־פּאָגראָמען אין אַ צאָל שטעט און שטעטלעך. דער שרעקלעכסטער פון זיי אין באַלטאַ, ווו העכער צוויי הונדערט יידן זענען געוואָרן פאַרוואונדעט און צוואַנציק פרויען פאַרגוואַלטיקט. די פּאָגראָם־כוואַליע און די עמיגראַציע האָבן ארויסגערופן אַ פּראָטעסט־באַוועגונג אין אויסלאַנד. אין לאָנדאָן און אין ניו־יאָרק זענען אָפּגעהאַלטן געוואָרן גרויסע פּראָטעסט־מיטינגען. די צייטונגען האָבן פּראָטעסטירט, דער לאָנדאָנער „טיימס" האָט פאַרעפנטלעכט אַ רייע שאַרפע מאמרים וועגן די רדיפות אויף יידן אין רוסלאַנד. די אַרטיקלען האָבן געמאַכט אַ שטאַרקן רושם.

די צאַרישע רעגירונג האָט זיך דערוויילן געטאָן אירם. אַ קאָמיסיע איז גע־גרינדעט געוואָרן צו שטודירן די יידנפראַגע, גובערנאַטאָרן זענען אָנגעפרעגט געוואָרן, רעגירונגס־אינסטאַנצן האָבן צוגעשטעלט באַריכטן און אַלץ וועגן דער יידישער „עקס־פּלואַטאַציע פון דער באַפעלקערונג". די יידישע פאָרשטייער האָבן זיך פאַרזאַמלט אין פּעטערבורג אונטערן פאָרזיץ פון באַראָן האָראַץ גינזבורג און מיט דער צושטימונג פון דער רעגירונג. עס זענען געהאַלטן געוואָרן פייערזיקע רעדעס דורכגעדרונגען מיט פּיין און צער. דער דעלעגאַט פון מאָהילעוו, שמערלינג, איז נאָך זיין רעדע געשטאָרבן. נאָך לאַנגע וויכוחים איז מען געקומען צו פאָלגנדיקע באַשלוסן: 1) אָפּוואַרפן דעם פאָרשלאָג וועגן אָרגאַניזירן די עמיגראַציע, ווייל ער רירט אָן דעם כבוד פון דער רעגירונג און די היסטאָרישע רעכט פון די יידן אין זייער רוסישן פאָטערלאַנד. 2) דערקלערן, אַז דאָס איינציקע מיטל צו פאַרבעסערן די באַציאונגען צווישן די יידן און דער עיקרדיקער באַפעלקערונג איז אָפּצושאַפן אַלע באַגרענעצונגען קעגן יידן. 3) דערקלערן דער רעגי־

רונג, אַז די ייִדן האָבן נישט געפֿונען קיין שוץ מצד דער פּאָליציי בשעת די פּאָגראָמען. 4) זיך משתדל זיין, אַז די רעגירונג זאָל פּאָזיטיקן די פּאָגראָם־געליטענע.

דאָס אַלץ אָבער האָט ווייניק געהאָלפֿן. די צאַרישע רעגירונג איז געווען אַנט־שלאָסן אויסצוראָטן די ייִדן פֿון רוסלאַנד. די נישט־אָפֿיציעלע אָנגענומענע פֿאָרמול איז געווען: „אַ דריטל וועט אויסשטאַרבן, אַ דריטל וועט עמיגרירן, אַ דריטל וועט זיך אַסי־מילירן". און אָט אויף דאָס צו דערגרייכן זענען אָנגעווענדט געוואָרן די אָנשטרענגונ־גען פֿון די פֿאַרשידענע רעגירונגען פֿון דאַן און ביז איצט, אויך פֿון דער איצטיקער ראַטן־רעגירונג וועלכע איז, פֿאַרשטענדלעך, מער פֿאַראינטערעסירט אין אַסימילירן די ייִדן ווי אין אויסשמדן, אָדער גאָר אומברענגען זיי. דעם 3טן מאַי 1882 דערשיינען „צייטווייליקע" געזעצן וועגן: א) נישט דערלויבן ייִדן צו באַזעצן זיך פֿון דאָס ניי אין דערפֿער. 2) אַנולירן די קויף־שיינען און אַרענדע־קאָנטראַקטן אויף ייִדישע נעמען אוי־סער די שטעט און שטעטלעך. 3) פֿאַרבאָטן ייִדן צו האַנדלען זונטיק און אין קריסט־לעכע ימים־טובים. נאָך דעם 10טן אַפּריל פֿון זעלבן יאָר איז פֿאַראָרדנט געוואָרן: 1) באַגרענעצן די צאָל ייִדישע דאָקטוירים און געהילפֿן (פֿעלדשערס) אין מיליטער אויף בלויז פֿינף פּראָצענט. 2) נישט באַשטימען מער קיין ייִדישע דאָקטוירים פֿאַרן מיליטער פֿון די מערב־רוסישע געגנטן. 3) אַ ייִדישער דאָקטאָר אין מיליטער קאָן נאָר זיין אַ געהילף ביי אַ קריסטלעכן דאָקטאָר. די פּאָגראָמען ווערן דערווייל פֿאַרגעזעצט, ווען אַפֿילו אין אַ קלענערן פֿאַרנעם. עס ווערן פּאָגראָמירט די קהילות פֿון ראָסטאָוו, יעקאַטערינאָסלאַוו און ניזשני־נאָווגאָראָד, וווּ עס זענען אומגעקומען צוואַנציק ייִדישע פֿאַמיליעס. אָבער ווּהין ייִדן פֿלעגן קומען אין מאַסן צוליב געשעפֿט, בשעת די באַרימטע ירידים.

דער קאָמיטעט פֿאַר דער ייִדנפֿראַגע זעצט דערווייל פֿאָר זיין טעטיקייט און עס ווערן יעדעס מאָל צוגעגרייט נייע באַשרענקונגען און באַגרענעצונגען. אין 1887 ווערט איינגעפֿירט אַ פּראָצענט־נאָרמע פֿאַר ייִדישע שילער אין די מיטלשולן פֿון דער רעגירונג און אוניווערזיטעטן. צען פּראָצענט אין די לערן־אַנשטאַלטן, וואָס געפֿינען זיך אין דער זאָנע פֿון ייִדישן וווינרעכט (תּחום), פֿינף פּראָצענט אין די אַנשטאַלטן אויסער דער זאָנע, דריי פּראָצענט אין די הויפּט־שטעט: פּעטערבורג און מאָסקווע. עס ווערט אויך איינגעפֿירט אַ שטראָף פֿון דריי הונדערט רובל פֿאַר דער פֿאַמיליע פֿון אַ ייִדישן רעקרוט, וואָס שטעלט זיך נישט צו צום פּריזיוו. די לאַגע פֿון ייִדן אין רוס־לאַנד ערגערט זיך פֿון טאָג צו טאָג. אין 1891 ווערן די ייִדן מערדערלעך אויסגעוויזן פֿון מאָסקווע, וואָס פֿאַרשטאַרקט נאָך דעם שטראָם פֿון עמיגראַציע. אין 1893 ווערט אַרויסגעגעבן אַ דראַקאָנישער דעקרעט קעגן די ייִדישע חדרים, אין 1894 ווערט פֿאַר־אָרדנט אַריינשרייבן די רובריק וועגן רעליגיע אין ייִדישע פּאַספּאָרטן מיט רויטן טינט, בכדי מען זאָל עס גלייך באַמערקן.

אין 1894 שטאַרבט אַלעקסאַנדער דער דריטער און דעם צאַרישן טראָן באַ־

שטייגט ניקאָליי דער צווייטער און לעצטער, וואָס זעצט פאָר די רעאַקציאָנערע פּאָליטיק פון זיין פאָטער, ווען אפילו די רעוואָלוציע פון 1905 וועט אים צווינגען צוזאָגן דעם פאָלק א קאָנסטיטוציע, א צוזאָג וואָס ער וועט נישט וועלן דערפילן, און זיינע יועצים וועלן זוכן צו דערטרינקען אין א כוואַליע פון בלוטיקע יידישע פּאָגראָמען. נישט־איינ־פירנדיק קיין נייע באַגרעניצונגען, האָט די רעגירונג פון ניקאָליי דעם צווייטן געזוכט אויסצוטייטשן די שוין עקזיסטירנדיקע געזעצן אויף אזא אופן, אז יידן זאָל בלייבן וואָס ווייניקער מעגלעכקייטן פאַר קיום. פאַרפאָלגונגען אין מאָסקווע, קיעוו און אנדערע הייליקע שטעט, אכזריות ביים ארויסטרייבן פון די אינערלעכע גובערניעס און פון די דערפער פון תחום. אפילו בלוט־בלבולים: אין 1900 דער בלוט־בלבול אויף דוד בלאָנדעס, אין 1913 דער פּראָצעס פון מענדל בייליס; איןביידע פאַלן זענען די באַשולדיקטע פרייגעשפּראָכן געוואָרן. דער ענטפער פון דער יידישער יוגנט אויף די צאַרישע רדיפות איז די אָרגאַניזירונג פון דער יידישער סאָציאַליסטישער אָרגאַניזאַציע „בונד" אין 1897.

א גאַנץ באַזונדער פּלאַץ פאַרנעמען די פּאָליטישע פּאָגראָמען, דורך וועלכע די צאַרישע רעגירונג האָט געזוכט צו דערשטיקן די כוואַליעס פון דער רעוואָלוציע, וואָס האָבן זיך געהויבן אלץ העכער און העכער. נאָך פאַרן שטורעם, אין פּסח 1903, ווערט דורך דער פּאָליציי אָרגאַניזירט דער פּאָגראָם אין קעשענעוו. אויף דעם גרונד פון א בלוט־בלבול אין דער שטאָט דובאַסאַר, ווי אויך פון דעם פאַרשפּרייטן קלאַנג, אז א קעשענעווער איד האָט דערהרגעט זיין קריסטלעכע דינסט, ברעכט אויס א דרייטאָגיקער פּאָגראָם, בשעת וועלכן יידן האָבן זיך אין ערטער קעגנגעשטעלט און די פּאָליציי מיטן מיליטער האָבן פאַרטיידיקט די רוצחים. דער טרויעריקער סך הכל איז געווען: 45 יידן געטויט, 86 שווער פאַרוווּנדעט, העכער פינף הונדערט לייכט פאַרוווּנדעט, און פופצן הונדערט געשעפטן צעשטערט און אויסגערויבט. דער קעשענעווער פּאָגראָם איז דער אָנזאָג פון די גרויזאַמע שחיטות פון דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָר־הונדערט, וואָס וועלן אומברענגען ארום זיבן מיליאָן יידן. דער יידישער יונגערמאַן פּנחס דאַשעווסקי האָט געמאַכט אן אַטענטאַט אויפן אָרגאַניזירער פון פּאָגראָם, א געוויסן קרושעוואַן, רעדאַקטאָר פון דער אַנטיסעמיטישער צייטונג „בעסאַראַבעץ", אָבער דער אַטענטאַט האָט זיך נישט איינגעגעבן. דעם 29סטן אויגוסט פון זעלבן יאָר איז פאָרגעקומען א פּאָגראָם אין דער שטאָט האָמעל. די יידן האָבן אָרגאַניזירט א זעלבסטשוץ, וואָס וואָלט געווען בכוח צו צעטרייבן די פּאָגראָמשטשיקעס, ווען דאָס מיליטער וואָלט נישט ארויסגעטראָטן קעגן די יידן אין שוץ פון די רויבער. צוועלף יידן און אכט קריסטן זענען געטויט און פאַרוווּנדעט געוואָרן. די רעגירונג האָט זיך פאַרענטפערט מיטן תירוץ, אז דער פּאָגראָם איז די רעאַקציע פון די „עכט רוסישע מענטשן" קעגן דעם וואָס יידן באַטייליקן זיך אין דער רעוואָלוציאָנערער באַוועגונג. אין 1905, נאָך דער מפּלה פון רוסלאַנד אין איר מלחמה קעגן יאַפּאַן, ברעכט אויס א רעוואָלוציע, וואָס דער צאַר מוז איינשטילן מיט א צוזאָג איינצופירן א קאָנסטיטוציאָנעלן רעזשים. דער מאַניפעסט וועגן דעם דערשיינט דעם 17טן אָקטאָבער 1905, אָבער

פון דעם 18טן ביזן 25סטן אָקטאָבער (אַלטן סטיל) ווערן דורכגעפירט פּאָפּציק בלוטיקע און עטלעכע הונדערט בלוטלאָזע פּאָגראָמען. מיט דעם האָט די רעאַקציאָנערע רעגירונג געמיינט צו דערשטיקן און פאַרטרינקען דעם אויסברוך.

די דערעפענונג פון צאַרישן פּאַרלאַמענט. די „גאָסודאַרסטווענאַיאַ דומאַ", ברענגט נישט אַריין קיין וועזנטלעכע ענדערונג אין דער ייִדישער לאַגע. ייִדן האָבן טאַקע געהאַט וואַל־רעכט צום פּאַרלאַמענט, אָבער אַלע פּאָריקע באַשרענקונגען און דער גאַנצער פּאָליציייִאישער ווילקיר האָבן נישט אויפגעהערט. עס שטעלט זיך אויך נישט אָפּ די כוואַליע פון פּאָגראָמען: ביאַליסטאָק, שעדלעץ, א. אַ. וו. דאָס פאַרשטאַרקט די רעוואָלוציאָנערע שטרעמונגען צווישן דער ייִדישער באַפעלקערונג, בעיקר צווישן דער ייִדישער יוגנט, וואָס קעמפט אַקסל ביי אַקסל מיט די ליבעראַלע טיילן פון דער אַלגעמיינער באַפעלקערונג קעגן דער צאַרישער טיראַניע. די רעאַקציע פייערט סוף כל סוף איר זיג. אַן ענדערונג אין וואַל־געזעץ דערלויבט איר צו שאַפן אַ געהאָרכזאַמע „דומע", און פון 1907 ביז 1914, ווען עס ברעכט אויס דער ערשטער וועלט־קריג, ליידט דער ייִדישער ישוב צוזאַמען מיט אַלע אַנדערע פעלקערשאַפטן פון דער אימפּעריע, און נאָך מער פון זיי די גרעסטע באַשרענקונגען און פאַרפאָלגונגען. די רעוואָלוציאָנערע באַוועגונג ענטפערט מיט טעראָר, און אַ ייִדישער יונגערמאַן, אַ רעוואָלוציאָנער און אַגענט פון דער געהיים־פּאָליציי, באָגראָוו, דערשיסט דעם פּרעמיער סטאָליפּין, אין אָנוועזנהייט פון צאַר, אין אַ טעאַטער אין קיעוו. אויף נאָכן צו זיין זיך אין אַלע ייִדן, ווערט אינסצעניזירט אַ בלוט־בלבול אין דער זעלבער שטאָט. דער ייִד מענדל ביילים ווערט באַשולדיקט אין האָבן דערמאָרדעט אַ רוסיש ייִנגל פאַר ריטואַלע צוועקן. אָבער דאָס געריכט פון געשווירענע באַפרייט ביילִיסן אין 1913. ביילים איז אָפּגעפאָרן קיין ארץ־ישראל.

אין צענטער פון דער רעאַקציע, אין פּרייסן האָט דער ייִדנהאַס אָנגענומען מער געזעלשאַפטלעכע פאָרמען. די שאַפונג פון דער דייטשישער אימפּעריע שריט ביי שריט, דורך אַ רייע מלחמות און זיגן צווישן די יאָרן 1866 און 1870, האָט בכלל געשטאַרקט די רעאַקציאָנערע טענדענצן אין די רעגירונגס־קרייזן, וואָס האָבן זיך גענומען ערנסט באַקעמפן דעם סאָציאַליזם, מיט די געזעצן פון 1878, און אפילו די קאַטוילישע קירך, וואָס האָט זיך נישט אינגאַנצן אונטערגעוואָרפן דעם נאַציאָנאַלן שאָוויניזם פון צווייטן רייך, צוליב דעם וואָס די קירכע איז דאָך אָפּהענגיק פון פּויפּסטום. די ייִדן, וואָס האָבן זיך פאַר דער צייט פון דער טיילווייזער עמאַנציפּאַציע דערשלאָגן צו אַן אָנגעזעענעם עקאָנאָמישן מעמד און האָבן זיך אַקטיוו באַטייליקט אין די ליבעראַלע פּאַרטייען און אין דער סאָציאַליסטישער, האָבן אויך געדאַרפט באַקעמפט ווערן.

דער רעגירונגס־אַגענט אויף דורכצופירן די אַנטי־ייִדישע טעטיקייט איז געווען דער פּראָטעסטאַנטישער הויף־פּאַסטאָר אַדאָלף שטעקער, וועלכער האָט געגרינדעט די קריסטלעך־סאָציאַלע פּאַרטיי אין 1878. אין אַ יאָר אַרום איז צו איר צוגעקומען דער משומד ווילהעלם מאַרר, וועלכער האָט אייגנטלעך געשאַפן דעם טערמין אַנטיסע־

מיטיזם, און וועלכער האט זיך באמיט צו דערווייזן, אז יידנטום און דייטשנטום זענען צוויי קעגנגעזעצטע כוחות, וואס מוזן זיך באקעמפן, ביז איינער פון זיי וועט אומקו־מען. אין 1880 גרינדעט מארר א צייטשריפט „צוואנגלאזע אנטיסעמיטישע העפטע" און אן „אנטיסעמיטישע פאראייניקונג". די מיטגלידער פון וועלכער פארפליכטן זיך נישט צו האבן מיט יידן קיין שום מגע ומשא.

אין 1879 ווערט די אנטיסעמיטישע פראפאגאנדע פון מארר „וויסנשאפטלעך" באגרינדעט פון די פראפעסארן דיורינג און טרייטשקע פון בערלין. דער דאזיקער פערט־לינג: שטעקער, מארר, דיורינג, טרייטשקע, האט אויסגעארבעט די גרונטלאגן פון דער ראסן־טעאריע פון קאמף צווישן סעמיטישן יידנטום און ארישן גערמאנערטום, וואס מוז זיך ענדיקן מיט דער אויסראטונג פון איינעם פון די צוויי צדדים. די וויסנשאפטלעך־רעליגיעזע באגרינדונג און גאסן־פראפאגאנדע האט געהאט איר ווירקונג: אין 1881 ווערן אין דייטשלאנד באנייט די פאגראמען פון 1819.

די לאגע אין דייטשלאנד איז אבער גאנץ פארשידן פון דער רוסישער. בשעת אין רוסלאנד גייט די אנטיסעמיטישע כוואליע בעיקר פון אויבן אראפ, פון די הויף־קרייזן צו די פאלקס־שיכטן, באמיט מען זיך אין דייטשלאנד, אז דער שטראם זאל גיין פון אונטן ארויף, כלומרשט פון די מאסן צו דער רעגירונג. אויף א ווונק פון דער רעגירונג, און סובסידירט פון געהיימע פאנדן, ווערט במשך פון א קיילעכדיק יאר, מערץ 1880־1881, געטריבן אן אנטיסעמיטישע העצע, וואס קומט צום רעזולטאט אין א פאלקס־פעטיציע צו דער רעגירונג, מיט 600 טויזנט אונטערשריפטן, אין וועלכער עס ווערט געפאדערט: 1) באגרענעצן די אימיגראציע פון אויסלענדישע יידן, 2) באַ־זייטיקן די יידן פון רעגירונגס־אמטן, 3) באזייטיקן יידן פון לערער־שטעלן אין די פאלקס־שולן און אויפנעמען זיי נאר אין אויכנאם־פאלן אין די אנשטאלטן פון מיטעלער און הויכער בילדונג. 4) איינפירן א באזונדערע סטאטיסטיק פאר יידן אין דייטשלאנד. די פעטיציע איז געשטיצט געווארן פון פאלקס־דעמאנסטראציעס, וואס די פאליציי האט געדולדעט. אויף די ווענדונגען פון די יידישע און ליבעראלע שיכטן, פלעגט די רעגירונג ענטפערן מיט א טרוקענעם „דערהאלטן".

אין סעפטעמבער 1882 פארזאמלט זיך אין דרעזדען דער קאנגרעס פון אנטי־סעמיטישן „אינטערנאציאנאל", וואס האט געזאלט דינען ווי א קעגנגעוויכט דעם סאַ־ציאליסטישן אינטערנאציאנאל. עס באטייליקן זיך אין אים א דריי הונדערט דעלעגאטן, אבער בלויז פון דייטשלאנד און עסטרייך. אין זיצונגס־זאל הענגט דאס בילד פון „קרבן" פון בלוט־בלבול אין טיסא־עסלאר. אין 1889 קומט פאר א צווייטער אנטיסע־מיטישער צוזאמענפאר, וואס איז נישט געבליבן צופרידן מיט דער „געמעסיקטער" פאַ־ליטיק פון שטעקער אין דרעזדען. דערווייל ווערט אויך פארגעזעצט די ליטעראַרישע דיסקוסיע, דער אנטיסעמיטישער פראפעסאר הארטמאן פארעפנטלעכט אין 1885 זיין „יידנטום אין קעגנווארט און צוקונפט", אין וועלכן ער האלט אן די אלגעמיינע אנטי־

סעמיטישע ליניע. דעם זעלבן יאָר דערשיינט אויך אַ בוך מיט מיינונגען פון קריסט־לעכע געלערנטע וועגן דעם אַנטיסעמיטיזם. די מיינונגען קומען אַלס ענטפער אויף דער בראַשור פון יידישן פּובליציסט פון עסטרייך י. זינגער איבער דער פראַגע „צי דאַרפן זיך יידן שמדן". דער רוב פון די ענטפערס איז קעגנעריש צום אַנטיסעמיטיזם; די גע־לערנטע האַלטן עס ווי אַן אויסדרוק פון אָרדינערן עגאָאיזם אין קאַמף פאַר עקזיסטענץ.

פון דער דאָזיקער דיסקוסיע אַנטוויקלען זיך צוויי שטרעמונגען אין דער דייט־שישער געזעלשאַפטלעכקייט גופא. די אַנטיסעמיטישע, וואָס הערט נישט אויף צו העצן קעגן יידן אויף אַלע אופנים, אין רייכסטאַג, אין דער ליטעראַטור און זשורנאַ־ליסטיק. דער „אַנטיסעמיטישער קאַטעכיזם" פון פריטש ווערט פאַרשפּרייט אין צענדלי־קער טויזנטער עקזעמפּלאַרן און הוסטאָן טשעמבערליין, אַ פאַרדייטשטער ענגלענדער, לאָזט אַרויס אין 1898 זיין „וויסנשאַפטלעך" ווערק „די גרונדלאַגן פון נייַנצנטן יאָר־הונדערט", אין וועלכן ער אַנטוויקלט די ראַסן־טעאָריע, וואָס וועט דינען אַלס באַזע פאַרן נאַציאָנאַל־סאָציאַליזם אין פּרעציק יאָר אַרום. טשעמבערליין טיילט די גאַנצע מענטשהייט אויף צוויי הויפּט־ראַסן: אַריער און סעמיטן. די בעסטע פון די אַריער זענען די גערמאַנען, די ערגסטע פון די סעמיטן זענען די יידן; מוז דערפאַר הערשן אַן אייבי־קע שנאה צווישן די צוויי שטאַמען, וואָס קאָנען נישט לעבן איינצייטיק אויף דער וועלט: איינער מוז אומקומען, בכדי דער צווייטער זאָל זיך קאָנען געהעריק אַנטוויקלען. דאָס בוך פון טשעמבערליין איז אַרויס אין 1899 אין מערערע אויפלאַגעס און האָט צוגע־גרייט די צוקינפטיקע גרויל פון דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט. די מאָדערנע אַנטיסעמיטן שטעלן זיך אויך נישט אָפּ פאַרן אַלטן אויסגעפּרוּווטן מיטל פון בלוט־בלבול. אין 1891, אין שטעטל קסאַנטען, ווערט באַשולדיקט דער ייד בושהאָף אין דערמאָרדן אַ פינף־יאָריק קינד; אין 1900 ווערט אין פּרייסישן שטעטל קאָניץ באַשולדיקט דער יידישער קצב איזראַעלסקי אין דערמאָרדן דעם דייטשן סטודענט וויני־טער. עס שאַפט זיך אַ פּאָגראָם־שטימונג, אַ גרופּע זשורנאַליסטן טעראָריזירט די יידן, מיטן צוועק אויסצופרעסן ביי זיי געלט, אָבער ביידע פּראָצעסן ענדיקן זיך מיט פריי־שפּרעכן די יידישע באַשולדיקטע. דער ליגגוויסט נעלדקע דערקלערט פייערלעך, אַז אין תלמוד, אין רבנישער ליטעראַטור, איז אַפילו נישטאָ קיין רמז אויף דעם שוידערלעכן מנהג פון נוצן בלוט, און אין פּראָצעס פון קסאַנטען פאַרוואַנדלען זיך די אָפיציעלע נעריכט־באַשולדיקער אין פאַרטיידיקער.

די בעסטע דייטשישע געזעלשאַפט האַלט פאַר איר פליכט צו אָרגאַניזירן זיך פאַר דער יידנפאַרטיידיקונג, און אין 1890 ווערט געגרינדעט דער „פעראיין צור אַבווער דעס אַנטיסעמיטיזמוס", וואָס ווערט ביז 1895 פּרעזידירט פון באַרימטן דייטשישן יו־ריסט גנייסט, און פון 1895 פון דעם אָפּאָזיציע־פירער ריקערט. אין 2־1891 לאָזט אַרויס דער פאַראיין אַ דיסקוסיע־ווערק „אַנטיסעמיטנשפּיגל" וואָס ווערט פאַרשפּרייט אין קנאַפּע

צען טויזנט עקזעמפּלארן, בשעת די אנטיסעמיטישע ליטעראטור צעגייט זיך אין די הונדערטער טויזנטער.

אויך די דייטשישע יידן געפינען פאר נויטיק צו אָרגאניזירן זיך פארן קאמף קעגן אנטיסעמיטיזם. אין 1893 ווערט געגרינדעט אין בערלין דער „צענטראל פאראיין דייטשישער שטאטסבירגער יידישן גלאאובענס”. דער פאראיין פירט אויך אן אפּווער קאמף, ער ווידמעט אָבער זיין ענערגיע פאר איינצלנע פאלן פון פארלעצן רעכטן פון יידישע בירגער, ביים אויפגענומען ווערן אלס שטאטס־באאמטע, מיליטער־דאָקטוירים, שול־לערער וכדומה. דער פאראיין האלט אָבער, אז ער פארטרעט נישט קיין דייטשישע יידן, נאָר דייטשישע שטאטסבירגער פון יידישן גלויבן. „אונדזער געבורט, שפראך און געפילן האָבן אונדז געמאכט פאר דייטשן, און קיין זייטיקער שטראָם (געמיינט די ציוניסטישע באוועגונג) קאָן נישט אוועקנעמען אונדזער הארץ פון אונדזער ליבן דייטשלאנד”. די דאָזיקע אסימילאטאָרישע געפילן האָבן באהערשט נישט נאָר די רעפאָרם־יידן נאָר אויך די געמעסיקטע און אפילו עקסטרעמע אָרטאָדאָקסיע. דער רעליגיאָנס־געפיל אליין, נישט דער רעפאָרמיסטישער און אויך נישט דער אָרטאָדאָקסישער, איז בכוח אָפּצוהאלטן די פּראקטישע אסימילאציע, וואָס מאכט אָן חורבונות אין דייטשישן יידנטום. די צאָל געמישטע חתונות האלט אין איין וואקסן, די צאָל שמד־פאלן שטייגט אויך, דאקעגן די צאָל פון געבורטן האלט אין איין פארמינערט ווערן, דער יידישער קבוץ אין דייטשלאנד פאלט אריין אין דעקאדענץ. אפילו די חכמת ישראל, דער איינציקער אויסדרוק פון אינטערעס פאר יידישע גייסטיקע ווערטן גייט אריבער פון יידישע צו קריסטלעכע געלערנטע און די פאָרזעצערס פון די גייגערס, צונצעס, גרעצס א. א. זענען די נישט־יידן די וועט, עוואלד, רייס, גראף, וועלהויזן, שירער און אנדערע דייטשישע געלערנטע, וואָס שאפן די מאָדערנע ביבל־קריטיק, וואָס איז נישט אינגאנצן ריין פון אנטי־יידישע טענדענצן. די יידישע וויכנשאפטלער באגנוגענען זיך מיט ארבעטן פון פיל קלענערן פארנעם, ווי „די געשיכטע פון יידן אין רוים”, „רעגעסטן” און „קוועלן” צו דער יידישער געשיכטע אין דייטשלאנד א. א.

142סטע לעקציע

די צווייטע רעאקציע-כוואליע אין איראפע

2 — עסטרייך אונגארן, מערב־איירָאפע

נישט פיל בעסער, ווען אפילו היפש קאמפליצירטער, איז געווען דער מצב פון די יידן אין דער פארשידנפארביקער עסטרייך־אונגארישער אימפעריע, וווּ עס האבן געלעבט צום סוף פון ניינצנטן און אנפאנג צוואנציקסטן יארהונדערט ארום צוויי מיליאן יידן. דער קאמף צווישן די פארשידענע פעלקערשאפטן פון דער דואלער מאנארכיע האט טאקע נישט דערלויבט קיין עקסטרעמע גערמאניזאציע ווי אין דייטשלאנד, אבער דערפון איז די יידישע לאגע נישט געווארן בעבער. אנשטאט איין צענטראלן פאטריאטיזם זענען געקומען די ארטיקע פאטריאטיזמען, דער דייטשישער, מאדיארישער, פוילישער און טשעכישער, וואס האבן אומעטום געפאדערט פון די יידן צו העלפן זיי קעגן די אנדערע פאטריאטיזמען, וואס האבן געקעמפט פארן איבערגעוויכט אין די פארשידענע געגנטן פון דער אימפעריע. דאך האט די אימפעריאלע רעגירונג נישט געשטיצט דעם אנטיסעמיטיזם און אפילו אים באקעמפט ביי געוויסע געלעגנהייטן.

דער עסטרייכישער אנטיסעמיטיזם איז נישט אפגעשטאנען פון דייטשישן אין זיינע „וויסנשאפטלעכע" באגרינדונגען. אין 1871 פארעפנטלעכט דער פראגער פראפעסאר אויגוסט ראלינג זיין ווערק „דער תלמוד־יודע", וואס איז פול מיט בלבולים און פאלשע ציטאטן. כפי ראלינג איז געווען א קאטאליק, טרעט קעגן אים ארויס דער פראטעסטאנטישער פראפעסאר פון לייפציג, פראנץ דעליטש, וועלכער דערווייזט, אז דער „געלערנטער" פראפעסאר ווייסט נישט פון זיינע הענט און פיס אין דער תלמודישער ליטעראטור (1880). ראלינג האט אפגעשוויגן און נישט געענטפערט אויף דער קריטיק פון דעליטש. ער האט דאך נאר געזוכט צו ברענגען נוצן די אנטיסעמיטן, און דאס האט ער דערגרייכט.

אין 1882 הויבט אן צו דערשיינען אין ווין די קליינע צייטשריפט פון דעם פאן־גערמאניסט געארג שענערער, אונטערן נאמען: „אונגעפעלשטע דייטשישע ווארטע", וווּ עס ווערט גוט אויסגענוצט ראלינגס וויסנשאפט. דעם זעלבן יאר טרעט ארויס מיט אן אנטיסעמיטישער רעדע דער טשעך פראנץ האלובעק, אין וועלכער ער

דערקלערט, אז יידן זענען נישט קיין מיטבירגער, נאר עקספלואטאטארן און בלוט־זויגער, דער תלמוד זאל באטיטלען די קריסטן אלס „חזירים, הינט און אייזלען". האלובעק שטיצט זיך אויך אויף די „וויסנשאפטלעכע" ראיות פון ראלינג און ווערט דערפאר באפרייט פון געריכט. אבער די ווינער רבנים גידעמאן און יעלעניק ווענדן זיך צום געריכט מיט א שריפט, אז די פראזע, וואס האלובעק האט ציטירט פון ראלינגס ווערק, איז גאר אין תלמוד נישטא און אז בכלל איז אין תלמוד נישטא קיין שנאה צו קריסטן. ראלינג פארעפנטלעכט דאן א באזונדערע שריפט וועגן „די מענטשלעכע קרבנות פון די רבנים". דאן טרעט ארויס קעגן ראלינגן דער ראבינער און פארלאמענט־דעפוטאט ד"ר יוסף בלאך, וועלכער דערקלערט אין א רייע צייטונגס־ארטיקלען, אז ער איז גרייט צו צאלן א שטראף פון דריי טויזנט פלארין, אויב ראלינג וועט עפנטלעך איבערלייענען און פארטייטשן בלויז איין בלאט גמרא. ראלינג פארפירט א פראצעס קעגן ד"ר בלאך פאר פארלוימדונג. בשעתן פראצעס איז קלאר געווארן, אז הינטער פראפעסאר ראלינג איז געשטאנען דער משומד אהרן (יוסטוס) ברימאן, וואס האט פארעפנטלעכט אן אנטיסעמיטישן פאמפלעט „יודענשפיגל", און דער פראפעסאר פאר העברעאיש אין דער קאטוילישער אקאדעמיע פון מינסטער ד"ר עקער. ווען ראלינג האט דערזען, אז מען האט אים טאקע צוגעשטעלט געפעלשטע ציטאטן, האט ער אין 1895 צוריקגעצויגן זיין באשולדיקונג קעגן ד"ר בלאך און פון פראצעס איז גארנישט געווארן. אבער די ווערק פון ראלינג און ברימאן זענען א צייט לאנג באנוצט געווארן פון די אנטיסעמיטן אין א רייע לענדער.

פון ליטעראריש־וויסנשאפטלעכער דיסקוסיע ווערט דער אנטיסעמיטיזם אריבערגעטראגן אויף דער פאליטישער ארענע, בעיקר נאכדעם ווי די אנטיסעמיטן געווינען די מערהייט אין דער ווינער שטאט־פארוואלטונג. אין 1895 געווינען די אנטיסעמיטן די וואלן צום ווינער שטאטראט און באשטימען זייער פירער קארל לועגער אלס שטאט־פרעזידענט. די רעגירונג אנטזאגט זיך צו באשטעטיקן די באשטימונג, און עס אנטוויקלט זיך א שארפער קאמף צווישן דער ווינער שטאט־פארוואלטונג און דער אימפעריאלער רעגירונג; אין 1896 קומט מען צו א קאמפראמיס, לועגער ווערט וויצע־פרעזידענט פון ווין, אבער אין 1897 ווערט ער שוין באשטעטיקט אלס פרעזידענט אן טענות.

גלייכצייטיק אנטוויקלט זיך אויך אין ווין א ליטערארישער פראצעס וועגן אן אנטיסעמיטישער באשולדיקונג. דער קאטוילישער גלח דעקארט פארעפנטלעכט א שריפט וועגן עלילת דם, און ווען ער ווערט באשולדיקט פון ד"ר בלאך אין עם־הארצות, רופט ער צו הילף דעם משומד פאול מאיר, וועלכער באשטעטיקט שריפטלעך, אז ער האט אמאל געזען א ריטועלן מארד אין זיין געבורטשטאט אסטרא. די געריכט־אויספארשונג קלערט אויף די גאנצע פאלשקייט און דעקארט, מאיר און זייערע אונטערהעלפער ווערן פארמשפט צו אפלייקענען עפנטלעך זייערע בלבולים.

אויך אין ווין גרינדן די בעסערע דייטשן א פאראיין צו באקעמפן דעם אנטי־

סעמיטיזם, בראש פון וועלכן עס שטעלן זיך דער באַראָן פאָן זוטנער און זיין פרוי, די באַרימטע אַנטימיליטאַריסטישע שרייבערין בערטאַ פאָן זוטנער, דער פּראָפעסאָר נאָטנאַגל, און דער געאָלאָג עדוואַרד זיס (אַ ייד), אָבער די טעטיקייט פון דעם פאַראיין געפינט וויניק אָפּקלאַנג אין דער פאַרסמטער סביבה. דער דעמאָקראַטישער דעפּוטאַט קראָנאָוועטער טרעט אַפּטער אַרויס אין פּאַרלאַמענט מיט רעדעס קעגן די אַנטיסעמיטן, אָבער דער יידישער פירער פון די עסטרייכישע סאָציאַליסטן, דער ייד, וויקטאָר אַדלער, האַלט, אַז די סאָציאַליסטן דאַרפן נישט אַרויסטרעטן עפנטלעך קעגן דעם אַנטיסעמי־טיזם, וועלכער „וויִרקט זיך סוף כל סוף אויס צום גונסטן פון סאָציאַליזם". זאָל זיך אַנטוויקלען דער אַנטיסעמיטיזם, דער סאָציאַליזם פון די נאַראָנים, און דערמיט עפענען אַ וועג פאַרן ריכטיקן סאָציאַליזם, פון די קלוגע.

אין אונגאַרן איז די לאַגע פון די יידן פיל פאַרערגערט געוואָרן דורך דעם, וואָס זיי האָבן זיך אַסימילירט אַלס עסטרייכער, מיט דייטש אַלס זייער מוטער־שפּראַך, און דערמיט אַרויסגערופן דעם גרימצאָרן פון די מאַדיאַרן, וואָס האָבן געפאָדערט פון די יידן מאַדיאַרישן פּאַטריאָטיזם. ווען אפילו די יידן האָבן גלייך נאָכגעגעבן, און דריי פערטל פון דער יידישער באַפעלקערונג האָבן פאַרצייכנט מאַדיאַריש אַלס זייער מוטער־שפּראַך, האָבן זיך די אַנטיסעמיטיש־פּאַטריאָטישע העצער נישט באַרואיקט און באַ־קעמפט די יידן מיט די אויסגעפּרוּווטע דייטשישע מיטלען: אַנטיסעמיטישע פאַראיינען, פּעטיציעס צו דער רעגירונג וועגן אָפּשאַפן די יידישע גלייכבאַרעכטיקונג און אפילו דורך פאַרבייטן אין אַ וויץ דעם נאָמען פון דער אונגאַרישער הויפּט־שטאָט בודאַ־פּעסט אויף יודאַ־פּעסט.

אין 1882 ווערט אויך אינסצעניזירט אין אונגאַרן אַן עלילת־דם פּראָצעס, ווען עס פאַרשווינדט די פּערצניעריקע אסתר סאָלימאָסי, פון דאָרף טיסאַ־עסלער. באַלד פאַרשפּרייטן זיך קלאַנגען וועגן אַ ריטועלן מאָרד, די געריכטס־אויספאָרשונג ווערט געפירט אין דער ריכטונג און צווינגט מיט דראָאונגען עדות צו זאָגן אין דעם זין. דאָס יידישע פערצן־יאָריקע ייִנגל מאָריץ שאַרף ווערט אָנגערעדט און באַווירקט עדות צו זאָגן, אַז ער האָט אַליין געזען ווי זיין פאָטער און דריי צוגערייזטע שוחטים האָבן צעשניטן אויף שטיקער דעם קערפּער פון סאָלימאָסי. דער טיסאַ־עסלער פּראָצעס האָט אַרויסגערופן אַ שטאַרקן אינטערעס אין אויסלאַנד. וועלט־באַרימטע פּערזענלעכקייטן, ווי די פראַנצויזישע שרייבער וויקטאָר הוגאָ און ערנסט רענאַן, אויך דער אונגאַרישער נאַציאָנאַלער העלד לודוויג קאָשוט, האָבן שאַרף פּראָטעסטירט קעגן דער אומגעלומפּער־טער פאַרלוימדונג. דאָס אונגאַרישע געריכט פון דער שטאָט נירדיאַזי, ווו דער פּראָצעס איז געפירט געוואָרן, איז געשטאַנען אויף דער געהעריקער הויך, און די באַשולדיקטע זענען אנערקענט געוואָרן פאַר אומשולדיק.

אין סלאַווישן טייל פון דער אימפּעריע איז עס אויך אָנגעגאַנגען אויף ענלעכע דרכים. אין גאַליציע ווערט אָרגאַניזירט אַ באָיקאָט־באַוועגונג קעגן די יידן, עס פירט

זיך אַ פּאָגראָם־העצע, וועגן וועלכער דער סאָציאַליסטישער פירער, דעפּוטאַט דאַשינסקי, האָט זיך אויסגעדריקט, אַז „מען רייצט אויף די אָרעמע פּאָליאַקן קעגן די אָרעמע ייִדן". אין 1882 ווערט אויך אינסצעניזירט אַ בלוט־בלבול, אין וועלכן עס ווערט באַשולדיקט דער ייִד ריטער און זיין פרוי. נאָך אַ לאַנגן פּראָצעס אין די פאַרשידענע אינסטאַנצן, ווערן די ריטערס פריי־געשפּראָכן אין 1896 דורכן העכסטן געריכט אין ווין.

אין טשעכיע איז עס אויך נישט פיל בעסער. אין 1897 ברעכן אויס פּאָגראָמען אין פּראָג און אין אַ רייע שטעט און שטעטלעך, און אין 1899 קומט אויף אַ בלוט־בלבול אין פּולנאַ, ווען דאָס מיידל אַגנעס גרושאַ ווערט געפונען אַ געשאָכטענע, און דער ייִד לעאָפּאָלד הילזנער ווערט באַשולדיקט אין דעם פאַרברעכן. די ערשטע אינס־טאַנץ פאַרמשפּט הילזנערן צום טויט דורך הענגען, און דאָס רופט אַרויס אַ צווייטע סעריע פּאָגראָמען. אָבער קעגן דעם פּסק דין טרעט אַרויס פּראָפעסאָר מאַסאַריק פון פּראָג. עס ווערט דערגרייכט אַ רעוויזיע פון פּראָצעס, און הילזנער ווערט ווידער פאַרמשפּט אין 1900, ווען אַפילו דער באַשולדיקער וואַרפט אָפּ דעם רעליגיעזן מאָטיוו פון פּראָצעס. קייזער פראַנץ־יאָזעף פאַרבייט דעם טויט־אורטייל אויף לעבנסלענגלעכער תפיסה. אויך פּראָפעסאָר מאַסאַריק ווערט צוגעצויגן צו געריכטלעכער פאַראַנטוואָרט־לעכקייט, וואָס רופט אַרויס אַ שטורעם פון פּראָטעסטן איבער מערב־אייראָפּע.

די אַנטיסעמיטישע כוואַליע דערקייקלט זיך אַפילו ביז דער ליבעראַלער רעפּוב־ליקאַנישער פראַנקרייך, וואָס פאַרמאָגט קוים וואָסערע הונדערט טויזנט ייִדן, שוין אַריינגערעכנט די פערציק טויזנט ייִדן פון דער קאָלאָניע אַלזשיר. אין 1882 הייבן אָן צו דערשיינען אַנטיסעמיטישע צייטונגען: „ל'אַנטי־זשוויף", „ל'אַנטיסעמיטיק", אין 1886 דערשיינט דאָס בוך פון עדואַרד דרומאָן „לאַ פראַנס זשוויף" (די פאַרייִדישטע פראַנקרייך), וווּ אונטער דער מאַסקע פון היסטאָרישע פאָרשונגען ווערט געטריבן די גיפטיקסטע ייִדנהעצע. אין 1891 ווערט צריינגעטראָגן אין פראַנצויזישן פּאַרלאַמענט אַ פאָרשלאָג אַרויסצוטרייבן די ייִדן פון פראַנקרייך. אין 1892 הייבט אָן דערשיינען „לאַ ליבר פּאַראָל" (דאָס פרייע וואָרט), אַן אַנטיסעמיטישע שריפט אָנגעפירט פון יעזואיטן. אין 1894 קומט אויף דער באַרימטער דרייפוס פּראָצעס, וואָס וועט האַלטן געשפּאַנט גאַנץ אייראָפּע אין משך פון זעקס יאָר.

ווען אין פראַנצויזישן גענעראַל־שטאַב ווערט אַנטדעקט, אַז איינער פון די אָפיצירן האָט אַרויסגעגעבן מיליטערישע סודות צו דייטשלאַנד, ווערט די באַשולדיקונג אַרויפגעוואָרפן אויפן ייִדישן קאַפּיטאַן אַלפרעד דרייפוס, קעגן וועלכן עס ווערט געפעלשט אַ רייע דאָקומענטן, וואָס ווערן געהאַלטן אין אַ „געהיימען פּאָרטפעל". דעם 22סטן דע־צעמבער 1894 ווערט דרייפוס פאַרמשפּט צו דעגראַדאַציע און אייביקער תפיסה. בעת דער דעגראַדאַציע שרייט דרייפוס אויס: „איר האָט פאַרמשפּט אַן אומשולדיקן! זאָל לעבן פראַנקרייך! זאָל לעבן די אַרמיי!" דרייפוס ווערט פאַרשיקט אויפן טייוול־אינדזל נישט ווייט פון דער פראַנצויזישער גוויאַנע.

אָבער אין פראַנקרייך האָט אַזאַ אומרעכט מער נישט געקאָנט פאַרשוויגן ווערן. דער דרייפוס־פּראָצעס איז פאַרוואַנדלט געוואָרן אין דעם שטרייט־פּונקט צווישן די רעאַקציאָנערע און ליבעראַלע עלעמענטן פון לאַנד. גאַנץ פראַנקרייך האָט זיך צעטיילט אין צוויי לאַגערן: דרייפוסאַרן און אַנטי־דרייפוסאַרן, וואָס האָבן זיך באַקעמפט העפטיק אין פּאַרלאַמענט, אין דער פּרעסע, אויף פאַרזאַמלונגען.

דער קאָלאָנעל פּיקאַר קוקט נאָכאַמאָל דורך דעם „געהיימען פּאָרטפעל״ און דערוויסט זיך, ווער דער אמתער פאַרברעכער איז, אַן אָפיציר פון אונגאַרישן אָפּשטאַם, עסטערהאַזי. דער יידישער זשורנאַליסט בערנאַרד לאַזאַר טרעט מוטיק אַרויס אין דער פּרעסע אין דער פאַרטיידיקונג פון דרייפוסן. דער פראַנצויזישער נאָוועליסט עמיל זאָלאַ טרעט אַרויס מיט אַ שאַרפער באַשולדיקונג קעגן די פירער פון גנב. שטאַב און פאָדערט אַ רעוויזיע פון פּראָצעס. די אַנטיסעמיטן דרומאָן און ראָשפאָר טרעטן שאַרף אַרויס קעגן זאָלאָן, קעגן וועלכן עס ווערט אויך פאַרפירט אַ פּראָצעס. אין צוזאַמענהאַנג מיטן דרייפוס־פּראָצעס ווערן אין 1897 געגרינדעט אין אַלזשיר אַ רייע אַנטי־יידישע פאַראיינען, און אין די יאָרן 1897־8 ברעכן אויס בלוטיקע פּאָגראָמען. אָבער די דרייפוסאַרן ווערן נישט מיד אין זייער קאַמף פאַר גערעכטיקייט. ווען דער ווירקלעכער פאַררעטער עסטער־האַזי זעט, אַז עס האַלט מיט אים שמאָל און מוז אַנטלויפן קיין לאָנדאָן, און דער פעל־שער פון די דאָקומענטן אין „געהיימען פּאָרטפעל״, אַנרי, באַגייט זעלבסטמאָרד, מוז די רעגירונג פאַראָרדענען אַ רעוויזיע פון פּראָצעס. נאָך פינף יאָר פאַרשיקונג ווערט דרייפוס, אַ קראַנקער און צעבראָכענער, געבראַכט קיין פראַנקרייך (1899). אַרום צווייטן פּראָצעס, וואָס קומט פאָר אין רען, אַנטוויקלט זיך ערשט אַ שאַרפער קאַמף פון די דרייפוסאַרן און אַנטידרייפוסאַרן, דער אַנטיסעמיטישער פּרעסע פון איר צד און דער ליבעראַלער פּרעסע פון איר זייט. דאָס געריכט טראָגט אַרויס אַ נישט־קלאָרן פּסק־דין. דרייפוס ווערט אַנערקענט פאַר שולדיק, אָבער ער פאַרדינט איינזען. ער ווערט פאַר־משפּט אויף צען יאָר פעסטונג, אָבער דאָס געריכט אַליין איז זיך משתדל פאַר זיין באַגנעדיקונג און ער ווערט באַפרייט אין 1900. בכדי צו פאַרדעקן די שפּורן פון דעם סקאַנדאַליעזן פּראָצעס, נעמט אָן דער פּאַרלאַמענט אַ געזעץ פון אַמנעסטיע פאַר די אַלע, וואָס זענען אין אים געווען פאַרמישט. אָבער די פראַנצויזישע ליבעראַלע געזעלשאַפט זעצט פאָר דעם קאַמף, בכדי צו אויסראָטן די רעאַקציע און אָראָפּנעמען פון פראַנקרייך די חרפּה פון אַן אומגערעכטן משפּט. בראש פון די קעמפער פאַר אַ נייער רעוויזיע פון פּראָצעס שטעלן זיך די באַרימטע פראַנצויזישע פּאָליטיקער זשאָרעס און קלע־מאַנסאָ. אין 1902 דערקלערט דער נייער קריגס מיניסטער, אַנרי אַנדרע, אַז דער דריי־פוס־פּראָצעס מוז רעווידירט ווערן. דרייפוס גיט אַן אַן אָפיציעלע ביטע וועגן דעם. אָבער ערשט אין 1906 ווערט דער פּראָצעס רעווידירט, דרייפוס ווערט דערקלערט פאַר אומ־שולדיק און ווערט צוריק איינגעשלאָסן אין דער אַרמיי, ווו ער דינט מיט ערע אין דעם ערשטן וועלט־קריג.

143סטע לעקציע

קולטור-צעבלי אין צייטן פון שקיעה

(1840 ־ 1939)

נישט דער שטארקער דרוק פון דער דרויסנדיקער רעאקציע, נישט די טיילווייזע קאפיטולאציע אויסגעדריקט אין דער רעפארם און אסימילאציע, האבן געקאנט פאראליזירן די אינערלעכע גייסטיקע כוחות, וואס זענען ארויסגערופן געווארן צום לעבן דורך חסידות, השכלה און, שפעטער, מוסר, און וואס האבן זיך נאך שטארקער אנטוויקלט אונטערן הויך פון דער נאציאנאלער אידעע, וואס האט אויפגעבליט נאכן בלוט־בלבול אין דמשק (1840) און האט קריסטאליזירט אין דער ציוניסטישער באוועגונג, וואס האט געבראכט צו פולקאמען רענעסאנס פון די יידישע פאלקס־כוחות אויף אלע געביטן.

די קולטור־באוועגונג, ארויסגערופן פון דער השכלה אין מערב־איראפע, אריענטירט זיך נאך דער רעפארמע מער צו אלגעמיינער וויסנשאפט און קולטור, און יידן ווערן ביים אונטערגאנג פון צענטער אין איראפע פארנעמען דעם אויבנאן אין איראפעאישן קולטור־לעבן, אין דער וויסנשאפט, ליטעראטור, טעאטער, קונסט. א סך יידן ווערן זיין טרעגער פון נאבל־פרייז, אדער סתם בארימטע וויסנשאפטלער. די נעמען פון ערליך, פרויד, האבער, איינשטיין, וואסערמאן, אין דער וויסנשאפט; צווייג, לודוויג, וואסערמאן, אין דער ליטעראטור; ליבערמאן אין מאלעריי; ריינהארדט און גראנאך, אין טעאטער; בלום, ראטענוי, טראצקי, פריים אין דער פאליטיק, וועלן בלייבן פעסט איינגעקריצט אין דער וועלט־געשיכטע. דאס איז אבער אלץ געווען בלויז א בייטראג פון יידן צו אלגעמיינער קולטור.

די יידישע קולטור אלס אזעלכע צעבליט זיך אין לעצטן יארהונדערט פון קיום פון גרויסן צענטער אין מזרח־איראפע (רוסלאנד, פוילן, ליטע, עסטרייך), וווּ זי דערגרייכט א מדרגה וואס שטעלט זי אויף איין הויך מיט דער קולטור פון די גרעסערע איראפעאישע פעלקער. פאר א קורצער צייט פון איין יארהונדערט אנטוויקלען יידן זייערע ביידע שפראכן. פון אלט־העברעאיש ווערט די פולקאם מאדערנע עברית,

וואָס איז היינט צו טאָג איינע פון די פיינסטע שפּראַכן אין דער וועלט, מיט אַ שול־וועזן פון קינדער־גאָרטן ביז אוניווערזיטעטן און אַקאַדעמיעס, אַ ליטעראַטור, טעאַטער, צייטונגס־וועזן וכ׳, וואָס קאָנען זיך פאַרגלייכן מיט די פון די רייכסטע שפּראַכן פון דער מענטשהייט. פון יידיש, וואָס איז לכתחילה באַטראַכט געוואָרן ווי אַ „זשאַרגאָן", וועט אויסגעשמידט ווערן אַ בויגזאַמע, קלאַנגען־און־פאַרבנרייכע שפּראַך, מיט שפּראַך־קינסטלער, וואָס וואָלטן געפונען זייער אָרט אויך אין גרעסערע שפּראַכן־מאַסיוון. אַלס די אָבות פון דעם דאָזיקן קולטור־צעבלי קאָנען גערעכנט ווערן, אין העברעאיש:

אברהם מאַפּו (1808־1867), מיט זיינע ראָמאַנען „אהבת ציון", „אשמת שומרון" און „עיט צבוע", וואָס זענען דער ערשטער אויסדרוק פון דער באַנייטער העברעאישער פּראָזע. די ערשטע צוויי ראָמאַנען זענען אויף ביבלישע טעמעס.

פּרץ סמאָלענסקי (1842־1885), מיט זיינע ראָמאַנען אין וועלכע ער באַקעמפט די פאַרגליווערטקייט פון דער אָרטאָדאָקס׳יע און דעם פאַנאַטיזם פון חסידיזם: „התועה בדרכי החיים", „קבורת חמור", „גמול ישרים". סמאָלענסקי איז אויך טעטיק אַלס זשורנאַליסט, און אין זיין זשורנאַל „השחר" באַקעמפט ער די רעפאָרמע און אַסימילאַציע פון די עקסטרעמע מערב־אייראָפּעאישע משכילים. נאָך די פּאָגראָמען פון 1881 וועט סמאָלענסקי אויפהייבן זיין שטימע פאַר דער ווידעראויפלעבונג פון פאָלק אין זיין אור־אַלטער היים. משה לייב ליליענבלום (1843־1910) איז אַ זשורנאַליסט מיט אַ שאַרפער פעדער, וואָס באַקעמפט די אָפּגעלעבטע לעבנספאָרמען און רופט צו באַנייען דאָס יידישע לעבן אין גלות און אין ארץ ישראל.

אין דער פּאָעזיע צייכנט זיך צום ערשטן אויס יהודה לייב גאָרדאָן (1830־1892), אַ משכיל, וואָס האָט געדענקט, אַז יידישע צרות קומען בעיקר פון דער אָבגעזונדערטקייט פון אַלע אַנדערע פעלקער, וואָס „שטרעקן אויס אַ האַנט" דעם יידן און ווילן אים אַריינגעמען אין זייער חברה, אָבער די יידן האָט מען:

געלערנט קענען לעבן צו גיין,
אָפּזונדערן זיך דורך מויערן און צוימען;
זיין טויט אויף דער ערד, לעבן נאָר אין הימל,
טרוימען אויף דער וואָר, חלומות צו שפּינען.

נעמען זיי נישט אָן די אויסגעשטרעקטע האַנט.

אין זיין נאַאיוון גלויבן, אַז דער יידישער גודל איז אָפּהענגיק פון דער יידישער אויפפירונג, ברענגט צו י. ל. גאָרדאָן זיין באַרימט געוואָרענעם רעצעפּט: „אָדם בצאתך, ויהודי באהליך" — אַ מענטש אין גאַס, אַ ייד אין הויז. ביי אַזאַ צוגאַנג האָט י. ל. ג. געקאָנט לייגן ווייניק האָפענונגען אויף דער צוקונפט פון דער העברעאישער שפּראַך. קלאָגט ער זיך טאַקע יאושדיק:

ווער קאָן זאָגן, ווער קאָן וויסן,
צי בין איך נישט דער לעצטער ציון־פּאָעט,
און איר די לעצטע לייענער...

מיט מער גלויבן אין דער צוקונפט, ווייל מיט מער צוטרוי אין די פאָלקס־מאַסן, טרעט אויף יידיש, וואָס הויבט אָן צו אָריענטירן זיך אויפן פשוטן המון, וועמען זי זוכט צו אויפקלערן און דערהויבן. אייניקע וויכטיקע שרייבער, וואָס האָבן אָנגעהויבן זייער שאַפונג אויף העברעאיש, זענען מיט דער צייט אַריבער צו יידיש, ווייל צוגענגלעכער צו די מאַסן און פאָלקסטימלעכער. דער וויכטיקסטער פון די דאָזיקע איז שלום יעקב אַבראַמאָוויטש (1835-1917), וועלכער ווערט אונטערן פסעוודאָנים מענדעלע מוכר ספרים געהאַלטן פאַרן זיידן פון דער יידישער, ווי פון דער העברע־אישער ליטעראַטור, ווייל ער איז דער ערשטער מייסטער פון זייערע רעספעקטיווע קלאַ־סישע סטילן. מענדעלעס ערשטע שריט זענען נאָך דורכגעזאַפט מיט השכלה־טענדענצן. ער טרעט שאַרף אַרויס קעגן דער אָפּגעשטאַנענקייט און אַנדערע איבלען פון דעמאָלס־דיקן יידישן לעבן. ער באַקעמפט אויך די נישט־געטרייע פירער פון יידישן קבוץ, די בעלי טובות און תקיפים. עס איז פאַרבליבן זיין קלאַנגשפּיל: „כי לא נחת (אַנ־שטאַט נחש) ביעקב", נישטאָ קיין נחת פון יידישן לעבן. מענדעלע האָט אָבער אַן אָפן קינסטלעריש אויג, וואָס דערזעט אונטער דעם באַרג פון קהלשער תקיפות און אָפּגע־לעבטע לעבנס פאָרמען די פּערל פון עכטער יידישער און מענטשלעכער זעלישער שיינ־קייט, וואָס ער ברענגט אַרויס אין זיין קרוינווערק „שלמה ר' חיימס". מענדעלע ווערט בעיקר באַרימט מיט זיין אַלעגאָריש ווערק „די קליאַטשע", אין וועלכן ער פאַרגלייכט די כנסת ישראל צו אַ „קליאַטשע אין די רייטוועגנער פון פרעה", וואָס ווערט נעבעך געיאָגט און געפּלאָגט, סיי פון פרעמדע, סיי פון אייגענע „בעלי־טובות". דערצו פאַר־דערט מען נאָך פון איר, זי זאָל ווייזן קונצן, ס'הייסט מאָדערניזירן זיך. מענדעלע טענהט, אַז „אַ טאַנץ גייט נישט פאַר קיין עסן" און האַלט, אַז די פאַרבעסערונג פון דער יידישער, דאָן שוידערלעכער עקאָנאָמישער לאַגע, איז אַ פאַרבאַדינג פאַר דערהייבן דעם קולטורעלן און מאָראַלישן ניוואָ פון פאָלק. אין די לעצטע יאָרן פון זיין לעבן שאַפט מענדעלע איבער דעם רוב פון זיינע יידישע ווערק אין העברעאיש, דערביי זאָגט ער זיינע פאַרערער, אַז ער איז מקיים די צוואה פון יוספן „והעליתם את עצמותי מזה אתכם", איר זאָלט מיטנעמען מיינע ביינער פון דאַנען מיט אייך...

די שאַפונגען פון מענדעלע מוכר ספרים האָבן פיל בייגעטראָגן צו מאָדערני־זירן די העברעאישע און יידישע ליטעראַטורן. די השכלה און איר ווייטערדיקע אויס־וויקלונג אין סאָציאַליזם און ציוניזם, האָט אָפּגעפרעגט דעם איינגעשטעלטן יידישן לעבנסשטייגער. אונטערן דראַנג פון די אינערלעכע כּיחות און דרוק פון די דרויסנדיקע הויבט אָן צעפאַלן דאָס שטעטל, מיט זיין איינגעשטעלטער לעבנס־פאָרם, און עס איז שווער צו שאַפן אַן אייגנאַרטיק יידיש לעבן אין אַ פרעמדער סביבה, פון וועלכער מען וויל מער נישט בלייבן אָפּגעשלאָסן, נאָר, אדרבא, זיך איינגלידערן אין דעם. מאָדערני־זירן דאָס יידישע לעבן, דערהאַלטן עס גלייכצייטיק יידיש און אייראָפּעאיש, דאָס איז די אויפגאַבע פון דער מאָדערנער, נאַציאָנאַלער יידישער אינטעליגענץ, און די הויפּט־פּראָבלעם פון דער ליטעראַטור וואָס זי האָט געשאַפן.

פאַר אַלעמען דאַרף מען שטעלן אַ מצבה דעם לעבנס שטייגער, וואָס האָט ביי פאַרשווינדן, און צו וועלכן מען האָט שוין אָנגעהויבן צו פילן אַ שאַרפע בענק־שאַפט. מען דאַרף פאַרבאַהאַלטן זיינע שיינקייטן פאַר אַן אָנדענק און אינספּיראַציע פאַר די קומענדיקע דורות. די דאָזיקע עובדא דערפילן אַ רייע שרייבער, בראש פון וועלכע ס'דאַרף געשטעלט ווערן שלום ראַבינאָוויטש (1859־1916), וועלכער איז מער באַקאַנט מיטן פּרעוודאָנים שלום־עליכם, און וועלכער האָלט זיך פאַר אַן אייניקל פון זיידן מענ־דעלע. אין אַ קורצער הקדמה צו אַ סעריע בילדער פון שטעטל, זאָגט שלום עליכם: „צווישן די פאַרשידענע טיפּן, וואָס דאָס יידישע לעבן גיט אַרויס, געפינען זיך אַזעלכע, וואָס האַלטן ביים אַוועקגיין, וואָס שטאַרבן אָפּ. מאָלן לעבעדיקע מענטשן איז אַ תענוג, באַ־שרייבן די טיפּן וואָס שטאַרבן אָפּ איז אַ מצוה. זיי בעטן זיך ממש „מאָלט אונדז, באַ־שרייבט אונדז; לאָמיר נישט פאַרגעסן ווערן פון קומענדיקן דור". און שלום עליכם שטעלט אין זיינע הומאָריסטישע כתבים אַ מצבה דעם שטעטל, וואָס האָלט ביי פאַר־שווינדן. ער באַציט זיך צום שטעטל מיט ליבע און פאַרשטענדעניש. פאַר אים איז דאָס שטעטל נישט קיין „גלופּסק, אָדער טונעיאַדעווקע", נאָר „כתרילעווקע", אַן „אָרעמס, נאָר אַ פריילעכס", באַווינט פון „קליינע מענטשעלעך מיט קליינע השגהלעך", אָבער מיט אָפּטימאַל גרויסע נשמהס, מיט „נחת פון קינדער", מיט שבת און יום טוב, מיט „פאַר־בענקט זיך אהיים". שלום עליכם באַוואונדערט זייער אָפּטימיזם, זייער בטחון, וואָס איז גובר אַלץ. דער יידישער פאָלקס מענטש באַקומט זיין מאָנומענט אין דער קלאַסיש־גע־וואָרענער פיגור פון „טוביה דעם מילכיקן". און דער יידישער בטחון איז גובר די ביי־טערע ווירקלעכקייט. אַפילו ווען עס איז נישטאָ קיין פּאָזיטיווע אחיזה אין לעבן, קאָן מען זיך דאָך שאַפן אילוזיעס, בויען לופט־שלעסער, אַבי דאָס לעבן צו דערהאַלטן, און אַזוי ווערט געבוירן דער באַרימטער „מנחם מענדל". צוזאַמען מיט זיינע כתרילעווקער, און מיט זיין „מאָטל פּייסי דעם חזנס", דער פּראָטאָטיפּ פון טשעקאַוון, נאַאיוון, קלוגן יידישן קינד, ווערט שלום עליכם פאַרוואָגלט אין דער נייער וועלט, קיין אַמעריקע, ווו ער שטאַרבט, און הייסט אויסקריצן אויף זיין מצבה:

> דאָ ליגט אַ ייד אַ פּשוטער, געשריבן יידיש־דייטש פאַר ווייבער
> און פאַרן פּראָסטן פאָלק איז ער געווען אַ הומאָריסט, אַ שרייבער.

שלום עליכם האָט געלאָזט זיין פאָלק די גרעסטע ירושה אין זיינע ווערק און אין זייער מאָטאָ, וואָס קלינגט ווי אַ צוואה: „לאַכן איז געזונט, דאָקטוירים הייסן לאַכן", דער העכסטער אויסדרוק פון יידישן בטחון און אָפּטימיזם.

אויב מענדעלע און שלום עליכם האָבן בעיקר געמאָלט דאָס, וואָס האָט עק־זיסטירט און נישט אָנגעוויזן קאָנקרעט קיין וועגן אויף וועלכע מען דאַרף גיין להבא, איז יצחק־לייבוש פּרץ (1851־1915) געווען דער גרויסער זוכער פון מאָדערנעם המשך אויף דער באַזע פון די אייביקע ווערטן פון יידישקייט. פּרץ דרינגט אַריין אין די טיפס־טע קעמערלעך פון דער יידישער פאָלקס נשמה און זוכט דאָרטן די אייגנאַרטיקייט פון

איר אויסטערלישער שיינקייט. ער באקעמפט באגרעניצטקייט, פארגליווערטקייט, אפגעשטאנענקייט. ער זוכט צו ארויסברענגען „שבת־יום־טובדיקע יידן", די וואס שטרעבן צו „אויב נישט נאך העכער". איינציייטיק טיף־מענטשלעך און טיף־יידיש, באקעמפט פרץ די דאפלטע בוכהאלטעריע פון י. ל. ג. נישט א מענטש אין גאס און א ייד אין שטוב, נאר א ייד, וואס מיינט א בעסערער מענטש — אומעטום. פרץ איז א פילזייטיקער שרייבער: פראזאאיקער, פאעט, זשורנאליסט, טעאטראל, מיט אן אייגענעם נוסח, וואס פארפיינערט און פארטיפט דעם סטיל פון יידיש. ער שטרעבט שטענדיק ארויף און רופט זיין פאלק נאר גיין אויף די נייע וועגן. איין געדיכט זיינס גיט איבער אמבעסטן דעם תוך און מהות פון זיין שטרעבן אלס מענטש, ייד און קינסטלער.

כ'בין א רעגנוואָרעם: דו זעסט,
ווי טיף אין בלאָטע כ'בין באַגראָבן.
דאָך חלומט מיר אַן אָדלער־נעסט,
אָדלער־פליגל וויל איך האָבן.
שווימען וויל איך אין דעם העלן,
הויכן זעפיר אומגעשטערט,
זאָל דער וואָלקן מיר פאַרשטעלן,
נישט דעם הימל, נאָר די ערד.

ארום פרצן אין ווארשע, ווי ארום מענדעלע מוכר ספרים אין אדעס, בילדן זיך אויס ליטעראַרישע קרייזן און שיטות. ווארשע איז איינגעשטעלט מער פאלקסטימלעך, שטעלט דעם טראָפּ אויף יידיש און אויפן יידישן לעבן דאָ, אויפן אָרט. אדעס איז מער געשטימט העברעאיסטיש און ציט פארן נייעם לעבן, וואָס ווערט געבויט דאָרט, אין ארץ ישראל. אין אדעס וועט אויפקומען דער פּאָעט פון צער און צאָרן, וואָס וועט מיט פייערדיקע שטראָף־רייד בראַנדמאַרקן די געפאַלנקייט און צעפאַלנקייט פון גלות, און וועט מיט נביאישן גלוט רופן צו נייעם אויפקום, געבויט אין דער אלטער היים, אויף די אייביקע יסודות, — חיים נחמן ביאליק איז זיין נאָמען (1872־1936).

א מייסטער פון וואָרט און סטיל, סיי אויף יידיש, סיי אויף העברעאיש, זינגט ער דאָס שוידערלעכע ליד פון אונטערגאַנג און דאָס גרויסע ליד פון דערוואַכונג. נאָכן קעשענעווער פּאָגראָם וואַרפט ער דעם פאלק אין פּנים די שרעקלעכע רייד, פאַר דער זינד פון נישט פאַרטיידיקן זיך:

אַנטלאָפן ווי די מייז, באַהאַלטן זיך ווי וואַנצן
און גרוים געמאַכט אין מיסט מיין (גאָטס) נאָמען.

ווי מיט אייזערנע ריטער שמייסט ביאליק דאָס פאלק אין זיין נביאיש „דאָס לעצטע וואָרט". ער זאָגט פאָר, אז עס רוקן זיך אָן צייטן, ווען:

...שרעקלעך גרוים וועט זיין די נויט,
ווי גרוים און שרעקלעך איז די זינד,
און איר וועט חלשן דעם טויט,
און בענקען וועט איר נאָכן לעבן,
נאָר גאָט וועט אייך נישט ביידע געבן.

אָבער אונטער די חורבות פון צעפאַלונג באַמערקט שוין ביאַליק די שפּראָצונ־גען פון ווידערגעבורט. ער פאַרנעמט די ערשטע נישט זיכערע קלאַנגען פון דער פאָלקס־נשמה, וואָס שטייט אויף תחית המתים. זינגט ער פאַר יידן דעם רום פון זייערע אורעלטערן, די מוטיקע יוצאי מצרים, וואָס זענען נישט ריכטיק אָפּגעשאַצט געוואָרן ווי די „מתי מדבר", וועמען ער ווידמעט איינע פון זיינע וווּנדערבאַרסטע פּאָעמען, און לייגט אַריין אין זייער מויל דאָס ליד פון גרויסן רעוואָלט, וואָס די אור־אייניקלעך דאַרפן נאָכזינגען:

„מיר, העלדן!
דער דור וואָס איז לעצטער צו קנעכטשאַפט און ערשטער צו פרייהייט!
אונזער אייגענע האַנט, אונזער אייגענע מאַכט,
האָט צעבראָכן דעם יאָך אונטער וועלכן מיר האָבן געשמאַכט.
דעם קאָפּ ביז צום הימל פאַררײסן און ענג האָט אונז דאָרט אויך געשיינט
די וויסטעניש איז אונדזער מאַמע, דער מדבר — אַ פריינט".

און קעגן אַלע שוועריקייטן, קעגן אַלע שטרויכלונגען, לאָזט ביאַליק די מתי־מדבר זינגען די סטראָפן, וואָס זענען אַ ווידערקול פון מדבר־שטורעם:

הערט! עס רייסט זיך דער מדבר אין פורכטבאַרן ווּט,
דאָס שרייט אונדז דער שטורעם: פאַרלירט ניט דעם מוט!
צו שווערדן, צו שפּיזן, און זאָלן זיך ברעכן די בערג און די וואַלן,
אָדער עס זאָלן דאָ מחנותווייז אונזערע פּגרים אויספאַלן.
מיר מוזן אַריבער דעם באַרג! (אידיש: י. י. שוואַרץ)

אַ באַזונדער פּלאַץ פאַרנעמט אין דער אויפלעבונגס־פּאָעזיע שמעון שמואל פרוג, וואָס האָט געשריבן בעיקר אין רוסיש און דאָך גערופן צו נאַציאָנאַלן ווידערגע־בורט. פרוג האָט אויך בייגעטראָגן צו דער אַנטוויקלונג פון דער פּאָעזיע אויף יידיש.

באַלעבט דורך די שאַפונגען פון אַזעלכע גרויסע מייסטערס, מאַכן דורך העב־רעאיש און יידיש אַ וווּנדערבאַרע אַנטוויקלונג אין זייערע ליטעראַטורן, וואָס ציילן גאָר אינגיכן וואָרט־מייסטערס פון ערשטער קאַטעגאָריע, סיי אין פּראָזע, סיי אין פּאָעזיע.

אין דער העברעאישער פּאָעזיע קומען אויף ש. טשערניכאָווסקי, ז. שניאור, י. פיכמאַן, י. כהן, ד. שמעונאָוויטש, און נאָך צענדליקער פון די פאַרשידנסטע שולן און סטילן. אין דער יידישער פּאָעזיע: יהואָש, א. ליעסין, ה. לייוויק, י. גלאַטשטיין און נאָך צענדליקער. די דערציילערישע קונסט אַנטוויקלט זיך מער אויף יידיש. מרדכי ספּעקטאָר, שלום אַש און אברהם רייזין, דוד פּינסקי און י. אָפּאַטאָשו. אָבער אויך העברעאיש האָט אַ רייע וויכטיקע דערציילער: מ. י. בערדיטשעווסקי און ג. שאָפמאַן, י. ש. עגנון און אָשר באַראַש א. אַ. עס קומט אויך אויף אַ ליטעראַרישע קריטיק, אין וועלכער עס צייכענען אָן די ערשטע ריכט־ליניען דוד פרישמאַן אין העברעאיש, און שמואל ניגער, אין יידיש.

דער פּולס פון טעגלעכן לעבן האָט אַרויסגערופן די גרינדונג פון אַ באַדייטנדי־קער טעגלעכער פּרעסע, אין העברעאיש: „המליץ", „הצפירה", „היום", „הצפה", „הזמן" א. אַ. אין יידיש: „דער פריינט", „דער היינט", „דער מאָמענט", „אַרבעטער צייטונג" א. אַ. ווי אויך אַ רייע זשורנאַלן: השלוח (אין העברעאיש) „וואָסכאָד", „ראַזסוועט",

„בודושצנאָסט" אין רוסיש, „ליטעראַרישע בלעטער" אין יידיש. עס זענען אויך פאַראַן אויסגאַבן אויף פּויליש און דייטש. עס קומען אויף באַדייטנדיקע זשורנאַליסטן אין די אַלע שפּראַכן. א. גינזבורג (אחד העם) און נחום סאָקאָלאָוו, יוסף קלויזנער און י. ל. קאַנטאָר א"א אין העברעאיש; הלל צייטלין, ש. גינזבורג, ש יאַצקאַן, צבי און נח פּריַלוצקי, ה. ד. נאָמבערג א"א אין יידיש.

פאַר דער צייט אַנטוויקלט זיך דער שטודיום פון דער יידישער געשיכטע, און עס דערשיינען די קאַפּיטאַלע ווערק פון פּראָפ' ה. גרעץ און פּראָפ' ש. דובנאָוו, ווי אויך אַ רייע וויכטיקע טיילווייזע אַרבעטן פון ד"ר י. שיפּער, מ. באַלאַבאַן, ש. גינזבורג א"א.

די אַנטוויקלונג פון דער ליטעראַטור ברענגט צו דער אַנטשטייאונג פון פאַרלאַגן, געזעלשאַפטלעכע ווי „אחיאסף", „תושיה", „שטיבל", „מוריה", קולטור־ליגע א"אַ; און פּריוואַטע, ווי י. קלעצקין און אַ רייע בוכהאַנדלונגען און דרוקערייען, די באַרימטסטע פון וועלכע איז געווען די ראָם־דרוקעריי פון ווילנע, וואָס האָט געדרוקט ספרי רומל, וויסנשאַפטלעכע אַרבעטן און אויך קליינע ביכלעך פון יידיש פאַרן געברויך פון די פאָלקסמאַסן.

א. גאָלדפאַדען איז דער גרינדער פון יידישן טעאַטער, וואָס אַנטוויקלט זיך צו אַ באַדייטנדיקער קינסטלערישער הויך, אונטער דער ווירקונג פון פּ. הירשביין, פון דער ווילנער טרופּע און פון וואַרשעווער קונסט־טעאַטער. די נעמען פון די פישזאָנס, פון א. ר. קאַמינסקי, פון די טורקאָווס א א. פאַרנעמען אַ גאָר אָנגעזען אָרט אין די קינסטלערישע דערגרייכונגען פון יידישן טעאַטער. אָבער דער קולטור־צעבלי קומט אין דעם לעצטן יאָרהונדערט פון דעם קיום פון יידישן צענטער אין אייראָפּע, דער גורל פון וועלכן איז געחתמעט. די גרויסע גייסטיקע שאַפונג, וואָס איז נישט אָפּגעשטעלט געוואָרן אפילו אין די יאָרן פון צעפאַלונג און אומקום, איז דאָס שוואַנען־ליד, די ירושה און צוואה, וואָס דער דאָזיקער צענטער האָט געלאָזט פאַר די קומענדיקע דורות.

144סטע לעקציע

צווישן אומקום און אויפקום

(אַריינפיר)

צום סוף פון נײַנצנטן יאָרהונדערט און אין דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן, אַנטוויקלען זיך אין לעבן פון יידישן פאָלק דרײַ פּאַראַלעלע פּראָצעסן, וואָס ברענגען צו אַ פולשטענדיקער ענדערונג אין דעם מצב פון דער פיל געפּלאָגטער אומה.

די אַנטיסעמיטישע רעאַקציע פון די אַכציקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט באַדײַט נישט עפּעס אַנדערש ווי דער אָנהויב פון דער צעשטערונג פון יידישן צענטער אין אייראָפּע. די פאָרמול געוואָרפן פון רוסישע אַנטיסעמיטן, איז פאַקטיש פאַרווירקלעכט געוואָרן אין איר פולער גרויזאַמקייט, ווען אַפילו נישט אין די פאָראויסגעזאָגטע פּראָפּאָרצן. אַרום אַ העלפט פון אייראָפּעאישן יידנטום, קרוב צו זיבן מיליאָן נפשות זענען אומגעבראַכט געוואָרן אין די רדיפות און שחיטות, צווישן דעם פּאָגראָם אין יעליסאַוועטגראַד אין 1881 ביז די געטאָס און אויסראָטונג־לאַגערן אין טרעבלינקע, מײַדאַנעק, א. אַ. אין די יאָרן 1941־1945. אַ דריטל פון אייראָפּעאישן יידנטום שטייט אין סכנה פון אונטערגאַנג דורך אַסימילאַציע אין די לענדער, וווּ דער קאָמוניזם האָט טריומפירט; בערך פיר מיליאָן יידן איז געלונגען צו עמיגרירן מעבר לים, ראַטעווען זייער פּערזענלעכע עקזיסטענץ און בײַטראָגן צום נאַציאָנאַלן קיום. קוים אַרום אַ מיליאָן יידן זענען פאַרבליבן אין די דעמאָקראַטישע מדינות פון מערב־אייראָפּע, וווּ זיי דערהאַלטן זייער עקזיסטענץ, אָבער זיי האָבן אָנגעווירן זייער יידישן שאַפונגס־דראַנג און שאַפונגס מעגלעכקייטן און בלײַבן אַלץ מער און מער אָנגעוויזן אויף דער גײַסטיקער השפּעה, וואָס דאַרף קומען צו זיי פון די נײַע צענטערן, וואָס זענען פאַר דער צײַט אויפגעקומען. די אייראָפּעאישע עפּאָכע אין דער יידישער געשיכטע, וואָס האָט געדויערט אַרום אַ יאָרטויזנט, איז דעפיניטיוו אָפּגעשלאָסן.

אָבער פּאַראַלעל מיט דער צעשטערונג פון יידישן צענטער אין אייראָפּע, זענען אויפגעקומען צוויי אַנדערע וויכטיקע און אַקטיווע צענטערן פון יידישן לעבן און

המשך. דער וויכטיקסטער, אין דער אַלט־נייער היים, אין ארץ־ישראל וווּ עס איז ווידער־אַמאָל אויפגעקומען אַ יידישע סוּווערענע מדינה, וואָס האַלט אָן אַ האַסטיקן אויפבוי־פּראָצעס, און וועט מיט דער צייט איבערנעמען די פירנדיקע ראָל אין יידישן לעבן.

גלייכצייטיק מיטן נייעם שטאַטלעכן צענטער, מדינת ישראל, האָבן זיך אויך אַנטוויקלט די יידישע ישובים אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט, וווּ עס לעבן צום סוף פון דער ערשטער העלפט פון צוואַנציקסטן יאָרהונדערט צווישן זעקס און זיבן מיליאָן יידן, וואָס אָרגאַניזירן זייער אָרטיק קאָלעקטיוו און גייסטיק לעבן און שאַפן אַ נייעם טיפּ אין דער יידישער צעשפּרייטונג. פאַר וועלכן מען וועט דאַרפן אָפּזוכן אַ נייעם טערמין, ווייל די באַצייכענונג פון גלות און זיינע ביז איצטיקע כאַראַקטער־שטריכן פון רדיפות, גזירות און שחיטות, וועלן, לויט אַלע וואַרשיינלעכקייטן, נישט קאָנען אָנגעווענדט ווערן צו די לענדער פון דער נייער וועלט.

אָט דער אויסטערלישער פּראָצעס פון צוויי־פאַכן אויפקום, פּאַראַלעל מיט דעם שווידערלעכסטן אומקום, וואָס די פאַנטאַזיע קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן, וועט באַהאַנדלט ווערן אין די ווייטערדיקע קאַפּיטלען.

145סטע לעקציע

דער חורבן פון יידישן צענטער אין אייראָפּע

1 — ביז נאָכן ערשטן וועלט־קריג

דער חורבן פון דעם יידישן צענטער אין אייראָפּע ווערט דורכגעפירט בעיקר פון צאַרישן רוסלאַנד און פון נאַצישן דייטשלאַנד, די צוויי מדינות, וואָס זענען זינט 1881 געווען דער צענטער פון אַנטיסעמיטיזם און יידן־פאַרפאָלגונגען, ווי דאָס איז שוין רעפערירט געוואָרן אין די פאָריקע קאַפּיטלען. מיט דער הילף פון פאַשיסטישן פּוילן און אַנדערע צוריקגעשטאַנענע פעלקער האָבן זיי דערפירט דעם גרויזאַמען פּראָצעס צו זיין שוידערלעכן אָפּשלוס אין די יאָרן 1914־1945, פון אָנפאַנג ערשטער וועלט־מלחמה ביזן סוף פון צווייטן וועלט־קריג.

דעם 28סטן יולי 1914 איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג, וואָס האָט געדויערט ביזן 11טן נאָוועמבער 1918. דער קריגס־פראָנט צווישן דער צאַרישער אימפּעריע און די מיטל־אייראָפּעאישע גרויסמאַכטן, דייטשלאַנד און עסטרייך־אונגאַרן איז דורכגעגאַנגען איבער פּוילישער טעריטאָריע, וואָס איז געווען געדיכט באַזעצט מיט יידן. די באַציאונגען צווישן יידן און פּאָליאַקן אין רוסיש־פּוילן זענען צו יענער צייט געווען שטאַרק אָנגעצויגן. אין די יאָרן 1909־10 איז דאָרט אויפגעקומען אַ באָיקאָט־באַוועגונג, וואָס האָט געשטרעבט אַרויסצושטויסן די יידן אויך פון עקאָנאָמישן לעבן.

טראָץ אַלע רדיפות פון דער צאַרישער רעגירונג האָבן אויך די יידן פון רוסלאַנד ערנהאַפט דערפילט זייער בירגער־חוב און האָבן צוגלייך מיט די יידן פון אַלע אַנדערע מלחמה־פירנדיקע לענדער. העלדיש געקעמפט אין די רייען פון דער אַרמיי פון זייער וווינלאַנד. אָבער ווען די צעפוילטקייט פון צאַרישן רעזשים האָט געבראַכט צו די אומפאַרמיידלעכע מפּלות פון רוסישן מיליטער, האָט די הויפּט־קאָמאַנדע פון די צאַרישע אַרמייען געזוכט צו וואַרפן די שולד פון אירע דורכפאַלן אויף יידן, און האָט זיי באַשולדיקט אין אויסמיידן מיליטער־דינסט, און אַפילו אין שפּיאָנאַזש.

די לאַגע פון די יידן אין דייטשלאַנד און עסטרייך איז דאַן געווען רעלאַטיוו צופרידנשטעלנדיק, כאָטש קיין פולע גלייכבאַרעכטיקונג האָבן יידן אין ביידע מדינות נישט געהאַט. די ענלעכקייט פון יידיש מיט דייטש האָט פאַרלייכטערט די באַציאונגען

צווישן די דייטש־שפּרעכנדיקע אַרמייען, וואָס האָבן פּאַרפּלייצט רוסיש פּוילן מיט דער יידישער טייל פון דער דאָרטיקער באַפעלקערונג; אַזוי, אַז דער שקר־בלבול פון דער רוסישער קאָמאַנדע האָט געהאַט געוויסע אויסזיכטן פון וואַרשיינלעכקייט. די אָנגעצויגנקייט צווישן יידן און פּאָליאַקן האָט דערצו מיטגעווירקט.

די רוסישע קאָמאַנדע פאַראָרדנט דאַן ארויסצושיקן אַלע יידן פון די געביטן, וואָס ליגן צוויי הונדערט קילאָמעטער פון פראָנט. דער באַפעל ווערט אויסגעפירט מיט גרויזאַמער אַכזריות. גאַנצע קהילות, איינגעזעסענע פון דורות, ווערן אין געציילטע שעהן ארויסגעריסן פון זייערע וווינערטער. דערצו בלייבן די יידן אויסגעשטעלט אויפן ווילקיר פון די גרעסערע און קלענערע אַרמיי־קאָמאַנדירן, וועלכע נעמען יידישע פירער אַלס ערובניקעס, צעשיסן זיי אָן אַ געהעריקן געריכט, לייגן ארויף קאָנטריבוציעס. עטוואָס ענלעכס קומט פאָר אין גאַליציע, ווו די יידישע באַפעלקערונג אַנטלויפט פאַר דער דערנענטערונג פון די רוסישע אַרמייען, וואָס זענען אַהין אריינגעדרונגען. נישט פיל בעסער איז די לאַגע אונטער דער אָקופּאַציע פון דער דייטשישער אַרמיי. דאָס מאַרטירערטום פון פּוילישן יידנטום האָט זיך אָנגעהויבן.

די יידישע ישובים פון דער גאַנצער וועלט מאָביליזירן זיך גלייך אויף צו ראַטעווען וואָס עס לאָזט זיך און לינדערן די נויט פון די פּליטים און די וואָס זענען געבליבן אין די אָקופּירטע געביטן. אין פּעטערבורג (איצט לענינגראַד) ווערט געגרינדעט אַ צענטראַלער הילפס־קאָמיטעט פאַר די פאַרטריבענע קיין רוסלאַנד. דער „הילפס פאַראיין דער דויטשן יודן" מיט דער „איזראַעליטישע אַליאַנס" אין עסטרייך, אָרגאַניזירן די הילף פאַר די פּליטים פון גאַליציע און די, וואָס זענען געבליבן אין די פון דייטשלאַנד פאַרנומענע געגנטן. אין צפון־אַמעריקע ווערט געגרינדעט דער פאַראייניקטער פאַרטיילונגס קאָמיטעט (דזשוינט דיסטריביושאָן קאָמיטי), וואָס זעצט פאָר ביז היינט זיין רעטונגס אַרבעט. אין אַלע קלענערע ישובים פון דער וועלט, פון שטאָקהאָלם, אויף צפון, ביז יאָהאַנעסבורג און בוענאָס איירעס אויף דרום, ווערן געגרינדעט הילפס קאָמיטעטן. דאָס פאָלק ישראל האָט אין וועלט־מאַסשטאַב געשלאָסן זיינע רייען אַרום דער הילף פאַר זיינע ליידנדיקע קינדער.

פון די יידישע גדולים, וואָס האָבן זיך געשטעלט בראש פון דער הילפס־אַרבעט, איז כדאי צו דערמאָנען באַראָן ד. גינזבורג, ד"ר קריינין אין רוסלאַנד, די שרייבער י. ל. פּרץ, ש. אנסקי, י. דינעזאָן אין פּוילן און גאַליציע, יעקב שיף, פעליקס וואַרבורג, און ה. לעהמאַן אין ניו־יאָרק, ד"ר פּאַאול נאַטאַן אין בערלין.

די מפּלות אויפן פראָנט זענען געווען דער אָנהויב פון סוף פון צאַרישן רעזשים. אין מערץ פון 1917 ברעכט אויס אַ רעוואָלוציע, דער צאַר דאַנקט אָפּ פון טראָן און עס ווערט געגרינדעט די פּראָוויזאָרישע רעגירונג, וואָס דאַרף רעאָרגאַניזירן דאָס לאַנד. ווען די פּראָוויזאָרישע רעגירונג גייט אריבער אין די הענט פון די מעסיקע סאָציאַליסטן, מיט אַלעקסאַנדער קערענסקי בראש, באַקומען די רוסישע יידן פולע גלייכ־

בארעכטיקונג. דער זעקס־מיליאָניקער יידישער ישוב פון דער געוועזענער אימפעריע איז אָבער אין גרעסטן טייל נאַציאָנאַל געשטימט, ער באַנוגנט זיך נישט מיט אינדיווידועלער גלייכבארעכטיקונג פון יידישן יחיד און שטעלט ארויס פאָדערונגען פון נאַציאָנאַלע רעכטן פארן יידישן כלל אין דער באנייטער מדינה.

די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האַלט אָבער אָן קוים עטוואָס מער פון א האַלב יאָר. אין אָקטאָבער (נאָוועמבער פון נייעם סטיל), ווערט זי געשטירצט פון א רעוואָלוציע, אָרגאַניזירט פון די עקסטרעמע סאָציאַליסטן־באָלשעוויקעס (היינט קאָמוניסטן), אָנגעפירט פון דעם רוס וולאַדימיר לענין און דעם ייד לעאָן בראָנשטיין־טראָצקי. די באָלשעוויקעס נעמען זיך דורכפירן א סאָציאַלע רעוואָלוציע. די גרינדונגס פארזאַמלונג, וואָס די פּראָוויזאָרישע רעגירונג האָט פאררופן אויף אויסצואַרבעטן א נייע קאָנסטיטוציע, ווערט צעטריבן, פּריוואַט־אייגנטום ווערט אָפּגעשאַפט, באַרן מסחר און אינדוסטריע נאַציאָנאַליזירט. מיט די דייטשן ווערט געשלאָסן א סעפּאַראַטער פרידן אין ברעסט־ליטאָווסק (1918).

אין רוסלאַנד צעפלאַקערט זיך א בירגער־קריג. די באָלשעוויקעס האָבן דערקלערט די אומאָפּהענגיקייט פון פינלאַנד, פּוילן און אנדערע געגנטן; נאָך אַנדערע געביטן ווי אוקריינע, לאַטוויע א. א. זוכן זיך אָפּצורייסן פון סאָוועטן־לאַנד. די רעאַקציאָנערע כוחות, געשטיצט פון די מעסיקע ליבעראַלן און מיט דער ברכה און הילף פון די פאַרבינדעטע, וואָס האָבן באַטראַכט דעם שלום פון ברעסט־ליטאָווסק אלס א פאַרראַט צו די רוסישע פאַרפליכטונגען לגבי זיי, הויבן אָן א בלוטיקע מלחמה קעגן דעם באָלשעוויסטישן רעזשים. אוקריינע ווערט „זעלבסטשטענדיק" אונטער דייטשישן פּראָטעקטאָראַט.

די אַנטיסאָוועטישע עלעמענטן באַנוצן דעם אַנטיסעמיטיזם אלס שטוים־קראַפט פון זייערע באַוועגונגען. די רוסישע טעריטאָריע ווערט פאַרפלייצט פון א פּאָגראָמען־כוואַליע. אין אוקריינע, רעגירט זינט 1919 פון סימאָן פּעטליורא, ווערן דורכגעפירט העכער צוועלף הונדערט פּאָגראָמען, וואָס האָבן געקאָסט אַרום דריי הונדערט טויזנט קרבנות. אין ווייס־רוסלאַנד און אין אַנדערע געביטן איז די פּאָגראָמען־כוואַליע עטוואָס קלענער, אָבער די קרבנות ציילן זיך אויך אין די צענדליקער טויזנטער. די גרויזאַמע יאָרן פון באָגדאַן כמעלניצקי האָבן זיך צוריקגעקערט. אין 1926 וועט ש. שוואַרצבאַרד נעמען נקמה פארן פאַרגאָסענעם בלוט און וועט טויטן פּעטליוראַן אין פּאַריז. דאָס פראַנצויזישע געריכט וועט אים באַפרייען.

די באָלשעוויקעס האָבן ריכטיק באַגריפן, אַז די פּאָגראָם־כוואַליע איז אין תוך געצילט קעגן זיי, און זיי דערקלערן דעם אַנטיסעמיטיזם אויסערן געזעץ. זיי פאַרפאָלגן די פּאָגראָם־מאַכער מיט א שטאַרקער האַנט, אָבער זייער אייגענע לאַגע איז נישט גענוג פעסט און נישט אַלעמאָל קאָנען זיי אָפּהאַלטן די יידן־שחיטות אפילו מצד געוויסע אייגענע אָפּטיילונגען. די אַנטי־פּאָגראָם פּאָליטיק פון די באָלשעוויקעס איז גורם אַז יידן זאָלן זיי באַטראַכטן ווי דערלייזער פון טויט־שרעק, יידישע יוגנט זאָל שטראָמען

אונטער דער באָלשעוויסטישער פאָן אויף צו ראַטעווען וואָס נאָך עס לאָזט זיך און נעמען נקמה פאַרן אומשולדיק פאַרגאָסענעם בלוט.

די אָרגאַניזאַטאָרישע פעאיקייטן פון ערשטן באָלשעוויסטישן קריגס־קאָמיסאַר, דעם ייד לעאָן בראָנשטיין־טראָצקי, האָבן דערלויבט דער רעגירונג צו רעאָרגאַניזירן די אַרמיי, צעקלאַפּן די קאָנטררעוואָלוציאָנערן און באַפעסטיקן דעם באָלשעוויסטישן רעזשים. פאַר די רוסישע יידן האָט זיך דאַן אָנגעהויבן אַ נייַ קאַפּיטל יסורים. אונטער די באָלשעוויקעס איז מען טאַקע געווען זיכער מיטן לעבן, אָבער מען האָט נישט געהאַט מיט וואָס דאָס לעבן צו דערהאַלטן. צוליב די צאַרישע באַשרענקונגען האָבן יידן אין רוסלאַנד געהערט ס׳רוב צום בירגערטום, וואָס איז געווען אָפּגעפּרעגט אונטער די באָלשעוויקעס. אויף סוחרים, הענדלער און אינדוסטריאַלן האָט זיך אַ גאַס געטאָן אַ שטראָם פון קאָנפיסקאַציעס און נאַציאָנאַליזאַציעס, וואָס האָבן צוגענומען כמעט יעדע עקזיסטענץ־מעגלעכקייט. עטוואָס בעסער איז געווען די לאַגע פון די בעלי־מלאכות און פּועלים, וואָס האָבן יאָ געקאָנט אָרגאַניזירן זייער עקאָנאָמישן קיום אין הסכם מיט די נייע איינגעשטעלטע געזעצן. אָבער צווישן די נייע הערשנדיקע קלאַסן, אַרבעטער און פּויערים, זענען יידן געווען אַ נישטיקער פּראָצענט. דערצו איז דאָס עקאָנאָמישע לעבן פון דער מדינה געווען רואינירט. אין 1922 איז אויסגעבראָכן אַ הונגער. די גרעסטע טייל פון שווערד זענען געווען אין סכנה אומצוקומען פון הונגער. די הילף פון אויסלאַנד, וואָס האָט נישט אויפגעהערט צו קומען, איז נישט געווען בכוח צו לייזן די שווערע פּראָבלעם.

דאָך האָט די רעוואָלוציע אַרויסגערוקט געוויסע נייע מעגלעכקייטן פאַר ווייטערדיקן עקאָנאָמישן קיום. די צאַרישע באַאַמטע און אַרמיי־קאָמאַנדירן וואָס האָבן געהערט צום אַדל, האָבן זיך אָפּגעזאָגט מיטצואַרבעטן מיט די נייע רעגירער; די אַרבעטערשאַפט און דאָס פּויערטום האָבן נאָך צו יענער צייט נישט פאַרמאָגט גענוג פּערזאָנען מיט דער נויטיקער טעכנישער צוגרייטונג פאַר די אַלע אַמטן, וואָס זענען געבליבן וואַקאַנט אין דער אַדמיניסטראַציע, מיליטער און זענען געשאַפן געוואָרן אין נאַציאָנאַליזירטן מסחר. אַט דעם בלויז האָט פאַרפולט די יידישע יוגנט מיט איר גרויסער אַרמיי פון עקסטערניקעס, ס׳הייסט סטודענטן, וואָס האָבן געלערנט פּריוואַט, ווייל אין די צאַרישע צייטן האָבן זיי צוליב נומערוס קלאַוזוס נישט געקאָנט אָנקומען אין די לער־אַנשטאַלטן און האָבן דערפאַר נישט געהאַט פאַר זיך קיין שום צוקונפט. די יידישע יוגנט איז אַוועק אין די גרעסערע שטעט פון סאָוועטן־לאַנד, לענינגראַד, מאָסקווע, קיעוו, אָדעס; מיט דער צייט האָט זי אַהין אַריבערגענומען די משפּחות: דאָס שטעטל מיט איר איינגעשטעלטן יידישן לעבן איז אַוועק אין גלות.

די צאָלרייכע באַטייליקונג פון יידן אין באָלשעוויסטישן רעגירונגס־אַפּאַראַט, האָט גורם געווען, אַז די רעוואָלוציע זאָל קאָנען פאַרגעשטעלט ווערן ווי אַ יידישער ענין. די אַנטיסעמיטן פון דער גאַנצער וועלט האָבן נישט פאַרזאַמט אויסצוניצן די קאָניונקטור. אַנטי־סאָוועטיזם איז אין פיל לענדער געוואָרן אידענטיש מיט אַנטיסעמי־

טיזם און דאָס האָט צונעגרייט דעם באָדן פאַר ווייטערדיקע גרויזאַמקייטן קעגן יידן, שוין אין איראָפּעאישן מאַסשטאַב.

ווי נאָר די לאַגע אין לאַנד האָט זיך עטוואָס נאָרמאַליזירט, האָט די סאָוועטן־מאַכט אונטערגענומען צו לייזן די פראַגע פון די פּרנסה־לאָזע יידן אויף קאָנסטרוקטיווע יסודות. עס ווערט אויסגעטיילט אויפן האַלבאינדזל קרים אַ היפּשער שטח פאַר יידישער קאָלאָניזאַציע. די געגנט האָט זיך געפונען אין שכנות מיט די אַלטע יידישע קאָלאָניעס, געגרינדעט נאָך אין די צאַרישע צייטן, און עס איז געווען אַ כוונה צוזאַמענשמעלצן מיט דער צייט די נייע און די אַלטע קאָלאָניעס אין איין אויטאָנאָמער יידישער געגנט. דער דזשוינט האָט אַקטיוו מיטגעאַרבעט אין דעם פּלאַן און מיט דער באַדייטנדיקער ביישטייערונג פון יוליוס ראָזנוואַלד, איז געגרינדעט געוואָרן דער אַגראָ־דזשוינט, ספּעציעל פאַרן אויבנדערמאָנטן צוועק. ביז סוף 1925 זענען אין קרים קאָלאָניזירט געוואָרן אַרום 15 טויזנט משפּחות. אין 1931 ווערט באַשטימט אין סיביר די געגנט פון בּיראָ־בּידזשאַן, וווּ עס זאָל געשאַפן ווערן אַ מין יידישע רעפּובליק, אַן אויטאָנאָמער פּאָליטישער איינס אין די ראַמען פון דער סאָוועטישער פּאָליטיק אין באַצוג צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן. די סאָוועטן האָבן אָנערקענט דעם טעריטאָריעלן פּרינציפּ. מינדערהייטן קאָנען פירן אַן אויטאָנאָם שטאַטלעך לעבן נאָר אויף די ערטער וווּ זיי זענען אַ מערהייט, און בּיראָ־בּידזשאַן האָט געזאָלט ווערן דער צענטער פון יידישן לעבן אין סאָוועטנלאַנד.

אין די ראַמען פון דער אַלגעמיינער פּאָליטיק בנוגע צו די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, האָבן יידן באַקומען אין אַ רייע שטעט און שטעטלעך, בעיקר אין ווייס־רוסלאַנד און אוקריינע, באַזונדערע שולן מיט יידיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך, גע־ריכטן אויף יידיש, געוויסע אָרגאַנען פון לאָקאַלער זעלבסט־פאַרוואַלטונג. אין מלוכה־מאַסשטאַב איז געגרינדעט געוואָרן אַ יידישע אָפּטיילונג ביים צענטראַלן מלוכה־פאַרלאַג, יידישע קאַטעדרעס אין אייניקע אוניווערזיטעטן, אַ מלוכהשער יידישער טעאַטער. אויך די העברעאישע טעאַטער־סטודיע „הבימה" איז די ערשטע צייט סובסידירט געוואָרן פון דער סאָוועט־מאַכט. עס דערשיינען די צייטונגען „עמעס", „שטערן" א. אַ.

קורצזיכטיקע מענטשן האָבן אין דעם אַלעמען דערזען אַ מעגלעכקייט צו לייזן די יידנפראַגע אין סאָוועטן־לאַנד אין די ראַמען פון קאָמוניסטישן נוסח פון דער סאָציאַלער רעוואָלוציע. אָבער די יידישע סעקציע פון דער קאָמוניסטישער פּאַרטיי האָט שאַרף באַקעמפט יעדן אויסדרוק פון עכטער יידישקייט: רעליגיע, העברעאיש, ציוניזם; דאָס רוסישע יידנטום האָט געדאַרפט בלייבן אָפּגעזונדערט פון כלל־ישראל וואָס די יידסעקציע האָט נישט אָנערקענט, אַ מין יידיש־שפּרעכנדיקער קאָמוניסטישער אינדזל, וואָס האָט מיטן פאָלק ישראל קיין שום שייכות נישט. דאָס האָט געבראַכט צו אַ טיפער רוסיפיקאַציע, וואָס וועט מיט דער צייט מאַכן אינגאַנצן אומנויטיק און אומניצלעך דאָס קינסטלעך אויפגעבויטע קאָמוניסטישע לעבן אויף יידיש.

* * *

2 — ביזן 2טן וועלטקריג

דעם 11טן נאָוועמבער פון 1918 האָט אויפגעהערט די ערשטע וועלט־מלחמה און עס איז אונטערגעשריבן געוואָרן א וואָפנשטילשטאַנד, וואָס וועט ברענגען צום שלום, געשלאָסן אין ווערסייל אין 1919. די מפּלה פון דייטשלאַנד אויף די שלאַכט־פעלדער האָט געבראַכט צו א רעוואָלוציע אין לאַנד. דער קייזער ווילהעלם דער צווייטער איז עטלעכע טעג פאַרן וואָפנשטילשטאַנד אנטלאָפן קיין האָלאַנד, און די רעגירונג האָט איבערגענומען א קאָאַליציע פון די ליבעראַלע בירגערלעכע פּאַרטייען מיט סאָציאַליסטן. אלס מלוכה־פּרעזידענט איז באַשטימט געוואָרן דער סאָציאַליסט עבערט.

די שפּאַנונג צווישן די געמעסיקטע און עקסטרעמערע סאָציאַליסטישע כוחות, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אין רוסלאַנד צווישן באָלשעוויקעס (מערהייט) און מענשעוויקעס (מינדערהייט), האָט זיך אויך אַריבערגעכאַפּט קיין דייטשלאַנד, ווו די באָלשעוויסטיש־אינספּירירטע ספּאַרטאַקוס־באַוועגונג האָט געוואָלט פאַרכאַפּן די מאַכט. בכדי איינצוהאַלטן דעם רעגירונגס־רודער האָבן די מעסיקע סאָציאַליסטן זיך געמוזט שטיצן אויפן מיליטער און די מיליטערישע קליקע פון דייטשישן גענ. שטאַב האָט באַקומען די פּאַקטישע דעצידירנדיקע דעה אין לאַנד.

נאָמינעל איז דייטשלאַנד געוואָרן א רעפּובליק, מיט א גענוג פרייהייטלעכער קאָנסטיטוציע, פאַרפאַסט פון ייד הוגאָ פּרייס, אָבער פּאַקטיש האָט עס אויסגעזען גאַנץ אַנדערש, די מורא פאַרן באָלשעוויזם האָט געצוואונגען די סאָציאַליסטן זיך צו שיצן הינטער די מיליטער־לייט.

עסטרייך־אונגאַרן איז אינגאַנצן צעפאַלן געוואָרן. עס האָבן זיך געגרינדעט א רייע זעלבסטשטענדיקע מלוכות, ווי: עסטרייך, אונגאַרן, טשעכאָסלאָוואַקיי. די צעפאַלונג פון די דריי מאָנאַרכיעס, וואָס האָבן זיך אַמאָל צעטיילט די פּוילישע טעריטאָריע, האָט דערלויבט די ווידערגעבורט פון פּוילישן שטאַט. אונטער דעם איינפלוס פון רוסישן ביישפּיל האָבן די קאָמוניסטן געזוכט צו פאַרכאַפּן די מאַכט אין יעדן איינעם פון די ניי־אויפגעקומענע זעלבסטשטענדיקע שטאַטן. דאָס געלינגט זיי אויך צייטווייליק אין אונגאַרן, ווו עס האָט א קורצע צייט עקזיסטירט א קאָמוניסטישע רעגירונג פּרעזידירט פון דעם ייד בעלאַ קון.

דער פאַרזוך אַריבערצוטראָגן די סאָציאַלע רעוואָלוציע קיין מערב־אייראָפּע האָט דאָרט אַרויסגערופן א שטאַרקע רעאַקציע, און די מורא פאַרן קאָמוניזם איז געוואָרן דער מאָסגעבנדיקער פאַקטאָר אין דער אייראָפּעאישער פּאָליטיק. די שלום־קאָנפערענץ, פאַרזאַמלט אין ווערסייל, שאַפט צווישן רוסלאַנד און מערב־אייראָפּע א מין קאָרדאָן פון קלענערע זעלבסטשטענדיקע מלוכהלעך, די וויכטיקסטע פון וועלכע עס איז געווען פּוילן. די גרינדונג פון די נייע נאַציאָנאַלע מלוכות שטאַרקט די נאַציאָנאַליסטישע טענדענצן ביי אַלע פעלקער, און ווען אפילו די שלום־קאָנפערענץ פון ווערסייל האָט זיי אַלעמען פאַרפּליכטעט צו רעספּעקטירן זייערע נאַציאָנאַלע מינדערהייטן און צו געבן זיי געוויסע רעכטן פון קולטורעל־געזעלשאַפטלעכער אויטאָנאָמיע, האָבן די אָרטיקע

פּאָליטיקער כמעט אין ערגעץ נישט געהאַט בדעה נאָכצוקומען אַט די פאַרפּליכטונג, וואָס זיי האָבן אויף זיך גענומען. די אידעע פון מינאָריטעטן־רעכט איז אויסגעאַרבעט און פאַרטיידיקט געוואָרן בעיקר פון אַ קאָמיטעט פון יידישע דעלעגאַציעס, אין וועלכן עס האָבן זיך באַטייליקט פאַרטרעטער פון אַ גאַנצער רייע לענדער. דער קאָמיטעט איז פּרעזידירט געוואָרן פון דעם צפון־אַמעריקאַנער ריכטער, דער ייד זשוליען מעק און זיין סעקרעטאַר איז געווען דער ציוניסטישער טוער לעאָ מאָצקין. פון דעם קאָמיטעט וועט מיט דער צייט אַרויסוואַקסן דער יידישער וועלט־קאָנגרעס.

דער פאַרשטאַרקטער סאָציאַלער גערانגל, דער פאַרשאַרפטער פּאַטריאָטיזם אין די מלוכות, וואָס האָבן געליטן די מפּלה אין דער מלחמה, ווי אין די נייע אויפגעקומענע שטאַטן, האָבן אין דער עקאָנאָמיש רואינירטער און גייסטיק פאַרווירטער אייראָפּע, דערמעגלעכט די אַנטשטייאונג פון פאַשיזם, אַ רעאַקציאָנערע אידעאָלאָגיע, וואָס באַנוצט מאָדערנע מעטאָדן פון באַאיינפלוסן די מאַסן. דער פאַשיזם האָט זיך געשטעלט אַלס הויפּט־ציל צו באַקעמפן דעם קאָמוניזם און נישט דערלאָזן זיין אויסשפּרייטונג איבער די רוסישע גרענעצן. אַלס געהילף־מיטל צו דערגרייכן זיינע צילן, איז דער פאַשיזם כמעט אומעטום אָנגעקומען צום אַנטיסעמיטיזם, אַ געפיל וואָס איז געווען טיף פאַרוואָרצלט אין אַ משך פון דורות אין די הערצער און מוחות פון די קריסטלעכע פעלקער. בראש פון אַט דער באַוועגונג שטעלט זיך דייטשלאַנד, דאָס פאָטערלאַנד פון דעם אידעאישן אַנטיסעמיטיזם.

אין דייטשלאַנד ווערט אויסגעאַרבעט די טעאָריע, אַז דער רייך האָט פאַרשפּילט דעם קריג צוליב דעם פאַרראַט פון די יידן, און עס ווערט געהעצט קעגן די יידישע פּאָליטיקער, וואָס באַטייליקן זיך אין דער רעגירונג פון דער יונגער רעפּובליק. אַלס קרבן פון אַט דער העצע פאַלט אין יוני פון 1922 דער ייד וואַלטער ראַטענוי, אַן אָנגעזעענער עקאָנאָמיסט, וואָס האָט אַלס רייכס־מיניסטער געמאַכט די גרעסטע אָנשטרענגונגען אַרויסצופירן דייטשלאַנד פון איר קאַטאַסטראָפאַלער עקאָנאָמישער לאַגע. דער טויט פון ראַטענוי איז דער אָנהויב פון סוף פון דייטשישן יידנטום.

די מערהייט פון די רעאַקציאָנערע און אַנטיסעמיטישע כוחות אין דייטשלאַנד האָבן זיך סוף כל סוף צונויפגעגאָסן אין דער נאַציאָנאַל־סאָציאַליסטישער פּאַרטיי, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן פון אַן עסטרייכישן בירגער, אַדאָלף שיקלגרובער, וועלכער האָט אָנגענומען דעם פאַמיליען־נאָמען היטלער. נאָכדעם ווי זיין ערשטער פּרווו צו פאַרכאַפּן די מאַכט אויף כוח ענדיקט זיך מיט אַ דורכפאַל, נעמט זיך היטלער צו דעראָבערן די מאַכט מיט לעגאַלע וועגן. אין תפיסה, וווּ ער איז געזעסן נאָכן דורכפאַל פון זיין פּרווו צו פאַרכאַפּן די מאַכט, פאַרפאַסט ער אַ בוך „מיין קאַמף", וואָס וועט ווערן דער אני־מאמין פון נאַציזם. געשטיצט פון די מאַגנאַטן פון דער שווערער אינדוסטריע, האָט היטלער איבערגענוג געלט־מיטלען צו אָרגאַניזירן זיינע אַנהענגער, אויסבילדן פון זיי שלאַג־קרעפטן, פאַרשפּרייטן מיליאָנען עקזעמפּלאַרן פון זיין בוך, ווי אויך די „פּראָפּאַ־

קאָלן פון די ציון־עלטסטע", אַ נישט־געלונגענע צונויפּאַסונג פון אַ פּאַמפלעט, וואָס איז אין 1865 געשריבן געוואָרן קעגן נאַפּאָלעאָן דעם דריטן, אימפּעראַטאָר פון פראַנקרייך, וואָס די צאַרישע פּאָליציי האָט בשעתה געענדערט און געפעלשט אין אַן אופן, אַז עס קומט אויס ווי די פּראָטאָקאָלן פון אַ געהיימער יידישער רעגירונג, וואָס זוכט צו פאַר־כאַפּן די הערשאַפט איבער דער וועלט. שפּעטער קומט נאָך צו דאָס בוך „דער אינטער־נאַציאָנאַלער ייד", פאַרפאַסט פון דעם צפון־אַמעריקאַנער אויטאָמאָבילן־פאַבריקאַנט הענרי פאָרד, וועלכער קייט־איבער כמעט אַלע אַנטיסעמיטישע בלבולים פון אַלע צייטן. „מיין קאַמף", „די פּראָטאָקאָלן" און „דער אינטערנאַציאָנאַלער ייד" ווערן אַ מין דריי־אייניקייט פון דער אַנטיסעמיטישער ליטעראַטור, וואָס באַקומען רענאָמע איבער דער גאָרער וועלט.. אויף שפּאַניש פאַרעפנטלעכט הוגאָ וואַסט די פּאַסקווילן „קהל" און „אָרא". אויף אַנדערע שפּראַכן דערשיינען אויך אַנטיסעמיטישע ביכער.

די שאַרפע אַנטיסעמיטישע העצע פאַרשאַפט היטלערן אַ גרויסע אָנהענגערשאַפט אין דייטשלאַנד און היפּש סימפּאַטיע אין די אַנטיסעמיטישע קרייזן פון די נאָענטע לענדער. אין 1933 געווינט די נאַצי־פּאַרטיי 48 פּראָצענט פון די פּלעצער אין דייטשישן רייכסטאַג (פּאַרלאַמענט) און היטלער קומט צו דער מאַכט אַלס לעגאַלער רייכס־קאַנצלער. די איינציקע האָפענונג פון דעם יידישן ישוב אין דייטשלאַנד בלייבט דער אַלטער מלוכה־פּרעזידענט מאַרשאַל הינדענבורג, וואָס מוז, צוליב גוטער יונקערישער טראַדיציע אָנ־האַלטן לכל הפּחות די לעגאַלע פאָרמען.

אָבער אויך לעגאַל קאָן מען פאַרפאָלגן יידן אין דייטשלאַנד. מען הויבט אָן מיט אַרויסשטויסן די יידן, בירגער פון פרעמדע לענדער, וואָס האָבן זיך נאָכן ערשטן וועלט־קריג באַזעצט אין דייטשלאַנד. אויף דער גרענעץ מיט פּוילן ווערט געשאַפן אַ מין קיינעמס לאַנד, מיט אַ פּליטים־לאַגער ביים שטעטל זבאָנשין, אַן אָנזאָג אויף די לאַגערן וואָס וועלן אין צען יאָר אַרום ווערן אַ „נאָרמאַלע" דערשיינונג. דער פעלקערבונד, וואָס איז געגרינדעט געוואָרן אויף דער שלום־קאָנפערענץ פון ווערסייל, און וועלכער דאַרף אויך באַשיצן די נאַציאָנאַלע מינדערהייטן, שאַפט אַ ספּעציעלע ביוראָ אויף צו באַ־האַנדלען דעם ענין פון די פּליטים. בראש פון דער ביוראָ ווערט אַוועקגעשטעלט דער צפון־אַמעריקאַנער דזשיימס מאַקדאָנאַלד, אַ גרויסער יידנפריינט. נישט קאָנענדיק דער־שלאָגן זיך צו פּאָזיטיווע רעזולטאַטן, רעזיגנירט מאַקדאָנאַלד אין 1935. דעם זעלבן יאָר נעמט אָן די נאַצי־רעגירונג אַ רייע אַנטי־יידישע געזעצן, באַקאַנט אַלס „נירנבער־גער געזעצן", וואָס שטעלן אַוועק די יידישע בירגער פון רייך אין אַ לאַגע פון קוים טאָלערירטע פּאַריער.

דער ביישפּיל פון דייטשלאַנד ווירקט אויף די אַרומיקע לענדער. רומעניע און אונגאַרן נעמען אָן אַן אויסנעמשפּראָכענע אַנטי־יידישע געזעצגעבונג. פּוילן פירט קעגן די יידן אַן אָפענעם קאַמף דורך בלוט־בלבולים, שחיטה־פאַרבאָט, איינפירן ספּעציעלע בענק פאַר יידישע שילער אין די לערן־אַנשטאַלטן, און באַזוכער פון די עפנטלעכע

שפּאַציר־פּלעצער. דער שטייער־שרויף דריקט אומרחמנותדיק אויף דער פּאַראַמעטער יידישער מאַסע, דער באָיקאָט מאַכט אָן חורבונות. פון צייט צו צייט ברעכן אויס דאָ און דאָרט פּאָגראָמען. די קלענערע מלוכות, ליטע, לאַטוויע עסטאָניע, טוען נאָך דעםביישפּיל פון די גרויסע. אַ בכבודיקע אויסנאַמע איז טשעכאָסלאָוואַקיע, וועלכע, פּרעזי־דירט פון טאָמאַס מאַסאַריק, בלייבט ווי אַן אינדזל פון ליבעראַליזם און מענטשלעכקייט אין מיטל־אייראָפּע. אויך איטאַליע, וואָס האָט נאָך פאַר דייטשלאַנד איבערגעגעבן די רעגירונג צו איר פאַשיסטישער פּאַרטיי, מיט איר פירער מוסאָליני בראַש, בלייבט די ערשטע יאָרן לאָיאַל צו אירע יידישע בירגער און רעספּעקטירט זייערע רעכטן.

דער איינציקער אויסוועג פאַר די יידן פון מיטל־אייראָפּע בלייבט עמיגראַציע, און טראָץ אַלע שוועריקייטן, עמיגרירן פאַר די יאָרן 1933־1939 אַרום זעקס הונדערט טויזנט יידן פון מיטל־אייראָפּע. אַרום 200 טויזנט פון זיי באַזעצן זיך אין ארץ־ישראל, 150 טויזנט, בערך, אין צפון־אַמעריקע, אַן ערך פון הונדערט טויזנט אין די פאַרשידענע לענדער פון דרום־אַמעריקע, אַ 75 טויזנט אין די לענדער פון מערב־אייראָפּע, און די רעשט איבער די לענדער פון אַזיע, אַפריקע און אויסטראַליע.

פּאַראַלעל מיט די יידישע פאַרפאָלגונגען נעמט אָן די נאַצי־רעגירונג אַ רייע מאָסמיטלען, וואָס מאַכן פּאַקטיש צונישט דעם פרידנס־אָפּמאַך פון ווערסייל. דייטש־לאַנד קערט זיך אום צו איר מיליטאַריסטישער טראַדיציע און נעמט אויף אַ גראַנדיעזן באַוואָפענונגס פּראָגראַם. זי פאַרנעמט דעם רור־געביט, שליסט אָן אין רייך עסטרייך (1937) און אַנעקסירט טשעכאָסלאָוואַקיי (1938). די צאָל יידן אונטער דירעקטער נאַ־צישער הערשאַפט האַלט אין איין וואַקסן. יידן נעמען אונטער אַן אָפּווער־קאַמף. עס ווערט פּראָקלאַמירט אַ באָיקאָט אויף דייטשישע סחורות. די באָיקאָט־באַוועגונג ווערט אָנגעפירט פון צפון־אַמעריקאַנער אַדוואָקאַט שמואל אונטערמייער און געפינט אַ היפּשן אָפּקלאַנג אין דער יידישער וועלט. אָבער אַלס פאַרמיטלער, קאָנען יידן נישט דערפירן דעם באָיקאָט צו זיינע עקסטרעמסטע קאָנסעקווענצן. עס פעלן אויך נישט קיין יחידים, וואָס שטעלן העכער זייער פּערזענלעכן פאַרדינסט פון אַלגעמיין־יידישן אינטערעס און האַנדלען פריי מיט דייטשישע סחורות. עס זענען אָבער אויך פאַראַן העלדישע יחידים, וואָס זענען גרייט אויף מסירת נפש, אויף צו פאַרטיידיקן דעם יידישן כבוד און רעאַגירן קעגן די פאַרפאָלגונגען. אַזוי טויט דוד פראַנקפורטער, אין דאַוואָס (שווייץ), דעם נאַ־צישן טוער גוסטלאָוו, און הערשל גרינשפּאַן טויט אין פּאַריז דעם ראַטגעבער פון דער דייטשישער אַמבאַסאַדע, פאָן־ראַטה (11טן נאָוועמבער 1938): ביידע אַטענטאַטן ווערן דורכגעפירט מיטן ציל צו רופן די אויפמערקזאַמקייט פון דער וועלט אויף דער יידישער לאַגע. דוד פראַנקפורטער ווערט באַפרייט פון שווייצאַרישן געריכט; הערשל גרינשפּאַן ווערט פאַרמשפּט דורך דעם פראַנצויזישן געריכט צו טורמע, און קומט אום בשעת דער דייטשישער אָקופּאַציע פון פראַנקרייך אין צייט פון דעם צווייטן וועלט־קריג.

דער יידישער זשורנאַליסט סטעפאַן לוקס, וויל רופן די אויפמערקזאַמקייט פון דער

וועלט אויף דער יידישער לאגע דורך דעם, וואס ער באגייט זעלבסטמארד אין זיצונגס־זאל פון פעלקערבונד. נישט דער באיקאט, נישט די ספאראדישע טעראריסטישע אקטן זענען בכוח צו ענדערן דעם מצב. דער אטענטאט פון הערשל גרינשפאן ווערט אויסגע־נוצט פון דער נאצי־רעגירונג אויף צו לאזן פארברענען דעם רוב יידישע שולן פון דייטשלאנד און ארויפלייגן אויף די יידן א שטראף פון א מיליארד מארק.

3 — דער צווייטער וועלטקריג

די דייטשישע באוואפענונג, וואס די מערב־מלוכות האבן דערלאזט, אין דער האפענונג, אז זי איז געצילט קעגן רוסלאנד, האט סוף כל סוף דערפירט צו די אומ־פארמיידלעכע רעזולטאטן. דעם 1טן סעפטעמבער פון 1939 ברעכט אויס דער צווייטער וועלט־קריג. אין דער לעצטער שעה האט רוסלאנד געשלאסן מיט דייטשלאנד א נישט־אנגריף־אפמאך, ווי אויך די פערטע צעטיילונג פון פוילן, דער מזרח־טייל פון לאנד, אויף וועלכן רוסלאנד האט געהאט בארעכטיקטע פרעטענזיעס, האט באדארפט פאר־נומען ווערן פון רוסלאנד, דער מערב־טייל — פון דייטשלאנד. אויף צו שטיצן פוילן האבן ענגלאנד און פראנקרייך דערקלערט דייטשלאנד קריג. פוילן איז שוין אבער געווען געמינעוועט פון פאשיזם און אנטיסעמיטיזם און האט נישט געקאנטביישטיין דעם אנגריף פון די דייטשישע חילות. די רעגירונג איז פחדנותדיק אנטלאפן. די הויפטשטאט ווארשע האט זיך העלדיש פארטיידיקט מיט די כוחות פון איר באפעלקערונג. די יידן האבן מיט מסירת נפש מיטגעארבעט אין דער פארטיידיקונג, אבער אלץ איז געווען אומזיסט. דעם 26סטן סעפטעמבער איז אויך ווארשע געפאלן.

די נאצים זענען גלייך צוגעטראטן דורכפירן זייער טייוולאנישן פלאן צו פאר־ניכטן די פוילישע יידן. יידן זענען פארשפארט געווארן אין געטאס, ווו די ענגשאפט איז געווען אין לשער, זיי האבן געמוזט טראגן א באזונדערן צייכן, א געלן מגן דוד, מען האט זיי געצוווּנגען צו ארבעטן איבער די כוחות, ביי די געפערלעכסטע און עקל־האפטסטע ארבעטן, זיי האבן נישט געקאנט איינשאפן זיך נענוג שפייז. די געטאס זע־נען פארוואנדלט געווארן אין צוואנגס־לאגערן פאר ארבעט און די נאצישע מאכט האט שוין געזארגט דערפאר, אז די באדינגונגען פון באשפייזונג, היגיענע, ארבעט א. א. וו. זאלן פארגרעסערן די צאל טויטע דורך אויסצערונג. בראש פון יעדער געטא איז גע־שטעלט געווארן א יידנראט מיט א יידנעלטסטן, וואס האבן לפנים געדארפט אנפירן מיט דער פארוואלטונג, וואס האט געהאט אלע רעסארטן פון א באזונדער מוניציפאלי־טעט: פארוואלטונג, פאליציי, געריכטן, שולן, פאסט וכו׳. אייניקע געטאס האבן אפילו געהאט אייגן געלט. דאס אלץ איז אבער נאר געווען לפנים. די אייגנטלעכע אויפגאבע פון די יידנראטן און פון דער יידישער פאליציי איז געווען דורכצופירן אן דיסקוסיעס די פאראָרדענונגען פון דער מאכט.

יידן, סיי אין געוויסע יידנראטן, סיי דורך פריוואטע געזעלשאפטן, אפטמאל גע־היימע, האבן ארויסגעוויזן א שטארקן פאסיוון ווידערשטאנד. עס איז ארגאניזירט גע־

וואָרן אַ סאַניטעט־וועזן, מיט די מיטלען, וואָס דער דזשוינט האָט געפונען וועגן איבער־צושיקן, זענען איינגעאָרדנט געוואָרן באַשפּייזונג־פּונקטן. עס זענען געגרינדעט געוואָרן שולן, אין אייניקע ערטער מיט דער צושטימונג פון דער מאַכט, אין אַנדערע אין גע־היים. אין געוויסע געטאָס איז אַפילו געלונגען איינצואָרדענען שפּאַציר־פּלעצער, קול־טורעלע טעטיקייט, פּאָרטרעגן, טעאַטער, קאָנצערטן. אָבער די אַלע באַמיאונגען האָבן נישט געקענט פאַרמיידן, אַז די שטערבלעכקייט זאָל שטייגן צו אומגעהויערע פּראָפּאָר־ציעס: אין וואַרשע, ביז 500 אין איין טאָג.

די נאַציס האָבן זיך איבערצייגט, אַז אויף „נאַטירלעכע" וועגן וועלן זיי די יידישע באַפעלקערונג נישט קאָנען אינגאַנצן אומברענגען, און זיי זענען מיט דייטשישער פּלאַנמעסיקייט צוגעטראָטן צו אַ טייוולאָנישער אַקציע פון דירעקטער אויסראָטונג. אין פאַרשידענע פּונקטן פון דער פּוילישער טעריטאָריע זענען אויפגעשטעלט געוואָרן אויס־ראָטונגס־לאַגערן מיט גאַז־קאַמערן, אויף צו דערשטיקן די קרבנות, און קרעמאַטאָריומס צו פאַרברענען די טויטע קערפּערס. אַזעלכע לאַגערן זענען געווען אין טרעבלינקע, מיי־דאַנעק, אָשוויענטשים, בעלזעץ א. א. וו. לאַגערן פאַר צוואַנגס־אַרבעט זענען געווען אויך אין דייטשלאַנד, אין דאַכאַו, טערעזיענשטאַט און אַנדערע פּונקטן. אין אָקופּירטן פראַנקרייך איז באַרימט געוואָרן דער לאַגער פון דראַנסי.

דער טאָג ווען די אַקטיווע אויסראָטונג האָט זיך אָנגעהויבן, קאָן אָנגענומען ווערן אַלס דער 23סטער יולי פון 1942, ווען די דייטשישע מאַכט האָט געפאָדערט פון יודנראַט אין וואַרשע 6.000 פּערזאָן, בכדי, ווי זי האָט עס כּסמולירט, אַרויסצושיקן זיי אין פרייערע ערטער און מאַכן עטוואָס גרוימער אין דעם איבערגעפעלקערטן געטאָ. דער יודנראַט האָט לכתחילה נאָכגעגעבן, גלויבנדיק אַז עס האַנדלט זיך טאַקע וועגן אַ מאָס־מיטל צו מאַכן גרוימער אין געטאָ, אָבער דער עלטסטער פון יודנראַט, אינזש' אַדאַם טשערניאַקאָוו, האָט זיך גלייך געכאַפּט אויפן טעות וואָס ער איז באַגאַנגען און האָט זיך געסמט, אָנדייטנדיק דערמיט, אַז די עוואַקואַציע מיינט אויסראָטונג.

די דייטשן האָבן זיך באַמיט צו פאַרשלעפערן די אויפמערקזאַמקייט פון די געטאָ־איינוווינער, זיי פלעגן פאַרשפּרייטן ידיעות, וואָס זענען כלומרשט אָנגעקומען פון די אַרויסגעשיקטע. אַפילו בריוו זענען פון זיי אָנגעקומען, וואָס האָבן דערציילט ווי גוט עס לעבט זיך זיי דאָרט. פאַר די וואָס מען האָט דערווייל איבערגעלאָזט אויף צוואַנגס־אַרבעט אין געטאָ פלעגט מען יעדעס מאָל צוטראַכטן אַן אַנדער „זיכערן" דאָקומענט, אַז מען וועט זיי מער נישט אָנרירן... די זעלבע טאַקטיק איז אָנגעווענדט געוואָרן אין די געטאָס פון ווילנע, ביאַליסטאָק, לאָדזש וכ'.

דאָך זענען געווען יידן, וואָס האָבן זיך געגעבן חשבון אין וואָס עס גייט דאָ און האָבן אָרגאַניזירט די כּוחות צו אַ ווידערשטאַנד. מיט מסירת נפש איז געלונגען אַריינצופירן אין די געטאָס אַ ביסל געווער, און אויסלערנען די יוגנטלעכע ווי צו באַגיין זיך מיט דעם. אין וואַרשע זענען געשטאַנען בראש פון די געהיימע יידישע קעמ־

פער, מרדכי אַנילעוויטש און יצחק צוקערמאַן; אין ביאַליסטאָק, מרדכי טענענבוים; אין ווילנע, יצחק וויטענבערג. איינציייטיק מיט די שטאַרק געהיימע צוגרייטונגען צו אַ באַוואָפנטן ווידערשטאַנד, האָבן יידישע פּאָרשער געזאַמלט די געהעריקע דאָקו־מענטן וועגן די לעצטע ראַנגלעניש פון פוילישן יידנטום. אַזוי איז געשאַפן געוואָרן דער רינגלבלום־אַרכיוו, אויפן נאָמען פון יונגן היסטאָריקער רינגלבלום, וואָס האָט אָט די אַרבעט אָנגעפירט. דעם בונדישן פירער אַרטור זיגעלבוים איז געלונגען צו אַנט־לויפן פון פוילן, און בכדי אויפצורודערן די וועלט, איז ער באַגאַנגען זעלבסטמאָרד אין לאָנדאָן. אָבער אַלץ איז געווען אומזיסט, דער גורל פון די פּוילישע און מזרח־אייראָפּעאישע יידן איז געווען געחתמעט.

סוף כל סוף איז אויסגעבראָכן דער העראָאישער, האָפענונגלאָזער ווידער־שטאַנד, אין וואַרשע, צום ערשטן סדר, 19טן אַפּריל 1943; אין ביאַליסטאָק, 5טן אָקטאָבער, און אין ווילנע, 2טן נאָוועמבער פון זעלבן יאָר. די אויפשטענדלער האָבן געקעמפט העלדיש, אָבער דער איבערגעוויכט פון כוחות איז געווען צו אַ שטאַרקער, און די אויפשטאַנדן זענען אונטערגעדריקט געוואָרן, ווען אַפילו מען האָט צוליב דעם באַדאַרפט ממש צעשטערן די געטאָס. דער גרעסטער רוב פון די קעמפער איז אומגעקומען, נאָר קליינע גרופן איז געלונגען צו אַנטלויפן אין די וועלדער, וווּ זיי האָבן זיך אָנגעשלאָסן אין די יידישע פּאַרטיזאַנען־גרופּעס, וואָס האָבן דאָרט אָפּע־רירט צוזאַמען מיט די נישט־יידישע פּאַרטיזאַנען, אָדער קעמפנדיק קעגן זייערע פאַר־פאָלגונגען. געציילטע געטאָ־קעמפער האָבן איבערגעלעבט די מלחמה, געראַטעוועט זיך קיין ארץ־ישראל, מיטגעווירקט אין דער באַפרייאונגס־מלחמה און געגרינדעט אַ קיבוץ מיטן נאָמען „לוחמי הגטאות".

אויך אַ גרויסער טייל פון רוסישן יידנטום האָט נישט אויסגעמיטן דעם גרויזאַמען גורל. ווען נאַצי־דייטשלאַנד איז אַריינגעדרונגען קיין רוסלאַנד און איז דערגאַנגען ביז קאַווקאַז, האָבן אירע חילות און ספּעציעלע פאָרמאַציעס צעשאָסן הונ־דערטער טויזנטער יידן. אין דער דאָזיקער אויסראָטונגס אַרבעט האָבן אַקטיוו מיט־געאַרבעט די רומענער, וואָס האָבן געשאַפן דעם אויסראָטונגס־געביט טראַנסניסטריע. עס האָבן אויך צוגעלייגט אַ האַנט אוקראַינער, ליטווינער, לעטן און אַנדערע פעלקער־שאַפטן. די רוסישע רעגירונג האָט געטאָן דאָס מעגלעכע צו עוואַקויִרן, ווי ווייט מעגלעך אַ גרעסערע צאָל יידן אין די ווייטערע געגנטן פון יענער זייט אוראַל־בערג, וווהין די נאַצישע בעסטיעס האָבן נישט דערגרייכט.

נישט אַלע פעלקער האָבן קאַלטבלוטיק צוגעקוקט ווי מען ראַט אויס זייערע יידישע מיטבירגער. דענעמאַרק, נאָרוועגן און בולגאַריע האָבן באַוויזן אָפּצוראַטע־ווען דעם גרעסטן טייל פון זייערע יידישע בירגער. פראַנקרייך, אָקופּירט פון דייט־טשישן חיל און פאַרוואַלטעט פון אַ פאַשיסטישער רעגירונג, האָט דאָך געטאָן פאַר יידן דאָס מעגלעכע. דאָס נעמלעכע בעלגיע און האָלאַנד. פון די פעלקער וואָס האָבן

זיך אין דער מלחמה נישט באַטייליקט, האָבן געהאַלפן ראַטעווען יידן: שוועדן, שווייץ. אויך פאַרשידענע קריסטלעכע קירכעס, מיטן וואַטיקאַן בראָש, האָבן אַרויסגעוויזן מענטשלעכע סאָלידאַריטעט, ווען אַפילו זיי האָבן נישט אַלעמאָל גובר געווען דעם יצר הרע פון פאַנגען נשמות, און נאָך דער מלחמה איז אַנטשטאַנען דאָס פּראָבלעם פון די יידישע קינדער, וואָס זענען געראַטעוועט געוואָרן פון קריסטלעכע קירכעס און דערצויגן געוואָרן ווי קריסטן.

אויך שפּאַניע און פּאָרטוגאַל, די לענדער וואָס האָבן פאַרטריבן זייערע יידן צום סוף פון 15טן יאָרהונדערט, האָבן בעת די נאַצי־שחיטות אַרויסגעוויזן מענטשלעכקייט און געעפנט זייערע טויערן פאַר די פּליטים, וואָס האָבן געזוכט אַ מקום מקלט און באַנוצט די דערמאָנטע צוויי מדינות ווי טראַנזיט־לענדער. אין ביידע לענדער פאַרבלייבן יידישע ישובים.

דער גרויזאַמער סך־הכל ווערט קלאָר, ווען מען פאַרגלייכט די צאָלן פון די יידן, וואָס האָבן געלעבט אין אייראָפּע, פאַר און נאָך דעם 2טן וועלט־קריג.

	פאַרן קריג	נאָכן קריג
רוסלאַנד	3.000.000	2.000.000
פּוילן	3.000.000	120.000
רומעניע	850.000	300.000
אונגאַרן	400.000	200.000
טשעכאָסלאָוואַקיי	360.000	50.000
דייטשלאַנד	600.000	עטלעכע הונדערט
עסטרייך	200.000	3.000
פראַנקרייך	300.000	180.000
ענגלאַנד	350.000	350.000
האָלאַנד	150.000	28.000
בעלגיע	100.000	40.000
גריכנלאַנד	75.000	10.000
איטאַליע	50.000	45.000
בולגאַריע	50.000	40.000
אַנדערע לענדער	100.000	70.000

אין די צייטן פון צווייטן וועלט־קריג האָט די כאַוועטישע מאַכט געפירט אַ ליניע פון מער טאָלעראַנץ צו דער אידעע פון כלל־ישראל און פון יידישן פּאַטריאָטיזם. אַ ספּעציעלע דעלעגאַציע, פון פּאָעט איציק פעפער און אַרטיסט מיכאָעלס, האָט באַזוכט דעם יידישן ישוב אין צפון־אַמעריקע. אין רוסלאַנד גופא זענען פאַבריצירט געוואָרן טאַנקן, וואָס האָבן געטראָגן אַזעלכע נעמען ווי „יהודה המכבי" און „בר־כוכבא". עס האָט אָנגעהויבן צו דערשיינען נאָכן קריג אַ יידישער זשורנאַל „היימלאַנד", געווידמעט די פּראָבלעמען און שטימונגען פון אויפבוי פון יידישן לעבן אין ראַטנפאַרבאַנד. מיטאַמאָל, אָבער, האָט זיך די פּאַרטיי־ליניע געענדערט. יידישע שרייבער, מיט דוד בערגעלסאָן בראָש, זענען פאַרשיקט געוואָרן קיין סיביר און אַנדערע ווייטע געגנטן.

איינציקע פון זיי זענען געשטאָרבן אין פאַרשיקונג, אָדער אין תפיסה. עס זענען גע־שלאָסן געוואָרן די יידישע פּעריאָדישע אויסגאַבן. מען הערט מער נישט וועגן יידישע שולן, און עס איז אויפגעגעבן געוואָרן דער פּלאַן פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט אין ביראָ־בידזשאַן. איבער דעם יידישן ישוב אין ראַטנפאַרבאַנד האָט זיך אַראָפּגעלאָזט דער אייזערנער פאָרהאַנג, וואָס איזאָלירט אים פון כלל ישראל.

פון די יידן, וואָס זענען פאַרבליבן פון דער זייט אייזערנעם פאָרהאַנג, האָט דער רוב פון די יידן פון די סאַטעליטן לענדער: פּוילן, רומעניע אונגאַרן, בולגאַריע, עמיגרירט קיין מדינת ישראל, וואָס איז אויפגעשטאַנען נאָכן צווייטן וועלט־קריג. אין די מערב־אייראָפּעאישע לענדער זענען פאַרבליבן אַרום אַ מיליאָן יידן, וואָס וועלן נאָך, האָפנטלעך, דערהאַלטן זייער יידיש לעבן, אָבער זיי וועלן מער נישט קאָנען דינען ווי אַ קוואַל פון יידישער גייסטיקער טעטיקייט און השפעה אין וועלט־מאַסשטאַב. דער יידישער צענטער אין אייראָפּע וואָס האָט אָנגעהויבן צו אַרויסווייזן זיין טעטיקייט אין צענטן יאָרהונדערט, איז ליקווידירט געוואָרן אין צוואַנציקסטן יאָרהונדערט, נאָך אַ גלאָררייכער עקזיסטענץ פון אַרום טויזנט יאָר.

146סטע לעקציע

דער יידישער צענטער אויפן אמעריקאנער קאנטינענט

1 — ערשטע שריט

די אנטשטייאונג און דער אויפקום פון די יידישע קהילות אין אמעריקע, זענען בעיקר באווירקט געווארן פון צוויי היסטארישע סבות: די ירידה און אומקום פון דעם יידישן צענטער אין אייראפע, און די אנטדעקונג און באזעצונג פון דער נייער וועלט, אמעריקע, וואס האט שטארק צוגעצויגן די יידישע עמיגראנטן.

מען קאן אננעמען, אז די ירידה פון יידישן צענטער אין אייראפע האט זיך אנגעהויבן מיטן גירוש ספרד אין 1492; דעם 12־טן אקטאבער פון זעלבן יאר, איז אנטדעקט געווארן אמעריקע. דער חורבן פון יידישן צענטער אין אייראפע אין די יארן 1914־1945, פאלט אויך צוזאמען מיטן גרעכטן אויפשוואונג און רייפקייט פון די יידישע ישובים אין די אמעריקעס. אזוי ווייט זענעןביידע פראצעסן פארבונדן צווישן זיך.

די העכער פיר הונדערט און פופציק יאר, וואס זענען פאריבער פון דער אנט־דעקונג פון אמעריקע, ביז דער פראקלאמירונג פון מדינת ישראל, קאנען אין באצוג צום יידישן לעבן אויפן אמעריקאנער קאנטינענט איינגעטיילט ווערן אין 5 פעריאדן: 1) אנטדעקונג: זינט קאלומבוס האט אנטדעקט דאס אינדזל גואמיני (האאיטי) אין 1492, ביז עס איז קלאר געווארן, אז ער האט גישט דערגרייכט די מזרח־ברעגן פון אזיע, ווי ער האט לכתחילה געמיינט, נאר עס איז אנטדעקט געווארן א גאנץ נייער, אומבאוווסטער קאנטינענט. 2) אינפילטראציע: זינט די ערשטע געהיימע יידן (מאראנען) האבן זיך אנגעהויבן באזעצן אויפן קאנטינענט (1501) ביז דער באפרייאונג פון די אמעריקאנער פעלקער, וואס האט זיך אנגעהויבן מיט דער רעוואלוציע אין צפון־אמעריקע (1774) און האט זיך פארענדיקט מיט דער באפרייאונג פון די שפאנישע קאלאניעס אין די צוואנציקער יארן פון ניינצנטן יארהונדערט. צום סוף פון דעם פע־ריאד האבן אין צפון אמעריקע געלעבט ארום 5 טויזנט יידישע נפשות און הייפעלעך

געהיימע יידן אין די לענדער פון לאטיין אמעריקע. 3) גרופן־אימיגראציע, פון די צוואנציקער ביזן סוף פון די זיבעציקער יאָרן פון נײַנצנטן יאָרהונדערט. פאַר דער צייט האָבן אָנגעהויבן אַרײַנקומען קיין אמעריקע די ערשטע גרופעס פון דײַטשישע יידן. צום סוף פון דעם פעריאָד זענען שוין געווען אין צפון־אמעריקע ארום א פערטל מיליאָן יידן, מערסטנטייל דײַטשישע. 4) מאסן־אימיגראציע, פון אָנהויב פון די פּאָג־ראָמען אין רוסלאַנד אין 1881, ביז צפון־אמעריקע פירט אײַן די באַגרענעצונגען פאַר אימיגראַציע, אין די יאָרן 1924-9. צו יענער צייט געפינען זיך אויפן קאָנטינענט צווישן פיר און פינף מיליאָן יידן. 5) קאָנסאָלידאַציע: זינט די אמעריקאַנער יידישע ישובים האָבן דערפילט זייער רײַפקייט און האָבן, טאַקע צוליב די באַשרענקונגען אויף דער אימיגראַציע, אָנגעהויבן צו בויען זייער יידיש לעבן אין א גרעסערן מאַסשטאַב און על פּי נוסח אמעריקע.

עס ווערט אַלץ מער און מער באַוווּסט און בולט דער פאַקט, אז יידן האָבן זייער פיל בײַגעטראָגן הן צו די ווּיסנשאַפטלעכע פאָרבאַרייטונגען, וואָס האָבן מעגלעך געמאַכט די רייזעס וואָס האָבן געבראַכט צו דער אַנטדעקונג פון אמעריקע, הן צו די רייזעס גופא.

אין די יאָרהונדערטער פון פריִען רענעסאַנס האָבן זיך יידן פיל אָפּגעגעבן מיט ווּיסנשאַפטלעכע ענינים, וואָס האָבן בײַגעטראָגן צו דער אַנטדעקונג פון אמעריקע. יידן זענען געווען צווישן די בעסטע צייכנערס פון ים־מאַפּעס. שוין אין פערצנטן יאָר־הונדערט האָט אויפן אינדזל מאַיאָרקאַ עקזיסטירט א באַרימטע שולע פון יידישע מאַ־פּעס־צייכנערס, אָנגעפירט פון יאַפודאַ (יהודה) קרעסקאַס.

אין פופצנטן יאָרהונדערט גרינדעט דער פּאָרטוגעזישער פּרינץ היינריך (ענ־ריקע) דער ים־פאָרער א ים־אַקאַדעמיע אין סאַגרעס און לאַדט אײַן דעם מאַראַן יעקב פון מאַיאָרקאַ אַלס איר אָנפירער. א גרויסע הילף פאַר אַלע געוואַגטע ים־פאָרער איז געווען דער „אייביקער לוח" און די „אַסטראָנאָמישע טאַבעלן", פאַרפאַסט פון יידישן מאַטעמאַטיקער און אַסטראָנאָם אברהם זאַקוטאָ (זכות) און זײַן תלמיד יוסף וויזיניאָ.

די ערשטע נסיעה פון קריסטאָפאָר קאָלומבוס, יואָס האָט געבראַכט צו דער אַנטדעקונג פון אמעריקע, איז דערמעגלעכט געוואָ־ן דורך א הלוואה פון 17 טויזנט גאָלד דוקאַטן, וואָס עס האָבן געגעבן דער שפּאַנישער קרוין די מאַראַנען לואיס סאַנט־אַנכעל און גבריאל סאַנטשעז. צווישן די מאַטראָסן פון דער עקספּעדיציע זענען געווען נישט ווייניק מאַראַנען, און וועגן קאָלומבוס אַליין איז פאַראַן א שטאַרקע מיינונג, אז ער האָט געשטאַמט פון דער יידיש־איטאַליענישער פאַמיליע קאָלאָן. די מעדיקער פון דער עקספּעדיציע זענען געווען די מאַראַנען מאַרקאָ און בערנאַל. דער איבערזעצער איז געווען דער מאַראַן לואיס דע טאָררעס, וועלכער האָט זיך געווענדט צו די אײַנגע־בוירענע לכתחילה אויף העברעאיש און שפּעטער אויף אַראַביש.

די ווייטערדיקע נסיעות פון קאָלומבוס זענען דערמעגלעכט געווען דורך דער קאָנ־

פיסקאַציע פון די רייכטימער פון די יידן, וואָס זענען אַרויסגעטריבן געוואָרן פון שפּאַניע. אַלס קוריאָזן איז כדאי צו פאַרצייכענען דעם צופאַל וואָס די עקספּעדיציע פאַרלאָזט שפּאַניע דעם 3טן אויגוסט 1492, אויף מאָרגן נאָך תשעה באב, און אַנט־דעקט אַמעריקע דעם 12טן אָקטאָבער פון זעלבן יאָר, הושענא רבה.

יידן זענען פון די ערשטע צו באַזעצן זיך אין אַמעריקע. דער סאַמע ערשטער איירֹאָפּעער, וואָס האָט דאָ געמאַכט זיין היים, איז דער דערמאָנטער לואיס דע טאָררעס. באַלד ווי בראַזיל ווערט אַנטדעקט אין 1500, באַקומט דער מאַראַן פערנאַנדאָ דע נאָראָניאַ אַ קאָנצעסיע צו אויספאָרשן און קאָלאָניזירן די נייע געביטן. אין די יאָרן 1501־2 פירט דורך נאָראָניאַ זיין ערשטע עקספּעדיציע, איינע פון זיינע שיפן טראָגט דעם נאָמען „יהודה", איינער פון די אַנטדעקטע נאַטירלעכע האַפנס באַקומט דעם נאָמען כנען. אַן אינדזל אויפן וועג פון איירֹאָפּע און בראַזיל טראָגט ביז היינט דעם נאָמען פון „פערנאַנדאָ דע נאָראָניאַ". צווישן די ערשטע צו באַזעצן זיך אין בראַזיל איז געווען דער פּוילישער ייד און מאַראַן, גאַספּאַר דע גאַמאַ, אָדער דע אינדיאַס, וועלכער האָט געדינט אַלס איבערזעצער ביי די ים־פאָרער וואַסקאָ דע גאַמאַ און פּעדראָ אַלוואַרעז קאַבראַל, דער אַנטדעקער פון בראַזיל.

די כוואַליע פון מאַראַנען (געהיימע יידן), וואָס האָבן זיך אַ לאָז געטאָן אין די ניי־אַנטדעקטע מקומות, מיט דער האָפענונג צו אויסבאַהאַלטן זיך לייכטער פון דעם וואַכזאַמען אויג פון דער אינקוויזיציע איז געווען פון אַזאַ פאַרנעם, אַז שוין אין 1511 דערשיינט אַ דעקרעט, וואָס פאַרווערט אַריינצופאָרן אין די שפּאַנישע געביטן פון דער נייער וועלט אַלע די אַנוסים, וועמענס קרובים זענען פאַרמשפּט געוואָרן פון דער אינק־וויזיציע פאַר אָפּהיטן אין געהיים יידישקייט. אין 1516 באַקומען די אַמעריקאַנער בישאָפן דאָס רעכט צו מאַכן אַן אויספאָרשונג וועגן דער רעליגיעזער אויפפירונג פון די אימיגראַנטן און אין 1535 איז דורכגעפירט געוואָרן דער ערשטער אויטאָ־דע־פע אין מעקסיקע.

אָבער די בישאָפן אַליין האָבן זיך הפּנים נישט געקאָנט קיין עצה געבן מיטן אַלע וואַקסנדיקן שטראָם פון מאַראַנען, און אין די זיבעציקער יאָרן פון זעכצנטן יאָר־הונדערט מוזן איינגעפירט ווערן גאַנצע דריי אַמטן פון הייליקן אינקוויזיציע־טריבו־נאַל: אין מעקסיקע (1570), אין לימאַ (פּערו) און אין קאַרטאַכענאַ (קאָלאָמביע) (1571). יעדער איינער פון די טריבונאַלן האָט געהאַט יורידיקציע אויף אַ רייע מדי־נות. די לענדער פון זידלעכן טייל דרום־אַמעריקע זענען געווען אונטערגעוואָרפן דעם טריבונאַל פון לימאַ, וווּהין מען פלעגט אַריבערשיקן אַלע באַשולדיקטע. פון די פאַר־שידענע פּראָצעסן האָבן אַרויסגערופן גרויס אָנזען דער משפּט פון דער פאַמיליע קאַרוואַכאַל אין מעקסיקע (1596־1602), און דער משפּט פון דער „גרויסער פאַר־שווערונג" אין לימאַ, פּערו, וואָס האָט געבראַכט צו 63 קרבנות און האָט גורם געווען אַ שאַרפן עקאָנאָמישן קריזיס, ווייל עס זענען פאַרמשפּט געוואָרן די וויכטיקסטע

סוחרים פון דער מדינה. צוזאמען מיט אלע באשולדיקטע אין „דער גרויסער פאר־שווערונג" איז דעם 23סטן יאנואר פון 1639 פארברענט געווארן דער מאראן פראנ־סיסקא מאלדאנאדא דע סילווא, וועלכער איז געבוירן געווארן אין 1592 אין טוקומאן (ארגענטינע), האט שטודירט מעדיצין אין לימא (פערו), איז געווען דאקטאר אין סאנט־יאגא און קאנסעפסיאן (טשילע). דע סילווא האט מקדש השם געווען מיט אמת יידישער מסירת נפש.

אבער נישט בלויז מאראנען (געהיימע יידן) באזעצן זיך אין יענעם פעריאד אין אמעריקע. אין 1624 נעמען איין די האלענדער איניקע געגנטן פון צפון בראזיל, וואס האבן דאן געהערט צו פארטוגאל. אין זייער אונטער־נעמונג ווערן די האלענדער געשטיצט פון יידישע פריוויליקע פון איראפע, ווי אויך פון די מאראנען, וואס האבן זיך, טראץ אלעמען, דערהאלטן אין דער געגנט און איר הויפט־שטאט רעסיפע פער־נאמבוקא, ווו עס קומט גלייך אויף א וויכטיקע יידישע קהילה. אין 1642 פארן ארויס פון האלאנד קיין צפון־בראזיל א גרעסערע גרופע יידן מיט די רבנים יצחק אבוהאב דע פאנסעקא און משה רפאל דע אגילאר בראש. מיטן צופלוס פון יידן דערגרייכט די געגנט די גרויסע עקאנאמישע אנטוויקלונג; יידן אנטוויקלען פלאנטאציעס פון צו־קער־ראר, אינדוסטריאליזירן דאס פארב־האלץ בראזיל, עקספלואטירן די רייכע וועל־דער פון געגנט א. א. וו.

די צייטן פון אויפבלי האבן אבער נישט לאנג געדויערט. אין 1645 הויבן אן די פארטוגעזער א קעגן־אנגריף און אין 1654 פאלט רעסיפע ווידער אונטער זייער הערשאפט. ווען אפילו די זיגער האבן צוגעזאגט אן אמנעסטיע פאר אלע איינוווינער, יידן אריינגערעכנט, האט דאך דער רוב יידן געמוזט פארלאזן די געגנט, חוץ א קליי־נעם טייל, וואס האט צוריק אנגענומען לפנים דאס קריסטנטום און איז לאנגזאם פאר־שלונגען געווארן אין דער אלגעמיינער באפעלקערונג. איין גרעסערע גרופע איז אוועק קיין ב. איירעס, ווו זי האט פארענדיקט אויפן זעלביקן אופן. אין ביידע שטעט זענען נאך ביז היינט פאראן קריסטן, וואס זענען באוווסטזיניק אויף זייער יידישן אפ־שטאם. פון די יידן, וואס זענען געבליבן ביי יידישקייט, איז א טייל אוועק צוריק קיין האלאנד, א צווייטע טייל איז אוועק אין די נאענט־ליגנדיקע האלענדישע קאלאניעס סורינאם, קוראסאא א. א., ווו זייערע אפשטאמער לעבן ביז היינט צו טאג. א דריטע טייל איז אוועק קיין ניי־אמסטערדאם (איצטיקע ניו־יארק), וואס האט דאן געהערט צו האלאנד, און ווו זיי האבן טראץ דער אפאזיציע פון גובערנאטאר פיטער סטויווי־סאנט דאך באקומען די דערלויבעניש צו באזעצן זיך, צו גרינדן א בית־עלמין און אפילו צו טראגן געווער. די דאזיקע גרופע פון צוואנציק מענטשן דארף פאררעכנט ווערן ווי די גרינדערין פון דעם יידישן ישוב אין די צפון־אמעריקאנער שטאטן, וואס וועט אין 1954 פייערן דעם דריטן יארהונדערט פון זיין קיום. אין 1658 קומט א גרופע פון 15 יידישע פאמיליעס קיין ניו־פארט און פארלייגט דארט דעם ישוב. ווען

אין 1664 גייען אריבער די האָלענדישע קאָלאָניעס פון צפון־אמעריקע אין באַזיץ פון ענגלאַנד, און ניי־אַמסטערדאַם בייט דעם נאָמען אויף ניו־יאָרק, ווערט די לאַגע פון די יידן נישט פאַרערגערט, זיי ווערן בהדרגה איינגעגלידערט אין לעבן פון לאַנד. אין 1722 ווערט דער ייד יהודה מאָנים באַשטימט אַלס אינסטרוקטאָר אין דער הויך־שול פון האַרוואַרד, און אין 1727 ווערן די יידן פון ניו־יאָרק אָנערקענט ווי גלייכבאַרעכטיקטע בירגער פון שטאָט. העברעאיש ווערט געלערנט אין אייניקע שולן.

אין 1732-3 קומט אָן קיין צפון אַמעריקע די ערשטע גרופּע פון דייטשישע יידן; צוועלף פאַמיליעס, וואָס האָבן זיך אַריבערגעכאַפּט קיין ענגלאַנד, פון וואַנען די מנהיגים פון דער ספּרדישער געמיינדע האָבן זיי אַריבערגעשיקט אין דער נייער וועלט, אין דער נישט־לאַנג געגרינדעטער קאָלאָניע „זשאָרזשיאַ". די יידישע אימיגראַנטן ווערן אונטערן דרוק פון די יידישע מיטגלידער פון קאָמיטעט, וואָס פירט אָן מיט דער קאָלאָניזאַציע פון „זשאָרזשיאַ" באַזעצט אויף זיין חשבון. אין גיכן קומט אַ צווייטע גרופּע פון פערציק פאַמיליעס, וואָס עס רופט אַרויס אין געוויסע קרייזן די מיינונג, אַז: „זשאָרזשיאַ" ווערט פאַרפלייצט פון יידן".

אין דער רעוואָלוציע, וואָס ברעכט אויס אין 1774 און וועט ברענגען צו דער גרינדונג פון די פאַראייניקטע שטאַטן פון צפון־אַמעריקע, וועלן זיך יידן באַטייליקן אין ביידע צדדים, ווען אפילו דער רוב וועט שטיצן די רעוואָלוציע, און דער פּוילישער ייד חיים סאָלאָמאָן וועט געבן דער רעוואָלוציאָנערער רעגירונג גרויסע פינאַנציעלע הילף, וואָס וועט פיל ביישטייערן צום טריומף פון דער רעוואָלוציע. אין דער צווייטער מלחמה מיט ענגלאַנד (1810-12) וועלן אַלע יידן דערפילן זייער פּאַטריאָטישן חוב אַלס אַמעריקאַנער. צום סוף פון דעם פּעריאָד זענען פאַראַן אין צפון־אַמעריקע אַ פינף טויזנט יידן, ס'רוב ספרדים, וואָס באַטייליקן זיך אַקטיוו אין אַלע צווייגן פון דער עקאָנאָמיק. און הויבן אויך אָן ווערן אַקטיוו פּאָליטיש.

די אַנטיסעמיטישע עקסצעסן אין אַ רייע שטעט אין דייטשלאַנד אין יאָר 1819, רופן אַרויס אַן עמיגראַציע־כוואַליע אין די פרייע לענדער פון דער נייער וועלט. אויף וויפל דער אַנטיסעמיטיזם ווערט אַגרעסיווער, און בעיקר ווען עס ווערט קלאָר, נאָך דער רעוואָלוציע פון 1848, אַז דיווירקלעכע עמאַנציפּאַציע וועט נישט אַזוי גיך קומען, אַלץ גרעסער ווערט דער אימיגראַציע־שטראָם. פאַר די יאָרן 1820-1880 וועט דער יידישער ישוב אין צפון־אַמעריקע וואַקסן פון זעקס טויזנט אויף אַ פערטל מיליאָן נפשות, דער רוב פון זיי דייטשישע יידן.

עקאָנאָמיש וועלן זיך די נייע איינוואַנדערער אָריענטירן אויף מסחר. עס זענען די יאָרן פון דער פּיאָנערישער דעראָבערונג פון די אומענדלעכע מערב־געביטן, און אויף וויפל די קאָלאָניסטן גייען אַלץ ווייטער אויף מערב, גייען זיי די יידישע פּעדלערס און סוחרים נאָך מיט זייערע פּעק און וועגענער און שיפן, און באַזאָרגן זיי מיט אַלעם נויטיקן, פון אַ נאָדל ביז אַ דרעש־מאַשין. ווען די אָקאָרשט געגרינדעטע

ישובים וועלן זיך באַפעסטיקן, וועלן אויך די יידישע סוחרים אויפקומען. פון פּעד־לערס פּאַק אָדער וועגעלע וועט ווערן פריער אַ קרעמל, שפּעטער אַ קראָם און לסוף אַן אוניווערסאַלער מאַגאַזין אויף די הויפּט־גאַסן פון די נייע שטעט. די דייטשישע יידן געהערן ביז היינט צו די רייכערע שיכטן אין אַמעריקאַנער ישוב.

גייסטיק וועלן זיי זיך אַ צייט לאַנג האַלטן פעסט ביי דער דייטשישער שפּראַך און קולטור. זייער יידישקייט וועט זיך אויסדריקן בלויז אין רעליגיע, און אַ טייל פון זיי וועט מיטברענגען קיין אַמעריקע די רעליגיעזע רעפאָרמע, וואָס איז אין יענע יאָרן אויפגעקומען אין דייטשלאַנד. שוין אין 1825 פּרוּווט אַ גרופּע ספרדים גרינדן אַ רעפאָרמירטע שול אין טשאַרלסטאָן. דער פּרוּוו גיט זיך נישט איין. די ספרדים בלייבן מערסטנטייל אויסער דער רעפאָרמע, אַזוי אויך די מזרח־אייראָפּעאישע יידן, וואָס האָבן שוין דאַן אָנגעהויבן אַריינקומען ביסלעכווייז אין לאַנד. און האָבן גע־גרינדעט זייער ערשטע שול אין ניו־יאָרק, אין יאָר 1852.

אויך צווישן די דייטשישע יידן זענען פאַראַן קעגנער פון דער רעפאָרמע. אין דעם זעלבן יאָר 1845, ווען אין ניו־יאָרק ווערט געגרינדעט דער רעפאָרמיסטישער טעמפּל עמנואל, פאַראייניקן זיך דריי דייטשיש־שפּראַכיקע נישט־רעפאָרמירטע שולן אין איינער, און נעמען אויף אַלס ראַבינער דעם ד״ר מאַקס ליליענטאַל, וועלכער האָט זיך בשעתו באַרימט געמאַכט מיט זיין מיטווירקונג ביי דער צאַרישער רעגירונג אויפן געביט צו פאַרשפּרייטן מאָדערנע קולטור צווישן יידן.

דערווייל זאָרגן זיך די דייטשישע יידן וועגן דערהאַלטן יידישקייט אין די נייע היימען. אין 1838 גרינדעט רבקה גראַץ, אַ מיטגלידערין פון אַ נישט־רעפאָרמיר־טער געמיינדע אין פילאַדעלפיע, די זונטיק־שולן, אין וועלכע עס באַקומען ביז היינט אונטערריכט אין יידישקייט. הונדערט טויזנט קינדער. געוויס גיט נישט די זונטיק־שול קיין גענוגנדיקן יידישן וויסן, אָבער בעסער פון גאָרנישט איז עס. אין 1843 ווערט געגרינדעט דער בני־ברית אָרדן, וואָס דאַרף פאַראייניקן אַלע יידן אָן אונטערשיד פון רעליגיעזער שאַטירונג. דער אָרדן שפּילט ביי היינטיקן טאָג אַ באַדייטנדיקע ראָל אין יידישן לעבן אין און אויסער אַמעריקע.

אין 1846 קומט קיין אַמעריקע דער ביימישער ראַבינער אייזיק מאיר וויס, אַן ענערגישער מענטש מיט אָרגאַניזאַטאָרישן טאַלאַנט, וועלכער באַמיט זיך צו פאַר־אייניקן די פאַרשידענע שיטות פון די רעפאָרמער אין איין איינציקן נוסח, וואָס ער רופט אָן נוסח־אַמעריקע. ער גיט אויך אַרויס אַ סידור אונטער דעם נאָמען. אין די רעפאָרמירטע רייען איז נישטאָ קיין איינשטימיקייט. פאַראַן די שיטה פון יצחק ליסער און מאַקס ליליענטאַל, וואָס איז זייער ענלעך אויף אָרטאָדאָקסיע. די געמעסיקטע שיטה פון מרדכי יאַסטראָוו און בנימין סאָלד האַלט זיך פעסט ביי אַ רייע דינים און מנהגים, ביז כשרות אַריינגערעכנט. אָבער לעאָ מערצבאַכער און שמואל אַדלער דער־לויבן די עקסטרעמסטע רעפאָרמען אין דעם עמנואל־טעמפּל, אין וועלכן זיי זענען טעטיק.

עס איז כמעט אוממעגלעך ברענגען צו א פאראייניקונג. דאך געלינגט עס אייזיק מאיר וויסן צו גרינדן אין 1855 די ערשטע פאראייניקונג פון די רעפארמירטע קהילות פון מערב און דרום, וואס וועט האבן סינסינעטי אלס איר הויפטשטאט און סימבאל.

דערווייל פארווארצלען זיך יידן אלץ מער און מער אין לעבן פון לאנד, די רעגירונג פון וועלכער ווייזט אפטער ארויס אויסגעשפראכענע פרא־יידישע טענדענצן. יידן דערפילן בחוש, אז אמעריקע איז א נײַ קאפיטל אין לעבן פון יידישן פאלק. אין דער הינזיכט האנדלט דער ספרדי מרדכי עמנואל נח, א פאליטיקער, זשורנאליסט, דראמאטורג און געוועזענער קאנסול אין טונים, ווען ער פארלייגט אין 1825 דעם גרונדשטיין פאר א יידישן שטאט אויפן גרויסן אינדזל, וואס נעבן דעם ניאגארא־פאל. ער גיט א נאמען זײַן געפלאנטן שטאט „אררט", סימבאליזירנדיק זײַן האפענונג, אז די יידן, וואס וועלן זיך ראטעווען פון אנטיסעמיטישן מבול אין אייראפע, וועלן דארט געפינען א מקום־מנוחה. דאס באדייט אבער נישט, אז ער זאגט זיך אפ פון דער האפענונג אויף ארץ־ישראל. ער באטראכט נאר זײַן „אררט" ווי א מין פאר־שפיל צו דער גאולה. אין 1844 האלט נח א רעדע, אין וועלכער ער אפעלירט צו דער אלגעמיינער באפעלקערונג פון די פאר. שטאטן, אז זי זאל מיטווירקן און העלפן די יידן צוריק דערגרייכן זייער אמאליק היימלאנד ארץ ישראל. פון דעם גאנצן אויפטו „אררט" איז בלויז געבליבן דער גרונדשטיין, וואס ווערט אפגעהיט אין דעם מוזיי פון באפלא.

שוין אין די גאר ערשטע יארן הויבט זיך אן דער אמעריקאנער יידישער ישוב צו אינטערעסירן מיט כלל־ישראל אינטערעסן. אין 1840, בשעת דעם בלוט־בלבול אין דמשק, באוועגט ער די אמעריקאנער רעגירונג אנצונעמען אן אויסדריק־לעכע פרא־יידישע שטעלונג. אין 1852 וועט ער זיך דערשלאגן, אז דער סענאט זאל נישט ראטיפיצירן דעם האנדלס־אפמאך מיט דער שווייץ, ווייל ער אנטהאלט א פונקט, וואס דיסקרימינירט קעגן יידן. אין 1859 ווערט געמאכט דער ערשטער פרווו צו גרינדן א פערמאנענטע קערפערשאפט, וואס זאל שטיין אויף דער וואך פון די יידישע כלל־אינטערעסן, דער „קאמיטעט פון דעלעגאטן פון די אמעריקאנער יידן", וועלכער וועט עקזיסטירן ביזן יאר 1878.

יידן פילן זיך גלײַך ווי פולבארעכטיקטע בירגער פון לאנד און באטייליקן זיך אקטיוו אין איר פאליטיק. דער אדמיראל אוריה פ. ליווי, א ספרדישער ייד, קעמפט פאר אפשאפן קערפערלעכע שטראף אין דער פלאטע, די ראביים דוד איינהארן, מיכל האלפערן און סאבאטא מאראעס באטייליקן זיך אקטיוו אין אנטי־שקלאפערײַ קאמ־פיין, אין וועלכן עס צייכנט זיך אויס די פויליש־יידישע פרוי ערנעסטינא ראאוז, וואס באקומט דעם ערנהאפטן צונאמען פון „מוטער פון די טריבונעס". עס פעלן אויך נישט קיין יידן, וואס בארעכטיקן שקלאפערײַ, צווישן זיי דער ראביי מאריס ראפאל פון ניו־יארק, און דער ערשטער יידישער מיטגליד פון אמעריקאנער סענאט, דוד יולי.

ווען עס ברעכט אויס דער בירגער־קריג, פאַראורזאַכט פון דער שקלאַפן־פראַגע (1861־1865), קעמפן טאַקע די מערהייט יידן מיט די קעגנער פון שקלאַפעריי און בלייבן טריי דער יוניאָן. דאָס שטערט אָבער נישט, אַז יהודה פ. בנימין זאָל דינען דער פּראָ־שקלאַפעריי רעגירונג פון דער קאָנפעדעראַציע, אַלס מיניסטער פון יוסטיץ, קריג און באַציאונגען מיט אויסלאַנד.

נאָכן בירגער־קריג ווערן פאַרגרעסערט די באַמיאונגען צו אָרגאַניזירן דאָס יידישע לעבן אויפן אָרט. אין 1867 גרינדעט יצחק ליסער די ערשטע העברעאישע שולע וואָס טראָגט דעם נאָמען פון רמב״ם, און וועט עקזיסטירן ביז 1872. אין 1873 גע־לינגט עס יצחק מאיר וויס צו גרינדן די ערשטע פאַראייניקונג פון די רעפאָרמיסטישע ראַביים. אין 1875 גרינדעט ער דעם „היברו יוניאָן קאַלעדזש״ אויף אויסצובילדן ראַביים פאַר די רעפאָרם־געמיינדעס. דער אַנשטאַלט עקזיסטירט ביז היינט. מיט צען יאָר שפּעטער, אין 1885, וועט אין פּיטסבורג אָפּגעהאַלטן ווערן אַ צוזאַמענפאָר פון די רעפאָרמיסטישע געמיינדעס, וואָס וועלן אָננעמען אַן עקסטרעמען פּראָגראַם, באַ־קאַנט ווי די „פּיטסבורג־פּלאַטפאָרם״. לויט דעם פּראָגראַם זענען די דינים פון תלמוד נישט פאַרפליכטנדיק, אפילו אַ סך דינים פון דער תורה, ווי אויך כשרות, ווערן אָפּ־געשאַפט. עס ווערט אויפגעגעבן די האָפענונג אויף צוריקקער קיין ארץ־ישראל. די גאולה־האָפענונג ווערט פאַרביטן אויף דער דערוואַרטונג פון אַ משיח־עפּאָכע, וואָס וועט אויפריכטן די גאַנצע וועלט דורך וויסנשאַפטלעכן און פּאָליטישן פּראָגרעס. דאָס יידישע פאָלק עקזיסטירט צוליב זיין מיסיע צו פאַרשפּרייטן ריינעם מאָנאָטעאיזם אויף דער וועלט. דאָס פּיטסבורגער פּראָגראַם איז גורם צו אַ שפּאַלטונג אין אַמעריקאַנער יידנטום. די ספרדישע און מזרח־אייראָפּעאישע געמיינדעס, ווי אַ טייל דייטשישע, האָבן די פּלאַטפאָרם צוריקגעוויזן און די רעפאָרמירטע יידן הויבן אָן באַצייכנט צו ווערן נישט ווי יידן, נאָר ווי „יאַהודים״.

פאַר דער צייט וואַקסט דער וווילשטאַנד פון דער יידישער געמיינשאַפט אין צפון־אַמעריקע און פּאַראַלעל מיט דעם באַווייזן זיך די ערשטע סימנים פון ברייטהאַר־ציקער פילאַנטראָפּיע, וואָס וועט ווערן דער גרונדשטריך פון צפון־אַמעריקאַנער יידישן כאַראַקטער. דעם ערשטן ביישפּיל גיט דער ספרדי יהודה טאורא, וועלכער שטאַרבט אַלס אַלטער בחור אין 1854 און לאָזט איבער זיין גאַנץ פאַרמעגן אויף צדקה. ער באַ־שטימט אויך אַ געוויסן פאָנד פאַרן ישוב פון ארץ־ישראל. דער פאָנד ווערט אָנפאַר־טרויט ר׳ משה מאָנטעפיאָרע, וועלכער וועט אויף זיינע מיטלען אויפבויען די ערשטע הייזער פון ניי־ירושלים.

דער שטראָם פון דער מערב־אייראָפּעאישער יידישער עמיגראַציע וועט אין יענע יאָרן דערגרייכן אויך אייניקע לענדער פון לאַטיין־אַמעריקע. דער רוב פון די דאָזיקע איינוואַנדערער וועלן זיך מיט דער צייט אסימילירן און וועלן נאָר פאַרגרעסערן די צאָל משפחות און פערזאָנען, וואָס זענען באַוווּסטזיניק אויף זייער יידישן אָפּשטאַם,

ווען אפילו זיי זענען שוין אינגאנצן פארשלונגען פון דער ארומיקער קריסטלעכער סביבה. דער איינציקער לעבעדיקער צייכן פון יענער איינוואנדערונג אין לאטיין־אמע־ריקע איז די יידישע קאנגרעגאציע פון בוענאס־איירעס, וואס איז געגרינדעט געווארן אין יאר 1868 און עקזיסטירט ביז היינט צו טאג אלס אקטיווער כוח אין יידישן ישוב פון ארגענטינע.

2 — מאסן־אימיגראציע

די פאגראם־כוואליע אין רוסלאנד (1881), מיט די „ציטווייליקע" אנטי־יידישע געזעצן (1882) און דער וווּקס פון אנטיסעמיטיזם אין דייטשלאנד, ברענגען צו א פארשטארקונג פון יציאת־אייראפע און דער גרעסטער רוב פון די עמיגראנטן שטראמט קיין אמעריקע. דער פערטל מיליאן יידן, וואס האט געלעבט אין אמעריקע ארום יאר 1880 וועט צום ערשטן וועלט־קריג, אין 1914, אויסוואקסן צו דריי מיליאן. גרעסערע יידישע געמיינדעס וועלן פאר דער צייט אויפקומען אויך אין איניקע לענדער פון לאַ־טיין־אמעריקע, בעיקר אין ארגענטינע.

אין צפון אמעריקע האט די מאסן־אימיגראציע געטראפן א נייע עקאנאמישע סיטואציע. די פרייע לענדערייען זענען שוין געווען פארנומען, און עס האט זיך אנגעהויבן צו אנטוויקלען אן אינדוסטריע וואס האט געפאדערט ארבעטס־הענט. אויך די איינגע־זעסענע יידן האבן זיך באטייליקט אין דעם אויפשוווּנג פון דער אינדוסטריע: דייַ־טשישע יידן האבן שוין פארנומען א גאנץ אנגעזעען ארט אין דער באקליידונגס בראנזשע. דער גרעסטער טייל, ארום 80 פראצענט, פון די איינגעוואנדערטע איז פארבליבן אין די שטעט אלס ארבעטער, בלויז ארום 20 פראצענט האבן זיך גענומען צו קליינהאנדל, פעדלעריי.

די ארבעטס באדינגונגען זענען צו יענער צייט געווען זייער שווערע, אין די פאבריקן האט מען געארבעט פון 14 ביז 16 שעה א טאג, ביי הויז־ארבעט האבן גאנצע פאמיליעס געשקלאפט נאך לענגערע שעהען א טאג. די פארדינסטן זענען געווען גאנץ מאגערע, פון 4 ביז 8 דאלער א וואך. דער „שוויץ־שאפ" איז געבליבן א שם־דבר פון אפקומעניש אויף דער וועלט. נישט פיל בעסער איז עס אויך געווען ביי פעדלעריי; מען האט פארדינט כדי חיונה, און מיט צרות געקאנט אפשפארן דעם באטרעף פון א שיפס־קארטע אראפצוברענגען די פאמיליע, אדער קרובים. אויך א שיפס־קארטע פלעגט גע־נומען ווערן אויף אויסצאלונגען, ווי מעבל, קליידער, אדער יעדע אנדערע גרעסערע „אינוועסטיציע".

נישט בעסער זענען געווען די באדינגונגען פארן געזעלשאפטלעכן לעבן. מענטשן זענען געקומען פון פארשידענע לענדער, גערעדט פארשידענע דיאלעקטן פון יידיש, געהאט פארשידענע געוווינהייטן, מאכלים, מנהגים: מען האט זיך באדארפט

צופּאַסן צו די נייע באַדינגונגען, מען האָט געזוכט זיך אויסצולעבן צווישן אייגענע, ווערן געשאַפן אַ רייע „לאַנדסמאַנשאַפטן", פּראַטערנאַלע אָרדנס און אַרבעטער־יוניאָנס, וואָס קעמפן צוזאַמען מיט די אַמעריקאַנער אַרבעטער פאַר בעסערע אַרבעטס־באַדינגונגען און העכערע שכירות. די יידישע אַרבעטער יוניאָנס זענען ביז היינט געבליבן אַ וויכטיקער כוח אין לאַנד, און די נעמען פון די יידן: שמואל גאָמפּערס, סידניי הילמאַן, דוד דובינסקי, יעקב פּאָטאָווסקי, אייב כהן א. אַ. ווערן דערמאָנט מיט פאַרערונג אין די פאַרשידענע קרייזן פון דער גרויסער מדינה.

אין די ערשטע יאָרן ווערן אויך געמאַכט פּרוּוון צו באַזעצן יידן אויף לאַנד און עס גרינדן זיך אייניקע קאָלאָניעס. ביי היינטיקן טאָג זענען פאַראַן אין צפון־אַמעריקע אַרום 30 טויזנט יידישע פאַרמערס, וואָס לעבן אין צעוואָרפענע ישובים, ווי אויך אַ פּאָר קאָלאָניעס, צווישן זיי דער וויכטיקער ישוב ווודבין.

אויף צו באַהילפיק זיין די אימיגראַנטן אין זייער ערשטער איינאָרדענונג אין לאַנד, ווערט געגרינדעט דער היאַס (1885), אָדער הכנסת אורחים, אַן אינסטיטוציע פון מזרח־יידן, וואָס עקזיסטירט ביז היינט צו טאָג און האָט פיל אויפגעטאָן פאַר די יידישע וואַנדערער אויף אַלע וועגן פון דער וועלט, נישט דווקא אַמעריקע. אויך די אַנדערע יידן שטייען נישט מן הצד. די פאַראייניקטע יידישע צדקה־אַנשטאַלטן פון ניו־יאָרק, אָנגעפירט פון די איינגעזעסענע יידן שטרעקן אויס אַ ברידערלעכע האַנט פון הילף. אייניקע דייטשישע און ספרדישע פרויען ווידמען זייערע בעסטע כוחות פאַר העלפן די ניי־אָנגעקומענע, זיך איינצובירגערן אין לאַנד. עס דאַרפן דערמאָנט ווערן: עמאַ און יאָזעפינאַ לאַצאַרוס, נינאַ מאָראַעס און הענריעטאַ סאָלד. עס ווערן אויך געגרינדעט ברודערשאַפטן פאַר קעגנזייטיקער הילף, צווישן זיי דער אָרדן בני אברהם און דער אַרבעטער רינג (1897).

אין דער זעלבער צייט קומט אויף די יידישע פּרעסע, עס הויבט אפילו אָן צו דערשיינען אַ העברעאישער זשורנאַל. אין 1897 ווערט געגרינדעט „דער פאָרווערטס" —די עלטסטע און פאַרשפּרייטסטע צייטונג אויף יידיש, וואָס עקזיסטירט ביז היינטיקן טאָג. פּאַראַלעל מיט דער פּרעסע הויבט זיך אָן צו שאַפן אַ ליטעראַטור אויף יידיש. פון איירָאָפּע קומען אַריבער אַ רייע אָנגעזעענע יידישע פּאָעטן און פּראָזאַאיקער. אַנדערע בילדן זיך אויס אויפן אָרט, און דאָס צעטל פון יידישע שרייבער אין אַמעריקע באַשיינען אַזעלכע נעמען, ווי: מאָריס ראָזנפעלד, ד. עדעלשטאַט, א. באָוושאָווער, מ. ווינטשעווסקי, ל. קאָברין, ז. ליבין, ד. פּינסקי, א. ליעסין, יהואָש א"אַ; עס צעבליט זיך אויך אַ יידישער טעאַטער, וווּ עס שפּילן אַזעלכע טאַלאַנטירטע אַקטיאָרן ווי ד. קעסלער, י. אַדלער, א. מאָגולעסקו, ב. קאַליש ק. ליפּצין, מ. טאָמאַשעווסקי, מאָריס שוואַרץ און ג. בן־עמי. אַלס דראַמאַטורגן זענען באַרימט י. גאָרדין, פּרץ הירשביין, ל. קאָברין; ליוויד. אין ניו־יאָרק עקזיסטירט אַ פאַריין פון יידישע שרייבער אויפן נאָמען פון י. ל. פּרץ.

ביסלעכווייז אָרדענען זיך די אימיגראַנטן ווי עס איז איין. די גרויסע עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פון לאַנד האָבן צו דעם פיל מיטגעהאָלפן. שנעל כאַפּן זיך די פּעדלער צו סטאַבילן מסחר. אַרבעטער, וועמען עס האָט אָפּגעגליקט, פאַרלייגן אייגענע וואַרשטאַטלעך און הויבן אָן ביסלעכווייז אַרויסצושטויסן די דייטשישע יאַהודים פון דער באַקלייד־בראַנזשע, רוסישע יידן הויבן ביסלעכווייז אָן צו פאַרנעמען אָן אָנגעזען פּלאַץ אין דער אינדוסטריע. דאָס דערלויבט די מער טראַדיציאָנעלע עלעמענטן אונטערנעמען אַ זעלבסטשטענדיקע טעטיקייט אויך אויפן רעליגיעזן געביט.

אין יאָר 1886 ווערט געגרינדעט אין ניו־יאָרק דער יידישער טעאָלאָגישער סעמינאַר אויף אויסצובילדן אָרטיקע רבנים מיט אַ מער טראַדיציאָנעלער איינשטעלונג. זיין גרינדער איז דער איטאַליענישער רב סאַבאַטאָ (שבתי) מאָראַעס, און זיין ערשטער פּרעזידענט דער ריכטער מאיר זולצבערגער. דער סעמינאַר באַקומט אַ שטאַרקן אימפּולס אין 1902, ווען אַלס זיין לייטער און אָנפירער ווערט איינגעלאַדן דער באַרימטער ר׳ שלמה־זלמן שעכטער, אַ רומענישער ייד, וואָס האָט פאַרנומען אַ פּראָפעסאָרן־שטעלע אין קעמברידזשער אוניווערזיטעט (ענגלאַנד) און האָט זיך באַרימט געמאַכט מיט זיינע אַנטדעקונגען אין דער גניזה — דער צימער וווּ עס זענען געלעגן באַהאַלטן אָפּגעניצטע און צעריבענע כתבים און ספרים — פון קאַאיר, מצרים, ווּ ער האָט אַנטדעקט צווישן אַנדערע וויכטיקע דאָקומענטן אַ כתב־יד פון רמב״ם און אַ העברעאישן טעקסט פון ספר בן־סירא. פאַר די דרייצן יאָר 1902־1915, וואָס שעכטער איז געשטאַנען בראש פון טעאָלאָגישן סעמינאַר, האָט ער געשאַפן אָן אַמעריקאַנער שיטה אין יידישן רעליגיעזן לעבן, באַקאַנט אַלס קאָנסערוואַטיווע, אָדער היסטאָרישע שיטה, וואָס זוכט צו סינטעטיזירן די אייביקע ווערטן פון דער יידישער טראַדיציע מיט די איינשטעלונגען פון מאָדערנעם אַמעריקאַנער יידישן לעבן, בלייבנדיק געטריי די גרונדפּרינציפּן פון יידישן דת, ווי אויך דערהאַלטנדיק די מערהייט מנהגים. אין 1912 ווערט געגרינדעט דער לאַנדעס פאַרבאַנד פון די בתי־מדרשים וואָס געהערן צו דער שיטה, וועלכע איז נאַציאָנאַל־ציוניסטיש איינגעשטעלט.

אין 1888 ווערט געגרינדעט אין פילאַדעלפיע אַ פאַרלאַג אַרויסצוגעבן ביכער פון יידישן אינהאַלט אויף ענגליש, וועלכער וועט אין 1917 אַרויסגעבן אַ נייע ענגלישע איבערזעצונג פון תנ״ך. דעם זעלבן יאָר לאַדן איין די אָרטאָדאָקסישע שולן פון ניו־יאָרק דעם אַלטן רב ר׳ יעקב יוסף פון ווילנע, אַלס רב־הכולל פון די אָרטאָדאָקסישע יידן אין שטאָט. אין 1896 ווערט געגרינדעט די ישיבה ר׳ יצחק אלחנן, וואָס וועט מיט דער צייט אויסוואַקסן אין דער באַרימטער ישיבה־אוניווערזיטעט, וואָס בילדעט אויס אָרטאָדאָקסישע רבנים און פאַרמאָגט אויך אייניקע וויסנשאַפטלעכע פאַקולטעטן. אין 1897 ווערט אין פילאַדעלפיע דערעפנט דער ערשטער סעמינאַר אויף אויסצובילדן יידיש־אַמעריקאַנער לערער, און מיט דער צייט וועלן די ראַבינער־סעמינאַרן אויך דערעפענען ספּעציעלע קורסן פאַר לערער. אין 1908 ווערט דערעפנט דער „דראָפּסי קאַלעדזש", אַן אַנשטאַלט פאַר העכערער יידישער פאָרשונג.

אין די זעלבע יאָרן הויבן אָן צו אָרגאַניזירט ווערן די יוגנט־פאַראיינען „יאַנג מען היברו אַסאָסייישאָן".

פּאַראַלעל מיט דער אָרגאַניזירונג פון געזעלשאַפטלעכן און רעליגיעזן לעבן ווערט אויך אָרגאַניזירט די פאַראייניקונג פון די יידישע צדקה־אַנשטאַלטן אין שטאַטישע פעדעראַציעס. די התחלה ווערט געמאַכט אין באָסטאָן אין 1895, און ביז היינטיקן טאָג האָט יעדע גרעסערע יידישע קהילה איר צדקה־פעדעראַציע, וואָס הויבט אָן ביסלעכווייז צו שפּילן די ראָלע פון א קהילה. אויפן געביט פון צדקה האָבן זיך באַרימט געמאַכט די דייטשישע יידן יעקב שיף, פעליקס וואַרבורג, נאַטאַן שטראַאוס, יוליוס ראָזענוואַלד א. אַ. יעקב שיף האָט אויך געשאָנקען און באַזאָרגט די אויסהאַלטונג פון דער ייִדיש־העברעאישער אָפּטיילונג ביי דער שטאָט־ביבליאָטעק אין ניו־יאָרק.

דער אויפקום פון ציוניזם האָט גלייך געפונען א וואַרעמען אָפּקלאַנג אין די אַמעריקאַנער געמיינדעס. אין 1898 ווערט געגרינדעט די ציוניסטישע פעדעראַציע אין צפון־אַמעריקע, וואָס וועט פיל ביטראָגן צו די עקאָנאָמישע אָנשטרענגונגען און פּאָליטישן קאַמף פאַרן אויפקום פון מדינת ישראל. די נעמען סטיפן (שמואל) וויז, יהודה מאַגנוס, לואיס ד. בראַנדייס, מ. ראָטענבורג, ישראל גאָלדשטיין, אבא הלל סילווער, לואיס ליפסקי, א. אַ. פאַרנעמען א בכבודיק אָרט אין די ציוניסטישע דערגרייכונגען.

וואָס שטאַרקער עס ווערט דער יידישער ישוב אין אַמעריקע, אַלץ שטאַרקער הויבט ער אָן פילן זיין אחריות צו כלל־ישראל. דער פּאָגראָם אין קעשענעוו אין 1903, די פּאָגראָמען אין רוסלאַנד נאָכן דורכפאַל פון דער רעוואָלוציע אין 1905, רופן אַרויס די שאַפונג פון דעם אַמעריקאַנער יידישן קאָמיטעט (אַמעריקען־זשואיש קאָמיטי), וועלכער הויבט אָן אין 1906 זיין טעטיקייט אויפן געביט פון פאַרטיידיקן די רעכטן פון די יידישע בירגער, ווו נאָר זיי ווערן באַדראָט אין און אויסער אַמעריקע. אין 1913 דערשלאָגט זיך דער „קאָמיטי" צו זיין ערשטן באַדייטנדיקן דערפאָלג, ווען א דאַנק זיינע באַמיאונגען באַשליסט די צפון־אַמעריקאַנער רעגירונג פון פּרעזידענט טעפט איבערצורייסן דעם האַנדל־אָפּמאַך מיטן צאַרישן רוסלאַנד פאַר דיסקרימינאַציעס וואָס די צאַרישע רעגירונג האַלט אָן קעגן אַמעריקאַנער יידישע בירגער. די פירער פון קאָמיטי: מאיר זולצבערגער, לואיס מאַרשאַל, סירוס אַדלער, זשאָזעף פּראָסקאַוער, י. בלאַוסטיין, פאַרנעמען א בכבודיק אָרט אין דער רשימה פון די קעמפער פאַר יידישע רעכט.

די ערשטע וועלט־מלחמה, וואָס ברעכט אויס אין 1914, וועט טרעפן דעם צפון־אַמעריקאַנער יידישן ישוב עקאָנאָמיש און פּאָליטיש באַפעסטיקט, מיט די ערשטע דערפאָלגן אויפן געביט פון זיין אינערלעכער אָרגאַניזירטקייט און אינטערוועניע אין כלל־ישראל אינטערעסן. אָבער דער ישוב איז צעטיילט אין דריי שטרעמונגען:

צום סוף פון ניינצנטן יאָרהונדערט ווערט אויך געגרינדעט דער ערשטער וויכ־טיקער יידישער ישוב אין לאַטיין־אַמעריקע, אַרגענטינע, וווּהין יידן האָבן אָנגעהויבן אָנצוקומען איינציקווייז, אָדער אין גאָר קליינע גרופּעס, זינט דער קאָנסטיטוציאָנעלער קאָנסאָלידאַציע פון דער רעפּובליק אין 1851. דער אַרגענטינער פּרעזידענט כוסטאָ כאָסע דע אורקיסאַ האָט געהאַט אַלס סעקרעטאַר דעם ספרדי מרדכי נאַוואַראָ, וועלכער איז געווען אַקטיוו אויפן געביט פון אָרגאַניזירן די אימיגראַציע פון אייראָפּעער און זייער קאָלאָניזאַציע אין לאַנד. אויך אין דער רעוואָלוציאָנערער אַרמיי, וואָס האָט באַפריים דאָס לאַנד פון דער טיראַניי פון גענעראַל ראָסאַס, זענען געווען אייניקע יידי־שע קעמפער, צווישן זיי דער גרינדער פון דער ערשטער יידישער קאָנגרעגאַציע, לואיס א. ברי.

אין די ערשטע יאָרן פון איינוואַנדערונג האָבן זיך קיין אַרגענטינע אַריינגע־כאַפּט קליינע גרופּעס פון יידישע ווייסע־שקלאַפן הענדלערס, וואָס האָבן באַפלעקט דעם יידישן נאָמען אין לאַנד און עס האָט שפּעטער פיל געקאָסט, ביז מען האָט זיי עלימינירט פון דער יידישער געמיינשאַפט און מקיים געווען דעם געבאָט פון והיה מחנך קדוש.

דער שטראָם פון י י ד י ש ע האַרעפּאַשניקעס הויבט אָן אַריינצוקור־מען אין לאַנד אין 1889, ווען אַ גרופּע רוסישע יידן, אָנגעפירט פון אליעזר קויפמאַן גרינדן די ערשטע יידישע אַגריקולטורעלע קאָלאָניע מאָזעסווילע. דער דאָזיקער שטראָם ווערט פיל פאַרשטאַרקט, ווען די יידישע קאָלאָניזאַציע־געזעלשאַפט (יק"א), געגרינדעט פון גרויסן פילאַנטראָפּ באַראָן משה (מאַאוריכיאָ) הירש, הויבט אָן איר טעטיקייט אין אַרגענטינע (1892). ביז דעם אויסברוך פון ערשטן וועלט־קריג אין 1914 ווע־לן אין אַרגענטינע געגרינדעט ווערן אַ רייע ערד־אַרבעטער קאָלאָניעס, צווישן וועלכע די וויכטיקסטע זענען מאָזעסווילע, מאַאוריסיאָ (אויפן נאָמען פון באַראָן הירש), קלאַראַ (אויפן נאָמען פון זיין פרוי) און לוסיענווילע (אויפן נאָמען פון זייער זון). די אַלגע־מיינע צאָל קאָלאָניסטן האָט דערגרייכט צו 3.500 משפחות מיט אַרום פופצן טויזנט נפשות.

זעלבסטפאַרשטענדלעך, אַז נישט אַלע קאָלאָניזירטע האָבן געקאָנט פאַרבלייבן אין די קאָלאָניעס. אַ גאַנץ היפּשער פּראָצענט האָט זיך נישט געקאָנט צופּאַסן צו ערד־אַרבעט און האָט אויסגעוואַנדערט אין די שטעט, וווּהין עס איז אויך אָנגעקומען אַן אימיגראַציע־כוואַליע פון אַרבעטער און אַנדערע האַרעפּאַשניקעס אין די יאָרן 1903־1906, צווישן קעשענעווער פּאָגראָם און דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רע־וואָלוציע. אויף אַזאַ אופן ווערט פאַרלייגט דער יסוד פון דעם יידישן שטאָטישן ישוב אין אַרגענטינע, וואָס בילדעט איצט דעם רוב מנין ובנין פון דער לאַנדעס קאָלעק־טיוויטעט.

אָבער אויך דער שטאָטישער ישוב וועט אַ צייט לאַנג שטיין אונטער דער

השפעה פון דער קאָלאָניע, פון וואַנען ער וועט איבערנעמען אייניקע שטריכן, אויך אויפן געביט פון עקאָנאָמישער טעטיקייט, בעיקר אין זינען פון קאָאָפּעראַציע, און פונקט ווי אין די קאָלאָניעס עקזיסטירן פּראָדוציר- און קאָנסום-קאָאָפּעראַטיוון, וועלן אויך אין שטאָטישן ישוב אַנטשטיין קאָאָפּעראַטיוון פון קליינהענדלער, לייַ-קאַסעס, בענק א. א. וו. וואָס וועט געבן דעם יידישן ישוב אין אַרגענטינע זיין ספּעציפישע פיזיאָנאָמיע.

שפּליטערס פון יידישן ישוב אין אַרגענטינע וועלן פאַרטראָגן ווערן קיין טשילע, אורוגוויי, בראַזיל (ווו די יק״א וועט אויך דורכפירן א קאָלאָניזאַציע-ווערק), אַזוי אַז דער באַראָן מאָאוריסיאָ הירש קאָן באַטראַכט ווערן ווי דער גרינדער פון יידישן ישוב אין לאַטיין-אַמעריקע.

3 — קאָנסאָלידאַצ־ע

דער אויסברוך פון ערשטן וועלט-קריג און די אומגליקן וואָס די יידישע ישובים אין אייראָפּע וועלן זינט דאַן איבערלעבן, וועלן רייף מאַכן די יידישע ישובים אויפן אַמעריקאַנער קאָנטינענט און עס וועלן זיך אין זיי שטאַרקן די טענדענצן פאַר פאַראייניקונג און קאָאָרדינאַציע, סיי אין אינערלעכן לעבן סיי אין זייער טעטיקייט פאַר יידישע ענינים אין וועלט-מאַסשטאַב.

דער גרויסער יידישער ישוב אין די פאַראייניקטע שטאַטן וועט אין דער הינזיכט דורכמאַכן א טיפע ענדערונג. אויב די דרייסיק יאָר צווישן אָננעמען די פּיטסבורגער פּלאַטפאָרם אין 1885 און ערשטן וועלט-קריג אין 1914 זענען געווען יאָרן פון צע-שפּליטערונג, וועלן די 34 יאָר, צווישן ערשטן וועלט-קריג און דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל אין 1948, זיין א פּעריאָד פון קאָאָרדינאַציע און פאַראייניקונג אַרום כלל-ישראל אינטערעסן. פאַר דער צייט וועט די צאָל יידן אויפן קאָנטינענט כמעט פאַר-טאָפּלט ווערן: פון אַרום דריי מיט א האַלבן ביז אַרום זיבן מיליאָן.

די נויטיקייט צו ברענגען הילף די יידישע מלחמה-קרבנות איז גורם צו דער ערשטער פאַראייניקונג צווישן די פאַרשידענע שאַטירונגען פון צפון אַמעריקאַנער-יידנטום. אָרטאָדאָקסן, קאָנסערוואַטיווע און רעפאָרמער זעצן זיך ביי איין טיש אויף צו גרינדן דעם „דזשוינט דיסטריביושאַן קאָמיטי", וואָס האָט ביז היינט געראַטעוועט הונדערטער טויזנטער יידישע לעבנס און צוגעלייגט א האַנט צו יעדער וויכטיקער אי-ניציאַטיוו אין יידישן לעבן: פון דער קאָלאָניזאַציע אין קרים, דער צוריקשטעלונג פון דער רואינירטער יידישער עקאָנאָמיק אין א רייע לענדער, שפּייזן די יידישע הונגעריקע מאַסן אין די געטאָס, ביז אַריבערפירן די שארית הפליטה פון אייראָפּע און דעם קיבוץ גלויות פון די אַראַבישע לענדער קיין מדינת ישראל. דער דזשאָינט איז היינט צו טאָג איינע פון די גרעסטע נישט-מלוכהשע הילפס אָרגאַניזאַציעס אין דער וועלט.

ווען אַמעריקע טרעט אַריין אין ערשטן וועלט-קריג אין 1917, ווערט דאָרט

נעגרינדעט דער יידישער וווילטעטיקייטס אַמט (זשואיש וועלפער באָארד), אויף צו באַזאָרגן די קולטורעלע און יידישע הצטרכותן פון די יידישע זעלנער אין דער ארמיי און פלאָט. ביים „באָארד" ווערט געגרינדעט אַ רבנים־קאָמיסיע, וואָס וועט זיך מיט דער צייט אַנטוויקלען אין אַן אַמט פון מיליטערישע רבנים, אין וועלכן עס זענען אָנגעשלאָסן ראַבינער פון אַלע דריי שאַטירונגען, און וועלכער וועט פיל אויפטאָן, נישט נאָר פאַר די יידישע זעלנער, נאָר אויך פאַר דער שארית הפליטה, וואָס די אַמעריקאַנער ארמיי וועט ביים שלום פון צווייטן וועלט־קריג ראַטעווען פון די אויסראָטונגס־לאַגערן. מיט דער צייט וועט דער „וועלפער באָארד" פאַרוואַנדלט ווערן אין אַ מין צענטראַלע פאַר די יידישע יוגנט־קלובן (יאַנגמען אַסאָסיאיישאָן), ווי אויך פאַר די צדקה־פעדעראַציעס און געמיינדע־צענטערס, וואָס נעמען אַלץ מער און מער אָן דעם כאַראַקטער פון ריכטיקע קהילות. עס עקזיסטירט שוין אויך אַ קהילות פעדעראַציע.

צום סוף פון ערשטן וועלט־קריג אַנטשטייט אין צפון־אַמעריקע אַ באַוועגונג צו דערוויילן אַ דעמאָקראַטישע רעפּרעזענטאַנץ פאַרן יידישן ישוב, און עס וועט געגרינדעט ווערן דער אַמעריקאַנער יידישער קאָנגרעס. נאָך אַ קורצן געראַנגל קומט עס צו אַן איינפאַרשטענדעניש צווישן „קאָנגרעס" און „אַמעריקען זשואיש קאָמיטי". דער פרעזידענט פון „קאָמיטי", לואיס מאַרשאַל, וועט מיטאַרבעטן מיטן פרעזידענט פון „קאָנגרעס", זשוליאַן מעק, און קאָמיטעט פון די יידישע דעלעגאַציעס ביי דער שלום־קאָנפערענץ נאָכן ערשטן וועלט־קריג. פון דעם קאָמיטעט וועט מיט דער צייט אויסוואַקסן דער אַלוועלטלעכער יידישער קאָנגרעס, וואָס באַמיט זיך פאַרטיידיקן די יידישע אינטערעסן אין וועלט־מאַסשטאַב.

זינט דער גרינדונג פון קרן היסוד אין 1921 שטעלט צו דאָס יידנטום פון די פאַראייניקטע שטאַטן דעם גרעסטן טייל פון די מיטלען פאַרן אויפבוי פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים, וואָס איז אין 1948 פאַרוואַנדלט געוואָרן אין מדינת ישראל. דאָס האַלט אָבער נישט אָפּ פון וויטערדיקע אָנשטרענגונגען אויפן געביט פון אינערלעכער אָרגאַניזאַציע. אין 1922 ווערט געגרינדעט אין שיקאַגאָ אַן אָרטאָדאָקסישער רבנים־סעמינאַר, אין 1925 באַקומט די ישיבה ר' יצחק אלחנן דעם סטאַטוט פון אַן אוניווערזיטעט. דער אימיגראַציע־שטראָם נאָכן צווייטן וועלט־קריג ברענגט צו די ברעגן פון צפון־אַמעריקע גרויסע יידישע מאַסן, ווי אויך אָנגעזעענע יידישע גייסטיקע פירער, באַרימטע שרייבער אין יידיש און העברעיש, ווי שלום עליכם, אברהם רייזין, ש. אַש, ש. ניגער, ה. לייוויק, ח גרינבערג, ח טשערנאָוויץ (רב צעיר), י. י: שוואַרץ א. א. די יידישע ליטעראַטור און פּרעסע מאַכט דורך אַ גרויסן אויפשוואונג. עס עקזיסטירן היינט פיר טעגלעכע צייטונגען: „פאָרווערטס", „דער טאָג", „מאָרגן־זשורנאַל" און „מאָרגן־פרייהייט" און די זשורנאַלן „דער יידישער קעמפער", „די צוקונפט". „יידישע קולטור". עס דערשיינען אויך צוויי העברעאישע פעריאָדישע אויסגאַבן: „הדאר" און „בצרון". עס עקזיסטירן איניקע יידישע פאַרלאַגן: „ציקאָ", „איקוף",

„מתנות" א. א. וו. די יידיש־ענגלישע ליטעראַטור האָט אַ רייע־זשורנאַלן, צווישן זיי די גאָר וויכטיקע אויסגאַבן „קאָמענטאַרי" און „מנורה" און ביכער פון יידישן אינהאַלט אויף ענגליש דערשיינען אין דעם פאַרלאַג פון פילאַדעלפיע, ווי אין אַ רייע יידישע און נישט־יידישע בוכהאַנדלונגען. פון באַזונדערער וויכטיקייט זענען די פאָרשונגען פון דער יידישער היסטאָרישער געזעלשאַפט (זשואיש היסטאָריקאַל סאָסייטי).

אייניקע קולטורעלע און געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס פון אייראָפּע האָבן זיך אויך געראַטעוועט קיין צפון־אַמעריקע, ווי „ייִוואָ" (יידישער וויסנשאַפטלעכער אינסטיטוט) אָר"ט, אָז"ע, א.א.וו. כמעט אַלע האָבן זיי פיליאַלן, אָדער, לכל הפּחות, פאַרטרעטער אין גרעסטן טייל פון די לאַטיין־אַמעריקאַנער מדינות.

אין 1929 שטייען צו פאַרשידענע נישט־ציוניסטישע קרייזן פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו דער אַלוועלטלעכער ציוניסטישער אָרגאַניזאַציע. און גרינדן צוזאַמען מיט אַ רייע אַנדערע יידישע וועלט־אינסטיטוציעס די „יידישע אַגענץ פאַר ארץ־ישראל", וואָס איז אונטערן מאַנדאַט־רעזשים געווען די אָפיציעלע פאַרטרעטערין פון יידישן פאָלק לגבי דער מאַנדאַט־מאַכט, ענגלאַנד, און זעצט איצט פאָר איר טעטיקייט פאַרן אויפבוי פון מדינת ישראל, אין ענגער קאָאָפּעראַציע מיט איר יידישער רעגירונג.

דעם זעלבן יאָר ברעכט אויס אין די פאַראייניקטע שטאַטן אַ שאַרפער עקאָנאָמישער קריזיס, וואָס ברענגט צו אַן אויפשוווּנג פון אַנטיסעמיטיזם, און דער יידישער ישוב מוז אָרגאַניזירן זיין אָפּוועהר־קאַמף קעגן דער נייער פּלאָג. אין 1933 קומט אין דייטשלאַנד צו דער מאַכט די נאַצי־פּאַרטיי, וועלכע אָרגאַניזירט די אַנטיסעמיטישע פּראָפּאַגאַנדע אין וועלט־מאַסשטאַב. די פּראָפּאַגאַנדע באַקומט אַן אָפּקלאַנג אויך אין צפון־אַמעריקע, ווו זי באַקומט די מיטווירקונג פון דעם מולטי־מיליאָנער, דעם אויטאָמאָביל־פאַבריקאַנט הענרי פאָרד, וועלכער וועט זיך שפּעטער צוריקציען פון זיין אַנטי־יידישער טעטיקייט, אויף וועלכער ער וועט עפנטלעך חרטה האָבן. אויף אָנצופירן דעם קאַמף קעגן אַנטיסעמיטיזם ווערט געגרינדעט די „אַנטי־דיפאַמיישאָן ליג", בראש פון וועלכער עס שטייט אַ צייט לאַנג הענרי מאָנסקי.

דער אויפשטייג פון אַנטיסעמיטיזם און דער אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ ישראל האָבן שטאַרק באַווירקט די רעפאָרמיסטישע קרייזן אין צפון־אַמעריקאַנער ישוב אין זינען פון רעווידירן זייער שטעלונג צו די אַל־יידישע פּראָבלעמען. צוויי און פופציק יאָר נאָך דער פּיטסבורג־פּלאַטפאָרמע, אין 1937, אויף אַ צוזאַמענפאָר אין קאָלומבוס, ווערט אָנגענומען אַ נייע פּראָגראַם, וואָס באַציט זיך פּאָזיטיווער צו טראַדיציע, מנהגים און צערעמאָניאַל פון יידישקייט, לייגט מער אויפמערקזאַמקייט אויף יידישער דערציאונג און קולטור און נעמט אָן אַ פּאָזיטיווע שטעלונג צום אויפבוי פון ארץ־ישראל, ווען אפילו זי באַטראַכט דאָס לאַנד בלויז ווי אַ גייסטיקן פאַקטאָר אין יידישן לעבן. די דאָזיקע באַשלוסן האָבן דערמעגלעכט אַ גרעסערע דערנענטערונג צווישן די רעפאָרמער און טראַדיציאָנאַליסטן, צווישן ציוניסטן און נישט־ציוניסטן,

וואָס האָט נישט נאָר פיל בייגעטראָגן צו דער גאַנצקייט פון אַמעריקאַנער ישוב, נאָר עס וועט אויך שפּילן אַ דעצידירנדיקע ראָל ביים אויפקום פון מדינת ישׂראל.

זינט 1939 זענען די קאַמפּיינען פאַר די ארץ־ישׂראל פאָנדן, פאַר דזשוינט און אַנדערע אַל־ייִדישע הצטרכותן פאַראייניקט געוואָרן אין איין פאַראייניקטן קאַמפּיין פאַר אַלע ייִדישע באַדערפענישן, וואָס איז געוואָרן דער הויפּט־אינסטרומענט פאַר דער רעטונגס־אַרבעט, ווי פאַרן אויפבוי פון מדינת ישׂראל. בראש פון דעם פאַראייניקטן קאַמפּיין שטייען האָט ביי האָט מיט ציוניסטישע עסקנים נישט־ציוניסטן, ווי הענרי מאָרגענטוי, עדוואַרד וואַרבורג, וויליאַם ראָזענוואַלד, הערבערט לעהמאַן א. א. דער ביישפּיל האָט געווירקט אויך אויף די ישובים אין די לאַטיין־אַמעריקאַנער מדינות, וווּ די פאַראייניקטע קאַמפּיינען ווירקן זיך אויס ווי אַ צעמענטירנדיקער פאַקטאָר אויך אין אָרטיקן ייִדישן לעבן.

4 — ייִדן אין אַנדערע אַמעריקאַנער מדינות

די מאַסן־אימיגראַציע האָט פאַרכאַפּט אויך די אַלע אַנדערע לענדער פון אַמעריקאַנער קאָנטינענט. היינט צו טאָג לעבן אין די מדינות איבער די פאַראייניקטע שטאַטן צווישן אַכט און ניין הונדערט טויזנט ייִדן, צעטיילט אויף פאָלגנדיקן אופן, אין טויזנטער: אַרגענטינע 400, קאַנאַדע 200, בראַזיל 110, אורוגוויי 40, טשילע 30, מעקסיקע 30, קובאַ 10, באָליוויע 7, קאָלומביע 5, פּערו 4, עקוואַדאָר 3, פּאַראַגוויי און ווענעצועלאַ צו 2, קלענערע מדינות צוזאַמען צען טויזנט.

ווי מיר האָבן עס שוין פריער געזאָגט, איז די אַלטע מאַראַנישע אימיגראַציע גענצלעך אַסימילירט געוואָרן. אויך די גרעסטע טייל פון דער שפּעטערדיקער ספרדי־שער און מערב־אייראָפּעאישער אימיגראַציע איז פאַרשלונגען געוואָרן פון דער סביבה. אַזוי, אַז דעם רוב מנין ובנין פון דעם קנאַפּן מיליאָן ייִדן אין די אַמעריקאַנער לענדער אויסער די פאַראייניקטע שטאַטן בילדן די מזרח־אייראָפּעאישע ייִדן, וואָס זענען אָנגעקומען נאָך 1881. עס עקזיסטירן אויך כמעט אומעטום ספרדישע קהילות, וואָס זענען אָריינגעקומען פאַר די לעצטע הונדערט יאָר, און דייטש־שפּראַכיקע געמיינדעס, וואָס זענען היפּש אויסגעוואַקסן פאַר די יאָרן פון די נאַצי־פאַרפאָלגונגען 1933־1945. דער פּראָצעס פון צוזאַמענשמעלצונג צווישן די פאַרשידענע געמיינדעס האָט זיך שוין אָנגעהויבן, ווען אַפילו ער גייט דערווייל אָן אין אַ זייער לאַנגזאַמען טעמפּאָ.

דער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון די דריי גרעסטע ישובים, אין אַרגענטינע, בראַזיל און קאַנאַדע, איז דאָס, וואָס אין אַלע דריי זענען געמאַכט געוואָרן פּרוּוון פון ייִדישער אַקערבויער־קאָלאָניזאַציע, מערסטנטייל מיט דער מיטווירקונג פון דער יק״א, וואָס זעצט פאָר איר טעטיקייט ביז היינטיקן טאָג. דער פּראָצענט פון ייִדישע אַקער־בויער אין אַלע דריי לענדער איז אָבער אַ גאַנץ קליינער: צווישן 2 און 3 פּראָצענט פון דער אַלגעמיינער צאָל פון די רעספּעקטיווע ייִדישע ישובים.

די גרעסערע יידישע איינוואַנדערונג אין די אויסגערעכנטע מדינות איז פאָרגעקומען אין פיר כוואַליעס: נאָך די פּאָגראָמען פון 1881, נאָכן דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905, נאָכן ערשטן וועלט־קריג אין 1918 און זינט די נאַצי־פאַרפאָלגונגען פון 1933. די ווייט גרעסטע טייל פון די אַלע איינוואַנדערער האָט זיך באַזעצט אין די שטעט, מיט אַ טענדענץ צו קאָנצענטרירן זיך אין די הויפּט־שטעט, אָדער לכל הפחות אין שטעט מיט אוניווערזיטעטן. בוענאָס איירעס ציילט היינט אַרום 180 טויזנט יידן, סאַנטיאַגאָ טשילע, מאָנטעווידעאָ, ריאָ־דע־זשאַניירא, סאַן־פּאַולאָ, מעקסיקאָ־סיטי, טאָראָנטאָ און מאָנטרעאַל, צווישן 25 און 30 טויזנט יידן יעדע. אַזוי אַז כמעט אַ העלפט פון אַלע יידן אין די לענדער לעבן אין די גרעסערע שטעט.

עקאָנאָמיש האָבן אַלע ישובים, אויסער זייער קאָלאָניסטישער טייל, דורכגעמאַכט אַן ענלעכע עוואָלוציע. דער גרעסטער טייל איז אַוועק צו מסחר, אַ קלענערע טייל האָט זיך אָפּגעגעבן מיט מלאכה. דער מסחר איז די ערשטע צייט באַשטאַנען פון פּעדלערײַ, אָדער פאַרקויפן אויף אויסצאָלן און ראַטעס. מיט דער צייט איז אַ היפּשער טייל אַריבער פון קליינהאַנדל און מלאכה צו סטאַבילן מסחר און אינדוסטריע, וואָס קאָנצענטרירן זיך אין דער באַקלייד־בראַנזשע, מעבל, צירונג, פוטערפאַרג וכ׳. אַ היפּשע טייל פון די קינדער פון די אימיגראַנטן שטרעבן אָנצוקומען אין די העכערע בילדונגס אַנשטאַלטן און שטודירן פרייע פּראָפעסיעס. אויף אַזאַ אופן האָבן די יידישע איינוווינער מיטגעווירקט צו דער עקאָנאָמישער, אינדוסטריעלער און אינטעלעקטועלער אַנטוויקלונג פון די מדינות, וווּ זיי האָבן אויפגעבויט זייערע היימען און גלייכצייטיק אויך געגאָסן פון זייער פאַרשריט.

אַ צווייטער כאַראַקטעריסטישער שטריך פון דער עקאָנאָמיק איז די גרינדונג פון אַ רייע עקאָנאָמישע אינסטיטוציעס, מערסטנטייל פון קאָאָפּעראַטיוויסטישן כאַראַקטער. די יידישע קאָלאָניעס אין אַרגענטינע זענען געווען פון די ערשטע צו גרינדן קאָאָפּעראַטיוועס. ביי היינטיקן טאָג זענען אַקטיוו אַרום הונדערט קאָאָפּעראַטיוון פון קאָלאָניסטן און פּי־ציכטער, פון סוחרים און אינדוסטריאַלן, בענק און לייַ־קאַסעס. דער ביישפּיל פון אַרגענטינע האָט באַווירקט די נאָענטע ישובים. די יידישע ישובים אין לאַטיין־אַמעריקע האָבן זייער אייגענע עקאָנאָמישע באַזע.

געזעלשאַפטלעך איז דער פאָרמירונגס פּראָצעס אין פולן גאַנג. כמעט אַלע געמיינדעס האָבן אויפגעשטעלט די נויטיקע אַנשטאַלטן: שילן, שולן, קלובן, שפּיטאָלן, אַזילן. עס מערקט זיך די טענדענץ צו קאָאָרדינירן די טעטיקייט פון די אָרטיקע אַנשטאַלטן אין די ראַמען פון קהילה־מעסיקע אינסטיטוציעס, וואָס טראָגן אָפיציעל דעם נאָמען קהילה, ווי אין ב. איירעס, מאָנטעווידעאָ, אָדער פיגורירן אַלס פאַראיינען, צענטערס, אַסאָסיאַציעס, ווען אַפילו זיי דערפילן באמת קהילה־פונקציעס.

פּאָליטיש געניסן די יידן פון די אַלע מדינות פולע גלייכבאַרעכטיקונג. פאַראַן

א יידישער מינעסטער אין בראזיל, א יידישער סענאטאָר אין טשילע, יידישע דעפּו־טאַטן אין אַרגענטינע, טשילע, בראזיל, קאַנאַדע און אַנדערע מדינות.

אינערלעך זענען אַלע ישובים אָרגאַניזירט אין צענטראַלע קערפּערשאַפטן, וואָס פאַרטרעטן זיי פאַר די אָרטיקע באַהערדן. דער חילוק איז בלויז אין דער אָרגאַ־ניזאַציע־פאָרם און נאָמען. דער יידישער קאָנגרעס אין קאַנאַדע ווערט אויסדערוויילט דירעקט פון ישוב. די „דאיא" אין אַרגענטינע, די פעדעראַציע אין בראזיל און די צענטראַלע קאָמיטעטן אין פאַרשידענע מדינות, ווערן צוזאַמענגעשטעלט פון דעלע־גאַטן פון די יידישע אינסטיטוציעס.

דער גרעסטער רוב פון די ישובים איז נאַציאָנאַל־ציוניסטיש געשטימט. די טעטיקייט פאַר מדינת ישראל דורך די פאַראייניקטע קאַמפּיינען צעמענטירט די אָר־טיקע סאָלידאַריטעט און פירט איין אין דער פּראַקטיק דיסציפּלינירטקייט אין די באַ־ציאונגען צווישן יחיד און קהל. ווען אַפילו אין כמעט אַלע לענדער זענען פאַראַן גרע־סערע אָדער קלענערע גרופּעס, וואָס טיילן זיך אָפּ פון כלל און פּרווון מאַכן שבת פאַר זיך. דאָס קולטור־לעבן איז גאַנץ אַקטיוו און פאַרצווייגט. יידיש פאַרנעמט נאָך דעם אויבנאָן אין די פאַרשידענע קולטור־טעטיקייטן, אָבער עס איז שוין מערקבאַר די טענ־דענץ אַריבערצוגיין צו דער לאַנד־שפּראַך, וואָס וועט שפּילן אין דער צוקונפט א וויכ־טיקע ראָל ביים צוזאַמענשמעלצן די אונטערוואַקסנדיקע דורות פון די פאַרשידענע קהילות: אשכנזים, ספרדים, דייטש־שפּראַכיקע א. א. שפּאַניש און פּאָרטוגעזיש הויבן ווידער אָן צו פאַרנעמען אַן אָנגעזען אָרט אין יידישן לעבן, און מען קאָן ערנסט רעדן וועגן דעם אויפקום אין לאַטיין־אַמעריקע פון א יידישער אייגנאַרטיקייט, וואָס קאָן באַ־צייכנט ווערן ווי ניי־ספרדנטום.

אין א רייע לענדער זענען איינגעשטעלט געוואָרן אינטעגראַלע שול־סיסטע־מען. ווו דאָס יידישע קינד באַקומט איינצייטיק אַלגעמיינע בילדונג און יידישע דער־ציאונג: מעקסיקע, טשילע, בראזיל, פּערו, קאַנאַדע; אין אַנדערע מדינות, ווי אַרגענ־טינע, אורוגווייִ, קובאַ, קאָלאָמביע, זענען געגרינדעט געוואָרן דערגענצונגס־שולן, וואָס די קינדער באַזוכן נאָך די שעהען פון דער לאַנד־שול. די קהילות פון ב. איירעס, מעק־סיקע, מאָנטרעאַל און טאָראָנטאָ צייכענען זיך אויס מיט זייערע מאָנומענטאַלע שול־בנינים. אין אייניקע מקומות עקזיסטירן אויך יידישע, אָדער אַלגעמיינע מיטל־שולן, און מעקסיקע האָט דערגרייכט צו אַן אָנערקענטן פאַקולטעט.

טעגלעכע צייטונגען אין יידיש דערשיינען 3 אין אַרגענטינע: „יידישע צייטונג", „די פּרעסע", „היינט"; 2 אין אורוגווייִ: „פאָלקסבלאַט", „אונדזער פריינט"; 2 אין קאַנאַדע. וועכנטלעכע און האַלב־וועכנטלעכע: דריי אין מעקסיקע, צוויי אין בראזיל, צו איינער אין טשילע און קובאַ. אין אַרגענטינע עקזיסטירט אויך א שרייבער פאַראיין אויפן נאָמען פון „ה. ד. נאָמבערג".

ס'דערשיינען אויך א רייע זשורנאַלן אין העברעאיש, יידיש און אין די לאַנד־

ציאונג: מעקסיקע, טשילי, בראזיל, פערו, קאנאדע; אין אנדערע מדינות, ווי ארגענ־מיט אירע פיר יידישע פארלאגן און איין שפאנישן, און א רייע בוכהאנדלונגען, וואס גיבן ארויס ביכער, לערן־ביכער און ספרי רומל. אין אלע אנדערע לענדער דערשיינען פון צייט צו צייט די ווערק פון די ארטיקע שרייבער, וואס ווערן ארויסגעגעבן אויף אייגענע מיטלען, אדער מיט דער מיטהילף פון ספעציעל־געגרינדעטע קאמיטעטן. אין לאטיין־אמעריקע זענען דערשינען אייניקע קאפיטאלע ווערק, ווי די קרוב הונדערט ביכער פון פארלאג „דאס פוילישע יידנטום" און ארום 100 ביכער פון פארלאג „איזראעל". אין ב. איירעס, די געשיכטע פון דובנאוו, אויף יידיש און שפאניש, אויך אין ב. איירעס; די געשיכטע פון גרעץ אויף שפאניש און א יידיש־שפאנישע ענציקלאפעדיע אין מעקסיקע.

ביסלעכווייז ווערט אויך איינגעשטעלט דאס טראדיציאנעלע יידישע לעבן. מאנומענטאלע שולן זענען אויפגעבויט געווארן אין ארגענטינע, בראזיל, מעקסיקע, קאנאדע. רבנים זענען פאראן אין א רייע גרעסערע שטעט, שוחטים אין א סך מיטעלע און קלענערע געמיינדעס. אין אייניקע שטעט ווי ב. איירעס, מאנטעווידעא א. א. עקזיסטירן אפילו ישיבות.

די קנאפע זיבן מיליאן יידן אויפן אמעריקאנער קאנטינענט זענען היינט צו טאג א ביז גאר וויכטיקער און אפילו דעצידירנדיקער פאקטאר אין אויפקום און המשך פון יידישן לעבן, הן אין די נייע היימען פון דער נייער וועלט, ווי אין מדינת ישראל, אין דער אלטער אייביקער היים.

דער יידישער ישוב אין צפון־אמעריקע האט פיל בייגעטראגן פאליטיש צו דער אנטשטייאונג און אנערקענונג פון מדינת ישראל, וועלכער ער שטיצט ווייטער פינאנציעל, עקאנאמיש און פאליטיש. די אנדערע אמעריקאנער יידישע ישובים שטייען נישט אפ פון זייער עלטערער שוועסטער, אומעטום איז דאס ארטיקע יידישע לעבן דערהויבן געווארן דורך דער אנטשטייאונג פון מדינת ישראל.

147סטע לעקציע

דער אויפקום פון מדינת ישראל

1 — ערשטע שריט

דער אויפקום פון מדינת ישראל איז א רעזולטאט פון דער מאָדערניזירונג פון דער אוראַלטער האָפענונג אויף דערלייזונג און צוריקשטעלונג פון אייגענעם שטאַטלעכן לעבן, וואָס האָט קיינמאָל נישט פאַרלאָזט דאָס יידישע פאָלק, זינט דער צעשטערונג פון מלכות יהודה אין יאָר 586 פאַר ד. א. צ. ר. די דאָזיקע האָפענונג וואָרצלט אין דעם אור־אַלטן נביאישן געדאַנק פון יום ד׳, דער טאָג פון גאָט, ווען אויף דער וועלט וועט אייג־געשטעלט ווערן די גאָטלעכע הערשאַפט פון שטרענגער גערעכטיקייט.

די גאולה־האָפענונג איז אויסגעדריקט געוואָרן אין דער משיח־אידעע, וואָס איז אויפגעקומען נאָך דער צעשטערונג פון מלכות ישראל אין 720 פאַר ד. א. צ. ר. און האָט לכתחילה געדענקט רעאַליזירט צו ווערן אין מלך פון יהודה, חזקיהו בן אחז (720־692), אין וועמענס צייטן די מעכטיקע אימפּעריע, אשור, ליידט אַ שווידערלעכע מפּלה ביי די מויערן פון ירושלים, וואָס האָט אינספּירירט די נביאים ישעיה און מיכה צו זייער וויזיע פון אייביקן שלום, וואָס איז געבליבן דער סימן פון משיחס צייטן.

די משיח־אידעע איז פאַרשטאַרקט געוואָרן אין בבל, נאָך די זיגן פון כורש מלך פרס (530־546), און אַ נביא, וועמענס נאָמען עס איז געבליבן אומבאַקאַנט, באַ־טיטלט כורשן מיטן טיטל „משיח". מיט דער צייט אָבער באַפעסטיקט זיך דער געדאַנק, אַז משיח מוז קומען נאָר פון פאָלק ישראל און פון זיין קעניגלעכער דינאַסטיע, בית דוד. ווען די דאָזיקע דינאַסטיע ווערט דערוואַרטעט פון איר פירנדיקער ראָלע, נאָכן מיס־טעריעזן פאַרשווינדן פון זרובבל בן שאלתיאל, הויבט אָן די עצם משיח־אידעע צו באַקומען אַ מיסטישע באַפאַרבונג. מיט דער צייט ווערט זי אויסגעברייטערט אין דעם זינען, אַז משיח דאַרף דערלייזן נישט נאָר דאָס פאָלק ישראל פון גלות, נאָר אויך די גאַנצע וועלט פון אַלע אירע צרות.

ביסלעכווייז קריסטאַליזירט זיך אויך אויס דער באַגלייט־געדאַנק, אַז פאַרן קומען פון משיח מוז דאָס יידישע פאָלק איבערטראָגן גרויסע ליידן, וואָס זאָלן אים אויסלייטערן פון זיינע זינד און מאַכן ווירדיק צום נייעם לעבן פון משיחס צייטן, דאָס

מלכות השמים, הימלישע קעניגרייך. די צרות וואָס יידן זענען אויסגעשטאַנען אין זייער מאַרטירערטום, זענען כמעט שטענדיק באַטראַכט געוואָרן ווי „משיח־ווייען‟, חבלי משיח.

אַזוי זענען געווען יידן, וואָס האָבן אָנגענומען די רדיפות פון אַנטיאָכעס עפּיפאַנוס אַלס אָנזאָג פון די משיח־טעג; אין געוויסע שיכטן איז דער מעכטיקער חשמונאים־הערשער יוחנן הורקנוס א׳ באַטראַכט געוואָרן ווי דער פאַרשפּראָכענער משיח. אין די צייטן פון די רוימישע פּראָקוראַטאָרן, ווען דער רוימישער דרוק איז געוואָרן צו שטאַרק, זענען אַנטשטאַנען אין יהודה אַ ריי משיח־באַוועגונגען. איינע פון זיי איז אָנגעזאָגט געוואָרן פון אַסיי יוחנן בן זכריה (יאָהאַן דער טויפער) און פון איר איז מיט דער צייט אַרויסגעקומען דאָס קריסטנטום, וואָס גלייבט, אַז ישוע בן יוסף מנצרת איז געווען דער צוגעזאָגטער משיח. דאָס וואָרט קריסטנטום באַדייט נישט עפּעס אַנדערש ווי משיחיזם (קריסטוס - משיח). דער ערשטער גרויסער נאַציאָנאַלער אויפשטאַנד קעגן רוים (אין די יאָרן 66-73), האָט געהאַט אַן אויסגעשפּראָכענע משיחישע באַפאַרבונג. דער פירער פון צווייטן נאַציאָנאַלן אויפשטאַנד (אין די יאָרן 132-135), שמעון בר־כוזיבא, איז פון אַ סך יידן באַטראַכט געוואָרן ווי דער משיח, און נישט קיין קלענערער ווי דער גרויסער רבי עקיבא האָט אים געביטן דעם נאָמען אויף בר־כוכבא (דער זון פון שטערן) און געזאָגט אויף אים „דין הוא מלכא משיחא‟, דאָס איז דער מלך המשיח.

פאַר די דרייצן יאָרהונדערטער צווישן בר־כוכבא און גירוש פון שפּאַניע איז אויפגעשטאַנען מער ווי איין פּערזאָן, וואָס האָט זיך געהאַלטן, אָדער מען האָט אים געהאַלטן, פאַרן משיח. כמעט אַלע אָט די משיחים זענען אויפגעקומען אין שייכות מיט גרויסע אויפטרייסלונגען אין יידישן אָדער אַלגעמיינעם לעבן: דער אויפשטייג פון איסלאַם, די ענדערונגען אין כאַליפאַט, די קרייצצוגן, די אינוואַזיע פון די טאַטערן, דאָס פאַלן פון קאָנסטאַנטינאָפּאָל, די שחיטות פון כמעלניצקי, א. א. וו.

מיטן גירוש ספרד ווערן די משיח־באַוועגונגען אָפטער און שטאַרקער, און זיי ציען זיך כמעט אָן איבעררייס איבער אַ משך פון דריי יאָרהונדערטער. דאָס וואָס די לעצטע צוויי דורכגעפאַלענע משיח־באַוועגונגען האָבן געבראַכט צו מאַסן־שמד, האָט באַוויזן די פירער פון פאָלק צו פאַרדאַכטן יעדע באַפרייאונגס־באַוועגונג און נעמען צו איר אַ נעגאַטיווע שטעלונג.

דער דורכפאַל פון שבתי צבי וואַרפט אַריין דאָס פאָלק אין אַ מין אַפּאַטישקייט, פון וועלכער עס וועט אַרויס מיטן אויפקום פון חסידות און השכלה, אין באַנייאונג פון לימוד התורה אין דער צווייטער העלפט פון אַכצנטן יאָרהונדערט. חסידות און השכלה האָבן געהאַט אַ פאַרשידענעם צוגאַנג צו די גאולה־האָפענונגען. חסידים האָבן כמעט אין יעדן חסידישן רבין געזען אַ פּאָטענציעלן משיח, וואָס ווערט נישט נתגלה, נאָר ווייל דער דור איז נישט זוכה דערצו. די משכילים, פאַרקערט, האָבן זיך

אין א גרויסן טייל אָפּגעזאָגט פון דער האָפענונג אויף נאַציאָנאַלער דערלייזונג און האָבן ארויסגעקוקט אויף דער רעטונג פון יידישן יחיד דורך דער קולטור־באַוועגונג און דער ליבעראַלער רעוואָלוציע. די עמאַנציפּאַציע, וואָס איז דורכגעפירט געוואָרן אין אייראָפּע צווישן 1789 און 1848, האָט געשיינט צו באַרעכטיקן די דאָזיקע האָפענונגען.

אָבער דער בלוט־בלבול פון דמשק, די אַנטיסעמיטישע שטעלונג פון פראַנקרייך ביי דער געלעגנהייט, און דער אויפקום פון וויסנשאַפטלעכן אַנטיסעמיטיזם אין דייטשלאַנד, האָבן אויסגעניכטערט אַ סך משכילים, און אייניקע פון זיי הויבן אָן צו דענקען אין טערמינען פון נאַציאָנאַלן רענעסאַנס. אין דער זעלביקער צייט געפינען זיך אויך אין די רעליגיעזע קרייזן פּערזענלעכקייטן, וואָס הויבן אָן רעדן און שרייבן וועגן צוריקאויפבוי פון ארץ־ישראל אַלס פאָרבאַדינג פאַר דער פאַרהאָפטער דערלייזונג.

באַוווסטזיניק און אונטערבאַוווסטזיניק הויבן זיך אָן אויסקריסטאַליזירן די גרונד־געדאַנקען פון דער מאָדערנער רענעסאַנס־אידעאָלאָגיע: א) צוריקקער צו ערד־אַרבעט, ב) ווידעראויפלעבונג פון דער העברעאישע שפּראַך, ג) צוריקשטעלן די זעלבסט־פאַרוואַלטונג, ד) צוריקקער צו די אייגנטלעכע ווערטן פון יידישקייט אַלס אידעע און וועלט־באַנעם. אָט די דאָזיקע פיר גייסטיקע שטרעבונגען ברענגען גיך צו פּאָזיטיווע, פּראַקטישע מעשים. די שפּראָצונגען, פון וועלכע עס וועט מיט דער צייט אַרויסקומען מדינת ישראל, קומען אויף כמעט אייגצייטיק אין פאַרשידענע לענדער, אין די פאַרשידענע קרייזן און אויף די פאַרשידנסטע געביטן.

אויף זיינע רייזעס אין נאָענטן מזרח, אין שייכות מיטן בלוט־בלבול אין דמשק, פאַראינטערעסירט זיך ר' משה מאָנטעפיאָרע מיט ארץ־ישראל און פאַרלייגט אין 1858 די ערשטע הייזער פון ניי־ירושלים. דאָס געלט פאַר דעם האָט ער גענומען פון א פאָנד, וואָס דער ספרדי פון צפון־אַמעריקע, יהודה טאוראָ, האָט אין 1854 געלאָזט אין זיין צוואה פאַר די „אָרעמעלייט פון הייליקן לאַנד".

אַרום דער זעלבער צייט פאַרעפנטלעכן צוויי רבנים: דער ספרדי ר' יהודה אַלקלעי און דער אשכנזי ר' צבי הירש קאַלישער, א רייע שריפטן לטובת דער קאָלאָניזאַציע פון יידן אין ארץ־ישראל. אין 1861 גרינדעט חיים לאָרזש אין פראַנקפורט אם־מיין א „געזעלשאַפט פאַר קאָלאָניזאַציע אין הייליקן לאַנד". אין 1862 פאַרעפנטלעכט משה העס, א סאָציאַליסט אינטערנאַציאָנאַליסט, וואָס האָט זיך צוריקגעקערט צו זיין פאָלק, א סעריע מאמרים אונטערן נאָמען „רוים און ירושלים", אין וועלכע ער באַלייכט די גייסטיקע ווערטן פון יידישקייט פון א מאָדערנעם שטאַנדפּונקט און קומט אויך צום אויספיר, אַז כפי רוים (איטאַליע) ווערט צוריקגעשטעלט אַלס זעלבסטשטענדיקע מלוכה, דאַרף אויך דאָס יידישע פאָלק (ירושלים) צוריקבאַקומען זיין פּאָליטישע אומאָפּהענגיקייט.

די אידעען פון מאָנטעפיאָרע, קאַלישער, אַלקלעי און העס, קריסטאַליזירן אין

א פּאָזיטיוון טאַט פון א גרעסערן פאַרנעם, ווען אַדאָלף קרעמיע, דער פּרעזידענט פון דער „אַליאַנס איזראַעליט אוניווערסעל" שיקט קיין ארץ ישראל שאַרל נעטער, וועלכער גרינדעט דאָרט אין 1870 אַן אַגריקולטור־שולע, „מקוה ישראל", דער ערשטער קערן פון באַנייטן יידישן אַקערבוי־ווערק אין לאַנד. אין 1871 ווערט דורך ר' צבי הירש קאַלישער געקויפט א שטיק באָדן, אויף וועלכן א גרופּע פון ירושלימער יידן, פון אַזוי גערופענעם אַלטן ישוב, וועלן אין 1879 אויפשטעלן די „מוטער פון די קאָלאָניעס", פּתח תקוה.

פון דעם עמיגראַציע־שטראָם, וואָס די אומגליקן אין 1881-2 האָבן אַרויסגערופן, ווענדט זיך א קליינער טייל קיין ארץ־ישראל, וווּהין ער ברענגט די ערשטע פּראַקטישע אידעאַליסטן פון נייעם דור, די סטודענטן פון „בילו", וואָס גרינדן אין 1882 די קאָלאָניע ראשון לציון. דעם זעלבן יאָר ווערן אויך געגרינדעט נס ציונה אין יהודה, זכרון יעקב אין שומרון, ראש פּנה אין גליל. אויף צו שטיצן די קאָלאָניסטן גרינדעט ר' שמואל מאָהליווער דעם זעלבן יאָר אין וואַרשע דעם ערשטן פאַראיין פון „חובבי ציון". צו דער זעלבער צייט דערשיינט די שריפט „אויטאָעמאַנציפּאַציע" פון ד"ר לעאָ פּינסקער, אין וועלכער עס ווערט פאָרמולירט דער אני מאמין פון ציוניזם: „די באַפרייאונג פון יידישן פאָלק איז די זאַך פון יידישן פאָלק גופא".

דאָס קאָלאָניזאַציע־ווערק טרעפט גלייך אָן אויף אומגעהויערע שוועריקייטן. דער באָדן איז נישט צוגעגרייט, די קאָלאָניסטן האָבן נישט קיין דערפאַרונג. עס פעלן געלט־מיטלען. מען הויבט אָן צו ליידן פון הונגער און קראַנקהייטן. די קאָלאָניסטן פון ראשון לציון שיקן אַרויס א הילפס־רוף דורך זייער שליח יוסף פיינבערג. עס רופן זיך אָפּ די רבנים ר' שמואל מאָליווער פון רוסלאַנד, ר' צדוק קאַן פון פראַנקרייך און א קריסט, דער ענגלענדער סיר לאָרענס אָליפאַנט, וועלכע ווירקן אויפן באַראָן בנימין (עדמונד) ב"ר יעקב ראָטשילד פון פּאַריז, צו פאַראינטערעסירן זיך מיטן קאָלאָניזאַציע־ווערק אין ארץ־ישראל. באַראָן ראָטשילד הויבט אָן שטיצן די שוין עקזיסטירנדיקע קאָלאָניעס, און גרינדעט אויך אייניקע נייע. ער וועט שטיצן דירעקט די קאָלאָניעס ביזן יאָר 1900, ווען ער וועט איבערגעבן זייער אַדמיניסטראַציע צו דער יק"א, וועלכער ער וועט באַזאָרגן מיט די נויטיקע מיטלען. באַראָן ראָטשילד קויפט א גרויסן שטח באָדן אין דער טייל פון ארץ ישראל, וואָס בלייבט צום מזרח פון ירדן. אין 1925 וועט די יק"א אָפּטיילן איר פאַרוואַלטונג פון די ארץ־ישראל קאָלאָניעס אין א באַזונדערער געזעלשאַפט „פּיק"א".

פּאַראַלעל מיט דער קאָלאָניזיר־טעטיקייט פון באַראָן ראָטשילד, פירן אויך אָן די חובבי ציון זייער אַרבעט דורך דעם אַזוי גערופענעם „אָדעסער פּאַלעסטינער קאָמיטעט", וועלכער איז אָפיציעל אנערקענט געוואָרן פון דער רוסישער רעגירונג (1890). זיי האַלטן אויך אָפּ 2 צוזאַמענפאָרן אין קאַטאָוויץ 1884 און דרוזגעניק 1887.

די רעזולטאַטן פון די ערשטע קאָלאָניעס זענען לכתחילה געווען ווייניק דער־

מוטיקנדיקע. די עקאָנאָמישע לאַגע איז מערסטנס געווען אַ שווערע, די אַרבעט אויף די פעלדער און די שמירה בײַנאַכט איז מערסטנס געטאָן געוואָרן פון אַראַבער. די קאָלאָניסטישע קינדער פלעגן אַפילו פאַרלאָזן דאָס לאַנד. דעם טרויעריקן מצב האָט אַרויסגעבראַכט דער העבּרעאישער שריפטשטעלער און דענקער אָשר גינזבורג (אחד העם), וועלכער האָט באַזוכט ארץ־ישראל אין אויפטראַג פון אָדעסער קאָמיטעט פון די חובבי ציון און האָט אָפנהאַרציק קריטיקירט די לאַגע אין זײַן מאמר: „אמת מארץ ישראל". דאָך זענען צווישן 1879 און 1903 אַרײַנגעקומען אין לאַנד אַרום 25 טויזנט עולים און עס זענען געגרינדעט געוואָרן 17 קאָלאָניעס מיט אַן אײַנוווינערשאַפט פון 727 פאַמיליעס, אַרום פינף טויזנט נפשות. אין 1884 באַזעצט זיך אין ישראל אליעזר בן יהודה, וועלכער הויבט אָן צו פּראָפּאַגאַנדירן דעם צוריקקער צו העבּרעאיש אַלס לעבעדיקע רעדנסשפּראַך, און גיט דעם ערשטן בײַשפּיל דורך פאַרוואַנדלען זײַן אייגן הויז אין דעם ערשטן פולקאָם העבּרעאישן הויז אין דער וועלט. דאָס רעדן העבּרעאיש פאַרשפּרייט זיך בעיקר אין די קאָלאָניעס, וווּ עס ווערן געגרינדעט שולן מיט העבּ־רעאיש אַלס אונטערריכט־שפּראַך און ווערט באַקעמפט פון די פרומאַקעס אין ישוב, וואָס זעען אין דעם אַ מין פאַרשוועכונג פון דער הייליקער שפּראַך.

אין 1896 באַקומט די רענעסאַנס־באַוועגונג אומדערוואַרט אַ נײַעם גרעַ־סערן אויפשוווּנג. דער יידיש־דײַטשישער זשורנאַליסט ד"ר בנימין זאב (טעאָדאָר) ב"ר יעקב הערצל (1860-1904) קומט אַרויס מיט אַ שריפט „יידנשטאַט", אין וועלכן ער דערווייזט, אַז די לייזונג פון דער יידנפראַגע וועט פיל באַגינסטיקט ווערן דורך דער גרינדונג פון אַן אויטאָנאָמען יידישן שטאַט. הערצל איז געקומען פון די אַסימילירטע קרייזן, אָבער דער דרייפוס־פּראָצעס האָט אים צוריקגעקערט צו זײַן פאָלק. אַ מענטש מיט אַ גרויסן חוש פאַר דיפּלאָמאַטיע, דענקט הערצל צו קאָנען לייזן דאָס פּראָבלעם אויפן דיפּלאָמאַטישן וועג. טערקיי, וואָס האָט דאַן געהערשט אין ארץ־ישראל, האָט זיך געפונען אין אַ שווערער עקאָנאָמישער לאַגע. „דאַרף מען באַוועגן אַ גרופּע יידישע פינאַנציסטן, מיטן הויז ראָטשילד בראש, צו געבן טערקיי אַ גרעסערע הלוואה און דער־פאַר זאָל די יידישע געזעלשאַפט, וואָס וועט צו דעם צוועק ספּעציעל געגרינדעט ווערן, קריגן אַ קאָנצעסיע (טשאַרטער) אויף צו קאָלאָניזירן ארץ־ישראל מיט יידן, וואָס וועלן גענים פון אַ ברייטער אינערלעכער אויטאָנאָמיע אונטער טערקישער סווערעניטעט". נאָכדעם ווי אַלע זײַנע באַמיאונגען אין די פינאַנציעלע קרייזן זענען דורכגעפאַלן, אַנט־שליסט זיך הערצל צו מאָביליזירן די פאָלקס כוחות און פאַררופט דעם ערשטן ציו־ניסטישן קאָנגרעס אין דער שווייץ (באַזעל) אויף די טעג פון 28סטן אויגוסט - 1טן סעפּטעמבער 1897. הערצל אַנטוויקלט זײַנע אידעען אין זײַנע ווערק „דער יודענשטאַט" און „אַלטנײַלאַנד", און אין דעם זשורנאַל „די וועלט", וואָס ער גרינדעט.

מיטן קאָנגרעס האָט הערצל אַרויסגעפירט די רענעסאַנס־באַוועגונג, וואָס האָט באַקומען דעם נאָמען ציוניזם, פון ווינקל אין וועלכן זי איז געווען פאַררוקט, און האָט זי אַוועקגעשטעלט אין צענטער פון דער וועלט־אויפמערקזאַמקייט. דער

ציוניזם האָט אָנגעהויבן צו ווערן אַ פאַקטאָר, מיט וועלכן די וועלט־דיפּלאָמאַטיע וועט זיך מיט דער צייט אָנהויבן רעכענען. אויפן קאָנגרעס איז אויך געשאַפן געוואָרן די פאָן, וואָס וועט שפּעטער ווערן די פאָן פון מדינת ישראל. אַ נבואישע אינטואיציע האָט אונטערגעזאָגט הערצלען צו פאַרצייכענען אין זיין טאָג־בוך, אַז: „אין באַזעל האָב איך געגרינדעט דעם יידנשטאַט".

די זיבן יאָר פון ערשטן קאָנגרעס אין 1897 ביז הערצלס טויט אין 1904 זענען געווען די בלי־עפּאָכע פון דער ציוניסטישער באַוועגונג. אונטער דער פירער־שאַפט פון גרויסן מנהיג האָט די רענעסאַנס־באַוועגונג באַקומען פליגלען; זיינע קאָנ־גרעס־רעדעס, ווי אויך די רעדעס פון מאַקס נאָרדוי, האָבן פאַרוואַנדלט די קאָנגרעס־טריבונע אין דער ווירקלעכער טריבונע פון יידישן פאָלק. אויפן ערשטן קאָנגרעס ווערט געשאַפן די ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע, וועלכע מען פלעגט באַטיטלען ווי „אַ שטאַט אונטערוועגנס", און וואָס וועט אין 1929 אויסגעברייטערט ווערן אין דער יידישער אַגענץ, וואָס פירט אָן מיטן אויפבוי פון ארץ ישראל ביז היינט. אין 1899 ווערט גע־גרינדעט די יידישע קאָלאָניאַל באַנק, וועמענס פיליאַלע, די „אַנגלאָ־פּאַלעסטיין באַנק" וועט ווערן די אָפיציעלע באַנק פון מדינת ישראל. אין 1901 ווערט געגרינדעט דער קרן קימת לישראל, דער הויפּט־אינסטרומענט פאַר אויסלייזן דעם באָדן פון ארץ ישראל, אַלס נאַציאָנאַל אייגנטום פון יידישן פאָלק, און צופאַסן אים פאַר אַקערבוי, דורכפירן באַוואַסערונג, באַוואַלדונג וכו'. דער פּלאַן פון קרן קימת איז נאָך פאָרגע־בראַכט געוואָרן אויפן ערשטן קאָנגרעס דורך פּראָפ' ה. שאַפּיראָ. נאָכן ערשטן ציו־ניסטישן קאָנגרעס ווערט אין ארץ־ישראל פאַרפאַסט די „התקוה", דורך נ. ה. אימבער.

פאַר די זיבן יאָר פון זיין איבערמענטשלעכער אָנשטרענגונג, וואָס האָט פאַר־צערט זיין יונג לעבן, האָט הערצל געשאַפן די כלים, מיט וועלכע דער יידישער פּאָלי־טישער רענעסאַנס זאָל קאָנען רעאַליזירט ווערן. הערצל האָט אויך געעפנט אַ וועג פאַר יידישער דיפּלאָמאַטיע. דורך באַציאונגען און פּערזענלעכן צויבער איז אים געלונגען אויפגענומען צו ווערן פון אַ רייע רעגירער און מאַכטהאָבער און פאָרברענגען פאַר זיי דעם ענין פון אומקערן ארץ־ישראל צו יידן. דער דייטשישער אימפּעראַטאָר, דער טער־קישער סולטאַן, דער איטאַליענישער קעניג, דער פּויפּסט, דער גרויספירשט פון באַדען, די מיניסטאָרן פון ענגלאַנד, רוסלאַנד און אַ רייע קלענערע מדינות האָבן בכבוד אויפ־גענומען הערצלען און פאַרהאַנדלט מיט אים ווי מיט אַ וואָרטזאָגער פון יידישן פאָלק. ענגלאַנד האָט אפילו אָנגעבאָטן דער ציוניסטישער באַוועגונג דעם געביט פון אוגאַנדאַ אין צענטראַל־אַפריקע, צו קאָלאָניזירן אים אַלס יידישע אויטאָנאָמע געגנט. הערצל, נאָרדוי און אַנדערע מערב־אייראָפּעאישע ציוניסטן זענען געווען גרייט אָנצונעמען דעם אָנבאָט, נישט ווי אַ במקום ארץ־ישראל, נאָר ווי אַ צייטווייליקן „נאַכט־אַזיל", אָבער דער רוב פון די מזרח־אייראָפּעאישע ציוניסטן האָט דעם פאָרשלאָג אָפּגעוואָרפן. דאָס האָט געבראַכט צו אַ שפּאַלטונג אין ציוניזם, פון וועלכן עס האָט זיך אָפּגעטיילט די טעריטאָריאַליסטישע באַוועגונג מיטן באַרימטן יידיש־ענגלישן שרייבער ישראל זאַנג־

וויל בראש. פון דעם אוגאנדא־פּלאַן איז גאָרנישט געוואָרן און די רעשטלעך פון די טעריטאָריאַליסטן זוכן נאָך אַלץ אַ טעריטאָריע פאַרן פאָלק ישראל.

אין 1904 (כ׳ תמוז) שטאַרבט הערצל פריצייטיק, אָבער די אָרגאַניזאַציע, וואָס ער האָט געשאַפן, לעבט איבער איר גרינדער שעפער און זעצט פאָר איר טעטיקייט טראָץ אַלע שוועריקייטן. (אין 1949 ווערן די ביינער פון הערצל ז״ל איבערגעפירט קיין מדינת ישראל). דעם זעלבן יאָר, 1904, שיקט אַרויס דער לערער יוסף וויטקין פון ארץ־ישראל אַ רוף צו דער יידישער יוגנט, זי זאָל קומען אין לאַנד און באַנייען די טעג פון די בילויי״ם. דער דורכפאַל פון דער ערשטער רוסישער רעוואָלוציע אין 1905 און די פּאָגראָמען וואָס זענען דעם זעלבן יאָר אויסגעבראָכן, באַקרעפטיקן דעם רוף און עס הויבט זיך אָן די צווייטע עליה, וואָס האָט אַ גרויסן טייל יונגע אידעאַליסטישע מענטשן, וועלכע קומען קיין ארץ־ישראל מיטן רעוואָלוציאָנערן פאַרלאַנג „לבנות ולהבנות״, אויפבויען דאָס לאַנד און איבערבויען דאָס אייגענע לעבן אויף אידעאַליסטישע יסודות פון הסתפקות (באַגרענעצן די אייגענע הצטרכותן) און אייגענע אַרבעט. צווישן די ערשטע צו קומען זענען אַ גרופּע פּועלי ציון, אַ באַוועגונג, וואָס האָט געזוכט צו סינטעטיזירן דעם נאַציאָנאַליזם מיטן סאָציאַליזם. פון 1908 ביז 1914, ווען עס איז אויסגעבראָכן דער ערשטער וועלט־קריג, זענען אַריינגעקומען אין לאַנד אַרום 40 טויזנט עולים, וואָס האָבן אָנגעהויבן צו רעאַליזירן דעם פּרינציפּ פון כבוש העבודה, ד. ה., אַז דאָס באַאַרבעטן דעם באָדן און אַלע אַנדערע אַרבעטן דאַרפן געטאָן ווערן פון יידן. זיי גרינדן אויך דעם „השומר״, אַן אָרגאַניזאַציע פאַר זעלבסטשוץ, דער ערשטער קערן פון צוקינפטיקן מיליטער פון מדינת ישראל (1909). מיטגלידער פון דער צווייטער עליה זענען איצט צווישן די פירער פון דער רעגירונג פון מדינת ישראל, צווישן זיי דער פּרעמיער דוד בן גוריון, דער פּאַרלאַמענט־פּרעזידענט יוסף שפּרינצאַק און פיל אַנדערע. די צווייטע עליה האָט אויך געבראַכט קיין ארץ־ישראל די אידעאָלאָגן פון דער קבוצה און פון דער „רעליגיע פון אַרבעט״: אהרן דוד גאָרדאָן און בערל כצנלסון ע״ה. זיי אַלע האַלטן זיך פאַר תלמידים פון ב. באָרוכאָוו און נ. סירקין, די טעאָרעטיקער פון פּועלי ציוניזם.

די צען יאָר צווישן 1904 און 1914 זענען די אַזוי גערופענע „יום קטנות״, קליינע טעג. די דערגרייכונגען אויפן פּאָליטישן געביט זענען גאָר קליינע, דערפאַר אָבער ווערן פאַר דער צייט פאַרלייגט נייע גרונדשטיינער פאַרן צוקינפטיקן אויפבוי פון לאַנד און פון דער מדינה. אין 1908 ווערט געגרינדעט דער ציוניסטישער פּאַלעסטינע־אַמט פאַר פּראַקטישע קאָלאָניזאַציע־ווערק, אונטער דער לייטונג פון ד״ר א. רופּין. אין 1909 ווערט געגרינדעט די „מוטער פון די קבוצות״, דגניה. דעם זעלבן יאָר ווערט אויך געגרינדעט תל־אביב. אין 1910 ווערן געמאַכט דורך קרן קימת די ערשטע באַדייטנדיקע באָדן־קניות. האַרט פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה ווערט אויסגעקעמפט דער פּרינציפּ, אַז דער אונטערריכט פון אַלע קענטשטאַנדן אין טעכניקום פון חיפה, וואָס איז אין יענעם יאָר דערעפנט געוואָרן, זאָל זיין אין העברעאיש (1914).

דער ערשטער וועלט־קריג צעטרייסלט שטאַרק דאָס אזוי אויך גענוג שוואַכע ווערק אין לאַנד. טערקיי טרעט אריין אין דער מלחמה אויפן צד פון דייטשלאַנד. אַ גרויסע טייל פון די יידישע איינוווינער פון ארץ ישראל זענען רוסישע בירגער און ווערן דערפאַר ארויסגעשיקט פון לאַנד. אַ דאַנק דער פּראָטעקציע פון די פאַראייניקטע שטאַטן, דורך זייער אַמבאַסאַדאָר אין טערקיי, הענרי מאָרגנטוי, ווי אויך דער פינאַנציעלער הילף פון דזשוינט, ווערט אויסגעמיטן אַ קאַטאַסטראָפע. די פּליטים־לינגען קומען אָן בשלום קיין מצרים. אין ארץ־ישראל ווערט דער ציוניזם פאַרפאָלגט. ציוניסטישע עסקנים ווערן אריינגעוואָרפן אין געפענגעניש, אייניקע פון זיי דראָט אפילו טויט־שטראָף. דער גובערנאַטאָר פון דער געגנט, דזשעמאַל פּאַשאַ, דראָעט אומצוברענגען דאָס ציוניסטישע ווערק.

אָבער די פּערציק יאָר חיבת ציון און ציוניזם זענען נישט דורכגעגאַנגען אומזיסט, דאָס יידישע פאָלק האָט זיך אויסגעלערנט קעמפן פאַר זיינע רעכט און די ציוניסטן טרעטן אריין אין כמעט אַן אָפענעם קאַמף מיט טערקיי, וואָס איז נאָך דאַן געווען פאַררעכנט פאַר אַ גרויסמאַכט.

דער קאַמף ווערט אָנגעפירט פון פאַרשידענע לענדער און אויף פאַרשידענע געביטן. צווישן די יידן, וואָס זענען אַלס טערקישע אָדער דייטש־עסטרייכישע בירגער געבליבן אין לאַנד, גרינדעט זיך אַ קליינע שפּיאָנאַזש־גרופּע „נילי״, דער ראשי תבות פון „נצח ישראל לא ישקר״, וואָס לייסטעט זייער גוטן דינסט דער קאָמאַנדע פון די פאַרבינדעטע. די גרופּע ווערט אָנגעפירט פון אהרן און שרה אַראָנסאָן, וועלכע קומען אום. צווישן די פּליטים אין מצרים גרינדעט זיך לכתחילה אַ לעגיאָן פון מויל־אייזלען טרייבער, קאָמאַנדירט פון יוסף טרומפּעלדאָר און קאָלאָנעל פּאַטערסאָן, וואָס ווערן אַקטיוו מיטווירקן אין דער ענגליש־פראַנצויזישער עקספּעדיציע קעגן טערקיי (גאַליפּאָלי). ווען נאָכן דורכפאַל פון דער עקספּעדיציע וועט דער לעגיאָן פונאַנדערגעלאָזט ווערן, וועט וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי, נאָך אַ שווערן קאַמף, זיך דערשלאָגן צו דעם, אַז אין דער ענגלישער אַרמיי זאָל געשאַפן ווערן אַ יידישער לעגיאָן, וועלכער וועט אונטער דער קאָמאַנדע פון די קאָלאָנעלן פּאַטערסאָן און אליעזר מאַרגאָלין קעמפן שולטער ביי שולטער מיט די ענגלענדער ביים אָנגריף אויפן צפון־טייל פון ארץ־ישראל און ביים אריינדרינגען אין עבר־הירדן, פון וועלכן מאַרגאָלין איז געווען דער ערשטער מיליטערישער גובערנאַטאָר. די מלחמה וועט באַזונדער ארויסרוקן די פיגור פון איצטיקן פּרעזידענט פון מדינת ישראל, פּראָפ׳ חיים ב״ר עוזר וויצמאַן, וועלכער וועט אַלס באַרימטער כעמיקער לייסטן גרויסע אויפטועון פאַר דער ענגלישער קריגס־אינדוסטריע, וואָס וועט אים דערמעגלעכן אַ פּערזענלעכן קאָנטאַקט מיט דער ענגלישער רעגירונג, פון וועלכער ער וועט דעם 2טן נאָוועמבער 1917 ארויסקריגן אַ פייערלעכע דעקלאַראַציע, אַז די ענגלישע רעגירונג באַציט זיך פּאָזיטיוו צו דער גרינדונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים אין ארץ־ישראל און זי וועט טאָן דאָס מעגלעכע אויף צו פאַרלייכטערן די דאָזיקע דערגרייכונג. די אַסימילירטע ענגליש־יידישע אַריסטאָקראַטיע

האָט אַקטיוו געקעמפט סיי קעגן דעם לעגיאָן, סיי קעגן דער דעקלאַראַציע, וואָס ווערט גערופן אויפן נאָמען פון ענגלישן אויסערן־מיניסטער, וואָס האָט זי אונטערגעשריבן: די באַלפור־דעקלאַראַציע. דאַקעגן האָבן די צפון־אַמעריקאַנער יידן פיל מיטגעווירקט צו באַקומען די דעקלאַראַציע, און דער פּרעזידענט פון ציוניסטישן עמערגענץ־ראַט, דער ריכטער פון העכסטן געריכט פון די פאַראייניקטע שטאַטן לואיס ד. בראַנדייס האָט מיט זיין פּרעסטיזש און באַציאונגען פיל צוגעהאָלפן צו ארויסבאַקומען די באַלפור־דעקלאַראַציע, וואָס איז באַלד גוטגעהייסן געוואָרן פון דער צפון־אַמעריקאַנער רעגירונג. ביי דער זייט פון ד״ר וויַיצמאַן האָט פיל בייגעטראָגן אויפן פּאָליטישן געביט ר' נחום סאָקאָלאָוו, אַן אָנגעזעענער העברעאיש־יידישער זשורנאַליסט און דענקער, וואָס האָט זיך אַנטפּלעקט ווי אַ געשיקטער דיפּלאָמאַט און האָט באַקומען פאַר דער באַלפור־דעקלאַראַציע די צושטימונג פון אַ סך מלוכות. צום שלום פון ערשטן וועלט־קריג, וועט דאָס אויפבוי־ווערק אין ארץ־ישראל זיין זייער אָפּגעשוואַכט, אין קעגנטייל וועט דער ציוניזם האָבן צו פאַרצייכענען אַ פּאָליטישן דערפאָלג, וואָס קאָן באַטראַכט ווערן ווי דער ערשטער אָנזאָג פון דער צוקינפטיקער מדינת ישראל.

2 — אונטער ענגלישער פאַרוואַלטונג

די דרייסיק יאָר צווישן דעם סוף פון ערשטן וועלט־קריג (1918) און דער פּראָקלאַמירונג פון מדינת ישראל (1948), איז ארץ־ישראל אַדמיניסטרירט געוואָרן פון ענגלאַנד, וואָס האָט אין 1922 באַקומען דעם מאַנדאַט (אויפטראַג) פון פעלקער־בונד צו אַדמיניסטרירן מיט דער מדינה אַזוי, אַז עס זאָל פאַרלייכטערט ווערן די עטאַבלירונג פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים. די דאָזיקע גאָרנישט לייכטע אויפגאַבע האָט ענגלאַנד נישט דורכגעפירט מיטן גאַנצן הארצן, נאָר ווי זי זאָל געוואָלט זיין געצוווּנגען צו טאָן עס קעגן איר רצון. אין ענגלאַנד זענען געווען געווים גרויסע אידעאַליסטן, ווי לאָרד באַלפור, לאָרד סעסיל, לאָיד־זשאָרזש און אַנדערע, וואָס האָבן געהאַט אַ פּאָזיטיווע באַציאונג צום ענין. געווען אָבער אויך אַזעלכע, וואָס האָבן געהאַלטן, אַז דאָס איז קעגן די ענגלישע אינטערעסן, ווייל אַ יידישע נאַציאָנאַלע היים וועט אויפרייצן די אַראַבישע איינוווינערשאַפט, נישט נאָר פון ארץ־ישראל, נאָר אויך פון די אַרומיקע מדינות. נישט קאָנענדיק אָפיציעל אָפּזאָגן זיך פון דער מיסיע, וואָס דער פעלקערבונד האָט אויף איר אַרויפגעלייגט, און וואָס זי איז געווען פאַראינטערעסירט צו באַקומען, בכדי צו שטעלן אַ פוס אין נאָענטן מזרח, האָבן די פאַרשידענע ענגלישע רעגירונגען געפירט אַ וואַקלדיקע זיג־זאַגן פּאָליטיק, וואָס האָט געוואָלט בלייבן גוט מיט אַלעמען און איז לסוף נישט געבליבן גוט מיט קיינעם.

די באַלפור־דעקלאַראַציע איז געווען רעדאַגירט אַזוי, אַז זי האָט געקאָנט פאַרשידן אויסגעטייטשט ווערן. דאָס העלפן אויפשטעלן די יידישע נאַציאָנאַלע היים איז

געווען אן אויסדריקלעכע פאַרפליכטונג, אָבער ווי גרויס און ווי שטאַרק אָט די היים דאַרף זיין, וועגן דעם זענען קיין קלאָרע באַגריפן נישט געווען, און מען האָט עס געקאָנט אויסטייטשן פאַרשידן. אין רעזולטאַט פון די אַלע קעגנגעזעצטע כוחות און שטרעבונגען און צוזאַגנגען, האָט זיך באַקומען, אַז ענגלאַנד האָט געוואָלט אָפּקומען איר פאַרפליכטונג מיט אַ קליינקייט, און די יידישע נאַציאָנאַלע היים האָט לויט דער איינשטעלונג פון דער מערהייט ענגלישע פּאָליטיקער, נישט געטאָרט ווערן קיין צו שטאַרקער פאַקטאָר אין נאָענטן מזרח. אויף דאָס צו דערגרייכן פלעגט אָפטמאָל די רעכטע האַנט נישט וויסן וואָס די לינקע טוט. מיט איין האַנט האָט ענגלאַנד געהאָלפן בויען די יידישע נאַציאָנאַלע היים, מיט דער צווייטער האָט זי געזוכט צו האַמעווען איר אויפקום.

דער רעזולטאַט פון דער שטעלונג איז געווען, אַז נאָך יעדן וויכטיקן וווּקס פון דער נאַציאָנאַלער היים פלעגן אויסברעכן אינספּירירטע אָדער טאָלערירטע אַראַבישע אומאָרדענונגען. אויף אויסצופאָרשן די אומאָרדענונגען פלעגט קומען אַן אונטערזוכונגס קאָמיסיע, וואָס פלעגט כמעט שטענדיק רעקאָמענדירן באַשרענקונגען פון דעם יידישן ווערק און די רעגירונג פלעגט אַרויסקומען מיט אַ „ווייסן בוך", וואָס האָט מערסטנטייל די רעקאָמענדאַציעס גוטגעהייסן. אונטער די פּראָטעסטן פון די יידן, און דרוק פון אייניקע צו יידן פריינטלעכע מדינות, בעיקר צפון־אַמעריקע, פלעגט אַ טייל פון די באַגרעניצונגען צוריקגערופן ווערן, אָבער אַ צווייטער טייל פלעגט בלייבן אין קראַפט, און דער פאַרנעם און מהות פון דער נאַציאָנאַלער היים פלעגן פון מאָל צו מאָל איינגעשרומפּן ווערן.

נאָך אונטער דער מיליטערישער אָקופּאַציע קומט פאָר דער ערשטער פּאָגראָם אין ירושלים (פּסח 1920). וולאַדימיר זשאַבאָטינסקי און קאָלאָנעל מאַרגאָלין, וואָס אָרגאַניזירן אַ יידישע זעלבסטשוץ, ווערן באַשטראָפט, דער ערשטער מיט טורמע, דער צווייטער מיט פאַרלירן זיין אַמט אין דער אַרמיי. דער ערשטער הויך־קאָמיסאַר, דער ציוניסטיש געשטימטער ענגלישער ייד (איצט לאָרד) הערבערט סעמועל, זוכט צו באַרויקן די געמיטער מיט דעם, וואָס ער באַגנעדיקט זשאַבאָטינסקין, ווי אויך דעם אָרגאַניזירער פון פּאָגראָם כאַדזש אַמין איל הוסייני, וועלכן ער באַשטימט אַלס מופתי פון ירושלים און פאַרוואַלטער פון די מאַכמעדאַנישע קירכן־פאַרמעגנס. דערמיט ווערט דער גרויסער שונא ישראל אַן אָפיציעלע פּערזאָן.

אויך אונטער דער אַדמיניסטראַציע פון הערבערט סעמועל קומט פאָר אַ פּאָגראָם אין יפו־תל־אָביב, 1טער מאַי 1921, אַלס פּועל יוצא דערפון ווערט צייטווייליק אָפּגעשטעלט און שפּעטער „רעגולירט" די יידישע אימיגראַציע אין דער נאַציאָנאַלער היים. אַ ווייטערדיקע קאָנסעקווענץ איז דאָס אָפּטיילן פון עבר־הירדן אין אַ באַזונדער געביט, אויף וועלכן עס איז נישט חל די פאַרפליכטונג פון געהערן צו דער יידישער נאַציאָנאַלער היים. דער ווייסער פּאַפּיר פון ווינסטאָן טשורטשיל, אין 1922, האָט פאַקטיש געשאַפן די איצטיקע ירדן־מלוכה.

ווען די ציוניסטישע באַוועגונג באַהערשט די ערשטע עקאָנאָמיש־פינאַנציעלע שוועריקייטן און דער אויפבוי פון דער יידישער נאַציאָנאַלער היים גייט אוועק אין אַן עטוואָס פאַרשנעלערטן טעמפּאָ, און פאַר די צען יאָר 1919־1929 קומען אריין אין לאַנד אַרום 100 טויזנט יידן (3טע עליה), ברעכן אויס די אומרועו פון 1929, וואָס שטעלן אין סכנה די עצם עקזיסטענץ פון יידישן ווערק אין לאַנד. נאָכדעם ווי די אומרועו ווערן איינגעשטילט, קומט אַ קאָמיסיע, פּרעזידירט פון סער וואָלטער שאָאו, וועלכע פאַרשט אויס די לאַגע און רעקאָמענדירט אַ רייע מאָסרעגלען קעגן דעם יידישן אויפבוי־ ווערק. אויף צו באַרואיקן דעם שטורעם, וואָס דער שאָאו־באַריכט האָט ארויסגערופן, ווערט אין 1930 געשיקט סער זשאָן האָאופּ סימפּסאָן, וועלכער שליסט זיך כמעט גענצ־ לעך אָן אין דעם שאָאו־באַריכט. דעם זעלבן יאָר פאַרעפנטלעכט די לאָבאָריסטישע רעג־ גירונג דורך איר אויסערן מיניסטער לאָרד פּאַספילד אַ ווייסן בוך, וואָס פירט איין שאַרפע באַגרענעצונגען אויף יידישער איינוואַנדערונג, אויף באָדן־קויף וכ׳. די פּראָ־ טעסטן, וואָס דער ווייסבוך רופט ארויס און, בעיקר, די רעזיגנאַציע פון ד״ר ווייצמאַן, צווינגען דעם פּרעמיער ראַמסיי מאַקדאָנאַלד צו אויסטייטשן די דיספּאָזיציעס פון ווייס־בוך עטוואָס מילדער, אָבער אין תוך בלייבט דאָס יידישע אויפבוי־ווערק געהאַמעוועט.

די נאַצישע רדיפות אויף יידן אין דייטשלאַנד צווינגען די ענגלישע רעגירונג עטוואָס ברייטער צו עפענען די טויערן פון ארץ־ישראל. צווישן די יאָרן 1933 און 1939 קומען אריין 265 טויזנט עולים (4טע און 5טע עליה). די מדינה גיט אַ שטאַרקן טריט פאָראויס אויף אַלע געביטן. אויף אָפּצוהאַלטן דעם דאָזיקן פאָרשריט, ברעכן אויס אין 1936 אומרועו, וואָס וועלן אָנהאַלטן ביזן אויסברוך פון צווייטן וועלט־קריג אין 1939. די מאַנדאַטן־רעגירונג טענהט, אַז די אַראַבישע אומרועו זענען אַרויסגערופן געוואָרן דורך דייטשלאַנד און איטאַליע, אָבער דער פאַקט, וואָס זיי ווערן אָפּגעשטעלט פּונקט מיטן אויסברוך פון וועלט־קריג, מאַכט דענקען, אַז אויך די אָרטיקע מאַכט איז נישט געווען אינגאַנצן פרעמד צום ענין. ווי שטענדיק, קומט אַן אונטערזוכונגס־קאָמיסיע, דאָס מאָל פּרעזידירט פון לאָרד פּיל, וועלכער שלאָגט פאָר די צעטיילונג פון לאַנד אין צוויי מדינות, אַ יידישע און אַן אַראַבישע, מיט אַן אינטערנאַציאָנאַלער זאָנע פון בית־ לחם ביז נצרת. אָבער אַלע דריי טיילן וועלן זיך געפינען אונטער ענגלישער אַדמיניסט־ ראַציע און די יידישע איינוואַנדערונג ווערט באַגרענעצט אויף צוועלף טויזנט אַ יאָר. דער צוואַנציקסטער ציוניסטישער קאָנגרעס איז שוין גרייט געווען אָנצונעמען דעם צע־ טיילונגס־פּלאַן, אָבער בתנאי, אַז די יידן זאָלן געניסן פון אַ ברייטער אויטאָנאָמיע און האָבן די דעה אויף עמיגראַציע אין דער געגנט וואָס ווערט זיי באַשטימט. דאַן שיקט די מאַנדאַטאָרן־מאַכט אַ נייע אונטערזוכונגס־קאָמיסיע, אונטערן פאָרזיץ פון סער זשאָן וווּדהעד, וועלכע באַריכטעט, אַז דער צעטיילונגס־פּלאַן איז נישט דורכפירבאַר. אַלס פּועל יוצא פון די אַלע אונטערזוכונגען פאַרעפנטלעכט די ענגלישע רעגירונג, אין מאַי 1939, דורך מאַלקאָלם מאַקדאָנאַלד, אַ ווייסבוך, וועלכער באַגרענעצט די יידישע איינ־

וואנדערונג אויף צוועלף טויזנט יערלעך, אָבער בלויז אויף א צייט פון פינף יאָר, און פארבאָט יידן צו קויפן באָדן אין כמעט 95 פּראָצענט פון דער מדינה. דער גערא נגל מיט ענגלאנד טרעט אריין אין זיין דעפיניטיווער פאזע.

די אלע שוועריקייטן האָבן פארלאנגזאמט דעם אנטוויקלונגס־פּראָצעס פון דעם יידישן היימלאנד. דער שוואכער אָפּרוף פון די יידישע מאסן אויפן רוף פון דער ציוניסטישער אָרגאניזאציע פאר די פינאנציעלע מיטלען האָט אויך פיל פארשווערט די לאגע. אָבער דאָס אלץ איז נישט געווען אימשטאנד אָפּצוהאלטן די אנטוויקלונג פון דער יידישער ארץ ישראל, וואָס איז אָנגעפירט געוואָרן מיט מסירת נפש פון טויזנטער אידעאליסטישע חלוצים און סתם עולים, וואָס האָבן אין יידישן היימלאנד געפונען זייער איינציקע רעטונג פון רדיפות און סכנות. סיי די ציוניסטישע אָרגאניזאציע, סיי דער ישוב אין לאנד אנטוויקלען זיך, אָרגאניזירן זיך, און באקומען גרעסערע טעטיקייט־מעגלעכקייטן.

אין 1921 ווערט געגרינדעט דער קרן היסוד, דער הויפּט־אינסטרומענט פארן אויפבוי פון יידישן היימלאנד. אין 1921-22 הויבט אָן דער קרן קימת, אונטער דער אָנפירערשאפט פון מנחם מענדל אוסישקין ז״ל, זיינע גרעסערע באָדן־קניות אין אלע ווינקלען פון לאנד. עס שאפט זיך אן ענגע קאָאָפּעראציע צווישן קרן קימת, וואָס קויפט דעם באָדן און קרן היסוד, וואָס קאָלאָניזירט אים. די קאָלאָניזיר־ארבעט וועט פארגעזעצט ווערן אפילו אין די יאָרן פון אומרועס און וועלט־קריג. אין אמעריקע ווערט געשאפן א געזעלשאפט פאר פּריוואטע אינוועסטיציעס אין ארץ־ישראל, וואָס וועט פיל ביטראָגן צו א רייע אונטערנעמונגען אין לאנד (פּאלעסטיין עקאָנאָמיק קאָרפּאָריישאָן). פּאראלעל מיט דער אָרגאניזירטער טעטיקייט אנטוויקלט זיך אויך די פּריוואטע אגריקולטור און אינדוסטריע. אין 1920 ווערט אויך געגרינדעט די אָרגאניזאציע פון דער ארבעטערשאפט, די הסתדרות, און די „וויצאָ״. אין 1923 קריגט פּנחס רוטענבערג א קאָנצעסיע אויף צו באזאָרגן דאָס לאנד מיט עלעקטריציטעט, אויסער ירושלים. אלס קוואל אויף צו שאפן עלעקטרישע ענערגיע ווערן אויסגענוצט די פלוסן פון מזרח־זייט ירדן. אין 1925 ווערט דערעפנט דער העברעאישער אוניווערזיטעט, וואָס מען האָט אָנגעהויבן צו בויען אויפן הר־הצופים אין 1918. דער אינזשיניער נאָוואָמיסקי באקומט אויך א קאָנצעסיע צו עקספּלואטירן די מינעראל־אוצרות פון ים־המלח. דער קרן היסוד באטייליקט זיך מיט באדייטנדיקע סומען אין די אלע אונטערנעמונגען, ווי אויך אין דער אויסהאלטונג פון שול־וועזן אין לאנד.

די ציוניסטישע אָרגאניזאציע איז פארטראָטן פאר דער רעגירונג דורך א ספּעציעלער קאָמיסיע, דער ועד הצירים. אין 1929 באקומט די ציונ. אָרגאניזאציע די מיטווירקונג פון אייניקע נישט־ציוניסטישע קרייזן, וואָס באציען זיך פּאָזיטיוו צום אויפבוי פון ארץ־ישראל און עס ווערט געגרינדעט די יידישע אגענץ, וואָס פארטרעט דאָס יידישע פאָלק פאר דער מאנדאטן־מאכט און פאר דער מאנדאטן־קאָמיסיע פון פעלקער־

בונד אין אַלע ענינים וואָס האָבן אַ שייכות מיטן אויפבוי פון דער נאַציאָנאַלער היים. דער ישוב אין לאַנד באַקומט אַן אינערלעכע אָרגאַניזאַציע מיט אַ רעפּרעזענטאַנטן־פאַרזאַמלונג (אספת הנבחרים) און נאַציאָנאַל־ראַט (ועד לאומי), ווי אויך מיט אַ צענטראַלן ראַבינאַט אָנערקענט פון דער רעגירונג, מיט איין הויפּט־רב פאַר די ספרדים און אַ צווייטן פאַר די אשכנזים. די רעגירונג, פון איר צד, טוט אויך וויכטיקע אַרבעטן פאַר דער אַנטוויקלונג פון לאַנד. אַזוי ווערט אויפגעבויט דער פּאָרט פון חיפה, וווּהין עס ווערן געבראַכט די נאַפּט־רערן פון די איראַקער נאַפט־קוואַלן. דאָס לאַנד ווערט דורכגעשניטן מיט וועגן, עס ווערן אויפגעשטעלט רעגירונגס בנינים און אַרום הונדערט פּאָליציי־סטאַנציעס, וואָס זענען אמתע פעסטונגען. העברעאיש באַקומט אַן אָפיציעלן סטאַטוס, עס באַווייזן זיך העברעאישע אויפשריפטן, אויף די מטבעות, פּאָסט־מאַרקעס, רעגירונגס־שילדן וכ׳. אין משך פון די אומרוען 9־1936, זעט זיך די רעגי־רונג געצוווּנגען נאָכצוקומען די יידישע פאָדערונגען און דערלויבן צו אויפבויען אַ קליינעם האַפן אין תל־אביב. דער האַפן באַקומט דעם נאָמען „שער ציון״, ווייל דורך אים הויבט אָן אַריינקומען די עליה. די רעגירונג מוז אויך שאַפן אַ ספּעציעלן קאָר־פּוס פון פעלד־פּאָליציי, „נוטרים״, וואָס באַשטייט מערסטנטייל פון יידן, און העלפט אַזוי אַרום צו שאַפן אַן אָפיציעל אָנערקענטן יידישן באַוואָפנטן כוח אין לאַנד. אַזוי, אַז ווען דער צווייטער וועלט־קריג ברעכט אויס, איז דער ישוב אין ארץ ישראל גענוג גרויס און צאָל, גוט אָרגאַניזירט, און קאָן אויפנעמען דעם קאַמף, וואָס די מאַנדאַטן־מאַכט צווינגט אויף אים אַרויף. דער יידישער ענטפער אויף די אימיגראַציע־באַשרענקונ־גען איז געווען די אַזוי גערופענע „אומלעגאַלע״ עליה, אָדער עליה ב׳, וואָס האָט אַריינגעפירט אין לאַנד עטלעכע צענדליק טויזנט יידן, טראָץ די באַגרענעצונגען אויף דער איינוואַנדערונג. אין קליינע שיפלעך ווערן אין געהיים אַריבערגעפירט די יידישע עולים, וואָס ראַטעווען זיך פון אייראָפּעאישן גיהנום. נישט אַלע די שיפלעך דערגרייכן דעם געבענטשטן ברעג פון היימלאַנד. אייניקע זענען אונטערגעגאַנגען אויפן וועג, ווי למשל די „סטרומאַ״, וועלכע איז געזונקען אין פעברואַר 1942 מיט 769 נפשות. אַנדערע פלעגן געכאַפּט ווערן פון די ענגלישע ים־קרעפטן און דאַן פלעגן די שיפן קאָנפיסקירט ווערן און די עולים אַרויסגעשיקט ווערן פון לאַנד און פאַרשיקט ווערן אין פאַרוואָר־פענע געגנטן, ווי עריטרעאַ, אינדזל מאַאוריציוס א. א. וו. אויף אויסצומיידן אַרויסגע־שיקט צו ווערן, האָבן די פּאַסאַזשירן פון דער „פּאַטריאַ״ אין נאָוועמבער 1940 אויפ־געריסן זייער שיף, וואָס האָט אָפּגעקאָסט אַ פּאָר הונדערט קרבנות, אָבער די רעשט זע־נען דאָך אַרויסגעשיקט געוואָרן פון לאַנד. די דראַמאַטישע אָדיסעע פון שיף „עקזאָדוס 1947״, וועמענס מעפּילים זענען צוריקגעשיקט געוואָרן פון ארץ־ישראל קיין דייטש־לאַנד, האָט געהאַלטן אויפגערודערט די גאַנצע וועלט. די עפּאָפּעע פון דער „אומלעגאַ־לער״ עליה איז איינס פון די וווּנדערבאַרסטע קאַפּיטלען, וואָס דער ישוב פון ארץ־ישראל האָט אַריינגעשריבן ביים ראַטעווען זיינע ברידער פון אייראָפּע, וואָס זענען גע־

ווען באדראָט פון טויט. פון אָנפאַנג 2טן וועלט־קריג ביזן פּראָקלאַמירן מדינת ישראל זענען אריינגעקומען 128 טויזנט עולים.

ווען דער קריג ברעכט אויס, דערקלערט די יידישע אגענץ, אז איר דיסקוסיע מיט דער ענגלישער רעגירונג ווערט אָפּגעלייגט ביז נאָכן זיג איבערן נאַציזם שונא, און שלאָגט פאָר דער מאַנדאַטן־מאַכט די פולסטע מיטהילף פון ישוב, סיי אויפן שלאַכט־פעלד, סיי אין דער קריגס־אינדוסטריע. ארום 100 טויזנט יידן אין ארץ ישראל, מענער און פרויען, פאַררעגיסטרירן זיך פאַר אַקטיווער באַטייליקונג אין דער מלחמה. דער ישוב האָט דאַן געציילט ארום א האַלבן מיליאָן נפשות.

די ענגלישע רעגירונג צעגערט אָבער אָנצונעמען די אָנגעבאָטענע מיטאַרבעט. לכתחילה באַגרענעצט זי זיך מיט אויסנוצן די יידישע געהילפס כוחות אַלס שאָפערן פון לאַסט־אויטאָס, געהילפן אויף די פלי־פעלדער, אין דער קריגס־אינדוסטריע א. א. וו. די שלעכטע לאַגע אויף די שלאַכט־פעלדער צווינגט אָבער די רעגירונג צו מאָביליזירן אויך קאָמבאַטיווע יידישע איינסן, פון וועלכע עס ווערט אין 1944 געבילדעט ווערן די יידישע בריגאַדע, קאָמאַנדירט פון יידישן גענעראַל בענדזשאַמין. ווען עס אַנטשטייט די סכנה, אז די דייטשישע קרעפטן זאָלן פאַרכאַפּן ארץ־ישראל, גרייט צו די מיליטער־רישע מאַכט יידישע שלאָג־בריגאַדעס פאַר סאַבאָטאַ ש, קאָמאַנדאָ־אָפּעראַציעס א. א. וו. די יידן האָבן זיך ארויסגעצייגט אַלס גוטע שילער אין האָבן עס דערוויזן ביים אָנווענדן די אויסגעלערנטע קאַמף־מעטאָדן אין זייער געראַנגל מיט דער מאַנדאַטן־מאַכט נאָך דער מלחמה.

ווען די מלחמה פאַרענדיקט זיך אין 1945 מיט א זיג פאַר די פאַרבינדעטע, אַנטשטייט די האַרבע פּראָבלעם פון דער שארית הפליטה. די לעבנס געבליבענע פון די נאַצישע אויסראָטונגען, וואָס רייסן זיך מיט אַלע כוחות קיין ארץ ישראל. די מאַנ־דאַטן־מאַכט האַלט אָבער פעסט געשלאָסן די טויערן פון לאַנד. די „אומלעגאַלע" עליה ווערט באַנייט מיט א פאַרגרעסערטער קראַפט. ביים ראַטעווען די שארית הפליטה שפּילן א גאָר וויכטיקע ראָל די זעלנער פון דער יידישער בריגאַדע. ווען דער פּרעזידענט פון די פאַראייניקטע שטאַטן הערי טרומאַן בעט פון ענגלאַנד אריינצולאָזן קיין ארץ ישראל הונדערט טויזנט נפשות פון דער שארית הפליטה, און א געמישטע ענגליש־אַמערי־קאַנער קאָמיסיע, וואָס ווערט געשיקט צו שטודירן דעם ענין, רעקאָמענדירט דער רעגי־רונג נאָכצוקומען דעם פאַרלאַנג, געפינט דער ענגלישער אויסערן מיניסטער, דער סאָ־ציאַליסט ערנסט בעווין, פאַרשידענע תירוצים ווי זיך ארויסצודרייען פון דער סיטו־אַציע. די טויערן בלייבן געשלאָסן.

דער געראַנגל מיט דער מאַנדאַטן־מאַכט נעמט אָן די פאָרם פון א ווירקלעכער מלחמה. די יידישע געהיימע אַרמיי, די „הגנה", באַמיט זיך צו פירן דעם קאַמף מיט געמעסיקטע מיטלען, אויף אָפּצוהיטן די כוחות פאַרן לעצטן געראַנגל. די עקסטרעמע

אָרגאַניזאַציעס: „ארגון צבאי לאומי" (אצ"ל) און לוחמי חרות ישראל" (לח"י) ווענדן אָן טעראָר. די לאַגע ווערט אומדערטרעגלעך.

אין פעברואַר 1947 באַשליסט די ענגלישע רעגירונג איבערצוגעבן דעם ענין פון ארץ־ישראל צו דער אַנטשיידונג פון דער „און", אַן אָרגאַניזאַציע פון די פאַראייניקטע פעלקער, וואָס האָט געהאַט צו באַשטימען וועגן די וויכטיקסטע ענינים, וואָס דער צווייטער וועלט־קריג האָט אַרויסגערוקט. אַ ספּעציעלע „און"־קאָמיסיע באַזוכט די פּליטים־לאַגערן, ווי אויך ארץ ישראל, און איר מערהייט שטעלט צו אַ באַריכט, אַז דאָס לאַנד מוז צעטיילט ווערן אין צוויי אומאָפּהענגיקע מדינות: אַ יידישע און אַן אַראַבישע. ירושלים בלייבט אַ נייטראַלע זאָנע אונטער „און"־אויפזיכט. די מאַנדאַטן־מאַכט דאַרף מיטאַרבעטן ביים דורכפירן דעם באַשלוס, גאַראַנטירנדיק די אָרדענונג אין לאַנד, איבערגעבנדיק בהדרגה די פאַרוואַלטונג צו די לאָקאַלע אויטאָריטעטן, וואָס וועלן קאָנסטיטואירן די פּראָוויזאָרישע רעגירונגען, וועלכע וועלן אונטער דער השגחה פון דער „און" קאָנסטיטואירן זייערע דעפיניטיווע רעגירונגען. ביידע מדינות וועלן פּראָקלאַמירט ווערן איינצייטיק.

דעם 29סטן נאָוועמבער פון 1947 האָט די גענ. פאַרזאַמלונג פון דער „און", פאַרזאַמלט אין ניו־יאָרק, אָנגענומען און גוטגעהייסן דעם מערהייט־באַריכט פון דער ספּעציעלער קאָמיסיע. די ענגלישע רעגירונג האָט באַלד דערקלערט, אַז זי וועט נישט מיטווירקן ביים דורכפירן די באַשלוסן און די ארץ־ישראל אַדמיניסטראַציע האָט פאַרנאַכלעסיקט אירע אַדמיניסטראַטיווע פונקציעס, דערלאָזנדיק אַז אין לאַנד זאָל אַנטשטיין אַ פולשטענדיקער כאַאָס. גוט־באַוואָפנטע אַראַבישע באַנדיטן זענען פון די אַרומיקע לענדער אַריינגעדרונגען אין ארץ־ישראל און געהאָלפן די אָרטיקע נישט־רעגולערע כוחות צו באַפאַלן די יידישע זידלונגען. דאָס לאַנד איז אַריינגעוואָרפן געוואָרן אין אַ ווירקלעכן בירגער־קריג.

אָבער דער יידישער „שטאַט אונטערוועגנס" איז שוין געווען בכוח איבערצונעמען די אַדמיניסטראַציע פון דעם טייל לאַנד, וואָס איז באַשטימט געוואָרן פאַר דער צוקינפטיקער מדינת ישראל. די געהיימע אַרמיי, די „הגנה", איז אַרויס פון איר באַהעלטעניש און האָט מיט דערפאָלג אָפּגעשלאָגן די אַראַבישע אַטאַקעס, אָנהאַלטנדיק די זיכערקייט אויף די וועגן. יידישע פונקציאָנערן האָבן איבערגענומען די מוניציפּאַלע פאַרוואַלטונגען, פּאָליציייאישע פונקציעס א. א. וו. און ווען דעם 15טן מאַי 1948 האָט דער לעצטער ענגלישער הויך־קאָמיסאַר קאַנינגהעם פאַרלאָזן ארץ־ישראל, אַלס לעצטער מאַנדאַט־רעגירער, האָט דעם זעלבן טאָג (ה' אייר) אַ יידישע פּראָוויזאָרישע רעגירונג, צוזאַמענגעשטעלט פון פאַרטרעטער פון ישוב און פון דער אַגענץ און פּרעזידירט פון דוד בן־גוריון, פּראָקלאַמירט די אומאָפּהענגיקייט פון מדינת ישראל, וועלכע איז גלייך אַנערקענט געוואָרן פון די פאַראייניקטע שטאַטן,

רוסלאַנד און אַנדערע מלוכות. שפּעטער איז פּראָפ׳ חיים ווייצמאַן דערוויילט געוואָרן אַלס שטאַטס־פּרעזידענט.

דערמיט איז דער קאַמף נישט געווען פאַרענדיקט, ער האָט זיך ערשט אָנגע־הויבן. זיבן אַראַבישע מלוכות: מצרים, עבר־הירדן, סיריע, לבנון, איראַק, יעמען און סאַודיא האָבן אינוואַדירט מדינת־ישראל מיט זייערע רעגולערע אַרמייען. דער יונגער שטאַט האָט אָבער העראָאיש געקעמפט פאַר זיין קיום. ווי דורך נסים זענען געשאַפן געוואָרן אַן אַרמיי, אַ פלאָט, אַן אַוויאַציע. די אַראַבישע מלוכות זענען באַ־זיגט געוואָרן און האָבן געמוזט שליסן אַ וואָפנשטילשטאַנד. דער קיום פון מדינת ישראל איז געווען געזיכערט און זי איז אויך אין 1949 אָנגענומען געוואָרן אַלס מיט־גליד אין דער „און״.

אין בלוט און פייער איז יהודה אונטערגעגאַנגען אין יאָר 70 פון דער א. צ. ר. און אין בלוט און פייער איז מדינת ישראל אויפגעקומען אין 1948. נאָך אַן אי־בערריים פון 1878 יאָר האָט דאָס יידישע פאָלק צוריק באַקומען זיין שטאַטלעכע זעלבסטשטענדיקייט און די יונגע מדינה האָט מיט פאַרפילפאַכטער ענערגיע און גע־שטיצט פון גאַנצן יידישן פאָלק אונטערגענומען אַן אינטענסיוון פּראָצעס פון אויפבוי און קבוץ גלויות, וואָס וועלן איבערבויען דאָס יידישע לעבן אין דער אייגענער מדינה און פיל משפּיע זיין אויף די קהילות אין די תפוצות.

מיין בעסטן דאַנק

אַלע די וואָס האָבן מיטגעווירקט צום

דערשיינען פון דעם ווערק מיט זייער

קענטעניש, טעכניש, אָדער פינאַנציעל,

דער מחבר

אינהאַלט

★

ערשטע אָפּטיילונג

אין נייע היימען

85סטע לעקציע	די ערשטע יידן אין אייראָפּע	14-11
86סטע "	נאָכן פאַלן פון דער רוימישער אימפּעריע	18-15
87סטע "	זאַמלענדיק כוחות	23-19
88סטע "	די ערשטע גייסטיקע צענטערן אין מערב־אייראָפּע	27-24
89סטע "	דער ערשטער ספרדישער צענטער אין קאָרדאָבאַ	30-28
90סטע "	דער ערשטער אשכנזישער צענטער אין מיינץ	32-31
91סטע "	צווייטער ספרדישער צענטער אין גראַנאַדאַ	37-33
92סטע "	2טער גייסטיק. צענטער פון אשכנזים אין צפון־פראַנקרייך	40-38
93סטע "	3טער גייסטיקער צענטער פון די ספרדים אין לוסענאַ	43-41

צווייטע אָפּטיילונג

בלוטיקע שחיטות און גאָלדענער שאַפן

94סטע לעקציע	דער שוואַרצסטער יאָרהונדערט: די קרייץ־טרעגער	47-44
95סטע "	בלוט־בלבולים און גירושים	51-48
96סטע "	קאָנסעקווענצן פון די קרייצצוגן און בלוט־בלבולים	54-52
97סטע "	גייסטיקע טעטיקייט אין שוואַרצסטן יאָרהונדערט	60-55
98סטע "	דער גרויסער אָדלער	65-61
99סטע "	די גאָלדענע תקופה ביי די אשכנזים	69-66

דריטע אָפּטיילונג

פינצטער לעבן און שוואַרצער טויט

100סטע לעקציע	אינערלעכער קרייצצוג	74-70
101טע "	עפנטלעכע וויכוחים	78-75
102טע "	דער בלבול פון הייליקן ברויט	83-79
103טע "	די זילבער־עפּאָכע	88-84
104טע "	קאַמף צווישן ראַציאָנאַליסטן און טראַדיציאָנאַליסטן	93-89
105טע "	דער מיסטיציזם און דער קאַמף קעגן פילאָזאָפיע	102-94

פערטע אָפּטיילונג

צייטן פון צערודערונג

106טע לעקציע נאָך דער שוואַרצער מגפה — — — — — — — — — — — — 106-103
107טע ״ די מאַראַנען — — — — — — — — — — — — — — 108-107
108טע ״ אַ קורצע אָטעם-פּויזע — — — — — — — — — — — — 112-109
109טע ״ די אינקוויזיציע — — — — — — — — — — — — — 115-113
110טע ״ די גירושים פון איבעריִשן האַלב-אינדזל — — — — — — 118-116
111טע ״ אונטערן שוץ-מאַנטל פון הייליקן פּעטרוס — — — — — — 121-119
112טע ״ גייסטיקע שאַפונג אין פינצטערע יאָרן — — — — — — — 127-122

פינפטע אָפּטיילונג

דריי יאָרהונדערטער משיחיזם

113טע לעקציע אַ וועלט גייט אַוועק, אַ וועלט קומט, משיחיזם בלייבט 133-128
114טע ״ מיטן כוח פון שווערד: דוד ראובני — — — — — — — 135-134
115טע ״ אין נאָמען פון גאָט: שלמה מולכו — — — — — — — 138-136
116טע ״ צוגרייטן דעם וועג פאַר משיחן: ר' יעקב בירב — — — 141-139
117טע ״ פּראַקטישער משיחיזם: דאָן יוסף נשיא — — — — 146-142
118טע ״ שטורעמען די הימלען: קאַבאַליסטישער משיחיזם — 150-147
119טע ״ 1648, דאָס יאָר פון משיח — — — — — — — — — — 157-151
120סטע ״ דער חשבון האָט ניט געשטימט: גזירת ת"ח — — — 164-158
121סטע ״ איך, אייער משיח שבתי צבי — — — — — — — — — 169-165
122סטע ״ דיפּלאָמאַטישער משיחיזם: מנשה בן ישראל — — — 174-170
123סטע ״ משיחיזם-דעמערונג: די נאָכפאָלגער פון שבתי צבי — 180-175

זעקסטע אָפּטיילונג

צוריקפלוס קיין מערב

124סטע לעקציע ווען אַ מדינה צעפאַלט — — — — — — — — — — — 185-181
125סטע ״ פּריווילעגירטע יידן — — — — — — — — — — — — — 190-186
126סטע ״ נישט-פּריווילעגירטע יידן — — — — — — — — — — 194-191

זיבעטע אָפּטיילונג

ווידערגעבורט פון אַ פאָלק

127סטע לעקציע ווידעראויפלעבונג פון אַ פאָלק (אַריינפיר) — — — — 196-195
128סטע ״ חסידות און אַנטוויקלונג פון יידיש — — — — — — — 203-197

129סטע „ השכלה און אויפלעבונג פון העברעאיש — — — — — — 209-204
130סטע „ קולטור־קאמף — — — — — — — — — — — — — 213-210
131סטע „ עמאנציפאציע (אַריינפיר) — — — — — — — — 217-214
132סטע „ ערשטע עמאנציפאציע־כוואַליע — — — — — — — — 222-218
133סטע „ אויסשפרייטונג פון דער עמאנציפאציע — — — — — 225-223
134סטע „ ווּהין די כוואַליע האָט זיך נישט דערקייקלט — — — — 232-226

אַכטע אָפּטיילונג

טיילווייזע קאַפּיטולאַציע, אויסערלעבער דרוק

135סטע לעקציע ערשטע רעאקציע קעגן עמאנציפאציע — — — — — — — 237-233
136סטע „ אונטערן שאָטן פון טיראַניע — — — — — — — — — 242-238
137סטע „ רעליגיעזע רעפאָרמע — — — — — — — — — — — 247-243
138סטע „ ווילקיר־רעזשים אויף מזרח — — — — — — — — — 256-248
139סטע „ פון „פרילינג פון די פעלקער״ ביז דער פרייסישער רעאקציע 264-257
140סטע „ קולטור־אויפבלי — — — — — — — — — — — — — 272-265
141סטע „ די צווייטע רעאקציע־כוואַליע אין אייראָפּע (1): רוסלאַנד, פרייסן — — — — — — — — — — — — — 281-273
142סטע „ די צווייטע רעאקציע־כוואַליע אין אייראָפּע (2): עסטרייך, אונגארן, מערב־אייראָפּע — — — — — — — — — 286-282
143סטע „ קולטור־צעבלי אין צייטן פון שקיעה — — — — — — — 293-287

ניינטע אָפּטיילונג

צווישן אומקום און אויפקום

144סטע לעקציע צווישן אומקום און אויפקום: אריינפיר — — — — — 295-294
145סטע „ דער חורבן פון יידישן צענטער אין אייראָפּע:
1. ביז נאָכן ערשטן וועלט־קריג — — — 300-296
2. ביזן צווייטן וועלט־קריג — — — 305-301
3. דער צווייטער וועלט־קריג — — 309-306
146סטע „ דער יידישער צענטער אויפן אמעריקאנער קאָנטינענט:
1. ערשטע שריט — — — — — — 318-310
2. מאסן־אימיגראציע — — — — — 323-318
3. קאָנסאָלידאציע — — — — — 329-323
147סטע „ דער אויפקום פון מדינת ישראל:
1. ערשטע שריט — — — — — — — 338-330
2. אונטער ענגלישער פארוואלטונג — 345-338

דאָס בוך האָט זיך געענדיקט דרוקן
דעם 28סטן דעצעמבער 1951, אין דער
דרוקעריי „הײמאַן" — פּאַסטעור 333
טעלעפאָן 47 7752 — בוענאָס אײרעס

Este libro terminóse de imprimir
el día 28 de Diciembre de 1951 en los
TALLERES GRAFICOS HEUMAN
Pasteur 333 - T. E. 47-7752 - Bs. As.